STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07742

www.libtool.com.cn

# GEVEHLTE VERK

Leo Tolstoy

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.


The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn
גראף לעא טאלסטאי.

# געזאמעלטע ווערק

צווייטער באנד.

1923

היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אינהאלט־פערצייכניס:

1. צוויי דורות.

2. פאליקושקא.

3. אַננאַ קאַרענינאַ.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# צוויי דורות.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn 

## דעם פערפאַסער׳ס פאָררעדע.

עס איז אונגעפעהר אין יאָהר 1800, איידער אייזענבאהנען, שאָסעען, לופט־באַלאָנען אד"גל זענען אויסגעקומען. עס נאז, וויכע דראָשקעס אונד פראַנצויזישעס מעבעל זיינען אריין אין דער מאָדע. עס איז אויך געווען אפילו פאר דעם, איידער נארישע יונגע לייט האבען אָנגעטהאָן ברילען אויף זייערע געזונדע אויגען, אונד איידער פרויען האבען זיך ערקלערט פאר פילאָזאָפקעס. עס איז געווען צו יענער צייט, ווען מען האט געמוזט פאָהרען פער אָקס פון מאָסקווא ביז סט. פעטערסבורג, אונד מען האט געמוזט מיטנעהמען גענוג ברויט אויף׳ן וועג, אום מען זאָל ניט שטאַרבען פון הונגער. עס איז געווען צו יענער צייט, ווען דער וואַגען וואס האט געפיהרט דיא פאַסאַזשירען, האט צו־טרייסעלט יעדעס גליעד אין מענשען אונד דער ווינט האט געקענט אויפהויבען אזא שטויב, אין וועלכען מען זאָל דערשטיקט ווערן. אָדער, ווען עס האט גערעגענט, זאָל מען דערטרונקען ווערען אין בלאָטע. יא, עס איז געווען אין יענער צייט, ווען חלב־ליכט האבען ניט נאָר געברענט אין דיא פריוואט־הייזער, זאָנדערן אויך בע־לייכטעט דעם באַל־זאַלאָן.

אָבער עס איז אויך געווען דאמאלס, ווען פרויען, פון א פערדעכטיגען כאַ־ראַקטער, האבען ניט געקענט ווייזען זייערע געזיכטער אין אנשטענדיגער געזעל־שאַפט, אונד אונזערע פאַטערס, מוטערס אונד שוועסטערס, האבען געלעבט רוהיג, אנשטענדיג אונד צופריעדען מיט זיך זעלבסט אונד מיט דער גאנצער וועלט.

www.libtool.com.cn

# צוויא דורות.

## ערשטער טהייל.

### 1.

„עס מאכט ניט אויס וואו דאס איז. גוט, גוט, זאָל זיין אין פראַנט־צימער !“ האט אויסגעשריען דער יונגער אָפיציער, וועלכער איז געווען איינגעוויקעלט אין א פוטער־מאַנטעל אונד געטראָגען א הוזארען הוט, בשעת ער איז ארויס געשפרונגען פון דעם וואָגען, וועלכער איז געבליעבען שטעהען אין פראָנט פון דעם בעסטען האָטעל פון דער שטאָדט ק. אין רוסלאַנד.

„אלע צימערן זיינען געפּאקט, אייער עקסעלענץ,“ דיעזע ווערטער האט גע־זאגט דער האָטעל־דיענער, וועלכער האט געהערט פון דעם אָפיציער׳ס דיענער, אז זיין בעל־הבית איז גראַף טורבין, אונד פאָלגליך דאַרף ער איהם רופען „עקסעלענץ.“

„אָבער,“ האט דער האָטעל־דיענער וויטער געזאגט, „דעם פּאָמעסטשיק׳ס וויב, אפרענאָווא, האט אונז אָנגעצייגט, אז זיא פאָהרט היינט אבענד אוועק מיט איהר טאָכטער, אונד אזוי שנעל וויא דיעזע דאמען וועלען אוועק, וועלען מיר האבען פרייא דאס צימער נום. 11“.

אין דעם גרויסען זאלאָן פון דעם האָטעל, זיינען געזעסען אייניגע עדעללייט טרינקענדיג שאמפּאניער בייא א טיש, איבער וועלכען עס האט געהאנגען א בילד פון אלעקסאַנדער דעם 1טען. אייניגע קויפלייטע, וועלכע זיינען פארבייא געפאָהרען דורך ק. זיינען געזעסען אין זייערע בכויע מאַנטלען בייא א צווייטען טיש אונד געשפּראָכען.

דער גראַף איז אריין אין זאלאָן, נאכרופענדיג זיין גרויסען הונד, בליכער. ער האט ארונטער גענומען זיין מאַנטעל מיט דעם קאָלנער וואס איז געווען אָנגעפרוירען מיט פראָסט, אונד דאן האט ער זיך אָניעדער געזעטצטביים טיש. נאכדעם וויא ער האט זיך געשאפט וואָדקא, האט ער אָנגעפאנגען א געשפּרעך מיט דיא אנוועזענדע. זיין שעהנע, פרייע אויסשפּראַכע וויא אויך זיינע גוט־געפּאסטע קליידער

www.libtool.com.cn


אונד עלעגאנטע בענעהמונג האט איהם באלד פערשאפט פריינדע אונד מען האט איהם געגעבען ער זאָל מיטטרינקען אביסעל שאמפאניער.

דער גראף האט פריהער אויסגעטרונקען זיין וואָדקא, אונד דאן, שאפענדיג א פלאש שאמפאניער אויף זיין אייגענעם חשבון, האט ער איינגעלאדען זיינע נייע פריינד מיט איהם עפעס צו טרונקען. צו דיעזער צייט איז אריין געקומען דער יאמסטשיק (פאָסט-פערד טרייבער) אונד צוגעהענדיג צום גראף, האט ער פער-לאנגט ער זאָל איהם מיט עפעס טראקטירען.

„גיב איהם עפעס, סאשקא," האט געזאגט דער גראף צו זיין דיענער.

דער יאמסטשיק איז ארויס געגאנגען פון דעם צימער מיט סאשקאַ'ן, אָבער ער האט באלד צוריק געקעהרט האלטענדיג אין זיין האנד א מטבע.

„איז דאס אלעס, מיין הערר?" האט ער געפרעגט. „איך בין זיכער, אז איך האב געטהאָן אלעס אין מיין מעגליכקייט פיר אייער עקסעלענץ. איהר האט מיר פערשפּראָכען פופציג קאָפּיקעס, אָבער ער האט מיר נאָר געגעבען 25."

„גיב איהם א רובעל, סאשקא!"

סאשקאַ'ס אויגען האבען געבליקט צום יאמסטשיק'ס פּיס.

„עס איז גענוג פאר איהם," האט ער געזאגט, „אונד, אויסער דעם, האב איך מעהר קיין געלד נים."

דער גראף האט דערבייא ארויס גענומען א פּאאר בלויע 5-רובעלדינע באנק-נאָטען — דאס איז געווען זיין גאנצעס פערמעגען — אונד איינעם געגעבען דעם יאמסטשיק, וועלכער האט געקושט זיין האנד אונד איז ארויס פון דעם צימער.

„איך מח שנעל פערטיג ווערען מיט מיין פערמעגען!" האט ער אויסגעשריען מונטער. „דאָ האב איך נאָך בלויז 5 רובעל!"

„אזוי זיינען דיא הוזארען, גראף!" האט איינער פון דיא עדעללייט בעמערקט מיט א שמייכעל. זיין גראָבע שטימע, גרויסע וואָנצעס אונד איינגעבויגענע פּיס, האבען איהם פאָרגעשטעלט אלס א צוריק-געצויגענעם קאוואלעריע-אָפיציער. „בעד-אבזיכטינט איהר דאָ לאנג צו בלייבען?"

„איך קען דאָ לאנג נים פערבלייבען," האט טורבין געענטפערט גלייכגילטיג, „סיידען איך וועל קריעגען פון ערגעץ געלד. אויסער דעם איז גאר ניטאָ קיין צימער פאר מיר אין דיעזען פערדאממטען האטעל."

„ענטשולדיגט, מיר, גראף, עס איז יא דאָ. איך מיין דאס צימער נום. 7 וואו איך לאָזשיר. זייט אזוי גוט אונד פערבלייבט דארין דיעזע נאכט ביז איהר

www.libtool.com.cn


װעט קענען קריגען א בעקװעמע װאָהנונג פאַר אייך אַליין. יאָ, גראַף, איהר מחט פערבלייבען מיט אונז װעניגסטענס 2 אָדער 3 טעג איך בין נאַר װאָס געװען ביים פרעדװאָריטעל (אַדעלס־פאָרשטעהער), אונד איך בין זיכער, אַז עס װעט איהם פרייען אייך צו זעהען אין זיין הויז.״

„אונבעדינגט, גראַף, איהר מוזט דאָ פערבלייבען!״ האט אויסגעשריען איין אַנדערער הױבער אונד שעהנער יונגער מענש. „װאָס דאַרפט איהר זיך איילען? מיר האבען באַכד א װאהל װאָס פינדעט שטאַט בלויז איין מאָל אין דרייא יאָהר. איהר קענט האבען דיא בעסטע געלעגענהייט צו זעהען אונזערע שעהנע מיידלעך.״

„סאשקאָ!״ האט טורבין אויסגעשריען. „בעזאָרג מיך מיט א ריינעם העמד. יעטצט, מיינע העררען, װעל איך האבען א באָד, אונד דאַן װעלען מיר זעהען װאָס עס איז צו טהון. יאָ, איך רעכען, אַז איך װעל בעזוכען דעם פרעדװאָ־ריטעל.״

ער האט נאָך אַמאָל צוגערופען זיין דיענער אונד איהם עפּעס איינגעראַטמט אין אויער. סאַשקאָ האט דערבייא געשמייכעלט. „דאָס איז מעגליך,״ האט ער געענטפערט װעהרענד ער איז ארויס פון דעם צימער.

„דאַן קען איך הייסען אריין טראָגען מיין באַגאַזש אין אייער צימער?״ האט דער גראַף בעמערקט פערלאָזענדיג דיא נייע פריינדע.

„געװיס, געװיס,״ האט געענטפערט דער מאַן װאָס האט אויסגעזעהן װיא א געװעזענער קאַװאַלעריע־אָפיציער. „עס װעט מיך זעהר פרייען װען איהר װעט דאָס טהון. געדענקט, נומער 7.״

װען טורבין איז אַװעק, האט דער עקס־קאַװאַלעריע אָפיציער געזאָגט מיט א צופריעדענעם שמייכעל צו דעם יונגען מאַן נעבען איהם:

„דאָס איז ער אַליין!״

„װירקליך?״ האט דער אַנדערער געפרעגט.

„יאָ, געװיס, ער איז עס. טורבין אַליין, דער פיעל־בעריהמטער דועליסט. איך קען װעטען, אַז ער האט מיך דערקענט. אָהנע צװייפעל, װייל מיר האבען צו־געבראַכט צוזאַמען פיעלע פרעהליכע שטונדען אין לעבעדיאַן. דרייא װאָכען דורכ־אַנאַנד האבען מיר אַמאָל געהאַלטען אין איין טרינקען אונד ניט געגאַנגען שלאָפען. איז ער ניט א בראַװער יונגע?״

„געװיס איז ער! אונד װאָס פאַר א שעהנע בענעהמונגען ער בעזיטצט!

www.libtool.com.cn


מען קען אין איהם נאר קיין פעהלער ניט געפינען. מיר זיינען אלע באלד געוואָרען זיינע פריינדע. איך רעכען, אז ער איז ניט עלטער וויא 25 יאָהר."

„ניין, ער זעהט ניט אויס עלטער, אָבער ער איז דאָך עלטער," האָט דער קאוואלעריע־אָפיציער ווידער געזאגט הנאה האבענדיג פון יעדען וואָרט וואס ער רעדט. „איך מוז אייך נאך דערצעהלען וואס פאר א מענש ער איז. ווער מיינט איהר האָט אוועק געגנב'עט דאס שענסטע מיידעל פון מענגנאָווא? ער האָט עס געטהאָן! ווער האָט געהרג'עט סאבלינע'ן? אלץ ער. ער האָט געוואונען אין איין נאכט 300 טויזענד רובעל בייא פרינץ נעסטעראָוו. ער קען אלעס: ער איז א יעגער, דועליסט, קארטען־שפּיעלער, פערליעבטער אונד איז א הוזאר פון קיווער ביז אין דיא שפּאָרען. ליידער, מענשען וואס קענען אונז ניט, ליעבען אימער צו בעליידיגען אונז הוזארען, אָבער זייא קענען ניט דאס גוטע הארץ פון א בראווען הוזאר. מיין גאָט, אונד וואס פאר א הערצליכע צייטען מיר האבען צוזאמען פערבראכט!"

דער קאוואלעריע־אָפיציער האָט דאן דערצעהלט זיינע בעקאנטע א געשיכטע וואס האָט פּאסירט צווישען איהם אונד דעם גראף, אָבער דיא געשיכטע איז געווען אזוי ווילד אונד פאנטאסטיש, אז זיא האָט נאָר געקענט פּאסירען אין דעם ער־צעהלער'ס פאנטאזיע. אין דערזעלבער צייט מוזען מיר בעמערקען, אז דער קא־וואלעריע־אָפיציר האָט דעם גראף אין זיין לעבען ניט געזעהן ביז צו יענעם מאָמענט. שוין נאכדעם וויא דער קאוואלעריע־אָפיציר איז ארויס פון דער ארמעע, האָט געדויערט עפּעס איבער צווייא יאָהר, ביז טורבין איז אריין אין דער ארמעע. איבערהויפּט איז עס אויך אינטערעסאנט צו וויסען, אז דיעזער עקס־קאוואלעריע־אָפיציר, איז נאָר קיינמאל ניט געווען אין דער קאוואלעריע. ער האָט געטראגען דעם נאמען זאבאלטשעווסקי, אונד ווען ער האָט אויסגעדיענט זיין צייט אין דעם ביעלעוו פוס־געהער רעגימענט, האָט ער ערהאלטען דעם ראנג פון אָפיציר, אָבער ער האָט זיך באלד צוריק געצויגען פון דער ארמעע, ווייל מען האָט איהם ניט גע-וואָלט ווייטער אויפנעהמען אין אקטיווען דיענסט.

ער האָט אונטערדעסען געקריגען עפּעס א ירושה, אונד ער האָט דאן פער־בראכט א קורצע צייט אין לעבעדיאן, וואו ער האָט געשפּענדעט 700 רובעל אונטער דיא דאָרטיגע אָפיצירען. ער האָט געהאט א שעהנע סאלדאטסקע אוניפאָרמע אונד ער האָט אין איין צייט אין זינען געהאט ער זאָל אריין אלס פראָסטער סאלדאט אין דער קאוואלעריע. דיא דרייא וואָכען וואס ער האָט פערבראכט אין לעבעדיאן, האבען געבילדעט דיא גליקליכסטע צייט אין זיין לעבען,

www.libtool.com.cn


אונד אין זיין פאנטאזיע איז דאמאלס געבוירען געוואָרען דיא אידעע, אז ער איז שוין געווען א קאוואלעריע־אָפּיציר. ער האט נאכהער אזוי פיעלע מאל דאריבער געשפּראָכען, אז ער זעלבסט האט אין דעם געגלויבט. דיעזע פאנטאזיע האט איהם אונטערדעסען ניט געשטערט צו זיין א גוט-הערציגער יונג אונד א פרעהליכער פריינד.

„יא," האט ער דאן געזאגט מיט א זיפץ. „דיעזע וואס האבען ניט געדיענט אין דער קאוואלעריע, וועלען אונז קיינמאל ניט קענען פערשטעהן."

ער האט גענומען א שטוהל, איהם אומגעקעהרט, זיך געזעטצט רייטענדיג וויא אויף א פערד, אונד ארויס שטעקענדיג זיין מאָרדע, האט ער ווידער אָנגעפאנגען מיט זיין גראָבער שטימע:

„איך בין אמאל געווען אין פראַנט פון דעם סקאדראָן, אָבער איך בין ניט געזעסען אויף א פערד, זאָנדערן אויף א וואהרען טייפעל, וועלכער האט נאָר גע־בריקעט. פּלוצלינג איז צוגעקומען דער קאָמאנדאנט צו מיר אונד געזאגט: „לייטנאנט, זייא ווילען נאר ניט טהון אָהן אייך. זיים אזוי גוט אונד מושטירט דורך דעם גאנצען סקאדראָן." „געוויס, מיין הערר," האב איך געענטפערט, אונד דאן, זיך אומווענדענדיג צו דיא סאָלדאטען, האב איך אָנגעפאנגען צו קאָמאנדירען— פערדאמט! עס איז געווען א גליקליכע צייט!"

ווען גראף טורבין איז ארויס פון דעם באדע-צימער מיט רויטע באַקען אונד נאַסע האאר, איז ער גלייך אריין אין צימער נומער 7, וואו זאבאלטשעווסקי, דער זעלבסט-געמאכטער קאוואלעריע אָפּיציר, האט איהם שוין ערווארטעט. זיטצענדיג אויף א שטוהל אונד רויכענדיג א לולקע, איז זאבאלטשעווסקי געווען פערטיעפט אין געדאנקען איבער דער גרויסער עהרע וואס ער האט צו זיין מיט גראף טורבין אין איין צימער.

„וואס וועל איך טהון," האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, „ווען דעם גראף זאָל איינפאלען ער זאָל מיך אויסציהען נאקעט אונד מיך ארויס טראגען פון דער שטאָדט וואו ער זאָל מיך איבערלאָזען אין שנעע? אָדער ער קען מיך נאך פּיעללייכט גאר אויסשמירען מיט כּמאַלע, אָדער — אָבער ער וועט עס ניט טהון; אזעלכע שפּאסען מאכט מען ניט מיט קיין אלטען קאמעראד. ניין, ניין, ער וועט עס געוויס ניט טהון!"

„סאשקא!" האט זיך פּלוצלינג געהערט טורבין'ס שטימע אריין קומענדיג אין צימער, „זאג זייא מען זאָל געבען בּליבּער'ן עפּעס צו עסען."

www.libtool.com.cn

סאשקא האט זיך שרן קוים געקענט האלטען אויף דיא פיס, ווייל זייט ער איז אהין אָנגעקומען, האט ער אויסגעטרונקען איבער א האלב דוצענד וואָדקאס.

„ניין, האסט דיך ניט געקענט צוריק האלטען?“ האט דער גראף נעפרעגט זעהענדיג סאשקא׳ן אין דיעזען צושטאנד. „דוא האסט זיך שוין אָנגעשיכור׳ט וויא א בעסטיע. געה צום טייפעל! שנעל לויף אונד בעזאָרג בליכער׳ן.“

„ער וועט נאך ניט קראפּירען, ער קען ווארטען אביסעל,“ האט סאשקא געענטפּערט גלעטענדיג דעם הונד. „ער איז פעט וויא א חזיר.“

„ענטפער מיר ניט! געה טהו וואס איך הייס אונד גיב איהם עסען!“

„איהר זייט אימער אזוי. דער הונד מוז האבען עסען צו דער צייט, וועהרענד איך, א מענש, ווען איך נעהם אביסעל משקה, בעליידיגט איהר מיך שוין.“

„איך וועל דיר אויסזיטצען דיא צייהן!“ האט דער גראף געדונערט, אז דיא פענסטער האבען געציטערט, אונד דער עקס־קאוואלעריע־אָפיציר האט געשוידערט.

„וואָלט עס ניט בעסער געוועזען איהר זאָלט פרעגען אויב סאשקא האט היינט געגעסען?“ האט דער דיענער נעפרעגט. „איהר מעגט מיך שלאָגען, טהון וואס איהר ווילט; מיך ארט ניט. בייא אייך איז א הונד חשוב׳ער וויא א מענש“.

אלס ער האט ארויס גערעדט דאס לעטצטע וואָרט, האט איהם טורבין געגעבען אזא קלאפּ אין מויל מיט זיין מעכטיגען פויסט, אז דער ארמער סאשקא האט באלד געכאפּט א צווייטען קלאפּ אין קאָפּ פון דער וואנט. ער האט זיך אָבער שנעל אויפגעהויבען אונד איז ארויס אין קאָרידאָר וואו ער האט זיך אוועק געזעטצט אויף א באנק.

„ער האט מיר אויסגעקלאפּט אלע צייהן!“ האט ער געזאגט זיך ווישענדיג זיין פערבלוטינגטע נאָז מיט איין האנד, וועהרענד מיט דער אנדערער האט ער געגלעט בליכער׳ן, וועלכער האט איהם געלעקט אונד אויסגעזעהן צו סימפּאטהיזירען מיט איהם.

„בליכער!“ האט ער געמורמעלט. „ער האט מיר אויסגעזעטצט אלע צייהן; איך האב שוין מעהר ניט איין צאָהן אין מויל. אָבער וואס מאכט עס אויס? ער איז אלץ מיין גראף, אונד איך וועל מיך אריין ווארפען אין פייער פאר איהם! זאג,

www.libtool.com.cn 

ליבער, איז ער ניט מיין גראף ? ביסטו טאקי הונגריג, מיין טהייערער הונד ?"

ער איז געזעסען עטליכע מינוטען. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, גענומען די טהיר, אנגענומען א האנד מיט שנעע אונד זיך אבגעוואשען דאס בלוט פון געזיכט. ער האט געגעבען בליבער'ן עפעס צו עסען, אונד ער האט זיך פאלקאמען אויסגעניכטערט. ער האט דאן אנגעפאנגען צו בעדיענען זיין העררן אונד איהם צו געבראכט טהעע.

„איהר בעליידיגט מיך," האט דער עקס־סוב־לייטנאנט געזאגט צום גראף, „איך בין אליין איין אלטער סאלדאט, א קאמעראד וויא מען זאגט. חליכה וחס, איהר דארפט ניט געהן ערגעץ אנדערש בארגען געלד. איך האב עטליכע הונדערט רובעל אונד זייא שטעהען פאר אייך פרייא. איך האב זייא ניט אין נאנצען בייא מיר, אבער א הונדערטער קענט איהר שוין קריעגען אונד דאס איבריגע קען איך צו ברענגען וועהרענד דעם טאג. איהר דארפט מיר ניט ענטזאגען, גראף."

„איך דאנק אייך, פאטער'ל, איך דאנק אייך, האט טורבין געזאגט באלד בענרייפענדיג ווער זיין נייער פריינד איז. „מיר וועלען אויך צוזאמען געהען אויף'ן באלל. אבער וואס זאלען מיר פארלויפיג טהון ?"

וועהרענד טורבין האט דיעזע ווערטער געשפראכען, האט ער זיך אויסגע־שטרעקט אויף'ן בעט וויא א גאנצער בעל־הבית אונד אנגעלעהנט זיינע פיס אן דער וואנט.

„דערצעהלט מיר," האט ער ווייטער געזאגט, „וואס עס געהט פאר בייא אייך אין שטאדט. האט איהר עפעס שעהנע פרויענצימער ? ווער זיינען אייערע וואוילע יונגען אונד ווער זיינען די קארטען־שפיעלער ?"

זאכוואלטשעווסקי האט איהם געענטפערט, אז ער וועט האבען די גע־לעגענהייט צו זעהן א סך שעהנע פרויענצימער אויף'ן באלל, אונד דער אי· פראוונים קארקאוו איז דער פרעהליכסטער מאן אין שטאדט, טראטץ דעם וואס עס פעהלט איהם דער מוטה פון א הוזאר. דאן האט ער דערצעהלט טורבינען, אז איליושא'ס ציגיינער באנדע גיבט אב קאנצערט אין ק. זייט די וואהלען האבען אנגעפאנגען; דאס די שעהנע ציגיינערין סטיאשקא איז א פראכטפאלע זענגערין; אז אלע פריינדע פון דעם פרעדוואדיטעל וועלען זיך אין יענעם טאג צוזאמען קומען; דאס קארטען שפיעלט מען אויף גרויסע סומען געלד; אז ליכנאוו, א רייזענדער, געפינט זיך אין ק. אונד שפיעלט אימער אויף מזומן געלד; דאס אילין, א סוב־

www.libtool.com.cn

לייטנאנט, וועלכער לאָזשירט אין צווייטען צימער, נומ. 8, האט לעטצטענס פער־שפיעלט זעהר פיעל געלד.

„מען שפיעלט דאָ יעדען אבענד,“ האט זאבאלטשעווסקי געזאגט צום שלוס, „אונד אילין איז א פראכטפאָלער גוטער יונג! ער איז אימשטאנדע אוועק צו געבען זיין העמד!“

טורבינען האט אינטערעסירט זיין נייעם פריינד'ס שילדערונג, אונד זיך אויפ־הויבענדיג, האט ער געזאגט:

„גוט אלזאָ, מיר וועלען אריין געהען אין צווייטען צימער זעהען ווער עס איז דאָרט דאָ.“

„יא, יא, קומט; איך בין זיכער, אז יעדער וועט זיין ערפרייט אייך צו זעהען.“

## 2.

אילין, דער סוב־לייטנאנט, האט ערוואכט זייט א קורצע צייט. ער האט זיך אוועק געזעטצט שפיעלען אין קארטען אום 8 אוהר אבענדס מיט א נאכט צוריק אונד איז געבליעבען ביים טיש גאנצע 15 שטונדען; דאס הייסט, ביז אום 11 אוהר דעם צווייטען מאָרגען. ער האט פערלוירען א סך געלד, אָבער ער האט ניט געוואוסט אקוראט וויפיעל, ווייל אויסער זיינע אייגענע דרייא טויזענד רובעל, האט ער אויך געהאט פופצעהן טויזענד רובעל וואס האבען בעלאנגט צו דער קאסע פון זיין רעגימענט, אונד דאס געלד האט זיך צוזאמען אויסגעמישט. ער האט געציטערט איבערצוצעהלען דאס געלד, ווייל ער האט מורא געהאט טאָמער וועט ער ענט־דעקען, אז ער האט פערלוירען פרעמדעס געלד.

עס איז געווען אום מיטאג־צייט ווען ער איז איינגעשלאָפען. ער האט דאן ערוואכט אום 6 אוהר אבענדס, גראדע דאמאלס ווען דער גראף איז אָנגעקומען אין האָטעל. אלס ער האט ערבליקט דיא קארטען אויף'ן פוס־באָדען אונד דעם פערשמירטען טיש אין מיטען צימער, האט ער זיך עראינערט אן אלעמען וואס האט פאסירט, אונד, איבערהויפט אן דער דאמע־קארט אויף וועלכע ער האט פערלוירען 500 רובעל. אום ער זאל זיך נאך בעסער איבערצייגען, אז דיעזע עראינערונג איז ניט געווען קיין חלום, האט ער ארויס גענומען דאס געלד פון אונטער דעם קישען אונד דאס אָנגעפאנגען איבערצוצעהלען.

ער האט דערקענט אייניגע צוזאמענגעדריקטע באנק־נאָטען, וועלכע האבען געוואנדערט פון האנד צו האנד וועהרענד דער אויפרעגונג פון דעם שפיעל, אונד —

www.libtool.com.cn 

אלס ער איז פערטיג געוואָרען מיט דעם צעהלען, האט ער אויסגעפונען, אז זיין איינענעם געלד, דיא דרייא טויזענד רובעל, זיינען פערשפּיעלט, אונד מיט זייא נאך 2500 רובעל פון דער רעגימענטען קאסע.

אילין האט געשפּילט 4 נעכט דורכאנאנד. ער איז געקומען פון מאָסקווא, וואו ער האט ערהאלטען דאס ארמעע־געלד. דער פּאָסט־מייסטער האט איהם צוריק געהאלטען אויף א טאָג אין ק. אונטער דעם אויסרייד, אז ער האט ניט קיין פערד, אָבער אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, איז דאס נאָר געווען א פּלאן פון דעם האָטעל־ווירטה, וועלכער האט אימער געוואָלט וואָהלהאבענדע געסט זאָלען וועניגסטענס פערבלייבען אין זיין האָטעל אויף א טאָג. דער יונגער אָפיציר האט זעהר ליעב געהאט פערגניגען. זיינע עלטערן האבען איהם געגעבען 3000 רובעל אום ער זאָל האבען אויף דער הוצאה פון זיין מיליטערישער אויסשטאטונג, אונד האבענדיג דיעזעס געלד, האט ער אקצעפּטירט דיא געלעגענהייט מיט פרייד צו פערבלייבען אין ק. עטליכע טעג אום זיך צו אונטערהאַלטען.

ער האט געקענט א פאמיליע פון פּאָמעסטשיקעס אין דער נאכבארשאפט, אונד ער האט זיך פּאָרבערייטעט זייא אבצושטאטען א בעזוך אונד זיך דערווייל זעהן מיט דער שעהנער טאכטער פון הויז. גראדע דאמאלס אָבער, איז זיין שכן, דער עקס־סוב־לייטנאנט, אריין געקומען אין זיין צימער אונד זיך פאר איהם פאָר־געשטעלט. אין דעמזעלבען אבענד, האט זאבאלטשעווסקי פאָרגעשטעלט אילינען פאר קובנאָוו׳ן אונד זיינע אנדערע קארטען־שפּיעלער־פריינדע, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט אין האָטעל.

פון דעם ערשטען אבענד אָן, האט זיך אילין גענומען צום שפּיעלען, אונד נים נאָר וואס ער האט פערגעסען אן דער פאמיליע פּאָמעסטשיקעס, זאָנדערן ער האט אפילו נאר ניט געדענקט אן דעם פּאָסט־מייסטער ער זאָל איהם הייסען ברענגען פערד; ער איז פערבליעבען אין זיין צימער נאנצע 4 מעת־לעת.

נאכדעם וויא אילין האט איבערגעצעהלט זיין געלד אונד געזעהן, אז איהם פעהלט נאָך 2500 רובעל פון דעם ארמעע־געלד, האט ער זיך אָנגעצויגען, גע־טרונקען א גלאָז טהעע אונד איז צוגעגאנגען צום פענסטער. ער האט געשפּירט דעם ווילען ארויס צו געהען אויף דער גאס, אביסעל ארום שפּאצירען אום זיך צערשטרייען פון דיא געדאנקען איבער דיא אבענדע פון קארטען שפּיעלען אונד פערלוסט. ער האט זיך אָנגעצויגען זיין מאנטעל אונד איז ארויס אויף דער גאס.

www.libtool.com.cn

דיא זונן איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען אונד עס האט אָנגעפאַנגען דונקעל צו ווערען. דיא לופט איז געווען פייכט אונד וואַרעם, אונד דער שנעע האט זיך צושמאָלצען אונד געמאַכט דעם בלאָטיגען וועג ניט צום בעטרעטען.

אילין האט געשווידערט זיך דערמאָהנענדיג, אַז ער האט אָבגעשלאָפען כמעט דעם גאַנצען טאָג.

„דיעזער טאָג,“ האט ער געזאגט צו זיך אליין, „איז שוין באלד פאַראיבער, אונד ער וועט קיינמאָל מעהר ניט צוריק קעהרען. איך האב פערלוירען מיין יוגענד.“

אילין האט אונטערדעסען געזאגט דיא לעטצטע ווערטער ניט מיט'ן גאַנצען הארצען. ער האט גלאט געפּלווידערט אָהנע דאס צו פיהלען.

„וואס זאָל איך טהון?“ האט ער זיך ענדליך געפרעגט. „זאָל איך פון יעמאַנדען באָרגען דאס געלד אונד אוועק פאָהרען?“

וועהרענד דעם האט ער בעמערקט א דאַמע פאַרבייגעהען. ער האט אויף איהר געקוקט א פּאאר סעקונדען אונד בעמערקט:

„זיא איז א נארישע גאנז.“ ווארום ער האט אזוי געמיינט, האט ער זיך זעלבסט ניט געקענט ערקלערען. דאן האט ער ווייטער געטראַכט: „אָבער בייא וועמען זאָל איך באָרגען געלד? בין איך א דומקאָפּ! איך האב פערלוירען מיי יוגענד.“

דאן, שפּאַצירענדיג נעבען א רייהע געשעפטס-הייזער, האט ער אָנגעפאַנגען ווידער צו טראַכטען וועגען זיין קארטען־שפּיעל. „אַך ווען איך וואָלט נאָר געשפּיעלט דאס אכטעל, וואָלט איך זיכער דאן געוואונען — ניט נאָר מיין געלד וואָלט מיר ניט געפעהלט, זאָנדערן איך וואָלט געהאט נאָך אמאָל אזוי פיעל. אָבער אזוי, — פיעללייכט, יא, איך מוז ווייטער שפּיעלען. טאָמער וועט זיך דאס גליק אומווענדען. לוכנאָוו ווארט שוין געווים אויף מיר, איך מוז צוריק געהען.“

ער האט זיך אומגעווענדעט אונד איז ווידער אריין אין זיין צימער וואו ער האט נאָך אמאָל איבערגעצעהלט זיין געלד. ניין, ער האט קיין טעות ניט געהאט. עס האט איהם געפעהלט 2500 רובעל פון דעם רעגימענטען־געלד.

„איך וועל שטעלען 25 רובעל אויף דער ערשטער קארט,“ האט ער גערעדט צו זיך אליין. „ווען איך געווין, דאן פערדאָפּעל איך דיא סומע, אונד אזוי וועל איך טהון, ביז איך וועל צוריק געווינען דרייא טויזענד רובעל. דאן וועל איך אוועק

www.libtool.com.cn


פאָהרען. אָך, ווען דאס גליק זאָל מיט מיר נאָר יעטצט וועלען האלטען! איך האב פערלוירען מיין יוגענד!"

עהנליכע געדאנקען האבען זיך דורכגעוואָרפען אין אילקי'ס קאָפּ, ביז דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד לובנאָוו איז אריין געקומען.

„זייט איהר שוין לאנג וואך, אילין וואסיליעוויטש?" האט לובנאָוו גע־פרעגט ארונטער נעהמענדיג פון זיין גרויסער נאָז א פּאאר גאָלדענע ברילען, וועלכע ער האט גענומען ווישען מיט א רויטעם טאשענטוך.

„איך בין ניט לאנג וואך. איך בין פריהער גאנץ געשמאק געשלאָפען."

„א החאר איז נאָר וואס אָנגעקומען. ער האט זיך איינגעקוואַרטירט אין זאבאלטשעווסקי'ס צימער. האט איהר עפּעס געהערט פון איהם?"

„ניין. נאָר וואו זיינען דיא אנדערע?"

„דיא זיינען אוועק רופען פּריאָבינען. זייא וועלען געוויס באלד זיין צוריק."

עס האט ניט פיעל געדויערט אונד עס איז ערשיענען איין אָפיציר, וועלכער פלעגט אימער געהן מיט לובנאָוו'ן; א קויפמאן פון גרעקישער אבשטאמונג, מיט א גרויסער קרומער נאָז אונד שווארצע אויגען; א דיקער פּאָמעסטשיק, אונד א בראנפען־פאבריקאנט, וועלכער האט געליעבט צו שפּיעלען דיא גאנצע נאכט, אָבער ער האט קיינמאל ניט געוועט מעהר וויא 50 קאָפּיקעס אויף א קארט. זייא זיינען אלע געווען נייגיעריג זאָפארט אָנצופאנגען, אָבוואָהל דיא ריכטיגע קארטעטשניקעס האבען געזאגט, אז זייא בלייבט זיך גלייך אויב מען שפּיעלט יא אָדער ניט. לובנאָוו איבערהויפּט האט אָנגעהויבען צו דערצעהלען א געשיכטע פון א לומפּען באנדע אין מאָסקווא.

„איהר מוזט וויסען," האט ער געזאגט, „אז אין מאָסקווא, א גרויסע שטאָדט, איז עס זעהר געפעהרליך ארויס צו געהען נאך זונענאונטערגאנג. דיא פּאָליציי ווייס פון אלעמען אונד שווייגט."

אילין האט אויסגעהערט דיא געשיכטע, אָבער וויא ער האט געזעהען, אז לובנאָוו איז שוין צו ענדע, האט ער זיך שנעל אויפגעהויבען אונד געהייסען געבען קארטען.

„וואס דארפען מיר פערברענגען דיא צייט אומזיסט?" האט דער פעטער פּאָמעסטשיק בעמערקט. „ווען מיר האבען צו שפּיעלען, דאן זאָלען מיר שפּיעלען."

www.libtool.com.cn


„איהר האט אהיים געטראגען שעהנע עטליכע האלבע רובעל געבטען,“ האט דער גרעק געזאגט צום פּאָמעסטשיק, „אונד דערפאר זייט איהר אזוי נייגיעריג פּאָרטצוזעטצען.“

„ווארום, וואס טויג זיטצען?“ האט דער אָפיציער בעמערקט, „לאָמיר אָנפאנגען.“

אילין האט נעקענט לוכנאָוו'ן, וועלכער האט אָנגעפאנגען א נייע געשיכטע איבער קעשענע־גנבים.

„אלזאָ, וועלען מיר אנפאנגען?“ האט ער געפרעגט.

„דענקט איהר ניט, אז עס איז צו פריה?“

„פריה?“ האט אילין בעמערקט אָהנע צו וויסען ווירקליך דעם אונטערשיעד בין שפּעט. דערווייל האט ער בעמערקט דעם קעלנער אונד געזאגט: „ברענגט מיר אריין עפּעס עסען. מיינע העררען, איך האב נאך גאר ניט גענעסען. יא, ברענגט מיר א פלאש שאמפּאניער מיט דיא קארטען צוזאמען.“

גראדע דאמאלס האט זיך געעפענט דיא טהיר אונד גראף טורבין מיט זאבאלטשעווסקי'ן זיינען אריין אין צימער. טורבין אונד אילין האבען בעלאננט צו דערזעלבער דיוויזיע. זייא האבען זיך באלד בעקאנט, געוואָרען גוטע פריינדע אונד געטרונקען צוזאמען א פּאאר גלעזער שאמפאניער. טורבין האט אויסגעזעהן ווי א פערליעבט אין אילינען, וועלכער איז ווירקליך געווען זעהר א שעהנער יונגערמאן.

„איהר זעהט אויס גלייך וויא איהר ווילט שפּיעלען,“ האט דער גראף געזאגט. „גוט, פאנגט אָן. איך האף, אז מיין פריינד אילין וועט געווינען.“

„יא, מיר וועלען שפּיעלען,“ האט לוכנאָוו געענטפערט אברייסענדיג דעם קאָנווערט פון דיא קארטען. „ווילט איהר אונז פיע לייבט מאכען דאס פערגניגען אונד מיט שפּיעלען?“

„ניין, ניט היינט, איך דאנק אייך,“ האט טורבין געענטפערט. „אָבער איך רעכען, אז איך וואָלט בייא אייך א.ע געוואונען ווען איך זאָל שפּיעלען. אָבער גראדע יעטצט האב איך קיין געלד ניט. דער אמת איז, אז איך האב פערשפּיעלט אלעס אין וואָלאָטשאָק. איך האב מיך דאָרט בעגעגנט מיט א פּאאר אינפאנטע־ריסטען. איינער האט געטראגען א סך בריליאנטענע רינגען, נאָר ער איז געווען א גרויסער שווינדלער, אונד געגען אזא חברה־מאן בין איך ניט קיין קינסטלער. ווען איך האב דערפון ערפאהרען, איז שוין געווען נאך אלעמען, ווייל איך האב שוין געהאט אלעס פערשפּיעלט.“

www.libtool.com.cn  d

„האט איהר פיעל פערוויילט אין וואָלאָטשאָק?" האט אילין געפרעגט.

„גענויע 24 שטונדען. איך וועל דאס קיינמאל ניט פערגעסען. נאָר דער דאָרטיגער פאָסט־מייסטער וועט עס אויך געדענקען."

„ווארום?"

„עס איז אזוי געווען; אלס איך בין אהין אָנגעקומען, איז דער לומפּיגער פאָסט-מייסטער ערשיענען אונד צו מיר געזאגט: „ניטאָ קיין פערד!" ווען איך האב דאס געהערט, האב איך מיך דערמאָהנט אן מיין אלטער רעגעל: אין אזא פאל געה איך אריין אין פאָסט-מייסטער'ס פּריוואטדוואָהנונג, עפען אלע טהירען אונד פענסטער אונד ערקלער, אז איך ווער דערשטיקט פון היטץ. דאסזעלבע האב איך דאָרט געטהאָן, אונגעאכטעט דארויף וואס דער פראָסט איז געווען שרעקליך דער פאָסט־מייסטער האט מיך נאטירליך בעליידיגט, אונד איך האב איהם פער־זעטצט א קלאַפּ אין דיא צייהן, וועלכער האט איהם שיער ארונטער געהאקט זיין גאנצען קאָפּ. א פּאאר אלטע פרויען אונד עטליכע קינדער האבען אָנגעהויבען צו וויינען אונד געוואַלט ארויס לויפען, אָבער איך האב מיך געשטעלט אין זייער וועג, אונד געזאגט: ענטוועדער איך קריעג פערד זאָפאָרט אוועק צו פאָהרען, אָדער איך האלט דאָ יעדען צוריק פערפרוירען צו ווערען."

„א פּראַכטפאָלע אידעע!" האט אויסגעשריען דער פּאָמעסטשיק שטארק לאַכענדיג.

„אונגליקליכערווייזע," האט טורבין פאָרטגעזעטצט, „בין איך אָבער ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג, דען מיט א פּאאר מינוטען שפּעטער בין איך ארויס גע־גאנגען אונד דעם פאָסט-מייסטער'ס גאנצע משפחה איז פערשוואונדען געוואָרען צו דיא שכנים. בלויז איין אלטע פרוי איז געבליעבען אויף'ן אויווען, וועלכע איז געווען געלעהמט. זיא האט גענאָסען, געגענעצט אונד געבעטען גאָט דיא גאנצע צייט. איך האב דאן אָנגעפאנגען צו אונטערהאנדלען. דער פּאָסט־מייסטער איז ערשיענען, אונד שטעהענדיג גענוג ווייט פון מיר איך זאָל איהם ניט קענען גרייכען, האט ער מיך געבעטען איך זאָל איהם לאָזען ארויס נעהמען דיא אלטע. איך האב דאן איבערגעלאָזען מיין הונד בליכער. פּאָסט-מייסטערס, וויים איך, האט ער זעהר ליעב. אָבער דאס אלעס האט גאר ניט געהאָלפען אונד דער לומפּ האט מיר ניט געוואָלט געבען קיין פערד ביז צום אנדערן מאָרגען. אין דערזעלבער צייט איז דער אינפאנטעריסט מיט דיא רינגען ערשיענען, אונד מיר זיינען אריין אין א צווייטעם צימער, וואו מיר האבען אָנגעפאנגען צו שפּיעלען. האט איהר שוין גע־עהן מיין בליכער'ן? בליכער! בליכער!"

www.libtool.com.cn


מיט איין שפרונג איז דער מעכטיגער הונד אריין, אונד דיא שפיעלער'ס האבען איהם אָנגעפאנגען צערטליך צו גלעטען, אָבוואָהל עס האט אויסגעזעהן, אז זייא זיינען זעהר נייגיעריג צו שפיעלען.

„אלזאָ, מיינע הערען," האט טורבין געזאגט, „וואָרום פאנגט איהר ניט אָן? איך בעט אייך, לאָזט זיך דורך מיר ניט שטערען. ווירקליך, זאָל מען זאגען וואס מען וויל, קארטען־שפיעל איז דאָך א פערגניגענדער אונטערהאלט."

## 2.

לוכנאָוו האט צוגערוקט נעבען זיך א פאאר ליכט, ארויס גענומען א שווערע געלד־טאשע פון זיין בוזים־קעשענע, אונד זעהר רוהיג אונד גלייכגילטיג, האט ער ארויסגעצויגען צווייא באנק־נאָטען צו הונדערט רובעל, אונד זייא אוועק געלעגט נעבען דיא קארטען.

„דיא קארטען־באנק," האט ער ערקלערט, „האט 200 רובעל צור ערעפנונג, גראדע וויא נעכטען."

ער האט דורכגעמישט דיא קארטען אונד אילין האט געענטפערט אונגעדולדיג: „גוט, גוט," אונד פאָרטגעזעטצט זיין געשפרעך מיט טורבינען.

דער שפיעל האט אָנגעפאנגען. לוכנאָוו האט געארבייט מיט דיא קארטען דער דיקער פאָמעסטשיק האט געמאכט מעהר רעש וויא אלע צוזאמען, אונד ער האט אָפט בענעטצט זיינע פינגער אום פעסטער צו האלטען דיא קארט אויף וועלכער ער האט געשפיעלט. אלע אנדערע האבען זיך שטארק פערטיעפט אין דיא קארטען, אונד עס האט אויסגעזעהן, אז דיא גאנצע וועלט איז פאר זייא אָבגעשטאָרבען, בלויז דיא קארטען-וועלט לעבט.

זאבאלטשעווסקי, וועלכער האט אויפמערקזאם בעטראכט דיא שפיעלער האט פלוצלינג אריין געלעגט דיא האנד אין זיין טאשע, ארויס געצויגען א רויטע 10־רובעלדיגע באנקנאָטע, אוועק געלעגט אויף'ן טיש אונד אויסגעשריען:

„זיעבעטעל! א זיעבעטעל פאר 10 רובעל — אה זיעבעטעל, איך בעט דיך, לאָמיך געווינען אויף דיר!"

אילין האט נאָך האסטיג געגעסען פון דער שפייז וואס דער קעלנער האט איהם אריין געבראכט, אָבער דאס האט איהם אונטערדעסען ניט געשטערט צו שפיעלען איין קארט נאָך דער צווייטער. דאן האט ער שנעל אָבגערוקט דעם טעלער, זיך אָבגעווישט דיא פינגער מיט זיין ראָק אונד אָנגעפאנגען אריין צו לעגען זיין גאנצע זעעלע אין שפיעל.

טורבין, וועלכער איז געזעסען אויף דער סאָפאַ, האט מיט זיינע שארפע אויגען ערנסט שטודירט לוכנאָוו'ן וויא ער מישט דיא קאַרטען, וויא ער ציהט דיא קאַרטען אונד וויא ער בענעהמט זיך אין אַלעמען. אויף זיין געזיכט האט זיך אָבגעשפּיעגעלט איין אונצופריעדענער שמייכעל. אָבער לוכנאָוו האט צו איהם קיין וואָרט גערעדט, אונד האט בלויז צייטענווייז אריבער געוואָרפען א פערנגב'עטען בליק איבער זיינע אויגען־ברילען צו איהם.

אילין האט אונטערדעסען פערלוירען איין קארט נאך דער צווייטער. לוכנאָוו, וויא איין ערפאהרענער קאַלט־בלוטיגער קארטען־שפּיעלער, וועלכער פערגעסט ניט צו בלייבען גלייכגילטיג אונד זאגען א ווערטעל, האט זיך אָבגערופען צום פּאָמעסטשיק, וועלכער האט ניט געשטעלט מעהר וויא 50 קאָפּיקעס:

„אך! ווען איך זאָל נאָר קענען שלאגען דיזע קארט!“

„וואס קוקט איהר אויף מיר?“ האט דער פּאָמעסטשיק געזאגט מיט א רחמנות'דיגען טאָן. „זעהט בעסער צו שלאגען אילין'ס קארט, וועלכע האט פיר יעדען איינציגען סענט פון מיין קארט, א רובעל — יא, פופציג רובעל, ניט פופציג קאָפּיקעס.“

גראדע דאמאלס האט אילין'ס קארט ווידער פערלוירען אונד יעדער האט געשוויגען, גלייך וויא בייא א טויטען.

טורבין איז געוואָרען זעהר אונרוהיג, אונד זיך אויפהויבענדיג פון דער סאָפאַ, איז ער צוגעגאנגען צום טיש אונד זיך געזעצט נאָהענט פון לוכנאָוו'ן, מיט דער אַבזיכט בעסער אויפצופאסען וויא ער שפּיעלט.

„אילין,“ האט טורבין געזאגט צו דעם יונגען מאַן. „פּאַסט אויף, איהר מוזט“...

אָבער אילין איז געווען צו פיעל פערטיעפט אין זיין אויפרעגונג אונד גענערפערט מיט א האלב־בעזער שטימע:

„וואס מוז איך? צום טייפעל! עס נעהמט ניט! יעדע קארט איז שלים־שלימזל פאר מיר.“

„איהר וועט פערלירען אייער גאנצעס געלד אויף אזא ארט; גיט מיר דיא קארטען, לאָזט מיך שפּיעלען פאר אייך אביסעל.“

„ניין, ניין, איך דאנק אייך פאר דער טובה. ווען איהר ווילט שפּיעלען, דאן קענט איהר מיטשפּיעלען.“

טורבין איז ניט אין כעס געוואָרען, זאָנדערן ער האט געבליקט צו דעם אויפגערעגטען יונגען מאַן, צו לוכנאָוו'ן אונד צו דיא איבריגע אונד אויפגעצויגען מיט

www.libtool.com.cn


דיא אקסלען. דער שפּיעל איז פּאַרטנגעזעטצט געוואָרען אונד טורבין׳ס געזיכט האט זיך פערפינסטערט מיט צאָרן בליקענדיג צו לוכנאָוו׳ן וויא ער האט געשפּיעלט.

„דאס איז ניט עהרליך!“ האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען אונד זיין בליק איז געפאלען אויף לוכנאָוו׳ן.

לוכנאָוו האט איהם אָנגעקוקט אונד מיט א גלייכגילטיגען טאָן האט ער איהם געפרעגט:

„וואס איז ניט עהרליך, גראף?“

טורבין האט עפּעס געוואָלט ערקלערען, נאָר עס האט אויסגעזעהען, דאס אָבוואָהל ער האט פערשטאַנען, אז לוכנאָוו שווינדעלט, האט ער אָבער ניט געוואוסט גענוי וויא ער מאַכט עס. לוכנאָוו האט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען, אונד ווייטער געשפּיעלט.

„בליבער!“ האט טורבין אויסגעשריען ווערענדיג זעהר אויפגערעגט. „בייס איהם!“

דער הונד, וועלכער איז געוועזען בערייט צו בעפאָלגען זיין הערר׳ס בעפעהל, איז אריין געשפּרונגען צווישען דיא שפּיעלער מיט דער קראַפט פון א טיגער, אָבער ער האט אויסגעזעהן אונענטשלאָסען, ווייל ער האט ניט געוואוסט וועמען ער דאַרף בייסען. לוכנאָוו׳ס געזיכט איז בלאס געוואָרען אונד ער האט אוועק געלעגט דיא קאַרטען פון זיינע הענד.

„וואס איז דאס פאַר א שפּיעלען?“ האט ער געפרעגט מיט א ציטערענדער שטימע. „זיינען הינט אויך מיטשפּיעלער? וואס טהוט זיך דאָ?“

„ווירקליך,“ האט שוין בעמערקט דער אָפיציר וואס איז געזעסען גענענאיבער אילינען. „דאס איז דאָך א סקאנדאל!“

„אילין וואסיליעוויטש,“ האט לוכנאָוו אָנגעפאַנגען וויעדער פאַסענדיג זיין מוטה, „זייט איהר ענטשלאָסען צו שפּיעלען אָדער ניין?“

„איך בעט אייך, גראף,“ האט אילין געזאגט צו טורבינען מיט א העפליכער שטימע. „שטערט אונז ניט.“

טורבין איז אויפגעשפּרונגען, אונד אָננעהמענדיג אילינען בייא דער האנד, האט ער צו איהם געזאגט:

„קומט אהער איין אויגענבליק, איך דאַרף אייך עפּעס זאגען.“

אילין איז נעגאנגען.

www.libtool.com.cn


„זייט איהר פערריסט,“ האט טורבין געמורמעלט גענוג הויך, אז דיא אנדערע זאָלען אויך הערען, קענט איהר ניט ארויס זעהען, אז דער מאן מיט דיא ברילע איז איין ערשטע קלאַסע קארטעטשניק אונד ער בעשווינדעלט אייך?“

„אָבער“ —

„גאר ניט קיין „אָבערס“ דאריבער. הערט אויף שפּיעלען. נאטירליך מאכט עס מיר קיין אונטערשיעד. אונטער אנדערע אומשטענדען וואָלט איך פיעללייכט אליין אויך אריין געפאלען, ווייל דער עהרליכער מיטשפּיעלער איז כמעט אימער בלינד אונד זעהט ניט דעם שווינדעל וויא דער זייטיגער צושויער. אָבער, מיין פריינד, איך האב מיט אייך מיטלייד אונד וויל ניט איהר זאָלט פערלירען. אָדער, האט איהר שוין פיעללייכט פערלוירען עפּעס געלד פון דער ארמעע?“

„ניין, ניין! אָבער וואָרום דענקט איהר אזוי?“

„מיין גוטער יונגע, איך בין שוין א געריבענער לולקע. איך האב אליין אויך אמאל געוואנדערט אויף דעמזעלבען וועג... אָבער, איך פערזיכער אייך יעטצט, אז דער הערר מיט דיא ברילען איז א שווינדלער. הערט אויף שפּיעלען, איך בעט אייך; טהוט עס מיר צוליעב אין נאמען פון קאמעראדענשאפט.“

„גוט. דאן לאָזט מיך נאך איינמאל שפּיעלען א רייהע ארום, אונד איך וועל אויפהערען.“

אילין האט זיך בייא דיעזע ווערטער אָבגעווענדעט אונד טורבין האט מיט־ליידיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אילין האט אין נעבסטען אויגענבליק געשטעלט א גרויסע סומע געלד אויף א קארט, אונד האט, וויא געוועהנליך, פערלוירען.

„גענוג, אום גאָטעס ווילען גענוג!“ האט טורבין אויסגעשריען ארויף לענענדיג זיין האנד אויף'ן טיש.

„ניין, ניין, איך קען ניט אויפהערען,“ האט אילין געענטפערט אָבווענדענדיג זיין בליק פון טורבינען.

טורבין'ס געזיכט האט אויסגעדריקט שמערץ. ער האט דאן געזאגט:

„טהוט וויא איהר ווילט; שפּיעלט אזוי לאנג ביז איהר וועט שוין ניט האבען וואס צו פערלירען. איך מוז אוועק פון דאנען. איך קען דאָ מעהר ניט בלייבען. זאבאלטשעווסקי! קומט, מיר ועלען געהען צום פּרעדוואָדיטעל.“

זאבאלטשעווסקי האט זיך אומגעווענדעט מיט דער געהאָרזאמקייט פון א הונד אונד ער האט מיט איהם פערלאָזען דאס צימער. אלע שפּיעלער זיינען גע־בליעבען זיטצען שטיל, אונד לוכנאָוו האט ניט פּארטגעזעטצט דעם שפּיעל, ביז ער

www.libtool.com.cn d

**האט** ניט געהערט, אז טורבין'ס שריט האבען זיך מעהר ניט געהערט **איבער דעם קאָרידאָר.**

„וואס פאר א מערקווירדיגער חברה מאן!“ האט **דער פּאָמעסטשיק ענדליך געזאגט** מיט א נעלעכטער.

„ער וועט אונז שוין מעהר ניט שטערען,“ **האט בעמערקט דער אָפּיציר פון געגענאיבער** אילינען.

**די** אנוועזענדע האבען זיך דאן ווידער פערטיעפט **אין שפּיעלען.**

**4.**

**די** מוזיקער **וואס דער פרעדוואָדיטעל האט געדונגען, זיינען געווען אויסגע־צייכנעט** ארום א טיש מיט פערשיעדענע שפּייזען אונד געטרענקס. דאן האט זייער **אנפיהרער** זיי געגעבען א צייכען אונד זייא האבען אָנגעפאנגען צו שפּיעלען איין **אלט־מאָדישע** „פּאָלאָנעזע.“

**אונטער** די געסט איז געווען דער אלטער גענעראל־גובערנאטאָר, **נאך פון יעקאטערינא'ס** צייטען, וועלכער האט געטראגען א גרויסען אָרדען אויף זיין ברוסט **אונד אומארמענדיג** דעם פרעדוואָדיטעל'ס מיטעל־יעהריגע פרוי, האט ער אָנגע־**פאנגען** מיט איהר צו טאנצען. דאן איז געקומען דער פרעדוואָדיטעל אליין, **וועלכער האט געטאנצט** מיט דעם גובערנאטאָר'ס פרוי. נאך זייא האבען געפאָלגט די **פערשיעדענע** אנדערע בעאמטע מיט זייערע פרויען, וועלכע האבען אויך גע־**טאנצט.**

**וועהרענד** דעם, האט זיך געעפענט די בריימע זאלאָן־טה־ר אונד זאבאל־**טשעווסקי**, געקליידעט נאך דער דאמאליגער לעטצטער מאָדע, איז ערשיענען בע־**גלייטעט** פון גראף טורבין. דער לעטצטער איז געגאנגען אָנגעצויגען אין א נייעם **טוך־געפּאסטען** הוזארען־אנצוג אונד גאָלדענע עפּאָלעטען מיט רויטען באנד האבען **פערציערט** זיין זשאקעט. אויף דער ברוסט איז געהאנגען דער וולאדימיר קרייץ **אונד די** מעדאליע פון 1812.

**טורבין** איז געווען פון מיטעלמעסיגער וואוקס, אָבער גוט געבויעט אונד **פּאָרגעשטעלט** א קרעפטיגען אונד א שעהנעם יונגען מענש. זיינע גרויסע אונד **גלענצענדע** בלויע אויגען אונד זיינע שווארצע געקרויזעלטע האאר האבען איהם **געגעבען איין** אנבליק וואס ציהט אימער צו די אוי־מערקזאמקייט פון פרויען. זיין **אנקונפט,** וויא עס שיינט, האט מען ערווארטעט, יען דער יונגער מאן וואס האט **איהם געזעהען** אין האָטעל, האט דעריבער פריהער דערצעהלט.

www.libtool.com.cn


די עטליכע דאמען אונד העררען, האבען איהם בעטראכט מיט פערדאכט אונד אביסעל פעראכטונג, וועהרענד די יונגע פרויען אונד מיידלעך זיינען געווען ווי בעצויבערט.

ווי מען איז פערטיג געווארען מיט דער „פאלאנעזע,“ האט זאכאלטשעווסקי אנגעפאנגען פארצושטעלען דעם גראף. טורבין האט בעוויזען אזוי פיעל אנשטאנד אונד ליעבליכקייט, דאס אין 10 מינוטען צייט, איז ער געווען יעדען׳ס ליעבלינג.

דער גובערנאטאר, וועלכער האט געקענט דעם יונגען הוזאר׳ס פאטער, איז צו איהם צוגעקומען, אונד אין זעהר א פריינדליכען טאן, האט ער איהם אוועק גערופען אויף א זייט אונד אנגעפאנגען מיט איהם צו רעדען. דאס האט נאך מעהר געווירקט אויף די אנוועזענדע, צו שעטצען דעם אונערווארטעטען גאסט.

דאן האט איהם זאכאלטשעווסקי פארגעשטעלט פאר זיין שוועסטער. דיעזע איז געווען א יונגע, שעהנע אונד פעטע אלמנה. זייט טורבין איז ערשיענען, האט זי ניט ארונטער געלאזען איהרע שווארצע אויגען פון איהם. טורבין האט געבעטען די יונגע אלמנה זי זאל מיט איהם טאנצען דעם וואלצער, וועלכען די מוזיקער האבען נאר וואס אנגעפאנגען צו שפיעלען. זי האט נאטירליך איינגעשטימט. אלע אויגען האבען זיך פלוצלינג אומגעווענדעט צו די צווייא טענצער. די יונגע אלמנה איז געווען א גוטע טענצערקע, נור טורבין האט נאך בעסער פערשטאנען דיעזע קונסט, אונד ער האט אויך געוואוסט ווי אזוי צו פיהרען א דאמע נעבען זיין זייט.

„ווי שעהן ער טאנצט!“ האט אויסגעשריען דעם פאמעסטשיק׳ס דיקע פרוי מיט בעוואונדערונג. „איינס, צווייא, דרייא; איינס, צווייא, דרייא. אך, ער איז א פאלשטענדיגער קינסטלער!“

דער קלאנג פון טורבין׳ס שפארען צו דעם רעגעלמעסיגען טאקט פון דער מוזיק אונד זיין גראציעזע בעוועגונג, האט ארויס גערופען איבערראשונג.

עס זיינען געווען אין ק. דרייא בעריהמטע טענצערס, וועלכע האבען אין יענעם אבענד בייגעוואהנט דעם באל ביי דעם פרעדוואדיטעל, אבער דער יונגער גראף איז געווען זייער מייסטער. טורבין האט אונטערדעסען פערשטאנען, אז עס פאסט ניט צו טאנצען בלויז מיט איין דאמע. נאך זאכאלטשעווסקי׳ס שוועסטער האט ער איינגעלאדען א יונגע פרוי, וועלכע איז געווען הויך, רייך, שעהן אונד נארריש; דאן איינע פון מיטעלמעסיגען וואוקס, אפילו ניט זעהר שעהן, אבער דאך גוט געקליידעט, אונד צום שלוס האט ער געטאנצט מיט א מיטעליעהריגער

 www.libtool.com.cn d

דאמט, וועלכע האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט דערמיט וואס זיא איז געוועזן אזוי רייך געקליידעט וויא דיא אנדערע. מיט אלע דיעזע האט ער געטאנצט איינע נאך אנאנדער, אָבער נאכדעם האבען זיך דיא אנדערע דאמען געדרענגט ארום איהם, אונד יעדע האט אויסגעזעהען מיט איהרע אויגען צום טאנץ. ער האט ערפיללט דעם וואונש נאך פון איינינע, אָבער ניעמאנד האט צו געצויגען מעהר זיין אויפמערקזאמקייט וויא דיא יונגע אלמנה.

ער האט מיט איהר געטאנצט נאך א קאדריל, א שאָטישע אונד א מאַזורקא. וועהרענד דעם קאדריל, האט טורבין געהאט דיא געלעגענהייט צו געבען דער יונגער אלמנה איינינע קאָמפּלימענטען. ער האט איהר געזאגט, אז זיא זעהט בייא איהם אויס וויא „ווענוס — דיא געטטין דער ליעבע,“ וויא „דיאנא — דיא געטטין דער יאגד,“ וויא א בליהענדע רויז, וויא א מאָרגען־בלום אונד נאך אנדערע שעהנע זאכען. זאבאלטשעווסקי׳ס שוועסטער האט בלויז גענייגט איהר וייס־מארמאָרנעם האלז אלס ענטפער אויף אלע דיעזע קאָמפּלימענטען, אונד דאן האט זיא געבליקט צו איהר ווייס־זיידענעם קלייד אונד עס האט אויסגעזעהען, אז זיא קען דיא אויגען ניט אויפהויבען.

טורבין׳ס יונגעס בלוט האט געקאָכט אין איהם ווען ער איז געקומען נאהענט פון איהר ווארעמען קערפּער, אונד ער האט ניט אויפגעהערט אויסצודריקען זיין בעוואונדערונג צו איהר אין ווערטער.

„אה, גראף!“ האט ענדליך געזאגט דיא יונגע אלמנה. „הערט אויף, איך בעט אייך, איהר מאכט נאָר חווק פון מיר.“

איהר געזיכט איז בייא דיעזע ווערטער רויט געוואָרען מיט אונשולד, טראָטץ דעם וואס זיא איז שוין געוועזן א פערהייראטעטע פרוי. זיא האט דאמאלס פאָרגע־שטעלט ניט א רויז, זאָנדערן עפּעס א ווילדע בלום פון מיטען וואלד, וועלכע איז צופאָכט געוואָרען פון א שטאַרקען ווינד אונד איהר פארפום צוגיסט זיך אין שטראָמען.

טורבין האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דיא פלאמענדע באקען פון דער פרישער שעהנהייט אונד זיך ניט געקענט גענוג אָבוואונדערן פון איהר שעהנעם, דיקען אונד ווייסען האלז. איהר בוזים איז געוועזן פולל אונד האט אויסגעזעהן זיך צו בעוועגען מיט דער אויפרעגונג פון איהר צושטאנד אונד מיט דער אנ־שטרענגונג פון דעם טאנץ. איהרע הענד האבען פאָרגעשטעלט צוויא מאַר־מאָרנע זיי[illegible]ען.

www.libtool.com.cn

יא, זיא איז געוועזן אונשולדיג אין א געוויסער בעציהונג. אָבער דאָך איז זיא ניט געוועזן בלינד איינצוזעהן דעם איינדרוק וואס איהר קערפּער האט אויף איהם געמאכט. זיא האט זיך געפרייט דערמיט. טורבין האט אונטערדעסען ניט איבער־געטרעטען די גרענעץ פון עטיקעטע אונד זיך ניט ערלויבט מעהר וויא מען דאַרף. ער איז אַלץ געוועזן דער אונשולדיגער קאַוואַליער, טראָטץ דעם וואס ער האט אויסגעדריקט זיינע געפיהלע אין ווערטער.

ער האט איהר געבראכט לימאָנאדע, אויפגעהויבען איהר טאַשענטוך, אונד זיא בעזאָרגט מיט א זיטץ צווישען דעם פּאַמעסטשיק׳ס ווייב אונד צווישען א יונגען מאַן, אויף וועלכען מען האט דייטליך געקענט לעזען די שפּורען פון סקראָפּעל. ער האט אויסגעזעהן שטאַרק פּעראינטערעסירט אין איהר, אונד אום זיא אביסעל צו אונטערהאַלטען, האט ער איהר דערצעהלט עטליכע מונטערע געשיכטען אונד אנשטענדיגע וויטצען.

דאַן האט ער איהר געזאגט, אז ער איז בערייט אלעס צו טהאָן וואס זיא וועט פערלאַנגען; אפילו זיך שטעלען מיט׳ן קאָפּ אראָפּ אונד מיט די פיס ארויף, ווען דאָס איז נאָר איהר ווּנש. אָדער קרעהען וויא א האָהן, צערברעכען די שויבען אונד ארויס שפּרינגען דורך א פענסטער. מיט איינעם וואָרט אלעס, אבי זיא צו אמוזירען. זיא האט הערצליך געלאכט דערפון, אונד האט דאבייא ארויס געשטעלט צווייא שורות ווייסע צייהן וויא די פּערלען. וועהרענד דיעזען געשפּרעך, האט זיך דער יונגער מאַן מיט די שפּורען פון סקראָפּעל, געפיהלט זעהר אונאַנגענעהם אויף זיין שטוהל, אונד ער האט זיך אויפגעהויבען. טורבין האט באַלד אוועק גענומען דעם שטוהל פאַר זיך.

דער יונגער מאַן, וועלכער איז אלט געוועזן בלויז 18 יאָהר אונד איז געוועזן דער זוהן פון זעהר א רייכע פּאַמעסטשיק, האט געוואָרפען פינסטערע בליקען אויף טורבינען אונד געזוכט יעדע געלעגענהייט זיך צו דערנעהנטערן צו דער יונגער אלמנה. טורבין האט עס בעמערקט אונד זיך אומגעווענדעט צו איהם מיט׳ן רוקען, שיטצענדיג די יונגע פרוי אין דערזעלבער צייט פון זיינע בליקען.

דערווייל זיינען צוגעקומען נאָך דאַמען אונד הערען אונד טורבין האט ווידער געמוזט פרייא מאַכען דעם וועג. דעם פּאַמעסטשיק׳ס זוהן האט זיך דערנעהנטערט צו זיין ציעל. די יונגע פרוי האט זיך געמאכט, אז זיא זעהט איהם ערשט צום ערשטען מאָל.

„אך, איהר זייט דאָס!“ האט זיא אויסגעשריען. „א שעהנער קאַוואַליר! איהר

www.libtool.com.cn

האט מיר פערשפּראָכען מיך צו נעהמען שפּאַצירען אונד מיר ברענגען פראַנצויזישע באָנבאָנס, אָבער..."

איך בין געקומען, אננא פעאָדאָראָוונא," האט ער זיא אונטערבראָכען מיט א ציטערענדער שטימע, „אָבער איהר זייט שוין ניט געווען אין דער היים. דיא באָנבאָנס האב איך צוריק געלאָזען בייא אייך אין הויז."

„א שעהנער קאַוואַליר, אימער א תירוץ; אָבער וואס טויגען מיר אייערע באָנבאָנס, איך גלויב, אז איהר וועט ניט דענקען..."

„אננא פעאָדאָראָוונא," האט ער ווידער געזאגט ווערענדיג זעהר נערוועז, „איך זעה, אז איהר האט שוין געוועקסעלט אייער גאַנצע מיינונג... עס איז זעהר ניט שעהן..."

ער האט נאָך עפּעס געמורמעלט וואס ניט ער אונד ניט אננא פעאָדאָראָוונא האבען געהערט. זיא האט איבערהויפּט אָבגעווענדעט איהרע אויגען אונד געקוקט צו גראָף טורבין.

אננא פעאָדאָראָוונא האט אונטערדעסען בעמערקט, אז טורבין האט זיך וויא פאַרבערייטעט צו פערלאָזען דעם באַלל-זאַלאָן. זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען, אָבגעשטויסען אויף א זייט דעם פּאָמעסטשיק'ס זוהן, וועלכער איז איהר נעשטאַנען אין וועג אונד איז צוגעגאַנגען צו איין עלטערע בעקאַנטע פרוי, וועלכער'ס אָרעם זיא האט אָנגענומען.

„אַלזאָ," האט זיא עלטערע פרוי געזאגט, „וויא עס שיינט האסטו איהם ניט פיינד?"

„פיינד? איך ווייס נאָר ניט וויא מען קען פיינד האבען אזא מאַן? אָבער דיא וואהרהייט איז, ער זאגט אַזוי פרייא אַלסדינג, אונד איך ווייס ניט אויב ער מיינט דאס..."

דיא זיינען גראָדע פאַרביינענאַנגען נעבען א שפּיעגעל אונד אננא פעאָדאָ-ראָוונא האט געזעהן איהר פערפלאַמטעס געזיכט. זיא האט אָנגעהויבען מונטער צו לאַכען.

„ער האט פון מיר פערלאַנגט איין אָנדענקען," האט זיא געמורמעלט וויא צו זיך אַליין, „אָבער ער זאָל דאס ניט קריעגען! ער איז אזא מערקווירדיגער קאָ-מישער מענש!"

דער פּרעדוואָדיטעל האט דערווייל אריין געפיהרט טורבינען אין א ציטער וואו דיא טישען זיינען געווען געדעקט מיט וואָדקא אונד פערשיעדענע אנדערע

www.libtool.com.cn


געטרענקע. עס זיינען דארט אויך געווען געטרוקענטע פליישען אונד שאמפאניער, צווישען א וואלקען ציגארעטען-רויך, זיינען געזעסען דיא עדעללייט אונד בעשפראכען דיא וואהלען.

דער נייער איספראווניק, זיטצענדיג אנגעלעהנט אויף א שטוהל, אונד אביסעל בערוישט, האט געזאגט:

„ווען דער גאנצער אדעל פון איין אנדערן דיסטריקט האט איהם בעעהרט דערמיט וואס מען האט איהם ערוועהלט אלס זייער פארשטעהער, דאן דארף ער נים פערגעסען אן זיינע פליכטען. ער דארף ניעמאלס" —

דאס ערשיינען פון גראף טורבין האט אונטערבראכען דאס געשפרעך, ווייל ער איז פארגעשטעלט געווארען פאר אלע אנוועזענדע. דער איספראווניק האט אנגענומען טורבין'ס הענד, זייא פעסט געדריקט, אונד איהם איינגעלאדען ער זאל מיטגעהן אין נייעם זאלאן, וואוהין ער האט בעשלאסען מיטצונעהמען אלע הערען אונד בייצרוואהנען א פארשטעלונג פון דיא ציגיינער. דער גראף האט אנגענומען דיא איינלאדונג אונד געטרונקען טסליבע גלעזער שאמפאניער מיט דעם איס-פראווניק.

„אבער ווארום טאנצט איהר ניט, מיינע הערען?" האט טורבין געפרעגט איידער ער האט צוריק געקעהרט אין באלל-זאלאן.

„מיר זיינען ניט קיין טענצערס," האט דער איספראווניק געענטפערט לאכענדיג. „אונז געפעלט בעסער צו טרינקען וויין. אויסער דעם, האב איך אליין ביינעוואהנט וויא אלע דיעזע דאמען האבען אויסגעוואקסען פון קליינע קינדער ביז פאלשטענדיגע פרויען, אונד עס גלוסט זיך מיר עפעס ניט זייא צו אומארמען אין טאנצען. זייא זעהען מיר אלע אויס וויא מיינע קינדער אונד שוועסטער. אבער דאך, פערשטעהע איך צו טאנצען אביסעל שאטיש..."

„דאן קומט!" האט דער הוזאר געזאגט מונטער. „לאמיר פריהער האבען אביסעל שפאס איידער מיר קומען צו דיא ציגיינער."

„גוט, קומט מיינע הערען אונד מיר וועלען האבען אביסעל שפאס"

דרייא הערען, מיט פערפלאמטע געזיכטער פון טרינקען איבער דער מאס, האבען זיך אויפגעהויבען אונד בעגלייטעט דעם איספראווניק מיט טורבינען. אבער אזוי וויא דער איספראווניק האט נאר וואס געוואלט עפענען דיא טהיר פון דעם באלל-זאלאן, האט זיך דיא טהיר געעפענט פון אינוועניג אונד דער סקרר פולעזער יונגערמאן, דעם רייכען פאמעסטשיק'ס זוהן, איז ערשיענען מיט א בלאסעם געזיכט אונד פערווייגטע אויגען. ער איז צוגעגאנגען צו טורבינען.

www.libtool.com.cn 

„מיינט איהר נים, גראף,“ האט ער אַנגעפאנגען, „אז איהר האט א רעכט דאָ חוזק צו מאכען פון דער גאנצער וועלט; ניין, דאס איז נים קיין אויפפיהרונג פון איין ערעלמאן...“

דעם פּאָמעסטשיק׳ס זוהן האט וויימער נים געקענט רעדען. טורבין האט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט, אונד אלס ער האט בעגריפען דיא בעלייגדינונג פון זיינע ווערטער, האט ער זיך באלד אויסגעניכטערט אונד געזאגט:

„וואס האט איהר געפּלוידערט? וואס זאגסטו, דוא אינגעל, שרע!“

ביי דיזע ווערטער האט איהם טורבין אָנגענומען ביי זיין שולטער אונד איהם אזוי פעסט צוגעדריקט, אז דאס בלוט איז אריין אין זיין געזיכט.

„ווילסטו פיעללייכט א דועל?“ האט דער גראף וויימער געפּרעגט.

„ווירקליך, דאן בין איך בערייט צו ערפּיללען דיין וואונש!“

צווייא פון דיא הערען וואס האבען בעגליימעט דעם איספּראווניק, זיינען דערבייא צוגעקומען אונד אויסגעריסען דעם פּאָמעסטשיק׳ס זוהן פון דעם גראף׳ס האנד־דרוק אונד איהם אָבגעשטויסען צו דער טהיר.

„ביסטו פערריקט?“ האט איינער צו איהם געזאגט. „אָדער דוא האסט זיך אָנגעשיכורט? מיר וועלען עס באלד דערצעהלען דיין פאטער!“

„ניין, איך בין נים שיכור. ער בעליידיגט יעדען אונד ענטשולדיגט זיך נים פאר קיינעם. ער איז א חזיר — דאס איז ער!“ האט דער יונגער מאן געשריען וועהרענד דיא טרערען זיינען געלאָפען פון זיינע אויגען.

דיא צווייא הערען האבען איהם דערוויל ארויס געשטעלט פון יענער זיים טהיר. דער איספּראווניק אונד זאבאלטשעווסקי זיינען צוגעגאנגען צו טורבינען אונד געזאגט:

„גראף, קימערט זיך נים אום איהם. ער איז א נארריש אינגעל, אונד זיין פאטער וועט איהם אָנפּאטשען.“

טורבין האט זיך דערוויל דערמאָהנט אן דער יונגער אלמנה, זיך ערינערט אן דעם וואס ער האט געזעהן פארגעהען צווישען איהר אונד דעם פּאָמעסטשיק׳ס זוהן, אונד ער האט געשמייכעלט. ער האט אלעס פערשטאנען.

„אייפערזוכט,“ האט ער געמורמעלט צו זיך אליין. ער איז אונטערדעסען אריין אין באלל־זאלאָן אונד נאך אמאל געטאנצט מיט דער שעהנער יונגער אלמנה. דאן האבען דיא הערען וואס האבען איהם בעגליימעט אויך אָנגעפאנגען צו טאנצען, עס איז געוואָרען זעהר מונטער, אונד דער איספּראווניק איז געפאלען זיך אויסשטרעקענדיג אויף׳ן גאנצען באָדען. יעדער האט הערצליך געלאכט.

www.libtool.com.cn 

5.

װעהרענד דער גראף איז געװעזן אין פּרעדװאָרימעל'ס זייטען־צימער װאו ער האט זיך בעגעגענט מיט'ן איספּראװניק, האט אננא פעאָדאָראָװנא אויפגעזוכט איהר ברודער, דעם עקס־סוב־לייטנאנט, אונד איהם געפרעגט װער זיין פריינד, גראף טורבין, איז.

„זאג מיר, ברודער,“ האט זיא אנגעפאנגען. „װער איז דער חזאר װאס האט מיט מיר געטאנצט?“

זאבאלטשעװסקי, װעלכער האט קיין אמת ניט געקענט זאגען װען ער זאָל אפילו װעלען, האט דערצעהלט, אז טורבין איז איינער פון דיא גרעסטע מענער אין רוסלאנד, אונד, זייענדיג יעמצט אין ק., האט ער זיך מיט איהם בעגעגענט אין האָטעל פער צופאלל, אונד אין איהם דערקענט זיינעם א גוטען אלטען בעקאנטען. אין דערזעלבער צייט אבער, האט ער איהר אויך דערצעהלט, אז טורבין'ס קאסע איז געװאָרען צו קורץ אונד ער האט איהם געליהען הונדערט רובעל. דאן האט ער געפרעגט זיין שװעסטער אויב זיא קען ערשפּאָרען נאך א פּאאר הונדערט רובעל אום צו לייהען דעם גראף. ער האט זיא אונטערדעסען געװארענט זיא זאָל פאר קיינעם ניט דערצעהלען װאס ער האט איהר געזאגט.

אננא פעאָדאָראָװנא האט פערשפּראָכען צו בעזאָרגען דעם גראף מיט דער פערלאנגטער סומע נאך אין דעמזעלבען אבענד אונד פאר קיינעם גאר ניט דערצעהלען. װעהרענד זייא האבען אָבער װיעדער געטאנצט, האט זיא געפיהלט איין אונגעהייערע לוסט צו צייגען דעם גראף איהר פערטרויען צו איהם אונד איהם אנבאָטען אירגענד א סומע געלד װאס ער בענעטהיגט. װען זייא האבען זיך אװעק געזעטצט, נאכדעם װיא דער איספּראװניק איז געפאלען, האט זיא צו איהם געזאגט:

„גראף, מיין ברודער האט מיר דערצעהלט, אז איהר האט געהאט איין אונגליק אויף'ן װעג, אונד דאס איהר געפינט זיך יעמצט אָהן געלד. װען איהר בענעטהיגט עפּעס א סומע, װעל איך מיך פיהלען געשמייכעלט װען איהר װעט זיין מיין בעל־חוב.“

װעהרענד זיא האט גערעדט, האט זיא זיך דערשראָקען פאר איהר איינענער שפּראכע אונד איז זעהר רויט געװאָרען אויף'ן געזיכט. דיא אורזאכע דערפון איז געװעזן, װאס זיא האט בעמערקט, דאס טורבין'ס געזיכט איז פערפינסטערט געװאָרען מיט צאָרן.

www.libtool.com.cn


„אייער ברודער, מאדאם, איז איין אידיאָט!" האט דער גראף געזאגט זעהר אויפגערעגט. „אין אזא פאל, מאדאם, האט ער מיך בעליידיגט, אונד א דועל מוז ענטשיידען. יעטצט, וועל איך אייך פרעגען, ווען איהר האט מיך בעליידיגט; איהר אלס דאמע — וואס זאָל איך טהון?"

אננא פעאָדאָראָוונא האט אויפגעציטערט. דאן האט זיא ארונטער געלאָזען דיא אויגען צו דער ערד אונד געשוויעגען.

„מיט א יונגער דאמע," האט טורבין ווידער אָנגעפאנגען, אָבער שוין מיט איין אנדערן טאָן, ווייך אונד מונטער, „וועל איך אייך זאגען וואס איך וועל טהון: „איך וועל אייך קושען אין דער געגענווארט פון דער גאנצער געזעלשאפט."

ער האט צוגעבויגען זיין מויל צו איהר אויער אונד געמורמעלט: „פאָרלויפיג גיט מיר אייער קליינע האנד צום קושען."

ער האט גענומען איהר האנד אין זיינער אונד זיא, קריעגענדיג מעהר מוטה, האט זיא געענטפערט צעגערענדיג:

„ניט דאָ, איך בעט אייך, ניין, ניין!"

„וואו דען? איך פאָהר אוועק מאָרגען פארטאָג, אונד אזא שולד פון א קוש אויף אייערע שעהנע ליפען, קען איך ניט איבערלאָזען."

„איך קען ניט, גראף, מען וועט איבער מיר רעדען אונד מיך בעליידיגען."

„דאן לאָזט מיך געפינען א געלעגענהייט."

„וויא אזוי?" האט זיא געשטאמעלט.

„דאס וועל איך שוין בעזאָרגען. בלייבט עס דערבייא?"

זיא האט געשוויעגען א קורצע צייט, אונד דאן האט זיא געענטפערט:

„וויא איהר ווילט."

מען האט נאך אמאל געטאנצט אונד מען האט זיך נאכהער געזעטצט עסען. דער גראף האט זיינע אויגען ניט ארונטער גענומען פון דער יונגער אלמנה. ער איז געווען פערליעבט אין איהר איבער דיא אויערן — וועניגסטענס אין יענעם אויגענבליק. ווען דער עולם איז פערטיג געוואָרען מיט'ן עסען אונד מען האט אָנגעפאנגען זיך צו געזעגענען אום אהיים צו געהן, איז טורבין אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל, ארויס אויף דער גאס אָהן זיין מאנטעל, אָבוואָהל עס איז געווען קאלט, אונד אויסגעשריען:

www.libtool.com.cn


„אנא פעאָדאָראָוונא'ס בריטשקע!"

אין נעבסטען אויגענבליק איז צייעפאָהרען א גרויסע בריטשקע מיט 2 בוימעהל־לאַמפּען בייא דיא זייטען.

„שטעה!" האט טורבין בעפוילען, אונד ניט אבטענדיג אויף'ן מיעפען שנעע, איז ער שנעל צוגעלאָפּען.

„וואס איז דאס?" האט דער טרייבער געפרעגט.

„איך מוז אריין אין דער בריטשקע!" האט ער געענטפערט ווערלענדיג עפענען דיא טהיר. „בלייב שטעהען דוא אידיאָט!" דיא בריטשקע איז געבליעבען שטעהן.

„אָבער וואס ווילט איהר דאָ?" האט דער טרייבער ווייטער געפרעגט. „עס איז דאָך אננא פעאָדאָראָוונא'ס בריטשקע?"

„האלט דיין מויל, דומקאָפּ! דאָ האסטו א רובעל אונד שווייג. קום ארונטער אונד פערמאך דיא טהיר."

דער טרייבער איז אונטערדעסען געבליעבען אויף זיין פּלאַטץ אונד אָנגעפאנגען עפּעס צו פערשטעהן. טורבין האט אליין צוגעמאכט דיא טהיר. אין דער בריטשקע, וויא אין דיא אלטע צייטען, איז עס ניט געווען זעהר ווארעם. טורבין'ס נאסע פּיס האבען באלד אָנגעהויבען צו פרירען, אָבער ער האט ניט געפיהלט.

„אננא פעאָדאָראָוונא'ס בריטשקע!" האט זיך דאן ווידער געהערט וויא דער דיענער פון דעם פּרעדוואָדיטעל האט אויסגעשריען. טורבין האט שנעל ארוס געשטעקט דעם קאָפּ אונד געזאגט צו טרייבער:

„הער אויס, מיין יונגע, ווען דוא וועסט זאגען אימיצען, אז איך בין דאָ, דאן וועל איך דיר צוברעכען דיינע ביינער. נאָר ווען דוא האסט שבל אונד שווייגסט, קריגסטו 10 רובעל."

דער גערוייש פון א פרויען קלייד האט זיך געהערט, דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד דער ווינד האט צוטראגען דעם גערוך פון פּארפום נעבען דער בריטשקע. א קליין פרויען פיסעל האט זיך ארויף געשטעלט אויף דער טרעפּ אונד א דאמע איז דאן איינגעשטיעגען אין דער בריטשקע, זיך אוועק זעטצענדיג נעבען טורבינען, וועלכער האט זיך פערשטופּט אין א ווינקעל.

„אך!" האט זיך דאן געהערט א לייכטער אויסרוף.

„איך בין עס, אננא פעאָדאָראָוונא," האט געענטפערט דעם יונגען הוזאר'ס שטימע.

www.libtool.com.cn  d

זיא האט געשוויעגען.

ער האט גענומען איהר האנד אונד ג' זאגט:

„יעטצט וועל איך קושען דיעזע האנד אזוי פיעל וויא איך וועל נאר וועלען"—
זיא האט דיא האנד ניט צוריק געצויגען.

דיא בריטשקע האט אנגעפאנגען צו געהן, אונד אננא פעאדאראָוונא האט בעמערקט:

„מיין גאט! איהר זייט דאך נאקעט! איהר וועט זיך פערקיהלען! דא האט איהר א טהייל פון מיין מאנטעל א.נד נעהמט זיך ארום."

טורבין האט זיך צוגעטוקעט נעבען דער יונגער פרוי, זיך איינגעוויקעלט אין א טהייל פון איהר מאנטעל אונד געמורמעלט:

„מיר איז וואַרעם וויא אין א גן־עדן!"

## 6.

דער נייא־ערוועהלטער איספּראַווניק מיט זיינע בעגלייטער האבען געטרונקען אין דעם נייעם זאלאָן אונד זיך צוגעהערט צו דיא געזענגע פון דיא ציגיינער. עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז דער גראף איז ערשיענען אין א בלויען מאנטעל, וועלכער האט בעלאנגט צו אננא פעאדאראָוונא פון איהר ערשטען מאַן.

„אה, פאטערל, זייט איהר דאס עקסעלענץ?" האט געפרעגט א יונגער ציגיינער ערבליקענדיג גראף טורבין. „מיר האבען געהערט, אז איהר קומט, אונד מיר האבען אייך אלע געוואַלט זעהן. סטיאָשקא איז עפּעס היינטיגע נאכט ניט מיט אלעמען. עפּעס זינגט זיא אָהן מוטה."

סטיאָשקא איז געווען א יונגעס ציגיינער מעדכען, מיט א האלב־ברוינעס גע־זיכט, פארביגע באַקען, ברענענדע שווארצע אויגען אונד א מויל וויסע צייהן וואס האבען איהם געגעבען א מערקווירדיגע אנציהונג. זיא איז געווען עטוואס הויך אונד געהאט זעהר א שעהנע טאליע.

„אך, מיין טהייערער גראף!" האט זיא אויסגעשריען ערבליקענדיג טורבינען. „וויא גליקליך איך בין אייך צו זעהן!"

אפילו איליושא, דער אנפיהרער פון דיא ציגיינער, איז איהם אויך ענטקעגען געלאָפען. עס האט אויסגעזעהן, אז טורבין האט זיך שוין ניט נאר איינמאל בעגעגנט מיט דער ציגיינער באנדע. דאן זיינען דיא אלטע מענער אונד דיא עלטערע פרויען איהם אויך ענטקעגען געגאנגען. טורבין האט געקושט אלע יונגע

www.libtool.com.cn


ציוויינערינס אויף זייערע ליפּען, נאָר דיא עלטערע אונד דיא מענער האט ער גטרייבט דיא הענד. דער איספּראווניק אונד אלע אנדערע האבען אויסגעדריקט גרויסעם פערגניגען איהם זעהענד צוריק קעהרען, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז מיט זיין אנקונפט, איז אריין א נייעס לעבען אין אלע אנוועזענדע.

וויין אונד נאך אמאל וויין האט מען געטרונקען אונד געגאָסען אין אלע זייטען, ביז דער איספּראווניק איז אומגעפאלען אויף זיין שטוהל גלייך מיט פיעלע אנדערע אונד זיך מעהר ניט געקענט ריהרען.

„ברענגט מיר שאמפּאניער!“ האט ער געשריען קלאַפּענדיג מיט דיא פיס אין א צווייטען שטוהל. „ברענגט מיר שאמפּאניער! דער גראף איז דאָ! שאמפּאניער! לאָמיר זיך באָדען אין שאמפּאניער! אונד סטיאָשקא, זינג מיר עפּעס שעהנעס, פרעהליכעס!“

זאבאלטשעווסקי, וועלכער האט שוין געהאט געטרונקען איבער דער מאס, איז געזעסען אויף א סאָפּא נעבען א יונגעס ציגיינער מעדכען מיט דעם נאמען ליובאשא, אונד צייטענווייז האט ער געעפּענט זיינע פערשיכור'טע אויגען אונד צו איהר גערעדט פון ליעבע אונד עהנליכע זאכען. זיא האט געשמייכעלט, אָבער זיא האט אויך אָבגעווענדעט איהר מויל עס זאָל ניט אריין דער גערוך פון זאבאל-טשעווסקי'ס פערשיכור'טע מאָרדע.

וויא טורבין איז אָבער ערשיענען אונד זאבאלטשעווסקי האט איהם ערבליקט, האט דער עקס־סוב־לייטנאנט זיך באלד האלב אויסגעניכטערט אונד געשפּירט א שוידער איבער זיין לייב, אבוואָהל ער האט ניט געקענט גענוי בעגרייפען דיא אורזאכע, ווארום ער האט זיך דערשראָקען.

דיא גאנצע געזעלשאפט האט אונטערדעסען אויפגעלעבט, אונד טורבין, וועלכער האט זיך אוועק געזעטצט אויף א ברייטען שטוהל, האט גענומען דיא שעהנע סטיאָשקא אויף זיינע קניען אונד געהייסען געבען שאמפּאניער אויף זיין חשבון.

איליושא, דער אנפיהרער האט גענומען זיין גיטאר, זיך אוועק געשטעלט נעבען טורבינען אונד אָנגעפאנגען צו שפּיעלען. סטיאָשקא, זיטצענדיג אויף טורבין'ס קניען, האט אָנגעפאנגען צו זינגען.

זיא האט געהאט א פולע אונד שטארקע סופּראנאָ שטימע, וועלכע האט אויסגעזעהן ארויס צו קומען פון איהר ברוסט במעט גאר אָהן א שום אנשטרענגונג. זיא האט אויך געזונגען מיט מוטה אונד בעגייסטערונג. דער שמייכעל אויף איהרע

www.libtool.com.cn


ליפּען אונד איהרע גלענצענדע לאַכענדע אויגען, איהרע קליינע פיסלעך, וועלכע האבען אויסגעקלאפּט דעם טאקט, אונד דיא שטימע, וועלכע האט זיך יעדעס מאל מעהר געשטארקט, האט געריהרט דיא גאנצע געזעלשאפט עס איז געווען לייכט צום דערקענען, אז זיא האט געזונגען מיט דעם געפיהל פון איהר גאנצער זעעלע.

איז דאס געווען דערפאר וואס זיא איז געזעסען אויף דעם שויס פון דעם יונגען הוזאר?

אליושא אליין, האט אויך אויסגעזעהן הנאה צו האבען פון סטיאשקא׳ן, אונד ער האט אויפגעפּאסט זיין גיטאר זאָל פּינקטליך בעגלייטען איהר שטימע. זיינע אויגען האבען געשטודירט איהר געזיכט זעהר אויפמערקזאם, אונד עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא ער האט זיא געהערט צום ערשטען מאל אזוי זינגען. אליושא איז יעדעס מאל מעהר בעגייסטערט געוואָרען אונד ארונטער ווארפענדיג דיא לאנגע האאר פון זיין שטערן מיט א וואָרף פון זיין קאָפּ, אונד צייגענדיג צו דיא אנדערע ציגיינערינס זייא זאָלען זיך אויך בעטהייליגען, האט אָנגעפאנגען א ווילדעס געזאנג מיט א טאנץ פון צווישען וועלכען סטיאשקא׳ס שטימע האט אריבער גע־קלונגען.

דאן האט אליושא געוועקסעלט דעם מאָן אויף דעם אלטען רוסישען נאַ־ציאָנאלען טאנץ פליאסאָוואיא, אונד דיא ציגיינערין דוניאשא האט זיך געשטעלט טאנצען. דוניאשא איז געווען א פרויענצימער פון א יאָהר 30, שטארק געבויעט, מיט א פולען בוזים אונד פיסלעך אזוי לייכט וויא בייא א האָז. אלע אויגען זיינען געווען צו איהר געריכטעט אונד יעדער, זאָגאַ סטיאשקא, האט זיך אויפגעשטעלט אויף דיא פיס, אום זיא צו זעהן טאנצען.

טורבין איז אויך אויפגעשפרונגען, אונד ארונטער ווארפענדיג זיין מיליטערישען שאקעט, איז ער געבליעבען שטעהען אין א רוימעס העמד מיט א פּאאר בלויע הויזען ער האט געוואָרט אויף איין אנפאנגס־טאָן פון אליושא׳ס גיטאר, אונד דאַן האט ער זיך גענומען טאנצען געגענאיבער דער ציגיינערין. אימער ווילדער, אימער שטירמישער איז געוואָרען דער טאנץ, אונד צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, האט טורבין איינגעזעהן, אז ער האט געגענאיבער זיך אזא טענצערין, וועלכע ער קען נים איבערשטייגען אונד אויך נים מיעד מאכען.

ער איז געשפרונגען, געשריען „הו! הו! הו!“ אז זיין שטימע האט וויא אלעכערט יעדען׳ס אויערן. אלע אנוועזענדע האבען געשפירט א חינרייסענדע

www.libtool.com.cn

גיינונג אויף צו טאנצען, אונד יעדער האט בעוואוינגען מיט זיין קערפּער צום טאקט פון דער מוזיק אונד סטיאָשקאָ'ס שטימע.

די ציניינער זעלבסט, האבען גענייגט מיט זייערע קעפּ צום צייכען, אז טורבין טאנצט גוט.

דער איספּראווניק האט אויך אָנגעפאנגען צו געהן א טענצעל אונד געשריען „הורראַ!" אויף וואס די וועלט שטעהט.

„גראַף!" האט ער געשריען, „איך האב געהאט צוויא טויזענד רובעל אין מיינע קעשענעס, אונד יעטצט זיינען מיר געבליעבען נאָר 500. אָבער אלע מוזען מיר פערשיכור'ן! בייא גאָט! עס דארף ניט בלייבען א קאָפּיקע!"

פערשוויטצט אונד עטוואס מיעד, האט אילױשא אויפגעהערט צו שפּיעלען אונד דער טאנץ איז געבליעבען שטעהן. יעדער האט ארום געכאַפּט טורבינען אונד איהם געקושט.

„שאמפאניער!" האט זיך געהערט פון אלע זייטען, אונד מען האט אָנגע־פאנגען צו טרינקען אויף'ן נייעם חשבון.

זאבאלטשעווסקי האט געוואָלט ווייזען, אז גראַף טורבין איז זיין בעסטער פריינד אונד ער איז מיט איהם גוט בעקאנט.

„אך, מיין גוטער יונגע," האט ער צו איהם געזאגט, „וואו ביסטו געוועזען? ווארום האסטו אונז פערלאָזען?"

טורבין האט זיך דערמאָהנט אן זאבאלטשעווסקי'ס שוועסטער, וועלכע ער האט בעזוכט צו הויז אונד געשמייכעלט צו זיך אליין. אָבער דאס האט איהם פעראורזאכט ער זאָל ניט ענטפערן אויף דער פראגע.

זאבאלטשעווסקי, וועלכער האט זיך דאָך אָבער געוואָלט פאָרשטעלען, אז טורבין איז זיין אלט־בעקאנטער פריינד, האט זיך ערלויבט צו פרעגען וויטער:

„וואוהין ביסט געגאנגען? אך גראַף, דוא לומפּ, איך וויים שוין וואו דוא ביסט געוועזען!"

דיעזע פאמיליאריטעט האט ניט נאָר טורבונען אויסגעניכטערט אויף עטליכע אוינענבליק, זאָנדערן עס האט איהם אויך אויפגערעגט.

ער האט געוואָרפען אויף זאבאלטשעווסקי'ן א בעזען בליק, אונד אזוי וויא דער לעטצטער האט אויסגעזעהן צו פרעהליך, האט ער דאס ניט בעמערקט אונד אָנגעפאנגען צו קלאפּען טורבינען אויף די פּלייצעס. דער לעטצטער האט זיך

www.libtool.com.cn

בעדיענט מיט איין אלט־רוסישעס שימפף־וואָרט אונד פערזעטצט דעם עקס־סוב־לייטנאַנט א קלאפּ אין דער ברוסט, פון וועלכען ער איז צוריק געפאלען אויף א שטוהל.

דער עולם האט אָבער אזעלכע קליינינקייטען ניט בעמערקט, אונד זאבאל־טשעווסקי אליין, האט זיך אָננעפאנגען איינצורעדען, אז טורבין האט מיט איהם גאָר געשפּאסט וויא איין אלטער גוטער ברודער. ער האט זיך אויפגעהויבען אונד איז ווידער צוגעגאנגען צו דער יונגער ציגיינערין, וועלכער ער האט פערשפּראָכען מיט איהר חתונה האבען נעבעכטען פריהלינג.

מען האט ווידער געזונגען, נאך אמאל געטאנצט אונד יעדער האט אויס־געזעהן אויסעראָרענטליך פרעהליך אונד צופריעדען. שאמפּאניער האט געפלאָסען וויא וואסער, אונד ווען קיינער האט שוין ניט געקענט טרינקען, האט נאך דער גראף אין זיך אריין נעגאָסען גאנצע פלעשער. זיינע אויגען האבען אפילו שוין אויס־געזעהן פייכט, אָבער ער האט זיך נאך פּאָלקאָמען געהאלטען אויף זיינע פיס אונד געטאנצט פּינקטליך נאך דעם טאקט פון דער מוזיק. ער האט געטאנצט מיט אלע ציגיינערינס, אָבער אם ליעבסטען האט ער זיך אונטערהאלטען מיט סטיאָשקא'ן, וועלכע ער האט געקושט אונד געהאלזט אָהן אויפהער. דאס מעדכען האט אויס־געזעהן ניט צו האבען דאגעגען. בלויז איינמאל, ווען ער האט איהר געוואָלט אריין לעגען דיא האנד אין בוזים, האט זיא געלאכט אונד געזאגט:

„ניין, ניין, גראף, דערצו האט נאָר מיין חתן א רעכט!“

טורבין האט אויך געלאכט.

דאן האט מען ווידער געטאנצט אונד געהוליעט. אין מיטען טאנץ איז אָבער ערשיענען דער ווירטה אונד געבעטען גאנץ אונטערטהעניג, אז זיינע הויכע געסט זאָלען זיך פאָרבערייטען אהיים צו געהן, ווייל עס איז שוין באלד 3 אוהר פארטאָג אונד ער מוז שליעסען זיין געשעפט. טורבין האט איהם אָנגעכאפּט בייא זיין קאָלנער, געהייסען דיא כלי־זמר שפּיעלען דיא פּליאסאָוואיא אונד דער ווירטה זאָל מיט איהם טאנצען. אלס דער ווירטה האט זיך אָבער ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט, האט טורבין נעכאפּט א פלאש שאמפּאניער, איבערגעקעהרט דעם ווירטה מיט'ן קאָפּ ארונטער אונד מיט דיא פיס ארויף, דאן האט ער געהייסען מען זאָל איהם אזוי האלטען.

יעדער האט הערצליך געלאכט, אבער טורבין'ס וואונש איז ערפילט גע־וואָרען. דאן האט ער דעם ארעמען ווירטה אריין נעגאָסען דיא פלאש

www.libtool.com.cn


שאמפאניער דורך די תריזען אונד דאס האט ארויס געריסען איבער זיין געזיכט.

מען האט ווייטער געטאנצט אונד געזונגען, אונד דער ווירטה איז שוין מעהר ניט געקומען זאגען, אז עס איז צו שפעט.

אונטערדעסען האט אנגעהויבען צו טאגען. יעדער, אויסער דער גראף, האט אויסגעזעהן בלאס אונד האלב טויט פון מיעדקייט.

„יא, איך מוז אוועק פאהרען נאך מאסקווא,“ האט טורבין געזאגט זיך פלוצלינג אויפהויבענדיג פון זיין זיטץ. „קומט אלע מיט מיר אין מיין האטעל, אונד מיר וועלען אלע צוזאמען טרינקען טהעע. אבגעמאכט?“

אלע האבען באלד איינגעשטימט, אויסער דער פאמעססטשיק, וועלכער איז געלעגען אויף א סאפא אונד געשנארכט.

מען האט געגעבען א בעפעהל דריי שליטענס זאלען געבראכט ווערען, אונד די גאנצע געזעלשאפט מיט די ציגיינערינס, האבען זיך אהין אריין געווארפען אונד מען האט אנגעפאנגען צו פאהרען צום האטעל.

7.

„די פערד מוזען זאפארט פערטיג ווערען!“ האט דער גראף אויסגעשריען אריין קומענדיג אין האטעל בעגלייטעט פון זיינע פריינדע.

„סאשקא! מיין איינענער סאשקא מיין איך,“ האט טורבין ווייטער געזאגט, „נים דעם ציגיינער סאשקא. געה אונד זאג דעם פאסטמייסטער, אז איך וועל איהם צערברעכען יעדען ביין אין זיין לייב, ווען ער וועט מיך ניט בעזארגען מיט גוטע פערד. דאן מוזטו אויך טרינקען טהעע. זאבאלטשעווסקי, דוא זעה עס זאל זיין טהעע פערטיג. איך וועל אריין געהן אויף א קורצע צייט אין אילין'ס צימער. מען מוז זעהן וואס ער טהוט.“

בייא דיעזע ווערטער איז טורבין אריין אין אילין'ס צימער.

אילין'ס קארטען־חברים האבען נאר וואס אבשיעד גענומען פון איהם, אונד דער יונגער מאן איז געבליעבען אהן א קאפיקע; ער האט אלעס פערשפיעלט. ער איז געלעגען מיט'ן רוקען אויף א סאפא, פון וואנען ער האט געציפט די פערד־האאר וואס האבען ארויס געשטעקט. דאן האט ער גענומען א האאר אין מויל, דאס איבערגעהאקט מיט זיינע צייהן אונד אוועק געווארפען.

אויף'ן טיש, צווישען אנגעווארפענע קארטען, זיינען געשטאנען צוויא לייכטער. אין איינעם האט נאך געברענט א ליכט אונד דער פלאם האט געגרייכט ביז ווייט

www.libtool.com.cn

ארונטער אונטען וואו א שטיקעל פאפיר איז נעווען ארום נעוויקעלט. דער פלאם האט זיך נעוואָרפען אונד פון זיך אָבגעשלאגען וויא פיעבערהאפטע שאטענס איבער'ן צימער, נעגען דיא שוואכע אָבער שוין ליכטיגע מאָרגען־שטראהלען.

אילין איז נעווען פאָקקאָמען גלייכגילטיג. דער דיקער וואָלקען פון אויפרעגונג צום שפּיעלען, האט אזוי אָבגעהערטעט זיינע חושים, אז ער האט אפילו ניט נעפיהלט קיין חרטה איבער אלעמען וואס עס איז פאָרגעגאנגען. צייטענווייז אָבער האט זיך פאר איהם בעוויעזען דיא ווירקליכקייט, וויא אזוי ער האט פערשפּיעלט אזוי פיעל געלד אונד וויא אזוי ער איז געבליעבען אָהן א קאָפּיקע, ניט האבענדיג אפילו מיט וואס אוועק צו פאָהרען. דאן האט ער פאר זיך דערזעהן דאס גרויסע רעטענעש, וויא אזוי ער זאָל קענען צוריק קריעגען דיא 15 טויזענד רובעל אום דאס אבצוגעבען צו דער ארמעע, וואוהין עס בעלאנגט.

„וואס וועט זאגען דער פּאָלקאָווניק, וועלכער איז צו מיר וויא א פאטער, ווען ער וועט דאס הערען?" האט זיך איכין אליין נעפרעגט. „אונד מיין מוטער, מיינע קאמעראדען, וואס וועלען זייא זאגען?"

דיא ווירקליכקייט האט זיך אָנגעהויבען לאנגזאם צו בעווייזען אונד ער האט נעשווידערט. דאן איז ערשיענען דאס געפיהל פון זעלבסט־פערראכטונג, אזוי גוט בעקאנט אונטער ליידענשאפטליכע שפּיעלער, נאכדעם וויא זייא פערלירען זייער געלד. אום אָבער פון זיך אָבצרוועגדען דיעזע געדאנקען, האט ער זיך אויפגעהויבען פון דער סאָפא, אָנגעפאנגען לאנגזאם צו שפּאצירען איבער דעם צימער, אונד נעקוקט תמ'עוואטע אויף יעדען שפּעלטעלע אין פוס־באָדען אום דאָרט צו פער־אינטערעסירען זיינע געדאנקען. אָבער דיא ווירקליכקייט איז געווען שטארקער. אלע איינצעלהייטען פון דעם שפּיעל האבען זיך אָנגעפאנגען צוריק צו בעווייזען. ער האט זיך דערמאָהנט וויא ער האט געשטעלט א ניינטעל מיט 75 רובעל אונד נעבען קעניג קרייץ האט ער אוועק געלעגט צוויא טויזענד רובעל, דאן איבערגע־ביטען דיא לעטצטע קארט אויף'ן קעניג קארא, אונד ער האט פערלוירען. אָבער דער קעניג קרייץ האט אויך פערלוירען. דאס ניינטעל האט געוואונען 75 רובעל. ווארום האט ער ניט געשטעלט דיא צוויא טויזענד רובעל אויף'ן ניינטעל? אך, וויא לייכט וואָלט עס דאן געווען צוריק צו געווינען דאס גאנצע געלד! א קליינינקייט; בלויז עטליכע קארטען האט ער בעדארפט טרעפען, אונד ער וואָלט נעהאט אויסער דיא 15 טויזענד רובעל פון דער ארמעע, נאך 15 טויזענד רובעל, אונד — ער וואָלט נעקויפט א שעהנעם פערד אלס פּרעזענט פאר זיין פּאָלקאָווניק, אונד פאר זיך אליין, א דראָשקע מיט 2 פערד, אונד — וואס נאך וואָלט ער זיך

www.libtool.com.cn

נעקויפט ? וויא שעהן וואָלט עס געווען דיא ראָד זאָל זיך דרעהען וויא ער האט געוואָלט; נאָר אזוי האט ער זיך דערמאָהנט אן דער בויערין, וועלכע האט גע־טראגען א בינטעל אייער אין שטאדט אריין אונד האט זיך אויסגערעכענט וויא אזוי זיא קען פון דיעזען קליינעם מסחר זיך זעהר לייב‍ן קויפען א גוט, נאר... זיא האט ארויס געלאָזען דאס בינטעל אייער פון דער האנד; דיא אייער האבען זיך צובראָכען אויף דיא הארטע שטיינער אונד מיט זייא איז אויך פערשוואונדען גע־וואָרען דאס גוט. ער האט ביטער אונד נאריש געשמייכעלט צו זיך אליין; טפעם נעברומט אונד זיך ווידער געוואָרפען אויף דער סאָפא, וואו ער האט נאך אמאל אָנגעפאנגען צו קייען דיא פערד־האאר.

„ווער זאָל עס זיננען אין נומער 7, ווער קען ‍ס זיין ?" האט ער זיך גע־פרעגט. „יא, ריכטיג, זייא האבען זיך אונטערהאלטען וואהרשיינליך אין טורבין'ס צימער. איך רעכען איך וועל אריין גיהן עפעס טרינקען מיט זייא."

עס איז געווען גראדע דאמאלס, ווען גראף טורבין האט געעפענט דיא טהיר אונד איז אריין געקומען. איין בליק אויף אילין'ס בלאסעם געזיכט, האט טורבינען גלייך איבערצייגט איבער דעם וואס עס איז געשעהן.

„אלזאָ, מיין פריינד, וויא עס שיינט, האט איהר אלעס פערלוירען ?"

וועהרענד טורבין האט געזאגט דיעזע ווערטער, איז ער צוגעגאנגען צו דעם יונגען אָפיציר אונד אָנגעפאנגען צו גלעטען זיין קאָפּ.

אילין האט נאר ניט געענטפערט.

דאן האט איהם טורבין געצווינגען ביים ארבעל, גלייך וויא ער וואָלט איהם געוועקט פון א שלאָף.

„יא, איך האב אלעס פערלוירען," האט אילין געענטפערט, „אָבער וואס געהט עס אייך אָן ?"

אילין האט גערעדט אונגעדולדיג, אָבער גלייכגילטיג.

„אלעס פערלוירען ?" האט טורבין ווייטער געפרעגט מיט א טאָן פון ער־נערנים אונד ערשטוינען.

„יא, אלעס. נאָר אייך האט דאס גאר ניט געשאדעט.ווירקליך, וואס קען עס אייך קימערן ?"

„הערט מיך אוים," האט טורבין געזאגט, „איך וויל איהר זאָלט מיר אלעס דערצעהלען וויא צו א פריינד." טורבין האט איהם ווייטער צערטליך געגלעט אונד פאָרטגעזעטצט: „איך פערזיכער אייך, אז איך סימפאטהיזיר מיט אייך.

www.libtool.com.cn

דערצעהלט מיר נאָר דיא וואהרהייט. ווען איהר הט פערלוירען ארמעע־געלד, דאַן וועל איך אייך העלפען. אָבער שנעל ווייל עס קען ווערען צו שפעט. איהר האט פערלאָרען געלד פון דער רעגימענטען־קאסע, ניט וואהר?"

אילין איז אויפגעשפרונגען עטוואס אויפגערעגט אונד אויסגעשריען: „ווען איהר ווילט איך זאָל רעדען מיט אייך, דאַן זאָלט איהר מיר קיין וואָרט דערמאָהנען דאריבער אונד פרעגט מיך אייך גאר ניט. איך בעט אייך, פרעגט מיך ניט. איך ווייס שוין וואס איך האב צו טהון, איך וועל מיר אריין שיסען א קוגעל אין געהירן."

דיא לעטצטע ווערטער זיינען געווען געשפּראָכען אין ריכטיגער פערצווייפלונג.

דאַן האט ער זיך צוריק געזעטצט, געלעגט ביידע עלענבויגענס אויף די קניען אונד אריין געוואָרפען דעם קאָפּ אויף ביידע דאַלאָנעס אונד אָנגעפאנגען צו וויינען.

„וואס פאר א נאריש מיידעל איהר זייט!" האט טורבין געזאגט מיטליידיג. „א מיידעל, יא, א מיידעל, אונד ניט מעהר. איך האָף, אז עס איז נאך ניט אזוי געפעהרליך. לאָמיר האפען, אז אלעס וועט נאך גוט ווערען. וואַרט נאָר דאָ אויס אביסעל אויף מיר, איך וועל באלד זיין צוריק."

טורבין האט זיך שנעל אומגעווענדעט אונד פערלאָזען דאס צימער.

אלס ער איז ארויס אין קאָרידאָר, האט ער דערזעהן א קעלנער אונד איהם געפרעגט:

„אין וועלכען צימער געפינט זיך לוכנאָוו, דער פּאָמעסטשיק?"

דער קעלנער האט איהם געצייגט.

טראָטץ דעם וואס לוכנאָוו'ס דיענער האט איהם ניט געוואָלט אריין לאָזען אין צימער, ערקלערענדיג, אז זיין הערר איז זעהר מיעד אונד נאָר וואס אריין געקומען, האט איהם טורבין אָבגעשטויסען אויף א זייט, נעעפענט דיא טהיר אונד איז אריין.

דער פּאָמעסטשיק לוכנאָוו, וועלכער איז געווען א פּראָפעסיאָנעלער קארטען־שפּיעלער, וויא טורבין האט אין איהם קיין טעות ניט געהאט, איז געזעסען אין א שלאָף־מאנטעל בייא א טיש אונד אראנזשירט איינינע דיקע פּאקעטען מיט באנקנאָטען.

געבען איהם איז געשטאנען א פלעשעל רהיין־וויין, וואס לוכנאָוו האט זעהר

www.libtool.com.cn 

געליעבט, אונד ער האט נאָר וואס אויסגעטרונקען א גלעזעל. לוכנאָוו האט אויפגעהויבען זיינע אויגען איבער זיינע ברילען אונד בעטראכט ערשטוינט טורבינען.

„עס שיינט, אז איהר ערקענט מיך שוין נאָר ניט," האט דער גראף געזאגט צוקומענדיג נעהנטער מיט פעסטע שריט צום טיש.

לוכנאָוו האט זיך דאן געמאכט, אז ער דערקענט איהם יא, אונד געפרעגט מיט א קאַלטען טאָן:

„וואס ווילט איהר?"

„איך וויל מיט אייך שפיעלען אין קארטען," האט טורבין געענטפערט זיך אוועק זעטצענדיג אויף א סאָפא נעבען לוכנאָוו'ן.

„יעטצט, גאַנץ פריה?"

„יא."

„ניט יעטצט, גראף, איין אנדער מאל, אונד עס ועט מיר מאכען דאס גרעסטע פערגניגען מיט אייך צו שפיעלען. יעטצט בין איך מיער אונד איך מוז שלאָפען. ווילט איהר טרינקען א גלאָז וויין מיט מיר? דער וויין איז אויס־געצייכענט."

„איך וויל שפיעלען יעטצט."

„אָבער איך בין דאצו ניט בערייט. עס איז קיין צווייפעל, אז איהר וועט נאך דאָ געפינען הערען וואס וועלען געווים מיט אייך שפיעלען, נאָר איך מוז אייך בעטען אום ענטשולדיגונג, ווייל עס איז מיר אונמעגליך."

„ווילט איהר אלזאָ ניט שפיעלען?"

לוכנאָוו האט אויפגעצויגען דיא אַקסלען, אום וויא אויסדריקען זיין בעדויערן.

„איהר ענטזאגט זיך אבזאָ פאָזיטיוו מיט מיר צו שפיעלען?" האט טורבין ווייטער געפרעגט.

לוכנאָוו האט ווידער אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען.

„איך בעט אייך איהר זאָלט מיט מיר שפיעלען. ווילט איהר מיר צוליעב טהון?"

לוכנאָוו האט אונטערדעסען ווייטער געשוויגען. אלס ער האט אָבער אריבער געקוקט איבער זיינע ברילען, האט ער בעמערקט וויא טורבין'ס געזיכט האט זיך פערפינסטערט מיט צאָרן.

www.libtool.com.cn

„ווילט איהר שפּיעלען?“ האט דער הוזאר אויסגעדונערט; וועהרענד דעם האט ער גענעבען אזא קקאפּ מיט זיין פויסט אויף׳ן טיש, אז דיא פלאש ווין איז אויפגעשפּרונגען אונד אומגעפאלען. „ערשט מיט א קורצער צייט צוריק האט איהר געשפּיעלט אונד געשווינדעלט. צום לעטצטען מאל פרעג איך אייך, ווילט איהר שפּיעלען?“

„איך האב אייך געזאגט, אז איך שפּיעל ניט. דאס איז א מערקווירדיגע בענעהמונג, גראף, אונד פּאסט ניט פאר קיין עדעלמאן. איך פערשטעהע דאס ניט, וויא קומט מען אין יענעמ׳ס צימער אריין אונד מען וואגט זיך יעמאנדען צו בעליידיגען אומזיסט אונד אומ:ישט?“

עס האט געפּלאָגט א שטילע פויזע, וועהרענד טורבין׳ס געזיכט האט אָנגע־נומען א שרעקליכע מיענע. פּלוצלינג האט לוכנאָוו דערשפּירט א העפטיגען שטויס אין קאָפּ וויא פון א האמער אונד ער איז צוריק געפאלען וויא בעטויבט אויף דער סאָפא, אָבער אויך צוהאלטענדיג דאס געלד מיט זיינע הענד. אין נעכסטען אוינענבליק האט ער ארויס געלאָזען אזא שרעקליכען געשרייא, אז מען וואלט עס נאר ניט געקענט גלויבען, דאס אזא רוהיגער מענשעלע קען האבען אזא קול.

טורבין האט מיט בליטץ־שנעלליגקייט אויסגעכאפּט דאס געלד פון לוכנאָוו׳ס הענד, צוזאמען גענומען דיא אנדערע פּעקלעך פון דעם טיש, זיך אומגעווענדעט אונד אוועק שטויסענדיג לוכנאָוו׳ס דיענער אויף א זייט, איז ער ארויס פון דעם צימער. אויף דער שוועל האט ער שנעל געזאגט:

„ווען איהר זייט ניט צופריעדען מיט מיין האנדלונג, דאן בין איך בערייט מיט אייך צו דועלירען. וועהרענד דער נעכסטער האלבער שטונדע, וועל איך זיין אין צימער נום. 7.“

„שופט! לומפּ! גנב! איך וועל דיך ארעטירען!“ האט לוכנאָוו איהם נאכגעשריען.

אילין האט זיך זעהר ווייניג בעקימערט אום דעם וואס דער גראף האט איהם פערשפּראָכען, אונד ער איז אומגעפאלען אויף דער סאָפא, שפּירענדיג א שרעק־ליכען זעלען־שמערץ אונד ער האט זיך אָבגעגאָסען מיט טרערען. טורבין׳ס סימפּאטהיע האט אין איהם ערוועקט אלע געפיהלע איינצוזעהן ניט נאר וויא טיעף ער איז געזונקען, זאָנדערן אויך אין וואס פאר א לאגע ער געפינט זיך, אָהנע צו וויסען וויא ער קען זיך ארויס העלפען. עס איז איהם קלאָר געוואָרען דיא אידעע, אז ער איז רואינירט. זיין יוגענד, זיין עהרע, זיין געזעלשאפטליכער בערוף, זיינע חלומות

www.libtool.com.cn 

פון ליעבע אונד פריינדשאפט, אלעס איז אוועק אונד פערשוואונדען אויף אימער אונד אייביג.

דאן האבען דיא טרערען אויפגעהערט צו לויפען. דיא רוהע פון פערצווייפלונג איז געקומען, אונד אין זיינע נעדאנקען האט זיך אנגעפאנגען צו ענטוויקלען דיא אידעע פון זעלבסטמארד. ער האט זיך דאפיר ניט דערשראקען, זאנדערן דאס בעטראכט אלס דיא איינציגע נויטהווענדיגקייט.

אבער גראדע אין דיעזען מאמענט, האבען זיך געהערט דעם גראף'ס פעסטע שריט. טורבין איז ערשיענען. אויף זיין געזיכט זיינען נאך געלעגען דיא שפורען פון אויפרעגונג אונד זיינע הענד האבען געציטערט. אין זיינע אויגען האט זיך אבער געוויזען א גלאנץ פון גוטסקייט אונד פערגניגען.

„דא איז עס, נעהמט עס צוריק!" האט ער אויסגעשריען אוועק לעגענדיג אויף'ן טיש דיא עטליבע פעקלעך באנק־נאטען. „איהר האט צוריק געוואונען אייער געלד! צעהלט עס איבער אונד זעהט אויב איהר האט דיא גאנצע סומע. דאן, ווען איהר וועט פערטיג ווערען, זאלט איהר קומען אין זאלאן, ווייל איך האב קיין צייט ניט, איך מוז שנעל אוועק פאהרען."

אילין'ס אויגען האבען געבליקט מיט א נארישען אונד אונגלויבליכען בליק אויף דיא פעקלעך באנק־נאטען. ער האט זיך נאר ניט געקענט פארשטעלען אויב דאס איז א ווירקליכקייט.

„נאררישער מענש," האט טורבין בעמערקט, זעהענד דיא איבערראשונג פון אילינען, „עס איז אייער געלד, נעהמט עס צוריק."

טורבין האט זיך דאן אומגעווענדעט, אונד פייפענדיג א ציגיינער מעלאדיע, האט ער פערלאזען דאס צימער.

## 8.

סאשקא האט זיך אנגעצוינגען זיין רימען איבער דעם מאנטעל אונד אנגעציינט זיין הערה, דעם גראף, אז דיא פערד זיינען שוין פערטיג, אבער ער האט אין דערזעלבער צייט געבעטען טורבין זאל איהם ערלויבען צוריק צו בלייבען אום ער זאל אבנעהמען זיין מאנטעל אונד קאלנער, וועלכע האבען ווערטה געהאט, לויט זיין מיינונג, דרייא טויזענד רובעל. ער האט געוואוסט, אז ער דארף דיעזע זוכען ביים פרעדוואדיטעל. ער האט אויך געוואלט צוריק געבען אנשטאט דעם, דעם בלויען מאנטעל, וועלכען גנבים האבען אונטערגעביטען, לויט זיין חשבון. דער גראף האט

www.libtool.com.cn 

אָבער געענטפערט, אַז דיא נאַנצע געשיכטע האט נאר ניט ווערטה געהאט מען זאָל זיך דאריבער ערגערן, אונד ער איז אַרויף אין זיין צימער אום זיך איבערצר וועקסלען דיא קליידער.

זאבאַלטשעווסקי איז אונטערדעסען נאך אימער געשטאַנען נעבען דער יונגער ציגיינערין אונד געשלוקערצט. דער איספּראַוויניק האט געהייסען געבען וואָדקא אונד איינגעלאַדען דיא גאַנצע געזעלשאַפט זייא זאָלען מיט איהם עסען פריהשטיק. שווערענדיג, אַז זיין ווייב מוז נאך טאַנצען מיט דיא ציגיינער. א שעהנער יונגער מאַן, וועלכער האט שוין פערגעסען דעם רעכנונג וויפיעל ער האט געטרונקען, האט בעהויפּטעט, אַז דיא פּיאַנאָ בעזיטצט אין זיך מעהר זעעלע וויא אירגענד איין אנרערער מוזיקאַלישער אינסטרומענט אין דער וועלט. א טשינאָווניק האט געטרונקען טהעע אונד ער האט אויסגעזעהן איינצושלאָפען נאך יעדען זופּ. דיא ציגיינער האבען געפּלוידערט צווישען זיך אין זייער אייגענער שפּראַכע אונד געוואָלט נאך אמאל זינגען, אָבער סטיאָשקא האט ניט איינגעשטימט, בעהויפּטענדיג, אַז דער באַראָנו (גראף) וועט זיין געערגערט. אלע אנוועזענדע האבען אונטערדעסען אויסגעזעהן שטאַרק פערמאַטערט פון דער הוליאַנקע.

„זאָל מען נאך איינמאל זינגען,“ האט דער גראף געזאגט אַרונטער קומענדיג מונטער, אויסגעפּוטצט אונד פּריש. „איין ליעד צום אבשיעד, אונד ניט מעהר.“

דיא ציגיינער האבען זיך פערזאַמעלט אין א צירקעל אונד נאָר וואס געוואָלט אנפאַנגען, ווען איליון איז אריין אין צימער, טראַגענדיג אין זיין האַנד עטליכע פּעקלעך באַנק־נאַטען. ער האט אוועק גענומען טורבינען אויף א זייט.

„איך האב געהאט צוזאַמען פופצעהן טויזענד רובעל,“ האט ער געזאגט, „וועלכע האבען בעלאַנגט צו דער רעגימענט־קאַסע. איהר האט מיר אָבער געגעבען זעכצעהן טויזענד מיט דרייא הונדערט, דאס איבריגע בעלאַנגט אַלזאָ צו אייך.“

„גוט, גיבט דאס נאָר אהער!“ האט טורבין אויסגעשריען.

איליון האט איהם איבערגערייכט דאס געלד, איהם קוקענדיג שעהמעדיג אין געזיכט. ער האט געעפענט זיינע ליפּען אונד געוואָלט עפּעס זאגען, אָבער דיא טרערען האבען איהם אָנגעהויבען צו לויפען פון דיא אויגען. ער האט אָנגעכאַפּט טורבין׳ס האַנד אונד זיא געדריקט.

„איליושא!“ האט דער גראף געזאגט צום ציגיינער. „נעהמט נאָר אוועק

www.libtool.com.cn


דיזעס געלד, פאר אייך אלע, אונד דאן געהט זיך אייער וועג. אָבער, פאר אלעמען, וויל איך איהר זאָלט מיך נאך בעגלייטען ביז ארויס פון דער שטאָדט."

טורבון האט א וואָרף געגעבען דאס געלד אויף אילי‍ושא'ס גיטאר, אָהנע צו דענקען, אז פון די 1300 רובעל וואס אילין האט איהם געגעבען, דאַרף ער ארונטער נעהמען 100 אונד זייא אָבגעבען זאבאלטשעווסקי'ן.

עס איז שוין באלד געווען 10 אוהר מאָרגענס. די זונן איז אויפגעגאנגען איבער די שפיטצען פון די הייזער אונד אויף די שטראסען האבען זיך געוועהן פיעלע מענשען לויפענדיג הין־אונד־הער. די געשעפטען זיינען געווען געעפענט; עדעללייט אונד טשינאָווניקעס זיינען געפאָהרען אין דראָזשקעס, אונד דאמען זיינען ארום איינקויפען, ווען די ציגיינער, דער איספראווניק, זאבאלטשעווסקי, אילין דער גראף אָנגעטהאָן אין א בערען-פעל מאנטעל אונד א פאאר יונגע לייט, זיינען ארויס פון דעם האָטעל.

עס איז געווען א שעהנער מאָרגען, אָבוואָהל דער שנעע האט זיך שוין אָנ־געהויבען צו שמעלצען. דרייא פאָסט־פערד מיט זייערע עקען צוזאמען געבונדען גאנץ קורץ, האבען געסלאפט אונגעדולדיג מיט זייערע פיס אין דער בלאָטע. זייא זיינען געווען איינגעשפאנט צו דרייא שליטענס, וואוהין די גאנצע קאָמפאניע האט זיך אריין געזעטצט.

טורבין, אילין, סאשקא, איליושא אונד סאשקא דער דיענער, האבען זיך אריי געזעטצט אין ערשטען שליטען; בליכער, האווקענדיג מיט פרייד, איז געלאָפען פאָראויס. די ציגיינער, מענער אונד פרויען, מיט די איבריגע געזעלשאפט, האבען זיך אריין געזעטצט אין די אנדערע שליטענס. דאן האבען די שליטענס אָנגעפאנגען צו געהן, וועהרענד די ציגיינער אונד ציגיינערינס האבען אָנגעפאנגען צו שפיעלען אונד זינגען.

די פערד, אויפגערעגט פון דעם שפיעלען, געזאנג אונד קלינגען פון די גלעקער, האבען אָנגעהויבען צו לויפען אונגעהייער שנעל איבער די גאסען. אלע אנדערע שליטענס האבען זייא געמוזט אויסמיידען, אונד אזוי איז מען ארויס פון דער שטאָדט.

די קויפלייטע אונד בעפעלקערונג, וועלכע האבען געקענט דעם גראף'ס בעגלייטער, האבען געבליקט מיט ערשטוינען צו דיעזער געזעלשאפט, וועלכע האט פערהילכט די שטאָדט מיט ווילדע קולות.

www.libtool.com.cn

אנקומענדיג ארויס פון דער שטאַרט, זיינען זייא נעבליעבען שטעהן אום זיך צו נעזעגנענען. איליץ, וועלכער האט פריהער נעטרונקען א פאאר וואָדקאס אונד עטליכע גלעזער וויין, איז געוואָרען זעהר מרה־שחורה׳דיג אונד געבעטען דעם גראַף ער זאָל נים אוועק פאָהרען. ווען טורבין האט איהם ערקלערט, אז דאס איז אונ־מעגליך, האט איהם דער יונגער מאַן אומארמט, איהם נעקושט אונד ערקלערט, אז ער וועט אלעס מעגליכע טהון מען זאָל איהם טראַנספערירען אין דעם גראַף׳ס החארען רעגימענט. טורבין אליין איז נעוועזן גלאט אויסער זיך פאר פרייד. ער איז ארונטער געשפרונגען פון דעם שליטען אונד מיטגעשלעפט זאבאלטשעווסקי׳ן זעהר אונצערטליך, דאן האט ער איהם אריין נעוואָרפען אין שנעע אונד איהם אָנגע־פאנגען צו וואלגערן.

טורבין׳ס מונטערקייט איז אָבער נאך ווייטער געגאנגען אונד האט בעפוילען זיין הונד בליבער, ער זאָל אָנכאפען דעם איספראווניק בייא א פוס. אלס דער איספראווניק איז אומגעפאלען אין שנעע, האט ער ארום נעכאפט דיא שעהנע סטיאָשקא, זיא געהאלזט אונד געקושט. ווען קיינער האט נים געזעהן, האט זיא זיך שוין געלאָזען ער זאָל אריין לעגען זיין האנד אין איהר בוזים. ער האט זיא געוואָלט מיטנעהמען מיט זיך נאך מאָסקווא, אָבער זיא האט נים געוואָלט פאָהרען.

אלס טורבין האט אָבער בעמערקט, אז עס ווערט גוט שפעט, איז ער אריין געשפרונגען צוריק אין זיין שליטען, אוועק נעשטעלט בליבער׳ן נעבען זיך אונד ערקלערט, אז ער מוז אוועק פאָהרען.

סאַשקא האט צוגערופען זאבאלטשעווסקי׳ן אונד איהם נעבעטען ער זאָל אויפזוכען דעם גראַף׳ס מאנטעל מיט׳ן קאָלנער אונד דאס אָבשיקען נאך מאָסקווא. דאן איז ער אויך אריין אין שליטען.

טורבין האט אויסנעשריען: „טרייב פעסט! שנעלל! הורראַ!״ דאן האט ער ארונטער נענומען זיין הוט, נעלאכט צו זיינע פריינדע, נאך אמאל געשריען, געטריעבען דאס פערד אונד איז פערשוואונדען נעוואָרען פון זיינע בעגלייטער, וועלכע האבען איהם נעוואונשען א גליקליכע רייזע.

www.libtool.com.cn


## צווייטער טהייל.

### 1.

צוואנציג יאָהר זיינען פערשוואונדען, וועהרענד וועלכער צייט א גרויסע מאסע וואסער איז אריין אונד ארויס געפלאָסען פון דעם ים, זעהר פיעלע מענשען זיינען געבוירען געוואָרען, אנדערע זיינען געשטאָרבען, פיעלע זיינען אויפגעוואקסען אונד פיעלע זיינען אלט געוואָרען; אָבער נאך א גרעסערער צאָהל געדאנקען זיינען געבוירען געוואָרען אונד אונטערגעגאנגען; פיעלע אלט־מאָדישע זאכען, עדעלע אונד פערהאסטע, זיינען פערשוואונדען — פיעלע נייע אונד ליעבליכע זאכען האבען פערטרעטען זייער פּלאַטץ, אונד צאָהלרייכע אנדערע זיינען ערשיטערט געוואָרען אונד צערפאלען געוואָרען אין שטיקער.

גראף פעאָדאָר טורבין איז געשטאָרבען שוין א היבשע צייט צוריק — ער איז געפאלען אין א דועל מיט איין אויסלענדער, וועלכען ער האט אמאל געשלאָגען מיט זיין בייטש זייענדיג אויף דער גאס. זיין זוהן, וועלכער איז וויא זיין פאטער, וויא צווייא טראָפּען וואסער, איז שוין א העררליכער אונד שעהנער יונגער מאן פון 23 יאָהר אלט. וואס עס אנבעלאנגט אָבער מאָראליש, איז דער יונגער גראף טורבין ניט גלייך צו זיין פאטער. ער איז פרייא פון דער אויפרעגונג, אויסברעננונג, זויפערייא אונד לומפּערייא וואס זיין פאטער האט בעזעסען מיט א דור צוריק. דער יונגער מאן איז שאַרפזיניג, פעראינטערעסירט מיט אלעמען וואס געהט פאר־געבילדעט, פערנינפטיג אונד זוכט דיא בעקוועמליכקייט, ער פערשטעהט וויא צו פערוועַרטהען אנדערע וואס ווייסען, זיינען ערפאַהרען אונד האבען געזעהן דיא וועלט. אין דע זעלבער צייט, האט ער אָבער אויך ליעב געהאט דיא מונטערקייט אונד פריעהליכקייט, וועלכעס איז איהם איבערגעבליעבען בירושה פון זיין פאטער.

www.libtool.com.cn


ער האט אנגעפאנגען דיא קאריערע פון זיין לעבען אלס אפיציער אין דער גווארדיע, וואו ער האט אויפמערקזאם שטודירט זיין פאך; צו צוויי־און־צוואנציג יאהר איז ער שוין געווארען א גאנצער לייטנאנט. ווען קריעג האט אויסגעבראכען, האט ער איינגעזעהן, אז אום צו קריעגען א העכערן ראנג, איז עס מעהר ראטהזאם זיך בעטהיילינגען אויף'ן שלאכטפעלד, אונד ער האט זיך דערפאר אנגעשלאסען צו א הוזארען רעגימענט, אונד זאפארט אויך ערהאלטען א שטופע העכער אין זיין ראנג. יעדער האט געוואוסט, אז ער האט שוין ניט פיעל צו ווארטען ביז ער זאל ווערען קאמאנדאנט פון א סקאדראן.

אין מאנאט מאי פון דעם יאהר 1848, האט דאס הוזארען רעגימענט פון ס. פאסירט דורך דעם רעגיערונגס־דיסטריקט פון ק., אונד דער סקאדראן, קאמאנדירט טהיילוויז פון דעם יונגען טורבין, האט ערהאלטען דעם בעפעהל צו לאגערן אין מאראזאווקא, א דערפעל וואס בעלאנגט צו אונזער אלטע בעקאנטע אננא פעאדאראוונא.

אננא האט נאך געלעבט, אבער זיא איז שוין אזוי ווייט געשטאנען פון איהר יוגענד, דאס זיא אליין האט מודה געווען, אז זיא איז שוין ניט יונג, אונד פאר א פרויענצימער וואס בעהויפטעט אזוי אליין איבער זיך, איז עס ווירקליך זעהר פיעל. זיא איז געווארען זעהר דיק אונד שווער אין גאנג. אויף איהר פעטעס אונד שעהנעס געזיכט, האבען זיך געזעהען עטליכע טיעפע קארבען. זיא האט זעהר זעלטען בעזוכט דיא שטאדט, ווייל עס איז איהר כמעט אונמעגליך געווען איינצו־שטייגען אין דער ברישקע. זיא איז אבער אונטערדעסען געבליעבען אזוי גוטמיטהיג אונד פרעהליך וויא געוועזן.

מיט אננא פעאדאראוונא, האט געוואהנט איהר טאכטער ליזאנקא, א יונגעס, שטארקעס, אונד זעהר שעהנעס מעדכען פון א יאהר דריי־און־צוואנציג, אונד איהר ברודער, אונזער אלטער בעקאנטער, עקס־סוב־לייטנאנט זאבאלטשעווסקי, וועלכער, נאכדעם וויא ער האט געספענדעט זיין פערמעגען, האט ער אויסגעפונען, אז געבען זיין שוועסטער קען ער ניט פערלוירען געהן. זיינע האאר זיינען אין גאנצען געווען גרוי, זיין ניעדריגע ליפ האט אריבער געהאנגען, אבער זיינע וואנצעס האט ער אימער געהאלטען געפארבט שווארץ. קארבען האבען ניט נאר בעדעקט זיין שטערען אונד באקען, זאנדערן אויך זיין נאז אונד האלזנאקען, אונד זיין רוקען איז געווען שטארק אויסגעבויגען. זיינע שוואכע פיס, געבויגענע פון אמאל, האבען יעטצט אויסגעזעהן וויא איבערגעבראכען אונד זייא האבען נאך קוים אויף זיך געהאלטען זאבאלטשעווסקי'ס קערפער.

www.libtool.com.cn 

אננא פעאָדאָראָוונא׳ס פאמיליע איז געוועז פערזאמעלט אין א קליינעם צימער פון דעם אלטען הויז. דיא טהיר אונד דיא באלקאן פענסטער זיינען גע־שטאנען אָפען נעגען׳איבער איין אלט־מאָדישען אָבער שעהנעם גארטען.

דיא ווירטהין פון דעם הויז איז געוועז אָנגעצויגען אין א קאָלירטען לייכטען מאָרגען־מאַנטעל אונד איז געזעסען אויף א ברייטען שטוהל נעבען א רונדען טיש, וואו זיא האט זיך אונטערהאלטען אין אויסלעגען קארטען אונד זיך דערמאָהנענדיג אן יוגענד ליעבעס. איהר ברודער, אין א פאאר ווייסע הויזען מיט א בלויען רעקעל, איז געזעסען נעבען פענסטער, שטריקענדיג אָדער אויסדרעהענדיג ווייסע וואָל. דיעזע בעשעפטיגונג האט ער זעהר ליעב געהאט אונד ער האט דאס אויסגעלערענט פון זיין שוועסטער׳ס טאָכטער. עס איז אויך געוועז דיא איינציגע זאך וואס האט איהם געקענט בעשעפטיגען אונד אינטערעסירען, ווייל זיינע אויגען זיינען שוין געוועזען שוואך אונד ער האט מעהר ניט געקענט לעזען קיין צייטונג, מיט וועלכען ער האט אמאל ליעב געהאט צו פערברענגען זיין צייט.

אין דערזעלבער צייט האט פימאָטשקא, אננא פעאָדאָראָוונא׳ס אויפ־ערצויגענענעם מעדכען, איינגעשטודירט פאר ליזאנקא׳ן איהר לעקציאָן. ליזאנקא האט דערווייל ניט געוואָלט פערלירען קיין צייט, ווייל זיא האט וועהרענד דעם שנעל בעוואויגען מיט איהרע צווייא האָלצערנע נאָדלען אונד געשטריקט א פאאר זאָקען פאר איהר אָנקעל.

דורך דיא דיק־בעוואקסענע צווייגען פון דיא בוימער, האבען זיך דורכגע־שלאָגען דיא שטראהלען פון דער אונטערגעהענדע זונן, אונד דיא שאטענס האבען פיעבערהאפט געציטערט איבער דעם פענסטער אונד געגרייכט ביז צום טישעל וואו אננא פעאָדאָראָוונא איז געזעסען.

דער גארטען אונד דאס צימער זיינען געוועזען איינגעהיעלט אין אזא רוהיגער שטילקייט, דאס מען האט געקענט דייטליך הערען דאס קלאפען מיט דיא פליגעלעך פון דיא שוועלבעלעך, וועלכע האבען שוין אָנגעפאנגען אויפזוכען זייערע נעסטען אונד זיינען אָפט פארביי געפלויגען נעבען דיא פענסטער. אננא פעאָדאָראָוונא׳ס לייבטע זיפצען אונד דעם אלטען זאכאלטשעווסקי׳ס קליינע הוסטען, האבען צומאל אונטערבראָכען דיא שטילקייט. זאכאלטשעווסקי האט אויך אויסגעזעהן זעהר אונרוהיג אָדער אונגעדולדיג אין זיין ארבייט, ווייל ער האט זעהר אָפט געוואָרפען א פוס איבער א פוס, זיך ערהויבען פון פלאטץ, אונד זיינע בעוועגונגען האבען זיך געקענט הערען.

www.libtool.com.cn

„ליזאנקא!“ האט אננא פעאָדאָראָוונא פלוצלינג אויסגערופען אָבלאזענדיג די קארטען אויף איין אויגענבליק. „וויא אזוי מאכסטו דיעזעם קונסט־שטיק מיט די קארטען? איך קען מיך גאר ניט עראינערן.“

ליזאנקא אָהנע אוועק צו לעגען דעם זאָק פון די הענד, איז צוגעגאנגען ארבייטענדיג אונד זיך איינגעקוקט.

„אה, מאמא!“ האט זיא געזאגט, „דוא האלסט נאך אימער ניט ריכטיג די קארטען וויא איך האב דיר געהייסען.“ דאן האט זיא אבגעוויקעלט די וואָל פון איין האנד, אויסגעלעגט די קארטען אויף איין אנדער ארט, אונד געזאגט:

„יעטצט איז עס ריכטיג. אזוי, דאן מוז אלעס ארויס קומען.“

„ניין, ניין, ליזאנקא!“ האט איהר מוטער זיך געבייזערט. „ניט אזו האסטו מיר געוויעזען. דוא האסט מיך ליעב אָבצונארען אונד דאן זאגסטו, אז איך פערגעס.“

„יא, מוטער, אזוי האב איך דיר אימער געציינט.“

„ווירקליך? דוא נארסט ניט דיין מאמא? אבער, יא, מיר דאכט עס איז שוין צייט צו טרינקען טהעע.“

„יא, אונד איך האב זייא געהייסען אויפשטעלען דעם סאמאָוואר,“ האט ליזאנקא געענטפערט. „איך וועל געהן זעהן וואס זייא טהון דאָרט. זאָלען מיר אריין ברענגען די טהעע אהער אָדער אין צווייטען צימער? ענדיג די לעקציאָן, פימאָטשקא, אונד דאן וועסט געהן מיט מיר.“

ליזאנקא האט נאָר וואס געוואלט פערלאָזען דאס צימער.

„ליזאטשקא! ליזאנקא!“ האט אויסגעשריען איהר אָנקעל בליקענדיג וויא פערצווייפעלט צו זיין ארבייט. „איך דענק, אז איך האב שוין פעראַרבייט אקוראט פערקעהרט. קום אהער, איך בעט דיך, אונד זעה וואס דא איז.“

„באלד, אָנקעל. איך וועל נאָר פריהער אריין ברענגען צוקער.“

מיט דרייא מינוטען שפעטער איז זיא צוריק געקומען, צוגעגאנגען צו זאבאל־טשעווסקי'ן, זיך איינגעקוקט אין זיין ארבייט, אונד דאן האט זיא איהם אָנגענומען בייא איין אויער.

„לאָז מיך אָב! לאז מיך אב, זאג איך דיר!“ האט דער אלטער געשריען. „זעה בעסער וואס דא איז געווארען פון מיין מלאכה. עס זיינען געבליעבען נאָר קניפען.“

ליזאנקא האט ארויס גענומען די וואָל פון זיין האנד, ארויס געצויגען א שפילקע וואס האט געשטעקט אין טיכעל איבער איהר בוזים. דערבייא אבער האט

www.libtool.com.cn

דער ווינט א בלאָז געטהאן דאס אָפען געמאכטע טיכעל אונד אויפגעדעקט א היבשען טהייל פון איהר קלאר־ווייסעם לייב. זיא האט ווידער צוזאמען גענומען דאס טיכעל, איינגעדרעהט ביידע עקען אונד האט אנגעפאנגען אויפצודרעהן מיט דער שפּילקע דאס וואס זאבאלטשעווסקי האט פערדרעהט. דאן האט זיא עס איהם צוריק געגעבען אונד געזאגט:

„אָנקעל! שנעל א קוש פאר מיין ארבייט! ניין, ניין, פריהער א קוש!"

זיא האט צוגעבויגען איהר באַק וואס איז געווען פרישער ווי דיא בלומען אין גארטען, אונד ווידער צושפּיעלענדיג איהר טיכעל מיט דער שפּילקע, האט איהר זאבאלטשעווסקי געגעבען איין איילינגען קוש.

„אומזיכט איז ניטא!" האט זיא געזאגט זיך איינקוקענדיג ווייטער אין זיין ארבייט „ווען איך ארבייט מוז איך בעצאהלט ווערען. אונד יעטצט, אָנקעל, זאג מיר, ווילסטו טרינקען ראָם צו דער טהעע? יא, ריכטיג, ראָם, היינט איז פרייטאג."

דאן איז זיא ארויס פון דעם צימער.

אין א פּאאר מינוטען ארום האט זיך ווידער געהערט איהר שטימע:

„אך, אָנקעל, קום נאָר אהער שנעל וועסטו עפּעס זעהן! הוזארען קומען!"

אננא פעאדאראוונא אונד איהר ברודער זיינען אריין אין צווייטען צימער וואו מען האט געשטעלט טהעע. דיא פענסטער זיינען געווען ארויס צום אָפענעם וועג. פון וויטען האט מען בעמערקט א גרויסען וואָלקען שטויב אונד פון צווישען דעם וואָלקען האט מען געקענט זעהן דיא אוניפאָרמעס פון הוזארען.

„שאדע, שוועסטער," האט זאבאלטשעווסקי געברומט, „וואס אונזער הויז איז אזוי קליין, ווייטער וואלטען מיר איינגעלאדען דיא אָפיצירען זאלען בייא אונז איינשטעהן. הוזארען אָפיצירען זיינען אימער דיא בעסטע אונד פרעהליכסטע יונגען. מיך וואלט עס געפרייט צו זעהן איינינע פון זייא דא מיט אונז."

„מיך וואלט עס אויך געפרייט," האט אננא פעאדאראוונא געענטפערט, „אבער דוא ווייסט דאך, ברודער, דאס ביז מיר וועלען נים פערטיג ווערען מיט צובויען דעם פליגעל צו אונזער הויז, האבען מיר קיין פּלאַטץ פיר געסט. מיר האבען דאס גרויסע שלאף־צימער, וואס קיזאנקא בענעטהינט, אונד דאס זייטען־צימער וואס דוא מוזט האבען. וואו קענען מיר זייא דען אהין טהון?"

www.libtool.com.cn

„זעה, שוועסטער, טראַכט עפּעס וואָס א מיטעל," האָט זיך זאַבאַלטשעווסקי געבעטען:

„איך האָב געהערט, אַז מיכאַיל מאַטוועיעוויטש האָט אויסגעראַמט דעם סטאַראָסטע'ס שטוב פאַר זייא, אונד איך רעכען, אַז דאָס איז גאַנץ גענוג."

„אך, ליזאַנקאַ!" האָט זאַבאַלטשעווסקי געזיפצעט. „מיר וואָלטען פיעללייכט געקענט יעטצט פאַר דיר געפינען א מאַן אונטער דיא בראַווע הוזאַרען!"

„אָבער איך וויל ניט קיין הוזאַר!" האָט ליזאַנקאַ אויסגעשריען לאַבענדיג.

„איך וויל איין אינפאַנטעריסט, דוּא ביסט אויך געוועזען אין דער אינפאַנטעריע, ניט וואָהר, אָנקעל? ניין, איך וויל דיא הוזאַרען ניט קענען, זייא האַלטען זיך ניט בייא קיין זאַך. אך, אָסטיושקאַ! זעה וויא זיא לויפט! לאָמיר זיא פרעגען וואָס זיא האָט געזעהן."

אננאַ פעאָדאָראָוונאַ האָט געהייסען אריין רופען אָסטיושקאַ'ן בעמערקענדיג דערוועיל: „זיא קען זיך קיינמאָל ניט האַלטען בייא דער ארבייט; זיא מוז אימער לויפען זעהען דיא סאָלדאַטען. אַלזאָ, וואו האָט מען איינגעקוואַרטירט דיא אָפּיצירען?" האָט זיא דאַן געפרעגט איהר דיענסט אָסטיושקאַ, וועלכע איז אריין געקומען.

„בייא פרעמקינאַס, מאַדאַם," האָט אָסטיושקאַ ערקלערט. „עס זיינען דאָ בלויז צווייא; אונד, אך, גאָט, זיינען זייא שעהן! מען זאָגט, אַז איינער איז א גראַף."

„וויא הייסט ער?"

„קאַזאַנאָוו, ניין, מיר דאַכט טורבינאָוו; אָבער, ווירקליך, איך קען מיך ניט ערמאַנערן וויא זייא האָבען איהם אָנגערופען."

„דוּא ביסט א נאַרישע גאַנז! וואָס דען ווייסטו יאָ? וויא געדענקט עס ניט א מענש א נאָמען?"

„זאָל איך געהן נאָך אמאָל פרעגען?"

„דוּא זאָלסט געהן? ניין, ניין, דוּא וועסט שוין פערגעסען צוריק צו קומען. בלייב דאָ. דאַנילאַ זאָל געהן. געה ברודער, אונד זאָג איהם ער זאָל געהן זעהן וואָס מיר קענען טהון פאַר דיא אָפּיצירען מיר מוזען זייא געבען אונזער אויפמערקזאַמקייט. זאָג איהם ער זאָל דאָרט דערמאָהנען, אַז מיר האָבען איהם געשיקט."

זאַבאַלטשעווסקי האָט ערפילט זיין שוועסטער'ס אויפטראַג אונד זיך דאַן אוועק געזעצט ביים טיש צו דער טהעע. ליזאַנקאַ איז אריין אין קיך וואו זיא

www.libtool.com.cn


האט צוזאמען גענומען דעם אָנגעהאקטען צוקער אונד אריין געלענט אין א צוקער־פושקע, וועהרענד אָסטיושקא האט אָנגעפאנגען צו רעדען איבער דיא החארען מיט ליזאנקא׳ן.

„דער גראף איז אזוי שעהן!“ האט זיא אויסגעשריען. „ער זעהט אויס ווי א מלאך מיט שווארצע ברעמען. ער וואָלט ווירקליך געפּאסט צו זיין אייער חתן. איהר וואָלט ביידע געוועזן א שעהנעם פּאאר!“

דיא אנדערע דיענסטען האבען צוגעשמייכעלט איינשטימענד. דיא אלטע אמע, וואס האט געשטריקט נעבען פענסטער, האט געזיפצט אונד געמורמעלט א געבעט, גאָט זאל איהר העלפען עס זאָל טאקי אזוי זיין.

„דיא החארען האבען דיך בעצויבערט,“ האט ליזאנקא בעמערקט. „איך ווייס, דוא האסט זעהר ליעב צו ראָמאנסירען. אבער יעטצט, אָסטיושקא, איז ניט דיא צייט דאפיר. געה אונד מאך פערטיג אביסעל סיראָפּ, ווייל מיר דארפען דאס שיקען צו דיא סאָלדאטען.“

דאן האט ליזאנקא גענומען דיא צוקער־פושקע אונד איז ארויס פון דער קיך לאבענדיג.

„איך בין ווירקליך נייגעריג צו וויסען וואס פאר א פערזאָן דיעזער החואר איז,“ האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין. „איז ער ברונעט אונד שעהן? מיר דאכט, אז עס וואָלט איהם ניט באנג געטהאן ער זאל אונז קענען. אבער וואס ניטצט דאס? ער וועט באלד אוועק פון דאנען אונד ער וועט אפילו ניט וויסען אויב איך האב איבער איהם געדענקט. וויפיעלע עס זיינען שוין דאָ פארביי געגאנגען אונד זייא האבען מיך אפילו ניט געזעהן! וואס פאר איין אונטערשיעד איז עס וויא אזוי איך טראג דיא האאר אָדער וואס פאר א מאנשעטען איך האב מיך אנגעצויגען? קיינער בעמערקט מיך גאר ניט.“

ליזאנקא איז געבליעבען שטעהן אונד געגלעט צערטליך איהר איינענע ווייסע דיקע האנד.

„איך דענק ער איז הויך אונד האט גרויסע אויגען,“ האט זיא ווייטער גע־טראכט. „אונד האט וואהרשיינליך שווארצע וואָנצעס. אך, איך בין שוין געוואָרען 22 יאהר אונד קיינער איז נאך אין מיר ניט פערליעבט, אויסער דער געשטופּעלטער איפּאטיש! אונד מיט 4 יאהר צוריק בין איך געוועזן שעהנער וויא יעטצט. מיין יוגענד פערשווינדעט אָהן גליק! דאס איז זעהר טרויעריג. איך בין אומ־גליקליך!“

www.libtool.com.cn

איהר מוטער׳ס שטימע האט זיך דערבייא געהערט אונד אננא פעאדאראוונא האט גערופען איהר טאָכטער אַנצוגיסען טהעע. דאס האט אונטערבראָכען ליזאנקא׳ס פאנטאזירען. זיא האט געשאָקעלט מיט איהר שעהנעם קאָפּ אונד איז אריין שנעל אין צימער.

עס איז א בעמערקונגסווערטהער פאקט, אז אין אזא ארט לעבען, פּאסירען דיא בעסטע זאכען מייסטענטהיילס נאָר דורך א צוטרעפונג. וואס מעהר יעמאנד בעמיהט זיך אומצוקעהרען דאס שיקזאל לוים נאך זיין ווילען, אלץ מעהר לאָזט זיך אוים פערקעהרט. אין דיא קליינע שטעדטלעך אָדער דערפער, וויא דיא עלטערן בעמיהען זיך אם וועניגסטען צו געבען זייערע קינדער א גוטע ערציהונג, גראדע דאָרט זיינען דיא קינדער מייסטענטהיילס גערעטענע. דאס איז אויך געווען דער פּאל מיט ליזאנקא׳ן. אננא פעאדאראוונא, וועלכע איז געווען בטבע זעהר נאכלעסיג אונד דערצו שטארק אונגעבילדעט, האט איהר טאָכטער געלאזען זעהר וועניג שטודירען. זיא האט איהר ניט געדונגען קיין לעהרער זיא צו אונטערריכטען אין מוזיק אונד פראנצויזיש — א שפּראכע וואס איז אין דער מאָדע אין רוס־לאנד.

טראָטץ דער מוטערליכער נאכלעסינקייט, איז ליזאנקא געווען איינעם פון ריעזע מערכען בעשאָנקען מיט דער בעסטער מתנה פון דער נאטור—פּאָלקאָמענע געזונדהייט. איין אַמע אונד א דיענסט האבען זיא ערצויגען; פאר איהר געמאכט קאָלירטע קליידלעך אונד שעפּסען־פעל שיבלעך, אונד דאן האט מען זיא אָבגע־לאָזען אומוואנדערן גאנצע טעג זוכען יאגדעס אונד ארום לויפענדיג אין וואלד. א גלח האט מיט איהר נאכהער געלערענט לעזען אונד רעכענען. צום 16טען יאהר איז זיא געוואָרען א פּאָלשטענדיגעם פריילין, א ליעבענדע טאָכטער אונד א גרויסע ווירטהין אין הויז.

אננא פעאדאראוונא׳ס גוטע נאטור, האט זיא ניט געשטערט צו ערציהען אין הויז קליינע מיידלעך, דיא טעכטער פון ארעמע בויערן, אָדער גלאט אַוועק געוואָרפענע קינדער; אונד ליזאנקא, זייט זיא איז אלט געווארען 10 יאהר, האט זיא אכטונג געגעבען אויף זייא, זייא געלערענט לעזען, דאן שטריקען אונד אויך איינגעשטודירט וויא זיך צו בענעהמען געגען עלטערע מענשען. זיא האט אונטער־דעסען אכטונג געגעבען אויף איהר אלטען אָנקעל, וועלכער האט נאך בענעטהיגט מעהר אויפמערקזאמקייט וויא א קינד. דיא בויערן ווידער, ווען עס האט זייא עפּעס וועה געטהאן, זיינען זייא געגאנגען צו ליזאנ׳ א׳ן גיכער וויא צו א דאָקטאָר, אונד זיא האט זייא געגעבען טהעע, קאמפאָר, בראנפען א. ז. ג.

www.libtool.com.cn


מיט דער צייט איז דיא גאנצע פיהרונג פון הויז איבערגענאנגען אין איהרע הענד, אונד ליזאנקא האט אונטערדרעסען געפונען צייט צו לעזען אונד בעוואונדערן דיא שעהנע נאטור. אויף דיעזער ארט איז זיא אויסגעוואקסען, אונד איז געוואָרען א טהעטיגעס, גוטעס, שעהנעס, אונאבהענגיגעס אונד ריינעס פרויענצימער. עס איז וואהר, דאס מאנכע מאל האט זיא מקנא געווען דיא גרויסע לוקסוס־קליידער פון אנדערע פרויענצימער, וועלכע פלעגען זייא בעשטעלען בייא דיא שניידערס פון ק ; עס איז וואהר, דאס זיא האט ניט נאָר איינמאל געוויינט איבער דיא נארישע קאפריזען פון איהר מוטער, וועלכע האט זיך ליעב געהאט צו קריעגע. זייט זיא איז אלט געוואָרען ; אונד איבערהויפט, האט עס זיא זעהר געערגערט וואס איהרע טרויטערייען פון ליעבע ווערען ניט פערווירקליכט — אָבער דאס אלעס איז באלד פערגעסען געוואָרען אין איהר געזונדער טהעטיגקייט ארום הויז אונד אין הויז. ווען זיא איז אלט געוואָרען 22 יאָהר, איז זיא געווען א פרויענצימער, פאָל־קאָמען אין דער שעהנהייט פון איהר זעעלע אונד פאָלקאָמען אין דער שעהנהייט פון איהר קערפער.

ליזאנקא איז געווען פון מיטעלער וואוקס אונד עטוואס דיק. איהרע אויגען זיינען געווען בלוי אונד איהרע האאר זיינען אריבער געהאנגען אין דיקע צעפ איבער איהרע ברייטע שולטערן. ווען זיא איז ניט געווען בעזאָרגט, האט מען געקענט לעזען אויף איהר געזיכט אונגעפעהר דיעזע ווערטער : „דאס לעבען איז זיס אונד אנגענעהם פיר דיעזע וואס האבען ריינע הערצער צום ליעבען אונד א ריינעם גע־וויסען אָהן פאָרווירפע.“

זאָגאר דאמאלס ווען זיא איז געווען בעזאָרגט, ווען איהרע אויגען האבען געשוואומען אין טרערען, אָדער איהרע ליפען זיינען געווען פעסט צוזאמען געדריקט פון ערגערניס, האט זיך ניט געלאָזט גלויבען, אז אויף אזא פאָלקאָמענעם געזיכט קען זיך לעגען א וואָלקען פון וואהרען טרויער אָדער שמערץ.

2.

אבוואָהל דיא זונן איז שוין באלד געווען אונטערגעגאנגען, איז עס נאך אימער געווען זעהר ווארעם אין מאראָזאָווקא. אויף דעם ברייטען שטויבינען וועג האבען זיך אבגעשטעלט מאנכע קיה וואס האבען צוריק געקעהרט פון פעלד אונד אָנגע־פאנגען צו מריקען. אלטע בויערן מיט זייערע ווייבער אונד קליינע קינדער, האבען זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטען וועג אונד געקוקט צו דיא הוזארען. אין מיטען

www.libtool.com.cn


פון א דיקען וואָלקען שטויב, האבען זיך ריא סאָלדאטען אבגעשטעלט אונד דיא פערד האבען געקלאפט אונגעדולדיג מיט זייערע פאָדקאָוועס אונד געהירזשעט. אין פראָנט פון דעם סקאדראָן זיינען געזעסען צוויא אָפיצירען אויף צוויא זעהר גוטע פערד. איינער פון זייא איז געוועזען קאָמאנדאנט, גראף טורבין; דער אנדערער, זעהר יונג, וועלכער איז נים לאנג געוואָרען סוב־ליײטנאנט, האט געטראגען דעם נאמען פאלאָצאָוו.

א הוזאר, אין א זשאקעט וויים פון שטויב, איז ארוים פון א גרויסער שטוב, אונד ארונטער נעהמענדיג זיין היטעל, איז ער צוגעגאנגען צו דיא אָפיצירען.

„וואו וועלען מיר איינשטעהן?" האט איהם דער גראף געפרעגט.

„דא, עקסעלענץ, ביים סטאראָסטע," האט געענטפערט דער סאָלדאט, יועלכער איז אויך געוועזען דער קווארטיר־מייסטער. „ער האט נאר וואס ריין גע־מאכט זיין הויז דאפיר. איך האב פראָבירט פאר אייך צו געפינען א קווארטיר ביים פאָמעססטשיק, אָבער, וויא עס שיינט, האט ער פאר אייך קיין פלאטץ ניט, אונד ער אליין האט מיר אויך אזוי געזאגט."

„גוט, גוט," האט דער גראף געענטפערט אונגעדולדיג שנעל ארונטער שפרינגענדיג פון זיין פערד אונד אויסגלייכענדיג זיינע פיס. „איז שוין מיין דראָשקע אנגעקומען?"

„יא, עקסעלענץ, זיא איז שוין אָנגעקומען," האט געענטפערט דער קווארטיר־מייסטער צייגענדיג מיט זיין היטעל צו א דראָשקע פון דער וויימען.

טורבין איז דאן שנעל צוגעגאנגען צו דער שטוב, וואו עס זיינען געזעסען אין פראָנט דעם בויער'ס גאנצע פאמיליע קוקענדיג צו דיא אָפיצירען. אין זיין איילעניש, שנעל צו עפענען דיא טהיר פאר דיא אָפיצירען, האט זיך דער קווארטיר־מייסטער אָנגעשלאגען אן איין אלטע פרוי. ער האט זיך אָבער אפילו נים אומגעקוקט, ואנדערן ער האט דיא אלטע אבגעשטויסען מיט זיין רוקען אונד זיך אוועק געשטעלט גראד, אום דיא אָפיצירען זאָלען דורכגעהן.

דאס צימער איז געוועזען ציעמליך גרויס, אָבער נים זעהר ריין. א דייטש, וועלכער איז געוועזען א דיענער, אנגעצויגען וויא א לאָרד, האט געהאלטען אין אויפ־שטעלען איין אייזערנעם בעט. אלס ער איז פערטיג געוואָרען דערמיט, האט ער אנגעפאנגען אויסצופאקען דעם גראף'ס בעט־געוואנט אונד צובערייטען דאס בעט.

www.libtool.com.cn


„וואס פאר איין אבשייליכער פלאַמץ!“ האט טורבין אויסגעשריען מיט פערדרוס. „הער אוים דיאַדענקא, קענסטו ניט פאר מיר געפינען עפּעס א בעסערן קוואַרטיר? קען אונז ניט דער פּאַמעסטשיק אריין געהמען צו זיך?“

„ווען אייער עקסעלענץ בעפעהלט, האט דיאדענקא געענטפערט, „וועל איך געהן, אָבער איך ווייס ניט אויב איך וועל עפּעס ווירקען.“

„צום טייפעל מיט דער גאנצער געשיכטע!“ האט טורבין געמורמעלט. „זאָל שוין זיין אזוי. דוא קענסט געהן.“

דער גראַף האט זיך דאן אריין געוואָרפען אין בעט, לעגענדיג זיינע הענד אונטער זיין קאָפּ אונד איז אזוי געבליבען ליעגען שטיל א קורצע צייט.

„יאָהאַן!“ האט ער דאן געזאגט צו זיין דייטשען דיענער. „וואס האסטו עפּעס אָנגעלעגט דאָ אין מיטען בעט? איך קען דארויף ניט ליעגען. ווען וועסטו דיך שוין אויסלערנען בעטען וויא עס געהערט צו זיין?“

יאָהאַן איז צוגעלאָפען פעררייכטען זיין פעהלער.

„זאָל שוין זיין וויא עס איז,“ האט טורבין געזאגט. „ברענג מיר יעטצט מיין הויז־מאַנטעל.“

דער דיענער האט איהם שנעל דערלאנגט דעם מאַנטעל, אָבער איידער טורבין האט איהם אָנגעטהאן, האט ער בעטראכט דעם מאַנטעל פון אלע זייטען.

„זעה, דאָ! דוא האסט נאָך דעם פלעק ניט ארויס גענומען!“ האט טורבין ווידער געשריען. „אום גאָטעס ווילען! האט מען עס נאָך געזעהן אין דער גאנצער וועלט א מענש זאָל אזוי שלעכט בעדיענט ווערען וויא איך! מיר דאַכט, אז דוא טהוסט עס אבזיכטליך נאָר מיך צו ערגערן. איז שוין פערטיג טהעע?“

טורבין האט אונטערדעסען אָנגעצויגען דעם מאַנטעל.

„איך האב נאָך קיין צייט ניט געהאט פּאַרצובערייטען טהעע,“ האט יאָהאַן געענטפערט.

„אידיאָט!“

דער גראַף האט דאן גענומען א פראַנצויזישען ראָמאַן אונד אָנגעפאנגען צו לעזען, אונד אויף דיעזער אַרט האט ער זיך אַמוזירט א היבשע צייט. יאָהאַן איז ארויס פון צימער אום פּאַרצובערייטען טהעע.

ער האט פערשטאַנען, אז זיין הערר איז ניט גוט געלוינט, אונד ער האט זיך

www.libtool.com.cn

**דאס** ערקלערט, אז עס קומט פון צופיעל אויפרעגונג, מיעדקייט אונד **שטויב**, וויא אויך דיא ענגע אוניפארמע וואס האט איינגעצוויגען זיין לעדיגען מאָגען.

„יאָהאַן!“ האט טורבין פלוצלינג אויסגעשריען אוועק לעגענדיג דעם ראמאן. „קום נאָר אהער אונד זאג מיר וואס עס איז געוואָרען פון דיא 10 רובעל. וואס האסטו געקויפט אין שטאָדט?“

טורבין האט זיך דערוויילט דערמאָהנט אן דיא פערשיעדענע ארטיקלען וואס זיין דיענער האט בעדארפט קויפען.

„ברענג מיר פריהער אביסעל ראָם צו דער טהעע,“ האט ער געזאגט.

„איך האב ניט געקויפט קיין ראָם פיר דער טהעע,“ האט **יאָהאַן** גע־ענטפערט.

„דוא האסט ניט געקויפט קיין ראָם? ניין, ווארום? וויפיעל **מאל האב** איך דיר אָנגעזאגט, אז איך דארף ניט בלייבען אָהן קיין ראָם פיר **דער טהעע**?“

„איך האב ניט געהאט גענוג געלד דאפיר.“

„ווארום אלזאָ האסט פאָלאָצאָוו ניט געקויפט? **דוא האסט דאָך געקענט באָרגען** עפעס געלד פון זיין דיענער.“

„איך ווייס ניט — אָבער, ער האט געקויפט טהעע מיט צוקער.“

„אוועק פון דאנען, אידיאָט! דוא ביסט דער איינציגער מענש וואס **ברענגט** מיך ארויס פון מיין געדולד. דוא ווייסט זעהר גוט, דאס ווען איך בין אויף'ן וועג מיט דיא סאָלדאטען, מוז איך האבען ראָם צו דער טהעע.“

„דאָ האט איהר צוויי בריעף, עקסעלענץ, וועלכע זיינען נאָר וואס אָנגע־קומען,“ האט דער דיענער געזאגט.

דער גראף, וועלכער איז נאך אימער געלעגען אויף'ן בעט, האט געעפענט דיא בריעף אונד זייא אָנגעפאנגען צו לעזען. גראדע צו דיעזער צייט, איז אריין דער יונגער סוב־לייטענאנט אין צימער. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א פרעהליכע מיענע. ער האט זיין אבטהיילונג סאָלדאטען שוין געהאט איינגעקווארטירט.

„אלזאָ, טורבין,“ האט ער אָנגעפאנגען, „דוא זעהסט אויס צו זיין זעהר בעקוועם דאָ. עס איז זעהר ווארעם אונד איך בין שרעקליך מיעד.“

„בעקוועם!“ האט טורבין אויסגעשריען. „א שעהנער בעקוועם! עס שטינקט אין יעדען ווינקעל, אונד דיר האב איך עס צו פערדאנקען וואס איך **האב יעטצט** ניט קיין ראָם! דיין דומער דיענער האט ניט געקויפט אונד **מיינער האט ניט קיין** ראָם. דוא **האסט** איהם בעדארפט אָנזאגען ער זאָל קויפען.“

www.libtool.com.cn

פּאַלאַצאָוו האט זיך ניט בעקימערט פיעל אום דעם וואס ער האט גע־זאגט, אונד נאכדעם וויא ער האט נאך עפּעס געשפּראָכען, איז ער ארויס אונטער־דעסען צו הערען ווארום עס איז קיין ראָם ניטאָ.

„ווארום האסטו קיין ראָם ניט געקויפט?" האט דער סוב־לייטנאנט גע־פרעגט זיין דיענער. „דוא האסט דאך געהאט גענוג געלד?"

„ווארום זאלט איהר אימער בעצאהלען דערפאר?" האט איהם דער דיענער געפרעגט. „איך קויף אויסער דעם גענוג אנדערע זאכען, אונד דער דייטשער דומ־קאָפּ רויבערט דעם גאנצען טאג דיא לולקע."

טורבין'ס צווייטער בריעף האט איהם אויסגעזוכען צו פעראינטערעסירען, ווייל לעזענדיג, האט ער געשמייכעלט.

„פון וועמען איז דאס?" האט פּאלאצאוו געפרעגט ווידער אריין קומענדיג אין צימער.

„פון מינא'ן," האט דער גראף געענטפערט מונטער, איבערדרייענדיג דעם בריעף צו דעם יונגען אָפיציר. „ווילסטו איהם לעזען? זיא איז זעהר א ליעבעם פרויענצימער! זיא איז ווערטה וויא צעהן פון אונזערע מיידלעך. וויפיעל וויטץ אונד שארפזינן זיא צייגט אין דיעזען בריעף. דאס איינציגע בלויז וואס איז ניט גוט אין בריעף איז דאס וואס זיא וויל געלד."

„יא, דאס איז זעהר אונאנגענעהם," האט איינגעשטימט דער סוב־לייטנאנט.

„עס איז אמת," האט טורבין געזאגט, „איך האב איהר פערשפּראָכען עפּעס געלד, נאָר ווער האט זיך גערעכנט, אז אין מיטען דריגען וועל איך מחען געהן אין לאגער? יעדענפאלס, וועל איך איהר זעהן שיקען עפּעס. איז זיא ניט ליעבענס־ווירדיג?"

„דער בריעף איז זעהר שלעכט געשריעבען," האט פּאלאצאוו בעמערקט, „אבער זעהר ליעבענסווירדיג. איך דענק ווירקליך, אז זיא ליעבט דיך."

„איך דענק אויך אזוי. הערסטו פּאלאצאוו, ווען אזעלכע פרויענצימער ליעבען, איז צו זייא קיין גלייבען ניטאָ."

„אונד פון וואנען איז דער צווייטער בריעף?"

„א דומהייט. פון עפּעס א חברה־מאן, וועלכען איך בין שולדיג א סומע געלד קארטען־שפּיעלען. דאס איז שוין דאס דריטע מאל וואס ער דערמאָהנט מיך מיין זהרען־שולד. וועבע איך קען איהם ניט בעצאהלען. זאל ער געהן צום

www.libtool.com.cn 

נאך דיעזען געשפרעך איז אריין געבראכט געווארען טהעע, וועלכען דיא אפיצירען האבען געטרונקען אָהן ראַם. פאלאצאוו, וועלכער האט אויסגעזעהען צו שטעהן פאַלקאמען אונטער טורבין׳ס איינפלוס, האט אויפמערקזאם שטודירט זיין פריינד׳ס בעטריבטעס אונד אונרוהיגעס געזיכט. ער האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען אונד געשוויעגען.

צו דיעזער צייט איז ערשיענען אננא פעאָדאראוונא׳ס דיענער, דער אלטער דאנילא. ער האט זיך עהרווירדיג פערבויגען, אונד זיך דערמאָהנענדיג אָהן א גראף טורבין וואס איז געווען אין ק., האט ער געפרעגט:

„מיין ווירטהין, אננא פעאדאראוונא האט מיך בעאויפטראגט צו פרעגען אייער עקסעלענץ, אויב איהר זייט דער זוהן פון גראף פעאדאר איוואנאָוויטש טורבין. מיין ווירטהין האט דיעזען גראף אמאל זעהר גוט געקענט.“

דאס איז געווען דערזעלבער דאנילא, וועלכער האט אמאל אין א נאכט אָנ־געטריעבען דיא ברימשקע, וואס האט אוועק געפיהרט אננא פעאראוונא מיט דעם אלטען גראף טורבין אין איהר וואָהנונג פון ק.

„יא,“ האט דער יונגער גראף טורבין געענטפערט. „ער איז געווען מיין פאטער. זאג דיין ווירטהין, אז עס פרייט מיך זעהר וואס זיא פרענט זיך נאך איבער מיר, אבער איך פערלאנג גאר ניט. אָבער ווארט, זאג איהר, אז איך וואלט איהר זעהר דאנקבאר געווען צו וויסען אויב איך קען ניט אירגענדוואו געפינען א בעסערן קווארטיר, אין איהר הויז אדער אויף איין אנדערן פלאטץ.“

„וואס האסטו געזאגט?“ האט איהם פאלאצאוו געפרעגט נאכדעם וויא דאנילא איז אוועק. „קענען מיר דאָ ניט איבערנעכטיגען איין נאכט? שטעל דיר נאָר פאָר דיא מיה וואס בעקאנטע מענשען וועלען זיך מוזען געבען!“

„איך קען ניט אויסהאלטען פון דיעזער פערפעסטעטער אונד רויכיגער שטוב! דוא ביסט זעהר אונפראקטיש ווען מיר קענען געפינען איין אנשטענדיגען קווארטיר, ווארום זאלען מיר איהם ניט אקצעפטירען? וואס איז דער אונטערשיעד פון איין נאכט ביז מעהרערע? דומהייטען, זייא וועלען ניט האבען קיין מיה; אין געגענ־טהייל, עס וועט נאך פרייען דיעזע קליינשטעדטעלדיגע מיט אונז צו פערברענגען. עס איז בלויז איין זאך וואס מיך ערגערט, אונד דאס איז, וואס דיעזע פרוי האט געקענט מיין פאטער. איך פיהל אימער אביסעל אונאנגענעהם ווען איך בעגעגען מענשען וואס האבען געקענט מיין פאפא שוין ניט רעדענדיג פון דיא סקאנדאלעזע געשיכטען, ערשיינט כמעט יעדעס מאל א בעל־חוב, בייא וועלכען מיין פאפא האט

www.libtool.com.cn  

נעליהען נעלד, אונד דערפאר מייד איך בעסער אוים זיינע בעקאנטע. אָבער, ווי דיא זאך איז, וויל איך האָפען, אז מיר וועלען דאָ קיין בעלי־חובות ניט געפינען."

„יא, איך האב דיר גאר פערגעסען צו דערצעהלען," האט פלוצלינג געזאגט פּאַלאַצאָוו. „לעטצטענס האב איך בעגעגענט דעם בריגאַדער־גענעראל איקין. ער האט מיר געזאגט, אז ער וואָלט דיך זעהר געוואָלט זעהן. מיט איהם, זעהסטו איז שוין איין אנדער פאַל. ווען ער רעדט פון דיין פאטער, זעהט ער אוים איהם צו פערגעטערן."

„דיעזער אַלטער איִלִן איז ווירקליך כמעט זיין איינציגער בעוואונדערער. דעם אמת זאגענדיג אָבער, שעהם איך מיך, ווען איך הער דיא געשיכטען איבער מיין פאטער. עס שיינט, אז דאמאלס איז געווען אזא מאָדע. איך האב אבער א גאנץ אנדערע טבע. איך בין ניט אזא ענטהוזיאסט וויא ער איז געוועזן. מען דערצעהלט דיא ווילדעסטע געשיכטען איבער איהם. עס איז אמת, מיין פאטער איז געווען זעהר א פעהיגער מענש, אָבער אין אונזערע צייטען, נכויב איך קוים אויב ער וואָלט געקענט עקזיסטירען, יעטצט איז א גאנץ אנדערע וועלט."

מיט א פיערטעל שטונדע שפּעטער, איז ווידער ערשיענען דער אלטער דאנילאָ אונד געזאגט דעם גראף, אז דיא פּאָמעסטשיצע האט איהם געבעטען ער זאָל אזוי גוט זיין אונד קומען צו איהר דאָרט צו פערברענגען דיא נאכט.

3.

ווען אננא פעאָדאָראָוונא האט ערפאהרען, אז דער יונגער חוזארען־אָפיציר איז ווירקליך גראף טורבין'ס זוהן, האט זיא קוים געקענט איינהאלטען איהר גע־דולד איהם צו זעהן.

„לויף אזוי שנעל צוריק, דאנילא, וויא דיינע פים קענען דיך טראגען, אונד זאג איהם, אז איך וויל אונבעדינגנט ער זאל אהער קומען!" אננא פעאָדאָראָוונא האט דאס געזאגט אין א גרויסער אויפרעגונג. דאן האט זיא זיך געווענדעט צו דיא דיענסטען:

„ליזאנקא! אָסטיושקא! מיר מוזען האבען אייער צימער. ליזאנקא, דוא וועסט שלאָפען אין אָנקעל'ס צימער; אונד דוא, ברודער, וועסט שלאפען אין פראָנט־צימער: יא, יא, בלויז פיר דיעזער איינער נאכט."

„געוויס, געוויס, שוועסטער'ל; איך וועל שלאָפען סאַ־וואו דאס איז."

www.libtool.com.cn

„ער מוז זיין זעהר א שעהנער יונגער מאן, ווען ער איז נאָר עהנליך צו זיין פאַ־טער,“ האט אננא פעאדאראוונא בעמערקט זעהר ערפרייט. „איך מוז זעהן דעם יונגען מאן! דוא זאָלסט איהם אויך זעהן, ליזאנקא! זיין פאטער איז געוועזן זעהר א שעהנער מענש! אָבער וואוהין שלעפסטו יעטצט דעם טיש? כאָז איהם שטעהן, ברענג אהער אריין א פאאר בעטען. באָרג איין בעט ביים שכן. דאן זאָלסטו ניט פערגעסען אויפצושטעלען דיא קריסטאלענע לייכטער, וואס מיין ברודער האט מיר געגעבען אלס פרעזענט צו מיין געבורטס-טאג. שטעל דיא לייכטער אויף׳ן קליינעם טישעל, וועט דאס אויסזעהן אביסעל אנשטענדיגער.“

אלע נעטהיגע איינריכטונגען זיינען שנעל געמאכט געווארען. ליזאנקא זעלבסט האט איינגעריכטעט דאס צימער פאר דיא צווייא אָפיצירען, אונד זיא האט ניט נעלאָזען איהר מוטער זאָל זיך דערצו מישען. זיא האט אויסגעשפרייט ווייסע ליילעכער, דורכגעשפריטצט מיט קאָלאָן־וואסער אויף דיא בעטען, געהייסען אריין ברענגען לייכטער מיט ליכט אויף׳ן טיש, אוועק געשטעלט א גלאָז מיט פרישע בלומען, אויסגערויכערט מיט פארפומירטעם פאפיר דאס צימער פון דיא דיענער, אונד איבערגעטראגען איהר איינענעם בעט אין איהר אָנקעל׳ס צימער.

אננא פעאדאראוונא האט זיך נאכהער בערוהיגט אונד זיך אוועק געזעטצט צוריק אויף איהר שטוהל. זיא האט זאגאר נאך געדולד געהאט וויעדער אויסצו־לעגען איהרע קארטען, אָבער עס איז ניט פיעל פאָראיבער ביז זיא האט אָנגעשפארט איהר קאָפ אויף איהר דיקער האנד אונד האט אויסגעזעהן זיך צו פערלירען אין טיעפע געדאנקען.

„וויא דיא צייט פליהט אונד פערשווינדעט!“ האט זיא געמורמעלט צו זיך זעלבסט זיפצענדיג. „איז עס מעגליך, אז עס איז ווירקליך שוין אזוי לאנג זייט דאמאלס? מיר דאכט, אז איך זעה איהם נאך גראדע וויא ער שטעהט נאך פאַר מיינע אויגען. ער איז געוועזן דער שענסטער אונד פרעהליכסטער מאן אין ד..ר וועלט.“

טרערען האבען אָנגעפאנגען צו לויפען פון איהרע אויגען.

„מיין גאָט! אונד ליזאנקא איז שוין א פאָלשטענדיגעם פרויענצימער!“ האט זיא ווייטער געמורמעלט. „אָבער, זיא איז ניט דאס וואס איך בין געוועזן אין איהרע יאָהרען. זיא איז שעהן, ווירקליך שעהן, אָבער דאך ניט דאס — ליזאנקא! דוא מוזט דיר היינט אבענד אָנציהען דאס אויסגעשניטענע זיידענע ווייסע קלייד!“

www.libtool.com.cn

„ווילסטו מיר זאָלען מיט זייא פערברענגען צוזאַמען, מוטער?“ האט ליזאנקא געפרעגט וויא ערשראָקען. עס האט אויסגעזעהן, אז זיא האט זיך געשפּירט אונ־געהייער אויפגערעגט פון דער אידעע. „איך דענק, מוטער, אז דוא זאָלסט זייא לאָזען אליין אין זייער צימער.“

דיא וואהרהייט איז, דאס טראָטץ דעם וואס אננא פעאָדאָראָוונא האט גע־ברענט מיט פערלאַנגען צו זעהן גראף טורבין׳ס זוהן, האט זיא אָבער אונטערדעסען געציטערט פאר דער אידעע, טאָמער וועלען דיא אָפיצירען פערפיהרען איהר טאָכטער.

„ניין, ניין,“ האט זיא זיך אונטערדעסען געטראַכט, „ליזאנקא איז אין דיעזער בעציהונג ניט אזוי וויא איך בין געווען; זיא וועט זיך ניט לאָזען...“

„יא, ליזאנקא,“ האט זיא דאן געזאגט הויך, „געוויס וועלען מיר מוזען אביסעל פערברענגען צוזאַמען. וואס פאר א פּנים וועט עס האבען ווען איך לאד זייא איין אונד מיר זאָלען זיך גאר ניט פאָרשטעלען פאר זייא?“

זיא האט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו ליזאנקא׳ן, אָנגעפאַנגען צו גלעטען איהרע האאר אונד געזאגט: „מיין קינד, איך וויל זעהר דוא זאָלסט גליקליך זיין...“

אננא פעאָדאָראָוונא האט אָנגעפאַנגען צו וויינען איבערפיללט מיט צערטליכע געפּיהלע צו איהר טאָכטער. זיא האט געוואָלט זעהען ליזאנקא׳ן גליקליך, זיא האט זיך אָבער פּלוצלינג דערמאָהנט אן דיא קורצע מאָמענטען פון פערגניגען וואס זיא האט פערבראַכט מיט דעם גראף, וויא ער איז נאכהער אוועק אונד זיך אפילו ניט געלאָזען הערען, אונד זיא האט געשווידערט. פיר זיך אליין, איז דאס געווען גאנץ גוט, אָבער פאר איהר טאָכטער, האט זיא דאס ניט געוואָלט.

דער אַלטער זאַבאַלטשעווסקי איז אויך געווען אביסעל אויפגערעגט איבער דער אנקונפט פון דיא אָפיצירען, איבערהויפּט האט איהם אויפגערעגט דער יונגער גראף טורבין. דיא אורזאכע דערפון, האט ער ניט געקענט וויסען. ער איז אריין אין זיין צימער אונד פערשלאָסען דיא טהיר. מיט א פערטעל שטונדע שפּעטער, איז ער ערשיענען אין איין הוזארען אוניפאָרמע פון דיא אַלטע צייטען.

זיין געזיכט האט אונטערדעסען געטראָגען א מיענע פון בעהאלטענער פרייד, גראדע וויא א יונגעס מעדכען וואס ציהט אָן צו ערשטען מאל איהר באלל־קלייד.

www.libtool.com.cn

ער האט נאָר וואס געוואָלט אריין געהן אין צימער פאַרבערייטעט פיר דיא געסט. דאן איז ער געבליעבען שטעהן אונד וויא געוואָלט אויסציהען זיין איינגעבויגענעם קערפער.

„איך מוז אריין געהן זעהן וויא דיא היינטיגע הוזארען זעהן אויס," האט ער געמורמעלט צו זיך אליין. „דער פערשטאָרבענער גראף איז געווען א ריכטיגער הוזאר!"

דיא צוויא אָפיצירען זיינען שוין געווען אין זייער צימער.

מורבין, אָהנע זיך אפילו ארונטער צו נעהמען זיינע פערשטויבטע שטיוועל, האט זיך אריין געוואָרפען אין בעט פאַרבערייטעט פאר איהם, אונד אויסגעשריען ערפרייט:

„איז דאס ניט בעסער וויא יענער פערפעסטעטער לאָך?"

„יא, אָהנע צווייפעל" האט פּאָלאָצאָוו געענטפערט, „אונד מיר דארפען ווירקליך דאנקבאר זיין דיא גוטע לייטע דאפיר."

„דומהייטען!" האט מורבין געענטפערט. „ווארום זאָלען מיר זייא דאנקען? זייא האבען אויך פערגניגען פון אונז, אונד אזוי זיינען מיר קוויט. יאָהאן! געה נאָר עפּעס פערלאַנגען מען זאָל דאָ פערמאכען דאס פענסטער, וויל מיר וועלען האבען ביינאכט א צוג-ווינט אונד מיר קענען זיך נאך פערקיהלען."

צו דיעזער צייט איז דער אַלטער זאבאלטשעווסקי אריין אין צימער, מיט דער אבזיכט זיך צו בעקענען מיט דיא אָפיצירען. ער האט אנפאנגס ניט געוואוסט וואס צו זאגען, אָבער פּאסענדיג מוטה, האט ער אָנגעפאנגען צו ערצעהלען, אז ער איז געווע‌ דער בעסטער פריינד אונד קאמעראד פון דעם פערשטאָרבענעם גראף. ער האט אויך געזאגט, אז דיא פריינדשאפט אונטער זייא ביידע, איז געווען אָהן א גרענעץ. דאן האט ער דערצעהלט, דאס מורבין האט איהם מעהרערע טובות געטהאָן, אונד וועהרענד דעם, האט ער זיך דערמאָהנט, אז ער האט איהם געליהען הונדערט רובעל, וועלכע ער האט קיינמאל ניט צוריק געעריעגען, דאס ער האט איהם שענדליך בעליידיגט אונד געוואלגערט אין שנעע. אָבער דאס, נאטירליך האט ער ניט געוואָלט דערצעהלען.

דער יונגער גראף איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג צו דעם אַלטען אונד האט איהם הערצליך געדאנקט פאר דער פריינדליכער אויפנאהמע.

„איך האף איהר וועט אונז ענטשולדיגען," האט זאבאלטשעווסקי געזאגט, „ווען ניט אלעס איז אין בעסטער אָרדנונג. מיין שוועסטער'ס הויז איז ניט זעהר

www.libtool.com.cn


גרויס; מיר וועלען באלד זעהן פערזאָרגען א פּאַרהאַנג פאַר דיעזען פענסטער; איך גלויב אלעס וועט דאַן זיין ריכטיג."

אונטער דעם אויסרייד צו געהן פערזאָרגען א פּאַרהאַנג, איז זאַבאַלטשעווסקי ארויס פון דעם צימער. דיא וואהרהייט איז אָבער געווען, דאס ער האט געוואָלט מיטהיילען צו זיין שוועסטער אונד איהר טאָכטער, דעם איינדרוק וואס דיא אָפּיצירען האבען איבער איהם געמאַכט.

צו דיעזער צייט איז ערשיענען אָסטיושקא, דאס שעהנע דיענסט־מערבען. מיט א שאָל וואס איהר בעל־הבית'טע האט איהר געגעבען אום צו פערהייננגען דאס פענסטער. זיא האט פערהאנגען דאס פענסטער אונד געפרעגט אויב דיא הערען ווינשען צו טרינקען טהעע. דיא בעקוועמליכקייט פון דער נייער לאָזשיע, האט געהאט א גוטען איינדרוק איבער טורבין'ס שטימונג. ער האט געשמייכעלט מונטער צו אָסטיושקא'ן; דאן איז ער צו איהר צוגעגאנגען, זיך מיט איהר געררייצט אונד זיא אזוי געקיצעלט, אז זיא האט איהם געזאגט, ער זאָל זיך „אביסעל שעהנער בענעהמען." דאן האט ער זיא געפרעגט, אויב איהר ווירטהין איז שעהן אונד בעמערקט, אז ער וויל טרינקען טהעע, אונד אויב אבענד־ברויט איז ניט פערטיג, זאָל מען איהם פערזאָרגען מיט אביסעל וואָדקא, עפּעס צו עסען, אונד אויב עס איז דערצו דאָ אביסעל וויין, איז גאר גוט.

זאַבאַלטשעווסקי איז געווען אויסער זיך מיט דעם איינדרוק וואס דער יונגער טורבין האט אויף איהם געמאכט. ער האט בעהויפּטעט, אז אויב דער אלטער דור איז עפּעס געווען, איז דער יונגער דור געוויס דיא פּאָלקאָמענהייט אליין. מיט איינעם וואָרט, ער איז געווען איבערצייגט, אז דיא היינטיגע מענשען זיינען איינפאבע מלאכים. אננא פּעטראָוונא האט אונטערדרעסען דערצו ניט געוואָלט איינשטימען. זיא איז געווען איבערצייגט, אז אזעלכע מענשען וויא דער פערשטאָרבענער גראף טורבין איז געווען, זיינען נאך ניט געבוירען געוואָרען, אונד זיא איז שטארק בעז געווארען אויף זאבאלטשעווסקי'ן, ווען ער האט איהר ניט געוואָלט צו געבען.

„לויט נאך דיין מיינונג, ברודער," האט זיא געזאגט אביסעל אויפגערעגט, „איז אימער דיעזער מענש דער בעסטער, וועלכען דוא האסט געזעהן אם לעטצטען. עס איז מעגליך, אז דיא מענשען זיינען היינטיגע צייטען קליגער וויא מען איז אמאל געווען, אָבער דוא וועסט מיר ניט איינרעדען, אז יעמאנד קען נאך אזוי טאנצען א שאטישע וויא גראף פּעטראָר טורבין האט געטאנצט; קיין היינטיגער קען זיין

www.libtool.com.cn

אזוי אנגענעהם וויא ער איז נעוועזן. נערענקסטו וויא אלע יונגע ווייבער אונד מיידלעך האבען זיך ארום איהם געדרעהט ? אבער ער האט זיך אום קיינעם ניט אזוי בעקימערט וויא אום מיר. איבעריגענס, זיינען אין יענע צייט מיין איך, געוועזן גראדע אזעלכע קלוגע לייט מיט שעהנער בענעהמונג וויא יעצט."

דאן האט מ ; אנגעצייגט, אז דער יונגער גראף האט פערלאנגט וואדקא, עפעס עסען אונד אביסעל וויין.

„דוא בעקימערסט דיך קיינמאל ניט אום נעטהיגע זאכען!" האט אננא פעאדאראוונא אויסגעשריען צו איהר מאכטער. „אבענד־ברויט האט שוין בעדארפט פערטיג זיין. ליזאנקא, מיין קינד, נעה, איך בעט דיך אונד זעה אלעס זאפארט בעזארגען."

ליזאנקא איז שנעל אוועק אין קיך וואו זיא האט בעזארגט איינגעזאלצענע שוועמלעך מיט פרישע פוטער, אונד געהייסען דער קעכין שנעל פערטיג מאכען פרישע קאטלעטען.

„וואס הערט זיך מיט דעם וויין ?" האט אננא פעאדאראוונא געפרעגט. „איז דיר נאך עפעס איבערגעבליעבען, ברודער ?"

„ניין, שוועסטער ; איך האב גאר ניט געהאט."

„ניט געהאט ? איך פערשטעה ניט, וואס דען טרינקסטו מיט דעם טהעע ?"

„ראם, אננא פעאדאראוונא."

„מיר דאכט, אז דאס איז אויך גוט. גיב זייא פון דיין ראם, זייא וועלען צופריעדען זיין. פיעללייכט וואלט עס נאר בעסער געוועזן זייא איינצולאדען מיט אונז צו טיש ? איך רעכען ניט, אז זייא וועלען זיך געפינען בעליידיגט. יא, יא, ברודער, לאמיר זייא איינלאדען."

דער אלטער האט געענטפערט, אז ער איז זיכער, דאס דיא יונגע אפיצירען וועלען געווים אקצעפטירען דיא איינלאדונג, אונד ערקלערט, אז ער געהט זייא אליין רופען.

אננא פעאדאראוונא איז דאן אוועק זיך אנציהען איהר דיקעס זיידענעס קלייד אונד איהר נייע הויב. ליזאנקא איז געוועזן אזוי שטארק בעשעפטיגט, אז זיא האט אפילו קיין צייט ניט געהאט איבערצוּוועקסלען איהר גרויסען רויטען כאלאט מיט דיא גרויסע אונד ברייטע ארבעל. זיא איז אויך געוועזן אויפגערעגט. זיא האט געשפירט, אז עטוואס אונערווארטעטעס וועט פאסירען, אונד גראדע וויא עפעס

א ניעדריגער אונד דונקלער וואָלקען האט זיך אויפגעהויבען פאַר איהרע אויגען.

דיעזער אדעליגער אונד שעהנער הוזאר איז איהר ערשיענען אלס א גאַנץ נייע זאַך אין איהר לעבען, אונפערשטענדליך אונד אנציהענד. זיין באַראַקטער, זיינע בענעהמונגען, זיין שפּראַכע אונד אַלעס אַרום איהם, איז איהר ערשיענען וויא א נייע ענטדעקונג פון וועלכען זיא האט ביז דאמאלס גאר ניט גע־וואוסט.

זיא האט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דיא פאָלקאָמענהייט אליין, אונד אַלעס וואס ער זאגט אונד דענקט, מוז זיין פערנינפטיג אונד ריכטיג; אַלעס וואס ער זאָל בענערן, מוז אונבעדינגט זיין, אונד — זיין גאַנצע פערזאָן האט אויפגעקאָכט איהר אונשולדיגעס בלוט. ליזאַנקא האט זיך אין אַלגעמיינעם קיינמאל ניט אַזוי געשפּירט ביז דאמאלס.

ווען דער גראף אנשטאט צו פערלאַנגען וואָדקא, עסען אונד וויין, וואָלט פערלאַנגט א פּאַרפומירטע באַד, וואָלט דאס יונגע מעדכען זיך גאר ניט געשפירט ערשטוינט אָדער אין דעם געפינען עפּעס א פעהלער. זיא איז געווען איבערציינט, אַז דער יונגער קאָמאַנדאַנט, האט גאר ניט געקענט טהון עפּעס אַנדערש וואס איז ניט ריכטיג.

טורבין האט נאַטירליך גלייך אָנגענומען דיא איינלאַדונג וואס אננא פּעאָ־דאָראָוונא האט איהם געשיקט דורך איהר ברודער. ער האט זיך פערקאַמט זיינע האאר, אונד נעהמענדיג זיין מאַנטעל מיט זיין ציגארעטען־פּושקע, האט ער זיך אומגעווענדעט צו פּאָלאָצאָוו׳ן אונד געזאגט:

„דוא געהסט דאָך אויך, ניט וואהר?“

„איך רעכען מיר זאָלען ניט געהן,“ האט פּאָלאָצאָוו געענטפערט אויף פראַנ־צויזיש, „מיר וועלען זייא פעראורזאַכען גרויסע שטערונגען.“

„דומהייטען! אין גענענטהייל,“ האט טורבין געזאגט אויך אין דערזעלבער שפּראַכע, „עס וועט זייא מאַכען דאס גרעסטע פערגניגען אונז צו זעהן. אויסער דעם האב איך נעהערט, אַז דיא יונגע דאַמע פון הויז, איז זעהר א שעהנע. קום נאָר, לאָמיר זיך אביסעל אונטערהאַלטען.“

„קומט, מיינע העררען,“ האט זאבאַלטשעווסקי געזאגט אויך פּראַנ־צויזיש.

דיא צווייא יונגע אָפּיצירען האבען זיך אנגעקוקט ערשטוינט אונד אויס־געזעהן אין א גרויסער פערלעגענהייט, הערענדיג, אַז מען האט זייא פערשטאַנען.

www.libtool.com.cn 

## 4.

ליזאנקא׳ס געזיכט איז געוועזן רויט. אונד איהרע אויגען האט זיא **ארונטער** געהאלטען צו דער ערד, ווען דיא אָפּיצירען זיינען אריין אין צימער. זיא האט אויסגעזעהן שטארק פערטי׳פט אָנגיסענדיג דעם סאמאָוואר, אבער אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, האט זיא גלאט וויא מורא געהאט אויפצוהויבען איהרע אויגען אָנקוקען דיא הוזארען.

אננא פעאדאראוונא וויעדער, איז שנעל אויפגעשטאנטען, זיך פערנייגט, אונד אָהנע ארונטער צו נעהמען איהרע אויגען פון דעם גראף׳ס געזיכט, האט זיא איהם אָנגעפאנגען צו דערצעהלען פון דער גרויסער עהנליכקייט וואס ער טראגט צו זיין פערשטאָרבענעם פאטער. דאן האט זיא איהם פאָרגעשטעלט פאר איהר טאָכטער, אונד זיא זעלבסט האט איהם מכבד געוועזן מיט טהעע, איינגעמאכץ אונד היימישען מאַרמאָלאד (ראהאט.)

קיינער האט ניט אויסגעזעהן צו שענקען פּאָלאצאוו׳ן דיא מינדעסטע אויפמערקזאמקייט. ער האט זיך אבער זעלבסט גראטולירט דאריבער, ווייל דאס האט איהם געגעבען דיא אונגעשטערטע געלעגענהייט אונד פרייהייט, זיך איינצוקוקען אין ליזאנקא׳ס געזיכט, אונד ער איז ווירקליך געוועזן נאך מעהר וויא איבערראשט פון איהר שעהנהייט.

דער אלטער אָנקעל, זיך צוהערענדיג צום געשפּרעך צווישען זיין שוועסטער אונד דעם גראף, האט ער יעדעס מאל אויפגעזוכט עפּעס איין איינגעבילדעטע געשיכטע, זיא צו דערצעהלען אלס א קוריאָזיטעט פון דער פערגאנגענהייט.

טורבין האט גערויכערט זיין ציגארעטע, וועהרענד ער האט געטרונקען טהעע, אונד ליזאנקא האט זיך צוריק געהאלטען מיט אלע איהרע כוחות זיא זאל ניט הוסטען פון דעם שטיקענדען רויך. דער יונגער גראף האט אויסגעזעהן צו האבען פערגניעגען פון דער געזעלשאפט אונד ער האט געשפּראכען וויא א גוטער אלטער בע אנטער. ער האט זיך דערפאר ערלויבט מעהרערע מאל צו אונטערברעכען אננא פעאדאראוונא, אונד ער האט אויסגעזעהן נאר אליין צו רעדען. צייטענווייז, איז ער אריין געפּ לען מיט א וואָרט, וואס איז געוועזן צו גראָב אונד צו פרייא פאר דער געזעלשאפט אין וועלכער ער האט זיך געפונען. אננא פעאדאראוונא האט דאן אויסגעזעהען איבערראשט אונד ליזאנקא איז רויט געווארען אויף׳ן גאנצען געזיכט.

www.libtool.com.cn


טורבין האט אבער אונטערדעסען ניט אויסגעזעהן צו בעמערקען דעם איינדרוק פון זיין שפּראַכע, ער האט קאַלטבלוטיג פאָרטגעזעטצט זיינע ערצעהלונגען אונד שילדערונגען. ליזאנקא האט שטילשווייגענד אַנגעגאָסען טהעע, אונד אנשטאט צו דערלאנגען דיא גלעזער צו יעדען גאסט אין דער האנד, האט זיא זייא בלויז אוועק געשטעלט גאנץ נאהענט פון יעדען איינעם. זיא איז נאך אימער געווען אויפגערעגט אונד איבערראשט אונד האט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צום גראף׳ס שפּראַכע.

זיין פאַמיליאַריטעט אונד מונטערע שילדערונג, האט לאנגזאם בערוהיגט דאס מעדכען אונד זיא האט ווידער צוריק געקריגען איהר האלטונג. זיא האט אונטערדעסען ניט געהערט דיא פערנינפטיגע בעמערקונגען פון דעם גראף וויא זיא האט זיך פריהער פאָרגעשטעלט, אונד זיא האט אויך ניט ענטדעקט אין זיין קערפּער דיא פאָלקאָמענהייט איבער וועלכער זיא האט פריהער פאנטאזירט.

אלס זיא האט איהם איבערדרייכט דאס דריטע גלאָז טהעע, האט זיא געוואנט איהם צו קוקען אין דיא אויגען; ער האט זיין בליק פון איהר ניט ארונטער גענומען, אונד צו איהר געקוקט מיט א שמייכעל, ווערהענד ער האט געשפּראָכען. דאן האט זיא געשפּרט אביסעל פיינדשאפט אין איהר אונשולדיגער ברוסט צו איהם, אונד זיא איז באלד געווען פון דער מיינונג, אז ער איז גאר ניט פערשיעדען פון אלע אנדערע מענער וואס זיא האט ביז דאמאלס קענען געלערענט. איבערהויפּט, האט זיא זיך געטראַכט, איז אין איהם גאר ניטאָ פאר וואס מען דארף מורא האבען. זיא האט גאר ניט געקענט זעהן אין איהם, אויסער זיינע ווייסע פינגער אונד גוט אָבגעפּוצטע נעגעל — דאס איז געווען דיא איינציגע אויסנאהמע.

ליזאנקא האט זיך דאן פאָלשטענדיג בערוהיגט. זיא האט אָבער אונטערדעסען געשפּירט גלייך וויא זיא וואָלט עפּעס פערלוירען, דאמיט וואס זיא האט אין דעם יונגען גראף ניט ענטדעקט דאס וואס זיא האט זיך פאָרגעשטעלט.

אין דערזעלבער צייט האט זיא אָנגעפאנגען צו שפּירען דעם דורכדרינגענדען בליק אויף איהר פון דעם יונגען סוב-לייטנאנט פּאָלאָצאוו. זיא האט אומגעווענדעט איהרע אויגען אונד איהם בעטראַכט.

„פּיעללייכט איז ער עס גאר דער פאָלקאָמענער,“ האט זיא זיך געטראַכט, אונד ניט דער גראף.“

www.libtool.com.cn 

5.

נאכדעם וויא מען איז פערטיג געוואָרען מיט טהעע טרינקען, האט אננא פעאָדאָראָוונא אריין געפיהרט איהרע געסט אין א צווייטעס צימער אונד זיך אוועק געזעטצט אויף איהר בעקוועמען שטוהל.

„פיעללייכט וועט איהר געהען רוהען, גראף?“ האט זיא געפרעגט. „איהר זייט וואהרשיינליך מיעד אונד מיר שטערען אייך?“

„אָה, ניין,“ האט ער געענטפערט, „אין געגענטהייל, איך האב דאס גרעסטע פערגניגען מיט אייך צו פערברענגען.“

„וואס זאָל איך טהון אום אייך צו אמוזירען, מיינע טהייערע פריינדע?“ האט אננא פעאָדאָראָוונא וויטער געפרעגט. „שפּיעלט איהר אין קאַרטען, גראף? דוא וועסט אויך מיטשפּיעלען, ברודער, ניט וואהר?“

„וועסטו אויך שפּיעלען, אננא?“ האט זאבאלטשעווסקי געפרעגט. „ווען אזוי, דאן שפּיעלען מיר אלע צוזאמען. וואס זאגט איהר, גראף, אונד איהר, מיין הערר?“

דיא אָפיצירען האבען זיך ערקלעהרט בערייט צו טהון אירגענד עטוואס וואס מען פערלאנגט פון זייא. כיזאנקא איז אוועק אין איהר צימער אום פון דאָרט צו ברענגען דיא קארטען מיט וועלכע זיא פלעגט אָפט וואָרפען אין גורל, אום צו זעהן אויב איהר מוטער וועט אויפהערען צו הוסטען, אויב איהר אָנקעל וועט באלד צוריק קומען פון דער שטאדט, אָדער אויב דיא שכנה וועט זייא קומען בעזוכען. זיא האט געהאט דיעזע קארטען שוין זייט אייניגע מאנאט, אָבער זייא זיינען געווען ריינער אלס דיעזע וואס איהר מוטער האט בעזעסען.

„הערט אויס, מיינע הערען,“ האט זאבאלטשעווסקי אָנגעפאנגען, „פיעל-לייכט אינטערעסירט אייך ניט צו שפּיעלען אויף קליינע סומען? אננא פעאָדאָראָוונא אונד איך, שפּיעלען אימער אויף האלבע קאָפּיקעס אונד זיא געווינט.“

„אח ניין, עס מאכט ניט אויס, אירגענד א סומע וועט אונז פערגאַנטעווע-סירען,“ האט טורבין געענטפערט.

„דאן וועלען מיר שפּיעלען אויף גאנצע קאָפּיקעס, צוליעב אונזערע געסט. איך בין זיכער, אז זייא וועלען געווינען בייא אזא אלטע וויא איך בין,“ האט אננא פעאָדאָראָוונא בעמערקט לאַבענדיג, זיך געזעצט אויף א צווייטען ברייטען שטוהל נעבען טיש.

www.libtool.com.cn


אננא פעאדאראוונא, זייט זיא האט אָנגעפאנגען עלטער צו ווערן, האט זיא בעקומען א געוואלטיגען חשק צו שפּיעלען, אונד זיא האט זיך געשפּירט ערפרייט פון דער געלעגענהייט. זיא האט אויך זעהר געוואָלט געווינען.

„זאָל איך אייך צייגען דעם שפּיעל פרעפעראַנץ־מיזער?" האט דער גראף געפרעגט. „עס איז זעהר אמוזירענד."

פרעפעראַנץ־מיזער, איז דאמאלס געווען א שפּיעל שטארק אין דער מאָדע אין אלע אריסטאָקראטישע הייזער פון סט. פּעטערסבורג, אונד יעדער איז געווען צופריעדען פון דעם גראף׳ס פאָרשלאג. דער אלטער זאבאלטשעווסקי האט בע־הויפּטעט, אז ער קען דעם שפּיעל זעהר גוט, ווייל ער האט איהם נאך געלערענט אין דיא אלטע צייטען. ער איז אָבער נים זיבער געווען, אויב ער געדענקט אלע רעגעלען. אננא פעאדאראוונא האט גאר ניט פערשטאַנען דערפון, אונד עס האט גענומען א היבשע צייט ביז דער גראף האט איהר ערקלערט דיא איינצעלהייטען אונד זיא האט געשמייכעלט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, אז זיא פערשטעהט דאס פאָלקאָמען.

וויא מען האט אָבער אָנגעפאנגען צו שפּיעלען, האט אננא פעאדאראוונא אונטערדעסען בעוויעזען, אז זיא האט פערשטאַנען דעם שפּיעל אַקוראַט פערקעהרט. מען האט אָנגעהויבען צו לאכען, אונד זיא האט געמוזט צוגעבען, אז מען דארף איהר נאך אמאל וויזען וויא צו שפּיעלען. גראף טורבין האט ניט געהאט דאגענען אונד איהר געצייגט. נאָר אזוי וויא דער שפּיעל פרעפעראַנץ־מיזער פאָרדערט א לאַנגע־איבונג אונד א גוטע געדולדיגע איבע־לעגונג, האט זיא אָנגעפאנגען צו פער־שפּיעלען איינס נאך אנאנדער. איהר פערלוסט, וויא דיא רעגעל איז, האבען דיא מיטשפּיעלער פערשריעבען אין ציפערן.

גראף טורבין האט אָבער געצייגט, אז ער איז גוט געניט אין פרעפעראַנץ־מיזער וויא אויך אין אויסרעכנען דיא פערדיענסטען, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער וויל נים פערשטעהען דיא בליקען מיט דיא וואונקען פון סוב־לייטנאַנט פּאָלאָצאָוו, ער זאָל נים אזוי ווייט טרייבען דיא ווירטהין פון הויז צו פער־לוסט.

„הער אויף!" האט דאן פּאָלאָצאָוו געמורמעלט איהם ציהענדיג בייא איין ארבעל. „לאָז דיינעם זאָל איבערגעהען. דיא ארמע פרוי ערגערט זיך צום טויט."

טורבין האט נים געענטפערט.

www.libtool.com.cn

ליזאנקא האט דערוויל אריין געבראכט מארמעלאד, דרייערלייא מינים אייך־געמאכץ אונד געזייערטע עפעל. ראן האט זיא זיך אוועק געשטעלט נעבען איהר מוטער אונד צוגעזעהן דעם שפיעל. זיא האט אָבער אונטערדעסען געוואָרפען שנעלע בליקען צו דיא אָפיצירען, איבערהויפט צום גראף, וועלכער האט מיט זיינע ווייסע פינגער אונד שעהנע נעגעל, אזוי קונסטפאָל אויסגעטהיילט דיא קארטען. ליזאנקא האט זיך אָבער אויך געמערקט, אז דער גראף האט שוין געמוזט האבען גענוג ער־פאהרונג אין קארטען, אום צו קענען אזוי גלייכגילטיג זיטצען אונד אזוי געשיקט אומגעהן מיט זייא.

אָבער אננא פעאדאראָוונא האט זיך ניט לאנג געקענט בעהעררשען. זיא איז אויפגערעגט געוואָרען, אונד וועלענדיג צוריק געווינען וואס זיא האט שוין פער־לוירען, האט זיא געוועטט אויף גרעסערע סומען, אָבער זיא האט אויף דיעזער ארט דרייא מאל נאך אנאנד פערלוירען. ווען איהר ברודער האט איהר געזאגט זיא זאָל פערצייכנען איהר פערלוסט, איז זיא געווען אויסער זיך פאר צאָרן.

„אָה, מוטער,“ האט ליזאנקא געזאגט פראָבירענדיג צו בערוהיגען איהר אויפרעגונג. „דאס מאכט ניט אויס ; ווארט נאָר ווארט, דו וועסט באלד אלעס צוריק געווינען. דיא שיקזאלס־ראָד מוז זיך אומדרעהן.“

ליזאנקא׳ס שטימע האט געבראכט אננא פעאדאראָוונא צום שכל. זיא האט געוואָרפען א נערוועזען בליק אויף איהר טאָכטער אונד געזאגט :

„אך, ליזאנקא ! דו מוזט מיר ארויס העלפען. זעה, איך האלט אין איין פערלירען.“

„אָבער מוטער,“ האט ליזאנקא געענטפערט בליקענדיג דערוויל אויף דיא ציפערן צו זעהן וואס איהר מוטער האט פערלוירען, „איך האב מורא, אז איך קען דיר נאָר ניט העלפען. איך פערשטעה נאָר ניט דעם גאנצען שפיעל. יעדענפאלס גלויב איך אָבער, אז דאָ מוז מען ניט זיין איבערראשט. רוהע אונד איבערלעגונג שפיעלט דערבייא א גרויסע ראָלע.“

„אָבער וואס זאָל איך טהון ?“ האט אננא פעאדאראָוונא געפרעגט פער־צווייפעלט.

ליזאנקא האט זיך אומגעקוקט אונד בעמערקט דאס אונרוהיגע געזיכט פון סוב־לייטנאנט פאָלאָצאָוו. אום זיך ניט לעכערליך צו מאכען מיט איהר מוטער צוזאמען, האט זיא געזאגט לאכענדיג :

„שפיעל אויפמערקזאם, זאָנסט וועסטו פערשפיעלען דאס גאנצע געלד אתּה דו וועסט ניט האבען צו קויפען א נייעם קלייד פאר פּימאָטשקאַ׳ן.“

www.libtool.com.cn


„יא, יא," האט דער סוב־לייטנאנט בעמערקט בליקענדיג צו ליזאנקאץ מיט רעם וואונש ער זאל מיט איהר קענען מעהר רעדען. „און דיעזען שפּיעל קען מען זעהר לייכט פערלירען אפילו צעהן רובעל."

„אבער מיר שפּיעלען דאך אויף באנק רובעלס?" האט אננא פעאָדאָראָוונא געפרעגט בליקענדיג ארום טיש מיט איין ערשראָקענער מיענע. א באנק רובעל האט דאמאלס פיעל וועניגער ווערטה געהאט וויא א רעגיערונגס־רובעל.

„איך וויים ווירקליך ניט אויף וואס מיר שפּיעלען," האט טורבין געענטפערט. „וויפיעל איז דען יעטצט א באנק רובעל?"

„ניין ניין, מען שפּיעלט ניט אויף קיין באנק רובעלס יעטצט," האט זאבאל־טשעווסקי בעמערקט, וועלכען עס האט אויסגעזעהן צו שפּיעלען דאס גליק.

אננא פעאָדאָראָוונא האט אָנגעהויבען אביסעל צו פערשטעהן, אז זיא מאכט זיך לעבערליך. זיא האט דאן געהייסען ברענגען שאמפּאניער, אונד אום זיך צו מאכען מעהר מוטה, האט זיא אליין געגאָסען אין זיך עטליכע גלעזער פון דיעזער משקה אונד האט זיך אָבגעלאָזען צום שיקואל פון שפּיעל.

א פלעכטעל האאר איז ארוים געקראָכען פון אונטער איהר הויב, אָבער זיא האט זיך ניט בעקימערט דארום אום עס וויעדער צו ברענגען אין ארדנונג. אין זיך האט זיא געשפּירט, גלייך וויא זיא וואָלט פערלוירען מיליאָנען אונד איז פּאָלקאָמען רואינירט געוואָרען.

פּאָלאָצאָוו האט געריסען טורבינען ביים ארבעל נאך מעהר וויא פריהער; ער האט איהם אויך געטרעטען אויף'ן פוס אונד אונטערגעמורמעלט. אָבער דער גראף האט אויסגעזעהן זיך ניט צו בעקימערן. ער האט פּאַרטנעזעטצט מיט זיין פערשרייבען פּינקטליך אלעס וואס דיא געערנערטע פּרוי האט פערלוירען.

אננא פעאָדאָראָוונא האט אויסגעזעהן וויא אין א פיעבער, אונד פּאָלאָצאָוו האט אונטערבראָכען דעם שפּיעל, ערקלערענדיג, אז עס איז גענוג. אננא פעאָ־דאָראָוונא האט דאן געפרעגט וויפיעל זיא האט פערלוירען. דיא אונטערשטע שורה האט געלויטעט 920 פּונקטען.

„דאס בעטרעפט אלזאָ," האט זיא געזאגט ציטערענד, „9 רובעל מיט 20 קאָפּיקעס — באנק רובעלס, ניט וואהר?"

„ניין, שוועסטער," האט זאבאלטשעווסקי געזאגט, „דוא האסט א טעות. מיר האבען געשפּיעלט אויף א גרעסערער סומע. דוא האסט פערלוירען 92 מיט א האלבען רובעל."

www.libtool.com.cn


אננא פעאָדאָראָוונא האט אויסגעזעהען צו וועלען אויסשרייען אדער חלש'ן.
זאבאלטשעווסקי איז צו איהר צוגעגאנגען אונד איהר איינגעראמט אין אויער:
„מאך דיך ניט צום נאַר, נעהם אונד בעצאַהל דאס געלד."

דער גראף האט זיך אונטערדעסען אויפגעהויבען פון דעם טיש אונד איז צו־געגאנגען צום פענסטער וואו ער האט זיך איועק געזעטצט גאנץ אונבעקימערט איבער דעם וואס עס איז געשעהען. ליזאנקא האט זיך דערווייל בעשעפטיגט אין ארויף ברענגען אויף'ן טיש קאלטעס פלייש מיט געזייערטע שוועמלעך. טורבין האט זיך אומגעקוקט צו ליזאנקא'ן, אונד אנשטאט דעם וואס פאָלאָצאָוו האט געזוכט מיטלען וויא אָנצופאנגען מיט איהר א געשפרעך, האט ער אָהן צערעמאניע, מיט איהר גלייך אָנגעהויבען צו רעדען. אנפאנגס האט ער געמאכט א בעמערקונג איבער דעם וועטער, אונד דאן איז שוין קיין שטערונג געווען נאך צו רעדען.

אין דערזעלבער צייט האט זיך פאָלאָצאָוו געפונען אין זעהר איין אונגענעהמער לאגע. אננא פעאָדאָראָוונא איז געווען וויטהענד אונגעשטערט, נאכדעם וויא דער־גראף איז שוין ניט געווען ביים טיש אונד ליזאנקא האט זיא ניט ערמונטערט צו ערטראגען איהר פערקוסט מיט געדולד.

„עס טהוט מיר זעהר לייד," האט פאלאצאוו געזאגט פערווירט. „איך בין זיכער, אז מיר זיינען געווען דיא אורזאכע פון אייער ערגערניס, אונד דאס שמערצט מיך זעהר."

„איך בין זיכער. אז איהר האט אליין אין גאנצען אויסגעטראכט דעם שפיעל! איך האב קיינמאל פון איהם ניט געהערט!" האט אננא פעאָדאָראָוונא אויסגעשריען זעהר אונהעפליך. „וויפיעל האב איך פערלוירען אין באנק רובעל? זאגט עס מיר, איך מעג וויסען!"

„צוויא אונד דרייסיג מיט א האלבע," האט זאבאלטשעווסקי געענטפערט מיט א שמייכעל, הנאה האבענדיג פון זיין אייגענעם געווינס. „בעצאַהל דאס געלד שוועסטער'ל, בעצא ל."

„יא, איך וועל בעצאַהלען, אָבער דוא מענסט זיכער זיין, אז דאס איז דאס לעטצטע מאל וואס דוא קריגסט ארויס פון מיר געלד אויף אזא אופן."

אננא פעאָדאָראָוונא איז דאן אריין אין איהר שלאף־צימער. ווען זיא איז ארויס געקומען, האט זיא נאר מיטגעבראכט 9 רובעל. אבער זאבאלטשעווסקי האט איהר ערקלערט שטילערהייט, אז זיא דארף „קיין חזיר ניט זיין," ניט מאכען חוזק פון דיא „הויכע געסט," אונד בעצאהלען דיא גאנצע סומע. זיא איז צוריק געגאנגען

www.libtool.com.cn 

שטילשוויינענד, מיט דער מיענע וויא איינער נעהט צו דער תליה, אונד ארויס נער בראכט דיא גאנצע סומע.

פאלאצאוו האט מורא נעהאט, אז אננא פעאדאראוונא וועט איהם בעליידיגען, ווען ער וועט וואגען עפעס צו רעדען. ער האט בעסער געשוויעגען. אויף דיעזער ארט האט ער זיך רוהיג צוריק געצויגען צום פענסטער, וואו טורבין אונד ליזאנקא זיינען געזעסען.

צווייא ליכט זיינען געשטעלט נעוואָרען אויף'ן עסס־טיש אונד זייערע פלאמען זיינען געפאכט געוואָרען פון דעם ווארעמען מאי־ווינטעל וואס האט אריין געבלאזען דורך'ן פענסטער. דער גארטען האט געשוואומען אין א מילדעם לבנה־ליכט פער־טרונקען מיט זילבערנע שטראהלען. דיא לבנה האט אויסגעזעהען אין גאנצען ווייס אונד נעבען איהר האבען זיך געשיפט לייכטע אונד דיקע וואלקענדלעך, וועלכע האבען וויא צויבערהאפט געשוועבט אין טיעפען בלויען הימעל. פון ווייטען האט זיך געהערט דער קאָנצערט פון דיא דזשאבעס אין טייכעל, אונטערבראָכען צייטענווייז פון דיא רויב־פויגלען געשרייען אויף דיא בוימער. צווישען דיא צווייגען אין גארטען האבען יעדעס מאל פארביינעפלאטערט פלעדער־מייז אונד צערשלאגען דעם פארפום־גערוך פון דיא בלעטער.

„וואס פאר א הערליכער אבענד!“ האט דער גראף אויסגעשריען ענטציקט צו ליזאנקא'ן.

דאן האט ער זיך אָנגעשפארט מיט זיין עלענבויגען אויף'ן פענסטער אונד ארויס געשטעקט טיעפער דעם קאָפּ אום עס זאָל אויף איהם מעהר בלאזען דער אנגענעהמער ווינט.

„איך גלויב,“ האט ער ווייטער געזאגט צו דער מעדכען, „אז איהר שפאצירט ארום גענוג?“

„יא“ האט ליזאנקא געענטפערט,“ שוין ניט מעהר שפּירענדיג זיך נערוועז אין זיין געזעלשאפט. „איך געה אויס יעדען פריהמאָרגען אום 7 אוהר אום אלעס פארצובריימען פאר'ן הויז. איך נעהם אימער מיט פימאטשקא'ן, מיין מוטער'ס אויפגעצויגענע טאָכטער.“

„דאס דארף לעבען איז זעהר אנגענעהם,“ האט טורבין בעמערקט זיך בעסער בעפעסטיגענד זיינע ברילען אויף דער נאָז, אונד בליקענדיג אָבוועקסקענד אין גארטען אונד אויף ליזאנקא'ן. „געהט איהר אמאל שפּאצירען אבענד, בייא דעם מילדען ליכט פון דער לבנה?“

www.libtool.com.cn

„יעטצט ניט מעהר; פריהער פלעג איך עם טהון מיט מיין אָנקעל, ווען מיר האבען אָפט שפאצירט ביים לבנה־ליכט. ער האט געליטען פון א מין קראנקהייט וואס מען קען ניט שלאָפען; מען רופט עס אינסאָמניא. ווען דיא לבנה האט גע־שיינט, האט ער בשום אופן ניט געקענט צו מאכען זיינע אויגען. דערצו איז דאס פענסטער פון זיין צימער זעהר ניעדריג, אונד ווען דיא לבנה שיינט, איז דאס גאנצע ליכט אין דיעזען צימער."

„דאָן איז דיעזעס צימער ניט אייערעס?" האט דער גראף נעפרעגט.

„ניין; עס איז נאָר מיינעס הייטע אבענד: דער אָנקעל שלאפט אימער דאָ. הייטע אבענד שלאָפט איהר אין מיין צימער."

„ווירקליך? דאן וועל איך מיר קיינמאל ניט קענען פערצייהען וואס איך האב אייך אזוי געשטערט." בייא דיעזע ווערטער האט דער גראף געלאָזט ארונטער פאלען זיינע ברילען אום וויא צו צייגען אז ער מיינט ערנסט וואס ער זאגט. „ווען איך וואָלט געוואוסט — "

„אין געגענטהייל, מיך פרייט גראדע דיא אבוועקסלונג. מיין אָנקעל'ס צימער איז זעהר איין אנגענעהמעס אונד דאס פענסטער איז אזוי ניעדריג. איך וועל הייטע אבענד דאָ זיטצען אַיידער איך וועל געהן צו בעט. אונד, וויא מיר שיינט, וועל איך מיך נאך אביסעל דורכשפאצירען אין גארטען."

„וואס פאר איין אנגענעהמעס מעדכען!" האט זיך דער גראף געטראכט צוריק ארויף לעגענדיג זיינע ברילען. אלס ער האט זיך עפעס אָבגעווענדעט פון פענסטער, האט ער בעריהרט מיט זיין קניע איהר פוס. „וויא קלוג זיא איז! זיא לאָזט מיר וויסען, אז איך קען מיך נאך זעהן מיט איהר הייטע אבענד, ענטוועדער דאָ, בייא דיעזען פענסטער, אָדער אין גארטען."

ליזאנקא האט אונטערדריקט פערלווירען דעם גרעסטען טהייל פון איהר צויבער אין גראף'ס אויגען, ווייל, קוים וויא ער האט געראכטעט, איז זיא ניט מעהר אזוי ריין געוועזען וויא ער האט זיך פאָרגעשטעלט, נאכדעם זיא האט איהם געגעבען אנצוהערען וויא אזוי זייא קענען זיך בעגעגענען.

„וויא שעהן עס איז," האט ער ווייטער געזאגט ארויס קוקענדיג, „צו פער־ברענגען איין אבענד אין אזא גארטען מיט א פרייזאָן וואס מען ליעבט."

דיא לעטצטע ווערטער האבען ליזאנקא'ן איבעראשט אונד בעאונרוהיגט. איהר אונרוהע האט נאך מעהר געוואקסען, ווען טורבין האט וויא אַבזיכטליך נאך אמאל בעריהרט איהר פוס. נאך איידער אָבער זיא האט איבערגעדענקט וואס זיא

www.libtool.com.cn

דארף ענטפערן, האט זיא אָנגעפאנגען צו רעדען אום צו פערבאָרגען איהר פערווירדונג:

„יא, עס איז זעהר אנגענעהם בייא דער שיין פון דער זילבערנער לבנה."

זיא האט אונטערדעסען זיך געשפּירט אין זעהר איין אונאנגענעהמער לאַגע, אונד זיא האט זיך נאָר וואס געוואָלט אויפהויבען צו פערלאָזען דאס צימער, ווען דער סוב־לייטנאנט איז צוגעקומען. ווינשענדיג צו זעהן וויא פּאַלאַצאָוו ועט זיך בענעהמען, איז זיא געבליעבען זיטצען.

„וואס פאר א שעהנער אבענד!" איז געוועזען זיין ערשטע בעמערקונג.

„איז דאס וועטער דיא איינציגע אינטערעסאנטע זאך איבער וואס מען קען רעדען?" האט זיך ליזאנקא נעפרעגט אין איהרע געדאנקען.

„איהר וואָהנט אין זעהר א שעהנער געגענד," האט פּאַלאַצאָוו פאָרטגע־זעטצט. „אָבער צו זעהען אימער דיעזעלבע זאַך, דארף עס ניט זיין גאנץ אנגענעהם."

פּאלאצאָוו האט געוואוסט, אז זיין לעטצטע בעמערקונג איז ניט זעהר קיין גוטע, נאָר ער האט עס אבזיכטליך געזאגט, כדי ער זאָל דאס מעדכען מעהר פער־גרייפען אין געשפּרעך.

„ווארום דענקט איהר אזוי?" האט אויך ליזאנקא באלד געפרעגט. „איין אייבינער מאָנאט מאַי אָדער א קלייד וואס ווערט קיינמאל ניט אלט, קען פיעל־לייכט נמאס ווערען, אָבער א הערדליכער גארטען מיט ליעבליכע בלומען — ניעמאלס! איבערהויפּט, צום ביישפּיעל, אזא אבענד וויא הייטע, ווען דיא לבנה ווארפט ארונטער פון זיך אזוי פיעלע שעהנע שטראהלען מיט ליכט וואס צוגיסט זיך אין יעדען ווינקעל. פון דעם פענסטער קענען מיר זעהן דעם טייך, אונד איך וועל היינט אבענד בליקען צום טייך אזוי פיעל וויא מעגליך, אונד דאס וועט מיר מאכען פערגניגען."

„האט איהר דאָ נאכטיגאַלען?" האט דער גראף געפרעגט שפּירענדיג אונ־אנגענעהמעס זייט פּאַלאַצאָוו איז צוגעקומען, וועלכער האט איהם, לויט זיין מיינונג, געשטערט אום זיך בעסער איינצופערשטעהען וויא אזוי ער קען זיך אין יענעם אבענד בענעהמען מיט ליזאנקא'ן.

„אָה יא," האט ליזאנקא געענטפערט, „מיר האבען דאָ נאכטיגאַלען, אונד זייא קומען כמעט אימער אין גארטען. לעטצטעס יאהר האט אונזערער א דיענער

www.libtool.com.cn

נעכאפט איינע לעבעדיג, אונד לעטצטע וואך האט איין נאכטיגאל געשפיעלט אזוי שעהן, נאר אונגליקליכערווייזע, האט זיא דער וועכטער פערטריעבען ווען ער איז פארבייגעגאנגען מיט זיינע שווערע שטיוועל. מיט דרייא יאהר צוריק, האב איך אונד מיין אָנקעל געהערט שפיעלען א נאכטיגאל, דרייא שטונדען דורכאנאנד.“

„וואס פלוידערט איהר דא?“ האט זאכאלטשעווסקי געפרעגט צוקומענדיג צו דיא יונגע מענשען. „זייט איהר בעסער פערטיג עפעס צו עסען?“

דיא געזעלשאפט איז געגאנגען צו טיש, אונד נאך דעם שפייזען, האט דער גראף געלויבט ביז אונטער'ן הימעל יעדען מאכל. ער האט אָבער אויך געציינט אזא אפעטיט, אז זאגאר דיא דארפס־לייט האבען זיך דארויף געחידוש'ט. נאכדעם האבען ביידע אָפיצירען גענומען אבשיעד אונד זיך צוריק געצויגען אין זייער צימער.

דער גראף האט ביים אבשיעד געציינט זיין גאנצע אדעל־עטיקעטע. ער האט פריהער געדריקט זאכאלטשעווסקי'ן דיא האנד, דאן אננא פעאדאראוונא'ן, אָבער ער האט איהר האנד ניט געקושט צו איהר גרעסטעם ערשטוינונג, אונד צולעטצט האט ער געדריקט ליזאנקא'ן דיא האנד, בליקענדיג אין איהרע אויגען אונד שמייכלענדיג. זיין בליק האט זיא אָבער אָנגעפיללט מיט איבערראשונג אונד פערווירדונג. א פרישע רויטע פארב האט נאך רויטער געמאכט איהר באקען.

„ער איז א גאנץ שעהנער מאן,“ האט ליזאנקא נאכהער געטראכט. „אָבער ער איז עפעס ניט אזוי וויא איך האב מיר פאָרגעשטעלט, אז איין עהרענמאן דארף אויסזעהן.“

## 6.

„טורבין, שעהמסטו דיך ניט?“ האט פּאָלאָצאָוו געפרעגט זיין קאָמפּאניאן נאכדעם וויא ביידע האבען זיך צוריק געצויגען אין זייער צימער. „איך האב גע־שפיעלט אבזיכטליך אום צו פערשפיעלען, אונד איך האב דיך געהאלטען אין איין ציהען ביים ארבעל אויך דאסזעלבע צו טהון. אָבער דוא האסט מיך ניט געוואָלט הערען. מענסט זיך שעהמען. דיא אלטע פרוי איז גָעביך געוועזן אויסער זיך.“

דער גראף האט זיך צולאכט.

www.libtool.com.cn

„וואס פאר א דומע אַלטע חיה זיא איז! אונד וויא בעז זיא איז געוואָרען, גלייך וויא זיא האט פערקווירען א פערמעגען. פּאַלאַצאָוו, דאס האט מיך הערצליך אונטערהאַלטען."

טורבין האט ווייטער אַזוי געלאַכט, דאס זיין דיענער יאָהאַן, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם, האט אויך געמוזט לאַכען.

„אונד איך בין דער זוהן פון איין אַלטען בעקאַנטען! בייא גאָט, פּאַלאַצאָוו, איך האב א פערדאַכט, אז מיין פרעהליכער פּאַפּא האט אמאָל צוגעלעבט א פּאאר גוטע שטונדען מיט דער אַלטער, ווען זיא איז געווען יונג. חא! חא! חא!"

„דוא מעגסט לאַכען," האט דער סוב־לייטנאַנט געזאגט, „אָבער דיין בענעהמונג איז ניט געווען אַנשטענדיג, אונד מיך האט עס געערגערט אום איהר."

„דומהייטען! דוא ביסט יונג אונד נאַריש. האסטו פיעללייכט געוואָלט איך זאָל פערלירען? ווארום? איך האב אמאָל נענוג פערלוירען ביז איך האב אויס־געלערענט דעם שפּיעל. יעטצט זאָלען אַנדערע פערלירען צו מיר. דוא מוזט זיך אויסלערנען צו זיין אביסעל פּראַקטישער אין לעבען אונד ניט פערבלייבען אימער אַזוי דום."

פּאַלאַצאָוו האט מעהר ניט געענטפערט. ער האט געוואָלט בלייבען אליין מיט ליזאַנקאַ'ס ביילד אין זיינע געדאַנקען, וועלכע איז פאר איהם ערשיענען אלס דיא ריינקייט אליין אונד דיא פּאָלקאָמענסטע שֿ:הנהייט. ער האט זיך אויסגע־צווינגען אונד זיך געלעגט אויף דעם וויכען אונד שנעע־ווייסען בעט־געוואַנט, וואס ליזאַנקאַ'ס הענד האבען פאר איהם צובערייטעט.

„וואס פאר א דומהייט דיא גאַנצע מיליטערישע עהרע אונד שטאָלץ איז!" האט ער געדענקט אונד אַרויס געקוקט דורך'ן פענסטער וואס איז געווען פער־האַנגען מיט דעם שאַל. א שטראַם מילדעס לבנה־ליכט האט אריין געשיינט ווען ער האט אויפגעהויבען דעם שאַל. „עס וואָלט ווירקליך געווען דאס העכסטע גליק ווען א מענש זאָל קענען לעבען אין א רוהיגען אונד צוריקגעצויגענעם ווינקעל, עקזיסטירענדיג אין דער ריינער נאַטור, אָהן נארישע שטרעבונגען, אונד האבען נעבען זיך א קקוגע אונד גוטע פרוי. דאס איז וואהרעס אונד דויערהאַפטעס גליק!"

ער האט אונטערדרעסען נאר ניט מיטגעטהיילט פון זיינע געדאַנקען צו זיין קאָמפּאַניאָן אונד ער האט אויך ניט דערמאָהנט פאר איהם ליזאַנקאַ'ס נאָמען.

www.libtool.com.cn

ער איז אָבער אויך זיכער געווען, אז טורבין'ס געדאנקען זיינען אויך געווען פול איבער ליזאנקא'ן.

„ווארום ציהסטו דיך ניט אויס אונד געהסט ניט שלאָפען?" האט דער סוב-לייטנאנט פלוצלינג געפרעגט טורבינען, וועלכער האט נאך ארום שפאצירט איבער דעם צימער.

„עפעס ווילט זיך מיר ניט שלאָפען. קענסט אויסלעשען דאס ליכט. איך וועל פיעללייכט באלד געהן צו בעט."

דאן האט טורבין נאך אמאל אָנגעפאנגען צו שפאצירען איבער דעם צימער.

„איך פיהל עפעס אויך ניט וויא שלאָפען," האט פאָלאָצאָוו געזאגט וועהרענדיג אונרוהיג אונד ניט וויסענדיג דיא אורזאכע ווארום. „איך פערשטעה," האט ער דאן צו זיך געמורמעלט, „איך פערשטעה גאנץ גוט, וואס פאר א געדאנקען עס געהן יעטצט ארום אין דיין פאמאדע־קאָפּ, מיין ליעבער גראף. איך האב עס גאנץ גוט בעמערקט, אז זיא איז דיר געפעלען געוואָרען, אָבער דערזעלבער פאמאדע־קאָפּ קען ניט בעגרייפען דיא ריינקייט אונד הייליגקייט פון איהר זעעלע. דוא בעדארפסט א מינא אונד א פאאר פאָלקאָווניק עפּאָלעטען. צו קיין אנדערע זאך שטרעבסטו ניט. איך וועל איהם אבער אונטערדעסען פרעגען, וואס פאר איין איינדרוק זיא האט איבער איהם געמאכט."

פאָלאָצאָוו האט זיך אומגעווענדעט צום גראף, אָבער גראדע אין יענעם מאָמענט איז איהם אריין געפאלען א נייער געדאנק. ער האט פערשטאַנען, אז טורבין קען ניט עהרליך דענקען איבער אזא מעדכען, אונד ער האט מורא געהאט צו הערען פון זיין מויל א בעליידיגונגס־וואָרט פון איהם איבער איהר, אונד דאן...

„וואוהין געהסטו?" האט פאָלאָצאָוו פלוצלינג געפרעגט זעהענדיג דעם גראף נעהמען זיין ציגארעטען פושקע אונד זיך דערנעהנטערן צו דער טהיר.

„איך וויל נאָר ארויס געהן זעהען אויב אלעס איז ריכטיג אין שטאַל," האט טורבין שנעל געענטפערט, אונד פאָלאָצאָוו האט גלייך בעמערקט דעם ליגען.

„דאס איז א מערקווירדיגער איינפאל מיך צו נארען," האט דער סוב-לייטנאנט געטראכט. ער האט אָבער אונטערדעסען אויסגעלאָשען דאס ליכט, איינגעגראָבען זיין קאָפּ אין קישען אונד געזוכט צו אונטערדריקען זיין נארישע אייפערזוכט, וועלכע איז אין איהם אזוי אונערווארטעט ענטשטאנדען.

www.libtool.com.cn

אין דערזעלבער צייט האט אננא פעאָדאָראָוונא, וויא איהר שטענער איז געווען, געזאגט איהר נעבעט פאר'ן שלאָפען, צערטליך געקושט איהר ברודער, טאָכטער אונד ערצויגענע־טאָכטער, אונד איז אריין אין איהר צימער.

דיא ארמע אלטע האט שוין לאנג ניט געשפירט אזוי פיעל אויפרעגונג וויא אין יענעם אבענד. זיא האט זיך געשפירט אונגעהייער גענערגערט. דאס בילד פון דעם אלטען גראף איז פאר איהר ערשיענען, אונד דאן האט זיא געזעהן פאר זיך דאס בילד פון דעם יונגען גראף, וועלכער האט זיא, לויט איהר פאַלקאָמענער איבערצייגונג, איינפאך בערויבט אין שפיעל. זיא האט זיך דערוויל אָנגעפאנגען אויסצוציהען, אויסגעטרונקען איהר האַלבעם גלאָז קוואס וואס איז פאָרבערייטעט געוואָרען וויא אימער, אונד איז אריין געקראָכען אין בעט. איהר ליעבלינגס־קאַטץ איז לאנגזאם אריין אין צימער, אונד אננא פעאָדאָראָוונא האט אָנגעפאנגען צו גלעטען דיא קאַטץ אונד זיך שפּיעלען מיט איהר, וויל זיא האט ניט געקענט שלאָפען.

„איז דאס ניט דיא קאַטץ וואס לאָזט מיך ניט שלאָפען?" האט זיא זיך פּלוצלינג געפרעגט אונד באלד ארונטער געוואָרפען דיא אונשולדיגע חיה פון בעט, וועלכע איז געבליעבען שטעהן אייניגע אויגענבליקען וויא ערשטוינט פון אזא בע־האנדלונג אונד איז דאן ארויף געשפּרונגען אויף'ן אויווען.

אננא פעאָדאָראָוונא'ס דיענסט, וועלכע האט בעדארפט שלאָפען אויף'ן פוס־באָדען, איז אריין אין צימער מיט איהר מאַטראַץ, אָנגעצונדען א נאכט־לעמפּעל אונד אויסגעלאָשען דאס ליכט. אננא פעאָדאָראָוונא האט געהערט וויא דיא דיענסט האט אָנגעפאנגען צו שנאָרכען באלד וויא זיא האט זיך געלעגט, אָבער זיא אליין האט ניט געקענט שלאָפען דורך איהר אויפרעגונג. זאָ שנעל וויא זיא האט פערמאכט דיא אויגען, איז פאר איהר ערשיענען דאס בילד פון דעם יונגען הוזאר, וואס האט צונענומען בייא איהר אזוי פיעלע רובעלס, אונד ווען זיא האט וויעדער געעפענט דיא אויגען, האט דיא שוואכע שיין פון דעם נאכ־לעמפּעל אויסגעזעהען צו פערוואנדלען אלעם אין הויז אין אונבעקאנטע צויבערהאפטע זאכען.

דיא ווארעמקייט פון איהר פעדער־בעט האט זיא געמאַטערט, אונד דער טיק־טאַק פון דעם זיינער האט זיך פערמישט מיט דעם שנאָרכען פון דער דיענסט אונד נאך מעהר אויפגערעגט איהרע נערווען. דאן האבען איהרע געדאנקען גע־וואנדערט צו איהר טאָכטער, צום פערשטאָרבענעם גראף אונד צו זיין זוהן. דאס בילד וויא זיא האט אמאל געטאנצט מיט דעם פערשטאָרבענעם גראף, איז

www.libtool.com.cn


ערשיענען לעבהאפט פאר איהרע אויגען, אונד עס האט אויסגעזעהן, אז זיא שפירט נאך דיא ברענענדע ליפען, וועלכע האבען זיך דאמאלס איינגעגראבען אזוי טיעף אין איהר ווייבעס לייב. פלוצלינג האט זיך איהר געדאכט, אז זיא זעהט איהר טאָכטער אין דעם יונגען גראף׳ס אומארמונג.

אָסטיושקא האט נאך שטארקער געשנאָרכט.

„ניין, דיא וועלט איז גאנץ אנדערש געוואָרען״ האט זיא זיך געטראכט. „עס זיינען שוין נאר ניטא אזעלכע מענשען וויא עס זיינען אמאל געווען! יענער גראף איז פערטיג געווען זיך צו שטעלען אויף׳ן קאָפּ פאר מיר אונד שפּרינגען אפילו אין פייער, ווען איך וואָלט איהם נאָר געהייסען, אונד איך האב עס אויך פערדיענט! אָבער דיעזער, מעג איך זיכער זאגען, אז ער שלאָפט יעטצט וויא א געהרג׳עטער, גליקליך מיט דער אידעע וואס ער האט מיך בעראַבעוועט אונד איהם חלום׳ט זיך אפילו ניט פון קיין ליעבע. אהה, איך געדענק גאנץ גוט יענעם אבענד, בייא מיר אין צימער, ווען זיין פאטער איז געפאלען פאר מיר אויף דיא קניען אונד אויסגע־שריען: „וואס ווילסטו זאָל איך טהון? יא, איך בענעה זעלבסטמאָרד דאָ אויף׳ן פּלאַטץ, ווען דאס מאכט דיר פערגניגענן!״ ער וואָלט עס אויך פּאָזיטיוו געטהאָן, ווען איך וואָלט עס פערלאנגט, אונד טאקי דערפאר האב איך איהם נאר ניט גע־קענט ענטזאגען.״

פּלוצלינג אָבער האבען זיך געהערט דומפּפע שריט אין קאָרידאָר, דאן האט זיך געעפענט דיא טהיר, אונד ליזאנקא בלאַס אונד ציטערענד, אָנגעצויגען אין א שאַל, איז אריין געלאָפען שנעל אין צימער אונד געפאלען אויף איהר מוטער׳ס בעט וויינענדיג.

מיר מוזען צוריק קעהרען צו איין אנדערע סצענע: נאכדעם וויא ליזאנקא האט געוואונשען איהר מוטער „גוטע נאכט,״ איז זיא אריין אין איהר אָנקעל׳ס צימער וואו זיא האט בעדארפט שלאָפען. דארט האט זיא זיך אָנגעצויגען א ווייסען שלאָף־מאנטעל אונד איינגעוויקעלט איהרע לאַנגע האאר אין א גרויסער ווייסער פאטשיילע. דאן האט זיא אויסגעלאָשען דיא ליכט, געעפענט דאס פענסטער, זיך אוועק געזעטצט אונד געקוקט טרוימענדיג צום טייבעל וואו דיא לבנה האט הערר־ליך אריין געשיינט. דאן האט זיא אָנגעפאנגען וויא צו רעווידירען איהר גאנצעם לעבען אונד בעטראכט אלעס אין א גאנץ אנדערער פאָרמע וויא ביז דאמאלס. זיא האט פאר זיך געזעהן ערשיינען איהר אלטע קאפּריזנע מוטער; איהר אלטען ליעבען אָנקעל; דיא דיענער, דיא מוזשיקעס, וועלכע האבען זיא פערגעטערט; דיא קיה אונד קעלבער; נאטור׳ס גאנצע שעהנהייט וויא זיא איז שוין אזוי פיעלע מאָל

www.libtool.com.cn


אָבגעשטאָרבען אין ווינטער אונד דאן ווידער לעבעדיג געוואָרען אין פריהלינג; איהר ליעבענדעס אָבער אונבעפריעדיגטעס הערץ, אונד איהר גאַנצע זעעלע האט זיך אָנגעפיללט מיט א רוהיגער אונד הייליגער שטילקייט, אָבער מיט א גרויסער אונצופריעדענהייט! זיא איז געוועזן אונצופריעדען. ווארום? האט זיא אליין ניט געוואוסט, אָבער זיא האט עס דעננאך געפיהלט. עס האט איהר אויסגעזעהען, גלייך וויא יעמאנד וואָלט איהר איינגעראמט אין אויער דיעזע ווערטער:

„דוא ביסט א נאַריש גענזעלע! איבער 22 יאָהר האסטו געלעבט אונד זיך צופריעדען געשטעלט מיט קינדערשע שפיעלערייען; דוא ביסט געוועזן ניטצליך פיר אנדערע — איז עס שוין ניט דיא העכסטע צייט צו לעבען פיר זיך אליין? ווייסטו וואס עס הייסט ווירקליכעס גליק? האסטו עפעס א בעגריף פון וואהרעס לעבען?“

זיא האט זיך אלץ ווייטער פערטיעפט אין דיעזע געדאנקען אונד האט גע־בליקט אין שטילען גארטען, אויסזעהענדיג אין לבנה־ליכט, וויא א שעהנע געמטין דער נאכט.

פון וואַנען זיינען געקומען דיעזע געדאנקען? ווער האט זייא אין איהר ערוועקט?

„אָה ניין, געוויס ניט!“ האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין. „עס איז ניט דיא פלעטצליכע ליעבע צום גראף; איך ליעב איהם גאר ניט!“

אין געגענטהייל, ליזאנקא איז געוועזן איבערצייגט, אז יעדע פון זיינע בענעהד־מונגען, האט אין איהר ארויס גערופען, ווען ניט האס, וועניגסטענס א גרויסע גלייכגילטיגקייט. עס איז אמת, דער יונגער סוב־לייטנאַנט, האט אויף איהר מעהר איינדרוק געמאכט. אָבער דער סוב־לייטנאַנט איז אַזוי אַיינפאַך, ארעם, שטילל, אונד, טראָטץ דיעזע לעטצטע געדאנקען, האט ליזאנקא באלד פערגעסען אין דעם סוב־לייטנאַנט אונד דעם גראַף׳ס געזיכט איז פאר איהר ווידער ערשיענע.

„ניין! ניין!“ האט זיא געדענקט, „ניט דאס איז עס!“

איהר פאנטאזיע האט דאן נאך העכער געשטיעגען דורך דער שעהנער אונד הערליכער נאכט. אלעס האט בייא איהר אויסגעזעהן וויא בעצויבערט מיט גליק אונד פריעדען אין נאטור׳ס שטילער אונד הייליגער אומארמונג. זיא האט זיך געוואונשען, אז יעדער אידעאל, ריין אונד אונבעפלעקט, זאָל פערווירקליכט ווערען אונד פערבלייבען פעסט אונד אונבעזיעגבאר געגען דעם שיקזאל אונד איבערהויפט געגענען דיא זינדיגע געדאנקען.

www.libtool.com.cn

יא, ליזאנקא איז געווען דיא אונשולד אליין; זיא האט געלעבט מיט דער נאַטור אונד איהר אייגענע נאַטור איז געלעגען שטילל, געשלאָפען, אָדער געווען וויא אין א היהנער־פּלעט. אָבער דיא נאַטור האט פריהער אָדער שפּעטער געמוזט ערוואַכען, אונד זיא האט ערוואַכט. זיא האט געשפּירט עפּעס בייא איהר הערץ, אין איהר קאָפּ, אין גאַנצען קערפּער, אונד אַלעס וואס זיא האט געוואוסט איז, אז דאס איז „אונגעוועהנליך,“ אָבער דיא ריכטיגע אורזאַכע האט זיא דאָך ניט בעגריפען.

„קען עס ווירקליך זיין,“ האט זיא ווייטער צו זיך אליין געזאָגט אונד געשפּירט יעדעס וואָרט, „אז איך האב פערלוירען דעם בעסטען טהייל פון מיין יוגענד? איז עס מעגליך, אז א היבשע צייט פון גליק איז פערשוואונדען אונד איך וועל דאס מעהר ניט צוריק קריעגען? איז דאס וואהר?“

אזוי דענקענדיג, האט זיא אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל אונד בע־מערקט וויא ווייסע רויכיגע וואָלקענדלעך האבען בעדעקט דעם ריינעם הימעל, אונד פון צווישען זייא האבען ארויס געגלאַנצט וואונדערבאַרע שעהנע שטערען.

„ווען דאס קליינע שטיקעלע וואָלקען,“ האט זיא געזאָגט, „וועלכעס לויפט ־ארט אזוי שנעל, וועט פּאַסירען איבער דער לבנה, דאַן וועל איך וויסען, אז דאס ין וואהר וואס איך דענק.“

א לאַנגעס שטיק וואָלקען האט דערווייל אָנגעיאָגט אויף׳ן הימעל, אונד האט אויסגעזעהען וויא צו פערפאָלגען דעם קליינעם וואָלקען וואס ליזאנקא האט בע־זלאָסען, אז עס מוז בעשטימען איהרע געדאַנקען. אָט, אָט, — זייא האבען זיך ונגעיאָגט! דער לאַנגער וואָלקען האט איינגעשלונגען דעם קליינעם וואָלקען, אונד ידע האבען פּאַסירט איבער דער לבנה.

א דונקלער שאַטען איז געפאַלען אויף דער ערד, בעדעקענדיג דעם גאַרטען, גד א לייכטער ווינטעלע האט צופּאַכט דיא בלומען אונד אויסגעזעהן וויא צו לעטען מיט א סאַמעטענער האַנד ליזאנקא׳ס ווארעמען שטערען אונד פערפלאַמטע אקען. דאַן האט זיך פון וויטען געהערט דיא נאַכטיגאַל, וועלכע האט צוגאָסען א טראַם מעלאָדיען איבער דער הייליגער שטילקייט פון דער נאַכט.

„ניין, ניין, עס איז ניט אזוי,“ האט ליזאנקא געמורמעלט. „איך וויים נים וואס עס איז געווארען פון דעם קליינעם וואָלקענדעל. דאַן זינגט אזוי שעהן דיא נאַכטיגאַל היינטיגע נאַכט, אונד עס קען ניט מעגליך זיין, עס זאָל זיין אזוי וויא דיא נארישע געדאַנקען וואס דרינגען זיך אין מיין דומען קאָפּ.“

www.libtool.com.cn


דאס מערבען איז נאך נעזעסען א היבשע צייט שטארק פערטראכט נעבען פענסטער. דער וואָלקען איז גראדע אריבער דער לבנה אונד א פרייער שטראָם ליכט האט ווידער אלעס בעלייכטעט. דיא נאטור האט אויסנעזעהן שעהנער וויא אימער! דאן האט ווידער א לייכטער וואָלקענדעל בעדעקט דיא לבנה, אָבער עס האט וועניג נעשטערט איהר ליכט.

ליזאנקא האט דאן זיך צונעהערט אויפמערקזאם צו דא הערדליכע טענער פון דער נאכטינאל, אונד אזוי זיטצענדיג, האט זיא אָנגעפאנגען צו שפירען שלעפעריג. זיא האט צוגעמאכט דיא אויגען אונד אָנגעפאנגען צו דרעמלען. זיא האט אָבער גלייך ווידער ערוואכט פון דיא טענער פון דער נאכטינאל, וועלבע האט אויס־געזעהען נעהנטער וויא פריהער, אונד איהר שטימע האט דערציטערט דיא שטילע לופט.

דאס ווידער־קול פון דער נאכטינאל האט אָבנעקלונגען גאנץ ווייט; דיא דושאבעס האבען אויפגעהערט צו קרעקען, אונד ליזאנקא האט זיך געשפירט איבערפיללט מיט אזוי פיעל גליק, דאס זיא האט אָנגעפאנגען צו דענקען, אז איהרע פערלוירענע יונגע יאָהרען קעהרען אלע צוריק אין יענעם אויגענבליק. זיא האט נעעפענט איהר מויל איינצואטהמען דעם פארפום פון דיא בלומען אונד איהר הערץ האט וויא געטאנצט פאר אונגעהייערער פרייד.

טרערען פון ריינער אונד אונבעפלעקטער צערטליכער ליעבע אונד גליק, האבען זיך געשטעלט אין איהרע אויגען. זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד איבער דעם אָפענעם פענסטער, אַנגעלעהנט איהר קאָפּ אונד געפיהלט דיא טרערען ארונטער פאלענדיג. זיא האט געשפירט א בייַנקענעש אין איהר הערץ נאך עפּעס אונפערשטענדליכעם אונד געהיימניספאלעס, אונד זיא האט אָנגעפאנגען צו מורמלען א געבעט. דיא נאכטינאל איז שטיל געוואָרען אונד זיא איז איינגע־שלאָפען.

דיא בעריהרונג פון א פרעמדער האנד אויף איהר איינענע, האט אנפאננס אריין געשיקט וויא איין עלעקטרישען פונק פון א פערגניגטעס געפיהל אין איהר גאנצען קערפער, אונד זיא האט ערוואכט. דיא פרעמדע האנד האט אבער פעסטער צוזאמענגעדריקט איהרע, אונד זיא האט פלוצלינג ערוואכט צו אנדערע געפיהלע. זיא האט ארויס געלאָזען א געשרייא, אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל, אונד דאן, זיך רייבען דיא אויגען צו וויסען, אז דאס איז ניט קיין טרוים, האט זיא ער־בליקט פאר זיך דעם גראף שטעהענדיג פון יענער זייט פענסטער. אָהנע פיעל

www.libtool.com.cn  

צו קלערען, איז זיא שנעל ארויס געלאָפען פון דעם צימער, הערענדיג אונטערדרעסטע טורבין׳ס ווערטער:

„וואס איז דאס? וואס ענטלויפט איהר?"

7.

יא, עס איז ניט געוועזען קיין טרוים; עס איז געווען דער גראף. אָבער דער הוסט פון דעם וועכטער נעבען פּארקען אונד דער געשרייא פון ליזאנקא׳ן, האט אין איהם ארויס גערופען איבעררראשונג אונד שרעק. ער האט זיך שנעל צוריק גע־צויגען אונד איז פערשוואונדען געוואָרען אין גארטען.

„וואס פאר א דומקאָפּ איך בין!" האט ער צו זיך אליין געזאגט. „איך האב זיא דערשראָקען. איך האב ניט בעדארפט אזוי פּלוצלינג אונד אונגעריכט ערשיינען. איך האב זיא געמוזט לאנגזאם אויפוועקען מיט צערטליכע ווערטער. איך בין איין אבשייליכער אידיאָט!"

ער איז געבליבען שטעהן אונד זיך צוגעהערט. דער וועכטער איז אריין אין גארטען דורך א טהירעל אונד מיטגעשלעפּט מיט זיך זיין שווערען שטעקען איבער דיא געפלאסטערטע שטיינער. דער גראף האט פערשטאנען, אז ער מוז זיך בע־האלטען אונד ער האט זיך אומגעווענדעט דורך דעם גרויסען טויער, וועלכער איז געשטאנען אָפען אונד איז געגאנגען שנעל צום טייכעל. זיינע שריט האבען געשטערט מעהרערע היישרעקען, וועלכע האבען אָנגעפאנגען צו שפּרינגען. ניט אכטענדיג דארויף וואס ער וועט נאס ווערען פון דער טהוי, האט ער זיך אָנגעבויגען אונד אָנגעפאנגען צו קריכען אין העכערן גראָז.

אלעס וואס האט לעטצטענס פּאסירט איז פאר איהם ערשיענען. ער האט זיך פאָרגעשטעלט וויא ער איז ארויס אין גארטען, געזוכט דעם וועג צום פענסטער; וויא אזוי ער האט דערזעהן א ווייסע פיגור, אונד וויא אזוי ער האט זיך אייניגע מאל צוריק געצויגען הערענדיג א גערויש. דאן, ווערענדיג אונגעדולדיג ווייל ער האט געמוזט אזוי לאנגווארטען, האט ער זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע געדאנקען, אז ליזאנקא האט ניט גוט געהאנדעלט נעגען איהם דערמיט וואס זיא איז אליין ניט ארויס געקומען אין גארטען.

ער האט זיך נאטירליך נאר ניט פאָרגעשטעלט אנדערש, אז נאָר דאס מעדכען האט איהם געגעבען אָנצוהערען וויא אזוי אונד אויף וועלכער ארט זיא וועט זיך קענען מיט איהם בעגעגענען — וואס דען האט זיא געקענט מיינען?

www.libtool.com.cn 

איין אנדערע אידעע איז איהם איינגעפאלען

„נאך אלעמען," האט ער געמורמעלט, „איז דיא דאך מעהר ניט וויא א ראַרפס־מיידעל אונד ווייס ניט וויא צו האלטען א בעשטעלונג מיט א קאוואליר. ויא איז אביסעל שעהמעדיג..."

אין דערזעלבער צייט האט ער זיך אליין פאַרגעוואָרפען, אז ער איז א פיינלינג דערמיט וואס ער פאסט ניט מעהר מוטה, אום צו צוגעהן דירעקט, אונד...

„איך בין נאָך א וואוילער יונג מיט'ן מויל," האט ער זיך נעטראַכט, „נאר ווען עס קומט צו עפּעס..."

דאס אלעס אָבער, האט פריהער פאסירט, אונד יעטצט האט זיך טורבין גע־פונען צווישען נאסען גראָז, דערשראָקען וויא א פערברעכער פאר ליזאנקא'ס שטימע, אונד א הוסט פון דעם וועכטער האט איהם נאך אמאל געבראכט צו זיין פער־שטאנד. ער האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען אונד נעבליקט צוריק. דער וועכטע איז ארום פון דעם טהירעל אונד ליזאנקא'ס פענסטער, האט ער געמערקט, איז געווען צוגעשלאָסען. דאס האט טורבינען שטארק גערערגערט.

האט ער געהאט א טעות אין איהרע ווערטער? אונמעגליך! ער האט קיין טעות ניט געהאט; אזא ערפאהרענער דאמען־נאכיאָגער ווייס שוין צו פיעל — האט ער זיך געטראַכט.

ער וואָלט אירגענד עטוואס אוועק געגעבען אום ער זאָל קענען נאך אמאל אָנפאנגען זיך צו דערנעהנטערן צו איהר ביים פענסטער: ער וואָלט עס שוין יעטצט געמאכט אנדערש, זיא ניט געדריקט צו שטארק בייא דער האנד, אונד וואָלט שוין ניט בעגאנגען אזעלכע דומהייטען.

„וואס פאר א שעהנעם אונד ליעבליכעם מעדכען זיא איז!" האט ער נאכ־געדענקט. „אזוי פריש! אה, זיא איז וואונדערבאר, אונד איך, דומקאָפּ, האב זיא געלאָזען פון מיר זיך ענטרייסען! איך בין געווען שוין באלד פערטיג מיט אלעמען — דומקאָפּ וואס איך בין!"

דיא אידעע פון געהן שלאפען, האט ער אונטערדעסען אויפגעגעבען אונד אָנגעפאנגען צו שפאצירען פאָרווערטס צווישען ביידע רייהען בוימער אויף דער נאס, זיך ניט קימערענדיג וואוהין ער געהט. זיינע א נרעגעלמעסיגע שריט אָבער, האבען אָנגעצייגט זיין אויפרעגונג אונד נערוואָזיטעט.

דיא שעהנע, הערליכע אונד שטילע נאכט, האט אָבער זאָגאר אויף איהם

www.libtool.com.cn

געמאכט א בערוהיגענדען איינדרוק, אונד זיין אויפרעגונג האט אָנגעפאנגען ער־זעטצט צו ווערען מיט א שטילען טרויער אונד א ביינקענעש נאך וואהרער אונד ריינער ליעבע.

דער לעהמיגער באָדען בעזעטצט דאָ אונד דאָרט וויא מיט בינטעלעך גראָז, איז געווען בעלייכטעט מיט דיא שעהנע שטראהלען פון דער לבנה. דיא שטראהלען האבען אָבגעשלאגען אויף מאנכע אַלטע בוימער־וואָרצלען בעוואקסען מיט גרינעם מאָך, אונד דאן האט זיך געהערט א קליינער גערויש צווישען דיא בלעטער, גע־שטערט פון א לייכטען ווינטעל.

אלע ליכטער פון דיא הייזער זיינען געווען אויסגעלאָשען אונד קיין שאָרך האט זיך געהערט; דיא נאכטיגאל האט בלויז פון וויטענס צייטענווייז אונטער־בראָכען דיא הייליגע שטילקייט מיט איהרע מעלאָדיען.

„אך גאָט!“ האט טורבין אויסגעשריען איינאטהעמענדיג דעם פרישען גערוך פון דער גרינער נאטור. „וואס פאר א הערליכע נאכט דאס איז! וואס פאר א ליעבליכע סצענע דאס שטעלט פאָר! עפּעס שפיר איך אַנדערע געפיהלע אין מיר מיט וועלכע איך בין נאר ניט בעקאנט געווען. מיר דאכט זיך איך בין אונצו־פריעדען מיט דער גאנצער וועלט אונד מיט מיר אליין. אך! וואס פאר א ליעב־ליכקייט עס ליעגט אין ליזאנקא'ן! איז דאס מעגליך? קען עס אזוי זיין, אז איך האב זיא פיעללייכט בעליידיגט?“

טורבין'ס געדאנקען האבען אָנגעפאנגען פערמישט צו ווערען, אונד ער האט פאר זיך ערבליקט ערשיינענדיג פערשיעדענע בילדער. ליזאנקא איבערהויפט, איז פאר איהם ערשיענען אין א גאנץ אנדערעם ליכט. ער האט זיא געזעהן שטעהן וויא א סטאטוע פון א געטטין אין גארטען צווישען דיא בוימער, אונד, דאן, איז ערשיענען דאס ביכד פון זיין מינא.

„איך בין נאך אַלעמען א דומקאָפּ!“ האט ער ווייטער געמורמעלט. „זיא איז א פּרויענצימער, אונד דאס איז אַלעס. ליזאנקא? וואס איז מיט איהר? וואס איז זיא דען בעסער פון אַנדערע? א פרויענצימער — עס איז אמת, א שעהנעם פרויענצימער! דאן האב איך זיא געדארפט פעסט אומארמען אונד זיא קושען אויף איהרע ליפּען!“

ער איז געבליעבען שטעהן אונד דיא טרויעריגע געדאנקען פון חרטה אונד שאנדע האבען צוריק געקעהרט. ער האט זיך אומגעווענדעט אונד וואנדערענדיג איז ער צוגעקומען צו זיין צימער וואוהין ער איז אריין.

www.libtool.com.cn


פּאָלאָצאָוו האט נאך ניט נעשראָפּען. הערענדיג יעמאנדען אריין קומען, האט ער זיך אומגעווענדעט אונד ערבליקט דעם גראף.

„דוא שלאָפּסט נאך ניט, טורבין?“

„ניין“ האט דער גראף געענטפערט, אונד דאן, וויא פאסענדיג איין ענט־שלוס, האט ער געזאגט: „זאָל איך דיר דערצעהלען וואס עס האט מיט מיר פאסירט?“

„דערצעהל.“

„איך וויים ניט, מיר דאכט עס וואָלט בעסער געווען איך זאָל שווייגען. אָבער וויא דיא זאך איז, וועל איך דיר דערצעהלען.“

דער גראף, וועלכער איז שוין געווען פאָלקאָמען בערוהיגט, האט זיך אוועק געזעטצט אויף זיין קאמעראד'ס בעט אונד געשמייכעלט.

„יא, פּאָלאָצאָוו,“ האט טורבין אנגי' נגען. „דוא מוזט וויסען, אז דיא יונגע דאמע האט מיט מיר געמאכט א בעשטעלונג אויף היינטיגע נאכט.“

„א בעשטעלונג! וואו? וואס רעדסטו? האט דער סוב לייטנאנט אויסגע־רופען העכסט ערשטוינט.

„זייא נאר רוהיג אונד הער.“

„ווען? וויא אזוי? וואו? עס איז אונמעגליך!“

„לאז מיך רעדען וועל איך דיר אלעם דערצעהלען. דיא געשיכטע איז אזוי געווען: נאך'ן שפּיעלען, אויב דוא געדענקסט, האבען מיר זיך אוועק געזעטצט נעבען פענסטער. וועלכעס איז זעהר ניעדריג צום גארטען, אונד זיא האט מיר געזאגט, אז זיא וועט דיזע נאכט פערוויילען נעבען דיזען פענסטער. וואס וואָלסטו געדענקט ווען דוא וואָלסט געהערט אזעלכע ווערטער? דאן, געדענקסטו, ווען דוא ביסט צוגעקומען, האט זיא געזאגט, אז זיא וועט געניסען היינטיגע נאכט פרישע לופט אין גארטען?“

„יא, יא,“ האט פּאָלאָצאָוו געענטפערט, „איך האב דאס אלעס גאנץ גוט געהערט, אָבער זיא האט דערבייא נאר ניט געמיינט, אויסער דיא ווערטער וואס זיא האט געזאגט מיט א גאנץ אונשולדיגער אבזיכט.“

„ניין, אין דיזער בעציהונג שטים איך מיט דיר ניט איין. דוא ווייסט, איך האב מעהר אומגאנג געהאט מיט פרויענצימער וויא דוא. יעדענפאלס בין איך נענאגנען זיא בעגעגנען כוויט דיזער בעשטעלונג, אָבער איך האב מיך בענומען וויא א דומקאָפּ.“

www.libtool.com.cn


פּאָלאָצאָוו האט זיך אויפגעזעטצט, בעטראכט זיין קאָמפּאַניאָן מיט איין ערשטוינטען אונד פּעראכטענדען בליק, אונד דאן געפּרעגט:

„וואו ביסטו געוועזן?"

דער גראף האט איהם דערצעהלט אלע איינצעלהייטען איבער דעם וואס האט פּאסירט אין גארטען אונטער ליזאנקא'ס פּענסטער, אונד דאן בעמערקט:

„איך האב מיך אָבער בענומען וויא א דומער קערל. איך ווייס ניט, ענט־ וועדער איך האב בעדארפט זיין צערטליכער אָדער איך האב געמוזט האנדלען אביסעל שנעלער. איך בין זיכער, אז זיא האט אנפאנגס גאר ניט געזאגט, ווען איך האב איהר געגלעט דיא ווייכע האנד, נאָר ווען איך האב איהר צוגעדריקט דיא האנד, האט זיא אויסגעשריען אונד איז ענטלאָפען."

„אך, אזוי," האט פּאָלאָצאָוו געענטפערט זיך בערוהיגענד אונד שמייכ־ לענדיג, „אזוי, אזוי, זיא האט אויסגעשריען אונד איז ענטלאָפען?"

טורבין האט זיך געשפּירט פּערלייכטערט אויף זיין הערצען, אונד ער האט געענטפערט גאנץ גלייכגילטיג:

„יא, זיא האט אויסגעשריען אונד איז ענטלאָפען. יעטצט, מיין איך, איז שוין דיא העכסטע צייט צו געהען שלאָפען. דיא אויפרעגונג אונד דיא פרישע לופט האבען מיך ערמיעדעט."

פּאָלאָצאָוו איז געבליעבען זיטצען אין א טיעפעם נאכדענקען. זיינע געדאנקען האבען גערוישט אונד געוויטהעט מיט פּערדרוס, צאָרן, פּעראכטונג אונד האס. דאן האט ער זיך אומגעווענדעט צו זיין קאָמפּאַניאָן, אונד אויף זיין געזיכט איז גע־ לעגען א מיענע פון ענטשלאָסענהייט אונד שמערץ.

„גראף טורבין," האט ער אָנגעפאנגען מיט א שטיקענדער שטימע.

„דוא שלאָפסט, אָדער דוא טרוימסט?" האט טורבין געפרעגט זיך אומקו־ קענדיג וויא ערשטוינט הערענדיג אזא אונגעוועהנליכע שטימע. „וואס איז מיט דיר, פּאָלאָצאָוו?"

„גראף טורבין!" האט פּאָלאָצאָוו ווייטער געזאגט אונד איז אַרונטער גע־ שפּרונגען פון זיין בעט. „דוא ביסט איין אונפערשעהמטער אונד שענדליכער מענש!"

www.libtool.com.cn


## 8.

ארף'ן צווייטען מארגען, האט דער סקאדראָן פערלאזען דאס שטעדטעל. דיא אָפיצירען זיינען אוועק, אָהנע צו נעהמען אבשיעד פון אננא פעאָדאָראָוונא, ליזאנקא אונד זאבאלטשעווסקי. דיא לעטצטע, וויא עס שיינט, האבען זיך אויך ניט בע־קימערט דארום אום זיך צו געזעגנען מיט זייערע געסט. דיא צווייא אָפיצירען האבען אונטערדעסען אויך ניט געשפראָכען איינער צו אנאנדער.

בייא דער ערשטער סטאציאָן, האט פאָלאָצאָוו ווידערהאָלט דיא ווערטער:

„גראף טורבין! דוא ביסט איין אונפערשעהמטער אונד שענדליכער מענש! דוא האסט בעליידיגט דיא אונשולד זעלבסט אין דער ריינער זעלע פון דער שעהנער ליזאנקא!"

דאן איז בעשלאָסען געוואָרען זייא זאָלעןביידע דועלירען. קאפּיטאן שולץ, א פרעהליכער קאמעראד פון דעמזעלבען רעגימענט, האט אראנזשירט דעם דועל, אונד ער האט שטאטגעפונדען נעבען א וועלדעל, וואו דיא אָפיצירען האבען זיך גאנץ ליבט צערקראצט מיט זייערע שווערטען.

ניעמאנד האט זאָגסט געוואוסט וואס עס האט פאסירט, אָבער טורבין האט דאס בעטראכטעט, אז זיין עהרע איז פאָלקאָמען ריין געוואשען געוואָרען, אונד פאָלאָצאָוו האט געגלויבט, אז ער האט פאָלשטענדיג זיך נוקם געוועזען פאר ליזאנקא'ן.

קאפּיטאן שולץ האט אונטערדעסען נאכהער שלום געמאכט צווישען דיא צווייא אָפיצירען, אונד אבוואָהל דיא פריינדשאפט איז שוין ניט געוועזען אזוי שטארק וויא אין דער פערגאנגענהייט, האבען זייא זיך דאך ניט בעטראכט אלס שונאים אונד זיך אָפט בעגעגענט.

מיט זייער האנדלונג האט זיך געשלאָסען א רייהע פון יאָהרען, וואס האט געבילדעט דאס פערשיעדענע לעבען פון צווייא דורות אין רוסלאנד.

**ע נ ד ע.**

www.libtool.com.cn

# פאליקושקא.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# פאלוקושקא
פון
# גראף לעא טאלסטאי.

I.

— טהוט ווי איהר פערשטעהט, מאדאם — האט געזאגט דער פער־וואלטער, — ס'איז אבער א רחמנות אויף דיא דוטלאף'ס וועלכע זיינען זוי־בערע, פלייסיגע יונגען; איינער פון זיי וועט זיכער מוזען געהן פאר א סאל־דאט אויב א דוואראווי (* וועט ניט פערנעהמען זייער פלאטץ. אלע זאגען אזוי. דאך, טהוט וויא איהר פערשטעהט. —

ווען דער פערוואלטער האט געענדיגט דעם לעצטען זאטץ, האט ער אומגעענדערט זיין פאזיציאן; צוזאמענגעלייגטביידע הענט אויף'ן ברוסט, איינגעבויגען דעם קאפ אביסעל אויף איין זייט, צוזאמענגעצויגען די ליפען, ארונטערגעלאזען דיא אויגען; און זיין געזיכט האט אנגענומען דעם אויס־דרוק פון א מענשען וועלכער האט בעשלאסען ניט זיך ארויסצורעדען קיין איינציגען ווארט, נאר זיך איינצוהערען מיט געדולד צו דיא אלע נארישקייטען וואס זיין בארינא וועט איהם זאגען.

דער פערוואלטער איז געווען אוואראווי פון געבורט. ער איז געווען גלאט ראזירט און האט געטראגען א פראק עהנליך צו איין אפיצירסקען מונדור. דיזען הערבסט אוועגד איז ער, וויא געוועהנליך,געשטאנען פאר זיין בארינא איהר אפצוגעבען זיין רעפארט.

(* א הויזליכער שקלאף.

www.libtool.com.cn


פון די בארינא׳ס שטאנדפונקט איז דיעזע צערמאָניע געווען איין אודיענץ אום אויסצוהערען איין בעריכט וועגען דעם צושטאנד פון איהרע געשעפטען, און צו געבען בעפעהלע פאר דיא צוקונפט. אָבער דער פער־וואלטער, עגאָר מיכאלאָוויטש האָט עם בעטראכט איינפאך אלס א פוסטע פאָרמע — אייניגע מינוטען וועלכע ער האָט געמוזט שטעהען אכטונגספאָל אין א ווינקעל זיין געזיכט געווענדעט צו דעם דיוואן אויף וועלכען זיין בעפעהל געבערין איז געזעסען, אום צו קריגען זיין בארינא׳ס צושטימונג צו יעדע זאך וועלכע ער האָט איהר פאָרגעשלאָגען.

די פראגע, דיעזען אָוועגד, איז געווען וועגען דיא מיליטער דינסט. דיא בארינא׳ס גוט האָט געמוזט צושטעלען דריי מענער פיר דער ארמעע. צוויי פון דיא דריי זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אָהנע שוועריגקייטען. זייערע אומשטענדען און דער פאקט אז זיי האָבען ניט געהאט קיינע פא־מיליען פאר וועלכע צו פערזארגען, האָבען אָנגעצייגט אויף זיי אלס דיא פאסענדסטע מענשען פאר דיא מיליטער דינסט. דער „מיר״, אדער דאָרף׳ס־ראטה, דיא בארינא, און דיא עפענטליכע מיינונג האָבען אלע איינגעשטימט אויף דיעזען פונקט. אָבער דיא פראגע ווער דער דריטער זאָל זיין איז דאָס יעצט פערהאנדעלט געוואָרען צווישען דיא בארינא און איהר פערוואלטער. ער איז ניט געווען צופרידען אז מען זאָל נעהמען איינעם פון דיא דוטלאף׳ס; ער האָט בעסער געוואָלט אז מען זאָל אויסקלייבען א גע־וויסען דוואראווי מיט׳ן נאָמען פאָלוקושקא, א פאָטער פון א פאמיליע. פא־לוקושקא איז געווען א טויגעניכטס, האָט געהאט א שלעכטען נאָמען ווייל מען האָט איהם שוין דריי מאָל געחאפט גנב׳נען זעק, שפאן געצייג און הייא. אָבער דיא בארינא האָט ליב געהאט זיינע אָבגעריסענע קינדער און האָט פרובירט אויסבעסערען זייער פאָטער מיט גוטע ווערטער און וואר־נונגען, און וויא ס׳האָט אויסגעזעהן איז זיא ניט צופרידען געווען איהם אָפצוגעבען פאר א סאָלדאט, צו דער זעלבער צייט האָט דיא בארינא גאָר ניט געהאט וואָס אויסצוזעטצען געגען דיא דוטלאף׳ס ווייל זיא האָט ניט געקענט און קיינמאָל געזעהן. אויסער דעם, האָט זיא ניט געקענט פער־

www.libtool.com.cn 

שטעהן, און דער פערוואַלטער האָט עס ניט געוואַגט איהר עס צו ערקלע־רען, ווארום דער דריטער רעקרוט מוז זיין גראַדע איינער פון דיא דוט־לאַפּ׳ס און אין פאַלס פּאָלוקושקאַ זאָל בלייבען פריי.

— איך וואָלט געוויס ניט וועלען דיא דוטלאַפּ׳ס שלעכטעס טהון — האָט זיא געזאָגט מיט איין ערנסטע מינע.

— אויב אַזוי — האָט דער פערוואַלטער געקענט ענטפערען — דאַרפט איהר בלויז פערשאַפען דריי הונדערט רובעל, אום צו קריגען אַ שטעל פער־טרעטער — ער איז אָבער געווען צו חיטרע עס צו זאָגען.

ער האָט יעצט אָנגענומען איין מעהר בעקוועמליכע און לייכטערע שטעלונג, און ער האָט זיך זאָגאַר אַביסעל אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, אָבוואָהל זיין געזיכט האָט נאָך אַלץ געהאַלטען דעם אויסדרוק פון אַכטונגספאָללע אונטערגעבונג. ער האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דיא באַרינאַ׳ס ליפּען ווע! זיי האָבען זיך געעפענט און פערמאַכט, און דעם שאַטען פון איהר בע־פוטצטער הויב וועלכע האָט זיך בעוועגט אויף׳ן וואַנד אַרויף און אַראָפּ. אונטער דיא בילדער, ער האָט עס אָבער ניט געהאַלטען פאַר נעטהיג זיך אײַנצוהערען צו דיא באַרינאַ׳ס ווערטער; זיין מיינונג איז געווען אַז זיא רעדט צופיעל און צולאַנג. דערצו נאָך האָט זיך איהם זעהר פאַרוואָלט ניסען; ער האָט אָבער שנעל איבער געביטען דעם קומענדען נאָס אויף אַ הוסט, צולייגענדיג דיא האַנד צום מויל, און מורמלענדיג הם......... הם.........

איך געדענק אַז איך האָב אַ מאָל געזעהן לאָרד פאַלמערסטאָן זיך זיטצענדיג גאַנץ רוהיג ווערהענד איין מיטגליד פון דיא אָפּאָזיציאָן האָט פּראָטעסטירט געגען דיא רעגירונג. פּלוטצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, און אין אַרעדע וועלכע האָט געדויערט דריי שטונדען, האָט ער גע־ענטפערט אויף יעדע בעשולדיגונג וועלכע זיין געגנער האָט געגען איהם געבראַכט. איך בין ניט איבעראַשט געוואָרען ווען איך האָב עס געזעהן: ווארום איך האָב בעמערקט דיא זעלבע זאַך אין דיא אונטעררעדונגען צווי־שען עגאָר מיכאַלאָוויטש און דיא באַרינאַ.

דער פערוואַלטער האָט גענומען מורא האָבען אַז דיא באַרינאַ וועט קיינמאָל ניט אויפהערען צו ריידען, און אַז ער וועט נאָך ענטשלאָפען ווערען שטעהענדיג; ער האָט דעריבער איבערגעביטען זיין פּאָזיציאָן, זיך אָנשפּאַ־

www.libtool.com.cn


רענדיג אויף דיא רעכטע אָנשטאָט דיא לינקע פוס. דאן האָט ער אָנגע-פאנגען צו רעדען, אָנהויבענדיג מיט זיין געוועהנליכע פראזע:

— טהוט וויא איהר פערשטעהט, מאדאם; נאָר — נאָר דער „מיר" איז יעצט פערזאמעלט אין מיין קאנטור און עפּעס מוז דאָך בעשלאָסען ווערען. דער אָפיצעלער בעפעהל איז דאָס אַלע רעקרוטען מוזען זיך צונויפזאמלען אין שטאָט פאר פּאָקראָווער יום-טוב און דיא בויערען זיינען איינשטימיג אז מען מוז נעהמען איינע פון דיא דוטלאָף'ס; מען דענקט גאָר ניט וועגען איין אנדערען. דען מיר קימערט זיך וועניג וועגען אייערע אינטערעסען, און נאָך וועניגער וועגען דעם אונגליק וואָס וועט מוזען טרעפען דיא דוטלאָף'ס. איך וויים גאַנץ גוט וועלכע צרות דיא פאמיליע האָט שוין געליטען, זייט איך בין אייער בוכהאַלטער איז דיא פאמיליע געוועזען אין איין זעהר ארימע לאַגע און יעצט ווילען זיי אין גאנצען רואינירען דעם אַלטען מאן אוועקנעהמענדיג זיין פּלימעניק וועלכער איז זיין איינציגע שטיצע. איך בין זיכער, מאדאם, דאָס איהר וועט אַנערקענען אז אייערע אינטערעסען זיינען זעהר טהייער צו מיר, און דאָס איך בין אויסען נאָר אייער טובה — דאָך, טהוט וויא איהר פעשטעהט. דיא דוטלאָף'ס געהן מיר גאָר ניט אָן — דער אַלטער איז ניט מיין שווער, דיא יונגע זיינען ניט מיינע ברידער, און איך האָב קיין מאָהל ניט געקראָגען עפּעס פון זיי —

— געוויס, עגאָר, — האָט איהם דיא באַרינאַ אונטערבראָכען, — אַזאַ געדאַנקען איז מיר קיינמאָהל ניט געקומען אין קאָפּ —

יעצט אָבער האָט זיא געקראָגען אחשד אַז דיא דוטלאָף'ס האָבען דעם פערוואַלטער געגעבען חאבאר.

— זיי זיינען דיא אָרענטליכסטע פאמיליע אין גאַנץ פּאָקראָווסקי — האָט ער ווידער אָנגעפאנגען. — זיי זיינען גאָטס פאָרכטיגע מענשען און שוועך ארבייטענדע מוזשיקעס. דרייסיג יאָהר איז דער אַלטער געווען אסטאָר-אָטעם *) אין קירכע. ער טרינקט ניט, שילט ניט און געהט אין קירכע פּינקט-ליך, — (דער פערוואַלטער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען וועלכע ארגומענטען עס וועלען ווירקען אויף דיא באַרינאַ). — דאָס אָבער איז דער הויבט פּונקט

---

*) עלדסטער, בעאמטער.

www.libtool.com.cn

וועלכע איך האב דיא עהרע פארצולעגען פאר אייך. ער האט בלויז צוויי זין, דיא אנדערע זיינען נאר בלויז זיינע פלימעניקעס, און זיי ווילען דאס מיר צונעהמען עס וואלט געווען א יושר אז אלע דוואיניקעס *) זאלען ציהען צעטלעך ווייל פילע טרויניקעס האבען זיך צוטהיילט אום זיך ארויסצומאכען פון מיליטער דינסט, און יעצט מוזען דיא דוטלאף׳ס ליידען ווייל זיי האבען גע-האלטען אלע צוזאממען.

דיא בארינא האט אויפגעהערט צו שיינקען דיא קלענסטע אויפמערק-זאמקייט צו דאס וואס דער פערוואלטער האט געזאגט זיא האט בלויז גע-קוקט אויף דיא קנעפ פון דעם פערוואלטער׳ס ראק. דיא אויבערשטע קנעפ האט ער וואהרשיינליך זעלטען געברויכט, ווארום זיי זיינען נאך געווען גאנץ פעסט וועהרענד דער מיטעלשטער קנאפ איז געהאנגען גאנץ לויז. א נאדעל מיט פאדעם וואלטען דעם פערוואלטער גאנץ גוט צונוץ געקומען.

יעדער איינער ווייס אז אין א געשפרעך, איבערהויפט אין א געשפרעך וועגען געשעפט, דארף מען זיך איינהערען צו יעדעס ווארט וואס יענער זאגט, זא לאנג וויא איינער ווייס וואס ער אליין וויל זאגען. דאס איז געווען דער פאל מיט דיא בארינא.

— ווארום ווילט איהר ניט פערשטעהן, עגאר מיכאלאוויטש — האט זיא געזאגט, — אז איך וויל ניט אז מען זאל אויסקלייבען דיא דוטלאף׳ס? איך דיינק ס׳איז שוין צייט איהר זאלט פערשטעהן אז איך בין אלע מאהל הערציג צו העלפען מיינע בויערען, און אז איך וויל זיי ניט קיין שלעכטעס טהון. איהר ווייסט דאס איך בין פערטיג צו אפפערען יעדע זאך אום צו פערמיידען דיזע טרויעריגע נויטווענדיגקייט, און צו רעטען דוטלאף און פאלוקושקא פון מיליטער דינסט.

איך ווייס ניט אויב ס׳איז איהר ארויף געקומען אויף דיא געדאנקען אז זיא דארף ניט אפפערען יעדע זאך אום צו פערמיידען דיא טרויעריגע נויטווענדיגקייט; דריי הונדערט רובעל, וואלט געווען גענוג. איין ביסעלע דענקען וואלט עס איהר איבערצייגט.

---

*) א פאמיליע וואו עס זיינען דא צוויי זיהן ווערען אנגערופען דוואי-ניקעס; פון דריי זיהן טרויניקעס.

www.libtool.com.cn


— איך וויל אייך בעסער זאָגען — האָט זיא ווידער אָנגעפאַנגען — אַז איך וועל ניט אוועקשיקען מיין פּאַליקושקאַ אין דער ווייטער וועלט אָהן וויכטיגע אורזאַכען. נאָך די געשיכטע מיט'ן זייגער, ווען ער האָט געוויינט ווען ער האָט זיך מודה געווען צו מיר, און האָט געשוואָרען אַז ער וועט ווערען בעסער, האָב איך געהאַט איין לאַנג געשפּרעך מיט איהם, און איך האָב זיך איבערצייגט אַז ער האָט געמיינט ערענסט וואָס ער האָט פער-שפּראָכען, און דאָס ער האָט ווירקליך חרטה געהאַט —

—זיא האָט זיך שוין ווידער צולאָזען! — האָט עגאָר מיכאַלאָוויטש גע-טראַכט, און האָט גענומען קוקען אויף עטוואָס וואָס דיא באַרינאַ האָט אריינגעלייגט אין איהר גלאָז וואַסער. — איז דאָס איין עפּעלציין אָדער אַ צוטראָן? האָט ער זיך געפרעגט, — איך בין זיכער אַז עס איז עטוואָס ז ו י ע ר ע ס.

— ס'איז שוין זיבען מאָנאַטען פון יענער צייט — האָט דיא באַרינאַ פאָרטגעזעצט — און ער האָט זיך זעהר שעהן אויפגעפיהרט, און איז ניט איין מאָל געווען שכור. זיין ווייב זאָגט מיר אַז ער איז געווען איין גאַנץ אַנדער מענש. וויא אַזוי דען פערלאַנגט איהר אַז איך זאָל איהם בעשטראָפען נאָכדעם וויא ער האָט חרטה געהאַט, און האָט זיך פערבעסערט? אויסערדעם וואָלט עס ניט זיין באַרבאַריש אוועקצושיקען אַ פאָטער פון פינף קינדער, וועלכע האָבען קיין אַנדער בעשיטצער אויסער איהם? ניין, ניין! איהר מוזט גאָר דערפון ניט דענקען, עגאָר!

דיא באַרינאַ האָט יעצט אַרונטערגעשלונגען אַ טרונק וואַסער.

עגאָר מיכאַלאָוויטש האָט בעטראַכט וויא דיא וואַסער איז אַרונטערגע-געגאַנגען אין איהר האַלז; און האָט געזאָגט אין אַ טרוקענעם טאָן:

— אַלזאָ הייסט עס אַז דוטלאַף מוז געהן? —

דיא באַרינאַ האָט צוזאַמענגעלייגט איהרע הענד מיט איין אויסדרוק פון פערצווייפלונג.

— וואָרום ווילט איהר מיר ניט פערשטעהן? האָב איך דען וואָס ס'איז געגען דיא דוטלאַף'ס? האָב איך דען איין אורזאַכע וואָרום איך זאָל זיי וועלען טהאָן שלעכטעס? גאָט איז מיין עדות דאָס איך בין פערטיג צו טהון פאַר זיי אַלעס וואָס איך קען —

זיא האָט אויפגעהויבען דיא אויגען צו דעם בילד וואָס איז געהאַנגען

www.libtool.com.cn

אויף'ן וואנד; זיא האט זיך אבער דערמאהנט אז דאס איז ניט גאט, ס'איז געווען זאנדערבאר אז דער געדאנקען פון דיא דריי הונדערט רובעל איז איהר ניט איינמאל אריין אין קאפ.

— וואס זאל איך טהון? — האט זיא פארטגעזעצט, איך ווייס ניט וואס איז דאס בעסטע צו טהון, און וויא איך זאל עס טהון. איך פערלאז זיך אין גאנצען אויף אייך, עגאר מיכאלאוויטש. איהר ווייסט וואס מיין פערלאנג איז און איהר זאלט עס טהון אזוי אז אלע זאלען צו פרידען זיין. וואס קען מען טהון? אזעלכע זאכען טרעפען ניט דיא דוטלאף'ס אליין. קיינער קען ניט אנטלויפען פון אונגליק. איך וועל אבער ניט ערלויבען אז פאלוקושקא זאל געהן. איהר קענט אליין פארשטעהן וויא געמיין עס ויאלט זיין פון מיר ווען איך זאל עס ערלויבען.

זיא וואלט נאך גערעדט א לאנגע צייט, אבער גראדע יעצט איז איהר דינסט אריינגעקומען אין צימער.

— וואס איז, דוניאשא? — האט זיא געפרעגט.

— א מוזשיק איז געקומען פרעגען עגאר מיכאלאוויטש'ן וויא לאנג נאך דיא פערזאמלונג פון „מיר" וועט מוזעןווארטען — האט געענטפערט דוניאשא, ווארפענדיג אבייזען בליק אויף עגאר מיכאלאוויטש.

— וואס טהוט דא דער פערוואלטער מיט דיא בארינא? — האט זיא זיך געטראכט. — ער האט איהר גוט אויפגערעגט, און איך האב מורא אז זיא וועט מיר ניט לאזען געהן שלאפען פאר צוויי אוהר נאך האלבע נאכט.

— איהר קענט יעצט געהן עגאר, און טהוט וויא איהר פערשטעהט. — האט דיא בארינא געזאגט.

— צום בעפעהל — האט ער געענטפערט, — און ווען הייסט איהר שיקען נאך דיא געלט פון דעם גערטנער? —

— איז פעטרושקא נאך ניט געקומען צוריק פון שטאט? —

— נאך ניט —

— קען ניקאלאי געהן? —

— מיין פאטער איז קראנק, — האט דוניאשקא בעמערקט.

— זאל איך אליין געהן דארטען מארגען? — האט געפרעגט דער פערוואלטער.

www.libtool.com.cn

— ניין, איך וועל אייך דארפען דאָ, עגאר. —

וויא עס שיינט האָט דיא בארינא עטוואָס געדענקט.

— וויא פיעל בעטרעפט דאָס געלד? — האָט זיא געפרעגט.

פערצען הונדערט און צוויי און זעכציג רובעל. —

— דאן שיק פּאליקושקא נאָך דאָס געלד — האָט דיא בארינא געזאָגט, און האָט געקוקט ענטשלאָסען, אויף עגאר מיכאלאָוויטש.

עגאָר האָט בעוועגט זיינע ליפּען, אזוי וויא ער וואָלט געוואָלט שמייכלען, אָבער דער אויסדרוק אויף זיין געזיכט איז געבליבען אונפערענדערט.

— צום בעפעהל — האָט ער געענטפערט.

— שיק איהם צו מיר — האָט געזאָגט דיא בארינא.

— צום בעפעהל — האָט ער ווידערהאָלט, און איז אוועק נאָך זיין קאנטאָר.

## II.

אזוי וויא פּאלוקושקא איז געווען ארעם, און נידעריג, און האָט בעלאנגט צוא איין אַנדער דאָרף מעהר וויא צוא דעם אין וועלכען ער האָט געוואָהנט, האָט ער געהאט ווענעיג פריינד, און ניט דיא דינסט, דער קעלנער אָדער דער פערוואַלטער האָט איהם אונטערשטיצט, דיא הייזעל אין וועלכע ער האָט געוואוהנט איז געווען זעהר קליין, אָבוואָהל זיעבען מענשען האָבען עס בעטראכט פיר זייער היים: פּאלוקושקא האָט געהאט א פרוי מיט פינף קינדער.

דער פריהערדיגער אייגענטהימער האָט אייגגעאָרדענט דיא הייזלעך אזוי: אין א שטיינערנע געביידע, אכט איילען ברייט, איז געשטאַנען א גרויסער רוסישער אויוון, און אַרום דעם אויוון זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען דיא הייזלעך וועלכע זיינען אָבגעטהיילט איינע פון דיא אַנדערע מיט דינע ווענטלעך קיין צופיעל פּלאטץ איז דאריבער ניט געווען, איבער־הויפּט אין פּאלוקושקא'ס הייזעל איז געווען דיא לעצטע, נעבען דיא טהיר.

דער צימער האָט ענטהאַלטען א בעט מיט א גיט איבערינגם ריינע דעקע מיט א פּאָר קישענס; א וויגעלע מיט א קינד, א דריי פיסיגער טיש וועלכער האָט געדינט פאר א קיך, פאר א וואש ברעט, און אויף וועלכען אלע געשיר

www.libtool.com.cn

זיינען געשטאנען. אויסער דעם, האָט נאָך פּאַלוקושקא בענוצט דעם צימער פאר זיין פּראָפּעסיאָן אַלס א טהיר — דאָקטאָר. א חוץ דיא זיבען מענשען וועלכע האָבען בעוואָהנט דעם צימער, איז נאָך דאָרטען געווען א קאַלב און עטליכע עופות, א פּאָר פּעסעלעך, וועש און קליידער. און עס וואָלט ווירקליך ניט געווען וואו זיך א הינצוטהון ווען ניט דער אויווען, וועלכער האָט געדינט פאר דיא פערטע וואנד, אויף וועלכען מען האָט מאנכעס מאָהל געקענט ארויפ-קריכען אָדער אוועקשטעלען אייניגע הויז זאכען, אויף'ן ערגסטען פאַל האָט מען זיך געקאָנט ארויסכאפּען אין דרויסען, דאָס איז אָבער ניט געווען זעהר אנגענעהם, ווייל אין אָקטאָבער איז דיא קעלט געווען זעהר גרויס, און דיא פאמיליע האָט געהאט בלויז איין דעקע. מען האָט זיך אָבער גע-געבען איין עצה אין אזא פאַל! דיא קינדער קענען זיך אָנוואַרעמען ארומ-לויפענדיג, דיא עלטערע ארבייטענדיג, און אַלע צוזאַמען ארויפקריכענדיג אויף'ן אויווען וועלכער האָט ארויסגעגעבען הונדערט גראַד היץ פארענהייט. כ'איז שרעקליך צו לעבען אונטער אַזעלכע אומשטענדען; דאָך לעבט מען.

אקולינא, פּאַלוקושקא'ס ווייב, פלעגט וועבען לייווענד, פלעגט וואשען און פעריכטען קליידער, האַלטען דאָס הויז ריין, און זיך קריגען מיט איהרע שכנים.

פּאַלוקושקא'ס מאָנאַטליכע געהאַלט איז געווען גענוג צו פערזאָרגען מיט'ן עסען ניט נאָר דיא קינדער נאָר דיא קוה אויך. זיי האָבען געהאט גענוג לעבענס מיטעל, זיי פלעגען קריגען היי און פוטער פון דיא שטאַלען, און האָבען נאָך געהאט א שטיקעל גאָרטען. זייער קוה האָט זיי ניט לאַנג צוריק געשאָנקען א קאַלב; דערצו נאָך האָבען זיי געהאט עטליכע עופות.

פּאַלוקושקא האָט געהאט אכטונג צו געבען אויף צוויי יונגע פערדלעך: ווען נעטהיג האָט ער דיא פערד געלאָזען בלוט, האָט אכטונג געגעבען אויף זייערע קאפּיטעם און פּאָדקאָוועס און זיי געגעבען א מעדעצין וועלכע ער האָט אַליין געמאכט. דערפאר פלעגט ער קריגען אביסעל געלד און א ביסעל תבואה, יעדען מאָנאט פלעגט ער קריגען א געוויסע מאָס קאָרען, וועלכע ער פלעגט בייטען מיט א מוזשיק אויף צוואנציג פונט שעפּסענע פלייש.

דיא פאמיליע וואָלט זיך געקענט לעבען גאנץ בעקוועם, ווען פּאַלוקושקא וואָלט ניט געהאט א גרויסען חסרון וועלכער פלעגט אָפט אָנמאכען צרות.

www.libtool.com.cn

דער היפּט קנעכט פון דיא שטאַלען ביי וועמען ער האָט זיך געלערענט זיין פּראָפעסיאָן ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג, איז געווען איינער פון דיא געפעהרליכסטע גנבים, און מען האָט איהם אַוועקגעשיקט אין קאַטאָרגע. אונטער אזא לעהרער האָט זיך פּאַלוקושקא אויסגעלעהרענט אַלערליי גניבות, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט אָבגעוויינען. ער איז נאָך געווען יונג און האָט געהאַט אַ שוואַכע נאַטור. זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען, און ער האָט ניט געהאַט קיינעם וועלכער זאָל איהם אויסבעסערען און אָבהאַלטען. דערצו האָט ער נאָך ליעב געהאַט דיא פלעשעל, און ער האָט פערקויפט אַלעס וואָס איז איהם נאָר געקומען אין האַנד אום צו קויפען דעם ביטערען טראָפּען, אַ שלאָס, אַ זאָטעל, אַ קנויל שטריק, איין אייזערנעם ריגעל, אַלס איז איהם צו ניץ געקומען; ווארום ער האָט יעדעס מאָל געפונען אַ סוחר וועלכער האָט איהם אויסגעביטען וואָס ער האָט נאָר געהאַט פאַר בראַנדוויין אָדער געלד.

גנב'נען איז איינפאַך און לייכט. מען דאַרף עס ניט פיל לעהרנען, און עס איז ניט קיין שווערע אַרבייט, און דער יעניגער וועלכער האָט עס איין מאָל פּרובירט וועט עס ניט לייכט אַוועקוואַרפען פאַר איין אַנדער געשעפט. דאָס האָט אָבער איין גרויסע שטערונג. דער גנב קריגט ווירקליך אַלעס וואָס ער וויל אָהן פיעל שוועריגקייטען, אָבער אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען געפינט זיך פּלוטצלונג אַזעלכע אונסימפּאַטישע מענשען וועלכע צווינגען איהם צו בעצאָהלען מיט אַ מאָל פאַר אַלעס וואָס ער האָט גענאָסען, און דער לעבען פערלירט אַלע פערגעניגען.

דאָס האָט געטראָפען מיט פּאַלוקושקא.

ער האָט געהייראַט און איז געווען גליקליך. זיין פרוי דיא טאָכטער פון דעם אויפזעהער איבער דיא בהמות, איז געווען איין שטאַרקע, ענערגישע פרוי; דיא קינדער מיט וועלכע זיא האָט איהם בעשאָנקען זיינען געווען שענער פאַר דיא שכנים'ס. פּאַלוקושקא אָבער, האָט זיך אַליץ געהאַלטען אָן זיין „פּראָפסיאָן".

אַלס איז זיך געגאַנגען גלאַט אַצייט לאַנג, אַם ענדע אָבער האָט מען איהם אונגליקליכער ווייזע דערטאַפּט. אין דיזען פאַל איז זיין ערגערניש גע-ווען נאָך גרעסער, ווייל דיא גנבה איז געווען אַ קלייניגקייט! ער האָט איינפאַך בעהאַלטען אַ פאָר לעדערנע לייצעס! מען האָט איהם אָבער געכאַפּט, גע-

www.libtool.com.cn

שמיסען און פער׳מסר׳ט צו דיא בארינא. פון דאמאָלס אָן האָט מען שוין אויף איהם גוט אכטונגגעגעבען. מען האָט איהם געכאפּט א צווייטען און א דריטען מאָל, און דאן האָט מען זיך צו איהם גענומען אויף אן אמת; דער פערוואַלטער האָט איהם געסטראַשעט מיט מיליטער דינסט, דיא בארינא האָט איהם גע׳מוסר׳ט און זיין ווייב האָט געוויינט. אין הויז איז געוואָרען א גאַנצע מהומה איבער דעם.

אין דער ווירקליכקייט האָט ער געהאט אגוטע נאַטור; ער האָט ניט געהאט קיין ענערגיע, און האָט צו פיעל ליעב געהאט דאָס גלעזעל. צייטענווייז ווען ער פלעגט קומען אהיים שכור, פלעגט איהם זיין ווייב שילטען, און זאָגאר שלאָגען, ער אָבער פלעגט בלויז וויינען און בעקלאָגען זיין שלעכט אויפיהרונג.

— אונגליקליכער שורקע וואָס איך איך בין. זאָל איך אזוי פערלירען מיינע אויגען אויב איך וועל עס טהון נאָך אמאָל — פלעגט ער שרייען.

אמאָנאַט פלעגט פערביי געהן, און ער פלעגט ווידער אוועק געהן פון הויז און זיך ווידער ארייגלאָזען אין טרינקען, און ניט קומען אהיים עטליכע טעג.

— ער האָט שוין ווידער געמוזט לאַטכענען — האָבען דיא בויערען געזאָגט, — צו קריגען געלט צום טרינקען.

דעם לעצטען מאָל וואָס מען האָט איהם געכאפּט איז געווען דיא גניבה פון דעם זייגער. דער זייגער איז געווען איין אַלטער, און איז שוין ניט געגאַנגען פון א לאַנגע צייט, און איז געהאַנגען אויף׳ן וואַנט פון דעם פערוואַלטער׳ס קאַנטאָר. איין טאָג, ווען פּאַלוקושקא איז געווען איינער אַליין אין קאַנטאָר, האָט ער בעמערקט דעם זייגער, האָט עס צוגענומען און פערקויפט אין שטאָדט.

צום אונגליק, איז דער הענדלער וואָס האָט געקויפט דיא מציאה, געווען איין דוואראָווי׳ס א פריינד; און ווען ער איז געקומען אין דאָרף האָט ער זיך אויסגערעדט אז ער האָט געקויפט דעם זייגער. א שטרענגע אונטערזוכונג איז גלייך געמאַכט געוואָרען, אזוי וויא דאָס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען דיא וויכטיגסטע זאַך; דער פערוואַלטער וועלכער איז ניט געווען פּאַלוקושקא׳ס א גוטער פריינד, האָט ענדליך אויסגעפונען ווער דער גנב איז, און האָט עס דערצעהלט דיא בארינא.

www.libtool.com.cn 

זיא האָט געשיקט נאָך פּאלוקושקא׳ן ; ער איז איהר געפאלען צו דיא פיס און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט ער זיך אין גאנצען מודה געווען. דיא בארינא האָט איהם גע׳מוסר׳ט, זיך צורעדט וועגען גאָט, טוגענד, וועגען עולם הבא, זיין ווייב און זיינע קינדער, ביז ער האָט זיך פאנאנדער געוויינט. — איך וועל דיר מוחל זיין, דעם מאָל — האָט זיא געענדיגט, — אָבער גיב מיר דיין עהרענוואָרט אז דוא וועסט עס נאָך א מאָל ניט טהון — .

— קיינמאָל ניט, אזוי לאנג וויא איך וועל לעבען — האָט פאלוקושקא געענטפערט, ווערענד הייסע טרערען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען, זאָל מיר אזוי דיא ערד איינשלינגען, זאָל מיר מיין בויך צופלאצט ווערען אויב איך וועל עס טהון נאָך א מאָל —.

דאן איז ער אוועקגעגאנגען אהיים, וואו ער איז געלעגען א גאנצען טאָג אויסגעצויגען אויף׳ן אויוען, וויינענדיג וויא א ביבער.

פון דאמאָלס אָן האָט ער זיך אויפגעפירט שעהן און אנשטענדיג. אָבער זיין לעבען איז געווען זעהר א טרויעריגער ; זיינע בעקאנטע האָבען איהם נאָך אלץ בעטראכט אלס א גנב, און ווען דיא צייט איז געקומען צו נעהמען רעקרוטען, האָט יעדער איינער געזאָגט אז ער איז דיא פאסענדסטע פערזאָן צו געהן פיר א סאָלדאט.

וויא מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז פאלוקושקא געווען א פער-דען דאָקטאָר, וויא אזוי ער איז פלוצלונג געוואָרען א דאָקטאָר האָט קיינער ניט געוואוסט, — ער אליין אויך ניט.

ווען ער האָט געארבייט אין דיא שטאהלען, אלס א געהילפע צו דעם קנעכט וועמען מען האָט פערשיקט אין קאטערגע, איז זיין איינציגע ארבייט געווען אויסצורייניגען דיא שטרוי, אָדער, צום העכסטענס, אויסצוקעמען דיא פערד און זיי צוברייננגען וואסער. דאָרטען האָט ער געוויס קיין זאך ניט געקענט לערנען.

נאכדעם איז ער געוואָרען א וועבער ; דאן האָט ער געארבייט אין דיא גערטנער, וואו זיין פליכט איז געווען ריין צוהאלטען דיא וועגלעך ; דאן אלס א שטראפע פיר זיין אונגעלומפערטקייט האָט מען איהם געשיקט האקען שטיינער ; און ענדליך איז ער געוואָרען א דוואָרניק. אין אלע

www.libtool.com.cn

דיזע בעשעפטיגונגען האָט ער געווים ניט געקענט זיך אויסלערנען זיין פּראָפעסיאָן.

און דאָך, גלייך נאכדעם ווייל ער האָט זיך בעזעצט אין זיין אייגענע הייזעלע, האָט ער ביסלעכווייז גענומען קריגען א נאָמען פאר זיין אויסער-געוועהנליכע, כמעט איבער-נאַטירליכע פעהיגקייט אלס א פערדען דאָקטאָר. לאָזענדיג איין אָדער איינמאָהל אָדער צוויי מאָהל, פלעגט ער אוועקלעגען דעם פערד אויף א זייט, און זיך נעהמען צו זיינע לענדען; דאן פלעגט ער איהם צו בינדען, און גענומען שניידען זיין פלייש אז דאָס בלוט איז געלאָפען וויא וואסער, ניט אכטענדיג וואָס דער ארמער פערד האָט זיך געוואָרפען און געהירזשעט; ערקלערענדיג אז דער פערד וויל עס דערמיט אויסדריקען „לאָז ארוים דיא בלוט איבער דיא קאַפּיטעס". דאן פלעגט ער נעהמען ערקלערען דיא מוזשיקעס וויא נעטהיג עס איז ארוים צו לאָזען דיא בלוט פון דיא אָדערען אום לייכטער צו מאַכען דעם קערפּער; און געהענדיג נאָך זיין גאנג, פלעגט ער ווידער נעמען האקען דעם פערד מיט א געקארבטען מעסער. נאָך דעם פלעגט ער ארומבינדען זיין ווייב'ס שאַל ארום דעם פערד'ס בויך, צו לייגען א ברען-מיטעל צו דיא וואונדען, אָדער זיי בעשמירען מיט עפּעס, און געבען דעם פערד א צוזאמענמישונג פון אלערליי מעדיצינען וועלכע פלעגען איהם נאָר ארויפקומען אויף'ן קאָפּ. געוועהנליך, וואָס מעהר פערד ער האָט דער'הרג'עט, אלץ מעהר פלעגען דיא בויערען ברייננגען צו איהם, און אלץ מעהר האָבען זיי געגלויבט אין איהם.

נאָך מיין מיינונג, מיינע פריינדע, איז ניטאָ וואָס צו לאַכען פון פּא-ליקושקא'ן און זיינע מעטהאָדען. זיינען דען ניט דיא מיטלען וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט אום דיא בויערען זאָלען קריגען צוטרויען אין איהם, דיא זעלבע וועלכע האָבען געווירקט אויף אונזערע עלטערן, אויף אונז אליין, און וועלכע וועלען ווירקען אויף אונזערע קינדער? ווען דער מוזשיק ברענגענדיג זיין קראַנקען פערד, וועלכער איז געווען ניט נור זיין גאנצעס רייכטהום נאָר אויך א טהייל פון זיין פאמיליע, — ווען דיזער מוזשיק האָט בעטראַכט פּאָליקושקא'ס פערקנייטשען שטערען, מיט אויגען וועלכע האָבען אויסגעדריקט אי שרעק, אי צוטרויען; ווען ער האָט גע-זעהן דעם פערדען דאָקטאָר'ס דינע ארעמס, און פאַרקאַשערטע ארבעל,

www.libtool.com.cn


און האָט בעמערקט וויא ער האָט געדריקט און געקוועטשט דיא וואונד, און האָט מיט זיכערהייט געהאַקט דיא געזונטע פלייש מיט דער אידעע עס אויסצוהיילען; ווען דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט אז ער וויס אַלעס וואָס אָנבעטרעפט געזונדעם בלוט, און אונגעזונטע מאַטעריע, אָדער ווענען דעם פּלאַץ פון דעם אָדער יענעם אָדער; ווען דער מוזשיק האָט איהם געזעהן האַלטענדיג צווישען דיא ציין אַ פלעשעלע מיט אַ ברען-מיטעל, אָדער אַן אַנדער סאָרט מעדיצין, האָט זיך דען דער פּראָסטער, ערליכער מענש געקענט פאָרשטעלען אז פּאַלוקושקאַ שנייט און ברענט גלאַט אין דער וועלט אריין? ער אַליין וואָלט עס געוויס ניט געוואָלט טהון; אָבער נאָך דיא אָפּעראַציע האָט ער זיך זאָגאָר ניט בעשולדיגט ווארום ער האָט עס געלאָזען טהון.

עס איז גאָר קיין וואונדער ניט. ווארום ערלויב איך און דוא, לעזער, אַ כירורג זאָל מאַטערען מענשען וועלכע מיר האַלטען טהייער? דער געקאַרבטער מעסער'ל, און דיא צוויבערהאַפּטע פלעשעלע מיט'ן ברען-מיטעל; דיא פּראַזען „לאָזען איין אָדער”, "אונגעזונטע מאַטעריע„ און זייער גלייכען, האָבען זיי דען אַ נידעריגערע מיינונג וויא יענע פראַזען, „נערוועז”, „רומאַ-טיזם”, און ארגאַניזמוס”?

„וואָגע דו צו אירען אונד צו טרוימען” זאָגט שיללער, און דער אויס-דרוק פּאַסט זיך פאַר כירורגען פון מענשען אָדער פערד, גראַדע אַזוי גוט וויא פאַר פּאָעטען.

## III.

דעם זעלבען אבענד, אין דער צייט וואָס דער מיר איז געווען פער-זאַמעלט אויס צו קלייבען דיא רעקרוטען, און געמאַכט אַזאַ טומעל נעבען דעם קאָנטאָר, אין דיא קאַלטע שטילע אקטאבער נאַכט, איז פּאַלוקושקאַ געזעסען ביים טיש, ביים ענדע בעט, און האָט זיך בעשעפטיגט מיט צו-זאַמען מישען איין מעדיצין, מיט דיא הילפע פון אַ פלעשעל וועלכע ער האָט געברויכט פאַר אַ שטויסעל. ער האָט צוזאַמען געמישט אביסעל קוועק-זילבער, ענגלישע זאַלץ, שוועבעל, און אַ געוויסען גראָז וועלכע ער האָט צוזאַמען געקליבען אַלס אַ הייל מיטעל געגען זייט שטעכענעס, און וועלכע

ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר גוט באַר יעדע פערדישע קראַנקהייט.

דיא קינדער זיינען שוין געשלאָפען; צוויי אויפ'ן אויווען, צוויי אין בעט, און איינער אין וויגעל, וואו דער שפינדעל איז געשטאַנען אויף וועלכען אַקולינא זיין ווייב, האָט געאַרבייט. אַ שטיקעל ליכט, וועלכע פאַלוקושקא האָט וואו ס'איז אויפגעהויבען, געבראַכט אַ היים און אריין געשטעקט אין אַ הילצערנעם לייכטער, האָט געברענט אויף'ן פענסטער, און אַקולינא פלעגט זיך אַלע ווייַלע אויפהייבען און אָבשנייצען דאָס קנייטעל אום איהר מאַן פאַלוקושקא זאָל קענען אַרבייטען אונגע-שטערט זיינע וויכטיגע מעדיצין רעצעפּטען.

עס האָבען זיך אפילו געפונען עטליכע לצים וועלכע האָבען געדענקט אַז פאַלוקושקא איז אַ גאָר ניט, און אַז ער ווייס גאָר ניט וועגען זיין פּראָפעסיאָן; דער גרעסטער טהייל אָבער האָט איהם בעטראַכט אַלס אַ קינסטלער אין זיין פּראָפעסיאָן, חאָטש זיי האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ גנב. אין אַקולינאַ'ס אויגען איז איהר מאַן געווען דער בעסטער טהיר-דאָקטאָר, און דער גרעסטער פּערזענליכקייט אין דער וועלט, חאָטש זיא פלעגט צייטענווייז איהם זידלען און אפילו שלאָגען.

פּאָליקושקא האָט אַריינגעוואָרפען אַ הויפען מעדיצין אין דעם רעצעפּט וואָס ער האָ געהאַלטען אין מאַכען. (ער האָט ניעמאַלס געברויכט אַ געוויכט, און האָט געלאַכט מיט פעראַכטונג פון דיא דייטשען וועלכע געברויכען עס: — געוויכט איז גוט נאָר פאַר אַפּטייקערס — פלעגט ער זאָגען). דאַן האָט ער עס אביסעל געוואָגען אין האַנד, און דענקענ-דיג אַז ס'איז ניט גענוג, האָט ער צוגעלעגט נאָך צעהן מאָהל אַזוי פיעל.

— איך וועל עס אַריינלייגען אין גאַנצען; ס'וועט מאַכען אַ בעסערע ווירקונג, — האָט ער געזאָגט, רעדענדיג צו זיך אַליין. אַקולינא, הערענדיג איהר מאַן'ס שטימע, האָט זיך שנעל אַרומגעדרעהט, ערוואַרטענדיג צו קריגען עפּעס אַ בעפעהל; אָבער זעהענדיג אַז ער האָט עס ניט גערעדט צו איהר, האָט זיא געמורמעלט מיט בעוואונדערונג:

— וויא געשיקט ער איז דאָס, וואו האָט ער עס געקענט אַלעס לערנען? —

דאַן האָט זיא זיך ווידער גענומען שפּינען.

www.libtool.com.cn


דר פאפיער אין וועלכע דיא מעדיצין איז געווען איינגעוויקעלט איז ארונטער געפאלען אונטער'ן טיש, און אקולינא האט עס דערזעהן.

— אניושקא — האט זיא גערופען — געה און הייב אויף וואס דיין פאטער האט ארונטערגעווארפען — אניושקא האט ארויס געצויגען איהר נאקעטע פיסעל פון דעם מאנטעל מיט וועלכען זיא איז געווען צוגערעקט, האט זיך ארונטער געגליטשט אונטער'ן טיש וויא א קעטצעלע, און האט אויפגעהויבען דעם שטיקעל פאפיער.

— נא, פאפא — האט זיא געזאגט, און האט זיך ווידער אריינגעווארפען אין בעט.

— וואס שטופסט דוא זיך? — האט געברומט איהר קלענערע שוועסטערל מיט א פערשלאפענעם טאן.

— שטיל! — האט דיא מוטער געזאגט.

דיא צוויי קליינע קעפעלעך זיינען פערשוואונדען געווארען אונטער'ן מאנטעל.

ער וועט מיר בעצאהלען דריי רובעל דערפאר, — האט פאליקושקא געזאגט ווען ער האט פערשטאפט דיא פלעשעל — און ער האנדעלט נאך א מציאה ווייל דאס וועט זיכער אויסהיילען זיין פערד, און קיין אנדערער קען געוויס ניט מאכען אזא מעדיצין. אקולינא, געה און בעט ניקיטא'ן אביסעל טאבאק; איך וועל עס איהם מארגען אפגעבען. —

פאליקושקא האט ארויסגענומען א פייפקע, און האט זיך פערטיג געמאכט צום רויכערען.

אקולינא האט זיך אויפגעהויבען פון'ם שפינדעל, און איז ארויס געגאנגען, און האט זיך אן גאר ניט אנגעשטויסען אין דער פינסטערניש, — ניט זעהר קיין לייכטע זאך. פאליקושקא האט געעפענט דעם אלמער און האט דארטען אריינגעשטעלט דעם פלעשעל מיט'ן מעדיצין דאן האט ער גענומען איין אנדער פלעשעל און צוגעלייגט צו דיא ליפען. ס'איז געווען ליידיג; א טראפען וואדקא איז ניט געבליבען, ער האט געמאכט א זויערע מינע; אבער ווען זיין וויב איז צוריק געקומען מיט'ן טאבאק האט ער אנגעשטאפט זיין לולקע, און האט זיך אוועקגעזעצט אויף'ן בעט רויכערען. זיין געזיכט איז געווארען ליכטיגער, און האט אויסגעדריקט דיא צופרידענהייט פון א מענשען וועלכער האט גראדע יעצט געענדיגט זיין טעגליכע ארבייט. ער

www.libtool.com.cn

האָט וואהרשיינליך געטראכט וויא אזוי ער וועט מאָרגען אָנכאַפּען דעם פערד'ס צונג און אריינגיסען זיינע וואונדערבארע מעדיצין אין דעם פערד'ס האַלז; אָדער ער האָט פיליכט געדענקט וויא גוט ס'איז צו זיין אַ פערזאָן צו וועמען מען מוז אָנקומען, און דעריבער האָט עס ניקיטאַ אזוי שנעל איהם געגעבען דעם טאבאק. יעדענפאַלס זיינע געדאַנקען זיינען געוועזען פרעהליכע און אנגענעהמע.

דיא טיהר וועלכע האָט געהאַנגען אויף איין זאַווייסע האָט זיך פּלוצ-לונג געעפענט, און דיא בארינא'ס קליינע דינסט מיידעל איז אריין אין הייזעל.

אקסיאוטקא, דיא דינסט מיידעל, פלעגט אלע מאָל פליהען וויא אַ קאַנאָנען קוגעל; און ווען זיא איז געגאַנגען אויף אַ שליחות פלעגען זיך איהרע ארעמס שאָקלען וויא אַ פּאָר פּערפּענדיקעלס פון אַ זייגער. איהרע באַקען זיינען אלע מאָל געוועזען רויטער פאַר איהר רויטע קלייד, און איהר צונג האָט געארבייט אזוי וויא איהרע פיס.

זיא איז אריינגעלאָפען אין צימער, און זיך אָנהאַלטענדיג אָן אויווען, האָט זיא זיך אווייליע געשאָקעלט אויף דיא פיס. זיא האָט גלייך ארויס-געשאָסען דיא פאָלגענדע ווערטער אין איין אָטהעם; עפּעס אזוי וויא זיא וואָלט זיך אָנגעטהון אַ כח ניט צו רעדען מעהר וויא צוויי אָדער דריי ווערטער אויף אמאָל:

— דיא בארינא בעפעהלט פּאָליקושקא איליאיטש, זאָ פאָרט צו קומען צו דיא גרויסע הויז, זיא האָט בעפאָהלען — זיא האָט געמוזט חאַפּען אָטהעם. — עגאָר מיכאַלאָוויטש איז געוועזען ביי דיא בארינא. זיי האָבען גערעדט וועגען רעקרוטען און מען האָט דערמאָנט פּאָליקושקאָ'ס נאָמען. דיא בארינא אוודאָטיא מיכאילאָוונא, בעפעהלט איהם זאָפאָרט צו קומען צו איהר. אוודאָטיא מיכאילאָוונא — (דאָ האָט זיא ווידער געמוזט חאַפּען דעם אָטהעם,) בעפעהלט איהם ער זאָל גלייך קומען צו איהר —

אקסיאוטקא האָט געקוקט אַ האַלבע סעקונדע אויף פּאָליקושקאַ'ן, און אַקולינא און דיא קינדער וועלכע האָבען ארויסגעשטעקט דיא קעפּלעך פון אונטער'ן מאַנטעל; האָט אויפגעהויבען אַ שאָלאַכיץ פון אַ נוס וואָס איז געלעגען אויף'ן אויווען, האָט עס אַ וואָרף געטהון אויף אַנאַטקאַ'ן, און איבערזאָגענדיג נאָך אמאָל.

www.libtool.com.cn


„דוא מוזט באַלד קומען". האָט זיא זיך אַרויסגעוואָרפען פון צימער, און איהרע פערפענדיקלען האָבען זיך ווידער גענומען וואַרפען מיט זייער געוועהנליכע ענערגיע.

אקולינא האָט זיך ווידער אויפגעהויבען און האָט געגעבען איהר מאַן זיינע אויסגעטראָגענע און צעריסענע שטיוועל. דאַן האָט זיא איהם געגעבען זיין קאַפּטען וואָס איז געהאַנגען אויף'ן וואַנד, אָהנע צו קוקען אויף איהם.

— וואָלסט וועלען אַ ווייסע העמד, פּאַליקושקאַ? —

— ניין — האָט ער געענטפערט.

דורך דיא גאַנצע צייט וואָס פּאַליקושקאַ האָט זיך געהאַלטען אין אָנטהאָן האָט אקולינא ניט איינמאָהל געקוקט אויף איהם. פּאַליקושקאַ'ס געזיכט איז געוועזען בלייך זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט, און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט טרויעריגקייט, און אונטערוואָרפונג, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פון גוטהערציגע אָבער שוואַכע אונשולדיגע מענשען. ווען ער האָט גענומען אַ וועק געהן, נאַכדעם וויא ער האָט פערקאַמט זיינע האָר, האָט איהם זיין ווייב אַ ווייַלע אויפגעהאַלטען, האָט צורעכט געמאַכט אַ שטיקעל העמד וועלכע איז אַרויסגעהאַנגען פון זיין קאַפּטען, און האָט איהם אָנגעטהון זיין היטעל.

— האַלאָ! פּאַליקושקאַ איליאיטש! — האָט אויסגעשריען דעם טשעסלער'ס ווייב פון דיא אַנדערע זייט פון'ם שייד ווענטעל, — האָט דיא באַרינאַא געשיקט נאָך דיר? —

דעם טשעסלער'ס ווייב האָט זיך אין דערפריה געקריגט מיט אקולינא'ן וועגען אַ טאָפּ וואַסער וואָס איהרע קינדער האָבען איבערגעקעהרט, און, האָט איהר יעצט אַ הנאה געטהון וואָס דיא באַרינאַ האָט געשיקט נאָך פּאַליקושקאַ'ן זיא האָט געטראַכט אַז דאָס איז ניט פיר זיין טובה. זיא איז געוועזען אַ חיטרע פרוי מיט אַ שאַרפען צונג, און האָט געקענט פערסאַמ'ען אַ מענשען מיט איין וואָרט.

— מסתמא וויל דיר דיא באַרינאַ שיקען אין שטאָדט עפּעס צוא קויפען — האָט זיא פאָרטגעזעצט. — מען דאַרף האָבען איין עהרליכען, זיכערען מענשען, און דעריבער האָט זיא דיר אויסגעקליבען. קויף מיר אַ פערטעל פונט טהעע ווען דוא וועסט זיין אין שטאָדט, פּאַליקושקאַ.

www.libtool.com.cn 

אקולינא האָט צוריקגעהאַלטען איהרע טרערען; איהרע ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען מיט אַ שוידער פון האַס. אָה, ווען זיא וואָלט נאָר געקאָנט אויסרייסען הויפענס האָר פון דעם טשעסלער׳ס אַבשייליכע ווייב אָבער איהר בליק איז געפאַלען אויף איהרע קינדערלעך, און דער שרעקליכער געדאַנק איז איהר געקומען אין קאָפּ אַז זיי וועלען פילייכט גלייך ווערען יתומים, און זיא אַליין אַ סאָלדאַט׳ס אַלמנה. דאַן פערגעסענדיג דעם טשעסלער׳ס ווייב, האָט זיא פערדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד; און פאַלענדיג אויף׳ן בעט, האָט זיא איינגעגראָבען איהר געזיכט אין דעם קישען.

— אָה, מאַמעלע, דוא דערשטיקסט מיך! — האָט געשריען דיא קליינע מיידעלע, ארויסציהענדיג דיא דעקע פון אונטער איהר מוטער׳ס עלענבויגען.

— אָה, הלואי וואָלט איהר אַלע געווען טוידט! איך האָב אייך געבראַכט אויף דער וועלט בלויז אויף צרות — האָט אַקולינאַ געשריען. זא האָט זיך צוואויינט אויף׳ן קול, און איהרע קרעכצען האָבען געקלונגען וויא מוזיק אין דיא אויערען פון דעם טשעסלער׳ס ווייב, וועלכע האָט נאָך אַליין געטראַגען אַ האַס איבער דיא קריג וואָס זייא האָבען געהאַט אין דערפריה וועגען דעם טאָפּ וואַסער.

## IV.

אַ האַלבע שטונדע איז פערביינגעגאַנגען; דאָס קינד האָט גענומען שרייען. אַקולינאַ האָט איהר געגעבען עסען. זיא האָט אויפגעהערט ווײנען, אָבער ווען זיא האָט אַנגעשפּאַרט איהר עלענבויגען אויף איהר געזיכט וועלכע איז נאָך געווען שעהן, און האָט זיך פערקוקט אויף׳ן ליכט וועלכער האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן, האָט זיא זיך געפרעגט וואָרום זיא האָט געדאַרפט חתונה האָבען. און צוא וואָס דאַרף מען אַזוי פיעל סאָלדאַטען; און איהר מוח האָט געאַרבייט אויפצוקלעהרען אַ פּלאַן ראַכע צו נעהמען פון דעם טשעסלער׳ס ווייב.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָט זיא דערהערט איהר מאַן׳ס טריט.

www.libtool.com.cn

זיא האָט אָפּגעווישט איהרע טרערען, און האָט זיך אויפגעהויבען, צוא מאַכען פּלאַץ פאַר איהם. פּאַליקושקאַ איז אַריין מיט אַ שטאָלצע מינע, האָט אַרויפגעוואָרפען זיין היטעל אויף'ן בעט, און האָט זיך לאַנגזאַם אוועקגעזעצט.

— נוא, וואָס האָט זיא דיר געדאַרפט? — האָט זיא געפרעגט.

— הם.... צוא וואָס? דוא ווילסט עס וויסען? פּאַליקושקאַ מעג זיך טאַקע זיין דער נידעריגסטער פון דיא נידעריגע; אָבער ווען עס מאַכט זיך עפּעס אַ וויכטיגע זאַך נאָך ווענען שיקט מען? געוויס נאָך פּאַליקושקאַ'ן.

— וואָס וויל זיא? —

פּאַליקושקאַ האָט זיך ניט געאיילט צוא ענטפערען. ער האָט אָנגעצונדען זיין לולקע, און האָט אויסגעשפּייט.

— זיא האָט מיך געהייסען געהן אין שטאָדט, און איהר ברענגען געלד. — האָט ער ענדליך געזאָגט.

— איהר ברענגען געלד? האָט אַקולינאַ אויסגערופען. פּאַליקושקאַ האָט געשמייכעלט און געשאָקעלט דעם קאָפּ.

— זיא האָט גערעדט צוא מיר אַזוי שעהן. „דוא האָסט אַ שלעכטען נאָמען" האָט זיא געזאָגט, „אָבער איך האָב מעהר צוטרויען אין דיר וויא צוא אַנדערע" פּאַליקושקאַ האָט גערעדט הויך כדי דיא שכנים זאָלען הערען. ער האָט פּאָרטגעזעצט. „דוא האָסט מיר פערשפּראָכען" האָט זיא געזאָגט, „אַז דוא וועסט זיך בעסערען, און איך וועל דיר יעצט איבערצייגען דעם צוטרויען וואָס איך האָב אין דיר. געה אין שטאָדט, און ברענג מיר דאָס געלד.„ דאַן האָב איך געענטפערט: מיר זיינען אַלע אייערע שקלאַפען, מאַדאַם, און עס איז אונזער פליכט אייך צו דינען, אַזוי וויא מיר דינען גאָט. איך וועל זיך געוויס ניט ענטזאַגען צוא טהון וואָס איהר וועט מיך נאָר הייסען. וואָס איהר וועט מיר בעפעהלען וועל איך טהון, ווייל איך בין אייער שקלאַף. —

פּאַליקושקאַ האָט ווידער געשמייכעלט מיט דעם שמייכעל וועלכער דריקט אוים גוטסקייט, שוואַכהייט און שולד.

— דאַן — האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען, — האָט זיא געזאָגט: „זעה אַז דוא זאָלסט אויספיהרען דיין מיסיאָן וויא איין עהרליכער מאַן. פערשטעהסט דוא אַז דיין גאַנצער צוקונפט ווענדעט זיך אָן דעם"? „געוויס פערשטעה איך" האָב איך געזאָגט "אויב מאַנכע מענשען האָבען מיר בערעדט

www.libtool.com.cn 

פאר אייך, איז דאָס געווען בלויז ווייל יעדער מענש האָט שונאים. איך האָב קיין מאָל ניט געוואָגט צוא טהון געגען אייערע אינטערעסען", בקיצור, איך האָב גערעדט אזוי גוט אז דיא בארינא איז געוואָרען ווייך וויא וואקס. „איך וועל דיר מאכען פאר מיין הויפּט דינער", האָט זיא געזאָגט.

ער האָט זיך אָבגערוהט, א ווײלע, און יענער שמייכעלע האָט זיך ווידער געוויזען אויף זיינע ליפּען.

— איך ווייס וויא צוא רעדען מיט זיי — האָט ער פּאָרטגעזעצט, — ווען איך פלעג דארפען צאָהלען דיא צעהנטלעך צוא דיא רעגירונג, און אז ס'פלעגט זיך עפּעס אמאָל מאכען א ויכוח מיט דעם אייגענטהימער פון דיא צעהנטלעך, פלעג איך איהם אזוי פער'חנפ'ענען, אז ער פלעגט ווערען אזוי ווייך און גלאט וויא זייד.

— וויא פיעל געלד? — האָט אקולינא פלוצלינג געפרעגט.

— פופצעהן הונדערט רובעל — האָט פאליקושקא געענטפערט גלייכגילטיג.

זיין ווייב האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און ווען געהסט דוא? —

— זיא האָט מיר געהייסען געהן מאָרגען. „נעהם וועלכען פערד דוא ווילסט", האָט זיא געזאָגט, „און פאָהר אוועק שטילערהייט".

— געלויבט איז גאָט! האָט אקולינא אויסגעשריען און זיך איבער־גע'צלם'ט — זאָל דיר גאָט העלפען, מיין מאַן — האָט זיא געזאָגט שטיל אז מען זאָל ניט קענען הערען פון יענער זייט וואנט; און האָט אָנגענומען דעם ארבעל פון איהר מאַן'ס העמד. הער זיך איין פאליקושקא, — האָט זיא פאָרטגעזעצט איך בעט דיר איין דעם נאָמען פון אונזער ערלעזער יעזוס קריסטוס שווער מיר, אז ווען דוא געהסט נאָך דעם געלד וועסטו ניט נעהמען ניט איין טראָפּען בראנפען.

גלויבסט דוא דען אז איך וועל טרינקען, ווען איך האָב אזוי פיעל פרעמדע געלד ביי זיך? — האָט ער געענטפערט שנעל. — איינע האָט דאָרטען געשפּילט אזוי שעהן אויף'ן פּיאנאָ — האָט ער ווידער אָנגעפאנגען מיט א שמייכעל — דאָס האָט געמוזט זיין א בארישנא. איך בין געשטאנען זעהר שטיל פאר דיא בארינא, און דיא בארישנא האָט געהאלטען אין איין שפּילען. אָה, וויא בעצויבערענד און וויא זיס ס'איז געווען. הלואי וואָלט איך

www.libtool.com.cn

געקענט שפּילען אזוי גוט. איך וואָלט געווים געקענט אויך — איך וואָלט עם געווים געקענט — איך פערשטעה זעהר פיעל וועגען אַ זעלבע זאכען. אָבער גיב מיר אריינע העמד אויף מאָרגען.

זיי זיינען געגאַנגען שלאָפען מיט זעהר פרעליכע הערצער.

## V.

דיא מיטגלידער פון דיא סראָדקא האָבען יעצט געהאלטען אַ היצינגע פערזאַמלונג נעבען דיא טיהר פון קאַנטאָר. כמעט אַלע מוזשיקעס זיינען דאָרטען געווען. ווערענד עגאָר מיכאַלאָוויטש האָט געהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט דיא באַרינאַ איז דער ליארעם פון זייערע שטימען געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער, און האָט דערגרייכט ביז צוא דיא פענסטער פון דיא באַרינאַ'ס צימער, אזוי וויא דאָס ברומען פון אַ שטורמדיגען ים. דיא באַרינאַ האָט געליטען פון אַ נערוועזע אונרוהיגקייט, אזוי וויא איינער פיהלט אין פערלויף פון אַ שטורעם.

דיא שטימען זיינען געוואָרען אַלץ שטאַרקער און העכער, און זיא האָט מורא געהאַט אַז עטוואָס אונאַנגענעהמעס וועט זיך דאָ טרעפען.

— ווארום זאָלען זיי זיך ניט אויפפיהרען שטיל און רוהיג וויא גוטע קריסטען, און צייגען ברידערליכע געפיהלע איינער צום צווייטען, אַנשטאָט צוא שרייען און צוא ליארמען? — האָט זיא זיך געפרעגט.

דיא פערזאַמלונג איז געווען אַ וויכטיגע, און עטליכע פון זיי האָבען גערעדט אויף אמאָל, אָבער דיא שטימען פון פעאָדאָר רעזון, דער טשעסלער, האָט זיך געהערט איבער אַלע אַנדערע שטימען.

ער איז געווען איינער פון דיא דוואיניקעס, און איז געווען געגען דיא דוטלאָף'ס שטעהענדיג מיט'ן געזיכט צו דיא בויערען, דורך וועמען ער האָט זיך דורך געבראָכען אַוועג האָט דער אַלטער דוטלאָף זיך פּרובירט פער-טהיידיגען געגען רעזון'ס אַטאַקעס. אין זיין היציגקייט צו זאָגען צו פיעל אויף אמאָל האָט ער זיך האַלב דערשטיקט; און מאַכענדיג מיט דיא הענד, און שאָקלענדיג זיינע אָרעמ'ס און דרעהענדיג זיין באָרד, האָט ער אזוי צו-מישט זיינע ווערטער אַז ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס ער האָט געזאָגט.

www.libtool.com.cn

זיינע זיהן און זיינע פּלימעניקעס, אַלע געזונטע שעהנע יונגען, זיינען געשטאַנען הינטער איהם, און דער אַלטער מאַן האָט אויסגעקוקט וויא איין אַלטע הון וועלכע פערטהיידיגט איהרע קינד׳ער געגען איין אָנפאַל פון רויב־פויגלען. (סאָקאָלם).

דיא רויב פויגלען זיינען דאָ געווען ניט נור רעזון, נאָר אַלע דוואיניקעס און אַלע „יחידים", אין אַנדערע ווערטער, כמעט דער גאַנצער „מיר" איז געווען געגען דוטלאָף.

דיא זאַך איז געשטאַנען אַזוי; מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז דעם אַלטען דוטלאָף׳ס ברודער אָוועק-געשיקט-געוואָרען פאַר אַ סאָלדאַט; און דעריבער האָט דער אַלטער מאַן גע׳טענה׳ט אַז מען זאָל איהם אויסשליסען פון דיא „טראַיניקעס" און אריינרעכענען צווישען דיא „דוואיניקעס" און דאַן זאָל מען וואַרפען גורל צווישען אַלע דוואיניקעס ווער דער דריטער זאָל זיין. עס זיינען דאָרטען געווען נאָך פיער אַנדערע פאַמיליען וועלכע האָבען געהערט צו דיא טראַיניקעס, אויסער דוטלאָף. איינער איז אָבער געווען דער סטאַרסטאַ וועמען דיא באַרינאַ האָט פריי געמאַכט פון מיליטער דינסט. דיא צווייטע פאַמיליע האָט שוין געגעבען אַ רעקרוט לעצטעם מאָל. פון דיא צוויי טראַיניקעס האָט מען שוין אויסגעקליבען צוויי רעקרוטען. איינער פון דיא אָבגעגעבענע איז נאָך אפילו גאָר ניט געקומען צו דער פערזאַמלונג און זיין פערצווייפעלטע פרוי איז געשטאַנען צווישען דיא מאַססע, האָפענדיג איהר מאַן וועט בעפרייט ווערען דורך אַ נס. דער צווייטער אָבגעגעבענער רעקרוט, רעד ראַמאַן, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דיא טרעפּ, און האָט געטראָגען אַ צעריסענעם קאַפּטען חאָטש ער איז ניט געווען אָרעם. זיין קאָפּ איז געווען איינגעבויגען, און ער איז געווען שטיל, נור צייטענווייז פלעגט ער געבען אַקוק אויף דעם מאַן וואָס האָט גערעדט העכער וויא דיא אַנדערע, און פלעגט דאַן ווידער אַרונטערלאָזען זיין קאָפּ. זיין גאַנצע אויפפיהרונג האָט אויסגעדריקט אונגליק.

דער אַלטער מאַן דוטלאָף איז געווען אַ מאַן וועמען מען וואָלט געמעגט טרויען הונדערטע און טויזענדע רובעל. זיין יעצטיגע צוהיצקייט האָט אַלעמען איבערראַשט ווייל ער איז אַלע מאָהל געווען אָרענדליך. פרום, ניט אָרעם, און אַ סטאַראַסטע פון דער קירכע.

אָבער דער טשעסלער רעזון, אַ הויכער דונקעלער מאַן, אונרוהיג, אַ שיכור און מיט אַ גרויסע מויל, איז זיך געשטאַנען רוהיג און שאַרף, און מיט זיין

www.libtool.com.cn 

הויכע פיגור, שטארקע שטימע, און זיין רעדנער קראפט, האָט ליכט בעזיגט דעם סטאראסטע פון דיא קירכע וועלכער איז געוואָרען אַלץ הייזעריגער און מעהר צומישט.

צווישען דיא אַנדערע רעדנער איז געווען אַ געוויסער גאראסקא קאָ-פילאַף, אַ דיקער יונגער מאַן מיט אַ רונדעס געזיכט, אַ קוואדראַטנע קאָפּ, און געקרייזעלטען באָרד. ער איז געווען אַ פּאָר יאָהר איינגער פאר רעזון'ן, אָבער ער איז געווען אַ שאַרפער רעדנער, און האָט געהאַט אַ גרויסען איינ-פלוס אויף'ן „מיר”. פעאָדאָר מעלניטשקי איז דאָרטען אויך געווען; ער איז געווען אַ יונגער מוזשיק, דין, הויך, בלייך, מיט אַ קליינעם בערדעל, און קליינע אויגען. ער איז געווען אַ בייזער, און האָט געזעהן בלויז דיא שלעכ-טע זייט פון יעדער זאַך. און ער פלעגט אָפּט מאַכען אונאָרדענונג אין דיא פערזאַמלונג מיט אונערוואַרטעטע פראַגען און אַנמערקונגען. דיעזע צוויי רעדנער זיינען געשטאַנען אויף רעזון'ס זייט.

צייטענווייס פלעגען אַ פּאָר פלאַפלערס אַריינפאַלען אין דיא דיסקוסיאָן. איינער, חראַפּקאָף, וועלכער פלעגט אַלץ האַלטען אין איבערזאָגען מיין טהייערער פריינד, האָט געהאַט אַ גרויסען, העלען באָרד. דער אַנדערער, ד'זיטקאָף, איז געווען קורץ, שוואַך, מיט אַ קליינע געזיכט וויא אַ פייגעלע. זיין געוועהנליכע פראַזע איז געווען, דאָס קומט אַלץ דערפון, מיינע ברידער, אַז — און דאַן פלעגט ער זיך פון אַנדער ריידען און ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע דרשות. דיא ביידע האָבען אַ ווייל‌ע געהאַלטען מיט דוט-לאַף'ן און אַ ווייל‌ע מיט רעזונ'ן אָבער קיינער האָט זיך ניט איינגעהערט צו וואָס זיי האָבען גערעדט. עס זיינען נאָך דאָרטען געווען אַנדערע מוזשיקעס פון זעלבען קלאַס, אָבער דיא ביידע פלעגען אַרום לויפען הין און הער, און אַנמאַכען מעהר ליאַרעם וויא אַלע אַנדערע צוזאַמען; זיי האָבען ליעב געהאַט צו הערען זייערע אייגענע שטימען.

פיעלע אַנדערע פאַמיליען זיינען געווען פערטרעטען אין „מיר”. מען האָט דאָרט געקענט זעהן פינסטערע געזיכטער, שעהנע געזיכטער, איינפאַכע און בייזע געזיכטער; פרויען זיינען דאָרט אויך געווען מיט זייערע קינדער, וועגען זיי אָבער וועל איך ריידען איין אַנדערעם מאָהל.

דיא מייסטען בויערען זיינען געקומען צו דער פערזאַמלונג, אַזוי וויא אין דער קירכע, צו רעדען וועגען זייערע היימישע אַנגעלעגענהייטען, ווען עס

www.libtool.com.cn


איז דיא בעסטע צייט אויסצוהאקען דיא בוימער פון וואלד, א. ד. ג. אנדערע זיינען געווען שטיל, און האָבען געוואַרט אז דער ליאַרעם זאָל זיך איינשטילען.

דאָרטען זיינען אויך געווען עטליכע רייכע בויערען וועלכע האָבען גאָר ניט געקענט געווינען אָדער פערלירען פון דיא פערהאנדלונגען. איינער פון דיא איז געווען ערמיל, מיט א גרויסע שטראַהלענדע געזיכט, וועמען דיא מוזשיקעס האָבען גערופען „דיא גרויסע בויך". נאָך איינער איז געווען סטאראסטין. און זיין געזיכט האָט קלאָהר אויסגעדריקט דעם בעוואוסטזיין פון זיין אייגענע קראַפט.

— איהר קענט זאָגען וואָס איהר ווילט — דאָס איז געווען דער אויס-דרוק פון זיין געזיכט, — אָבער איהר קענט מיר גאָר ניט טהון. איך האָב פיער זיהן, אָבער קיין איינער פון זיי וועט געהן דינען.

א פּאָר דרייסטע יונגען וויא קאפּילאָף אָדער רעזון פלעגען אפילו א מאָהל מאַכען איין אטאַקע גאָר אויף דיא רייכערע; אָבער זיי האָבען זיי געענטפערט פעסט, און רוהיג, און זיינען געווען זיכער אז מען קען זיי גאָר ניט טהון.

אָבוואָהל דוטלאָף האָט אויסגעזעהן וויא א הון וועלכע פּרובירט צוא בעשיצען איהרע קינדער געגען רויב-פויגלען, זיינע קינדער אָבער, האָבען גאָר ניט אויסגעזעהן וויא היהנער. זיי זיינען ניט געווען צו טראָגען אָדער צו-קאָכט; און זיינען געשטאנען שטיל און רוהיג נעבען איהם. דער עלטסטער, איגנאַץ, איז שוין געווען דרייסיג יאָהר אַלט, דער צווייטער, וועלכער איז געווען פערהייראטעט, האָט ניט געטויגט פאַר מיליטער דינסט. דער דריי-טער, איליא, זיין פּלימעניק, איאמשטשיק, און ניט לאַנג פערהייראטעט, איז געווען שעהן און געזונד, און איז געווען פיין געקליידעט. ער האָט געקוקט אויף דיא מאסע מענשען און האָט זיך געקראַשלעט דעם קאָפּ, אזוי וויא דיא גאַנצע זאַך וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען, חאָטש, אין דער אמת'ן, איז ער דאָס געווען דיא הון וועמען דיא רויב-פויגלען האָבען געוואָלט חאַפּען.

— מיין זיידע איז געווען א סאָלדאַט — האָט אויסגערופען א שטימע, צום אַלטען דוטלאָף — קען איך זיך דעריבער ענטזאָגען אנטהייל צו נעה-מען אין גורל? איך האָב מורא, מיין פריינד, אז מען וועט ניט ער-

www.libtool.com.cn


ליבען אַזעלכע ענטשולדיגונגען. לעצטען מאָהל האָט מען גענומען מיכע-לאָוויטש'ן, האָטש זיין פעטער האָט נאָך געדינט אין דער אַרמעע. —

— דוא, דוא, ניט דיין טאַטע און ניט דיין פעטער האָט געדינט דעם קייסער — האָט דוטלאָף געענטפערט, — און דוא אַליין ביסט אַ טוי-געניכטס, און ברייננסט קיינעם קיין נוצען ניט. דוא קענסט קיין אַנדער זאַך ניט טהון אַ חוץ טרינקען, און דיינע קינדער האָבען געמוזט אוועק-געהן פון דיר. דוא האָסט געמאַכט אַז דיין פאַמיליע זאָלען זיך ניט קענען האַלטען צוזאַמען, און יעצט ווילסט דוא אַז מען זאָל אַוועק שיקען אַן אַנדערענס קינדער. איך בין געוועזן אַסאַטסקי פאַר צעהן יאָהר; איך בין געוועזן סטאַראָסטע; מיין הויז האָט צוויי מאָהל אָבגעברענט; איך האָב אָבער קיינעם ניט געבעטען קיין הילפע, און אַלעס וואָס מיר האָבען האָבען מיר פערדינט דורך עהרליכע שווערע אַרבייט. איהר ווילט מיר רואינירען, גיט מיר צוריק מיין ברודער וועלכער איז געשטאָרבען אין דינסט, איהר וועט געוויס אורטהיילען מיט גערעכטיגקייט, וויא גאָט האָט געבאָטען, אָה, אָרטהאָדאָקסישע „מיר„! און איהר וועט זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון אַ שכור.

— דער „מיר" האָט ניט אויסגעקליבען אייער ברודער — האָט געענט-פערט קאַפּילאָף; אונזערע הערריען האָבען איהם אָבגעגעבען איבער דיא פילע פערברעכענס וואָס ער האָט בעגאַנגען, און עס וועט זיין בעסער אַז איהר וועט ניט דערמאַנען זיין נאָמען. —

קאַפּילאָף האָט געמאַכט נאָך אַ פּאָר בעמערקונגען, און דאַן האָט דער הויכער, בלייכער פעאָדאָר מעלניטשי אָנגעפאַנגען.

— דיא זאַך איז גאַנץ איינפאַך — האָט ער געזאָגט מיט אַ פינסטע-רע מינע — דיא הערען קלייבען אויס וועמען זיי ווילען און דער „מיר" מוז דאַן צולעגען דיא איבעריגע רעקרוטען. דער „מיר" האָט אויסגעקליבען אייער זאָהן, אויב עס געפעלט אייך ניט, געהט און בעט דיא באַרינאַ. ווער ווייס וואָס זיא וועט טהון? פיליכט וועט זיא הייסען מיין איינציגען זאָהן געהן פאַר אַ סאָלדאַט? אָט אַזוי האַלט עס — האָט ער געענדיגט בייז.

— און ער האָט אַרונטער געלאָזען זיין האַנד מיט אַ בעוועגונג פול מיט פעראַכטונג.

www.libtool.com.cn 

רעד ראָמאַן, ווענעם זאָהן מען האָט יעצט אָבגעגעבען, האָט אויפ-געהויבען זיין קאָפּ.

— עס איז גאַנץ רעכט, גאַנץ רעכט — האָט ער געזאָגט, און האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט איין אויסדרוק פון פערדרוס.

דיא בויערען האָבען שוין יעצט ניט גערעדט אַלע אויף אַמאָל; אויסער פּיליכט דיא מוזשיקעס וועלכע האָבען פערהאַנדעלט פּריוואַט זאַכען, אָבער דיא פּלוידערזועק האָבען נאָך געשפּיעלט זייער געוועהנליכע ראָלע.

— געוויס, אָרטהאָדאָקסישע "מיר", — האָט דער קליינער דזיטקאָף איבער געזאָגט דוטלאָף'ס ווערטער — איהר מוזט אורטהיילען וויא גוטע קריסטען. וויא גוטע קריסטען מוזט איהר אורטהיילען, מיינע ברידער.

— מיר מוזען האַנדלען עהרליך און געוויסענהאַפט, מיין טהייערער פריינד, — האָט געזאָגט דער אי׳ נפּאַכער כראַפּקאָף, — עס איז דער בעפעהל פון דיא הערען און פון'ם „מיר", — האָט ער צוגעלעגט, איבער זאָגענדיג קאַפּילאָף'ס בעמערקונג.

— אמת, דאָס איז גאַנץ ריכטיג, — האָבען עטליכע צוגעשטימט.

— ווענען האָסט דוא דאָס גערופען אַ ליגנער און אַ שכור? — האָט רעזון געשריען צו דוטלאָף'ן. — האָסט דוא אַמאָל בעצאָהלט פאַר איין גלאָז פאַר מיר? אָדער, זאָגט עס דיין זאָהן אַז איך בין אַ שכור — ער ווענען מען מוז אויפהייבען פון דיא גאַסען? אַלזאָ מיינע ברידער, אויב איהר וועט לאָזען דוטלאָף'ן געהן, וועט איהר זיין געצוואונגען צו קלייבען ניט נאָר פון דיא דוואיניקי, נאָר אויך פון דיא איינציגע זין: און דוטלאָף וועט נאָך לאַכען פון אייך.

— דוטלאָף מוז געהן! וואָס דאַרף מען דאָ פיעל רעדען. צום ערשטען מוז מען אויסקלייבען פון דיא טראַיניקעס. — האָבען איינגע שטימען אויסגעשריען.

— מיר מוזען פריהער הערען דיא באַרינאַ'ס בעשלוס — האָט איין אַנדערער בעמערקט. — עגאַר מיכאַלאָוויטש האָט געזאָגט אַז מען וועט שיקען אדוואַראַווי.

דיעזע בעמערקונג האָט אויף אַ ווײַלע אָבגעהאַלטען דעם דיספּוט; דאָס האָט זיך אָבער באַלד ווידער אָנגעפאַנגען, און איז אריין געגאַנגען אין פּערזענליכקייטען.

www.libtool.com.cn


איגנאַט, דער יונגער מאַן וועמען רעזון האָט בעשולדיגט אַז מען האָט איהם אויפגעהויבען אַ שכור׳ן אין גאַס, האָט זיך יעצט גענומען צו רעזון׳ען און האָט איהם בעשולדיגט אַז ער האָט גע׳גנב׳עט אַ זעג פון אַרייזענדען טשעסלער, און אַז ער האָט כמעט דער׳הרג׳עט זיין אייגענע ווייב.

דאַרויף האָט רעזון געענטפערט אַז עס איז גאַנץ ריכטיג אַז ער האָט געשלאָגען זיין ווייב אַמאָל ווען ער איז געווען אויפגערעגט, און אפילו ווען ער איז געווען גאַנץ קיהל; און ער האָט צו געגעבען אַז ער האָט איהר געשלאָגען וועניגער וויא זיא האָט פערדינט — אַבעמערקונג וועלכע האָט אַרויסגערופען איין אַלגעמיינעם געלעכטער. אָבער דיא בעשולדיגונג אַז ער האָט גע׳גנב׳עט אַ זעג האָט ער בעטראַכט פאַר אַ בעליידיגונג, און ער האָט זיך גענומען שטופען צו איגנאַטען.

— ווער זאָגסטו איז אַ גנב? — האָט ער געשריען.

— דוא, דוא ביסט אַ גנב! — האָט געענטפערט דער דרייסטער איגנאַט, און האָט זיך גאַנץ רוהיג געלאָזען געהן צו רעזון׳ען.

אַ חוץ דיא גניבה פון׳ם זעג, האָט מען נאָך געמאַכט אַנדערע בע־שולדיגונגען. דער האָט גע׳גנב׳עט אַ פערד, דער אַ זאַק קאָרען, דער קעפּלאַך קרויט, און אפילו אַ געווינסען טויטען קערפּער. דיא צוויי מוזשיקעס האָבען בעשולדיגט איינער דעם צווייטען אין אַזעלכע אבשייליכע זאַכען, אַז זאָגיב אַפילו אַ הונדערטע טהייל דערפון וואָלט געווען אמת, האָט מען זיי ביידען געדאַרפט אוועקשיקען אויף קאַטאָרגע.

דער אַלטער דוטלאָף האָט זיך יעצט דערמאָנט אָן אַ נייעם אַרגומענט. זיין זאָהן׳ס געשרייען זיינען איהם ניט געפעלען געווען.

— דאָס איז אבשייליך — האָט ער געזאָגט. — זיי רוהיג! — איך בעפעהל דיר! —

— דאַן האָט ער פּרובירט צייגען אַז „טראַיניקעס” זיינען ניט נור דריי ברידער וועלכע לעבען צוזאַמען, נור אַפילו אַזעלכע וועלכע לעבען בעזונדער, און ער האָט אָנגעצייגט אויף סטאַראַסטינען.

סטאַראַסטין האָט געשמייכעלט, זיך אַביסעלע פערהוסט זיך געגלעט דעם

www.libtool.com.cn

בארד, און האט געזאגט אז די „הערדען" האבען אזוי געאורטהיילט, און אז זיין זאהן האט וואהרשיינליך פערדינט בעפרייט צו ווערען פון דינסט.

— וואס אנבעלאנגט צו דיר — האט רעזון געזאגט צו דוטלאף'ן — דארפסט דו נאר ניט אזוי פיל שרייען. דו ביסט רייך גענוג און קענסט לייכט קויפען א פערטרעטער.

דוטלאף האט געווארפען א געפעהרליכען בליק אויף זיין געגנער.

— האסט דו געצעהלט מיין געלט? — האט ער געענטפערט בייז. — אבער לאמיר ווארטען ביז ענאר מיכאלאוויטש וועט קומען; ער וועט אונז דער־צעהלען וואס די בארינא האט בעשלאסען.

## VI.

אין דעם זעלבען אויגענבליק איז ענאר מיכאלאוויטש ארויס געקומען פון די בארינא. אזוי שנעל וויא די בויערען האבען איהם נאר דערזעהן האבען זיי גלייך ארונטער גענומען זייערע היטלען; און ווען ער איז צו זיי צוגעקומען זיינען אלע געשטאנען מיט בלויזע קעפּ. מען האט דארט גע־קענט זעהן אלערליי קעפּ, — פליכעוואטע, ווייסע, גרויע און רויטע. דער טומעל איז ביסלעכוויז איינגעשטילט געווארען.

ענאר מיכאלאוויטש האט זיך אוועקגעשטעלט אויף די טרעפּ, און געמאכט א צייכען אז ער וויל רעדען. מיט זיין לאנגען פראק, זיינע הענד אין די קעשענעס, זיין הוט איבער די אויגען, זיינע פיס פונאנדער גענומען שטעהענדיג אויף די טרעפּ איבער די מענגע קעפּ מעהרסטענס מיט לאנגע און גרויע בערד, און אלע געזיכטער ווענדען זיך צו איהם, האט דער פערוואלטער אויסגעזעהן מאיעסטעטיש, און האט געצייגט מעהר דרייסטיגקייט אלס אין די בארינא'ס געגענווארט.

— איך האב אייך געבראכט די בארינא'ס בעשלוס, מיינע קינדער — האט ער געזאגט. — זיא קען ניט געבען אדווארעוונעם, און זיא פער־לאזט זיך אין גאנצען אויף אייך. מיר מוזען היינט אויסקלייבען דריי רעק־רוטען.

— זעהר גוט —, האבען געשריען איינינע שטימען.

www.libtool.com.cn

— נאטירליך — האט ענאר מיכאלאוויטש ווידער אנגעפאנגען — נאטירליך ווען איהר אויסקלייבען בארשיך און מיטאכין, ווירקליך, נאט אליין האט זיי אויסגעקליבען.

— גאנץ ריכטיג! גאנץ ריכטיג! — האבען אלע אויסגעשריען.

— דער דריטער מוז זיין אדער דוטלאף, אדער איינער פון די דוואר־ניקעס, וואס זאגט איהר? —

— דוטלאף מוז געהן! די דוטלאף׳ס זיינען „טראיניקעס״! —

דער טומעל און די געשרייען האבען זיך ווידער אנגעפאנגען, און די בעשולדיגונג ווענגען די קעפלעך קרויט און אנדערע מיאוסע זאכען זיינען ווידער געמאכט געווארען.

צוואנציג יאהר איז ענאר מיכאלאוויטץ געוועזען דער פערוואלטער פון די באריגא׳ס איינענטהום. ער איז געוועזען א מאן פון פערשטאנד און ערפאהרונג א פערטעל שטונדע איז ער געבליבען שטעהן אויף זיין פלאטץ, און זיך איינגעהערט וואס די בויערען האבען געזאגט; דאן האט ער די פערזאמעלטע געהייסען בלייבען רוהיג און בעפאהלען די דריי דוטלאף׳ס צו ווארפען גורל ווער פון די דריי זאל געהן.

מען האט אויפגעשריבען די נעמען אויף שטיקלעך פאפיר. בארקאף האט די דריי צעטלעך אריינגעלעגט אין א היטעל, און דאן ארויסגעצויגען איין שטיקעל פאפיר מיט איליא׳ס נאמען. יעדער איינער איז געבליבען שטיל.

— איז דאס מיין נאמען? לאז מיר זעהן! — האט געשריען דוטלאף׳ס פרוי ניט מיט א הייזעריגע שטימע.

די מאססע איז נאך אלץ געבליבען שטיל. ענאר מיכאלאוויטץ האט בעפאהלען די מען זאל מארגען איהם ברענגען דאס געלד פאר די רעקרוטען — זיבען קאפעקען פון יעדער פאמיליע, און האט דאן געהייסען, אלעמען געהן אהיים.

נאך אלץ שטעהענדיג אויף די טרעפ האט ענאר מיכאלאוויץ נאך נאכגעקוקט די מאססע מענשען וועלכע זיינען פונאנדער געגאנגען. ווען די יונגע דוטלאף׳ס זיינען א וועק, האט ער צוגערופען דעם אלטען מאן וועלכער איז געבליבען אליין, און ביידע זיינען אריין אין קאנטאר.

עס מהוט מיר זעהר לייד, אלטער, — האט ענארט מיכאלאוויטש געזאגט

www.libtool.com.cn

זיך זעצענדיג אויף איין ארעם־שטול נעבען טיש. — יעצט ווענדעט זיך עם אן דיר. ווילסט דוא אויסקויפען דיין פלימעניק? —

דער אלטער מאן האט אויף איהם געווארפען א פראגענדען בליק, און האט נאר ניט געזאגט.

— דוא קענסט זיך ניט ארויסדרעהען — האט ענאר געזאגט אלס אנטווארט אויף דעם אלטען'ס בליק.

— איך וואלט איהם געוויס ווע ען אויסקויפען אבער וואס קען איך מאהן, ענאר מיכאלאוויטש? מיר האבען פערלארען ציווי פערד דעם זומער און דאן האב איך מיין פלימעניק חתונה געמאכט. דער קלאפ האט א נז גע־טראפען ווייל מיר זיינען עהרליכע מענשען! ער קען זיך רעדען וואס ער וויל — האט ער' נעענדיגט דענקענדיג ווענען רעזון'ן.

ענאר מיכאלאוויטש האט אר בערגעפיהרט זיין האנד איבער'ן שטערען, און האט געגענעצט, דיא נאנצע זאך האט איהם גענומען מיאוס ווערען, און ער האט געוואלט געהן אהיים טרינקען טהע.

— אלזא א טער, דוא ווערסט מוזען דורכזוכען דיין קעלער צו געפינען א פאר הונדערט רובעל. איך נעהם זיך אונטער צו געפינען א זיכערען שטעל־פערטרעטער. נעכטען האט זיך איינער מיר אנגעבאטען. —

— אין שטאדט? — האט דוטלאף נעפרעגט.

— אלזא? ווערסט בעצאהלען פאר איהם?

— הלואי וואלט איך נאר געהאט. גאט ווייס דעם אמת, אבער......

ענאר מיכאלאוויטש האט איהם אונטערבראכען מיט א שטרענגע מינע.

— זעהר גוט. אלטער. הער זיך איין. גיב אכטונג אז איליא זאל נאר ניט מאכען קיין קונצען. דוא מוזט מיר איהם צו שטעלען אזוי שנעל וויא איך שיק נאך איהם, היינט אדער מארגען. דוא ...חט איהם ...ליין ברייננען; איך וועל דיר האלטען פעראנטווערטליך פאר איהם. אויב ער וועט נאך מאכען פליטה וועל איך נעהמען דיין עלטסטען זוהן. דוא פערשטעהסט?

— קענט איהר דען ווירקליך ניט נעהמען א דוואיניק, ענאר מיכאלאוויטש? עס איז דאך ווירקליך א שאנדע אז מען זאל אוועק שיקען דעם זוהן נאכדעם וויא זיי פאטער איז געהרג'ט געווארען אין דינס? ווארום ז...ל מען מיר טאהן אזא נעוואלדיגען אונרעכט? האט ער נעפרעגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, און האט געוואלט פ...לען צו ענאר'ס פיס.

www.libtool.com.cn

— נעה אוועק ! — האָט דער פערוואַלטער אויסגעשריען. — מען קען גאָר ניט טאהן; עס איז דער געזעטץ. גיב אכטונג אויף איליא'ן. דוא וועסט מחען ענטפערען פאַר איהם. —

דוטלאף איז אוועס אהיים, קלאַפּענדיג מיט זיין שטעקען אָן דיא שטיינער געהענדיג.

## VII.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה פאַר טאָג, האָט מען צוגעפיהרט צום הויז דעם קליינעם וואגען אין וועלכער דער פערוואַלטער פלעגט געוועהנליך ארום פאַהרען; און צום וואגען איז געווען צוגעשפּאַנט א פערד וועלכער האָט געהייסען „בּאַראַבּאַן“, איבּער איין אורזאַכע וועלכע איך קען ניט ערקלעהרען.

ניט אכטענדיג אויף'ן רעגען און שניי און דעם קאַלטען ווינד, איז אניוטקא פּאָליקושקא'ס עלטסטע טאָכטער, געשטאַנען באָרפוס נעבען דעם פערד'ס קאָפּ. זיא האָט וואהרשיינליך מורא געהאַט פאַר איהם, און איז געשטאַנען אזוי וויט פון איהם וויא מעגליך. האָטש זיא האָט געהאַלטען דעם צאַם אין איין האַנד, און איז דיא אַנדערע א גרין־געלען מאַנטעל, וועלכער האָט געדינט דיא פאַמיליע פאַר א שובא, אדיוואַן פאַר פּאָליקושקא'ס אויבער מאַנטעל, און פאַר עטליכע אַנדערע זאַכען.

דיא הייזעל איז געווען אהיבש ביסעל אויפגערעגט. עס איז נאָך געווען גאַנץ פינסטער, און דיא שוואַכע ליכט פון'ם פריה־מאָרגען האָט זיך קאַם געקענט דורכברעכען דורך'ן רעגען וואס האָט גענאָסען דורך'ן פענסטער וועלכער איז געווען פערשטאָפּט מיט פּאַפּיר. דיא קינדער זיינען נאָך געלעגען אין בעט און האָבען געציטערט פון קעלט, ווייל דאס וואס זיי האָבען גענוצט פאַר א דעקע האָט מען געדאַרפט האָבען פאַר'ן פאָטער עס אנצוטהון, און דיא מוטערס דינע שאַל האָט זיי קוים געקענט בעשוטצען פון קעלט.

אקולינא האָט זיך בעשעפטיגט מיט איהר מאַן, און האָט פאַרברייטעט יעדע זאַך צו דער רייזע. זיא האָט איהם געגעב'ין אריינע, גאַנצע העמד; אבער זיינע שטיוועל וועלכע זיינען געווען גוט צעריסען האָבען איהר פערשאַפט פיל שמערצען. זיא האָט אויסגעטהון איהרע אייגענע פאַר זאָקען און האָט עס

www.libtool.com.cn

געגעבען איהר מאן; און מיט א שטיק טוך וועלכע איהר מאן האט געפונען אין שטאל, האט זיא פארזיכטיג פערשטאפט דיא לעכער פון זיינע שוך אז דאס וואסער זאל ניט קענען צוקומען צו זיינע פיס.

פאליקושקא איז געזעסען איינגעקוטשעט אויף'ן בעט און האט פרובירט רייניגען זיין נארטעל וועלכער האט אויסגעזעהן וויא א שטיק שמוציגע שטריק; און דיא עלטסטע מיידעל איז אוועק געגאנגען בארגען ניקיטא'ס היטעל.

דיא אונארדנונג און דער טומעל זיינען נאך גרעסער געווארען ווען איינינע שכנים זיינען געקומען בעטען פאליקושקא'ן אז ער זאל עפעס קויפען אין שטאדט דער האט בעדארפט נאדלען, דער האט בעדארפט טהעע, דער אייל, דער טאבאק, און דעם טשעשלער'ס וויב האט געבעטען צוקער. דיזע דאמע האט שוין געהאט אויפגעשטעלט קאכען איהרע טהיעע; און איבער־צובעטען איליטש'ן האט זיא איהם א־יינגעטראגען אין א קרוג א ביסעל וואסער וועלכע זיא האט גערופען טהעע.

אזוי וויא ניקיטא האט ניט געוואלט אוועק לייהען זיין היטעל, האט מען געמוזט פעררירטען פאליקושקא'ס אייגענע היטעל; דאס הייסט מען האט געמוזט צוריק אריינשטאפען דיא וואטע וואס איז ארויסגעקראכע, און צואמענעהען דיא לעכער. דאן, אזוי וויא אניוטקא איז שיר פערפרארען גע ווארען האלטענדיג דעם פערד, האט אקולינא געמוזט געהן אויף איהר פלאטץ, און נאכדעם וויא פאליקושקא האט אויף זיך אנגעטהון דיא קליידער פון דער גאנצער פאמיליע לא ענדיג בכויז דעם מאנטעל און דיא שלאף־שיך, איז ער אריין געקראכען אין וואגען ער האט זיך גוט ארומגעוויקעלט, צורעכטגעמאכט דיא היי, גענומען דיא לייטצעס, האט אויסגעגלייכט דיא פלייטצעס מיט א וויכטיגע מינע, און איז אוועק געפאהרען.

זיין קליינעס אינגעלע, מישקא, איז צוגעלאפען און געבעטען זיין פאטער אז ער זאל איהם לאזען זיך אויספאהרען א ביסעלע; און דיא קליינע מאשקע האט אויך געבעטען דאס זעלבע. פ ליקושקא האט אייגגעהאלטען זיין פערד און האט געשמייכעלט מיט זיין געוועהנליכען שוואכען שמייכעלע, און אקולינא האט דיא קינדער אריינגעהויבען אין וואגען, זיך איינגעבויגע צו איהר מאן און האט איהם אנגעזאגט שטיל אז ער זאל נים פערגעסען זיין שבועה, און ניט נעהמען אפילו איין זופ וואדקא.

פאליקושקא האט צוגעפיהרט דיא קינדער ביז'ן קרעניע, און האט זיי

www.libtool.com.cn

נח ייסען נעהן אחיים. דאן האט ער זיך ווידער גוט איינגעוויקעלט, האט צורעכט געמאכט זיין היטעל, און האט אנגעטריבען זיין פערד. זיינע באקען האבען געציטערט, און זיינע פיס האבען געקלאפט איינע און דיא אנדערע פון׳ם טרייסלען פון וואגען. מאשקא און מישקע, לעבעדיג און מונטער זיינען געלאפען אהיים בארפים; און האבען געמאכט אזא ליארעם אז זיי האבען צונעצויגען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון איינעם פון דיא דארף׳ס הינד דער הינד האט זיך א ווילע אבגעשטעלט זיי צו בעטראכטען, און פלוטצלונג ארונטערלאזענדיג זיין עק איז ער אוועק געלאפען אין זיין איינענע בודקע פאליקושקא׳ס יורשים האבען געמאכט נאך מעהר ליארעם וויא פריהער. א בער זייער נצחן איבערן הונד.

עס איז געווען זעהר א שלעכטער טאג. דער צפון ווינד האט געבלאזען אין פאליקושקא׳ס געזיכט, און דער רעגען און שניי האבען אויסגעזוכט זיינע נאקעטע הענד מיט וועלכע ער האט געהאלטען דיא פערפרארענע לייטשעס, און וועלכע ער האט פרובירט צו בעשיצען, בעהאלטענדיג זיי אין זיינע ארבעל. דער רעגען האט זיך אויך געגאסען אויף בארבאן׳ס אלטע קאפ, און ער האט אויפגעשטעלט דיא אויערען און געווינקט מיט דיא אויגען.

אין א ווילע ארום איז עס געווארען אביסעל ליכטיגער, דיא בלוילעכע שנייוואלקענס זיינען געווארען דייטליכער, דיא זון האט געמאכט אפערזוך צו שיינען, אבער אזוי שרעקענדיג און טרויעריג אזוי וויא פאליקשקא׳ס שמייכעל.

ניט אכטענדיג אויף דעם אונאנגענעהמען וועטער, איז זיך פאליקושקא געזעסען פערטיפט אין זעהר אנגענעהמע געדאנקען. ער ווען דיא מוזשיקעס האבען געהאלטען פאר אגנב, ווען זיי האבען געסטראשעט אבצוגעבען פאר אסאלדאט, ווען יעדער איינער, אויסער דיא פוילסטע ב יערען פלעגען שלאגען, ווען מען פלעקט שיקען טהון דיא געמיינסטע ארביים, ער פאהרט יעצט ברענגען א גרויסע סומע געלד. דיא בארינא האט צוטרויען צו איהם, ער פאהרט יעצט אין דעם פערוואלטער׳ס וואגען, מיט דעם זעלבען פערד וועלכער פלעגט פיהרען דיא בארינא אליין, מיט א פאר לעדערנע לייטשעס פונקט וויא ער וואלט געווען אדוואיניק, ביי דעם געדאנק האט זיך פאליקושקא אויסגעגלייכט צו רעכט געמאכט דיא וואטע וועלכע האט געגומען ארויסקריכען פון זיין היטעל אח האט זיא גוט איינגעוויקעלט.

www.libtool.com.cn

ער האָט אָבער נעהאַט א מעום ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אז ער פאָהרט אויס וויא אַרייכער דוואָרניק עס איז טאַקע אמת אז א רייכער האנדעלס מאַן פאָהרט אין א וואַגען מיט לעדערנע לייטשעס; דאס איז אָבער ניט אַלעס מען זעהט א מאַן מיט אַלאַנגע באָרד, אין א בלויען אָדער שוואַרצען קאַפּטאַן זיטצענדיג אַליין אין א וואַגען צונעשפּאַנט צו א גוטען פערד. איין קוק אין נענוג אויסצוגעפינען אויב דער פערד איז גוט געקאָרמעט, און אויב דער מענש אַליין לעבט א גוטען טאָג און געהט גוט געקליידעט און צו בעמערקען וויא ער האַלט זיך, און וואס פאַר א בעפּוצונג זיין פערד טראָגט. מען קען זיך אויך זעהר לייכט פאָהרשטעלען אויב זיין קאַפּיטאַל בעשטעהט פון הונדערטע אָדער טויזענטע רובעל.

אָבער א מאַן פון ערפאַהרונג, דערזעהענדיג פּאַליקושקאַ'ן און בעטראַכטענדיג זיינע הענד, זיין געזיכט און זיין באָרד, זיין גאַרטעל, דיא חיי וואס איז געווען פאַנאַנדער געוואָרפען אין וואַגען, און דעם מאַגערען באַראַבאַן, וואָלט גלייך אויסגעפונען אז ער איז נישט קיין רייכער געשעפטסמאַן, ניט א דוואָרניק נאָר איין אָרעמער שקלאַף וועלכער האַנדעלט מיט א קאַפּיטאַל ניט פון טויזענדע אָדער הונדערטע, נאָר אפילו ניט מיט צעהנדליגע רובעלס.

איקיאַטש פּאַליקושקא האָט אָבער ניט אַזוי נעדענקט. ער האָט געהאַט פאַלשע איינבילדונג וועלכע איז אָבער געווען זעהר אַנגענעהם. פופצעהן הונדערט רובעל! ער פאָהרט ברענגען פופצעהן הונדערט רובעל! אויב ער זאָל נאָר וועלען קען ער זיך אוועק פאָהרען אין אָדעס, אָדער וויא גאָט וועט איהם נאָר פיהרען, איידער צוקומען צוריק. ער וועט עס אָבער ניט טהון, האָט ער בעשלאָסען; ער וועט עהרליך ברענגען דאס געלד אהיים צו דיא באַרינא.

ווען זיי זיינען פערביינעפאַהרען א קרעטשמע, האָט דער באַראַבען גענומען צופּען דיא לייטשעס. און האָט געוואָלט געהן לינקס. אָבער חאָטש פּאַליקושקא האָט נעהאַט מיט זיך דאס געלד וואס דיא בויערען האָבען איהם מיט געגעבען האָט ער זיך דאָך ניט אבגעשטעלט. ער האָט אנגעשטיסען זיין פערדיל און איז ווייטער געפאָהרען.

דאס זעלבע האָט ער געטהון נעבען דער נעקסטע קרעטשמע, און אַרום מיטאָג צייט איז ער אַרונטער פון זיין וואַגען, האָט געעפענט דיא שטאָל וועלכע האָט געהערט צו דיא באַרינאַ'ס געשעפטסמאַן, האָט אַריינגעפיהרט זיין וואַגען

www.libtool.com.cn

אויסגעשפּאַנט זיין פערד און האָט איהם געגעבען געגוג היי, און איז גע־גאַנגען עסען מיט דעם געשעפטסמאַן'ס דינערס, ניט פערגעסענדיג זיי צו דערצעהלען אויף אַלעם פאַר אוויכטיגע מיסיאָן ער איז אהער געקומען. דאַן איז ער אַ וועק צום נערטנער מיט זיין בריעף אין זיין הוטעל.

דער נערטנער האָט געקענט פּאָליקושקאַ'ן און ווען ער האָט געלעזען דעם בריעף, האָט ער איהם געפרעגט מיט אַ גיט פערבאָרגענעם פערדאַכט, אויב מען זאָל געבען דאָס געלד צו איהם אַליין. פּאָליקושקא האָט פּרובירט זיך געפינען בעליידיגט; ער האָט עס אָבער ניט געקענט טהון, און האָט בלויז געשמייכעלט מיט זיין געוועהנליכען מעלאַנכאָלישען שמייכעל.

דער נערטנער האָט געלעזען דעם בריעף עטליכע מאָהל, און האָט ענד־ליך פּאָליקושקאַ'ן געגעבען דאָס געלד. פּאָליקושקא האָט דאָס געלד אריינ־געלעגט אין זיין ברוסט, און איז צוריק אוועק אין אַ קרעטשמע; ער איז אָבער בייגעקומען דעם נסיון פון דיא וואָדקא.

ער האָט געציטערט מיט עפּעס איין אנגענעהמען פיבער. ער האָט זיך עטליכע מאָהל אבגעשטעלט נעבען דיא קראָמען וואו ער האָט גע־זעהן שיך, היטלען, פערשידענע סאָרטען טיכער און גלאָט נאַשעריייען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט בלויז אויף איין מינוט, און איז אוועק מיט אַ פרעה־ליכע הערץ.

— איך קען אבקויפען אַלץ וואָס איך זעה, אָבער איך וויל ניט — האָט ער זיך געטראַכט.

ער האָט געקויפט אין מאַרק אַלס וואָס זיינע פריינד האָבען איהם געבעטען, און האָט זיך דאַן גענומען דינגען מיט אַ סוחר וועגען אַ פּעלץ פאַר וועלכען מען האָט געבעטען פונף און צוואַנציג רובעל. דער סוחר, בעטראַכטענדיג פּאָליקושקאַן, האָט זעהר געצווייפעלט אויב ער איז אומ־שטאַנדע אוים צו געבען אַזוי פיעל געלד. אָבער פּאָליקושקא האָט זיך אויפגעבלאָזען, און האָט דערקלעהרט אַז ער קען אבקויפען דעם גאַנצען גע־שעפט אויב ער וויל נאָר; און האָט דאַן געוואָלט זיך אַנפּאַסען דעם פּעלץ. ער האָט עס געטאַפּט מיט דיא פינגער, האָט עס געבלאָזען, האָט עס געשמעקט, און האָט עס אַרונטער גענומען זיפצענדיג.

— דער פּרייז געפעהלט מיר ניט — האָט ער געזאָגט. — איך גיב פופ־צעהן רובעל —.

www.libtool.com.cn

דער סוחר איז געוואָרען אין כעס, און ארויפגעוואָרפען דעם פעלץ אויף'ן טיש; אין פּאָליקושקא איז זיך פרעהליך אוועק געגאנגען אין זיין קרעטשמע. נאכדעם וויא ער האָט אָבגעגעסען, און געגעבען זיין באראבאן אביסעל קאָרען מיט וואסער, איז ער ארויפגעקראָכען אויף'ן אויווען, האָט ארויס־גענומען דעם קאָנווערט מיט'ן געלד, און האָט אַלע געלט נעקוקט דאָ־רויף. דאן האָט ער געבעטען אדווארניק וועלכער האָט געקענט לעזען אז ער זאָל איהם איבער לעזען דעם אדרעס און דיא אנדערע ווערטער; דער דווארניק האָט געלעזען: „בילעטען וועלכע בעטרעפען זיבצעהן הונדערט און זיבצעהן רובעל".

דער קאָנווערט איז געווען געמאכט פון שטארקע פּאפּיר, און פערזי־געלט מיט ברוינע זיגלען מיט דיא פיגור פון איין אנקער. אין מיטען איז געווען א גרויסער זיגעל, און קלענערע אין דיא ווינקלען; אביסעל טריף־וואקס איז דאָרט אויך געווען. פּאָליקושקא האָט אלעס בעמערקט. ער האָט אפילו געפיהלט וויא אזוי דיא בילעטען זעזן אוים דורך דעם קאָנווערט. ער האָט געציטערט מיט א קינדערשען פערגניגען ביי דעם געדאנקען אז ער האָט אזוי פיל געלט אין זיין האנד. דאן האָט ער אריינגעלעגט דעם קאָנווערט אין זיין היטעל, האָט אנגעטהון דיא היטעל אויף'ן קאָפּ און איז געגאנגען שלאָפען.

ער האָט זיך עטליכע מאָהל אויפגעהאָפּט ביי נאכט און האָט געטאפּט דעם קאָנווערט; און ווען ער האָט עס יעדעס מאָהל געפונען האָט ער גע־שפירט איין אנגענעהמען שטאָלץ פון דעם געדאנקען אז ער, פּאָליקושקא, וועמען אלע האָבען אזוי געטאַדעלט, האָט ביי זיך אזא גרויסע סוממע געלד, וועלכע ער וועט אבגעבען אזוי עהרליך און טריי אזוי וויא דער פער־וואלטער אליין.

## VIII.

ארום האלבע נאכט האָט זיך פּאָליקושקא אויפגעהאָפּט פון א גרויסען ליאַרעם און געשרייען פון מוזשיקעס. דיא רעקרוטען פון פּאָקראָווסקי זיינען אָנגעקומען; און צווישען זיי זיינען געווען באראשין, מיטאכין און איליא,

www.libtool.com.cn

דוטלאָף'ס פּלימעניק, אַפּאָר פערטרעטער, דער אַלטער דוטלאָף, דער סטאַראסטע און נאָך עטליכע מוזשיקעס.

א נאַכט־לעמפּעל האָט געברענט, און דיא קעכין איז געשלאָפען אויף א באַנק אונטער דיא הייליגע בּילדער. זיא איז שנעל אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעצונדען א ליכט. פּאָליקושקא איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט אריבער געשטעקט זיין קאָפּ איבער'ן אויווען און האָט געקוקט אויף דיא מוזשיקעס וועלכע זיינען אריינגעקומען אין צימער. זיי האָבען זיך אַלע איבער געצלם'ט אריינקומענדיג און האָבען זיך אוועק געזעטצט אויף דיא באַנק. דער גרעסטער צאָהל זיינען געווען רוהיג און נים אויפגערעגט, און מען האָט נים געקענט דערקענען וועלכע זיינען געווען דיא רעקרוטען. זיי האָבען זיך געגריסט, און איינער האָט איבערגעשטיינט דעם צווייטען אין פּלאַפּלען און אין בעטען עסען. איינינע האָבען זיך געהאַלטען פון דער ווייטען, און האָבען אויסגעזעהן טרויעריג; אנדערע אָבער זיינען געווען צו פרעהליך, און האָבען װאהרשיינליך פיל געטרונקען. צווישען דיא איז געווען איליא, וועלכער פלעגט פריהער קיינמאָל נים טרינקען.

— אַלזאָ, מיינע קינדער, זאָלען מיר עפּעס צובייסען אָדער נעהן שלאָפען? — האָט דער סטאַראסטע געפרעגט.

— לאָמיר עפּעס עסען! — האָט איליא געזאָגט, עפּענענדיג זיין מאַנטעל, און זיך זעטצענדיג אויף'ן באַנק. — חיים ברייננען וואָדקא.—

— דוא האָסט שוין געהאַט גענוג וואָדקא —, האָט דער סטאַראסטע געזאָגט, און זיך ווענדענדיג צו דיא אַנדערע האט ער זיך נעבעטען

— קענט איהר נים אויסקומען מיט א שטיקעל ברויט, היינט אַבענד. מיינע קינדער? עס איז א רחמנות ·אַלעמען אויף צו וועקען.—

— חיים ברייננען וואָדקא —, האט איליא געזאָגט, נים קוקענדיג אויף קיינעם און מיט א טאָן פון א מענשען וועלכער האט בעשלאָסען אויסצופיהרען וואס ער וויל.

דיא מוזשיקעס האָבען איינגעשטימט מיט'ן סטאַראסטע און זיינען גע גאַנגען נעהמען ברויט פון זייערע וועגען; און ווען זיי האָבען עס אָבגעגעסען און פערטרונקען מיט א ביסעל קוואס האָבען זיי זיך אוועקגעלעגט שלאָפען, דער אויף'ן פּאָדלאָג און דער אויף'ן אויווען.

www.libtool.com.cn

— ברײנג װאָדקא! — האָט איליא געשריען, — ברײנג װאָדקא, זאָג איך דיר!

פלוצלונג האָט ער דערקענט פּאָליקושקאַ'ן.

װאָס, פּאָליקושקא! מײן אַלטער פרײנד! דוא ביסט דאָס? — האָט ער געזאָגט, — איך בין געװאָרען אַ סאָלדאַט מײן פרײנד. איך האָב זיך געזעגענט מיט מײן װײב און מיט מײן מוטער. אָי, װיא זײ האָבען גע־װײנט! יאַ, יאַ, איך בין יעטצט אַ סאָלדאַט! הײס געבען װאָדקא! —

— איך האָב קײן געלד ניט — האָט פּאָליקושקא געענטפערט. — גאָט װעט דיר העלפען, און דוא װעסט בעפרײט װערען װײל דוא װעסט ניט טױ־גען צום דינסט. — האָט ער געזאָגט טרײסטענדיג דעם יונגען מאַן.

— מײן גוט ר פרײנד, איך בין קײנמאָל ניט קראַנק געװעזען, װאָרום זאָלען זײ מיר לאָזען געהן? װעלכע סאָלדאַטען דאַרף דען דער צאַר האָבען?

פּאָליקושקא האָט דערצעהלט פון אַ מושיק װעמען מען האָט בעפרײט װען ער האָט געגעבען דעם דאָקטאָר פונף רובעל.

— נײן, נײן, איליטש, עס איז צו שפּעט —, האָט דער יונגער מאַן גע־זאָגט. — און איך אַלײן װיל שוין מעהר ניט פערבלײבען. מײן פעטער האָט מיר געבראַכט דערצו. האָט ער ניט געקענט קױפען אַ פערטרעטער? אָבער דער אַלטער האַלט זיך אַזױ פעסט אן דיא רובעלס װיא אן זײנע קינדער, און ער האָט מיר געצװאונגען צו געהן דינען. יעטצט װיל איך שוין גאַר ניט בלײבען—.

ער האָט גערעדט שטיל, מיט אַמעלאַנכאָלישען טאָן.

— עס איז מעהר ניט אַ רחמנות אויף מײן מוטער. אָי װיא זיא האָט געװײנט, מײן טהײערע מאַמעטשקע! און אויף מײן װײב. אויף! זײ האָבען איהר אין גאַנצען רואינירט. שטעל זיך פאָר, זיא איז יעטצט אַ סאָלדאַטס װײב! װאָלט דען ניט געװען בעסער אַז זײ װאָלטען מיר קײנמאָל ניט חתונה געמאַכט? פאַר װאָס האָבען זײ מיר חתונה געמאַכט? —

— אָבער װאָרום האָבען זײ דיר אװעקגעשיקט אַזױ שנעל? האָט פּאָליקושקא געפרעגט? — מען האָט דאָך גאָר ניט געזאָגט, און יעטצט, אַזױ פּלוצלונג—.

— זײ האָבען מורא געהאַט אַז איך װעל זיך אַ מעשה אַנטהאָן — האָט

 www.libtool.com.cn 

איליא נעענטפֿערט מיט א שמייכעל. — אבער שרעק זיך נים. איך וועל זיך נאר ניט מהון. איך בין נאך נים אין גאנצען פערלארען דערפאר ווייל איך בין א סאלדאט. עס איז מעהר נים א רחמנות אויף מיין ארעמע מאמען. א', פֿאַרוואס האבען זיי מיר חתונה געמאכט? — האט ער איבערגעזאגט אין א ווייבע, טרויעריגע שטימע.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און צו געמאכט מיט א שטארקען קלאפ, און דער אלטער דוטלאף איז אריין געקומען, שאקלענדיג זיין היטעל.

א', פאנאססי — האט ער געזאגט צום דווארניק און האט זיך איבער געצלם'ט, האסט דוא א קליינע לאנטערנע מיט זיך? איך וויל געבען מיין פערד אביסעל קארען:

דוטלאף האט לאנגזאם אנגעצונדען זיין לאנטערנע, און האט נים גע־קוקט אויף איליאן. זיינע הענטשקעס און זיין בייטש האבען ארוים גע־שטעקט פון זיין גארטעל, און זיין קאפטאן איז געווען גאנץ נעט ארום גע־גורט. ער האט אויסגעזעהן אזוי וויא ער וואלט דא געקומען אויף א געוועהנליכען געשעפט. זיין געזיכט איז געווען גאנץ רוהיג.

ווען איליא האט דערזעהן זיין אנקעל איז ער געווארען שטיל; דאן האט ער ארונטערגעלאזען זיינע אויגען מיט א טרויעריגען אויסדרוק, און האט געזאגט צום סטאראסטע:

— הייס זיי ברייננען וואדקא, נערמיל; איך וויל א טרונק וואדקא! ער איז געווארען בייז און פינסטער.

— ווארום האט זיך דיר פערגלוסט וואדקא? — האט דער סטאראסטע געענטפערט, זופענדיג פון זיין גלאז. — אלע האבען שוין אבגענעסען און שלאפען שוין, נאר דוא אליין ביסט אונצופרידען...

דיעזע אנטווארט האט איליא'ן אריינגעגעבען א נייע אידעע.

— סטאראסטע! — האט ער געזאגט, — אויב דוא הייסט נים געבען וואדקא וועל איך מהון עפעס וואס וועט דיר נים געפעהלען —

— קענסט דוא איהם נים בערוהיגען? — האט דער סטאראסטע גע־זאגט צום אלטען דוטלאף וועלכער האט נעהאט אנגעצונדען זיין לאנטערנע, און איז איבער געבליבען זיך איינצוהערען וואס איליא האט געזאגט. ער האט יעטצט געגעבען א רחמנות־דיגען בליק אויף איליא'ן אזוי וויא

www.libtool.com.cn

ער וואָלם נים געקענם פערשטעהן זיין פּלימעניק'ס קינדיישע אויפפיה־רונג.

— גיב מיר וואָדקא — האָט איליא ווידער געזאָגט, האלטענדיג דיא אויגען ארונטער געלאָזען. — אָדער איך וועל טהון עפּעס וואָס וועט דיר נים געפעהלען — .

— לאָז צורוה דיא וואָדקא, איליא, — האָט דער סטאראסטע געזאָגט מילד, — עס איז בעסער פאר מיר אז דוא זאָלסט נים האָבען קיין וואָדקא. —

ער האָט נאָך קוים געענדיגט רעדען ווען איליא איז צו געשפּרונגען צום פענסטער און האָט אויסגעהאַקט א שויב מיט זיין פויסט.

— דוא ווילסט נים געבען וואָס איך וויל — האָט ער געשריען אויף'ן העכסטען קול. — זעהר גוט, מיר וועלען זעהן — .

ער האָט געגעבען נאָך א שפּרונג און אויסגעהאַקט נאָך א שויב.

אין איין אויגענבליק האָט זיך פּאָליקושקא צוויי מאָל איבערגעקייקעלט, און האָט זיך בעהאלטען אין א ווינקעל פּונ'ם אויווען, דער סטאראסטע האָט אוועק געשטעלט זיין גלאָז און איז צוגעפאלען צו איליא'ן.

דומלאָף האָט לאנגזאם אוועק געשטעלט זיין לאנטערנע, אראָפּגענומען זיין גארטעל, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און איז צוגעגאנגען צו זיין פּלימעניק וועלכער האָט זיך געראנגעלט מיט'ן סטאראסטע און מיט'ן דווארניק וועלכע האָבען איהם געוואָלט אוועק שלעפּען פון פענסטער. זיי האָבען אנגעהאַפּט זיינע הענד, און וויא עס האָט געשיינט האָבען זיי איהם שוין פעסט גע־האַלטען; אָבער זעהענדיג זיין אָנקעל וועלכער איז צוגעגאנגען צו איהם מיט'ן גארטעל אין האנד, איז זיין גראַפּט צעהן מאָל גרעסער געוואָרען, און האָט זיך פון זיי ארויסגעריסען. דאָן, מיט אנגעצונדענע אויגען און מים אָן אויסגעשטעלטען פויסט איז ער צוגעלאָפען צו זיין אָנקעל.

— קום נים צו צו נאָהענט צו מיר, דוא באנדיט! אויב נים וועל איך דיר דערהרג'נען. דוא האָסט מיר רואינירט, דוא מיט דיינע גנב'ישע זין. ווארום האָסט דוא מיר תתונה געמאַכט געה אוועק, אז נים וועל איך דיר דערהרג'נען!

איליא האָט אויסגעזעהן שרעקליך. זיין געזיכט איז געווען רויט, און אין זיין בליק איז געווען עטוואָס געפעהרליכעס. זיין גאנצער שטארקער

www.libtool.com.cn

קערפּער האָט געציטערט אזוי וויא פון א פיבער, און ער האָט געזעהן פעהיג אוועק צו הרג'נען דיא דריי מחשיקעס וועלכע האבען זיך צוגערוקט צו איהם.

— דוא טרונקסט דיין ברודער'ס בלוט, דוא וואמפּיר!

איין אויסדרוק פון ענטשלאסענהייט האָט זיך בעוויזען אויף דוטלאף'ס רוהיגע געזיכט. ער איז צוגעגאנגען איין טריט נעהענטער.

— אלזא, ווילסטו נים פאלגען דיין פערשטאנד — האָט ער פּלוטצלונג אויסגעשריען, און האָט אנגעכאפּט זיין פלימעניק מיט אזא קראפט אז זיי זיינען ביידע אנידערגעפאלען און האבען זיך געקוקעלט איינער אויף דעם צווייטען ביז דער סטאראסטע איז געקומען דעם אלטען צו הילפע, און האָבען פּרובירט צו בינדען איליא'ס הענד אויף'ן רוקען.

פינף מינוטען האָבע זיי זיך אזוי געראנגעלט, ביז זיי האָבען איהם ענדליך געבונדען. דאן האָט דוטלאף אליין אויפגעהויבען, און האָט איהם אוועק גע-זעצט אויף א באנק אין א ווינקעל.

— איך האָב דיר געזאָגט — האָט ער געזאָגט נאָך אלץ סייבענדיג, און אויסגלייכבענדיג זיין קאפּטאן — אז דוא וועסט זיך אנמאכען אונאנגענעהמליכ-קייטען. וואס פיר א טובה וועט דיר ארויסקומען דערפון? מיר מוזען אלע שטארבען אמאל. לייג איהם ארויף אקאפּטען אויף'ן קאָפּ - האָט ער געזאָגט צום דווארניק – אזוי אז זיין בלוט זאָל איהם נים ארײנלויפען אין קאָפּ. —

דאן האָט ער ווידער גענומען זיין לאנטערנע, האָט זיך ארומגעבונדען מיט א שטריק אנשטאָט א גארטעל און איז ארויסגעגאנגען אכטונצוגעבען אויף זיינע פערד.

איליא, מיט זיינע האר פונאנדער געווארפען, זיין געזיכט בלאס, און זיין בלוזע צוריסען, האָט יעצט אנגעפאנגען צו בעקוקען דעם צימער, אזוי וויא ער וואָלט זיך געוואָלט ערינערען וואו ער איז. דער דווארניק האָט אויפגע-הויבען דיא שטיקלעך גלאז און פערשטאָפּט דעם פענסטער מיט א טוך. דער סטאָראסטע האָט זיך ווידער גענומען צו זיין גלאָז.

— עס טוט מיר ווירקליך זעהר לייד פאר דיר, אָבער וואס קענסט דוא העלפען? — האָט ער געזאָגט. – קאראשין איז אויך פערהייראטעט. וואס פאר א טובה וועט דיר ארויסקומען אז דוא וועסט זיך שטעלען ענטקעגען? דוא וועסט גארניט געווינען דערפון.

www.libtool.com.cn

— דאס איז מיין גניבה'שער אנקעל וועלכער האָט פון מיר אחריבה גע־מאכט! — האָט איליא געשריען ווילד. — ער זאָרגט זיך בלויז פיר זיינע אייגענע קינדער. מיין ארעמע מוטער האָט מיר געזאָגט אז דער פערוואלטער האָט זיך אונטערגענומען צו קויפען אפערטרעטער, אָבער מיין אָנקעל האָט זיך ענט־זאגט זאָגענדיג אז ער האָט קיין געלד ניט. האָבען דען ניט איך און מיין ברודער אריינגעבראכט גענוג געלד אין זיין הויז? ער איז א גנב, און א גע־מיינער לומפ.—

אין דעם מאָמענט איז דוטלאָף צוריק געקומען. ער האָט געזאָגט זיינע געבעט נעבען דיא היילינגע בילדער, האָט אראפּגענומען זיין מאַנטעל, און האָט זיך אוועק געזעצט נעבען סטאראסטע. דיא דינסט האָט אריינגעבראכט קוואס און אלעפּעלע. איליא האָט מעהר גאר ניט געזאָגט, האָט צוגעמאכט דיא אויגען, און זיך אוועק געלעגט אויף זיין קאפּטען. דער סטאראסטע האָט שוין אנגעציינט מיט'ן פינגער אויף איהם, און האָט געשאָקעלט זיין קאָפּ. דוטלאָף האָט געמאַכט א בעוועגונג פון פערצווייפלונג.

— אָי. דענק ניט אז עס טהוט מיר ניט הערצלעך לייד פאר איהם! — האָט ער געזאָגט. — ער איז מיין ברודער'ס זאָהן, דאָך גפינען זיך מענשען וועלכע זאָגען ניט נור אז איך האָב אויף איהם קיין רחמנות ניט נאָר ווילען איהם איינריידען אז איך בין א גנב און א לומפּ! זיין ווייב, וועלכע איז חוטרע וויא יונג זיא איז, האָט עס איהם געמוזט איינרעדען אז מיר האָבען גענוג געלד צו קויפען א פערטרעטער פאר איהם.

— געדענקסט נאָר וויא ער האָט מיר געזוידעלט א פּאָר מינוטען צוריק! דאָך האָב איך אויף איהם אין אמת'ן מיטלייד! —

— אָה, ער איז א בראַווער יונג! — האָט דער סטאראסטע געזאָגט.

— איך בין ניט שטארק גענוג אכטונג צו געבען אויף איהם איינער אליין איך וועל מאָרגען שיקען נאָך איגנאַט; און נאָך זיין ווייב אויך.—

— זעהר גלייך — האָט געענטפערט דער סטאראסטע און איז ארויפגע־קראָבען אויף'ן אויווען. — נאָך אלעם דעם, וואָס איז געלד? געלד איז גאָרניט.—

— ווער וואָלט זיך דען ענטזאגען צו געבען געלד אויב ער האָט נאר? — האָט געזאָגט איינער פון דיא דינערס·

— אָה, געלד, געלד,! האָט דוטלאָף אויסגעשריען. — וואס פאר א זינד

www.libtool.com.cn

דאס בריינגט אויף דער וועלט! קיין זאך אין דער וועלט! קיין זאך אין דער וועלט ברענגט ניט אזוי פיל עבירות וויא געלד, אזוי שטעהט אין דיא הייליגע שריפטען.

— נעווים, נעווים, — האט געענטפערט דער דווארניק. — איינער האט מיר א מאל דערצעהלט אזא מעלה. עס איז אמאל געווען זעהר א רייכער מאן וועלכער האט קיין זאך ניט געוואלט איבערלאזען ווען ער וועט שטארבען ער האט אזוי געליבט זיין געלד, אז ער האט בעשלאסען עס מיט צו נעהמען מיט זיך אין קבר. פאר'ן שטארבען האט ער אנגעזאגט זיין פאמיליע אז מען זאל איהם מיטגעבען אין קבר א געוויסע קליינע קישעלע. דאן האבען זיי איהם גאר נישט חושד געווען, אבער נאכדעם ווען זיינע זיהן האבען גענומען זוכען זייער פאטער'ס געלד, האבען זיי גאר ניט געפונען. איינעם פון זיי איז ארויפגעקומען אויף געדאנקען אז דאס געלד מוז ליגען און'ם קליינעם קישעלע. זיי האבען געשיקט אביט־שריפט צום קייסער. און ער האט זיי ערלויבט אויסצוגראבען זייער פאטער'ס קערפער. נו, וואס דענקט איהר האבען זיי דארטען געפונען? זיי האבען געעפענט דעם קבר, און האבען קיין זאך ניט געפונען אויסער איין ארון פול מיט ווערם. זיי האבען עס גלייך ווידער בעגראבען. אט דאס איז געלד. —

— נעווים, נעווים, געלד בריינגט נאר זינד אויף דער וועלט — האט רוטלאף געזאגט.

דאן האט ער זיך אויפגעהויבען און זיך ניט געשטעלט בעטען גאט. ווען ער האט געענדיגט זיין געבעט, האט ער געגעבען א קוק אויף זיין פלימעניק. דער יונגער מאן איז געשלאפען. דוט אף איז צוגעגאנגען צו איהם, האט אראפגענומען דעם גארטעל מיט וועלכע זיינע ה נד זיינען געווען צוגעבונדען און האט זיך געלעגט שלאפען. דער דווארניק איז אויך געגאנגען שלאפען נעבען דיא פערד.

## IX.

ווען אלעס איז ווידער געווארען שטיל און רוהיג אין פאליקושקא פאר־ ויכטיג אונטערגעגאנגען, אזוי וויא ער וואלט שולדיג געווען אין אלעס וואס

www.libtool.com.cn

איז דא פאַרגעקומען, און האָט גענומען זיך פאַרצובערייטען צו דער רייזע. ער האָט זיך ניט געפיהלט בעקוועם צווישען דיא רעקרוטען. דיא הענער האָבען שוין אנגעפאַנגען צו קרייען. ענטפערענדיג איינער דעם צווייטען.

בעראבאן האָט שוין געהאַט אויפגעגעסען זיין קאָרען און האָט יעצט געטר.נקען. איליטש האָט איהם איינגעשפאַנט, און האָט ארויסגעפיהרט זיין וואגען פון צווישען דיא וועגען פון דיא אנדערע מוזשיקעס. זיין היטעל מיט'ן קאָנ.וערט זיינען געוועזן גאנץ, און באלד האָבען דיא רעדער פון זיין וואגען אנגעפ.נגען זיך צו קייקלען אויף דיא פערפראָרענע וועג וועלכע פיהרט נאָך פאַקראָווסקי. ערשט ווען ער איז שוין געוועזן ווייט אוועק פון שטאָט האָט ער ווידער אנגעהויבען צו אטהמען פריי. ער האָט ג.האָט געפיהלט איין אונ־בעשטימטען שרעק אז מען וועט איהם נאכיאָגען, ארעסטירען, איהם בינדען דיא הענד און אבגעבען פאַר א סאָלדאַט אנשטאַט איליען.

צו דאָס איז געוועזן פון קעלט אָבער פון שרעק, פאַליקושקא האָט גע־פיהלט א שוידער דורך'ן גאַנצען קערפער און האָט געשמיסען זיין פערד נאָך אנאַנד. דער ערשטער פאַרזאָן וועמען ער האָט בעגעגענד איז געוועזן א גלח מיט א גרויסעם פעלצ נעהענדיג מיט א דינער. פאַליקושקא איז געוועהן נאָך אונרוהיגער.

אָבער ווען ער איז שוין געוועהן גאנץ ווייט פון שטאָדט, איז זיין שרעק ביסלעכוויז געשטילט גע וואָרען. בעראבאן איז געגאַנגען לאַנגזאַם, און דער מאָרגען האָט בעלייכטעט דעם וועג. ער האָט ארונטער גענומען זיין היטעל און האָט אנגעטאַפּט דאָס געלט.

— פיליכט וואָלט געוועזן בעסער אריינצולעגען דאָס געלד אין מיין ברוסט האָט ער זיך געטראַכט. — דערצו .ועל איך אָבער מוזען אויסטאָהן מיין נארטעל איך וועל בעסער ווארטען ביז איך וועל ארונטערפאָהרען דעם בארג, דאַן וועל איך ארויסקריכען פון וואגען און וועל עס צו רעכט מאכען. אָבער נאָך אלעם דעם, איז מיין היטעל גוט צוזאמען געניית פון אויבען, און רער אונטער־שלאַג איז אויך שטאַרק. איך וועל טאַקע ניט ארונטערנעהמען מיין היטעל ביז איך וועל קומען אין דער היים. —

ווען בעראבאן איז א רונטערגעלאָפען פון בארג האָט ער גענומען גאַלאָ־פירען אויף דעם צווייטען בארג, און פאַליקושקא האָט איהם ניט צוריקגע־האַלטען ווייל ער האָט אויך געוואָלט קומען אהיים אַזוי שנעל וויא מעגליך

גראדע וויא זיין פערד. אלעס איז זיך געלענגען אזוי גלאט וויא ער האט געקענט פערלאנגען: אזוי האט ער געדענקט, אם ווענינגסטען; ווע ער האט זיך פערטיפט איז געדאנקען וויא אזוי דיא בארינא וועט איהם דאנקבאר זיין, און אז זיא וועט איהם וואהרשיינליך געבען פונף רובעל, און וואס פאר א שמחה עס וועט ווערען אין זיין פאמיליע.

ער האט אראפגענומען זיין היטעל, האט נאך אמאל אנגעטאפט דעם קאנווערט, האט עס נאך א מאהל פעסט ארויפגעזעצט אויף'ן קאפ, און האט געשמייכעלט. דיא אויסענזייט פון זיין היטעל איז געווען זעהר שטארק אפּגעטראגען, און דיא פארזיכטיגקייט מיט וועלכע אקולינא האט פערלאטעט איין לאך פון זיין היטעל, האט בלויז געמאכט א לאך אין דער אנדער זייט דער שטוב מיט וועלכען ער האט אריינגעשטיפט דעם קאנווערט טיפער איז דיא וואטע, וויא ער האט געמיינט, האט יעצט געמאכט נאך א לאך, און דער קאנווערט האט ארויסגעשטעקט פון זיין היטעל.

עס איז געווארען ליכטיגער; או פאליקושקא וועלכער האט ניט געשלאפען דיא גאנצע נאכט, נאכדעם וויא ער האט ארויפגערוקט זיין היטעל נאך שטארקער אויף'ן קאפ ארויסשטופענדיג דערמיט דעם קאנווערט אלץ מעהר אין דרויסען, האט אנגעפאנגען ענטשלאפען צו ווערען. שלאפענדיג האט זיך זיין קאפ אייניגע מאהל אבגעקלאפט אן וואגען.

ער האט זיך אויפגעהאפט ווען ער איז שוין געווען נעבען זיין הויז. זיין ערשטער געדאנקען איז געווען אנצוטאפען זיין היטעל. זיין היטעל איז געווען אויף'ן קאפ, און ער האט עס ניט ארונטערגענומען ווייל ער איז געווען זיכער אז דער קאנווערט ליגט אינווענינג. ער האט אנגעטריבען זיין פערד, האט צורעכט געמאכט דיא היי, דיא האט אנגענומען דיא מינע פון א דווארניק, האט זיך שטאלץ ארומגעקוקט, און איז צוגעפאהרען צו זיין הייזעל.

ער האט געזעהן דיא קיך, דעם שטאל, און דעם טשעשעלער'ס ווייב ארויסהענגענדיג איהרע וועש: ער האט געזעהן דעם קאנטאר און דיא בארינא'ס הויז, וואו ער האט געדענקט מען וועט איהם באלד אנערקענען אלס א זיכערע און טרייע פערזאן. — זאלען זיי זאגען אזוי פיל ליגענס וויא פיל זיי ווילען — האט ער זיך געטראכט, – זיי וועלען יעצט זעהן — און זיין פארשטעלונג איז ער שוין געווען אין דיא בארינא'ס געגענווארט און האט געהערט וויא זיא זאגט: „דוא ביסט א בראווער יונג, פאליקושקא, און איך דאנק דיר

www.libtool.com.cn

נא דיר א דריי־רובעלדיגען" — פיליי‌כט וועט זיא איהם געבען פונף אָדער צעהן רובעל, און וועט נאָך הייסען דיא דינער איהם ברענגען א גלאָז טהעע אָדער נאָר וואדקא, און אזא קאלטען טאָג וואָלט זיך זעהר גוט פאסען א טרונק וואָדקא.

— מיט צעהן רובעל קענען מיר לעבען א גוטען טאָג און נאָך קויפען אפאר שוך אויך אחוץ דעם וועלען מיר נאָך אבגעבען ניקוטיא'ן זיינע פיר מיט א האלבען רובעל, וייל ער מאָהנט שוין צו שטארק, —

ווען פאליקושקא איז געוועז אונגעפעהר אהונדערט איילען פון זיין הויז האָט ער א שמייץ געטהון מיט'ן ביימש, צו רעכט געמאכט זיין גארטעל, אראפגענומען זיין היטעל, צורעכטגעמאכט זיינע האר, און האָט מיט דיא גרעסטע גלייכגילטיגקייט אריינגעשטעקט זיין האנד אין דיא אונטערשלאָג. זיינע פינגער האָבען עפעס געזוכט, און ער האָט אנגעפאנגען צו פיהלען א פיבערישע אויפ־רעגונג. דאן האָט ער אריינגעשטעקט זיין צווייטע האנד אין דיא אונטערשלאָג זיין געזיכט איז געוואָרען בלייך און בלייבער. זיין האנד האט זיך דורך געשטעקט דורך זיין היטעל. פאליקושקא האט זיך געשטעלט אויף דיא קניא, האָט אבגעשטעלט זיין פערד, און האט גענומען ארום זוכען אין וואגען, צווישען דיא היי און צווישען דיא פערשידענע זאכען וועלכע ער האט געקויפט. דאן האט ער געזוכט אין זיין ברוסט, אין זיין ראק און אין זיינע הויזען — דאס געלד איז פערשוואונדען געוואָרען.

— וואו איז דאס אהין געקומען? וואו איז דאס אהינגעקומען? — האט ער געברומט רייסענדיג זיינע האר.

דאן האט ער זיך עראינערט אז מען קען איהם נאָך דערזעהן, און ער האט אויסגעדרעהט דעם וואגען, האט אנגעטהון זיין היטעל און האט אנ־געפאנגען צו שמייסען זיין פערד.

— איך האב פיינט צו פאהרען מיט פאליקושקא, — אזוי האט עס אויס־געוויזען אז דער פערד האט געטראכט; — ער האט מיר טאקע געגעבען קארען און היי, אבער פארוואס בעהאנדעלט ער מיר יעצט אזוי שלעכט? נאכדעם וויא איך האב אזוי גלאָפירט צו קומען אהיים אזוי שנעל וויא מעגליך, טרייבט ער מיר נאר צוריק יעצט ווען איך בין שוין מיעד, און בין אזוי נאהנט צום שטאל! —

— שנעל! לויף! פליה! — האט פאליקושקא געשריען מיט טרערען

www.libtool.com.cn

אין דיא אויגען, זיך אויפשטעלענדיג אין וואגען און האט גענומען שמייסען זיין פערד אָן רחמנות.

# X

אין פּאָקאָראָווסקי האָט קיינער ניט געזעהן פּאָליקושקאַ'ן דעם גאַנצען טאָג. דיא באַרינאַ האָט עטליכע מאָהל געשיקט נאָך פרעגען וועגען איהם, און אסקיוטקא איז געלאָפען צו אַקולינא'ס הייזעל. אקולינא האָט איהר געזאָגט אז איהר מאן איז נאָך ניט צוריק געקומען; דיא באַרינא'ס גע־שעפטסמאן האָט איהם וואהרשיינליך צוריק געהאלטען, אדער פיללייכט האָט עפּעס געטראָפען מיט'ן פערד. — האָט ניט באַראבאן אביסעל אונטערגע־הונקען? — האָט זיא געפרעגט. — איך געדענק אז מאקסים איז מיט איהם אמאָל ארויסגעפאָרען אויף פיר און צוואנציג שטונדען, און ער האָט געמוזט געהן צו פוס דיא גאנצע צייט.

א פּאָר מינוטען שפּעטער האָט אסקיוטקא ווידער גענומען ווארפען איהרע פערפּענדיקלען לויפענדיג אין דיא הייזעל, און אקולינא האט אלץ געמוזט אויסגעפינען נייע ענטשולדיגונגען פאר איהר מאן. זיא האָט פּרובירט זיך אַליין בערוהיגען, אָבער אָהן ערפאָלג. איהר הערץ איז איהר געווען שווער, און זיא האָט זיך געפיהלט אונפעהיג צו מאַכען דיא פּאָרבערייטונ־גען, פאר'ן יום טוב. וועלכער איז אויסגעפאלען אויף מאָרגען.

זיא איז געוואָרען נאָך מעהר אונרוהיג ווען דעם טשעסלערס ווייב האָט איהר געזאָגט אז זיא האָט געזעהן וויא אַ מאַן וועלכער האָט אויס־געוויזען פונקט וויא איליטש איז צוגעפאָהרען ניט ווייט פון הויז און האָט זיך דאַן צוריק געקעהרט.

דיא קינדער האָבען אויך ערוואַרטעט זייער פאטער מיט אונגעדולד און אונרוהיגקייט, אָבוואָהל זייא האָבען געהאַט אַנדערע אורזאַכען. אַניוטקא און מאַשקא זיינען געבליבען אהן אַ מאַנטעל און אהן דעם קאַפּטאַן אין וועלכען זייא פלעגען אַ מאָהל קענען ארויסגעהן אין גאַס און זייא האָבען זיך דעריבער געמוזט שפּיעלען גאַנץ נאָהענט צום הויז, אַנגעטאָהן בלויז אין זייערע העמדער. דיא איינוואהנער פון דיא הייזלעך האָבען זיך געפיהלט

www.libtool.com.cn

זעהר אונבעקוועם איבער דיא קינדער וועלכע פלעגען אַרומלויפען הין און
צוריק. דיא קליינע מאַשקא האָט זיך איינמאָהל אָנגעשלאָגען אָן דיא פּי
פון דעם טשעשלער׳ם ווייב וועלכע האָט געטראָגען וואסער, און אָבוואָה
זיא האָט זיך גלייך צו וויינט, האָט זיא איהר פון דעסטוועגען גוט אָנגערי
סען דיא האָר, און זיא האט זיך צו וויינט נאָך העכער. זיא איז דאָ
שנעל אַריינגעלאָפען דורך׳ן טהיר. און איז גלייך ארויפגעשפּרונגען אויפ
אויוועו.

דיא באַרינא און אַקולינא זיינען געוועו דיא איינציגע פּערזאָנען וועלכ
האָבען זיך ווירקליך געקימערט וועגען פּאָליקושקאַן אליין. דיא קינדער
האָבען געטראַכט בלויז פון דיא קליידער וועלכע ער האָט מיטגענומע
מיט זיך.

ווען זיא האָט געפרעגט עגאַר מיכאַלאָוויטש׳ן אַלס ער האָט איהר אָב
געגעבען זיין רעפּאָרט, אויב פּאָליקושקא איז צוריק געקומען, האָט ער גע
ענטפערט מיט אשמייכעל אז ער וויים ניט, און ער איז וואהרשיינליך געווי
צופרידען אז זיין נביאות איז מקוים געוואָרען.

— ער וועט געוויס קומען ארום מיטאָג צייט —, האָט ער געענטפער
אין א בעדייטענדען טאָן.

אין פערלויף פון דעם גאנצען טאָג האָט קיין איינער ניט אין פּאָקראָווס
עפּעס געהערט פון פּאָליקושקאַ׳ן. א ווײלע שפּעטער האָבען מוזשיקעס דער
צעהלט אז זיי האבען איהם געזעהן פאהרענדיג אהן א היטעל, פרעגענדי
יעדען איינעם אויב ער האט געזעהן א קאָנווערט. איינער האט איהם גע
טראפען שלאפענדיג אויפ׳ן וועג נעבען דעם פערד וועלכער איז נאך געווי
צוגעשפּאנט צום וואגען.

— איך מיין אז ער איז געוועו טויט שכור — האט דער מוזשיק געזאגט
— און אז דער פערד האט שוין עטליכע טעג ניט געגעסען און געטרונקע
אזוי מאגער איז ער געוועו.

אַקולינא האט דיא גאנצע נאכט ניט געשלאפען. זיא האט זיך אויפ
מערקזאם צוגעהערט צו דעם קלענסטען גערויש, אבער פּאליקושקא אי
ניט געקומען צוריק. זיא וואלט נאך מעהר געליטען אויב זיא וואלט ני
געהאט אויף ועמען אכטונג צו געבען, אדער אויב זיא וואלט געהאט
קעבין, אנדערע דינער; אבער ווען דער האָן האָט געקרייט, אז זיא האט

www.libtool.com.cn

געהערט ווי דעם משעשלער'ס ווייב איז אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך אויך אויפגעהויבען און האָט געמאַכט פייער אין אויווען.

דער טאָג איז געווען אַ יום טוב. פאַרטאָג האָט זי געמוזט אַרויס־נעהמען די ברויט פון אויווען, מאַכען קוואַס, אויסבאַקען קוכען, אויסטעל־קען די קוה, פלעטען די העמדער און קליידלעך, אַרום וואַשען די קינדער, אַריינטראָגען וואַסער, און זיך קריגען מיט די שכנים איבער אַ שטיקעל אויווען. אַקולינא האָט זיך בעשעפטיגט מיט די אַלע זאַכען אָבער איהרע געדאַנקען זיינען געווען מיט איהר מאַן.

עס איז געוואָרען ליכטיגער. די גלאָקען האָבען געגומען רופען די גוטע קריסטען אין קירכע; די קינדער זיינען אויפגעשטאַנען; אָבער פאַ־ליקושקא איז נאָך אַלץ ניט געקומען, די נאַכט איז געווען דער ערשטער פראָסט. און די פעלדער, דער וועג און די דעכער זיינען געווען בעדעקט מיט אַ לייכטען שניי, דער מארגען איז געווען פיין און ליכטיג און קאַלט, אַזוי ווי עס וואָלט געמאַכט געוואָרען ספּעציאַל פאַר דעם יום טוב כדי מען זאָל קענען הערען און זעהען גאַנץ דייטליך איבער אַ לאַנגע שטרעקע. אַקולינא איז געשטאַנען נעבען דעם אויווען, און איז געווען אַזוי פערטיפט אין באַקען אַז זי האָט ניט געהערט ווי איהר מאַן איז אַריינגעקומען. די קינדער'ס שרייען און לויפען האָבען איהר אָנגעזאָגט אַז איהר מאַן איז צוריקגעקומען.

אַניוטקא, אַלס די עלטסטע טאָכטער, האָט אויסגעשמירט איהר קאָפּ, און האָט זיך אָנגעטהון איהרע שעהנסטע קליידער, זי האָט געטראָגען אַ בלאָם־רויטע קליידעל וועלכע איז געווען נייא אָבער צוריסען — אַ מתנה פון די באַרינא. עס האָט איהר גאר ניט געפּאַסט, אָבער די שכנ'טעס זיינען שיעור משוגע געוואָרען אויס קנאה. איהרע האָר האָט געגלענצט. זי האָט פערברויכט אַ האַלבע ליכט אויף דאָס, און איהרע שיך זיינען געווען פון גאַנץ גוטע לעדער האָטש ניט איבריגענס נייא. מאַשקאַ האָט זיך אַרומגע־שפּיעלט אין דער בלאָטע; און אַניוטקאַ, מורא האָבענדיג אַז זי וועט איהר איינשמוטצען, האָט זיך געהאַלטען ווייט פון איהר.

די קליינע מיידעלע איז געווען אין דרויסען ווען פאַליקושקא איז גע־קומען מיט אַ קליינעם זאַק.

— דער טאַטע איז געקומען! — האָט זי געשריען. דאַן איז זי אַריינ־

www.libtool.com.cn

געלאפען אין א צימער וויא א דונער, און האט בעשמוצט איהר שוועסטער'ס קלייד דורך לויפענדיג, און אניוטקא, פערגעסענדיג אז זיא וועט זיך נאך מעהר איינשמוטצען האט גענומען שלאגען איהר קליינע שוועסטער'ל. אקולינא ניט וויענדיג אימשטאנדע צו פערלאזען איהר ארבייט, האט זיך געעזט צופריעדען שטעלען בלויז מ'ט'ן שרייען אויף דיא קינדער.

— זייט רוהיג! אז ניט וועל איך אייך אלעמען ברעכען דיא ביינער! — האט זיא אויסגערופען.

דאן האט זיא זיך אומגעקעהרט צום טהיר. אילוטש איז שנעל אריינגעקראכען אין זיין הייזעל, טראגענדיג א קליינעם זאק.

— אלזא, אילוטש, — האט זיא געזאגט נאך אלץ שטעהענדיג ביים אויווען,— האסטו שוין געזעהן דיא בארינא?

אילוטש האט געמורמעלט א פאר ווערטער צווישען דיא ציינער וועלכע זיא האט ניט געקענט הערען, ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף'ן בעט, האט זיך ארום־געקוקט אזוי וויא צוטומעלט, ווערהרענד זיין שמייכעלע וועלכער האט אויסגעדריקט שולד אין דעם טיעפסטען אונגליק, האט זיך בעוויעזען אויף זיינע ליפען, ער איז געזעסען א לאנגע צייט אהנע צו ריידען א ווארט.

— אלזא, אילוטש, וואס ווארטסט דוא אזוי לאנג? — האט אולינא גע־פרעגט.

— איך — איך האב דיא בארינא געגעבען דאס געלד, אקולינא, דוא האסט געדארפט זעהן וויא זיא האט מיר געדאנקט ער פלוצלונג געזאגט, זיך ארומקוקענדיג מיט אלץ א טיעפערען בליק פון פערצווייפלונג, אבוואהל ער האט נאך אלץ געשמייכעלט, צוויי זאכען האבען צוגעצויגען דיא אויפמערק־זאמקיים פון זיינע אונרוהיגע, פיבערישע אויגען—דער שטריק פון זיין קינד'ס וויגע־לע, און דאס קינד אליין, ער איז צוגעגאנגען צום וויגעלע און האט אבגעבונ־דעם שטריק, און האט געקוקט אויף דאס קינד.

אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אקולינא אריינגעקומען טראגענדיג אקבען, אילוטש האט שנעל בעהאלטען דעם שטריק אין זיין בוזעם האט זיך ווידער אוועק געזעצט אויף'ן בעט.

— וואס טהוט זיך דא מיט דיר, אילוטש? האט זיך עפעס געטראפען מיט דיר?—האט אקולינא געפרעגט.

— איך בין ניט גענוג געשלאפען,—האט איהר מאן געענטפערט.

עפעס איז שנעל פארביינעלאפען פאר'ן פענסטער. און אין א סעקונדע ארום איז אקסיאטקא, דיא באַרינאס, דינסט, אריינגעלאפען וויא א קויל.

— דיא באַרינא וויל זעהן פאליקושקא'ן. ער זאל גלייך קומען צו אוודאטיא מיכאלאוונא. שנעל! —

— שנעל! וואס נאך קען איך טהאן פאר איהר?—האט ער געזאגט מיט אזא נאטירליכען טאן אז אקולינא האט זיך אין גאנצען בערוהיגט. — פיללייכט וויל זי איהם בעלאנען—האט זיא געטראכט.

— געה און זאג איהר אז איך וועל באלד קומען.—

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאנגען. זיין ווייב האט גענומען א הילצערנע דייזשע האט עם אוועק געשטעלט אויף א באנק, און האט דארט אריינגעגאסען הייסע און קאלטע וואסער. דאן האט זיא ארויפגעקאשערט איהרע ארבעל, און איינגעטונקט איהרע הענד אין דער דייזשע.

— קום מאשקא, איך וועל דיך אבוואשען.—

דאס קינד האט גענומען וויינען.

— קום, דוא שמוציגע בריאה, איך וועל דיר אנטהאן אריינע העמדעל שנעל. איך האב קיין צייט ניט. איך דארף נאך וואשען דיין קלענערע שוועסטער'ל.—

פאליקושקא איז אבער נישט געגאנגען צו דיא באַרינא'ס הויז. ער איז אוועק אין איין גאנץ אנדער וועג, ניט ווייט פון דעם הויז, איז געוועזען א הויכער טרעפ וועלכער האט געפיהרט נאך דעם צימער וואו מען פלעגט אויפהענגען וועש, און וואו מען פלעגט האלטען פערשידענע אלטע זאכען. ווען פאליקושקא איז ארויסגעגאנגען פון הויז, האט ער זיך פארזיכטיג ארום געקוקט, און ווען ער האט קיינעם ניט געזעהן, איז ער שנעל ארויפגעלאפען אויף דיא טרעפ.

— פאר וואס קומט ניט פאליקושקא? — האט דיא באַרינא אויסגעשריען אונגעדולדיג צו דואנישיא'ן וועלכער האט איהר געקעמט איהרע האר,—וואו איז ער? ווארום קומט ער ניט?

אקסיאוטקא איז נאך א מאל געלאפען אין פאליקושקא'ס הייזעל, און האט בעפאהלען אז פאליקושקא זאל דיא מינוט קומען צו דיא באַרינא.

— אבער ער איז דאך שוין לאנג, דארטען אוועק געגאנגען! — האט אקולינא אויסגעשריען, זיא האט גראדע יעצט געענדיגט ארום צו וואשען

www.libtool.com.cn



פּאשקאָ'ן, און האָט אַרייגעלייגט דעם זויגלינג סיאמקע, אין דיא דייזשע, און האָט נאָס געמאַכט איהרע קורצע האָר. דאָס קינד האָט זיך צו שריען, און זיך געוואָרפען, אקולינא האָט עס צוגעהאַלטען מיט איין האנד, און געוואשען מיט דיא אנדערע האנד.

— געה און זעה אויב ער איז ניט אנידערגעפאַלען שלאָפענדיג וואו עס איז.—האָט זיא געזאָגט קוקענדיג מיט א פערמאַטערטען בליק.

דעם טשעשלער'ס ווייב, איהרע האָר פאַנאַנדער געוואָרפען און איהר יאַק ניט צוגעשפּילעט, איז יעצט ארויפגעגאַנגען אויף דיא טרעפּ, וואו פּאליקושקא איז אריין א פּאָאַר מינוטען פריהער אראָפּ צו נעהמען א קלייד וועלכע זיא האָט אויפגעהאַנגען אויס צו טריקענען. א שרעקליכער געשרייא האָט זיך פּלוצלונג דערהערט פון דעם צימער, און דעם טשעשלער'ס ווייב איז ארונטער געלאָפען פון דיא טרעפּ, מעהר וויא א קאַטץ אלס א פרוי מיט צו געמאַכטע אויגען און מיט א ווילדען בליק.

—איליטש! — האָט זיא געשריען.

אקולינא האָט געלאָזט דאָס קינד זיך ארויסגליטשען פון איהרע הענד

— ער האָט זיך געהאַנגען! — האָט דעם טשעשלער'ס ווייב געשריען דאָן, זיך ניט אָבשטעלענדיג אכטונג צו געבען אויף'ן קינד וועלכע האָט זיך ארום געקייקעלט אין דייזשע וויא א פילקע, מיט איהרע פיסלאַך אין דער לופטען, און דיא קעפּעל אונטער'ן וואסער, איז אקולינא ארויסגעלאָפען אין פּאָרהויז.

ער הענגט פון'ם באַלקען! — האָט דעם טשעשלערס ווייב געשריען! אָבער זעהענדיג אקולינאן איז זיא שטיל געוואָרען.

בעפאָר יעמאנד האָט איהר געקענט אָפּהאַלטען איז אקולינא ארויף גע־שפּרונגען אויף דיא טרעפּ. זיא האָט געגעבען א שרעקליכען געשריי און איז אנידערגעפאַלען, וויא טויט; און זיא וואָלט ווירקליך דער הרג'עט געוואָרען ווען ניט דיא מענגע מענשען וועלכע זיינען ארויסגעלאָפען פון אלע הייזלעך און וועלכע האָבען איהר צו געהאַלטען.

www.libtool.com.cn 

## IX.

עטליכע מינוטען נאָך אַנאַנד האָט קיינער ניט געוואוסט וואס עס האט זיך געטראָפען. דער ליארעם איז געוועזען גרויס, אַלע האבען געדרעדט און געשריען אויף אַ מאָהל, און די קינדער און די אַלטע ווייבער האָבען געוויינט. אַקולינא איז נאך אַלץ געלעגען אין אָהנמאכט. ענדליך זיינען אייניגע מענער צווישען וועלכע זיינען געוועזען דער טשעשלער און דער פערוואלטער וועלכער איז גראדע אָנגעקומען אויף'ן טומעל, אַרויפגעגאנגען אויף דיא טרעפ וועהרענד דעם טשעשלער'ס ווייב האָט פערצעהלט צום הונדערטען מאהל וויא אַזויא זיא איז געגאנגען נעהמען איהר קלייד, און האָט ענדעקט פּאַליקושקאַס טויטען קערפּער.

— איך בין אַריינגעגאנגען, און האב דערזעהן אַ מאַן, — האָט זיא געזאגט. — איך האב זיך איינגעקוקט אויף איהם; אַ היטעל איז געלעגען נעבען איהם און איך האָב בעמערקט וויא זיינע פיס האבען זיך אַרום געוויגט. איך בין געוואָרען אַ פערפראָרענע! שטעלט זיך פאָר! אַ מאן האָט זיך געהאנגען און איך האָב געקוקט אויף איהם! דאן בין איך ארונטער געלאָפען פון דיא טרעפ. איך ווייס ניט וויא אזויא. עס איז געוועזען אז איך בין ניט גע'הרג'ט געוואר'ען. דיא טרעפ זיינען אזויא הויך, אז איך האב געקענט דער'הרג'ט ווערען אויף'ן אָרט.

דיא מענער וועלכע זיינען יעצט ארונטער געקומען פון דיא טרעפ האָבען דערצעהלט דיא זעלבע געשיכטע. איליטש טראגענדיג בלויז זיין העמד און זיינע הויזען האָט זיך געהאנגען אויף א באלקאן מיט דיא זעלבע שטריק וועלכע ער האָט ארונטער גענומען פון וויגעל. זיין היטעל איז געלעגען אויף איין זייט; זיין קאפּטען איז געוועזען צוזאמען געלעגט; זיינע פיס האָבען קאם אָנגעריהרט דעם פּאָדלאָג אָבער ער איז געוועזען טויט.

אקולינא איז ענדליך געקומען צום בעוואוסטזיין, און האָט זיך ווידער געלאזט לויפען אויף דיא טרעפ; אָבער דיא אנדערע האָבען איהר צוריק געהאלטען.

www.libtool.com.cn

— מאמא! סיאמקע שטיקט זיך! — האט פלוצלונג אויסגעשריען איהר קליינע מיידעלע פון'ם הייזעל.

אקולינא האט זיך ארויסגעריסען און איז אריינגעלאפען אין הייזעל. איהר זייגלינג איז געלעגען אָהן בעוועגונג אויף'ן רוקען אין דיא דייזשע. איהרע פיסלעך זיינען געווען גאנץ שטיל. אקולינא האט איהר גענומען אין איהרע ארעמס; אבער זיא האט ניט געאטהעמט און זיך ניט גערירהרט. דאן האט זיא איהר אוועקגעלעגט אויף'ן בעט. און האט געגעבען אזא הויכען און שרעקליכען געשריי אז מאשקא וועלכע האט אָנגעפאנגען לאכען, האט פער־מאכט איהרע אויערען און איז ארויסגעלאפען וויינענדיג אין פארהויז.

די מאסע פון דרויסען האבען ווידער אנגעפאנגען צו וויינען, ווען זייא זיינען אריין אין הייזעל. זייא האבען גענומען דאס ארעמע קינד, האבען עס געריבען און געשאקעלט — עס איז אָבער געווען צו שפעט.

אקולינא האט זיך ארויף געוואָרפען אויף'ן קינד, האט אויסגעשאסען אזא משוגענעם געלעכטער אז אלע זיינען געבליבען וויא פערשטיינערט; בלויז בייא אזא געלעגענהייט, ווען דיא פארהויז איז געווען געפאקט מיט מענער און פרויען, מיט אלטע לייט און קינדער, האט מען זיך געקענט פארשטעלען דעם צאהל און דעם כאראקטער פון דיא וועלכע האבען גע־וואהנט אין דעם גרויסען הויז פון דיא דווראאווני.

יעדער איינער איז געווען אויפגערעגט; אלע האבען גערעדט. מאנכע האבען געוויינט אבער קיינער האט גאר ניט געטהאן.

דעם טשעשלער'ס ווייב פלעגט אליץ אויסזוכען יעמאנדען וועלכער האט נאך ניט געהערט איהר ערצעהלונג; און זיא האט יעצט געהאלטען אין דערצעהלען צום טויזענטען מאהל וויא אזוויא איהר עדעלע הערץ איז דער שראקען געוואָרען ווען זיא האט געזעהן דעם טויטען קערפער, און וויא אזוי גאט האט געטאהן א נס און איהר מציל געווען פון טויט ווען זיא איז ארונטער געלאפען פון דיא טרעפ.

דער אלטער מוזשיק וועלכער האט געהאלטען דעם שיינק אין דארף, און וועלכער איז געווען איינגעוויקעלט אין א פרויענמאנטעל, האט דער־צעהלט וויא אזוי א פרויא האט זיך אריינגעוואָרפען אין טייך, אין דיא אלטע בארינאס צייטען.

דער פערוואלטער האט דערוויילע געשיקט רופען דיא פאליציי, און

www.libtool.com.cn

א גלח, און האט אוועקגעשטעלט א וואך. אקסיוטקא, דיא בארינא'ס דיענסט, האט מיט אויסגעשטעלטע אויגען געקוקט דורך א לאך אין דעם צימער וואו פאליקושקא איז געהאנגען, און אבוואהל זיא האט גאר ניט געקענט זעהן האט זיא זיך דאך ניט געקענט אפרייסען פון איהר פלאטץ. אגאפיא מיכאילאוונא, דיא פריהערדיגע בארינא'ס קאמפאניאן, האט געוויינט און געבעטען טהעע צו בערוהיגען איהרע נערוועו. באבושקא אננא האט אוועקגעלעגט דעם קליינעם קערפער אויפ'ן טיש, מיט איהרע רונדע, פלינקע הענד וועלכע זיינען געווען בעשמירט מיט אויל. אנדערע פרויען זיינען געשטאנען נעבען אקולינא'ן, קוקענדיג אויף איהר אהן ווערטער. דיא קינדער זיינען געלעגען אין א ווינקעל, און האבען שרעקליך געשריען קוקענדיג אויף זייער מוטער, זייא זיינען אבער באלד געווארען שטיל, און ווען זייא פלעגען דערזעהען זייער מוטער האבען זיי זיך נאך מעהר בעהאלטען, אין דעם ווינקעל.

דיא קינדער און דיא מוזשיקעס האבען זיך ארומגעשטעלט ארום דיא טרעפ, און האבען געקוקט מיט ערשראקענע געזיכטער דורך דיא טהיר און דיא פענסטער, כאטש זיי האבען גאר ניט געקענט זעהן, און האבען איינער דעם צווייטען געפרעגט וואס עס האט פאסירט. איינער האט דערצעהלט אז דער טשעשלער האט ארונטער געהאקט זיין ווייבס פוס מיט א האק; איין אנדערער האט דערצעהלט אז דיא וועשערקע האט געבארען דריי קינדער מיט א מאהל; און נאך איינער האט געזאגט אז א קאטץ איז משוגע געווארען און האט איינגעביסען עטליכע מענשען.

אבער דיא ווארהייט איז ביסלעכווייז בעקאנט געווארען, ביז עס איז אנגעקומען צו דיא בארינא פלוצלונג און אונערווארטעט. עגאר האט עס איהר דערצעהלט, און איהרע נערוועז זיינען אזוי אויפגערעגט געווארען אז זיא האט פערלארען איהר בעוואוסטזיין.

ביסלעכווייז איז דיא אויפרעגונג פון דיא שכנים רוהיגער געווארען. דעם טשעשלער'ס ווייב האט געשטעלט דעם סאמאוואר און געמאכט טהעע, און ווען דיא פרעמדע האבען ניט געקראגען קיין איינלאדונג, זיינען זיי פאנאנדער געגאנגען. דיא נייגעריגע נאכדעם וויא זיי האבען זיך דערוואוסט וואס עס האט געטראפען, האבען אנגעפאנגען אוועק צו געהן, זיך צלמ'דיג, און

www.libtool.com.cn

און דיא קינדער האבען זיך גענומען שלאגען נעבען דיא טרעפ. ווען איינינע האבען פלוצלונג אויסגעשריען! דיא בארינא! דיא בארינא!"

דיא שכנים זיינען זיך ווידער צונויף געקומען, האבען געמאכט א וועג פאר דיא בארינא דורך צו געהן, און האבען געוואלט זעהן וואס דיא בארינא וועט דא טאהן. איהר געזיכט איז געוועזן בלאס, און איהרע אויגען רוים מיט טרעהרען. זיא איז אריין געגאנגען אין אקולינא'ס הייזעל, דיא שכנים האבען זיך צוזאמען געשטופט ארום טהיר, און האבען אזוי צוזאמען געקוועטשט א פרוי וועלכע איז געווען אין דיא הויכע מאנאטען, אז זיא האט אנגעפאנגען צו קרעכצען; זיא אבער איז ניט ארויסגעגאנגען, נור האט זיך דורך געשטופט צו דיא ערשטע רייהע.

עס איז געווען נאטירליך אז דיא מוזשיקעס זאלען זיין אזוי נייגעריג צו זעהן דיא בארינא אין אקולינא'ס הייזעל. פאר דיא דוואראווגע האט עס אויסגעזעהן וויא א פארשטעלונג פון פייער ווערק. פייער ווערק זיינען שעהן צו זעהן; און עס איז געווען שעהן צו זעהן דיא בארינא. אנגעטאהן אין זייד, אין אקולינאס ארעמען וואהנונג.

זיא האט אנגענומען אקולינא'ס האנד, אבער אקולינא האט עס ארויס־געריסען, און דיא דווארוווני האבען געשאקעלט זייערע קעפ אלס צייכען פון פארוואורף.

— אקולינא — האט דיא בארינא געזאגט, — גערענק אז דוא האסט קינדער, גיב אכטונג אויף זיך.—

אקולינא האט געגעבען א ווילדען געלעכטער און האט זיך אויפגע־שטעלט.

—– איך האב קינדער, גערד; גערד; איך האב ניט קיין באנקנאַ־טען!—האט זיא געשריען שנעל.—איך האב געזאגט איליטש'ן אז ער זאל ניט נעה..ען קיין באנק־נאטען. און יעצט האבען זיי אויסגעשמירט דיא רע־דער מי.. פעד. און מיט זייף, מאדאם אזוי דיק וויא מיט בלאטע, און עס פאלט ג..ייך ווידער הערינטער.

און זיא האט זיך נאך ווילדער צולאכט.

דיא בארינא האט געשיקט רופען א קראנקען—ווערטערין, און געהייסען ברייגגען זענעפט.

זיא האט זיך אויפגעהויבען געהסען א טרונק וואסער. אבער דערזעהענ־

www.libtool.com.cn

דיג דאָס טויטע קינד נעבען וועלכע דיא באַבושקא אננא איז געשטאַנען, האָט זיא זיך אבגעקעהרט און יעדער איינער האָט געקענט זעהן וויא זיא האָט פערדעקט איהר געזיכט מיט א טאַשענטוך און האָט זיך צו וויינט. דיא באַבושקא אננא האָט צוגעדעקט דאָס טויטע קינד מיט א טוך, האָט אויסגעגלייכט דיא קליינע הענטעלעך מיט איהרע רונדע פּראַקטיצירטע פינ־גערס, און האָט געצייגט אַזוי פיעל סימפּאַטיע אין דעם אויסדרוק פון איהרע ליפּען און איהרע אויגען אַז יעדער איינער האָט געפיהלט וואָס פאַר א גוטע הערץ זיא האָט. דיא באַרינא האָט געוויינט און האָט גענומען פאַלען אין אָהנמאַכט, און מען האָט איהר געמוזט אָפּ פיהרען א היים.

— זיא האָט געטאָהן אלעס וואָס זיא האָט געקענט, — האָבען דיא מוזשיקעס זיך געטראַכט אוועק געהענדיג.

אקולינא האָט נאָך אלץ גערעדט וויא משוגע, מען האָט איהר אַריינ־געפיהרט אין איין אַנדער צימער, גוט אויפגעפּאַסט אויף איהר, און מען האָט צו געלעגט א זענעפט־פּלאַסטער און אייז אויפ׳ן קאָפּ. זיא איז אבער געבליעבען אין דיא זעלבע לאַגע. זיא האָט ניט געוויינט; אין געגענ־טהייל, פלוידערענדיג און מאַכענדיג מיט דיא הענד האָט זיא זיך אַזוי צולאַכט, אַז דיא גוטע מענשען וועלכע האָבען איהר אויפגעפּאַסט האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָבען אויך געמוזט לאַכען.

## XII.

דער פּאָקראָווסקער יום טוב איז נעוועזן זעהר א טרויעריגער און כאָטש דער וועטער איז געוועזן זעהר שעהן זיינען דאָך דיא גאַסען געוועזן לעדיג דיא יונגע מיידלאך זיינען זיך צוזאַמען געקומען צו זינגען, און דיא אַרבייטער וועל־כע זיינען געקומען פון שטאָדט האָבען ניט געשפּיעלט אויף זייערע האַר־מאָניעס אדער באַלאַליאַקעס, און האָבען ניט געשטיפּט מיט מיידלעך.

דיא איינוואוהנער זיינען געבליעבען אין זייערע הייזער; און ווען זיי האָבען גערעדט איז עס געוועזן אין א שטילע שטימע, אַזוי וויא זיי וואָלטען מורא געהאַט אַז זעהר א שלעכטער גייסט הערט זיך איין.

www.libtool.com.cn

דער טאג איז געווען זעהר א טרויעריגער, און ווען עס איז געווארען פינסטער האבען דיא הינט גענומען בילען, און דער ווינד האט געפייפט אין די קוימענס. אלע אין דוואראוונע האבען געציטערט פאר שרעק. די יעניגע וועלכע האבען געהאט ליכט האבען עס אנגעצונדען און אוועקגעשטעלט נעבען דיא הייליגע בילדער; דיא וועלכע זיינען געווען אליין אין זייערע חייזלעך זיינען אוועק צו זייערע שכנים, און דיא וועלכע האבען געמוזט ארבייטען אין דיא שטאלען זיינען געווען אזוי דערשראקען אז זיי האבען מורא געהאט אריינצוגעהן אין דיא שטאללען. און דיא ארמע פערד זיינען געבליעבען אהן שפייז ביז אין דער פריה. דיא מוזשיקעס האבען אין גאנצען פערברויכט דיא הייליגע וואסער וועלכע זיי פלעגען האלטען אין קליינע פלעשלעך. איניגע פערזאנען האבען זאגאר געהערט שווערע טריט איבער זייערע קעפ, און דער קאנאוואל האט דייטליך געזעהן וויא א שלאנג איז אריינגעפלויגען אין דעם צימער וואו פאליקושקא איז געהאנגען.

אין פאליקושקא'ס הייזעל האבען דיא שכנים געזונגען קאפיטלעך תהלים אונטער דעם אויפזיכט פון צוויי אלטע ווייבער מיט א נאנע נאכדעם וויא מען האט אוועק געפיהרט פאליקושקא'ס משוגע'נע ווייב מיט איהרע קינדער. דיא נאנע איז געווען אזוי גוט און פרום אז זיא האט געזאגט תהלים ניט נור פאר דאס קינד, נור פיר אלע אונגליקען וואס דא האט זיך געטראפען. דיא בארינא האט עס איהר געבעטען.

דיא אלטע ווייבער און דיא נאַנע האבען אויך געהערט וויא דיא באלקענס האבען זיך געשאקעלט, און וויא יעמאנד האט געוויינט פון אויבען יעדעס מאל ווען זיי האבען געענדיגט א קאפיטעל. אבער קוים האבען זיי נאר געלעזען אז יעזוס איז אויפגעשטנען פון קבר איז אלעם ווידער שטיל געווארען.

דעם טשעשלער'ס ווייב האט איינגעלאדען ביי זיך איהרע א שכנה, און ביידע זיינען געווען אויף דיא גאנצע נאכט, און האבען געטרונקען אזוי פיעל טהעע אז דיא גאנצע וואך'ס פארראטה איז אויסגעגאנגען. זיי האבען אויך געהערט וויא דיא באלקענס איבער'ן קאפ האבען זיך געשאקעלט און עפעס אזוי וויא זעק וואלטען געפאלען.

יעדער איינער וואלט געשטארבען פאַר שרעק ווען ניט דער וואך פון דיא מוזשיקעס וועלכע האבען אריינגעגעבען א ביסעל מוטה דיא דווארעווני׳ דיעזע מוזשיקעס זיינען געלעגען אויף היי אין דעם פארהויז, און זיי האבען אויך

www.libtool.com.cn

בעהויפטעט אז זיי האבען געהערט דיא אויסערגעוועהנליכע טריט איבערן קאפ; באטש דעם אמת זאגענדיג, זיינען זייא דיא גאנצע נאכט רוהיג געזעסען אין האבען גערעדט וועגען דיא רעקרוטען, קאָוועָנדיג ברויט און זיך קראצענדיג. זיי האבען אנגעפיהלט דעם פארהויז מיט אזא באַ אקטעריסטיש־בויערען גערוך אז דעם טשעשעלער׳ס ווייב האט אויסגעשפייט פערביינגעהענדיג, און האט געזאגט אין א טאן פון בעליידיגונג. אז דא מיזען זיין אמת׳ע מוזשיקעס.

דער טויטער מאן איז זיך רוהיג געהאנגען פון באלקען, ניט אכטענדיג אויף דיא אלע זאנדערבארע ערשיינונגען, און עס האט געשיינט אזוי וויא דער מלאך המות אליין וואלט אויסגעשפרייט זיינע פליגלען איבער דיא הויז פון דיא דוואראווני, און וואלט זיי געהאלטען אונטער זיין בייזען איינפלוס. אזוי אם ווענינגסטענס, האבען אלע געגלויבט. אבער איך דענק אז אויב, אין דיא שרעקענס-נאכט, איין דרייסטער מענש וואלט גענומען א ליכט אדער א לאנ־טערנע, און וואלט דאן זיך צלם׳דיג אדער זאגר זיך ניט צלם׳דיג, אריינ־געגאנגען אין טויטען צימער, און וואלט מיט זיין ליכט בעלייכטעט דיא באלקענס דיא ווינקלען וועלכע זיינען געוועזען בעדעקט מיט שפין־וועבס, און דיא פאלערינא וואס דעם טשעשלער׳ס ווייב האט דארט איבערגעלאזען; און ער וואלט אהן מורא צוגעגאנגען צו איליטש׳ן און וואלט אויפגעהויבען זיין לאנטערנע אין דער הויך, וואלט ער בלויז געזעהן פאליקושקא׳ס קערפער מיט זיינע פיס אויפ׳ן פאדלאג וויל דער שטריק האט זיך אויסגעצויגען. ער וואלט געזעהן אז דער טויטער איז געוועזען עטוואס איינגעבייגען אויף איין זייט, און זיין העמד אויפגע־שפילעט נעבען האלז פון וועלכען פלאטץ ער האט פריהער ארא‌בגענומען דעם קרייץ; מיט זיין פריידליכע געזיכט, שטייפע אויגען מיט זיין געוועהנליכען ווייסען אונשולדיגען שמייכעלע, וועהרענד דער גאנצער קערפער האט גע־האט דעם הארטען אויסדרוק פון חרטה.

דעם טשעשלערס ווייב, ציטערענדיג אין ארומקריכענדיג אין איהר בעט מיט איהרע צילאזענע האר אוןווילדע אויגען, זיך איינהערענדיג דעם קלאנג פון פאלענדיגע זעק, וויא זיא האט געמיינט איז געווים געוועזן א שרעקליכער בילד אנצוזעהן וויא דער טויטער פאליקושקא; באטש מען האט פון איהם צוגענומען זיין קרייץ אום עס אוועק צו לייגען אויף דיא באלקענס.

אין דיא בארינא׳ס הויז האט אויך געהערשט דער זעלבער געפיהל פון שרעק. דיא בארינא אליין איז געוועזן קראנק, איהר צימער איז געוועזן פול מיט׳ן

ריח פון פערפיום, וועהרענד דוניאשא האט זיך בעשעפטיגט מיט'ן מאכען א מעדיצין פיר קאָפּ שמערצען, דוניאשס טאנטע איז געקומען צו פערבערגען דיא נאכט מיט איהר אים איהר אריין צוגעבען א ביסעל מוטה אלע פרויען, צוזאמען מיט דיא קליינע אקסיאוטקא ויינען געזעסען אין דיא ביעוויטשיא *) און האבען גערעדט.

— ויער וועט געהן ברענגען א ביסעל אויל? — האט דוניאשא פלוצלונג געפרעגט.

— איך וועל ניט געהן פאר קיין זאך אין דער וועלט — האט דיא צווייטע דיענסט געזאגט מיט ענטשלאסענהייט.

— ועסט דוא געהן מיט אקסיאוטקא'ן?—

— איך וועל געהן; איך האב קיין מורא ניט — האט אקסיוטקא געזאגט. אבער אזוי שנעל וויא זיא האט עס ארויסגעזאגט האט זיא גענומען פיהלען א געוואלטיגען שרעק.

זעהר גוט, בראוועס קינד, געה און בעט דיא באבושקא אננא א ביפעלע אויל אין א גלאז און גים עס ניט אוים. — האט דאניאשא געזאגט.

אקסיאוטקא האט צוגעהאלטען איהר קלייד מיט איין האנד; און אזוי וויא דאס האט איהר געהינדערט צו ווארפען איהרע ביידע ארעמס, האט זיך דיא פרייע האנד געווארפען מיט א דאפעלטע שנעלקייט, און זיא איז ארויסגעלאפען. זיא איז געווען זעהר צו שראקען; און וויא האט געפיהלט אז אויב זיא זאל נור ועמען עס איז אנטרעפען, זאגאר איהר אייגענע מוטער וואלט זיא געשטארבען פאר שרעק, דאן צוזאמענגדיג איהרע אויגען, האט זיא גענומען געהן צו באבושקא אננא.

## XIII.

— איז שוין דיא באריגא געגאנגען שלאפען אדער ניט?—האט פלוצלונג געזאגט א מוזשיק צו דיא קליינע מיידעל.

---

*) דער צימער פאר דיא דיענסטען.

www.libtool.com.cn

אקסיוטקא האט געעפענט דיא אויגען וועלכע זיא האט ביז יעצט גע־האלטען פעסט צוגעמאכט, און האט דערזעהן א פיגור וועלכע האט איהר אויסגעזעהן צו זיין העכער פאר דיא הויז. זיא האט געגעבען א געשריי, האט זיך שנעל אויסגעקעהרט און איז אנטלאפען געווארען אזוי שנעל אז איהר קלייד האט איהר קוים געקענט נאכהאלטען.

זיא איז ארויף אויף דיא טרעפ מיט איין שפרונג, איז אריינגעפלויגען אין דיא ביעוויטשיא. האט זיך ארויפגעווארפען אויף'ן בעט, און האט זיך ווייד פונאנדער געוויינט.

דוניאשא, איהר טאנטע און דיא צווייטע דיענסט זיינען פערפראהרען געווארען פון שרעק; און איידער זיי האבען נאך געהאט צייט זיך צו ער־האלען האבען זיי דערהערט שווערע טריט אין פארהויז, וועלכע זיינען געקימען אליך נעהענטער צום טהיר.

דוניאשא האט ארונטערגעווארפען איהרע מעדיציין אויף דער ערד, און איז אריינגעלאפען אין דיא בארינא'ס צימער, דוא צווייטע דיענסט האט זיך בעהאלטען אונטער א קליידעל וואס איז געהאנגען אויפ'ן וואנד, דיא טאנטע וועלכע איז געווען א ביסעל בראווער, האט געוואלט געהן פערהאקען דיא טהיר, אבער איידער זיא האט זיך אויפגעהויבען האט זיך דיא טהיר גע־עפענט און א מוזשיק איז אריינגעקומען אין צימער.

דער מוזשיק איז געווען דוטלאף. אין זיינע שווערע שיך, ניט אכטענדיג אויף דעם שרעק פון דיא פרויען, האט ער זיך ארום געקוקט זוכענדיג דיא הייליגע בילדער, אבער ניט זעהענדיג דעם הייליגען בילד וועלכער איז גע־האנגען אין א ווינקעל האט ער זיך גע'צלם'ט נעבען א פאליצע מיט גלעזער דאן האט ער אוועק געלעגט זיין היטעל אויף'ן פענסטער, האט אריינגעשטעקט זיין רעכטע האנד אונטער'ן מאנטעל, און האט ארויסגענומען א קאנווערט וועלכער איז געווען בעזיגעלט מיט פינף ברוינע סטעמפלען מיט איין אנקער.

דוניאשא'ס טאנטע האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף'ן ברוסט.

— אי, וויא דוא האסט מיר איבער געשראקען, סימיאן! — האט זיא געזאגט. איך קען כמעט ניט רעדען. איך האב געמיינט אז איך שטארב אוועק. —

— וויא אזוי געהסט דוא דאס אריין אין צימער אזוי פלוצלונג? — האט

www.libtool.com.cn

אויסגעשריען דיא צווייטע דיענסט, פערלאזענדיג דיא קלייד אונטער וועלכע זיא האט זיך באהאלטען.

— וויא אזוי שרעקסט דוא דאס איבער דיא בארינא? — האט דוניאשא געזאגט פון אונטער'ן טהיר. וויא קומט מען דאס אריין און דיא דיעוויטשיא אזוי פלוצלונג? ביי א מוזשיק איז אלעס רעכט.

דוטלאף האט ניט פרובירט זיך צו ענטשולדיגען, און ער האט געפרעגט אויב ער קען זעהן דיא בארינא.

— זיא איז ניט געזונד — האט דוניאשא געענטפערט.

אקסיאוטקא האט יעצט אויסגעשאסען מיט אזא שטארקען געלעכטער אז זיא האט געמוזט בעהאלטען איהר קאפ אונטער דיא קישענס, און ניט אכטענדיג אויף דוניאשא'ס און איהר מאמעס סטראשונקעס, האט זיא א גאנצע שטונדע נאך אנאנד געהאלטען אין איין לאכען. עס איז איהר פארגעקומען אזוי קאמיש אז יעדער איינער זאל זיך אזוי איבערשרעקען איבער גאר ניט. נאך יעדען געלעכטער פלעגט זיא איינגראבען איהר געזיכט אין דיא דעקע און איהרע פיס האבען זיך אזוי געווארפען אזוי וויא זיא וואלט געהאט קרעמפפען.

דוטלאף איז געשטאנען און האט איהר אויפמערקזאם בעטראכט אזוי וויא ער וואלט געוואלט אויסגעפינען וואס דא טהוט זיך מיט איהר. ענדליך האט ער ווידער אנגעפאנגען.

— איך דארף זעהן דיא בארינא וועגען זעהר א וויכטיגע זאך — האט ער געזאגט. — געה און זאג דיא בארינא אז א מוזשיק האט געפונען דעם בריף מיט דאס געלד. —

וועלכע געלד? — האט דוניאשא געפרעגט, האט איבערגעלעזען דיא אדרעס, און האט איהם געפרעגט וואו און וויא ער האט געפונען דאס געלד וועלכע פאליקישקא האט געזאלט ברייננגען פון שטאדט. נאכדעם וויא זיא האט אויסגעהערט אלע איינצעלהייטען, און נאכדעם וויא זיא האט ארויסגעטריבען אקסיאוטקא'ן וועלכע האט נאך געהאלטען אין לאכען, איז זיא אריין אין דיא בארינא'ס צימער. צו דוטלאף'ס גרעסטע איבערראשונג האט דיא בארינא איהם ניט געוואלט זעהן, און האט ניט געגעבען קיין אורזאכע.

— איך ווייס גאר ניט וועגען דעם, און איך וויל גאר ניט וויסען. —

www.libtool.com.cn

האָט זיא געזאָגט צו דוניאשא'ן. — וועלבער מוזשיק איז דאס, און וועלכע געלד? איך קען קיינעם ניט זעהן און איך וויל איהם ניט זעהן! —

— אָבער וואס זאָל איך טהון מיט דעם געלד? — האָט דוטלאף געפרעגט דראפּענדיג דעם קאָנווערט מיט זיינע פינגער. — דא איז דא אגרויסע סומע געלד. וואס איז דא אויפגעשריבען? — האָט ער געפרעגט דוניאשא'ן וועלכע האָט איהם איבערגעלעזען דעם אדרעס.

דוטלאף האָט איהר ניט געוואָלט גלויבען. ער האָט געהאָפט אז דאָס געלד איז ניט פאַר דיא באַרינא, און אז מען האָט געלעזען דעם אדרעס פאלש; אָבער דוניאשא האָט עס איהם איבער געלעזען נאָך א מאָהל.

ענדליך האָט ער געזיפצט, האָט צוריק אריינגעלעגט דעם קאָנווערט אין בוזעם, און האָט גענומען אוועק געהן.

— איך מוז דאס געבען צום סטאנאוואי —, האָט ער געזאָגט.

— וואַרט א ווײלע, איך וועל פּרובירען נאָך א מאָהל —, האָט דוניאשקא געזאָגט. — גיב מיר דעם בריף.

דוטלאף האָט ווידער ארויסגענומען דעם קאָנווערט, אָבער ער האָט עס ניט גלייך געגעבען דוניאשא'ן. — זאָג איהר אז דוטלאף סימיאָן האָט עס געפונען אויף'ן וועג, — האָט ער ענדליך געזאָגט.

— זעהר גוט; גיב מיר דעם קאָנווערט! —

— אין אנפאנג האָב איך געטראַכט אז דאָס איז ניט זעהר וויכ־טיג, אָבער א סאָלדאט האָט מיר געזאָגט אז דאָס ענטהאַלט באַנק־נאָטען —.

— גוט! שנעל, גיב מיר דעם קאָנווערט! —

— איך האָב ניט געוואָגט עס צו נעהמען א היים, ווייל.... ווייל....— האָט דער מוזשיק ווידער אָנגעפאַנגען נאָך אלץ האלטענדיג דעם קאָנ־ווערט.— געדענק, דערצעהל איהר אלעס וואָס איך האָב דיר געזאָגט; — דוניאשא האָט ארויסגעריסען דעם קאָנווערט פון זיין האַנד. און איז אריין צו דיא באַרינא.

— אוס גאָטעס ווילען, דוניאשא! — האָט דיא באַרינא אויסגעשריען, — רעדע מיר ניט מיין קאָפּ ווענען דאָס געלד. ווען איך דערמאָהן זיך אָן דאָס ארמע קינד.—

www.libtool.com.cn

— אָבער, מאדאם, דער מושיק ווייס ניט ווענען דאס געלד אָפּ־צוגעבען. —

דיא באַרינא האָט געעפענט דעם קאָנווערט, און האָט זיך דערשראָקען דערזעהענדיג דיא באַנק־נאָטען, און האָט זיך פערטראַכט.

— געלד איז אַ שרעקליכע זאַך! וועלכע אונגליקען דאס ברייננט! — האָט זיא בעמערקט.

— דוטלאף האָט עס געבראַכט. זאָל ער אַוועק גיין אָדער איהר ווילט איהם זעהן? איז דאס געלד אין גאנצען? האָט דוניאשא געפרעגט.

— איך וויל ניט האָבען דאס געלד! דאָס געלד איז פערשאָלטען! שמעל זיך פאַר וואס פאר איין אונגליק דאס האָט געמאכט! זאָג איהם ער זאָל עס האלטען פאר זיך! — האָט דיא באַרינא געענטפערט, צוריק גע־בענדיג דוניאשא'ן דעם קאָנווערט.

— יא, יא, — האָט זיא ווידער געזאָגט צו דיא איבערראשטע דוניאשא.

— זאָל ער האלטען דאָס געלד און טהון דערמיט וואָס ער וויל —.

— פופצעהן הונדערט רובעל! — האָט דוניאשא אויסגעשריען, שמייכלענ־דיג וויא אַ קינד.

— זאָל ער דאס האלטען אין גאנצען! — האָט דיא באַרינא געזאָגט אונגעדולדיג. — קענסט דוא ניט פערשטעהן וואָס איך רעד מיט דיר? דאס געלד איז פערשאָלטען! רעד צו מיר ניט נאָך אַ מאָהל וועגען דעם! זאָל דער מושיק וואָס האָט עס געפונען האלטען פאר זיך! יעצט מענסט דוא געהן. —

דוניאשא איז ווידער ארייגעקומען אין דיא דיעווישיא.

— איז דיא סומע אין גאנצען? — האָט דוטלאף געפרעגט.

— צעהל עס אליין — האָט זיא געענטפערט איהם געבענדיג דעם קאָנ־ווערט. — דיא באַרינא האָט מיר געהייסען אז איך זאָל עס דיר אוועק געבען — .

דוטלאף האָט ארונטער געלעגט זיין היטעל אונטער'ן אָרעם און האט גענומען צעהלען.

— איז עס ריכטיג? —

דער מושיק האָט געמיינט אז דיא באַרינא איז אומוויסענד, און

www.libtool.com.cn

האָט רעריבער געשיקט אז ער זאָל איבער צעהלען דאס גערד פאַר איהר.

— דוא קענסט עס צעהלען אין דער היים. דיא באנק־נאטען ייינען דיינע, דאס געלד איז דיינע — האט דוניאשא געזאגט אונגעדולדיג.

— „איך וויל איהם ניט זעהן“, האט דיא בארינא מיר געזאגט, „גיב דאס געלד צו דעם מושיק וועלכער האט עס געפונען“.

דוטלאף האט אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף דוניאשא'ן.

— איז דאס ווירקליך אֱמת? — האט דוניאשא'ס מאַנטע אויסגעשריען פאַטשעגדיג מיט דיא הענד? — וויא נאט בענשט עס אמענשען!

דיא צווייטע דינסט האט ניט געקענט גלויבען איהרע אויערען.

— וואס מיינסט דוא, אנאפיא מיכאילאוונא? דוא מאַכסט שפּאס? — האט דוטלאף געפרעגט.

— ניין, ווירקליך, איך מאַך ניט קיין שפּאס; דיא בארינא האט מיר געהייסען דיר אבגעבען דאס געלד. נו, וואס ווארטסט דוא, נעהם דאס געלד און נעה! — האט דוניאשא אויסגערופען, ניט קענענדיג בעהאלטען איהר פערדרוס.

צו איין מענשען האט דאס זעלבע סומע געבראכט דעם טויט, צו א צווייטען האט עס געבראכט גליק!

— פופצעהן הונדערט רובעל איז געווים קיין שפּאס ניט! — האט דיא מאַנטע געזאָגט.

— נאָך מעהר וויא פופצעהן הונדערט! — האט דוניאשא צוגעלעגט; — איך האף אז דוא וועסט אָנצינדען א צעהן — קאָפּעקענע ליכט לכבוד דעם היילינגען ניקאָלאי, — האט זיא געזאָגט מיט פעראכטונג. — נו, דוא קענסט נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך? עס וואָלט מיר ניט געהארט אויב אזא גרויסע סומע געלד וואָלט אריינגעפאלען ביי איין ארעם מאַן אין דיא הענד, אָבער דער חברה מאַן דער מושי'ק איז שוין אזוי אויך רייך געוואָרן! —

ענדליך האָט דוטלאף אָנגעפאַנגען צו בעגרייפען אז דיא מיידעל שפּאַסט ניט מיט איהם; און ער האָט גענומען צוזאמען לעגע דיא באנק־נאָטען אין דעם קאָנווערט, זיינע הענד האָבען געציטערט, און האט נאָך

www.libtool.com.cn

אנאנד נעקוקט אויף די סיידלעך זיך צו איבערצייגען אז עס איז אלעס אמת.

— גיב נאר א קוק אויף איהם! ער איז צומישט געווארען פאר שמחה! — האט דוניאשא געזאגט, ווילענדיג ארויסציינען איהר פעראכטונג אי פארן מושיק אי פאר דאס געלד. — ווארט א ו ' — האט זיא אויס־געשריען —, איך וועל דיר העלפען צוזאמענקלייבען דאס געלד!

רוטלאף האט שנעל אריינגעשטאפט דאס געלד אין זיין בוזעם און האט גענומען זיין היטעל.

— ביזט דוא צופרידען? — האט דוניאשא געשריען.

— איך ווייס אליין ניט וואס צו זאגען. עס איז ווירקליך —

ער האט ניט געקענט ענדיגען דעם זאטץ. ער האט ארונטערגעלאזען זיין האנד, האט געשמייכעלט, כמעט געוויינט, און איז אוועק געגאנגען.

דער גלעקעל פון די בארינאס צימער האט געקלונגען.

— אלזא, האסט דוא איהם געגעבען דאס געלד? — האט די געפרעגט.

— יא, — האט געענטפערט דוניאשא.

— איז ער געווען צופרידען? —

— ער איז געווען צודולט פאר שמחה.

— רוף איהם צוריק, איך וויל וויסען וויא אזוי ער האט עס גענומען. ברינג איהם אהער, איך קען ניט געהן צו איהם.

דוניאשא איז ארויס געלאפען און האט געפונען דעם מושיק אין פארהויז.

דער אלטער, נאך אלץ אהן א היטעל, האט ארויסגענומען זיין געלד־בייטעל, האט זיך אריבער געבויגען איבער דאס, האלטענדיג דאס געלד צווישען זיינע ציינער. ער האט וואהרשיינליך מורא געהאט אז דאס געלד איז ניט זיינע אויף אן אמת ביז ער האט עס בעהאלטען אין זיין בייטעל. ער האט זיך שטארק דערשראקען ווען דוניאשא האט איהם צוריק גערופען.

— וואס! אדוואטיא, — אדוואטיא מיכאילאוונא — וויל זיא דאס צוריק אוועק נעהמען פון מיר? זאג עפעס א גוט ווארט פאר מיר! איך שווער אז איך וועל דיר ברייננען אביסעל האניג.

www.libtool.com.cn

— גוט, ברייננ מיר האָניג. —

דיא האָט אריינגעפיהרט דעם מוזשיק אין דיא באַרינאַ'ס געגענוואַרט, ער איז געווען זעהר צוטראָגען.

— אי, וועה! איך האָב מורא אז זיא וועט בעטען דאָס געלד צוריק! האָט ער געטראַכט.

ווען ער איז אריין אין צימער האָט ער געהויבען זיינע פיס אזוי וויא ער וואָלט געגאַנגען צווישען הויכע גראָז, אום ניט צו מאַכען א גערויש מיט זיינע שווערע שטיוועל. ער איז געוואָרען אזוי צומישט אין אנפאַנג אז ער האָט ניט געזעהן וואו ער איז.

אָבער, פערבייגעהענדיג פאַר'ן שפּיגעל האָט ער דערזעהן איינינע בלר מען, אמוזשיק (זיך אליין) הויבענדיג דיא פיס, דעם בילד פון א באַרינאַ מיט קליינע אויגען, אסאָרט גרינעם טון, און עמוואָס ווייסעס.

דיא ווייסע זאַך האָט פּלוצלונג גענומען רעדען. עס איז געווען דיא באַרינאַ. דוטלאָף האָט פערלאָרען זיין פערשטאַנד אין גאַנצען. ער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז, און אַלעס האָט זיך ערדרעהט ארום איהם.

— דוא ביסט עס, דוטלאָף?

— יאָ, מאַדאַם. איך האָב ניט אָנגעריהרט דעם קאָנווערט. איך האָב עס אזוי געפונען, — האָט ער געשטאַמעלט. — איך בין ניט אזוי שטאַרק צופרידען אז איך האָב עס געפונען; איך האָב אויסגעמאַטערט מיין פערדעל צום טויט איבער דעם.—

— דוא ביסט אָבער א גליקליכער יונג, האָט דיא באַרינאַ געזאָגט, מיט א שמייכעל פון פערעכטליכע פריינדליכקייט. — אלענפאלס, דוא מעגסט עס האלטען.

דוטלאָף האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען.

— איך בין צופרידען אז דער גליקליכער צופאַל האָט דיר געטראָפען. — האָט דיא באַרינאַ געזאָגט. — גיב גאָט אז דוא זאָלסט עס גוט בע־נוטצען. ביסטו צופרידען? —

— צופרידען! איך בין צו גליקליך, טהייערע מאַדאַם! איך וועל פער־ברייננען מיין גאַנצען לעבען בעטענדיג גאָט פאַר איך. איך בין זעהר גליק־ליך אז אונזער באַרינאַ לעבט נאָך מיט גאָט'ס רחמנות.

www.libtool.com.cn

— וואו זוהי האסט דוא געפונען דאס געלד?

— מיר האבען אלע מאהל געפּרובירט געפינען חן אין דיא באריגא'ס אויגען, צו זיין עהרליך, און ניט —

— זעהט נאר וויא צומישט ער איז, מאראם! האט דוניאשא בעמערקט.

— אלזא, איך האב יעטצט אוועק געפיהרט מיין פּלימעניק אלס א רעקרוט — האט דוטלאף פארטגעזעטצט. — און געהענדיג צוריק האב איך געפונען דעם קאנווערט אויף'ן וועג. פּאליקושקא האט עס געמוזט פערלירען. —

— גאנץ גוט, געה אוועק! געה אוועק! — האט דיא בארינא פלוטצלונג מיט א קול אויסגערופען. — איך בין העכסט צו פרידען מיט דיין ערקלעהרונג.

— וויא גליקליך איהר האט מיר געמאכט, טהייערע מאראם. — האט דער מושיק נאך א מאהל איבער געזאגט.

דאן האט זיך איהם אבגעדראכט אז ער האט נאך אלץ ניט געדאנקט דיא בארינא גענוג. דיא בארינא און דוניאשא האבען געשמייכעלט ווען ער האט ווידער גענומען דאנקען, און דאן איז ער אוועק געגאנגען, ווידער הויבענדיג זיינע פיס אזוי וויא ער וואלט געגאנגען צווישען הויכע גראז. מיט שווערינקייט האט ער זיך אבגעהאלטען נים צו לויפען, ווייל ער האט נאך אלץ מורא געהאט אז מען וועט איהם צוריק רופען און אבנעהמען דאס געלד פון איהם.

## XIV.

קוים איז ער נאר ארויס פון הויז האט דוטלאף זיך אוועג געשטעלט אין א ווינקעל, האט אראפּגענומען זיין גארטעל, און האט אריינגעלעגט זיין געלט אין בייטעל, און עס פערשטופּט אין בוזעם. זיינע ליפּען האבען זיך בעוועגט, אבער ניט איין קלאנג האט זיך געהערט פון זיי ווען ער האט פערבונדען זיין בייטעל, און ווידער אנגעטהון זיין גארטעל. ער האט זיך

www.libtool.com.cn

איבערגעצלם׳ט און איז געגאנגען זיך שאָקלענדיג וויא א שכור, פערוּתקען אין געדאנקען.

ענדליך האָט ער דערזעהן א מוזשיק וועלכער איז איהם געגאנגען ענטגעגען. ער האָט איהם גערופען. דאָס איז געווען זיין עלטערער פּלי־מעניק עפים, וועלכער האָט געהאט א שווערען שטעקען זייענדיג איינער פון דיא וואך וואָס מען האָט געשטעלט ארום דיא דוואראווני הויז.

— וואס מאכסט דוא, אָנקעל סימיאן! — האָט עפים אויסגערופען פרעה־ליך צו געהענדיג צו זיין אָנקעל, ווייל עס איז איהם געווען אונמוטהיג צו זיין אליין. — האָסט דוא אוועק געפיהרט דיא רעקרוטען?

— יא. און וואָס מהוסט דוא דא? —

זיי האָבען מיר געשטעלט פאר א וואך איבער אילימש׳ן, — דעם זעלבסט מערדער. —

— וואו איז ער?

— דאָרטען, אויף דיא טרעפּ. דאָרטען האָט ער זיך געהאָנגען! — האָט עפים געזאָגט ציינענדיג מיט׳ן פינגער אויף דיא דוואראווני׳ם וואָהנונג.

דוטלאף האָט געקוקט וואו ער האָט איהם געציינט, און אָבוואָהל ער האָט גאר ניט געקענט זעהן, האָט ער פערקנייטשט דעם שטערען, און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דער קוטשער האָט מיר געזאָגט אז דער סטאנאוואי איז געקומען און אז ער וועט באלד אראפּ נעמען דעם קערפּער — האָט עפים פאָרטגעזעצט. עס איז שרעקליך צו דענקען פון א זעלכע זאכען ביי נאכט. איך וואלט דאָרטען ניט געהן אין דער פינסטער פאר קיין זאך אין דער וועלט, אפילו אז מען זאל מיר הייסען. איך וואלט דאָרטען ניט געהן אפילו ענגאר מיכאלאָוויטש וואָלט מיר שלאָגען צום טויט! —

— וואס פאר אשרעקליכע עבירה! וואס פאר א שרעקליכע עבירה! —

האָט דער אלטער דוטלאף געזאָגט אום עפּעס צו זאָגען וועהרענד זיינע געדאנקען זיינען געווען וועגען גאנץ אנדערע זאכען.

ער האָט ווידער גענומען געהן, ווען ענגאר מיכאילאָוויטש׳ס שטימע האָט איהם אבגעהאלטען.

www.libtool.com.cn

— אָבער, וואָך! קום אהער! — האָט דער פערוואַלטער געשריען פֿון דיא טרעפ.

ווען עפים איז צוגעגאנגען צו איהם האָט ענאר געפרעגט: — ווער איז דער מחשיק מיט וועמען דוא האָסט גערעדט?

— דוטלאף.

— אַ, סימיאָן, קום נאָר אהער! —

ווען דוטלאף איז צוגעגאנגען האָט ער דערזעהן, ביי דיא ליכט פון דיא לאַנטערנע וואָס דער קיטשער האָט געהאַלטען, אז ענאר האָט גערעדט מיט א קליינעם בעאַמטען וועלכער האָט געטראָגען א היטעל מיט א קאָקאָרדע און א מאַנטעל. דאָס איז געוועזן דער סטאַנאָוואָי.

— דער אַלטער מאַן וועט אויך מיטגעהן מיט אונז, — האָט ענאר געזאָגט ווען סימיאָן איז צוגעקומען.

דער אַלטער מאַן איז אפילו ניט געוועזן צופרידען, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָהן?

— און דוא, עפים, אלס א יונגער מאַ', מוזט אַרויף לויפען אין דעם טויטען צימער, וואו דער מאַן הענגט, מוזט ריין מאַכען דיא טרעפּ, און מאַכען אַלעס אין דער אָרדנונג פאר זיין עקסעלענץ. —

עפים, וועלכע האָט פריהער בעהויפּטעט אז פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועט ער אריינגעהן אין דיא דוואָראָוונים וואָהנונג, איז יעצט שנעל אַוועק געלאָפען, קלאַפּענדיג מיט זיינע שטיוועל. דער סטאַנאָוואָי האָט פערדרויכערט א לילקע. ער האָט געוואָהנט צוויי מייל א וועק. ער האָט זיך גענומען צו זיינע ארבייט מיט איין אויסערגעוועהנליכען אייפער, ווייל דער איספּראַווניק האָט איהם ניט לאַנג צוריק גום אנגעזידעלט דער פאר וואָס ער פּ׳עגט אפּט זיין שכור. ער איז געקומען צעהן א זייגער, און האָט גלייך געוואָלט זעהן דעם טויטען.

ענאר מיכאַלאָוויטש האָט געפרעגט דוטלאף׳ן וואָס ער טהוט דאָ, און דער אַלטער האָט איהם געהענדיג דערצעהלט, דיא גאַנצע געשיכטע. ער האָט נאָך צו געלעגט אז ער איז דאָס יעצט געקומען בעטען ענאר׳ס ערלויבניס צו האַלטען דאָס געלד.

צו דוטלאף׳ס גרויסען שרעק, האָט ענאר איהם געהייסען צייגען דעם קאָנווערט, און ער האָט עס עקזאַמינירט דער סטאַנאָוואָי האָט עס אויך

www.libtool.com.cn

נעגומען אין זיינע הענד. און האט קורץ נעפרעגט וויא אזוי דאס געלד קומט צו איהם.

— איך האב עס פערלארען! — האט דער אלטער נעטראכט.

ער האט יעצט נעוואלט עפעס זאגען זיך צו פערטהיידינען ווען דער סטאַ־נאוואי האט איהם אבגענעבען דאס געלד צוריק.

— וואס פאר א גליק אזא באלוואן האט דאס! — האט ער גע־זאגט.

— עס איז געקומען גראדע אין דער רעכטע צייט, — האט ענאר גע־ענטפערט. — מען האט יעצט אבגעגעבען זיין פלימעניק פאר א סאלדאט, און יעצט וועט ער איהם קענען אויסקויפען. —

— אזוי, אזוי! — האט דער סטאנאוואי געזאגט.

— איהם אויסקויפען? איז דאס גענוג געלד? איז עס ניט צו שפעט? — האט דוטלאף געזאגט.

— דאס איז דיין געשעפט, און ניט מיינער — האט דער פערוואלטער געענטפערט.

ביידע זיינען נאך נעגאנגען דעם סטאנאוואי.

זיי זיינען געקומען צו דאס הויז פון דיא דוואראוויע, וואו דיא שמעקעדינע וואך האבען געווארט אויף זיי אין פארהויז. דוטלאף איז אויך אריין. דיא וואך האבען געהאט א שולדיגע: אויסגעהן וועלכען מען האט געמוזט צו שרייבען בלויז צו זייער שלעכטען גערוך. זיי זיינען אלע געוועזן שטיל.

— וואו איז ער? — האט דער סטאנאוואי געפרעגט.

— היר — האט געענטפערט ענאר אין איין נידעריגע שטימע. — עפים, דו ביסט יונג, געה ארויף פריהער מיט דיא לאנטערנע.

עפים וועלכער האט יעצט געריינינט דיא טרעפ, האט וואהרשיינדליך זיך פערגעסען מורא צו האבען. ער האט פרעהליך געגומען ארויף לויפען אויף דיא טרעפ פריהער פאר אלעמען. ווען ער איז ארויף צוויי אדער דריי שטאפלען האט ער זיך אומגעדרעהט און האט בעקוקט דעם וועג פאר'ן סטאנאוואי און פאר ענאר מיכאלאוויטש. ווען זיי זיינען פערשוואונדען אין צימער, האט דער אלטער דוטלאף וועלכער איז געבליבען שטעהן אונטען, געגעבען א טיפען זיפץ און האט זיך אפגעשטעלט. צוויי מינוטען זיינען פאראיבער. מען האט שוין

www.libtool.com.cn

מעהר נים נעקענט הערען דיא טרים. זיי האבען שוין נעמחט שטעהן ביים טוימען קערפער.

פעטער סימיאן! מען דארף דיר דא האבען! — האט עפים פלוצלונג אויסגערופען, און דער אלטער איז שנעל ארויף געלאפען אויף דיא טרעפ. דאס ליכט פון דיא קליינע לאנטערנע איז קוים געווען גענוג פאר'ן סטאנאוואי צו זעהן העבער פאר זיין קאפ. פאר זיי איז געווען אמענש, מיט'ן נעזיכט אונעקנעקעהרט. דאס איז געוועהן פאליקושקא. דוטלאף איז אריבער נעגאנגען דעם שוועל, האט זיך איבער געצלם'ט, און זיך אבגעשטעלט.

— דרעהט איהם אום, יונגע לייט, — האט דער סאנאוואי געזאגט. קיינער האט זיך ניט געריהרט.

— קום, קום, עפים, דוא ביסט יונג — האט ענאר געזאגט.

עפים איז ארויף אויף'ן באלקען, און האט איליטש'ן אומגעדרעהט. מיט איין אויסדרוק פון אלץ גרעסערע פרעהליכקייט האט ער געקוקט א ווילע אויף טוימען קערפער און א ווילע אויף'ן בעאמטען אזוי וויא איינער אויף איין אויסשטעלונג וועלכער צייגט אמאדנע בריאה, אדער אפרוי מיט א בארד, און קוקענדיג אמאהל אויף דיא אודיענץ און אמאהל און זיינע סחורה איז פערטיג אלעמען צו פרידען צו שטעלען.

— דרעה איהם ווידער אום —

ער האט איליטש'ן נאך אמאהל אומגעדרעהט. זיינע ארעמס האבען זיך שוואך געשאקעלט, און זיינע פים האבען זיך געשלעפט אויף'ן פארלאג.

— שנייט אפ דיא שטריק! — האט דער סטאנאוואי אויסגערופען.

— אלזא, איהר הייסט אפשניידען דיא שטריק? — האט ענאר מיכאלאוויטש געזאגט. — זעהר גוט; ברייננט אמעסער, קינדער. —

מען האט געמוזט דעם בעפעהל צוויי מאהל איבערזאגען איידער דיא וואך און דוטלאף האבען זיך געריהרט, וועהרענד עפים האט געהאלטען אין איין דרעהען איליטש'ן אזוי וויא ער וואלט געווען א טויטער שעפס.

ענדליך האט מען דיא שטריק אפגעשניטען, און דעם קערפער ארונטער גענומען, דער סטאנאוואי האט ערקלעהרט אז דער דאקטאר וועט קומען אין דער פריה, און האט יעדען ערלויבט צו געהן אהיים.

דוטלאף האט גענומען געהן אהיים, בעוועגענדיג זיינע ליפען שטיל און

www.libtool.com.cn

אנפאנג האט ער נעפיהלט זעהר ניט גוט, אבער קומענדיג נעהענטער צום דארף ווינען זיינע אונאנגענעהמע געפיהלען ביסלעכווייז פערשוואונדען, און איין טיפע פרייד האט בעהערשט זיין הערץ. די נעשריי'ען און לידער פון אפאר שכור'ע מוישיקעס האבען זיך נעהערט אין די גאסען: אבער דוטלאף ווערלכער האט קיינמאל ניט נעטרונקען איז זיך ווי נעוועהנליך גלייך נעגאנגען אהיים.

## XV.

עס איז שוין נעווען שפעט ווען ער איז נעקומען אהיים. זיין פרוי איז שוין נעשלאפען. זיין עלסטער זאהן איז נעשלאפען מיט זיין קינד אויפ'ן אריווען און זיין צווייטער זאהן אין דעם אנדערען צימער.

איליא'ס ווייב אליין איז נאך נעווען אויף טראגענדיג א שמוציגע קליידעל, ניט אזא קלייד וועלכע זיא פלעגט נעוועהנליך טראגען אין א יום טוב, און מיט פונאנדער־צלאזענע האר איז זיא נעזעסען אויף א באנק און האט נעוויינט זיא האט זיך זאגאר ניט אויסנעהויבען צו עפענען די טיהר פאר איהר אנקעל און האט זיך נאך מעהר צו וויינט ווען זיא האט איהם דערזעהן. די אלטע דוטלאף האט בעהויפטעט אז זיא קלאגט נראסארטיג, חאטש זיא איז נעווען אזוי יונג, און האט נאך ניט נעהאט קיין פראקטיקע אין אזעלכע זאכען.

די אלטע פרוי איז אויפנעשטאנען און האט נענעבען איהר מאן עסען דוטלאף האט נעהייסען איליא'ס ווייב אוועק נעהן פון טיש.

— מיר האבען שוין נעהאט גענוג ! — האט ער איהר נעזאגט.

די פרוי האט זיך נעלעגט אויפ'ן באנק וויינענדיג אין קרעכצענדיג, דוטלאף'ס ווייב האט אלעס אראפגענומען פון טיש ווען איהר מאן האט אפגעגעסען און דער אלטער אליין האט ווייניג גערעדט. זא שנעל ווי ער האט נעענדיגט זיין געבעט, האט ער געוואשען די הענד, האט ארונטער נענומען די סטשאטי פון'ם וואנד און איז אריין אין צווייטען צימער. דאן האט ער נעזאגט א פאר ווערטער צו זיין ווייב און זיא איז ארויסגעגאנגען. דוטלאף האט נענומען רעכענען אויף די סטשאטי, א קעסטעל האט זיך פערשלאסען, און דער אלטער איז אראפנעגאנגען אין קעלער.

www.libtool.com.cn

ווען ער איז צוריס געקומען איז אלעס געווען פינסטער; דאס ליכט איז אויסגעגאנגען.

דיא אלטע איז געגאנגען שלאָפען אויף'ן בוידעם, און איהר בראפען האט זיך געהערט איבער'ן גאנצען הויז. דיא וויינענדיגע פרוי איז ענטשלאָפען געוואָרען וויינענדיג. זיא איז געלעגען אין איהרע קליידער אויף'ן באנק, אָהן א קישען, און זיא האט קוים געאטהעמט.

דוטלאף האט געזאגט זיין געבעט האט געקוקט אויף איליא'ס ווייב, געשאָקעלט מיט'ן קאָפ, ארויף געקראָכען אויפ'ן אויווען, און האט זיך אוועק געלעגט נעבען זיין אייניקעל. ער האט אראפגעוואָרפען זיינע שטיוועל אין דער פינסטער, און האט זיך אויסגעצויגען אויף'ן ריקען מיט אָפענע אויגען, און האט זיך איינגעהערט צו דאס רוישען פון דיא פליגען אויף'ן וואנד, און דאס אטהמען פון בראפען פון דיא שלאָפענדיגע, און פון דיא בהמות אין הויף.

ער איז געלעגען וואך אלאנגע צייט, ביז דיא לבנה האט ענדליך ארייג־געשיקט איינינע שטראהלען ליכט, אין צימער. ער האט געזעהן אקסיניאַ'ן, איליא'ס ווייב, אין איהר ווינקעל, און נאָך א זאך וועלכע ער האט ניט געקענט זעהן דייטליך. איז דאס זיין זאהן'ס קאפטאן אָבער אפּעסעל וואס זיין פרוי האט דאָרט אוועקגעשטעלט, אָבער גאָר א מענש?

איז ער אליין ווירקליך וואך אָדער ער שלאָפט? דוטלאף האט עס שארף אנגעקוקט.

עס איז זיכער אז דער טייוועל וועלכער האט געטריבען איליטשין צו זעלבסטמאָרד; אז דער שלעכטער גייסט וועלכער האט געהאנגען דורך דיא נאכט איבער אלע דוואראָווני האט יעצט גענומען אויסשפרייטען זיינע פליגלען איבער דוטלאף'ס הויז וואו עס איז געלעגען דאס געלד וועלכע האט געבראכט אזוי אונגליקליך אויף פּאליקושקא'ן.

אלענפאלס, דוטלאף האט געפיהלט דעם טייוועל'ס געגענוואָרט, און געוואָרען זעהר אונרוהיג, און האט ניט געקאנט שלאָפען און ניט אויפ־שטעהן.

דיא געהיימניספאָלע זאך וואס ער האט געזעהן אין ווינקעל האט איהם אין אנפאנג דערמאהנט אין איליא'ן מיט זיינע פערברונדענע הענד; און

 www.libtool.com.cn 

הערענדיג אקסיניא'ס קרעכצען האט זיך איהם אויסגעדאכט אז ער זעהט פאלי-קושקא'ן ווארפענדיג זיינע ארעמס.

פלוצלונג האט זיך איהם אויסגעדאכט אז עפעס איז פארביי געפלויגען פאר'ן פענסטער אין דרויסען.

— וואס קען דאס זיין? זאל עס זיין דער סטאראסטע? אבער וויא אזוי האט ער געקענט אריינגעהן? — האט ער זיך געפרעגט, הערענדיג טריט אין פאר הויז. — פיליייכט האט מיין ווייב פערגעסען צו פערשליסען דיא טיהר? —

דער הינד האט גענומען בילען אין הויף. דוטלאף האט געהערט וויא דער געהיימניספאלער בעזוכער איז ארום געגאנגען אין פאר הויז, און האט געזוכט דיא טיהר. איז אנפאנג איז ער — דער טייוועל — ארום געגאנגען אין פאר הויז זוכענדיג דיא טיהר. דאן האט ער זיך אנגעשלאגען אן א פאס, און האט געגעבען א מאנדערראכען אבקלאנג, און נאכדעם האט ער גענומען זוכען דיא קלאמקע.

ענדליך האט „ער" עס געפונען. דער אלטער האט געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער. „ער" האט אנגעחאפט דיא קלאמקע, איז אריין אין צימער, און האט געציינט א מענשליכע געזיכט.

דוטלאף איז געווען זיכער אז „ער" איז דער טייוועל. ער האט זיך געוואלט איבערצלמ'ן; ער האט אבער ניט געקענט. דערווייל'ע איז דער טייוועל צוגעגאנגען צום טיש, האט אראפגענומען דעם טישטוך און עס אוועק געווארפען אויף'ן פאדלאג, און איז ארויפגעשפרונגען אויף'ן אויווען.

דער אלטער האט געזעהן אז דער „ניט גוטער" האט אנגענומען איליטש'ס געזיכט ער האט אויסגעשטעלט זיינע ציין, און זיינע ארעמס האבען זיך געווארפען הין און צוריק. ער האט אנגעכאפט דוטלאף'ן ביים האלז און האט איהם גע-נומען ווערגען.

— דאס געלד איז מיינע! — האט דער טייוועל'שער איליטש געשריען.

— לאז מיר אפ, איך וועל דאס מעהר ניט טהון! — האט סימיאן גע-וואלט זאגען, ער האט אבער ניט געקאנט אויסרעדען איין איינציגעס ווארט.

דער טייוועל איליטש האט געדריקט זיין ברוסט אזוי וויא א בארג וואלט דארטען געלעגען. דוטלאף האט געוואוסט אז א תפלה וואלט צווינגען דעם טייוועל

www.libtool.com.cn

איהם אבצולאָזען, און ער האָט אויך געוואוסט וועלכע תפלה צו זאָגען, ער האָט אָבער ניט געקענט רעדען.

זיין קליינער אייניקעל וועלכער איז געשלאָפען לעבען איהם האָט גענעבען א געשריי און האָט גענומען וויינען. דוטלאָף האָט איהם נעהאט צונעדריקט צום וואַנד. דאָס קינד'ס געשריי האָט געעפענט דעם אלטען'ס מויל, — אָי, נאָט העלף! — האָט ער אויסגעשטאַמעלט.

דער טייוועל האָט איהם עטוואָס אפגעלאָזען, דוטלאָף האָט געזאָגט זיין תפלה און דער טייפעל איז ארונטער פון דעם אויוען, און דער אלטער האָט געהערט זיינע טריט. דוטלאָף האָט געזאָגט אלע זיינע תפלות, איינס נאָך דאָס צווייטע.

איליטש'ס נייסט איז צוגעגאנגען צום טיהר, און איהר צוגעמאכט הינטער זיך מיט אזא קלאַפּ אז דאָס גאַנצע הויז האָט געציטערט. אָבער דיא איינוואָהנער אויסער דער אלטער און זיין אייניקעל, זיינען זיך רוהיג געשלאָפען. דוטלאָף האָט נאָך אליין מתפלל געווען; זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. דאָס קינד איז ווידער אנטשלאָפען געוואָרען וויינענדיג, און האָט זיך צוגעריסט נאהנט צום אלטען.

אלעס איז ווידער געוואָרען שטיל, און דוטלאָף איז געלעגען שטיל אויף'ן רוקען. דיא העגער האָבען יעצט גענומען קרעהען.

עפּעס האָט זיך גערירט נע־ען דעם אלטען'ס פיס. עס איז געווען א פּאַטש. זיא איז אראָפּגעשפּרונגען פון אויוען אויף'ן פּאָדלאָג, איז צוגעלאָפען צום פענסטער, און האָט גענומען מיאוקען. דוטלאָף האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געעפענט דעם פענסטער. אין דרויסען איז אלעס געווען חמארנע און טרויעריג.

ער איז ארויסגעגאנגען זיך צלמ'דיג, און איז אריין אין שטאַל. דאָרטען זיינען געווען זיבער צייכענס אז חברה מאַן, דער טייוועל, איז דא געווען. דיא קליאטשע איז געווען איינגעדרעהט אין א שטריק, זיא האָט אויסגעקעהרט דיא קלייען, און איז געשטאַנען מיט איין פוס אין דער לופטען, דיא קאַפּ ארונטער געלאָזען, ווארפענדיג אביטערען בליק אויף איהר איינענטהימער. דער ורעבטשיק איז אריינגעפאלען אין דיא מיסט. דוטלאָף האָט עס אויפגעהויבען געגעבען דיא קליאטשע עסען, או איז צוריק אריין אין הויז.

דיא אלטע איז יעצט אויפגעשטאַנען, און האָט אנגעצונדען א ליכט.

www.libtool.com.cn

— רוף דיא קינדער איך נעה אין שטאדט. — האט דוטלאף געזאגט.
ער האט אוועק געשטעלט א ליכט נעבען דיא היילינע בילדער, און איז אראפ אין קעלער. ווען ער איז צוריק ארויפגעקומען, זיינען שוין געווען ליכט אנגעצונדען אין אלע שכנים'ס הייזער. דיא יונגע לייט זיינען אויפגעשטאנען און האבען זיך פערטיג געמאכט צו זייער ארבייט. דיא פרויען זיינען ארומגע-לאפען מיט עמערס וואסער און מיט טעפ מילך. איגנאט האט איינגעשפאנט איין פערד, און זיין איינגערער ברודער האט געפוצט נאך א פערד. איליא'ס ווייב האט שוין מעהר ניט געוויינט. ווען זיא האט זיך אנגעטהון, האט זיא זיך אוועק געזעצט ווארטען ביז עס ועט זיין צייט צו געהן אין שטאדט און זאגען איהר מאן דעם לעצטען זייי־געזונד.
דער אלטער האט אויסגעזעהן בייזער וויא געוועהנליך. ער האט צו קיינעם ניט גערעדט, האט אנגעטהון זיין נייעם קאפטאן, און איז אוועק צו עגאר מיכאלאוויטש'ן מיט נעהמענדיג מיט זיך איליטש'ס געלד אין גאנצען.
— שנעל! — האט ער געשריען צו איגנאט'ן — איך וועל באלד צוריק קומען, מאך אלעס פערטיג. —
דער פערוואלטער איז יעצט אויפגעשטאנען, ער האט געטרונקען טהעע, און האט זיך פארברייטעט צו געהן אין שטאדט, און אועקשיקען דיא רעקרוטען.
— וואס ווילסט דוא? — האט ער געפרעגט דוטלאף'ן.
— איך וויל אויסקויפען מייז פלימעניק, עגאר מיכאילאוויטש. איך בעט אייך טהוט מיר א טובה. איהר האט מיר געזאגט ניט לאנג צוריק אז איהר קענט קריגען א פערטרעטער אין שטאדט. זאגט מיר וואו איך קען איהם קריגען.
— אהא! דוא האסט זיך בעדענקט?
— יא, איך האב עס איבער געטראכט, עגאר מיכאילאוויטש. עס וואלט זיין א שאנדע איך זאל איהם לאזען געהן דינען. ער איז דאך מיין ברודער'ס זאהן. אי, וואס פאר א צרות געלד מאכט עס און! איך בעט אייך ערקלעהרט מיר וואס איך זאל מהון. — האט דער אלטער געענדיגט זיך בור-נענדיגט צו דער ערד.
עגאר מיכאילאוויטש האט זיך פערטראכט, און צחאמען געדריפט דיא

www.libtool.com.cn

ליפען. ענדליך האָט ער אויפגעשריבען א פּאָר צייילען אויף'ן פּאַפּיר, און האָט געזאָגט דעם אַלטען וואָס צו טהון ווען ער וועט קומען אין שטאָדט.

ווען דוטלאַף איז צוריק געקומען איז שוין אינגאַנצען מיט איליא'ס ווייב געווען אוועק געפאָהרען, און א מאגערע קליאטשא, איז געשטאַנען צוגע־שפּאַנט צו א צווייטען וואגען. דוטלאַף האָט אויסגעריסען א פּאַלקע פון'ם ציים, האָט דעם קאַפּטאַן גוט ארומגעוויקעלט ארום זיך, און איז אוועק געפאהרען.

ער האָט זיין קליאטשע אזוי שנעל געטריבען, אז איהר בויך איז קלענער געוואָרען, און ער האָט אויף איהר ניט געקוקט אום ער זאָל מיט איהר ניט מיטלייד האָבען. דער געדאַנקען טאָמער וועט ער קומען צו שפּעט האָט איהם זעהר געמאַטערט, איליא וואָלט דאַמאַלס מוזען בלייבען א סאָלדאט, און דעם טייוועלס געלד וועט בלייבען ביי איהם, ביי דוט־לאַף'ן.

אַלעס איז געגאַנגען וויא געוואונשען. ביי דעם אַגענט וואו ענגאר האָט איהם געשיקט האָט ער געטראָפען א פּערטרעטער, פּערטינ. דער יונג איז שוין געווען דריי שולדינג און צוואַנציג רובעל, און דיא רעוויזאָרען האָבען איהם ערקלעהרט פּאסענד פּאר א סאָלדאט.

דער אַגענט האָט געבעטען פיער הונדערט רובעל. דאָרטען איז געווען נאָך א סוחר פון שטאָדט איין אָרימאַן, וועלכער האָט זיך געדונגען מיט איהם שוין דריי וואָכען און האָט געוואָלט געבען ניט מעהר וויא דריי הונדערט רובעל.

דוטלאַף האָט געענדיגט דעם געשעפט אין עטליכע ווערטער:

— וועט איהר נעהמען דריי הונדערט פינף־און־צוואַנציג? — האָט ער געפרעגט אויס שטרעקענדיג זיין האנד, מען האָט געקענט זעהן אז ער וועט געבען נאָך מעהר.

דער אַגענט האָט צו גענומען זיין האנד צוריק.

— פיער הונדערט רובעל! — האָט ער געזאָגט.

— אַלזאָ, איהר ווילט ניט האָפען א מציאה? — האָט דוטלאַף אויס־געריפען אַנחאַפּענדיג דעם אַגענט'ס רעכטע האנד מיט זיין לינקע, און האָט געמאַכט א בעוועגונג אזוי וויא ער וואָלט וועלען אַנחאַפּען דיא מציאה

www.libtool.com.cn

מיט זיין רעכטע האנד. — איהר ווילט ניט? זאָל אייך גאָט העלפען! — האָט ער אויסגעשריען, א קלאפּ געבענדיג דעם אגענט'ס האנד און זיך ארומ־דרעהענדיג. — זאָל זיין אזוי. איך גיב דריי הונדערט און פופציג. גיט מיר א קוויטונג, און ברייננט אהער דעם יונגען מאן. איך וועל אייך געבען האנד־געלד יעטצט. זיינען צוויי רויטע צעהנערלעך גענוג! —

דוטלאף האָט געעפענט זיין גארטעל, און ארויס גענומען דאס געלד. דער אגענט איז נאָך אַלץ געווען אנבעשלאָסען; ער האָט ניט גענר־מען דאָס האנד־געלד, און האָט געבעטען א גרעסערע סומע, פאר זיין פער־טרעטער.

— זייט דאָך עהרליך —, האָט דוטלאף געענטפערט איהם געבענדיג דיא סומע וועלכע ער האָט פערלאנגט. — מיר מוזען דאָך אַלע שטארבען א מאָהל —, האָט ער צוגעלעגט אין אזא עדעלען, אפּאָסאלישען און דאָך ענטשלאָסענעם טאָן, אז דער אגענט האָט גלייך איינגעשטימט.

זיי האָבען אויפגעוועקט דעם פערטרעטער וועלכער איז געשלאָפען זיך אויס צו זויבערען פון נעכטען, און זיינען אַלע אוועק אין פּריסוטסטווא. דער פערטרעטער איז געווען פרעהליך און לעבעדיג. ער האָט געבעטען ראָם און זיי האָבען איהם געגעבען געלד; בלויז ווען ער איז אריין אין פּריסוט־סטווא איז ער געוואָרען עטוואָס נערוועז און ערשראָקען.

דאָרטען האָבען זיי געמוזט וואַרטען אַלאנגע צייט. זיי האָבען גערעדט צוזאמען אין דער שטיל; האָבען געפרעגט עטוואס ביי יעמאנדען, האָבען גע־צויגען זייערע העט און זיך געבויגען צו אַלע שרייבער, (איך וויים ניט וואַרום), און האָבען צוגעהערט מיט דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט איין ענטפער, וועלכער איינער פון דיא שרייבער מיט וועמען דער אגענט איז געווען בע־קאַנט, האָט זיי געגעבען.

זיי האָבען שוין גענומען אויפגעגעבען אַלע האָפנונג אז דיא זאַך זאל זיך הייטע ענדיגען, און דער פערטרעטער האָט ווידער געקראָגען זיין פרעה־ליכקייט און לעבעדינקייט, ווען דוטלאף האָט דערזעהן ענאר מיכאַילאָוויטש'ן ער איז שנעל צוגעלאָפען צו איהם און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם אַרויס העלפען.

ענאר מיכאילאָוויטש האָט עס אזוי ווייט געבראכט, אז ארום דריי אוהר נאָכמיטאג האָט מען זיך גענומען עקזאַמינירען דעם פערטרעטער. מען האָט

www.libtool.com.cn

איהם נעהייסען זיך אייסטהון. מען האט איהם אתמערזוכט און — אנגענר־מען. פינף מינוטען שפעטער האט דומלאף אויסגעצאהלט דאס געלד נע־קראָנען זיין קוויטונג. — און נאכדעם וויא ער האט זיך געזעגענט מיט'ן אגענט און מיט'ן פערטרעטער איז ער אוועק אין דאס הויז וואו דיא רעק־רוטען פון פאקראָווסקי האבען לאָזשירט.

## XVI.

איליא איז געזעססען מיט זיין יונגע ווייב אין א ווינקעל פון קיך. ווען זיי האבען דערזעהן דעם אלטען האבען זיי גלייך אויפגעהערט צו רעדען, און האבען אויף איהם געגעבען א בליק וועלכער האט אויסגע־דריקט אונטערגעבענהייט און פריינדשאפט. דער אלטער מאן האט וויא גע־וועהנליך געמורמעלט א געבעט, און ארויסנעהמענדיג א פאפיר פון זיין בר־זעם האט ער צוגערופען זיין זאהן איננאט, און איליא'ס מוטער וועלכע איז געוועזען אין הויף.

— זיי א גומעס קינד, איליא, — האט ער געזאגט צוגעהענדיג צו זיין פלימעניק. — נעבטען אבענד האסט דוא מיר געמאכט פארווירפע. גלויבסט דוא דען אז איך האב ניט געהאט מיטלייד מיט דיר? איך האב קיין מאהל ניט פערגעסען אז מיין ברודער האט פערטרויט זיין זאהן צו מיר. דוא ווייסט גאנץ גוט אז איך וואלט דיר אויסגעקויפט אויב איך וואלט נאר געהאט געלד. אבער נאם האט מיר געשיקט א גליק, און איך האב ניט געווארט איין מאמענט זעה נאר דעם פאפיר! — ער האט אוועק געלעגט אויף'ן טיש דעם ענטלאסונג'ס פאפיר, און האט פראבירט אויס־גלייכען מיט זיינע שטייפע פינגער דיא קנייטשען פון'ם פאפיר.

אלע מוזשיקעס פון פאקראָווסקי, דיא דינערס, און זאגאר דיא פרעמדע זיינען ארייננעלאָפען פון קיך. זיי האבען אלע פערשטאנען וואס דא האט געטראָפען, אבער קיינער האט דעם אלטען ניט אונטערבראָכען ווען ער האט פייערליך אויסגערעדט:

— קוק אויף דעם פאפיר! איך האב בעצאהלט פיער הונדערט רובעל דערפאר. און מאך דיין אָנקעל קיינע פארווירפע פון יעצט אן! —

www.libtool.com.cn

איליא האָט זיך אויפגעהויבען. אָבער ער איז געבליבען שטיל, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זיינע ליפּען האָבען געציטערט פון אויפרעגונג. דאַן איז זיין אַלטע מוטער צו געגאַנגען צו דוטלאַף'ן, האָט זיך צו ווינט און האָט געוואָלט איהם ארויף פאַלען אויף'ן האַלז, אָבער דער אַלטער האָט איהר אָפּגעהאַלטען, און האָט פאָרטגעזעצט זיין רעדע:

— דוא האָסט מיר נעכטען געמאַכט פאָרווירפע, און דאס האָט געשניטען מיין הערץ וויא א מעסער. דיין פאטער האָט דיר איבערגעגעבען צו מיר, און איך האָב דיר אלע מאָל בעטראַכט פאַר זיין אייגענעם זאָהן. אויב איך האָב דיר א מאָהל געטהון איין אונרעכט, איז עס דערפאַר ווייל יעדער מענש מוז א מאָהל מאַכען א טעות. זאָג איך ניט דעם אָמת, מיינע ברודער פון'ם ארטהאָדאָקסישען גלויבען? — האָט ער געפרעגט די מוזשיקעס וועלכע זיינען געשטאַנען ארום. — איך נעהם דיין מוטער און דיין ווייב פאַר עדות. דא האָסט דוא דיין ענטלאַסונג. זאָל אונז גאָט ניט שטראָפען פאַר דאָס געלד! און דיר בעט איך אין קריסטוס נאָמען מיר מוחל צו זיין! —

דער אַלטער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועק געשטעלט אויף די קניע פאַר איליא'ן און זיין ווייב. אומזיסט האָבען זיי פּראָבירט איהם אָפּצוהאַלטען, און נאַכדעם וויא ער האָט אנגעריהרט דעם פאָדלאָג מיט'ן שטערען, האָט ער זיך אויפגעהויבען, זיך אבגעשטויבט, און זיך אַוועק געזעצט אויף'ן באַנק.

איליא'ס מוטער און זיין ווייב האָבען געוויינט פאַר פרייד. די ביישטעהענדע האָבען אויסגעדריקט זייער צופריעדענהייט. — אַזוי דאַרף עס זיין, — האָט געזאָגט איין מוזשיק. — גאָט האָט עס געטהון, און האָט עס גוט געטהון, — האָט געזאָגט א צווייטער. — נאָך אלעם דעם, וואס איז געלד? — האָט געפרעגט א דריטער. — אבער מען קען ניט קויפען א מענשען, איין ארבייטער! — וויא גליקליך זיי מוזען זיין! — האָבען אלע בעמערקט, און דער אויסדרוק „ער איז איין עהרליכער מאַן“ האָט מען געהערט איבעראַל. בלויז די מוזשיקעס וועלכע מען האָט אפּגעגעב'ן פאַר סאָלדאַטען האָבען גאָר ניט געזאָגט, און זיינען שטיל ארויס פון צימער.

צוויי שטונדען שפּעטער זיינען דוטלאַף'ס צוויי וועגען ארויס געפאָהרען פון שטאָדט. אין דעם ערשטען איז געזעסען דער אַלטער מיט איגנאַט'ן.

www.libtool.com.cn

הינטער זיי האבען זיך ארומגעוואָרפען עטליכע פעקלעך, מיט א פאַן און עטליכע לעבלעך ברויט און קוכענס.

אין דעם צווייטען וואָגען וועלכען קיינער האָט געטריבען - דער פערד איז געגאַנגען וויא ער האָט געוואָלט — זיינען געזעסען איליא'ס מוטער און זיין ווייב. זיי זיינען געווען איבער גליקליך, און האָבען געהאַלטען דיא קעפּ שטאָלץ. זיי האָבען געטראָגען טיכער ארום געבונדען איבער זייערע האָר, און דיא איינערע פרויא האָט געהאַט א פלאַש וואָדקא בעהאַלטען אין איהר קלייד. איליא מיט א רויטע געזיכט איז געזעסען פון פאָרענט, מיט'ן רוקען צום פערד, און האָט גערעדט און געגעסען צור זעלבער צייט.

דער קלאַנג פון זייערע שטימען, דער גערודער פון דיא רעדער איבער דיא שטיינער, און דאס אָטהמען פון דיא פערד האָבען זיך אלע פעראייניגט אין א גליקליכען כאָר. דיא פערד האָבען געשמיסען דיא לופט מיט זייערע עקען, און וויסענדיג אז זיי פאָהרען אהיים זיינען זיי פרעהליך געלאָפען. דיא פאַרביינגעהענדע צו פוס, אויף פערד אָדער אין וועגען האָבען זיך ניט ווילענדיג אָרום געקוקט אויף דיא גליקליכע מוזשיקעס.

גלייך וויא זיי זיינען ארויס פון שטאָדט, האָבען דיא דוטלאָף'ס נע־טראָפען דיא רעקרוטען וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען א שענק. איינער פון דיא רעקרוטען מיט דיא היטעל ארויפגערוקט אויף'ן קאָפּ האָט פרעהליך גע־קלאַפּט אויף א באַלאַלאַיקא; און א צווייטער, אָהן א היטעל, האָט געטאַנצט אין מיטען, האַלטענדיג א פלעשעל וואָדקא אין דער הויך.

איגנאַט האָט איינגעהאַלטען זיין פערדעל, און איז ארונטער געגאַנגען צו רעכט מאַכען דיא לייצעס, און דיא גאַנצע קאָמפּאַניע האָבען געקלאַפּט בראַווא קוקענדיג אויף'ן טענצער.

ער האָט געטאַנצט גרויסאַרטיג. זיינע ברעמען זיינען געווען צוזאַמען געצויגען, זיין בלאַסע געזיכט איז געווען גאַנץ רוהיג, און זיין מויל האָט געהאַט א שמייכעל וועלכער האָט פערלאָרען יעדען אויסדרוק. עס האָט געשיינט אז ער האָט ניט געדענקט פון קיין אנדער זאַך אויסער דיא בעוועגונגען פון זיינע פיס, איינס נאָך דאס אנדערע, אַזוי שנעל וויא מעגליך, זיך שטיצענדיג א מאָהל אויף דיא קנאָפּעל, א מאָהל אויף דיא שפּיטץ פינגער.

www.libtool.com.cn

אמאהל פלעגט ער פלוצלונג זיך אפּשטעלען אח נענומען ווינקען צו דעם באלאלאיקא שפּילער וועלכ'ער פלעגט ביי דעם סיגנאל ציהען אלע סטרונעס מיט א מאהל, און קלאפּען דאס הילצערנע טהייל פון דיא באלאלאיקא מיט'ן קאפּ. איין אוינענבליק פלעגט ער בלייבען גאנץ שטיל, דאן פלעגט ער זיך נעהמען לאנגזאם בעוועגען, וויגענדיג דיא פּלייצעס. דאן האָט ער געגעבען א שפּרונג, זיך ארונטער געלאָזען און צוזאמען געבויגען דיא פיס, און האָט אזוי געטאַנצט מיט דיא גרעסטע אויפרעגונג.

דיא קינדער האָבען געשריען פון פערגעניגען, דיא פרויען האָבען געשאָקעלט מ'ט א קעפּ, און דיא מענער האָבען געשמייכעלט.

דער באלאלאיקא שפּילער איז ענדליך מיד געוואָרען. ער האָט זיך ארום געקוקט, האָט געגעבען א פאלשען טאָן, האָט געקלאפּט דאס האָלץ פון זיין אינסטרומענט מיט זיין קאָפּ, און דער טאנץ האָט זיך געענדיגט.

— קוק, אלעקסיי! — האָט דער שפּילער געזאָגט צום טענצער, צייגענדיג אויף דוטלאף'ן. — דאס איז דיין טויף־פּאטער! —

— אה, ווירקליך! האָט אויסגעשריען אלעקסיי, וועלכער איז געווען דער פערטרעטער וועמען דוטלאף האָט געקויפט. און זיך שאָקלענדיג אויף זיינע מידע פיס. און אויפהויבענדיג זיין פלאש וואדקא אין דער הויך איז ער צו געגאנגען צו דוטלאף'ס וואגען.

— מישקא, ברייננ א גלאָז! — האָט ער געשריען. — אה מיין טהייערער בעשיטצער, טהייערער פריינד, וואס פאר א פרעגען דאס איז! — האָט ער געזאָגט אריינלענענדיג זיין שכור'ע קאָפּ אין וואגען.

ער האָט איינגעלאדען דיא מוזשיקעס און דיא פרויען צו טרינקען מיט איהם. דיא מוזשיקעס האָבען אנגענומען דיא איינלאדונג אָבער דיא פרויען ניט.

— מיין פריינד! — האָט אלעקסיי אויסגעשריען אננעהמענדיג דעם אלטען'ס האנד. וואס פאר א פּרעזענט קען איך אייך געבען? —

א פרוי מיט א קאָרב פרוכט איז גראדע פערביי געגאנגען. אזוי שנעל וויא אלעקסיי האָט איהר דערזעהן האָט ער ארויסגעכאפּט איהר קאָרב און אריינגעשאָטען איהרע סחורה אין וואגען.

www.libtool.com.cn

— האָב קיין מורא ניט! איך וועל בעצאהלען! — האָט ער געזאָגט מיט א שכורע שטימע צו דיא פרוי.

דאן האָט ער ארויסגענומען פאפיר געלד פון זיין טאש און האָט עס צוגעוואָרפען צום שפילער, און זיך אנשפרענדיג אן דעם וואגען האָט ער מיט פייכטע אויגען נעקוקט אויף דיא דוטלאָף'ס.

— ווער איז דיא מוטער? — האָט ער ענדליך געפרעגט. — אהא, דוא ביסט עס! איך וועל דיר אויך געבען א פרעזענט.

ער האָט אווילע ארומגעזוכט אין זיינע קעשענעס, און האָט ארויסגענומען א נייען טאשענטוך. דאן האָט ער אראפגענומען א טוך וועלכען ער האָט בענוצט פאר א נארטעל, און האָט אראפגעהאפט א האלז טוך פון זיין האלז. ענדליך האָט ער עס אלץ צוזאמען געבונדען און האָט עס אריינגעוואָרפען צו דיא אלטע פרוי.

— נעהם דאס! איך גיב דאס דיר פאר א פרעזענט, — האָט ער געזאָגט אין א שטימע וועלכע איז געוואָרען אלץ הייזעריגער.

— איך דארף דאס אפילו ניט, אָבער דאָך דאנק איך דיר מיין זאָהן! וויא גוט ער איז! — האָט דיא אלטע פרוי געזאָגט צו דוטלאָף'ן וועלכער איז יעצט צו געגאנגען צו איגנאט'ס וואגען.

אלעקסיי איז געוואָרען שטיל; ער האָט געשיינט צו זיין צומישט און שלעפריג. און זיין קאָפּ האָט זיך אראפגעלאָזען אויף זיין ברוסט.

— פאר אייך נעה איך דאס א וועק! — האָט ער פלוצלונג געזאָגט. — פאר אייך רואינירט איך זיך, און דעריבער גיב איך אייך דיא פרעזענטען. —

— פיליכט האָט ער אויך א מוטער — האָט איינער געזאגט; — וואס פאר א נארישער יונג דאס איז! עס איז געבעך א רחמנות! —

אלעקסיי האט אויפגעהויבען זיין קאפּ.

— יא, איך האב א מוטער, — האט ער געזאגט, — און א פאטער אויך אבער זיי ווילען פון מיר ניט הערען. הערט זיך איין, אלטע פרוי — און ער האט אנגעכאפּט איליא'ס מוטער ביי דער האנד — איך האב אייך געגעבען א פרעזענט! הערט זיך איין, אום גאטעס ווילען, איך בעט אייך. פאהרט א וועק אין וואדנאיע, און פרעגט זיך נאך אויף ניקאָן'ס ווייב. זיא איז מיין

www.libtool.com.cn

מוטער. איהר הערט? זאגט איהר, ניקאָן'ס ווייב, — זיא וואחגט דיא דריטע חייזעל פון ווינקעל, נעבען דעם נייעם ברונען. — זאגט איהר אז אלעקסיי איהר זאהן, — וייל — וייל — ער — אַי! שפּיל אויף באלאלאיקא! — האט ער פלוצלונג אויסגעשריען, און האט ניט גענענדיגט וואס ער האט אנגעפאנגען.

דאן האט ער ווידער גענומען טאנצען, מורמלענדיג, און האט אראפּגעוואָרפען דעם פלאש וואודקא אויף דער ערד.

— איננאט איז ווידער אריינגעקראכען אין וואגען, און האט זיך פערטיג געמאכט צום פאהרען.

— זיי געזונד! און זאל דיר גאטט בעשיצען! — האט דיא אלטע פרויא געזאגט.

אלעקסיי האט פלוצלונג אויפגעהערט צו טאנצען.

— געהט צום טייוועל, אלע צוזאמען! — האט ער געשריען אויסשטעלענדיג זיין פויסט, — און נעהמט מיט אייערע מזמעס אויך! —

— זאָל גאָט אפּהיטען! — האָט איליא'ס מוטער געזאָגט, און האָט זיך איבערגעצעלם'ט.

איננאט האָט אנגעטריבען זיין קליאטשע, און דיא וועגען זיינען אוועק געפאהרען. אלעקסיי, דער רעקרוט, האָט זיך אוועק געשטעלט אין מיט'ן וועג און האָט גענומען זידלען דיא מושיקעס מיט דיא גאנצע קראפט פון זיינע לונגען זיינע פויסטען זיינען געווען צוזאמען געדריקט, און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט כעס און ערגערניס.

— וואָס שטעהט איהר דא, לומפּען! טראָגט זיך אפּ, מענשענפרעסער'ס! — האָט ער געשריען. — איהר וועט פון מיר ניט אנטלויפען. איך שווער ביי אלע טייוועלען — — —

ער איז פלוצלונג שטיל געוואָרען און איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד ווי א טויטער.

דיא דיטלאַף'ס זיינען שאן געווען ווייט אפּגעפאָהרען. זיי האָבען זיך ארומגעקוקט; דיא רעקרוטען זיינען פערשוואונדען געוואָרען. ווען זיי זיינען אפּגעפאהרען ארום פינף מייל, איז איננאט ארויס געגאנגען פון זיין פאטער'ס וואגען וואו דער אלטער איז אנטשלאָפען געוואָרען, און איז געגאנגען נעבען

www.libtool.com.cn

איליא'ס וואגען. זייביידע האבען באלד אויסגעלעדיגט א פלאש וואדקא וואס זיי האבען געבראכט פון שטאדט. איליא און דיא פרויען האבען געזונגען אליך און איננאט האט געפייפט דיא מעלאָדיי.

א שעהנע טראיקא איז זיי געלאָפען אנטקעגען פון דיא אנדערע זייט. דער קוטשער האט אויסגעשריען אז זיי זאָלען זיין פאָרזיכטיג; און ווען דער פאָסטיליאָן איז פערביי געלאָפען דעם וואגען מיט דיא גליקליכע פאסאזשירען, האט ער זיך ארומגעקוקט, און האט מיט אוואונק און א מאך מיטען האנד צונעצויגען זיין קאמראד'ס אויפמערקזאמקייט אויף דיא געזונטע געזיכטער פון דיא מושיקעס און דיא פרויען וועלכע זיינען פרעהליך פערביי גע פאָהרען

**ענדע**

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אננא קארענינא.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# אננא קארענינא.

## ערשטער טהייל.

### קאפּיטעל 1.

א טרויער איז געפאלען איבער דאס הויז פון דער פאמיליע אבלאָווסקי. דיא פרינצעססין האט ערפאהרען פון איהר מאן'ס ליעבעס־געשיכטע מיט דער פראנצויזישער גאָווערנאנטקע, אונד זיא האט בעשלאָסען ניט מעהר צו וואָהנען מיט איהם אונטער איין דאך. זיא איז פערבליעבען אין איהר פּריוואט צימער דעם גאנצען טאָג. ער איז ניט געווען אין דער היים, אונד זייערע קינדער, בעפרייעט פון אלע פליכטען, האבען זיך ארום געיאָגט פון צימער צו צימער, זיך זעלבסט פרעגענדיג וואס עס האט געקענט פּאסירען. דיא דיענערשאפט האט בעגריפען, אז א שטורם הויבט זיך אויף, אונד זייא האבען פערשטאנען, אז עס איז בעסער ניט צו ווארטען. אונד אזוי האבען זייא איינציגווייז זיך ענטזאגט פון זייערע שטעלען.

דער קראך איז געקומען מיט איינינע נעכט פריהער, ווען פרינץ סטעפּאן ארקאדיעוויטש אבלאָווסקי איז אהיים געקומען פון טהעאטער, פרעהליך אונד מונטער אונד איז געגאנגען זעהן וואס זיין פרוי, דיא פּרינצעסין, טהוט. זיא איז ניט געווען אין זאלאָן אונד אויך ניט אין עמפּפאנג־צימער, אָבער זיא זוכענדיג, האט ער זיא געטראָפען זיטצענדיג אין איהר שלאָף־צימער, האלטענדיג א בריעף אין דיא הענד, וועלכער האט דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע. יא, דארט איז זיא געזעסען, אונד אויף איהר געזיכט איז געלעגען דער אויסדרוק פון פּערצווייפלונג, שרעק, בעלײדיגונג אונד שאנדע.

„וואס בעדייטעט דאס?“ האט זיא געפרעגט מיט א ציטערענדער איהם ענטקעגען האלטענדיג דעם בריעף.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט זיך אנפאנגס ניט געקענט ריהרען פון דעם פלאטץ. אָבער אנשטאט נאכהער זיך צו פערטהיידיגען, אָבלייקענען דעם ניט־אונ־טערגעשריעבענעם בריעף, איהר צו בעטען אום פערצייהונג, האט זיך גאר בעוויעזען א שפּאָטישער שמייכעלע אויף זיינע ליפּען, אונד ער האט געשוויעגען.

דיא פרינצעסין האט אויסגעבראָכען אין א שטורם פאָרווירפע, ביטערע בע־ליידיגונג, אונד דאן איז זיא ענטלאָפען פון דעם צימער. פון דיעזען מאָמענט אָן, האט זיא איהם מעהר ניט געוואָלט זעהען.

## קאפּיטעל 2.

אין א פריה־מאָרגען, מיט דרייא טעג שפּעטער, איז סטעפאן ארקאדיעוויטש אויפגעשטאנען פון זיין בעט, זיך אָנגעטהאָן דעם שלאָף־מאנטעל, אונד געלאָזט רופען זיין דיענער.

מאטוועי, איין אלטער אנגעשטעלטער אין דער פאמיליע, איז אריין אין צימער מיט א טעלעגראמע אין האנד. סטעפאן ארקאדיעוויטש האט דאס שנעל גע־עפענט.

„מאטוועי" האט ער געזאגט, „מיין שוועסטער אננא ארקאדיעוונא, וועט אָנקומען מאָרגען."

„דאנקען גאָט!" האט דער אלטער דיענער געזאגט, וועלכער איז געוועזען פער־טרויעט מיט דיא פאמיליען געהיימניסע, זיך דערמאָהנענדיג, אז זיין הערר׳ס שוועסטער וועט געוויס זעהען וויעדער אלעס גוט מאכען. דאן האט ער געפרעגט:

„וועט זיא קומען אליין אָדער מיט איהר מאן?"

„אליין. זעה דאס איהרע צימערן זאָלען זיין אין אָרדנונג, אונד געה ווייזען דער פרינצעסין דיעזע טעלעגראמע."

אָבער נאך איידער סטעפאן ארקאדיעוויטש איז פערטיג געוואָרען זיך אָנ־צוציהען, האט מאטוועי צוריק געקעהרט מיט דער טעלעגראמע אין זיין האנד.

„דיא פרינצעסין זאגט, אז זיא וועט באלד פערלאָזען דיעזעס הויז, אונד וואס עס אנבעלאנגט דיעזע טעלעגראמע, קענט איהר טהון וויא עס פּאסט אייך."

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געשטאנען איינינע אויגענבליקען אונד געשוויעגען. דאן, שמייכלענדיג, האט ער געפרעגט:

„אונד וויא געפעלט דיר דיא גאנצע געשיכטע, מאטוועי?"

„איך דענק, מיין הערר, אז אלעס וועט וויעדער קומען אין אָרדנונג."

„קומען אין אָרדנונג?"

www.libtool.com.cn



„אָהנע, צווייפעל, מיין הערר."

„דענקסטו אזוי ? — אך ! ווער איז דאָרט ?" האט סטעפּאן ארקאדיעוויטש געפּרעגט, הערענדיג יעמאַנדען אַנקלאפּען אין טהיר.

„איך בין עס, הערר," האט געענטפערט איין אנגענעהמע שטימע, אונד מאַטראָנא פילאָמאָנאָוונא, זיינע קינדער'ס אַמע, איז ערשיענען.

„וואס איז, מאַטראָנא ?" האט סטעפּאן ארקאדיעוויטש געפּרעגט. „וואס ווינשט איהר פון מיר ?"

„איך ווינש, מיין הערר, איהר זאָלט אריין געהען צו דער מאדאם, אונד זיא בעטען אום פערצייהונג. איהר הערץ איז געבראָכען אונד זיא געפינט זיך אין א שרעקליכען צושטאנד. דא, מיין הערר, מוזט איהר דענקען אן אייערע קינדער..."

„אָבער זיא וויל מיך ניט צו לאָזען," האט סטעפּאן ארקאדיעוויטש געענטפערט אונענטשלאָסען.

„איהר מעגט ווענינגסטענס פּראָבירען, מיין הערר ; דאס איז אייער פליכט."

„זעהר גוט, מאַטראָנא, איך וועל פּראָבירען. איהר קענט געהען. מאַטוועי גיב מיר מיינע קליידער אונד איך וועל מיך אָנציהען." מאַטוועי האט איהם שנעל אלעם דערלאנגט אונד אויף דעם אלטען'ס געזיכט האט מען געקענט לעזען א מיענע פון גרויסער צופריעדענהייט.

## קאפּיטעל 3.

דאריא אַלעקסאנדראָוונא, אנגעצויגען אין איין איינפאכעם מאָרגען־קלייד, האט אויסגעזעהען בלאס אונד אָבגעמאָגערט. מיט איהרע אויגען פערדונקעלט פון וויינען אונד שמערץ, איז זיא געזעסען נעבען איין אָפענעם שרייב־טיש עפענענדיג דיא שופלאדענס אונד בעטראכטענדיג מעהרערע זאכען. זייט דרייא טעג האט זיא געקעמפּפט מיט צווייא ציגונגען: דיא ערשטע, צו ענטלויפען אונד זוכען שוטץ בייא איהר מוטער, אונד דיא צווייטע, צו טהון איהר פליכט אונד פערבלייבען בייא איהרע קינדער. אָבער דער וואונש צו בעשטראפען אונד ערניעדריגען איהר מאַן, איז געוועזען אונגעהייער שטארק. דאן איז ווידער ערשיענען דער געדאנק איבער איהרע קינדער, וועלכע זיא האט אזוי געליעבט אונד זייא זיינען אזוי אונשולדיג. זיא האט זיך געטראכט, אז זיא מוז אום זייא פריהער דענקען אלס פאר זיך זעלבסט

www.libtool.com.cn


דיא טהיר האט זיך געעפענט, אונד אָהנע זיא זאָל זעהן, האט זיא געפיהלט, אַז איהר מאַן איז אריין אין צימער. זיא האט שנעל פערמאכט דיא אָפענע שופ־לאַדענס, אונד זיך אומווענדענדיג צו איהם, האט ער בעמערקט אויף איהר געזיכט דעם אויסדרוק פון שמערץ אונד ליידען.

„דאָללי !“ האט ער אויסגעשריען זיא רופענדיג בייא איהר פערצערטעטען נאמען. אין זיין שטימע איז געלעגען דער טאָן פון ערניעדערינונג אונד אונטער־געבענהייט.

זיא האט אויף איהם געוואָרפען א שנעלען בליק אונד זיא האט איהם געזעהן ווִיא ער איז געשטאַנען אונד פאַרגעשטעלט א בילד פון יוגענדליכער שֶעהנהייט אונד אָהן זאָרג.

„ער איז גליקליך אונד צופריעדען,“ האט זיא זיך געטראַכט, „ווערהענד איך ־ין אזוי אונגליקליך !“ איהר מויל האט זיך נערוועז צוזאַמען געצויגען.

„וואס ווילסטו ?“ האט זיא געפרעגט אין א קאַלטען טאָן.

„דאָללי !“ האט ער נאָך אמאל געזאַגט מיט א ניעדריגער שטימע, „אננא ַרקאַדיעוונא קומט מאָרגען.“

„דאס קימערט מיך ניט. איך קען זיא ניט עמפּפאַנגען.“

„אָבער דוא מוזט, דאָללי. עס איז נויטהווענדיג.“

„געה אוועק ! נעה !“ האט זיא געשריען מיט א געבראָכענער אונד שמערצ־ אפטער שטימע, אָהנע איהם צו קוקען אין געזיכט.

ווִיא רוהיג סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז פון אנפאַנג געוועזן, האט זיין פרוי'ס ־ידע' אונד שמערץ איהם שטאַרק געריהרט אונד דיא טרערען האבען אָנגעפּיללט ־יינע אויגען.

„וואס האב איך געטהאָן, דאָללי ?“ האט ער געפרעגט. „אום גאָטעס ווילען, אס האב איך געזינדיגט ? קענסטו מיר ניט פערצייהען ? קענען דיא 9 יאָהר פון אונזער פערהייראַטעטעס לעבען קיין ווירקונג האבען ? ווען איך האב אפילו, אין א ־אַמענט פון רייץ, אויפרעגונג אונד...“

בייא דיעזע ווערטער האט זיא זיך צו איהם אומגעווענדעט אונד אויף איהר ־עזיכט איז געלעגען איין אויסדרוק פון שרעקליכען צאָרן.

„געה אוועק !“ האט זיא געשריען, „געה ! רעדט צו מיר קיין וואָרט דא־ ־יבער !“

זיא האט זיך געוואָלט אויפהויבען אום צו פערלאָזען דאס צימער, אָבער זיא איז צוריק געפאַלען אין שטוהל אונד האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

www.libtool.com.cn


„דאַלל׳!״ ווייטער אָנגעפאנגען מיט א האלב־ווײנענדיגער שטימע,
„אום גאָטעס ווילען, דענק פ״ דיא קינדער; זייא זיינען דאָך גאר ניט שולדיג. איך בין שולדיג, איך אליין! איך ווי״ס עס גאנץ גוט, אונד איך פרעג דיך יעטצט, זאג מיר, וואס קען איך טהון מיר צו פערדיענען, אז דוא זאָלסט מיר פערצייהען?״

נאך א פויזע האט זיא געענטפערט:

„דוא רעדסט פון דיא קינדער! — דוא, וועלכער האט זייא אימער בעטראכטעט וויא א שפּיעלצייג! אָבער פיר מיר, זיינען זייא דיא גאנצע וועלט — אלעס, יא, אלעס. פערשטעהסטו מיך? אָבער יעטצט וויים איין גאָט וואס איך קען טהון; אויב איך זאָל זייא נעהמען מיט מיר, אָדער זייא לאָזען מיט זייער פאטער, וועלכער איז ניט מעהר וויא איין אויסגעלאסענער, איין אויסגעלאסענער! נאך דעם וואס עס האט פּאסירט, איז עס אונמעגליך מיר זאָ׳ען ביידע צוזאמען לעבען. מיין מאן! זייער פאטער!״ האט זיא אויסגעשריען: „ער האט צו טהון געהאט מיט...״

„וואס זאָל איך יעטצט טהון?״ האט ער זיא אונטערבראָכען האלטענדיג זיין קאָפּ אָנגעבויגען פאר שאנדע.

„דוא עקעל׳סט מיך!״ האט זיא געענטפערט מיט פעראכטונג. „דיינע טרערען זיינען פאלש! דוא האסט מיך קיינמאל ניט געליעבט; עס איז ליעגע, קיינמאל ניט! דוא האסט קיין הערץ אונד קיין עהרע! פון היינט אָן אונד ווייטער, ביסטו צו מיר א פרעמדער!״

ער האט צו איהר נעבליקט האלב ערשטוינט אונד האלב דערשראָקען. ער האט גאר ניט געקענט פערשטעהען וויא אזוי זיין ערניעדרינגונג האט געקענט אזוי אויפרעגען זיין ווייב, וועלכע איז נאך אלעמען, ניט מעהר וויא א פּרויענצימער.

גראדע דאמאלס האט זיך געהערט דיא שטימע פון א קינד וויינענדיג אין צוויייטען צימער. איהרע נעזיכטס־ציגע האבען זיך פּלוצ״לינג געביטען; זיא האט אביסעל געצענערט, אָבער זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען אונד געוואָלט ארויס פון דעם צימער.

„דאָללי! הער מיך אויס איין וואָרט!״ האט ער געזאגט איהר נאכגעהענדיג.

זיא האט זיך אומגעווענדעט אונד געזאגט: „ווען דוא געהסט מיר נאך, דאן וועל איך רופען דיא דיענערשאפט, אונד דיא קינדער וועלען אויך וויסען וואס פאר א לומפּ דוא ביסט! היינט פערלאָז איך דיך אויף אימער!״

זיא איז ארויס אונד העפטיג צוגעקלאפּט דיא טהיר הינטער זיך.

סטעפּאן ארקאדיעוויטש איז געבליעבען שטעהען פערטיעפט אין געדאנקען.

www.libtool.com.cn


אונד דאַן ארויס לאָזענדיג א זיפץ, איז ער לאנגזאם ארויס פון דעם צימער אונד איז אריין אין זיין איינענעם צימער.

„מאַטוועי," האט ער נעזאגט צום דיענער. „זעה דאס אלעס זאָל זיין פאַר־בערייטעט פיר מיין שוועסטער." מיט איינינע מינוטען שפּעטער האט ער פערלאָזען זיין הויז.

נאכדעם וויא פּרינצעסין דאָללי האט נע׳שטילט איהרע קינדער, האט זיא צוריק נעקעהרט אין איהר צימער; זיא האט נעהערט וויא איהר מאַן איז אוועק נע־פאָהרען מיט דער דראָשקע.

„ער איז אוועק!" האט זיא געמורמעלט זיך זעטצענדיג. „נארט ער מיך נאך אימער? בעטרינט ער מיך נאך אימער? — ווארום האב איך איהם ניט נעפרענט נאנץ אָפען? ניין! מיר קענען וויעדער צוזאַמען מעהר ניט לעבען! אונד דאָך, וויא איז דאס מענליך צו לעבען וויא צווייא פרעמדע אונטער איין דאַך? דאס איז שרעקליך! מיין נאָט, וויא איך האב איהם אמאל נעליעבט! אונד, ווער איז מיר, וויא איך ליעב איהם נאך יעטצט! פיעללייכט איז עס נאר מיין איינענער פעהלער, ווארום איך האב איהם אזוי פיעל נעליעבט — "

איהרע נעדאַנקען זיינען אונטערבראָכען נעוואָרען ווען מאַטראָנא פיקאָמאָ־נאָוונא איז אריין אין צימער אום עפּעס צו פרענען איבער דיא קינדער.

## קאַפּיטעל 4.

אין דער נעזעלשאַפט פון סט. פּעטערסבורג אונד מאָסקווא, איז ניט נעווען זיין איינציגער יונגער מאַן וואס זאָל נאך זיין אזוי פּאָפּולער וויא סטעפּאַן ארקאָ־דיעוויטש. ער איז נעווען שעהן, אימער מונטער אונד גוטמיטהיג; ער האט מיט רעכט נעקענט אָנרופען יעדען איינעם אלס פריינד, מיט וועלכען ער האט נאָר נע־שלאָסען בעקאַנטשאַפט. דורך דעם איינפלוס פון אלעקסיס קאַרענינא, דער מאַן פון זיין שוועסטער אננא, וועלכער איז נעווען א פּראָמינענטער מיניסטער, איז סטעפּאַן ארקאָדיעוויטש נעוואָרען דער פּרעזידענט פון א מאָסקווער נעריכט־הויז. וועהרענד דיא דרייא יאָהר וואס ער איז נעווען אין דיעזען אמט, האט ער זיך פערדיענט דעם רעספּעקט אונד אכטונג פון יעדען איינעם וואס איז מיט איהם נעקומען אין בעריהרונג.

אין דיעזען מאָרגען, ווען ער איז אריין אין נעריכט־הויז, האט ער זיך באַלד פער־טיעפט אין זיין אַמט צוזאמען מיט זיינע אנדערע קאָלעגען. נאך צווייא שטונדע

www.libtool.com.cn

ארבײַם, האָט מען איהם געזאָגט, אַז אַ פרעמדער וויל איהם זעהן און ער ערוואַרטעט איהם אין זײַן פּריוואַט צימער.

„אַך, לעווין!" האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ווילקאָמענעם שמייכעל אַרײַן קומענדיג אין צימער. „וואָס פאַר אַ גוטער ווינט האָט דיך אַהער געבראַכט? ביסטו שוין לאַנג דאָ?"

„איך בין נאָר וואָס אָנגעקומען נאָך מאָסקוואַ," האָט דער אַנדערער גע־ענטפערט, „און איך בין גלײַך געקומען זעהן וואָס דו טהוסט."

„און ניעמאַנד איז מיר יעמצט אַזוי ווילקאָמען!" האָט סטעפּאַן אַ־קאַדיע־וויטש געזאָגט פון דעם גאַנצען האַרצען. „אָבער דו האָסט מיר נאָך ניט דערצעהלט וואָס דיך האָט געמאַכט צו פערלאָזען דיא פרײַע נאַטור אויף'ן לאַנד און קומען בעזוכען אונז אָרעמע שטעדטישע אײַנוואָהנער."

„איך וועל דיר שפּעטער אַלעס דערצעהלען, נאָר..."

„דאָס הייסט," האָט איהם סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אונטערבראָכען, „אַז פאַר אַלעמען וועסטו עסען מיט מיר מיטאָג. איך קען דיך ניט אײַנלאַדען צו מיר אַהיים, ווײַל מײַן פרוי פיהלט עפּעס נ ט גוט, אָבער אום דרײַא אוהר בין איך פרײַא און מיר וועלען בעזוכען גוריווע'ס האָטעל."

„מיט פערגניגען," האָט לעווין בעמערקט אַביסעל רוים ווערענדיג. „קענסטו מיר ניט זאָגען אויב ד״א שערבאַטצקיס זײַנען אין שטאָדט?"

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געשמייכעלט. ער האָט געוואוסט שוין פון לאַנג, אַז לעווין איז פערליעבט אין זײַן שוועגערין קיטטי, איבער דיא אויערן.

„אַך, איך פערשטעה," האָט ער געזאָגט לאַכענדיג. „איך דענק, אַז דו וועסט זייא טרעפען אין זאָאָלאָגישען גאַרטען צווישען 4 און 5 אוהר. קיטטי לערענט זיך גליטשען אויף'ן אײַז. ווען דו ווילסט, קען איך אַהין קומען דיך אָב־האָלען, און דאַן געהען מיר עסען מיטאָג. אָבער יעמצט, געדענק אַז מיר מוזען זיך צוזאַמען קומען, און טהו ניט וויא דײַן טבע איז, פערשווינדען צו ווערען אויף דײַנע גיטער אין קאַרעסינק."

„ניין, ניין, האָב קיין מורא ניט, איך בלײַב דאָ. צום ווידערזעהען."

## קאַפּיטעל 5.

ווען אַבלאָנסקי האָט געפּרעגט לעווינען דיא אורזאַכע פון זײַן בעזוך אין מאָסקוואַ, האָט לעווין זיך פערשעהמט און אויסגעמיעדען צו ענטפערן. ער האָט ניט געקענט זאָגען: „איך בין געקומען אָנטראָגען דײַן שוועגער ט

www.libtool.com.cn


מיר הייראטהען׳׳ — אונד דאָך איז דאס געווען דיא איינציגע אורזאכע פון זיין בעזוך.

צווישען דיא צוויא פאמיליען פון לעווין אונד שערבאַטצקי, האט שוין לאַנג עקזיסטירט א גרויסע פריינדשאפט. קאָנסטאַנטין לעווין האט שטודירט אין דער מאָסקווער אוניווערזיטעט מיט דעם יונגען פרינץ שערבאַטצקי, דאָלליס אונד קיטטי׳ס ברודער, אונד אין שערבאַטצקיס הויז איז ער דאן בעטראַכטעט געוואָרען וויא איין איינענער. זיינע עלטערן זיינען שוין געווען טויט, אונד דיא איינציגע קרובה וואס ער האט געהאט, איז געווען א שוועסטער פיעל עלטער אלס ער. זיין דאמען־בעקאַנטשאפט איז נאָר בעשטאַנען פון שערבאַטצקי׳ס דרייא טעכטער. צוערשט האט ער זיך פערליעבט אין דאָללי׳ן, דיא עלטסטע, אָבער דיעזער ראָמאַן האט זיך באלד געענדיגט דערמיט וואס אבלאָנסקי האט מיט איהר געהייראטעט, נאָך איידער ער האט צייט געהאט איהר צו ערקלערען ליעבע. דאן האט ער איבערגע־טראגען דיא ליעבע צו דער צווייטער, נאַטאַליע, אָבער אויך זיא האט פריהער אויסגעבאָפט דער בעריהמטער דיפּלאָמאַט לוף. קיטטי איז נאָך דאמאלס געווען זעהר יונג. דער יונגער פּרינץ שערבאַטצקי, ווען ער איז ארויס פון דער אוניווער־זיטעט, איז ער אריין אין דער מארינע אונד איז דערטרונקען געוואָרען אויף א רייזע אין באַלטישען ים. נאכדעם, האט זיך לעווין׳ס פריינדשאפט מיט דער פאמיליע שערבאַטצקי אביסעל אָבגעקיהלט. ער האט פערבראַכט א יאָהר אויף דאס לאַנד נעבען זיינע גיטער, אָבער אזוי שנעל וויא ער האט נאָך אמאל צוריק געקעהרט נאָך מאָסקווא, האט ער ווידער בעזוכט דיא פאמיליע שערבאַטצקי, אונד דערזעהענדיג קיטטי׳ן, האט ער בעשלאָסען, אז ער מוז מיט איהר הייראטהען.

לויט נאָך אלע וואהרשיינליכקייטען האט עס ניט אויסגעזעהען עס זאָל זיין אירגענד וועלכע אורזאכע, ווארום לעווין זאָל ניט הייראטהען מיט פּרינצעסין קיטטי. ער איז אלט געווען 32 יאָהר, געשטאַמט פון א גוטער פאמיליע, בעזעסען מעהר וויא געוועהנליכעס פערמעגען — ווירקליך, עס האט גאר קיין בעסערער שידוך ניט גע־קענט זיין. אָבער לעווין איז געווען צו שטארק פערליעבט. קיטטי האט בייא איהם אויסגעזעהן זעהר הויך, איין ענגעל, איין אידעאַל, אונד ער האט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער קען זיא גאר ניט ערגרייכען.

נאכדעם וויא ער האט פערבראַכט 2 מאָנאַט אין מאָסקווא אונד זיך מיט איהר געזעהען כמעט יעדען טאָג, האט ער פלוצלינג בעשלאָסען, אז עס וועט איהם אונמעגליך זיין זיא צו ערגרייכען, אונד ער האט צוריק געקעהרט צו זיינע גיטער.

www.libtool.com.cn

„וואס בין איך,“ האט ער זיך אליין געפרעגט, „איין ערד־ארבייטער? עס איז אפילו אמת, איך בין רייך, אָבער נאָך אַלעמען, בין איך דאָך ניט מעהר וויא איין ערציהער פון בהמות, אונד זיא איז א געטטין!“

ער האט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אן זיינע פריהעריגע פריינדע; איינער איז געוואָרען א פּאָלקאָווניק, א צווייטער דעם צאַר'ס אַדיוטאַנט, א דריטער א בעריהמטער פּראָפעסאָר, אונד א פיערטער א דירעקטאָר פון א באַנק, אָדער גלאט א הויכער בעאַמטער וויא אבלאָווסקי. אָבער טראָטץ דיעזע פעהלער וואס ער האט אויף זיך אליין אויסגעפונען, האט ער דאָך, מיט איינינע מאָנאַט שפּעטער איינגעזעהען, אז ער קען אָהן קיטטי'ן ניט לעבען. איבריגענס, האט ער זיך געטראַכט, ער וועט פּראָבירען, אונד ווען עס וועט געלינגען, איז געוויס גוט, אונד ווען ניט... דאַריבער האט ער זיך ניט געטרויעט נאכצודענקען פיעל. ער איז דערפאר נאָך אמאל געקומען נאָך מאָסקווא.

## קאפּיטעל 6.

וויא לעווין האט פערלאָזען אבלאָווסקי'ן, איז ער אוועק זיך זעהען מיט זיין שטיף־ברודער, סערגעי איוואַנאָוויטש קאָזניטשעוו. ער איז דאָרט עמפּפאַנגען געוואָרען מיט קאלטער העפליכקייט, וועלכעס איז אימער געוועזן זיין ברודער'ס טבע.

„עס פרייט מיך דיך צו זעהען,“ האט סערגעי איוואַנאָוויטש געזאגט. „וועסטו דאָ לאַנג פערבלייבען? וויא געהט עס מיט דיינע געשעפטען?“

לעווין האט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיין שטיף־ברודער האט זיך גאַנץ ווענינ אינטערעסירט מיט ערד־ארבייט אָדער דעם פּרייז פון תבואה; איבריגענס איז ער אויך ניט געקומען צו איהם רעדען דאריבער. ער האט זיך געוואָלט מיט איהם בעראטהען איבער זיינע הייראטהס־אויסזיכטען אונד פרעגען זיין עצה. אָבער וויא לעווין האט געוואָלט אנפאַנגען עפּעס א געשפּרעך, האט סערגעי איוואַנאָוויטש בעמערקט:

„ווייסטו, אַז אונזער ברודער ניקאָלאַי איז ווידער דאָ?“

ניקאָלאַי איז געוועזן לעווין'ס עלטערער ברודער אונד פּאָלגליך אויך סערגעי'ס א שטיף־ברודער. ער איז געוועזן א מענש פון א צווייפעלהאפטען כאראַקטער אונד ער האט שוין געהאט אויסגעבראַכט אונד פערלומפּט א היבשען טהייל פון זיין פערמעגען, ניט דענקענדיג וואס שפּעטער קען זיין.

„וואס רעדסטו?“ האט לעווין געפרעגט אויפגערעגט. „ניקאָלאַי איז דאָ! וויא אַזוי ווייסטו דאס?“

www.libtool.com.cn

„פּראָקאָפּי האט איהם געזעהן אויף דער גאס."

דאָ! אין מאָסקווא? וואו איז ער?" אונד לעווין האט זיך אויפגעהויבען גלייך וויא ער האט איהם שוין געוואָלט געהן זעהען.

„עס טהוט מיר לייד וואס איך האב עס דיר דערצעהלט," האט סערגעי בעמערקט זעהענדיג זיין ברודער'ס אויפרעגונג. „איך האב געשיקט יעמאנדען אויס־געפינען וואו ער געפינט זיך אונד איהם איבערגעבען א בריעף. דאָ איז זיין ענטפער."

סערגעי האט ארויס גענומען א פּאפּיר פון זיין שרייב־טיש אונד דאס איבערגעגעבען לעווינען. דער קעטצטער, דערקענענדיג די האנד־שריפט, האט געלעזען:

„איך בעט דיך זעהר, דוא זאָלסט מיך צורוה לאָזען. דאס איז אלעס וואס איך קען פערלאנגען פון מיינע טהייערע ברידער.

ניקאָלאי לעווין."

קאָנסטאנטין איז געבליעבען שטעהן פאר זיין ברודער סערגעי, מיט ארונטער געבויגענעם קאָפּ.

„עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ער זוכט מיך אויפצורעגען," האט סערגעי אנגעפאנגען, „אָבער ער קען דאס ניט טהון. איך האב געוואָלט טהון אלעס מעגליכע פאר איהם, ווען ער וואָלט בענעטהיגט מיין הילפע."

„יא, יא," האט לעווין איינגעשטימט, „איך ווייס דאס אונד איך דאנק דיר, ברודער. אָבער איך זעה איין, אז איך אליין מוז איהם געהן בעזוכען."

„דוא קענסט עס טהון ווען דוא ווילסט," האט סערגעי געזאגט, „אָבער איך וואָלט דיר ניט געראטהען דוא זאָלסט עס טהון. עס איז ניט דערפאר וואס איך האב מורא, אז ער וועט זיך מיט אונז ביידע פערקריעגען, אָבער עס איז בלויז צוליעב דיר אליין. עס פּאסט ניט דוא זאָלסט זיך בעגעגענען מיט איהם. דוא קענסט איהם גאר ניט העלפען."

„עס איז מעגליך, אז דאס וואס דוא זאגסט, איז וואהר, אָבער עס וועט דאך פערלייכטערן מיין געוויסען."

„איך פערשטעה דיך ניט," האט סערגעי געזאגט אביסעל אויפגערעגט, „אלעס וואס איך ווייס, איז, דאס זייט אונזער ברודער'ס לעטצטע לומפּערייא — אונד דוא ווייסט גאנץ גוט וואס איך מיין — דאכט זיך מיר, אז איך האב מיטלייד אויף אלע לומפּען אונד שופטען פון דיעזער וועלט."

„אך! מיין גאָט, עס איז שרעקליך!" האט לעווין בעמערקט.

www.libtool.com.cn

נאכדעם וויא לעווין האט ערפאהרען פון זיין ברודערס אדרעסע, וואס סער־געי׳ס דיענער האט איהם איבערגעגעבען, איז ער ארויס פון הויז מיט דער אבזיכט איהם זאפארט צו בעזוכען. ער האט אָבער געוועקסעלט זיין מיינונג, אונד בעשלאסען אבצולעגען דיעזען בעזוך ביז מארגען, אָדער ביז נאכדעם וויא ער וועט ... ווערען מיט דער ארבייט וואס האט איהם געבראכט נאך מאָסקווא.

## קאפיטעל 7.

אונגעפעהר אום 4 אוהר, איז צוגעפאָהרען לעווין מיט א דראָשקע צום זאָאלאָגישען גארטען, אונד אויסשטייגענדיג מיט א קלאפענדעם הערץ, האט ער אָנגעפאנגען צו געהען אין דער ריכטונג פון דעם פערפרוירענעם טייך, וואו מען האט זיך געגליטשט. ער האט געוואוסט, אז זיא איז דאָרט, ווייל ער האט געזעהן שטעהן אין פראָנט דיא דראָשקע פון דער פאמיליע שערבאטצקי.

געהענדיג האט ער זיך אליין פאָרווירפע געמאכט דערפאר וואס ער איז איבערראַשט אונד אויפגערעגט. „זייא רוהיג! דוא דומקאָפ!" האט ער צו זיך אליין געזאגט. „וואס דארפסטו זיך אויפרעגען?" אָבער וואס מעהר ער האט זיך געוואָלט בעהערשען, אלץ מעהר נערוועז איז ער געוואָרען.

צוקומענדיג צום טייך אונטער א גרויסע מענגע מענשען, איז דער קליינער ניקאָלאי שערבאטצקי, קיטטי׳ס א שוועסטער־קינד, איהם ענטקעגען געלאָפען אונד אנגעפאנגען צו שרייען: „אך! אָט דאָ איז ער! דער בעסטער גליטשער פון רוסלאנד! וויא לאנג זייט איהר שוין דאָ? טהוט זיך נאר שנעל אָן דיא גליטששיך; דאס אייז איז אזוי גלאט וויא א שפיעגעל!"

„איך האב ניט קיין גליטש־שיך," האט לעווין געענטפערט, אָבער וועהרענד דעם האט ער אויך ערבליקט קיטטי׳ן, איהר געזיכט פערפלאמט פון דעם פראָסט אויף דאס האט אויסגעדריקט יוגענד, קראפט אונד שעהנהייט. איהרע גאָלדענע האאר האבען געפלאטערט אין דיא שטראהלען פון דער אונטערגעהענדע זון, אונד זיא דאט זיך באלד אָנגענומען אן איהר שוועסטער־קינד׳ס האנד אום ניט צו פאלען.

„ווען זייט איהר געקומען?" האט זיא געפרעגט ערבליקענדיג לעווינען אונד אויסשטרעקענדיג איהר האנד.

„מיט א קורצער צייט צוריק — נעכטען, — ניין, היינט מיין איך," האט ער ארויס געשטאמעלט אונד איז נאך מעהר אויפגערעגט געוואָרען וויא פריהער. „איך

www.libtool.com.cn

בין געקומען אייך בעזוכען... איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר קענט זיך גליטשען אונד נאך אזוי גוט דערצו...״

זיא האט צו איהם געבליקט, גראדע וויא זיא האט געוואָלט אויסגעפינען דיא אורזאכע פון זיין אויפרעגונג.

„איך דאנק אייך פאר דעם קאָמפּלימענט,״ האט זיא געענטפערט, „איבער־הויפּט ווען ער קומט פון דעם גרעסטען גליטשער אין רוסלאנד.״ זיא האט דאבייא אָבגעטרייסעלט דעם שנעע מיט א פּאאר שטיקלעך אייז פון איהר מוף.

„איך האב אמאל זעהר געליעבט זיך צו גליטשען,״ האט ער דאן געזאגט.

„ווארום אַלזאָ זאָלט איהר ניט אָנציהען א פּאאר גליטש־שיך אונד מיר זאָלען זיך צוזאמען גליטשען?״

„איך וועל עס געוויס טהון — באלד,״ האט ער געענטפערט ערפרייט זיך שנעל אָבווענדענדיג אום צו קריעגען א פּאאר גליטש־שיך.

ווען קיטטי האט איהם געגעבען איהר האנד אום זיך צו גליטשען מיט איהם, האט ער געשפּירט, אז ער איז אין זיעבעטען הימעל.

„איך וועל מיך ערשט יעטצט גוט אויסלערנען, מיט אייך,״ האט זיא געזאגט. „עפּעס האב איך מעהר פערטרויען זיך מיט אייך צו גליטשען.״

ער האט עפּעס געשטאמעלט אונד זיך אָנגעפאנגען מיט איהר צו גליטשען. דאן האט זיא איהם צוגעפיהרט אונד פאָרגעשטעלט פאר מאדמאָזעל לינאָן. איהר פראנצויזישע גאָווערנאנטקע, וועלכע איז ביז יעטצט געשטאנען פון ווייטען אונד־שטארק הנאה געהאט פון קיטטי׳ס אונטערהאַלט.

דיא גאָווערנאנטקע, איין עלטערע אונד גוטע דאמע, האט זעהר פריינדליך געוואונשען לעווינען ווילקאָממען.

„געדענקט איהר, לעווין,״ האט זיא אָנגעפאנגען, „ווען אונזער קיטטי איז געווען א קליין מיידעל, אונד יעטצט, זעהט!״

לעווין האט געשמייכעלט מיט פערגניגען בליקענדיג צו קיטטי׳ס ענט־וויקעלטע פיגור.

„יעצט, קינדער,״ האט זיא ווייטער געזאגט, „געהט, גליטשט זיך ווייטער. לערנט אויס קיטטי׳ן זיך שנעל צו גליטשען?״

לעווין האט וויעדער עפּעס ארויס געשטאמעלט, אונד זיך אָבווענדענדיג מיט קיטטי׳ן, האט זיא איהם געפרעגט:

„ווערט איך ניט נמאס דאס לעבען אויף׳ן לאנד?״

www.libtool.com.cn


„ניין," האט ער נעענטפערט אין א רוהיגען טאָן, „איך בין איטער בעד־שעפטינט."

„אונד וויא לאנג דענקסט איהר דאָ צו פערבלייבען?"

„איך ווייס ניט,ווירקליך איך ווייס ניט."

„איהר ווייסט ניט? ווער דען ווייס?"

„עס היינגט אַלעס אָב פון אייך!" לעווין האט אויסגעשפּראָכען דיא לעטצטע ווערטער, אָהנע ער זאָל זיך קענען בעהערשען. דאן איז ער געבליעבען שטעהן וויא בערוישט פון זיינע אייגענע ווערטער. קיטטי האט זיך אָבגעווענדעט אונד זיך שנעל צוגעגליטשט צום קלוב־הויז, אום זיא זאָל קענען אויסציהען איהרע גליטש־שיך.

„איז דאס מיין שולד?" האט זיא זיך געטראַכט. „האב איך איהם דען ערמוטהיגט? דערצו? איך ווייס ניט, דאכט זיך איך ליעב איהם ניט, אונד דאָך בין איך זעהר גערן צו זיין אין זיין געזעלשאפט. ער איז אזוי עדעל אונד גוט. אָבער ווארום האט ער דאס געזאגט?"

לעווין, זעהענדיג קיטטי'ן געבען איהר מוטער, האט ער שנעל אויסגעצויגען זיינע גליטש־שיך אונד איז אויך צוגעגאנגען.

„עס פרייט מיך זעהר אייך צו זעהען," האט דיא אלטע פּרינצעססין געזאגט איהם געבענדיג איהר האנד. „מיר עמפּפאנגען דאָנערשטאג בעזוך, וויא איהר ווייסט."

„פיעללייכט הייטע אבענד?" האט ער געפרעגט.

„עס וועט אונז פערגניגען מאכען אייער בעזוך," האט זיא געענטפערט מיט א קאלטען טאָן.

קיטטי האט זיך זעהר געערגערט פון איהר מוטער'ס טאָן, אונד זיך אומווענדענדיג צו לעווינען, האט זיא איהם געגעבען דיא האנד אונד בעמערקט: „צום וויעדערזעהען, אַלזאָ!"

וויא דיא דראָשקע מיט דיא דאמען איז אוועק געפאָהרען, האט לעווין דער־זעהן סטעפּאנען אריין קומען אין גארטען. קיטטי'ס לעטצטע ווערטער אָבער, „צום וויעדערזעהען, אַלזאָ!" האבען נעקלונגען וויא דיא זיסעסטע מוזיק אין זיינע אויערן, ווערענד ער איז ענטקעגען געגאנגען זיין פריינד.

„ווען דוא ביסט פערטיג, קענען מיר שוין געהן," האט סטעפּאן געזאגט. „דוא האסט גוט געטהאָן וואס דוא האסט געהייסען דיין איזוואָסטשיק ווארטען, ווייל מיינעם האב איך אהיים געשיקט."

www.libtool.com.cn


וועהרענד זייער פאָהרען, האבען זייא וועניג געשפּראָכען. לעווין'ס געדאַנקען זיינען געווען פולל איבער קיטטי'ן. איהרע לעטצטע ווערטער האבען איהם געגעבען א זיסע האָפנונג.

## קאַפּיטעל 8.

נאכדעם וויא דיא צווייא פריינדע האבען אָבגעגעסען, האט סטעפּאַן פּער־שטאַנען, אז לעווין האט איהם עפּעס צו זאגען. אָנצינדענדיג א ציגאר, האט ער בעמערקט:

„יעטצט, לעווין, וויל איך הערען וואס דוא האסט אויף'ן הארצען: וואס האט דיך געבראַכט נאך מאָסקווא?"

„האסטו נאך ניט דערראַטהען?" האט ער געזאגט שמייכלענדיג.

„איך מיין, אז איך האב עס יא דערראַטהען; אָבער איך וויל עס דייטליכער הערען פון דיין אייגענעם מויל."

„וואס איז דיין מיינונג?" האט לעווין געפרעגט.

סטעפּאַן, אויסטרינקענדיג זיין גלעזעל וויין, האט געזאגט: „מיין מיינונג איז, אז אלעס איז ריכטיג אונד אַזוי דאַרף עס זיין."

„ביסטו זיכער, סטעפּאַן," האט לעווין אָנגעפאַנגען ווידער וועהרענדיג נערוועז. „אז מיר רעדען ביידע איבער דערזעלבער זאך?"

„ווארום דען ניט?"

„זאג מיר דיא וואהרהייט; אלעס, בעהאַלט נאר ניט פאר מיר: בין איך זיכער, אז זיא וועט מיר ניט ענטזאגען?"

„ווארום זאָלסטו ניט זיכער זיין?" האט סטעפּאַן געזאגט שמייכלענדיג איבער זיין פריינד'ס אויפרעגונג.

„מיין גאָט, דאס וואָלט געווען שרעקליך! פאר מיר אונד פאר איהר!"

„איך זעה ניט איין דאס שרעקליכע פאר איהר. א יונגעס מעדכען וויא זיא, דאַרף זיך נאך פיהלען געשמייכעלט, ווען אַזעלכער וויא דוא טראַגסט איהר אן זיא צו הייראַטהען."

„יא, א געוועהנליכע מעדכען, אָבער ניט זיא."

סטעפּאַן האט ווידער געשמייכעלט. ער האט געוואוסט, אז זיין פריינד לעווין איז נאך אַזוי אונשולדיג אונד אונערפאַהרען אין דער דאַמען־וועלט, גראַדע וויא קיטטי זעלבסט אין דער מענער־וועלט.

www.libtool.com.cn

„פאר מיר,‟ האט לעווין פארמגנעזעטצט, „איז עס א פראגע פון לעבען אונד טויט. דוא לאכסט? יא, איך ווייס, אז אין דיעזער בעציהונג ביסטו פערשיעדען פון מיר. לאך ניט, איך בעט דיך, זייא אויפריכטיג צו מיר.‟

„איך לאך ניט פון דיר, נאר וואס דוא ביסט,‟ האט סטעפאן געזאגט ווער־רענדיג ערנסט. „דוא האסט רעכט, איך בין פערשיעדען פון דיר. דוא בעטסט מיך איך זאל זיין אויפריכטיג צו דיר, דאן הער מיך אויס. מיין פרוי, וויא דוא ווייסט, וועלכע פערשטעהט זיך זעהר גוט איין אין ליעבעס אנגעלעגענהייטען איבערהויפט, — זיא האלט מיט דיר.‟

„איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט?‟

„איך מיין דאס, אז מיין פרוי, אויסער דעם וואס זיא אכטעט דיך, איז אויך זיכער, אז קיטטי מוז ווערען דיין פרוי, אונד זיא ווייס וואס זיא זאגט.‟

ווען לעווין האט געהערט דיעזע ווערטער, האט זיך אבגעשפיעגעלט אויף זיין געזיכט א וועלט מיט פרייד.

„האט זיא דאס געזאגט?‟ האט ער געשריען. „איך האב אימער בעטראכט דיין פרוי פאר איין ענגעל. מיין גאט, וויא גליקליך איך בין!‟ אונד דערבייא האט ער זיך אויפגעהויבען פון דעם טיש.

„זיטץ, מענש, אונד בערוהיג זיך,‟ האט איהם סטעפאן געבעטען. אבער לעווין האט זיך קוים בעהערשט פאר פרייד, ביז ער האט זיך געקעגט ווידער זעטצען.

„דוא מוזט וויסען, סטעפאן,‟ האט ער ווייטער געזאגט, „אז איך פיהל ניט... קיטטי'ן נאט ליעבע וויא אנדערע פערשטעהען עס; איך פערגעטער זיא! מיי... אנצעס לעבען הייגגט אן איהר!‟

ער האט דערבייא אויסגעטרונקען דאס גלאז וויין וואס איז פאר איהם גע־שטאנען, אהנע צו וויסען וואס ער זאל פריהער טהון. סטעפאן האט זיך אונטע... דעסען פערטראכט, אונד דאן, מיט א גאנץ רוהיגען טאן, האט ער געזאגט:

„אבער, לעווין, הער מיך אויס. דוא מוזט נאך עפעס זעהר נעטהיג וויסע... קענסטו ווראנסקי'ן?‟

„ניין. ווארום?‟

„ער איז דיין געגנער אין ליעבע.‟

„ווער איז דער ווראנסקי?‟ האט ער געפרעגט בלאס ווערענדיג.

„ער איז דער זוהן פון גראף קיריל ווראנסקי, בעקאנט אלס א מונטערע חברה־מאן אין סט. פעטערסבורג. איך האב איהם קענען געלערנט אין איוועך, ווען

www.libtool.com.cn


איך בין געווען אין דיענסט. זיין רעגימענט איז אויך דאָרט געשטאַנען. ער איז זעהר רייך, שעהן, דעם צאַר׳ס אדיוטאַנט, איינפלוסרייך, אונד, איבער אַלעמען, אין ער א גוטער ברודער. ער איז אויך זעהר געשייט אונד געבילדעט.״

לעווין׳ס געזיכט איז יעטצט פון בלאַס דונקעל געוואָרען אונד ער האט קיין וואָרט געקענט ארויס ברענגען.

„ער איז ערשיענען דאָ,״ האט סטעפּאַן פּאָרטגעזעטצט, „גראַדע נאָכדעם וויא דוא ביסט אוועק. מען בעהויפּטעט, אז ער איז זעהר שטאַרק בעפריינדעט מיט קיטטי׳ן, אונד איהר מוטער וויא דוא ווייסט...״

„ענטשולדיג מיר,״ האט איהם לעווין אונטערבראָכען, „פּון וואַנען זאָל איך דאס וויסען?״

„דערפאַר האב איך עס דיר דערצעהלט,״ האט סטעפּאַן בעמערקט לעגענדיג א פריינדליכע האַנד פון ערמונטערונג אויף זיין פריינד׳ס שולטער. „איך האב עס דיר דערצעהלט כדי דוא זאָלסט וויסען, אז טראָטץ דעם אַלעמען, שטעהט דיר נאָך אימער אַלעס צו גונסטען.״

לעווין׳ס בלאַסקייט האט אונטערדרעסען צוריק געקעהרט, אונד אום אָב-צו־ווענדען דאס אונאַנגענעהמע געשפּרעך איבער א געגנער אין ליעבע, האט ער געזאָגט:

„וואָרום קומסטו ניט אמאָל ארויס צו מיר, וואו מיר זאָלען קענען געהן אביסעל אויף דער יאַגד? קום דיעזען פריהלינג.״

„איך וועל קומען, לעווין. אָבער, איך וויל דוא זאָלסט מיך פערשטעהן. דוא ביסט צו אונשולדיג פאַר דיעזער וועלט, אונד דוא ווייסט ניט, אז אַלעס ווערט בעד-הערשט פון פרויען. מיינע איינענע צרות, קומען אויך פון פרויען. יעטצט איז עס מיין רייהע דיך צו פרעגען איין עצה, אונד איך וויל דוא זאָלסט מיר ענטפערן אויפריכטיג.״

„איין עצה? מיך? איבער וואס?״ האט לעווין געפרעגט ערשטוינט.

„הער מיך צו געדולדיג: שטעל דיר פאָר, אז דוא ביסט פערהייראַטעט, דאס דוא ליעבסט דיין פרוי פון טיעפען הערצען, אונד דעננאָך מאַכט זיך דיר, אז דוא זאָלסט אריין פאַלען אויך צו איין אנדערעס פרויענצימער.״

„ענטשולדיג מיר, סטעפּאַן, איך קען דאס גאָר ניט פערשטעהען. בייא מיר זעהט עס אויס, גלייך וויא איך וואָלט יעטצט אוועק געגאַנגען פון דעם טיש, זאַט אָנגעגעסען, אונד דאַן, פאַרבייגעהענדיג נעבען א בעקעריי, זאָל איך נאָך צו גנב׳ענען א ברויט.״

www.libtool.com.cn

סטעפאַן'ס אויגען האבען אויפגעגלאנצט.

„אונד ווארום זאָל דאס ניט קענען זיין? **עס איז ווירקליך אמאל זעהר** שווער איבערצושטעהען דעם נסיון פון פיהלען דעם געשמאק **פון א פרישעס ברויט.**"

לעווין האט אויסגעזעהן ניט צו בעגרייפען דעם משל.

„אָבער שפּאס אָן א זייט," האט סטעפאַן פאָרגעזעטצט. „**שטעל דיר פאָר,** דאס א יונגע, אנציהענדע אונד ליעבליכע פרוי האט פאר דיר אלעס געאָפּפערט; אונד נאכדעם, וואָלט זיא אָהן דיר געמוזט אויסגעהן אין ארמוטה אונד פערבראכטעט ווערען פון דער גאנצער וועלט. וואָלסטו, נאכדעם וויא דוא האסט שוין דעם פעהלער געמאכט, זיא פערלאָזען? וואָלסטו ניט, ווען עס זאָל אפילו מוזען קאָסטען דיא פאמיליע אביסעל שמערץ, מיטלייד געהאט מיט איהר, געלינדערט איהרע ליידען אונד ווענינגסטענס געזאָרגט פאר איהר צוקונפט?"

„ענטשולדיג מיר נאך אמאל. וויא דוא ווייסט, **בין איך פון דער מיינונג, אז** אין דער וועלט עקזיסטירען נאָר צוויא קלאסען פרויען; אָדער, בעסער געזאגט, עס עקזיסטירען נאָר פרויען, אונד, יא, איך וויל מיך ניט בעדיענען מיט דעם אויס־דרוק, וועלכען דוא קענסט דיר מערקען. דעם אמת זאגענדיג, האב איך נאך קיינמאל ניט בעגעגענט, אונד איך גלויב אויך ניט, אז דיעזע וואס איז ארונטער געפיהרט געוואָרען פון וועג, קען נאך אמאל ווערען א לייט. פאר מיר איז א געפאלענע פרוי געוועזען אונד פערבלייבט איין אבשייליכקייט."

„אָבער דאס איז ניט געוועזען מיין פראגע."

„ריכטיג, יעטצט פערשטעה איך. **מיין מיינונג איז אלזאָ, אז מען דארף ניט** **גנב'ענען דאס ברויט.**"

סטעפאַן האט אָנגעהויבען צו לאַכען.

„אָך, דוא מאָראל־פּרעדיגער!" האט ער געזאגט. „דוא בעגרייפסט ניט דיא לאגע. שטעל דיר נאך אמאל פאָר: עס זיינען דאָ צוויא פרויענצימער; איינע פאָדערט דיא רעכטע, וועלכע בעשטעהען אויף דער ליעבע, וועלכע דוא קענסט איהר מעהר ניט געבען; דיא אנדערע ווידער, אָפּפערט אלעס, אונד פערלאנגט גאר ניט דאפיר. זיא, דיא לעטצטע, איז אלזאָ ניט שולדיג אין דעם וואס איין אנדערער האט געגנב'עט דאס ברויט. פערשטעהסטו מיך יעטצט? וואס קען מען טהון אונטער זאָלכע אומשטענדען?"

„איך ווייס ווירקליך ניט," האט לעווין געענטפערט נאכדענקענד. „**איך קען** ראריבער ניט אורטהיילען, נאכדעם איך בין זעהר ווייט **פון אזעלכע זאכען.**"

www.libtool.com.cn 

ביידע פריינדע האבען נעשפירט, אז דיזעס לעצטע געשפרעך, האט זייער פריינדשאפט ניט פערשטארקערט.

## קאפיטעל 9.

פרינצעססין קיטטי שערבאטצקי איז שון אריבער איהר 18טעס יאהר. דער דאמאליגער ווינטער איז געווען דיא ערשטע געלעגענהייט וואס זיא איז אריין געפיהרט געווארען אין געזעלשאפט, אונד דיא בעוואונדערונג וואס זיא האט צונעצויגען, איז געווען פיעל גרעסער וויא מיט איהרע עלטערע שוועסטער אונטער עהנליכע צושטענדען. פון אלע בעוואונדערער אבער, האט זיא נאר נעקענט צווייא, איבער וועלכע זיא איז זיכער געווען, אז יעדער איינער איז בערייט מיט איהר צו הייראטהען: לעווין אונד גראף ווראנסקי.

לעווין׳ס אפטע בעזוכע פריהער, האבען איבערצייגט דעם אלטען פרינץ מיט זיין פרוי, אז ער איז פערליעבט אין זייער טאכטער. דער פרינץ איז געווען פאלשטענדיג פון דער מיינונג, אז פאר זיין טאכטער קען גאר קיין בעסערער שידוך ניט זיין, וויא לעווין איז. דיא פרינצעססין ווידער האט בעהויפטעט, אז איהר קיטטי האט בעסערע געלעגענהייטען, אונד ווען לעווין איז אוועק פון מאסקווא, איז זיא דאן געווען זעהר צופריעדען דערמיט. ווען ווראנסקי איז ערשיענען, איז דיא אלטע פרינצעסין גאר געווארען איין אנדערער מענש. זיא האט ניט נאר פאר זיך געזעהען א רייכען, געבילדעטען אונד פערניפטיגען יונגען מענשען, זאנדערן איין אדעלמאן פון דער העכסטער קלאסע, וועלכער וועט אריין פיהרען איהר טאכטער אין קייזערליכען הויף, אונד איהר שעהנע קיטטי, וועט גלאנצען אונטער דער העכסטער געזעלשאפט. לעווין? וואס האט קיטטי פון איהם געקענט האבען! זיא וואלט ניט מעהר געווען וויא דיא פרוי פון א רייכען גוטס־בעזיטצער, אונד דאס איז, נאך איהר מיינונג, ניט גענוג געווען.

ווען קיטטי האט אין יענעם אבענד אבגעגעסען, איז זיא אריין אין איהר צימער אום זיך אנצוקליידען פיר דעם אבענד. ווען זיא איז פערטיג געווארען אונד זיך געלאזען אריין געהען אין זאלאן, איז איהר ענטקעגען געקומען א דיענער אונד אנגעצייגט: „קאנסטאנטין־דימיטריעוויטש לעווין.“ איהר מוטער איז נאך געווען אין איהר צימער אונד דער אלטער פרינץ אין זיין ביבליאטהעק. „ער איז געקומען,“ האט זיך קיטטי געטראכט אונד דאס בלוט איז שנעל געלאפען אין איהרע אדערן. זיא האט געוואוסט פאזיטיוו, אז קאנסטאנטין לעווין׳ס בעזוך בעדייטעט, דאס ער ואל פערלאנגען איהר האנד אין הייראטה. זיא האט אנפאנגס ניט געוואוסט וואס

www.libtool.com.cn 

ויא זאָל טהון, אָבער עס האט ניט פיעל גערויערט אונד זיא האט זיך דערמאָהנט אן דיא ווערטער וואס איהר מוטער האט איהר פיעלע מאל געזאגט, אונד זיא האט בעשלאָסען, טראָטץ דעם וואס זיא האט לעווינען ניט פיינד געהאט, צו טהון וואס זיא בעגרייפט פאר רעכט.

אריין קומענדיג אין זאלאָן, האט זיא אויפגעציטערט. זיא האט זיך געזעטצט אונד איהם ערוואַרטעט. דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד ער איז ערשיענען. זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען אונד פאר זיך געזעהען לעווינען, הויך, שטארק אונד מעכטיג טראָטץ זיין שעהמעדיגע האלטונג. עס האט זיך איהר געדאכט, אז אין יענעם מאָמענט, וואָלט זיא איהם אליין, דיעזע, שטארקען מאַן, בעדארפט בעטען אום שטיצע אונד הילפע.

„מיר דאכט איך בין צו פריה געקומען,“ האט ער בעמערקט זיך אויסקוקענדיג איבעראל.

„אָה ניין,“ האט קיטטי געענטפערט זיך אָנשפארענדיג מיט דער האנד אויף'ן טיישעל נעבען איהם. „מיין מוטער וועט באלד אריין קומען, זיא איז זעהר מיעד פון דעם היינטיגען שפאַציער.“

לעווין'ס צערטליכער בליק האט זיא געמאכט ציטערן אונד רויט ווערען.

„איך האב אייך געזאגט,“ האט ער געשטאמעלט, „היינט נאכמיטאג, אז איך ווייס ניט וויא לאנג איך וועל דאָ פערבלייבען — עס היינגט אין גאנצען אָב פון אייך.“

קיטטי האט אַרונטער געבויגען דעם קאָפּ; זיא האט גאר ניט געהאט וואס צו ענטפערן.

„יא,“ האט ער פאָרטגעזעטצט, „עס היינגט אין גאנצען אָב פון אייך וואס עס האט מיך אַהער געפיהרט — געפיהרט — איז געווען — הם — אום צו פערלאַנגען אייער האנד איהר זאָלט ווערען מיין פרוי...“

וויא א שווערער שטיין איז איהם אַרונטער פון הארצען נאכדעם וויא ער האט אויסגעשפראָכען דיעזע ווערטער. ער איז געבליעבען שטעהען אונד געוואַרט אויף איין ענטפער. קיטטי האט געציטערט; זיא האט געשפירט לעווין'ס צערטליכע ליעבע אין יעדעס וואָרט, אָבער פּלוצלינג האט זיא זיך דערמאָהנט אן וורָאנסקי'ן, אונד אויפהויבענדיג איהר געזיכט צו לעווין'ס פערוויינטע אויגען, האט זיא געענטפערט שטיל, אָבער שנעלל:

„עס קען ניט זיין — פערצייהעט מיר ...“

www.libtool.com.cn


וואָס עס האָט נאָכהער פּאַסירט, האָבּען זייא פילללייכט ביידע ניט בּעמערקט. נאָר ווען לעווין, מיט דעם גאַנג וויא פון א שיכור, האט געוואָלט עפענען דיא טהיר אום אַרויס צו געהען, איז ער געבּליעבען שטעהען.

## קאַפּיטעל 10.

נראָדע דאַמאָלס איז דיא פּרינצעסין אריין אין צימער א שרעקעדיגער בּליק האט זיך בּעוויעזען אויף איהר געזיכט, ווען זיא האט ערבּליקט דיא צווייא יונגע מענשען, אונד, לויט נאָך איהר נוטען אורטהייל, אויפגערעגט. לעווין האט זיך פערניינט, אָהנע צו רעדען, נאָר קיטטי איז געבּליעבען זיטצען מיט דיא אויגען ארונטער.

„דאַנקען גאָט! זיא האט איהם ענטזאָגט," האט זיך געטראַכט דיא ערד פּאַהרענע פּרינצעסין, אונד איהר געזיכט האט ווידער אָנגענומען א פרעהליכע מיענע.

זיא האט איינגעלאַדען לעווינען זיך צו זעטצען נעבען איהר אונד זיא האט איהם אָנגעפאַנגען אויסצופרעגען איבּער זיינע ניטער אונד אַנדערע קלייניגקייטען. אונטערדעסען איז ערשיענען גרעפין נאָרדסטאָן.

דיא גרעפין איז געוועזען קיטטי'ס א פריינדין, פערהייראַטעט בּלויז א פּאָאר מאָנאַט, צאַרט, נערוועז אונד איהר איינציגער ציעל איז געוועזען צו זעהען איהר יונגע פריינדין, קיטטי, אויך פערהייראַטעט. זיא האט פאָרגעצויגען וורָאָנסקי'ן אלס דעם חתן. לעווינען האט זיא ניט ליעב געהאַט, אונד איהר גרעסטעס פערגניגען איז געוועזען, ווען זיא האט זיך מיט איהם בּעגעגענט, איהם צו רייצען אונד שפּאָטען פון זיין בּענעהמונג. דיא אורזאַכע דערפון איז געוועזען, וואס לעווין האט זיא בּעטראַכט אלס א נאַרישע אונד דומע פרוי, אונד דערצו פעהיג צו אינטריגעם; ער האט זיא אויך ניט ליעב געהאַט אונד ער האט זעלטען בּעהאַלטען זיינע געפיהלע.

„אַך, קאָנסטאַנטין דימיטריעוויטש!" האט זיא אויסגעשריען איהם דער זעהענדיג. „אזוי נאָר, דאָך צוריק געקעהרט צו דער זינדיגער מאָסקווא?"

„עס פרייט מיך אייך צו זעהן, גרעפין," האט ער געזאָגט איהר געבּענדיג דיא האַנד אונד אויסמיידענדיג צו בּעענטפערן איהרע שטעך־ווערטלעך.

„אונד וויא געהט עס דיר, קיטטי? האסטו זיך היינט גוט אונטערהאַלטען אויף'ן אייז?" האט דיא גרעפין ווייטער געפרעגט זיך אָבּווענדענדיג.

לעווין האט אויסגעזעהען פרייער אויפצואטהמען ווען דיא גרעפין האט איהם אָבּגעלאָזען. דיא אַלטע פּרינצעסין האט פאָרטגעזעטצט איהר געשפּרעך.

www.libtool.com.cn

„ווען איך האב ניט קיין טעות,“ האט זיא געזאגט, „זיינט איהר א פריעדענס־ריכטער; ערלויבט אייך אלזא אייער אמט דא לאנג צו פערבלייבען?“

„איך האב מיך שוין לאנג ענטזאגט פון דעם אמט, נאר אין מאסקווא פערבלייב איך בלויז א פאאר טעג.“

וועהרענד דעם געשפרעך זיינען אריין געקומען נאך עטליכע בעזוכער אונד אונטער זייא אויך א יונגער אפיציער.

„דיעזער מוז זיין ווראנסקי,“ האט זיך לעווין געטראכט. א בליק געבענדיג צו קיטטין, האט ער באלד פערשטאנען, אז זיא איז פערליעבט, גראדע וויא ער וואלט געוועזען אין איהרע געדאנקען. לעווין איז אונטערדרעסען געוועזען א מענש וואס האט געקענט מודה זיין אויף א וואהרהייט, אפילו ווען זיא האט איהם געשמערצט. ווראנסקי איז געוועזען א מאן, וועלכען אירגענד א פרוי קען ליעבען: הויך געוואקסען, מעססיג געבויעט, א שעהנעם זונן־אבגעברענטעם געזיכט, געקרייזעלטע שווארצע האאר, אונד אין זיין עלעגאנטער אוניפארמע האט ער פארגעשטעלט דיא מעגליכע שעהנהייט זעלבסט. ווען ער האט בעגריסט קיטטי׳ן, האט לעווין געקענט בעמערקען א גליקליכע מיענע אויף איהר געזיכט.

„לאמיך אייך פארשטעלען,“ האט דיא אלטע פרינצעסין געזאגט צוזאמען ברענגענדיג ביידע מענער: „קאנסטאנטין־דימיטריעוויטש לעווין, אונד גראף אלעקסים־קירילאוויטש ווראנסקי.“

זייא האבען זיך העפליך פערנייגט איינער פאר׳ן צווייטען.

„איך האב געהאפט,“ האט ווראנסקי אנגעפאנגען, „אייך צו זעהען נאך אין אנפאנג ווינטער, ווען איהר זייט אוועק געפאהרען.“

„קאנסטאנטין־דימיטריעוויטש האסט אונד פעראכטעט דאס שטעדטישע לעבען,“ האט זיך אריין געמישט גרעפין נארדסטאן, וועלכע איז געשטאנען נעבען דיא צוויא יונגע מענער.

ווראנסקי האט זיך אומגעקוקט אונד געשמייכעלט גוטמיטהיג.

„דאן פערברענגט איהר אייער צייט נאר אויף דאס לאנד?“ האט ווראנסקי ווייטער געפרעגט. „איז עס ניט אביסעל אומעטיג דארט?“

„עס איז ניט אומעטיג ווען מען זיטצט ניט לעדיג,“ האט לעווין געענטפערט אין א קאלטען טאן. „קען עס דען אין שטאדט ניט אומעטיג ווערען?“

„יא, דאס איז וואהר,“ האט ווראנסקי געענטפערט, „אבער דאס רוסישע לאנד־לעבען קען ניט אימער זעהר פרעהליך זיין. עס איז א גאנץ אנדערע זאך ווען מען ברענגט צו דיא צייט אין פראנקרייך.“

www.libtool.com.cn



דאס געשפּרעך האט זיך אזוי פערוויקעלט, אונד דער ארמער לעווין, וועלכער איז געשטאנען וויא אויף גליהענדע קוילען, האט ניט געקענט פּטור ווערען פון דארט.

אין א קורצער צייט ארום, איז דער אלטער פּרינץ אריין געקומען, אונד נאכ־דעם וויא ער האט בעגריסט דיא דאמען־געסט, האט ער זיך געווענדעט צו לעווינען.

„אך!" האט ער אויסגעשריען אין א וואהרעם פערגניגען. „לעווין! איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר זייט דא! ווען זייט איהר געקומען? עס פרייט מיך ווירקליך אייך צו זעהען."

ער האט אנגענומען לעווין'ס ארעם, אונד זיך ניט בעקימערענדיג אום ווראנסקי'ן, האט ער זיך אבגעווענדעט מיט דעם יונגען מאן. קיטטי האט אלעס בעמערקט, אונד זיא האט זיך געטראכט וויא דאפעל שמערצהאפט עס מוז זיין איהר פאטער'ס גוטע אויפנאהמע פיר דעם ארמען לעווין, נאכדעם וויא ער האט שוין מעהר קיין האפנונג. ווראנסקי איז דאן צוגעגאנגען צו איהר אונד אנגעפאנגען א געשפּרעך איבער א באלל וואס האט בעדארפט שטאטפינדען דיא אנדערע וואך.

„איך האף, אז איהר וועט דארט זיין," האט לעווין געהערט ווראנסקי'ס שטימע צו קיטטי'ן.

זא שנעל אבער וויא לעווין איז לויז געווארען פון דעם אלטען'ס העפליכקייט, האט ער באלד גענומען אבשיעד פון דער געזעלשאפט. זיין לעטצטער שמערצ־האפטער איינדרוק, איז געוועזן קיטטי'ס שמייכלענדע געזיכט צו ווראנסקי'ס קאמפּלימענטען.

## קאפּיטעל 11.

ווראנסקי האט נאך קיינמאל ניט פערזוכט דעם טעם פון הייםאטהליכעם 'עבען. זיין מוטער איז געוועזן, וויא מען זאגט, א וועלטליכע פרוי, וועלכע האט :ענאסען אלע פערגניגענס אין דער יוגענד, אונד שוין נאכדעם וויא זיא איז גע־ בליעבען א יונגע אלמנה, האט זיא פערארזאכט עטליכע סקאנדאלען אין דיא הויכע עזנסטער מיט פרעמדע מענשען. דער אלטער ווראנסקי איז געשטארבען באלד נאך יין זוהן'ס געבורט, אונד דעם יונגען מאן'ס בילדונג איז שפּעטער איבערגעגעבען גע־ וואָרען אין דיא הענד פון נוטע ערציהער אונד פּראפעסארען.

www.libtool.com.cn

ווען ער האט געענדיגט מיט גרויסע אויסצייכנונג די מיליטערישע שולע, איז ער געווארען איין אָפיציער אין צאַר׳ס פּאַלאַסט. זיין לעבען איז דאָרט געווען א בעשטענדיגע ראָד פון אָפיציעלע פליכטען אונד גזעלשאפטליכע מונטערקייט. אין מאָסקווא אָבער, איז עס געווען דאס ערשטע מאל וואס א פּרויענצימער מיט איהר אונשולד זאָל אויף איהם מאכען איין אונגעוועהנליכען איינדרוק. קיטטי האט איהם בעגייסטערט אונד ארויס גערופען גאַנץ נייע געפיהלע אין זיין ברוסט. נאָך אלעמען, האט ער נאָך ניט געהאט בעשלאָסען צו הייראַטהען. ער האט געליעבט קיטטי׳ן מעהר וויא ער האט אמאל געליעבט אנדערע פרויען, אָבער נאָך אלעמען, איז זיא בייא איהם ניט מעהר געווען וויא א שענערעס אונד אנגענעהמערעס שפּיעלצייג וויא ער האט נאָך ביז דאמאלס בעגעגענט. הייראַטהען? דיעזע אידעע האט איהם אויסגעזעהען צו נאַרריש. לויט נאָך זיין מיינונג, וואָלט א מאַן מיט שכל ניט בעדאַרפט הייראַטהען

ביז צו יענעם אבענד אָבער, האט נאָך ווראָנסקי ניט גוט בעגריפען וואס עס קען ווערען פון זיינע בעשטענדיגע בעגעגנונגען מיט קיטטי׳ן; אָבער אוועק געהענדיג פון דאָרט, האט ער געשפּירט, אז צווישען איהם אונד קיטטי׳ן האט עפּעס פּאַסירט, וואס דאס מוז פיהרען צו אנדערע אידעען וויא ער האט ביז דאמאלס געהאט. איבריגענס, וואס קען ווערען ווען מען האט אפילו חתונה? קיטטי׳ס יוגענד, אונשולד אונד שעהנהייט, האבען איהם וויא בערוישט אונד איבערגערעדט.

יא, נייע געפיהלע האבען אָנגעפּיללט ווראָנסקי׳ס ברוסט. ער האט ארום שפּאַצירט א היבשע צייט נאכדענקענדיג איבער די גאַסען, דאַן איז ער אריין אין דוססאָ׳ס רעסטאָראַנט וואו ער האט גענעסען, אונד, אנשטאט אוועק צו געהען אין קלוב, האט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין איינענעם האָטעל אונד איז געגאַנגען צו בעט.

## קאַפּיטעל 12.

אויף׳ן אנדערן מאָרגען, אום 11 אוהר, איז ווראָנסקי אוועק צו דער אייזענבאהן־סטאַציאָן אום דאָרט צו ערוואַרטען זיין מוטער, וועלכע האט בעדאַרפט אָנקומען. דאָרט האט ער שוין אויך געטראָפען אבלאָנסקי׳ן, וועלכער איז געקומען ערוואַרטען זיין שוועסטער אננא קאַרענינאַ, וואס האט בעדאַרפט אָנקומען מיט דעמזעלבען צוג.

„סטעפּאַן אבלאָנסקי!“ האט ווראָנסקי אויסגעשריען איהם רייבענדיג זיין האַנד. „וואס ברענגט אייך אהער?“

www.libtool.com.cn

„איך בין געקומען ערוואַרטען אַ שעהנע דאַמע.“

„אַה, ווירקליך?“

„געוויס, נאָר דיא שעהנע דאַמע, איז מיין שוועסטער **אַננאַ**, — **מאַדאַם קאַררענינאַ**, — איהר קענט זיא, ניט וואַהר?“

„איך דענק, אַז איך האַב זיא אַמאָל געזעהען,“ האַט ווראָנסקי געענטפערט צווייפעלהאַפט. פון קאַרענינאַ'ן האַט ער פּאָזיטיוו געהערט, אַלס זעהר אַ שטרענגער אונד איינפלוסרייכער מענש.

אַבלאָווסקי האַט דערווייל אָנגענומען ווראָנסקי'ס אָרעם, אונד אַרום שפּאַצירענדיג, האַט ער געפרעגט:

„זאָגט מיר, האַט איהר נעכטען אַבענד געזעהן מיין פריינד לעווין?“

„יאַ, איך האַב געהאַט דיא עהרע, אָבער ער איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען.“ אין דער קורצער צייט פון מיין בעקאַנטשאַפט מיט איהם, האַט ער מיר אויסגעזעהן עפּעס זעהר אונפריינדליך.“

„לעווין איז אַ גוטער ברודער,“ האַט אַבלאָווסקי נעזאָגט שמייכלענדיג, „אָבער יעטצט איז ער אַביסעל אויפגערעגט, אונד איבערהויפּט, דאָרט אונטער דער פאַמיליע שערבאַטצקי, וואו ער האַט וואהרשיינליך ניט געהאַט קיין וואַרעמען ליעבעסעמפּפאַנג.“

ווראָנסקי האַט ניט געוואוסט וואס צו זאגען. אַ געדאַנק האַט דורכגעשאָסען דורך זיין געהירן, אונד ער האַט זיך באַלד אַלעס ערקלערט.

„האַט ער פיעללייכט פערלאַנגט אייער שוועגערין'ס האַנד?“ האַט ער שנעל געפרעגט.

„איך ווייס ניט, פיעללייכט יאַ. ער ליעבט זיא שוין זייט אַ היבשע צייט“.

„אַך!“ האַט ווראָנסקי בעמערקט נאַכדענקענד. „איך האַב עס אויך געטראַכט – אָבער דאָ קומט אָן דער צוג.“

דיא מאַשין האַט לאַנגזאַם צוגעדאַמפּפט צו דער סטאַציאָן, אונד באַלד האַט אַנגעפאַנגען אַ טהעטיגקייט פון פּאַססאַזשירען אויסצושטייגען. אַ קאָנדוקטאָר איז צוגעגאַנגען צו דיא יונגע מענער אונד בעמערקט: „גרעפין ווראָנסקי איז אין יענעם וואַגאָן — “ צייגענדיג מיט זיין האַנד.

דיעזע ווערטער האָבען ווראָנסקי'ן דערמאָהנט אָן זיין פליכט, אַז ער איז געקומען אָבהאָלען זיין מוטער. אַבוואָהל ער האַט זיך מיט איהר קיינמאָל ניט געקריעגט, האָט ער ניט געשפּירט צו איהר קיין ליעבע אונד אויך אַ גאַנץ קליינעם

www.libtool.com.cn

רעספעקט. ער איז נאכגעגאנגען דעם קאָנדוקטאָר, אונד צוקומענדיג צו דיא טרעפּען פון וואגאָן וואו זיין מוטער איז געווען, האט ער פריהער געמוזט פּלאַטץ מאַכען פאַר א דאמע, וועלכע האט גראדע דאמאלס פון דאָרט אויסגעשטיעגען.

ווראָנסקי'ס אויגען האבען געבליקט גראדע געגענאיבער דער אויסשטייגענדער דאמע. ער איז געבליעבען שטעהן ערשטוינט אונד פערוואונדערט. אזא שעהנהייט, אזא וואונדערבארער קערפּער, אזעלכע ברענענדע אויגען, אונד עלעגאנטע בעוועגונג, האט זיך איהם געדאכט, דאס ער האט נאך זייט ער לעבט ניט געזעהען. זיא האט צו איהם אויך געקוקט, אבער דאס האט געדויערט בלויז איין אויגענבליק. דאן איז ווראָנסקי אריין אין וואגאָן, וואו ער האט געטראָפען זיין מוטער. גרעפין ווראָנסקי איז שוין געווען איין עלטערע פרוי, אָבער עס האבען זיך נאך אימער געזעהען אויף איהר געזיכט דיא שפּורען פון גרויסער שעהנהייט. זיא איז געווען געקליידעט נאך דער לעטצטער מאָדע. זיך אויפהויבענדיג פון איהר זיטץ, האט זיא איבערגערייכט איהר האנד־טאשע צו דער דיענסט־פרוי וואס האט זיא בעגלייטעט, אונד דאן האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד צו איהר זוהן.

„דוא האסט ערהאלטען א טעלעגראמע?“ האט זיא געפרעגט. „איך האָף, אז דוא ביסט געזונד.“

ער האט זיך אוועק געזעטצט נעבען איהר אונד אזוי וויא ער האט זיא געוואָלט עפּעס אויספרעגען איבער דער רייזע, איז דיא פריהעריגע שעהנע דאמע, וואס ווראָנסקי האט בעגעגענט אויסשטייגען, ווידער אריין געקומען.

„האט איהר געפונען אייער ברודער?“ האט מאדאם ווראָנסקי געפרעגט. ווראָנסקי האט זיך דאן באלד געמערקט, אז דיעזע מוז זיין מאדאם קארענינא.

„אייער ברודערווארט אויף אייך אין דרויסען,“ האט ווראָנסקי געזאגט זיך אויפהויבענדיג. „אָבער ענטשולדיגט מיר וואס איך האב אייך ניט דערקענט. איך האב זעהר זעלטען געהאט דיא עהרע אייך צו בעגעגענען.“

„געוויס זייט איהר ענטשולדיגט,“ האט זיא געענטפערט מיט א זיסען שמייכעלע. „איך האב אייך באלד דערקענט, ווייל אייער מוטער האט מיר איבער אייך זעהר פיעלעס דערצעהלט וועהרענד דער רייזע. אָבער וואו איז מיין ברודער?“

ביי דיעזע ווערטער איז ווראָנסקי ארויס געשפּרונגען פון דעם וואגאָן אונד שנעל צוגערופען אבלאָנסקי'ן. גראדע דאמאלס האט אויך מאדאם קארענינא ערבליקט איהר ברודער סטעפּאַן. זיא איז ארויס פון וואגאָן אונד איז איהם ענטקעגען געגאנגען. שוועסטער אונד ברודער האבען זיך דאן הערצליך אומארמט.

www.libtool.com.cn

**ווראָנסקי איז געשטאַנען פון ווייטען אונד דאס צוגעקוקט. א שמייכעלע האט**
**זיך בעוויעזען אויף זיינע ליפּען.**

„אַלזאָ גרעפין,“ האט דאן נעזאגט מאדאם קארענינא זיך אומקעהרענדיג מיטצוגעהמען מאנכע זאכען. „איהר האט געפונען אייער זוהן אונד איך מיין ברודער. יעטצט בעט איך אייך אום ענטשולדיגונג, פיעללייכט האב איך אייך געשטערט מיט מיינע ערצעהלונגען אויף׳ן וועג.“

„אַך, מיין טהייערע! ניין, ניין; אייער בעקאנטשאפט איז מיר געווען זעהר אנגענעהם. וואס עס אנבעלאַנגט אייער אינגעלע צו הויז, זאָלט איהר זיך ניט זאָרגען. איהר מוזט אמאָל אויף זיין דערווייטערט איינער פון אנאַנדער. — אננא אַרקאַדיעוונא,“ האט דאן מאדאם ווראָנסקי ערקלערט איהר זוהן, „האט איין אַ־יעהריגען אינגעלע. זיא האט איהם נאך קיינמאָל ניט געלאָזען אליין, אונד זיא שרעקט זיך זעהר איבער איהם.“

„מיר האבען ביידע גערעדט איבער אונזערע זיהן,“ האט מאדאם קארענינא געזאגט מיט איהר זיסען שמייכעלע. „איך איבער מיין קליינינקען, אונד דיא גרעפין איבער אייך.“

„איבער דעם לעטצטען,“ האט ווראָנסקי בעמערקט לאַכענדיג, „גלויב איך ניט אויב עס איז געווען שטארק אינטערעסאַנט צו פערברענגען דיא צייט.“

אזוי וויא זייא האבען זיך אלע אומגעווענדעט, האבען פיעלע מענשען פּלוצלינג אָנגעפאַנגען צו לויפען אונד זיך דרענגען פון יענער זייט צוג. עס האט פּאסירט איין אונגליק. ווראָנסקי אונד סטעפּאַן האבען געפּרעגט וואס עס איז געשעהן. מען האט זייא ערקלערט, אז איין אונגליקליכער ארבייטער, איז דורך א צופאָל צערשמעטערט געוואָרען פון דער באַהן אונד געהרג׳עט אויף׳ן פּלאַטץ. סטעפּאַן אונד ווראָנסקי האבען דאַ געזעהן דעם טויטען קערפּער. ווען זייא האבען צוריק געקעהרט צו דיא דאמען, האט סטעפּאַן בעמערקט: „עס איז געווען א שרעקליכעס אונגליק. אַך, אננא! עס איז געווען שרעקליך! אונד דעם ארמען׳ס פרוי איז אויך דערביי געווען. זיא האט זיך געוואָרפען אויף דעם פערבלוטיגטען קערפּער אונד איהם געוואָלט אויפהויבען. איך האב געהערט, אז דער אונגליקליכער לאָזט צו־ריק א גרויסע פאמיליע.“

„האסטו ניט געקענט עפּעס טהון פיר דער ארמע פרוי?“ האט מאדאם קארענינא געפרעגט, וועהרענד איהרע שעהנע אויגען האבען געגלאנצט מיט טרערען.

www.libtool.com.cn

ווראָנסקי האט א פּאאר אויגענבליק געקוקט אין אננאָ'ס געזיכט, אונד דאַן, זאגענדיג צו זיין מוטער: „וואַרט, איך בין באַלד צוריק,“ איז ער אוועק.

ווען ווראָנסקי האט מיט אייניגע מינוטען שפּעטער צוריק געקעהרט, האט סטעפּאַן שוין גערעדט מיט דער גרעפין איבער דער נייער בעריהמטער אקטריסע. אָבער גראדע דאַמאָלס איז אויך צוגעקומען דער סטאַציאָנס־מייסטער, אונד זיך ווענדענדיג צו ווראָנסקי'ן, האט ער בעמערקט:

„ענטשולדיגט מיר; מען האט מיר געזאגט, אַז איהר האט צוריק געלאָזען 2000 רובעל בייא מיין אסיסטענט. ווילט איהר אַזוי גוט זיין אונד מיר זאגען וויא מען זאָל פערווענדען דאס געלד?“

„עס איז פיר דער אַלמנה,“ האט ווראָנסקי געענטפערט אונגעדולדיג.

„בראַוואָ ווראָנסקי!“ האט סטעפּאַן אויסגעשריען. „איהר זייט א בראַווער מענש!“

אננאַ האט ווראָנסקי'ן צוגעוואָרפען, א דאנקבארען בליק, אונד אָננעהמענדיג סטעפּאַן'ס ארעם, האט זיא זיך געזעגענט מיט דער גרעפין אונד איהר זוהן, אונד איז דאַן אריין אין איהר ברודער'ס דראָשקע. זיא איז געוועזען זעהר אויפגערעגט אונד איהרע ליפּען האבען געציטערט.

„וואס איז דיר, אננאַ?“ האט סטעפּאַן געפרעגט.

„עס איז א שלעכטער סימן, גראדע בייא מיין אנקונפט.“

„דומהייטען! דיין אנקונפט איז פאַר מיר א גוטער סימן.“

„קענסטו שוין ווראָנסקי'ן זייט לאַנג?“ האט זיא פּלוצלינג געפרעגט.

„אָה יא, איך דענק נאָך, אַז ער וועט ווערען קיטטי'ס חתן.“

„ווירקליך? אָבער יעטצט לאָמיר רעדען וועגען דיר.“

סטעפּאַן האט דאַן אָבגעשילדערט פאַר זיין שוועסטער אַלעס וואס עס האט פּאסירט מיט איהם אונד זיין פרוי. דאַן האט ער זיא צוגעפיהרט ביז צו דער טהיר פון זיין הויז, גענומען אבשיעד מיט א זיפץ אונד איז אוועק צו זיין אמט.

## קאפּיטעל 13.

ווען אננאַ איז אריין אין הויז, איז דאָללי געזעסען אין איהר קליינעם זאלאָן עפּעס פאָרלעזענדיג אין פראַנצוזיש מיט איהר זוהן, וועלכער איז שוין געוועזען א היבשער יונג מיט א קאָפּ גאָלד־פארביגע האאר אונד זיין געזיכט איז זעהר עהנליך געוועזען צו זיין פאָטער. דאָללי האט געליעבט אננאַ'ן, אונד טראָטץ דעם וואס זיא האט געזאגט איהר מאַן, אַז זיא וויל פון איהר ניט וויסען, האט זיא זיך שנעל

אויפגעהויבען ווען זיא האט געהערט פון איהר אנקונפט, אונד איז איהר ענטקעגען געגאנגען.

„אך, אננא, דוא ביסט עס געקומען!“ האט זיא אויסגערופען אונד זיא אומארמט.

„דאללי, עס פרייט מיך דיך ווידער צו זעהען!“

„מיך אויך,“ האט דאללי געענטפערט, אונד בליקענדיג אין אננא'ס געזיכט, האט זיא זיך געטראכט: „זיא ווייס שוין אלעס!“

„קום,“ האט זיא געזאגט, „וועל איך דיר אנצייגען דיין צימער.“

„אונד דאס איז גרישא?“ האט אננא געפרעגט קושענדיג דאס קינד. „וויא גרויס ער איז געוואָרען?“

אננא האט אונטערדעסען ארונטער גענומען דעם מאנטעל, אונד געבעטען איהר שוועגערין זיא זאָל איהר ערלויבען זיך אביסעל אויסצורוהען אין קליינעם זאלאָן. דאן האט זיא אויסגעגלייכט איהרע הערדליכע לאנגע האאר פון דעם קאָפּ.

„וויא גוט אונד גליקליך דוא זעהסט אויס!“ האט דאללי בעמערקט בע־וואונדערענדיג.

„איך? יא, געוויס, איך זעה אויס גוט. — אך, אט איז טאניא!“ — גראדע דאמאלס איז אריין געלאָפען דאס קליינע מיידעלע אונד אננא האט וויטער געזאגט: „זיא איז פון דיעזעלבע יאָהרען וויא מיין סערגעי, דאללי, איך וויל דוא זאָלסט מיר פריהער ווייזען אלע קינדער.“

„יא, יא,“ האט דאללי געענטפערט געריהרט, „אָבער איך האב מורא, אז וואסיא שלאָפט.“

נאכדעם וויא זייא האבען בעזוכט דער אמע'ס צימער, זיינען זייא צוריק אריין אין קליינעם זאלאָן, וואו מען האט אריין געבראכט קאפּעע.

דאָלי איז געווען נערוועז. זיא האט געוואוסט, אז איהר שוועגערין וועט געוויס באלד אנפאנגען צו רעדען איבער איהרע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען, אָבער זיא האט געשוויעגען.

„דאללי!“ האט אננא געזאגט פלוצלינג. „הער מיך אויס, מיין טהייערע, איך וויל איהם ניט פערטהיידיגען, ניין, ניין, דאס וויל איך ניט טהון. אָבער, מיין טהייערע, איך בין געריהרט ביז צו מיין טיעפער זעעלע.“

דאללי'ס אויגען האבען אָנגעפאנגען צו גיסען מיט טרערען. אננא האט זיך צוגערוקט נעהנטער אונד זיא אומארמט.

www.libtool.com.cn


„אך, אננא, וויא אונגליקליך איך בין! אָבער אַלעס איז פערלוירען, אַלעס!"

אננא האט אָנגענומען איהר שוועגערין'ס צארטע האנד אונד זיא געקושט זאגענדיג:

„רעדט ניט אזוי, דאָללי; א מענש דארף ניט פערצווייפלען. וואס קען מען טהון דערצו?"

„גאר ניט, אננא; שווייגען אונד ליידען. וואס שמערצט מיך אממייסטען, איז, וואס מיינע קינדער בינדען מיך צו צו איהם. איך קען זייא ניט פערלאָזען; אונד איך קען אויך ניט וואָהנען מיט איהם. בלויז איהם זעהען, איז שוין א מארטער פאר מיר!"

„אך, דאָללי, האב אביסעל געדולד. ער האט מיר שוין אַלעס ד ל. יעטצט וויל איך הערען וואס דוא האסט צו זאגען. אָבער דערצעהל מיר אַלעס."

דאָללי האט זיך אויסגעווישט דיא אויגען אונד געענטפערט ענטשלאָסען:

„גוט, אלזאָ; אָבער איך מוז אָנהויבען פון אנפאנג. דוא, אננא, ווייסט אַלעס איבער מיין הייראטה. מיין מוטער'ס בילדונג האט מיך צוריק געלאָזען אזוי אונשולדיג אונד אונוויסענד אין מאנכע זאכען, וויא א קינד. איך האב גאר ניט געוואוסט פון דער וועלט. מען בעהויפטעט, אז מענער דערצעהלען זייערע פרויען אַלעס איבער זייער פערגאנגענהייט, אָבער סטיווא," — אָגרופענדיג זיין צערטליכען נאמען אונווילענדיג — „איך מיין סטעפאן ארקאדיעוויטש, האט מיר גאר ניט דער־צעהלט. דוא מעגסט לאכען פון מיר, אָבער איך בין געוועזן אמאל אזוי נאריש, אז איך האב געגלויבט, דאס ער קוקט אפילו ניט רעכט אויף קיין אנדערע פרוי, אויסער מיר. אכט יאָהר האב איך אזוי געלעבט אין טעות. קענסט דיר פאָרשטעלען וואס פאר איין איינדרוק עס האט אויף מיר געמאכט, ערפאהרענדיג צום ערשטען מאל פון זיין אונטרייהייט אונד געמיינהייט. ער, וועלכען איך האב געטרויט אונד גע־גלויבט, האט געשריעבען א ליעבעס־בריעף צו זיין געליעבטע, מיט וועלכער, וויא עס שיינט, אז ער לעבט שוין זייט א היבשע צייט אונד, דיעזע געליעבטע, איז געוועזן דיא גאָווערנאנטקע פון מיינע קליינע קינדער! קענסטו דיר א בעגריף מאכען פון דער אבשייליכקייט אונד געמיינהייט?"

דאָללי האט דאן בעהאלטען דאס געזיכט אין איהר טאשענטיכעל אונד געכליפעט.

„יא," האט זיא פאָרטגעזעטצט. „איך בין נאך אלעמען ניט אזוי דום; איך

www.libtool.com.cn


קען מיר פאַרשטעלען א מאַן'ס אויפרעגונג אויף'ן מאָמענט. אָבער דאס זאָל דויערן מאָנאַטען לאַנג, אונד ערשט נאָכהער זאָל ער זיך אינטערעסירען אונד קאָררעספאָנדירען מיט איהר — אונד פיר וועמען? פיר א גאָווערנאַנטקע! קענסט עס גאר ניט בעגרייפען, מיין ליעבע אננא!"

„אה יא, מיין ארעמע דאָללי, איך בעגרייף עס גאַנץ גוט," האט אננא גערענטפערט דריקענדיג איהר האַנד. „אָבער, דאָללי, ער האט שוין אויך געליטען זייט דאַמאלס. ער האט חרטה אויף יעדען שריט וואס ער האט געמאכט. דוא ווייסט, דאָללי, ער איז אימער געווען א שטאָלצער מענש, אונד יעטצט, וויא ערניעדריגט אונד שולדיג ער פיהלט זיך. ער האט מיך געריהרט ביז צו מיין טיעפען הערצען. דאַן, דאָללי, ווען דוא וואָלסט געהערט מיט וואס פאר א וועהמוטה ער האט אויסגעשריען צו מיר: „זיא וועט מיר קיינמאל ניט פערצייהען! קיינמאל!" אַך, דוא וואָלסט אויך געהאט מיטלייד מיט איהם."

„גוט, זאָל ער ליידען!" האט דאָללי אויסגעשריען טריומפירענד. „שולדיגע מוזען ליידען! איהם פערצייהען? וויא אזוי? קען איך נאָך זיין, זיין פרוי נאָכדעם וויא ער האט מיט איהר פערקעהרט! ווען ער ליידעט, איז דאס נאָר א קליינער טהייל אין פערגלייך צו מיינע שמערצען. איך האב פאר איהם געאָפּפערט מיין וגענד, מיין הערץ, מיין שעהנהייט אונד מיין אונשולד; ער האט דאס אַלעס געטרעטען מיט דיא פיס. אונד ער איז דאס א פאטער פון קינדער? ניין, ניין, אננא, א פאטער וואס ליעבט זיינע קינדער, אַכטעט זיין פרוי אונד שעטצט זיין פאמיליען-לעבען. קען דאס ניט טהון, אונד ווען ער האט עס יא געטהאָן, דאַן וויל איך מיט איהם ניט מעהר פערקעהרען!"

דאָללי האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

„טהייערע דאָללי," האט אננא געזאגט מיט איהר זיסער שטימע פול סימפאטהיע. „דיין שמערץ איז אויך יעטצט מיינער. אָבער, ליעבע דאָללי, דוא ביסט צו אויפגערעגט, אונד, איך בין זיכער, ווע, דוא ווערסט זיך בערוהיגען, ווערסטו מוזען צוגעבען, אז עס איז ניט אין גאַנצען רעכט צו פערדאַמען א מענשען."

דאָללי איז פּלוצלינג געוואָרען רוהיגער. זיטצענדיג אייניגע מינוטען אין שטילשווייגען, האט זיא דאַן אומאַרמט איהר שוועגערין אונד געמורמעלט:

„וואס זאָל איך טהון? מיין ליעבע אננא, ראטה מיך, לערן מיך, איך בין זעהר אונגליקליך."

אננא האט אָבגעפּרעסט א קוש אויף איהר שעהנער שוועגערין'ס שטערן י געענטפערט:

www.libtool.com.cn


„הער מיך אוים דאָללי, איך בין זיין שוועסטער אונד איך קען זעהר גוט זיין כאַראַקטער. ער איז א מענש וואס לאָזט זיך זעהר לייכט פערפיהרען, אָבער ער קומט באַלד צום שכל אונד דאַן בעדויערט ער זיין שריט. איך פערזיכער דיך, אז ער האט נאָר פריהער ניט בעגריפען אויף וויא ווייט ער האט בעגאַנגען א פעהלער. יעטצט איז ער איין אנדערער מענש. בערעכען דאָללי, אז דוא האסט איהם גע־ליעבט 9 יאָהר דורכאַנאַנד; איהר זייט געוועזען גליקליך צוזאַמען; איהר האטביידע געבראַכט קינדער אויף דער וועלט. אונד יעטצט, מיין גאָט, וואס ווילסטו טהון? איך בעט דיך, שווענערין, פערגעס, אז איך בין זיין שוועסטער; רעכען מיך בלויז פאר דיין פריינדין אליין. זאג מיר דיא ריינע וואהרהייט, אונד איך וועל וויסען וויא דיך צו ראטהען. ליעבסטו איהם נאָך? שפירסטו צו איהם נאָך גענוג ליעבע אום איהם צו פערצייהען! ווען יא, דאַן פערצייה איהם."

„ניין, ניין, איך..." האט דאָללי אַרויס געשטאַמעלט.

„בלייב רוהיג, מיין טהייערע," האט אננא געענטפערט, „איך קען דיא וועלט בעסער אלס דוא, אונד איך פערשטעהע אויך מעהר דעם כאַראַקטער פון אַזעלכע מענער וויא סטיוואַ. פערגעס אן אַלעס. וואס ער האט געטהאָן איז פאַראיבער; אָבער, דוא מעגסט זיכער זיין, אז זיין ליעבע צו דיר פון היינט אן אונד ווייטער, קען אונד מוז נאָך גרעסער ווערען."

„אָבער ער האט זיא געליעבט, אונד .. אונד..."

„ששש, נאַרעלע; דוא בעגרייפסט דאס ניט. איך געדענק גאַנץ גוט, ווען סטיוואַ האט זיך אין דיר פערליעבט, אונד ער האט קיין מענשען אויסגעלאָזען איבער דיר צו רעדען, אפילו ווען ער האט געוואוסט, אז ער מאַכט זיך נאָר לעכערליך מיט אזוי פיעלע ליעב־געזאַנגען. אָבער איבער איהר? מיין גאָט, ער האט געוויינט מיט טרערען פון שאַנדע, נאָר רעדענדיג דאריבער."

„אָבער וואס וועל איך טהון ווען ער וועט צוריק קעהרען צו איהר?"

„אונמעגליך, קינד! דאס איז אונמעגליך!"

„וואָלסטו איהם מוחל געוועזען, ווען עס זאָל פאסירען מיט דיר אזא פאַל?"

אננא איז געבליעבען אביסעל פערצווייפעלט, אונד דאַן האט זיא געענטפערט: „איך וויים ניט ווירקליך, אונד דערפאר קען איך ניט זאגען. אָבער ניין! איך קען יא זאגען; איך וואָלט איהם מוחל געוועזען, נאָר נאכדעם וואָלט איך איהם שוין מעהר ניט געקענט אזוי ליעבען; נאָר פערצייהען וואָלט איך איהם דאָך!"

דאָללי האט זיך אויפגעהויבען שווייגענדיג, דאַן האט זיא אָנגענומען איהר

www.libtool.com.cn


שוועגעריז׳ס האנד אתּו. עזאגט: „קום אננאַ, וועל איך דיר ווייזען דיין צימער.“ אננאַ האט זיך אויך אויפגעהויבען אונד דאָללי האט פּאַרטגעזעטצט: „טהייערע אננאַ, וויא דאס פרייט מיך וואס דוא ביסט נעקומען; איך לייד שוין ניט אזוי פּיעל וויא פריהער.“

## קאַפּיטעל 14.

אננאַ האט פערבראַכט דעם גאנצען טאָג אין איהר ברודערס הויז, אָבער זיא האט קיינעם ניט עמפּפאַנגען וואס איז געקומען זיא בעזוכען, נאכדעם וויא מען האט נעהערט, אז זיא איז אין מאָסקווא. צו איהר ברודער האט זיא געשיקט א בריעוועל, וואו זיא האט איהם געשריעבען ער זאָל אהיים קומען עסען, „אונד,“ זיא האט נעענדיגט, „איך גלויב, אז אלעס וועט זיין אין אָרדנונג.“

ער האט געפאָלגט וואס זיא האט איהם געהייסען, אונד דאס געשפּרעך ביים טיש איז געוועזען אלגעמיין. דאָללי האט ניט נעצייגט אזוי פיעל קאַלטקייט צו איהר מאַן וויא פריהער. קיטטי איז ערשיענען אין מיטען עסען, אונד איז געוועזען ערשטוינט צו טרעפען דיא פיעל בעריהמטע סט. פּעטערבורגער דאַמע. אננאַ׳ס איינפאַכע בענעהמונג אָבער, האט קיטטי׳ן באַלד צוגעצויגען צו איהר. קיטטי האט אויך בעוואונדערט אננאַ׳ס מערקווירדיגע שעהנהייט. נאָך׳ן עסען, איז דאָללי אריין אין איהר צימער, אונד אננאַ איז צוגעגאַנגען צו איהר ברודער, וועלכער איז געזעסען אונד גערויכט א ציגאַר.

„סטיוואַ,“ האט זיא נעזאגט צייגענדיג אויף דאָללי׳ס טהיר. „געה אהין אריין, געה, אונד גאָט זאָל דיר העלפען!“

ער האט פערשטאַנען, אונד אוועק וואַרפענדיג זיין ציגאַר, האט ער געטהאָן וואס זיין שוועסטער האט איהם געהייסען.

„יעטצט,“ האט אננאַ געזאגט צו קיטטי׳ן, „וויל איך איהר זאָלט מיר דערצעהלען עפּעס איבער דעם גרויסאַרטיגען באַלל וואס דאַרף שטאַטפינדען.“

„יאַ, עס וועט זיין א גלענצענדער באַלל,“ האט קיטטי געענטפערט לעבהאפט. „איבערהויפּט וועט ער שטאַטפינען אין איינעם פון דיא העכסטע אריסטאָקראַטישע הייזער. איך מיין, אז איהר ווייסט גאַנץ גוט, יאס עס הייננט אָב זעהר פיעל וואו דער באַלל ווערט געגעבען.“

„מיר דאַכט, אז אלע בעללער זיינען דיעזעלבע. עס איז נאָר א פראַגע פון וועלכען באַלל עס אינטערעסירט ווענינער.“

www.libtool.com.cn

„ווירקליך, וויא קומט איהר עס אזוי רעדען? מיר דאכט, — אָבער ענט־שולדיגט מיר, — אז איהר זייט אימער דיא שעהנהייט פון דעם עלעגאנטעסטען באלל..."

„אָה ניין, מיין קינד," האט אננא געענטפפערט אביסעל רויט ווערענדיג.

„איבריגענס, ווען עס איז אפילו אזוי, וואס מאכט עס פאר איין אונטערשיעד?"

„ווערט איהר בעזוכען דיעזען באלל?" האט קיטטי געפרעגט נייגיעריג.

„איך האב מורא, אז איך וועל פריהער מוזען פערלאָזען מאָסקווא."

„אָך, וויא איך וואָלט אייך דאָרט געוואָלט זעהען!"

„עס איז מעגליך איך זאָל יא דאָרט זיין, אָבער זאגט מיר, מיין ליעבעס פריילין, איך זעה, אז איהר ערוואַרטעט עטוואס וויכטיגעס זאָל פאסירען אין יענעם אבענד."

„פון וואנען ווייסט איהר? עס — עס איז וואהר!"

„אָך, מיין טהייערע, איך בין אויך אמאל געווען א מיידעל אונד האב עס אויך געמוזט דורכגעהען."

קיטטי האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ. אננא'ס געזיכט איז פלוצלינג שטארקט רויט געוואָרען, אונד אין איין אויפרעגונג וואס קיטטי האט ניט בעמערקט, האט זיא געזאגט:

„איך ווייס אלעס; סטיווא האט עס מיר דערצעהלט, אונד איך האב אויך בעגעגענט ווראָנסקי'ן היינט פריה. עס האט מיך זעהר געפריים איהם צו זעהען."

„בייא דער סטאציאָן?" האט קיטטי געפרעגט שטארק פעראינטערעסירט.

„אונד וואס האט אייך סטיווא געזאגט?"

„גאר ניט, גאר ניט," האט אננא געענטפפערט ווערענדיג אביסעל נערוועז.

„איך בין בלויז געבטען געפאָהרען צוזאמען מיט דער גרעפין ווראָנסקי, אונד זיא איז ניט מיעד געוואָרען רעדענדיג איבער איהר זוהן. זיא האט מיך איינגעלאדען איך זאָל זיא קומען מאָרגען בעזוכען... אָבער וואס איז דאָרט מיט סטיווא'ן? ער פער־בלייבט צופיעל צוזאמען מיט דאָלל'ין, נאָר דאס איז א גוטער סימן..."

אננא'ס לעטצטע ווערטער האבען איבערראשט קיטטי'ן, וויא דאס וואס אננא האט נעבראָכען אזוי נערוועז דערמאָהנענדיג ווראָנסקי'ס נאמען.

www.libtool.com.cn 

## קאפיטעל 15.

גראדע דאָמאלס האט דאס קאמער־מעדכען, וועלכע איז געווען די איינציגע צוריק צו בלייבען פון די אנדערע יונגע דיענער, אריין געבראכט טהעע. דאָללי איז ארויס פון איהר צימער, אונד סטעפאן איז ארויס געגאנגען פון א צווייטער טהיר.

„איך האב מורא, אננא,“ האט דאָללי געזאגט זיך ווענדענדיג צו איהר שוועגערין, „אז עס וועט דיר זיין צו קאלט אין דיעזע צימער. לאָמיך איבערוועקסלען דיין צימער אויף איינעם פון דיעזען שטאָק.“

„איך פערזיכער דיך,“ האט אננא געענטפערט, „אז איך קען שלאָפען סאי וואו עס איז.“

„וואס איז נייעס?“ האט געפרעגט סטעפאן אריין קומענדיג אין צימער אונד זיך ווענדענדיג צו זיין פרוי.

אין זיין שטימע איז קיין צייכען געלעגען אָנצוציינען, אז ער האט זיך איבער־געבעטען:

„איך וויל אננא זאָל שלאָפען אין איין אנדערעס צימער,“ האט דאָללי געזאגט מיט א קאלטען טאָן, „אונד איך וועל דאס מוזען אליין בעזאָרגען.“

אננא איז געווען זעהר אונרוהיג איבער איהר שוועגערין'ס קאלטע בע־נעהמונג.

„קיממער דיך ניט, דאָללי,“ האט סטעפאן געענטפערט. „לאָז עס איבער צו מיר, איך וועל עס איין בעזאָרגען.“

„איך ווייס וואס דאס בעדייטעט,“ האט דאָללי געזאגט לאַכענדיג. „דוא וועסט געבען מאטוויין דיס בעפעהל, דאן וועסטו דיר אוועק געהען אונד אלעס וועט פערגעסען ווערען. לאָז מיך בעסער, איך וועל עס גאנץ אליין טהון.“

„דאנקען גאָט!“ האט זיך אננא געטראכט ערפרייט. „זייא האבען זיך דאך איבער־געבעטען!“ זיא איז דאן צוגעגאנגען צו דאָללי'ן אונד זיא געקושט.

„איך ווייס ניט,“ האט זיך דערווייל סטעפאן אריין געמישט לאַכענדיג, „וואַ־רום דוא האסט אימער א פערדאכט אויף מאטוויין אונד אויף מיר?“

דאָללי האט דאן אויסגעזעהן גאר איין אנדערער מענש. זיא איז געווען זעהר מונטער אונד פרעהליך, אונד אָבוואָהל זיא האט איהר מאן געזאגט א פאאר שטעך־ווערטלעך, איז דאס אָבער געווען אלץ גוטמיטהיג. אום 10 אוהר וועהרענד זייא

www.libtool.com.cn



זיינען נאך געזעסען ביים טיש אונד געטרונקען טהעע, האט יעמאנד אנגע־
קלונגען.

„ווער קען דאס זיין אזוי שפעט?" האט דאללי געפרעגט.

„איך גלויב ניט," האט קיטטי בעמערקט, „אז זייא האבען שוין געשיקט פון
דער היים מיך רופען. אננא האט זיך דערווייל אויפגעהויבען אונד איז צוגעגאנגען צו
דיא טרעפען אום ארונטער צו געהען אין איהר צימער עפעס ארויס ברענגען פון
איהרע זאכען. א דיענער האט געעפענט דיא טהיר, אונד אננא איז געוועזען דיא
ערשטע צו ערבליקען ווראנסקי'ן. ער איז געבליבען שטעהען אהנע ארונטער צו
נעהמען דעם מאנטעל אונד אנגעפאנגען עפעס צו זוכען אין זיין קעשענע. דאן האט
ער אויפגעהויבען זיינע אויגען אונד בעמערקט אננא'ן. זיין געזיכט איז געוואס בלאס
געוואָרען אונד אננא האט בעמערקט וויא זיינע ליפען האבען זיך בעוואויגען אום
עפעס צו זאגען, נאר ער האט ניט געקענט.

זיא האט זיך אונטערדעסען לייכט פערניינט, אבער אויך זעהר איבערראשט
איז זיא אוועק זאגען סטעפאנען, אז ווראנסקי איז דא.

וואס איז געשעהן מיט אננא'ן? זיא האט זיך זעלבסט ניט געקענט בע־
ענטפערן דיעזע פראגע. זיא האט געשפירט עפעס אזא מין געפיהל, וואס איז איהר
געוועזען גאנץ אונבעקאנט. נאך פון דעם מאמענט אן, וואס זיא האט ערבליקט
ווראנסקי'ן, האט געשוועבט זיין געזיכט פאר איהר פאנטאזיע. יעטצט האט זיא גע־
שפירט איין אונבעשרייבליכען ווילען איהם נאך אמאל צו זעהען. זיא האט זיך
אויפגעהויבען אונד געהערט וויא איהר ברודער רעדט צו איהם בייא דער טהיר.
מיט דעם אויסרייד, אז זיא געהט נאך אמאל עפעס נעהמען פון איהר צימער, איז
זיא ווידער צוגעגאנגען צו דיא טרעפען. אבער גראדע דאמאלס האט זיך צוגעמאכט
דיא טהיר, אונד סטעפאן, ארויף קומענדיג, האט בעמערקט:

„האסטו געזעהען א מענש! ער האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט ארויף
קומען."

סטעפאן האט דאן ערקלערט, אז ווראנסקי איז געקומען איהם איבערצוגעבען
עפעס איין איינלאדונג. קיטטי'ס געזיכט איז רויט געווארען; אננא האט צו איהר
נעבליקט אונד געשפירט, אז איהר הערץ קלאפט מיט פערדרוס. אויף וועמען?
אויף דאס האט זיא ניט געקענט בעענטפערן. ווראנסקי'ס שעהנעס אונד אנגע־
נעהמעס געזיכט האט געשוועבט פאר איהרע אויגען.

www.libtool.com.cn


## קאפיטעל 16.

**דער באלל** האט שוין געהאט אָנגעפאנגען ווען קיטטי **איז ערשיענען אויף** די גלענצענד־בעלייכטעטע טרעפּען, וואו צווייא רייהען עלעגאנט געקליידעטע דיענער זיינען געשטאנען אום צו עמפּפאנגען דיא געסט.

קיטטי האט אויסגעזעהן וואונדערשעהן אין דיעזען אבענד. זיא אליין האט עס אויך געשפּירט, אז זיא איז בעצויבערענד, אונד זיא איז געוועזן זעהר צופריעדען מיט דער מאבט פון איהר שעהנהייט. פארביינעהענדיג נעבען א גרויסען שפּיעגעל, האט זיא זיך ערבליקט אונד אויף איהרע ליפּען האט זיך אָבגעשפּיעגעלט א שמייכעלע, וועלכער האט אונגעפעהר געזאגט: „יא, איך בין שעהן גענוג, אום מען זאָל זיך קענען פערליעבען אין מיר.“ וויא זיא איז נאָר אריין אין זאלאָן, איז איהר באלד ענטקעגען געקומען דער בעריהמטער טענצער אונד צערעמאָניען־מייסטער פון דעם באלל, געאָרג קארסונסקי.

„דאס איז שעהן, פריילין,“ האט ער געזאגט זיך פערנייגענדיג, „וואס איהר זייט פריה געקומען. איך ווייס ניט ווארום אנדערע האבען א טבע צו קומען שוין נאכדעם וויא איבער א העלפט פון דעם באלל איז פארבייא?“ אין נעכסטען אויגענ־בליק, האט זיא מיט איהם געטאנצט א וואלץ.

„איהר טאנצט אויסגעצייכענט!“ האט ער בעמערקט.

קיטטי האט צו איהם געשמייכעלט מיט פערגניעגען, הערענדיג א מיינונג פון דעמיענינגען, וועלכער פערשטעהט וואס דאס הייסט טאנצען. דאן, נאך דעם וואלץ, האט זיא אָנגעפאנגען אויפצוזוכען איהרע בעקאנטע אין זאלאָן. זיא האט צו ערשט ערבליקט לידיא'ן, דיא שעהנע פרוי פון געאָרג קארסונסקי, מיט וועלכען זיא האט נאָר וואס געטאנצט; דאן איהר שוואגער סטעפּאן, אונד, צום שלום — איהם! אויף וועלכען זיא האט שוין ארויס געקוקט מיט טויזענד אויגען. זיא האט איהם שוין ניט געזעהען זייט יענעם אבענד וואס זיא האט ענטזאגט לעווינען, אונד יעטצט האט זיך איהר געדאכט, אז זיינע אויגען זוכען איהרע.

דאן האט זיא דערזעהן אננא קארענינא. מיט דער אונשולד פון א זאָרגענ־לאָזעס מעדכען, איז זיא צו איהר שנעל צוגעגאנגען. אָבער גראדע אויך דאמאלס איז צוגעקומען קאָרסונסקי צו אננא'ן אונד געזאגט:

„איין וואלץ מיט אייך, אננא ארקאדיעוונא!“

„איך דאנקע; איך טאנץ ניט ווען איך קען דאס אויסמיידען.“

„היינט אבענד קענט איהר עס געוויס ניט אויסמיידען.“

www.libtool.com.cn

בייא דיעזע ווערטער איז אויך ערשיענען ווראָנסקי.

„אַלזאָ,“ האט אננא געזאגט שנעל, זיך מאַכענדיג, אַז זיא בעמערקט נאָר ניט ווראָנסקי'ס פערנייגונג, „ווען איך קען ניט אויסמיידען, דאן מוז איך מיך אונ־טערגעבען.“ אין נעכסטען אויגענבליק האט זיא אוועק שפּאַצירט מיט קאַרסונסקי'ן געאָרעמט.

קיטטי האט מיט גרויסער אויפמערקזאמקייט שטודירט דעם לעטצטען מאָ־מענט, אונד זיא האט זיך געפרעגט: „ווארום האט זיא עס געטהאָן? דאכט זיך ווראָנסקי האט זיך גאַנץ אָנשטענדיג גענייגט פאַר איהר?“

ווראָנסקי האט דערזעהן קיטטי'ן, אונד, מיט א נערוועזען טאָן, האט ער זיך ענטשולדיגט פאַר איהר, אַז ער האט זיא ביז דאמאלס ניט געזעהען אונד דערפאַר איז ער פריהער ניט צוגעקומען. קיטטי האט דערוויל צוגעקוקט וויא אננא האט געטאַנצט, אונד זיך געוואונדערט ווארום ווראָנסקי לאַדעט זיא, קיטטי'ן, אויך ניט איין צו א טאַנץ. ווראָנסקי האט זיך דערוויל דערמאָהנט, אַז עס איז זיין פליכט איינצולאַדען קיטטי'ן צו א טאַנץ, אונד ער האט עס געטהאָן. זיא האט גלייך איינ־געשטיממט. ער האט געלעזען אין איהרע אויגען א בליק פולל מיט ליעבע. אָבער ווראָנסקי האט דערפון קיין הנאה געהאט; אין געגענטהייל, ער האט געציטערט. נאָך דעם טאַנץ, וועלכער האט ניט פיעל געדויערט, איז קיטטי צוגעגאַנגען צו איהר מוטער. דיא אַלטע פּרינצעסין האט דאמאלס געשפּראָכען מיט גרעפין נאָרדס.

דער באַלל איז פאָרטגעזעטצט געוואָרען, אונד קיטטי האט זיך געשפּירט אונגליקליך. זיא איז געוועזען אונצופריעדען, אונד עס האט אויסגעזעהען, אַז זיא קען ניט אַרונטער נעהמען איהרע אויגען פון אננאַ קאַרענינא. זיא האט דאן בעמערקט, אַז אננא האט אַלעם מעגליכע אָנגעווענדעט, ניט צו קוקען אין ווראָנסקי'ס זייט, וועלכער איז יעדעס מאל אויסגעקומען מיט'ן געזיכט צו איהר.

„וואס זאָל דאס בעדייטען?“ האט זיך קיטטי געפרעגט ערשראָקען. „וואס האט געקענט פּאַסירען צווישען דיעזע צווייא מענשען?“

קיטטי האט מורא געהאט צו דענקען ווייטער, טאָמער וועט זיא זיך מוזען ענטפערן דארויף. זיא איז אונטערדעסען געשטאַנען, ווייטער געקוקט, אונד זיך ניט געקענט ריהרען פון פּלאַטץ. גרעפין נאָרדסטאָן האט בעמערקט עפּעס אונגעוועהנ־ליכעס מיט קיטטי'ן, אונד זיא האט געפרעגט:

„וואס איז מיט דיר? ווארום טאַנצט ניט?“

www.libtool.com.cn

קיטטי האט זיך שנעל אומגעווענדעט אונד מיט איין אויפגערעגטער שטימע האט זיא געענטפערט: „איך וויל ניט.“

„איך האב געהערט,“ האט דיא פלוידערזאק גרעפין ווייטער געזאגט, „וויא ער האט איינגעלאדען אננא קארענינא צו א טאנץ, אונד זיא האט איהם געענטפערט, אז ער דארף טאנצען מיט דיר. האסטו דאס אויך געהערט?“

„ניין, ניין,“ האט קיטטי געענטפערט ציטערענדיג אין גאנצען קערפער, „איך האב עס ניט געהערט, אבער וואס קימערט עס מיך?“

גרעפין נארדסטאן האט פערשטאנען, אז איהר יונגע פריינדין שפירט זיך זעהר אונגליקליך. וואס עס האט פאסירט צווישען ווראנסקי'ן אונד אננא קארענינא, האט זיא גענוי ניט געקענט וויסען, נאר זיא האט פערשטאנען, אז קיטטי, דיא פערליעבטע, האט געקענט גענוג זעהען אום עס זאל איהר מאכען אונגליקליך. זיא האט דערוייל ערבליקט קאסונסקי'ן, אונד איז צוגעגאנגען איהם בעטען, ער זאל איינלאדען קיטטי'ן צום טאנצען.

עס איז דאן אראנזשירט געווארען א קאדריל. אננא מיט ווראנסקי'ן, האנד ביא האנד, זיינען אויסגעקומען גראדע געגענאיבער קיטטי'ן מיט קארסונסקי'ן. קיטטי'ס דורכדרינגענדער בליק, האט געלעזען אויף ווראנסקי'ס געזיכט אונטערגעבענהייט, מורא אונד פערעהרונג, אויסגעמישט מיט גליק אונד צופריעדענהיים. אננא ווידער איז איהר ערשיענען, אז זיא הערט אונד זעהט קיין זאך וואס עס געהט פאר אין זאלאן, אונד איהרע געדאנקען זיינען אנגעפיללט נאר מיט ווראנסקי'ן אליין.

קיטטי האט געטאנצט, נאר אין איהרע אויגען האט אנגעפאנגען צו פלאקערן א פייער פון האס, צאר אונד פעראכטונג. ווען דער קאדריל איז געווען צו ענדע, האט זיך אננא שנעל אנגעצוינען, אונד נעהמענדיג אבשיעד פון יעדען וואס האט זיא נאך געבעטען צו בלייבען, איז זיא באלד אוועק.

„אונד איהר פאהרט מארגען געוויס אוועק?“ האט קיטטי געהערט ווראנסקי'ס ציטערענדע שטימע רעדענדיג צו אננא'ן.

„יא, אזוי דענק איך,“ האט אננא געענטפערט מיט א טאן פון צערנערונג.

ווראנסקי האט זיא ווידער געבעטען פערבלייבען, נאר אננא האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט ערפיללען זיין וואונש. פאר קיטטי'ן האט אויסגעזעהען, אז אננא זוכט וויא צו ענטלויפען פאר עפעס.

www.libtool.com.cn



## קאפיטעל 17.

אויף'ן צווייטען טאָג, נאך דער אונטערערעדונג וואס לעווין האט געהאט מיט קיטטי'ן, איז ער אוועק פון מאָסקווא, אונד אבענד איז ער אָנגעקומען אהיים אויף זיינע גיטער. בייא דער טהיר, האט איהם בעגעגענט זיין אלטער דיענער אונד איהם דערצעהלט, אז סימאָן, דער אויבער־אויפזעהער, איז שוין געקומען, אונד זיין בעסטע קוה פאווא, האט זיך געקעלבט. לעווין איז אויך צופריעדען געווען צו הערען עפעס אום ער זאָל צערשטרייען זיינע געדאנקען. דיעזע היימליכע אונד אונשולדיגע לאנד־זאכען, האבען איהם פעראינטערעסירט אויף אזוי פיעל, אז ער האט בערוהיגט זיין אויפגערעגטען גייסט.

לעווין'ס וואָהנונג איז געווען א גרויסע אלט־מאָדישע געביידע. אָבער אין זיינע אויגען, האט דאס אויסגעזעהן אלס דער שענסטער פלאטץ אויף'ן ערד־קוגעל. דאָרט האבען געוואָהנט זיינע עלטערן אונד עלטערן'ס עלטערן. דיא עראינערונג אן זיין צערטליכער מוטער, איז בייא איהם געווען א הייליגטהום; ער האט געוואָלט האבען א פרוי, וועלכע זאָל פערטרעטען דיא שטעלע פון א בעל־הבית'טע, גראדע וויא זיין מוטער איז געווען. ער האט זיך קיינמאל ניט פאָרגעשטעלט קיין ליעבע צו א פרויענצימער, אָהנע צו זיין מיט איהר פערהייראטעט. צייטענווייז האט ער זיך אויף פאָרגעשטעלט דאס אונשולדיגע אונד וואהרע פערגניגען פון דער נאטור, ווען מען האט א פרוי אונד קינדער מיט איהר... אָבער — לעווין'ס געדאנקען זיינען צר־מישט געוואָרען זיטצענדיג אין זיין שטודיר־צימער אונד דענקענדיג איבער דעם וואס עס האט מיט איהם לעטצטענס פאסירט. אגאטהא מיכילונא האט איהם אריין געבראכט טהעע אונד איהם אָנגעפאנגען מיטצוטהיילען איבער מעהרערע קלייניג־קייטען ארום הויז. דער הונד, אָנקומענדיג פון ערגעץ, האט דערשפירט זיין בעל־הבית, אונד ער האט געריסען אין דער טהיר מען זאָל איהם אריין לאָזען. אגאטהא האט געעפענט דיא טהיר אונד איהם אריין געלאָזט. ער איז צוגעלאָפען צו לעווינען, זיך געלאסטשעט אונד איהם געלעקט, אונד דאן אוועק געלעגט דעם קאָפ אויף זיין שויס.

„ער פערשטעהט אלעס,“ האט אגאטהא געזאגט אויף'ן הונד, „נאָר וואס ער קען ניט רעדען. ער שפירט יעטצט, אז זיין הערר איז אהיים געקומען טרויעריג.“

„טרויעריג?“ האט לעווין געפרעגט.

www.libtool.com.cn


„געווים טרויעריג, איך זעה עס גאנץ גוט. איך מיין עס איז שוין צייט, איך זאָל קענען לעזען אייערע געדאנקען, ווייל איך בין אויפגעוואַקסען געוואָרען מיט אייך.“

לעווין האט צו איהר געבליקט מיט ערשטוינונג, אונד זיך געטראכט, אז ער איז א דומקאָפּ דערמיט, וואס ער האט פאר אגאטהאַ'ן אפילו ניט געקענט בעד־האלטען זיינע געדאנקען.

דער הונד האט זיך לאנגזאם צוריק געצויגען אונד זיך אוועק געלעגט אין א ווינקעל. לעווין האט צו איהם געקוקט אונד געמורמעלט: „איך בין אויך מיעד אונד וועל געהען רוהען. אגאטהא, דוא קענסט אויך געהן שלאָפען. האב קיין מורא ניט, אלעס וועט ווידער זיין אין אָרדנונג.“

## קאפיטעל 18.

אויף'ן אנדערן טאָג נאָך'ן באלל, האט אננא ארקאדיעווגא טעלעגראפירט צו איהר מאַן נאָך סט. פעטערסבורג, אז ער זאָל זיא ערוואַרטען, ווייל זיא פערלאָזט מאָסקווא.

דאָללי האט פון איהר גענומען א הערצליכען אבשיעד, אונד סטעפאן, וואס האט זיא בעגלייטעט ביז צו דער באַהן, האט גאר ניט געהאט גענוג ווערטער מיט וואס אויסצודריקען זיין דאנקבארקייט צו איהר, דערפאר וואס זיא האט איהם איבערגעבעטען מיט זיין פרוי.

ווען אננא האט זיך געקושט מיט איהר ברודער, זיינען איהרע אויגען אָנגע־פיללט געוואָרען מיט טרערען. נאָר זיא האט קיין וואָרט געקענט רעדען. ערשט ווען דיא באַהן האט אָנגעפאנגען צו געהען, האט זיא געמורמעלט; „דאנקען גאָט, וואס אלעס איז שוין פאָראיבער! מאָרגען וועל איך ווידער דריקען צו מיין הערץ, מיין קינד סערגעי אונד זיין אין דער געזעלשאפט פון מיין מאַן וויא ביז יעטצט.“

ווארום האט אננא געשווידערט דערמאָהנענדיג זיך אן איהר מאַן? איז עס געווען דערפאר פיללייכט וואס ער האט איהר אויסגעזעהען אלט, אבגעלעבט, שטרענג אונד... אָדער ווייל זיין, ווראָנסקי'ס געזיכט, האט געשוועבט פאר איהרע אויגען? זיא האט ווידער געשווידערט.

דאַן האט אננא פראָבירט צו לעזען איין ענגלישען ראָמאַן, אָבער איהרע גע־דאנקען זיינען געווען געשטערט. ווראָנסקי אונד נאָך אמאל ווראָנסקי איז געשטאנע

www.libtool.com.cn


פאר איהר פאנטאזיע. זיא האט נעזעהן דעם שעהנעם אונד לעבהאפטען מאַן, זיינע מערקווירדיגע אויגען אָנגעפילט מיט א בעוואונדערונגס־בליק צו איהר אונד... פלוצלינג האט זיא ערוואכט פון איהר נאכדענקען, ווען א מאַן, בעדעקט מיט שנעע פון קאָפּ ביז דיא פיס, איז ערשיענען אונד אויסגערופען דעם נאמען פון א סטאַציאָן. דיא באהן איז דאַן אויך געבליעבען שטעהן.

„ווינשט מאדאם ארויס צו געהען אביסעל?" האט איהר דיענסט, אַנושקא, געפרעגט. „מיר װעלען דאָ פערבלייבען איינינע מינוטען."

„יא," האט אַננא געענטפערט, „איך וויל געניעסען אביסעל פרישע לופט, עס איז דאָ צו ווארעם."

זיא איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, געעפענט אונד איז ערשיענען אויף דער פּלאַטפאָרמע. געגענאיבער איהר, איז געשטאַנען א מאַן אין א מיליטערישען מאַנטעל. אין איין אויגענבליק האט זיא באלד דערקענט ווראָנסקי'ן, אונד אָבוואָהל זיא איז געוועזען איבערראַשט, האט זיא געשפּירט וויא איהר גאַנצעס הערץ האט זיך אָנגע־פיללט מיט פערגניעגען. ער האט זיא אויך בעמערקט, אונד אויפהויבענדיג זיין הוט, האט ער זיא געפרעגט, מיט א ציטערענדער העפליכער שטימע, אויב ער קען עפּעס טהון פאר איהר אונד אויב זיא בענעטהיגט עפּעס. זיא האט איהם ניט געקענט ענטפערן, אונד וועלענדיג פרעגען וויא ער קומט אין דערזעלבער באהן, האט זיא זיך געטראַכט, אַז דיעזע פראַגע איז איבריג, ווייל זיא ווייס שוין דיא אורזאַכע. זיא איז געוועזען שטאָלץ דארויף. דאַן האט זיא געזאַגט:

„איך האב גאר ניט געוואוסט, אַז איהר פאָהרט אויך נאַך סט. פּעטערס־בורג. ווארום גראדע יעטצט?"

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר אונד אַננאַ'ן האט זיך געדאַכט, אַז זיא שפירט וויא זיין גאַנצער קערפּער ציטערט. ער האט זיך צוגעבויגען אונד גע־ענטפערט:

„אַננאַ, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאס איז דערפאַר, ווייל איך מוז זיין דאָרט וואו איהר געפינט זיך. דאס איז דיא אורזאַכע."

זיא האט געשוויעגען, אונד ווראָנסקי איז געשטאַנען אונענטשלאָסען. דאַן האט ער וויעדער בעמערקט:

„איך בעט אייך איהר זאָלט מיר פערצייהען, ווען איך האב עפּעס געזאַגט, וואס ערגערט אייך. איך קען ניט, ווייס ניט אונד..."

אַננא האט זיך דערמאָהנט אָן איהר קינד, אָן איהרע פליכטען אלס פרוי, אונד דאס האט איהר געגעבען מוטה צו ענטפערן:

www.libtool.com.cn


„דאס וואס איהר האט געזאגט, איז געוויס זעהר אונפאסענד; אונד אלס עהרענמאן, בעט איך אייך, פערגעסט אן דיעזע ווערטער.“

„פערגעסען?“ האט ווראנסקי געזאגט עפעס העכער וויא ער האט פריהער געשפראכען. „איך קען דאס ניט פערגעסען, גראדע וויא איך קען פערגעסען אן אייך...“

„גענוג! גענוג!“ האט זיא אויסגעשריען אנווענדענדיג אלעם מעגליכע אויס־צודריקען צארן אויף איהר געזיכט. זיא האט זיך דערבייא אומגעווענדעט, אריין אין וואגאן אונד זיך געזעטצט אויף איהר פלאטץ.

זיא האט פראבירט צו שלאפען, אבער איהרע נערווען זיינען געוועזען צו אויפ־גערעגט, אונד ערשט אויף׳ן אנדערן מארגען איז איהר געלונגען איינצודרעמלען. ווען זיא האט ערוואכט, איז שוין דיא באהן געבליעבען שטעהען אין דער סט. פע־טערסבורגער סטאציאן. דאס ערשטע געזיכט וואס זיא האט ערבליקט, איז געוועזען פון איהר מאן קארענינא. אויף זיינע ליפען איז געלעגען דער אייביגער האלב־שפאטישער שמייכעל וויא זיין טבע איז געוועזען. אננא האט ניט נאר געשפירט איין עקעל צו איהם, זאנדערן זיא האט זיך אויף דערשראקען.

„זעהסטו וואס פאר א צערטליכער מאן איך בין,“ האט ער געזאגט מיט א האלב־שפאטישען טאן, „גראדע אזוי צערטליך וויא דאס ערשטע יאהר נאך אונזער חתונה. איך בין שיער געשטארבען פאר אונגעדולד דיך צו זעהען.“

„וואס מהוט סערגעי?“ האט זיא שנעל געפרעגט.

„סערגעי איז פאלקאמען געזונד,“

גראדע דאמאלס איז צוגעקומען ווראנסקי. ער האט אויף צוגעבראכט א שלאפלאזע נאכט. ער איז געוועזען איבערצייגט, דאס טראטץ איהר שטרענגער בע־נעהמונג, איז זיא דאך ניט גלייכגילטיג צו איהם. „א ווארט, א בליק, אדער א שמייכעל פון איהר,“ האט ער זיך געטראכט, „וועט מיך גליקליך מאכען.“ ער האט דערבייא ערבליקט איהר מאן; אונד אזוי וויא צום ערשטען מאל איז איהם איינ־געפאלען, אז דיעזער מאן, קארענינא, שפיעלט אויך א ראלע אין דיא געפיהלע פון זיין, ווראנסקי׳ס, הערץ אונד אננא׳ס ליעבע. א שטאך פון אייפערזוכט האט דורכגעדרונגען זיין הערץ, זעהענדיג קארענינא׳ן האלטענדיג אננא׳ס שעהנע אונד ווייסע האנד.

ווראנסקי׳ס אויגען זיינען געפאלען אויף אננא׳ס געזיכט, וויא זיא האט געקוקט צו איהר מאן. ווראנסקי האט געלעזען אין אננא׳ס בליק, אז זיא ליעבט ניט איהר מאן.

www.libtool.com.cn


„וויא האט איהר צוגעבראַכט דיא נאַכט, מאַדאַם ?" האט ווראָנסקי געפרעגט זיך בעמיהענדיג צו ערשיינען קאַלטבליטיג.

„איך דאַנקע, זעהר גוט !" האט זיא געענטפערט.

וויא מיעד זיא איז געוועזן פון ניט שלאָפען, האט זיך דאָך אָבגעשפּיגעלט א לעבהאַפטער בליק אין איהרע אויגען, וועלכען ווראָנסקי האט גאַנץ גוט בעמערקט אונד זיך געפרייט. קאַרענינאַ האט געקוקט צום יונגען מאַן מיט אַביסעל אונגעדולד.

„איך האב דיא עהרע," האט דאַן אננא געזאגט פאַרשטעלענדיג, „גראף ווראָנסקי, מיין מאַן."

„אַך, גראף ווראָנסקי !" האט קאַרענינאַ געזאגט לעבהאַפט, „עס פרייט מיך. דאַס הייסט א גליק, אננא ; אהין ביסטו געפאָהרען מיט דער מוטער אונד צוריק מיט דעם זוהן !"

קאַרענינאַ האט זיך דאַן אָבגעווענדעט אונד ניט מעהר געוואָלט וואַרטען נאָך עפּעס צו הערען פון ווראָנסקי'ן. דער לעטצטער האט פערשטאַנען, אז זיין געזעל־שאַפט איז נים פערלאַנגט. ער האט געוואָלט אוועק גיהען, נאָר ער האט ניט געקענט.

„איך האָף צו האבען דיא עהרע אייך צו בעזוכען," האט ער געזאגט צו אננא'ן.

קאַרענינאַ האט זיך שנעל אומגעווענדעט אונד געענטפערט :

„אַך, מיט פערגניגען, גראף ; מיר עמפּפאַנגען געסט יעדען מאָנטאַג."

## קאַפּיטעל 19.

דער קליינער סערגעי האט דערהערט, אז זיין מוטער קומט, ווען ער איז געוועזן אויף'ן צווייטען שטאָק. ער איז שנעל אַרונטער געשפּרונגען אונד מיט איין אונ־געהייערער פרייד האט ער געשריען : „מאַמאַ ! מאַמאַ !" אונד דאַן האט ער זיא אומאַרמט.

„איך האב זייא געזאגט, אז עס מוז זיין מאַמאַ, ווען איך האב געהערט אָנ־קלינגען ; אונד איך האב מאַקי געהאַט רעכט."

אָבער סערגעי'ס געזיכט גראַדע וויא איהר מאַן'ס, האט פעראורזאַכט אננא'ן שמערץ אונד פערצווייפלונג. זיא האט איהם אונטערדריקען אויך געהאַלזט אונד געקושט אונד בעענטפערט זיינע קינדישע פראַגען. דאַן האט זיא איהם דערצעהלט איבער דאָלליס טאָכטער טאַניאַ.

www.libtool.com.cn

„איז זיא שעהנער וויא איך?" האט סערגעי געפרעגט.

„ניין, מיין קינד, קיינער איז אזוי שעהן וויא דוא."

„איך האב עס פריהער געוואוסט," האט ער געזאגט מיט א ליעבליכעס שמייכעלע.

אום 4 אוהר נאכמיטאג איז קארענינא צוריק געקומען פון זיינע אמטליכע פליכטען, אונד איז גלייך אריין אין זיין ביבליאָטהעק, וואו ער האט זיך גענומען איבערזעהען מאנכע דאָקומענטען. אום 5 אוהר איז ער אריין אין שפייזע־זאלאָן, וואוהין אננא האט איינגעלאַדען עטליכע געסט מיטצושפייזען. ער איז געוועזען אָנ־געצויגען אין א שווארצען אנצוג מיט צוויא גאָלדענע מעדאלען אויף זיין ברוסט. וועהרענד דעם עסען, האט ער בלויז געפרעגט זיין פרוי א פאאר פראגען פון יוצא־וועגען, זאָנסט איז ער געוועזען כערקווירדיג שטיל אונד רוהיג. נאכ'ן עסען האט ער פערבראכט א האלבע שטונדע אין געשפרעך מיט זיינע געסט, אונד איז דאן גלייך אוועק צו א פערזאמלונג פון מיניסטער־ראטה. ווען דיא געסט זיינען אוועק, איז אננא געבליעבען זיטצע מיט איהר זוהן אין טיעפען נאכדענקען.

פונקט אום האלב ניין אוהר, האט קארענינא צוריק געקעהרט אונד איז אריין אין זאלאָן.

„ענדליך ביסטו דא?" האט זיא געזאגט אויסשטרעקענדיג איהר האנד ער האט געקושט דיא האנד מיט דער עטיקעטע פון א פרעמדען קאוואליער אונד זיך געזעטצט נעבען איהר.

„איך גלויב, אז דיין בעזוך נאך מאָסקווא איז געוועזען ערפאָלגרייך?" האט ער געפרעגט.

„פאָלקאָמען," האט זיא געענטפערט אונד האט איהם דאן אלעס דערצעהלט וואס עס איז פאָרגעגאנגען מיט איהר ברודער אונד שווענערין.

„פאר אזא מאן האב איך גאר קיין ענטשולדיגונג," האט קארענינא געזאגט אין א שטרענגען טאָן, מיינענדיג סטעפאַנען. „דוא וועסט מיר ענטשולדיגען, אננא, פאר מיין אויסדרוק, ער מעג אפילו זיין דיין אייגענער ברודער."

אננא האט געשמייכעלט; זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז איהר מאַן'ס נאטור איז קיינמאל ניט ווייבער געוואָרען זאָגאר צו זיינע אייגענע קרובים, זאָלאנג ער האט ניט בעטראכטעט זייערע האנדלונגען אלס רעכט פון זיין שטאנדפּונקט. זיא האט איהם דאפיר רעספעקטירט.

„דעננאך," האט ער ווייטער געזאגט, „פרייט עס מיך וואס עס איז דיר געלונגען צו מאכען שלום אונטער זייא, אונד עס פרייט מיך נאך מעהר וואס דוא

www.libtool.com.cn
ביסט שוין אהיים געקומען. ווילסטו ניט אביסעל ארויס געהען היינטיגע נאכט?"
ער האט זיך בייא דיעזע ווערטער אויפגעהויבען אום צוריק צו קעהרען אין זיין ביבליאָטהעק.
„ניין, ניין, איך וויל ניט געהען," האט זיא געענטפערט. „וואס פאר א בוך לעזטו היינט אבענד?"
„איך לעז Poesie de Enfers פון דעם פירסט דע לילל; עס איז א מערקווירדיגעס גוטעס בוך!" האט ער געענטפערט זעהר בעגייסטערט.
זיא האט וויעדער געשמייכעלט, אונד זיך אויפהויבענדיג, האט זיא גענומען זיין ארעם אונד איז מיט איהם אריין אין זיין ביבליאָטהעק.
„זעהר גוט, זעהר גוט," האט זיא געזאגט אריין קומענדיג אין זיין צימער, וואו זיין ליעבלינגס־שטוהל, לעזע־לאָמפּ אונד פלאש־וואסער זיינען געוועזען פאָרבערייטעט פיר איהם. „איך מוז יעטצט געהען עפּעס שרייבען נאך מאָסקווא, אונד זייא וועניגסטענס זאגען, אז איך בין גליקליך איבערגעפּאָהרען דיא רייזע."
ער האט זיך פערנייגט אונד זיא איז אריין אין איהר איינענעם צימער.
„ער איז א גוטער, עהרליכער אונד טרייער מאן," האט אננא געמורמעלט צו זיך זעלבסט; אָבער אויף איהר געזיכט איז שוין מעהר ניט געלעגען קיין שמייכעל. ווען זיא האט זיך אָנגעקוקט אין שפּיעגעל, האט זיא באלד ניט דערקענט דעם בליק פון איהרע אויגען, וועלבער האט אויסגעזעהן בעטריעבט אונד ערשראָקען.

---

www.libtool.com.cn


# צווייטער טהייל.

## קאפּיטעל 1.

צום ענדע ווינטער, האט פּרינץ שערבאַטצקי איינגעזעהען, אז ער מוז צוזאַמען רופען איינינע פון דיא בעסטע ערצטע אַבצוהאלטען א בעראטהונג איבער זיין טאָכטער קיטטי׳ס געזונדהייט. דאס מעדכען האט זייט איינינע וואָכען אָנגעפאנגען איינפאַך איינגעטריקענט צו ווערען; זיא איז אויך געוואָרען בלאסער פון טאָג צו טאָג, אונד וואס דער הויז־ארצט האט איהר געגעבען, האט ניט געהאָלפען. נאָך דער בעראטהונג, וואו עס זיינען געוועזען דיא גרעסטע ספּעציאליסטען פון מאָסקווא, האט איהם איין פּראָפעסאָר געזאגט, אז זיין טאָכטער מוז זאָפאָרט אוועק פאָהרען נאָך אויסלאנד, אום געניעסען איין אנדערע לופט אונד אויך זעהען אנדערע סצענען אונד מענשען פאר זיך.

דאָללי איז אויך דאמאלס געוועזען בייא איהר מוטער. זיא האט אויסגעזעהען זעהר שלעכט. סטעפּאַן, איהר מאַן, אָבוואָהל ער האט דאכט זיך שטארק חרטה געהאט, נאך דעם וויא אננא האט זייא איבערגעבעטען, האט ער אָבער באלד פערגעסען אָן אלעמען אונד ער האט צוריק געקעהרט צו זיין שעהנער געליעבטע, דיא גאָווערנאנטקע. ער פלעגט אוועק בלייבען פון הויז אויף גאנצע נעכט. לעטצטענס איז נאך איינעס פון איהרע קינדער שטארק קראנק געוואָרען, אונד דיא שעהנע יונגע פרוי איז געוועזען געערגערט פון אלע זייטען. זיא איז געזעסען נעבען איהר מוטער אונד מיט איהר געשפּראָכען איבער קיטטי׳ן, ווען דער אלטער פּרינץ איז אריין געקומען אונד געפרעגט:

„וואס האט מען בעשלאָסען? דו זאָלסט אוועק פאָהרען? אונד וואס וועט דאָ ווערען פון מיר?“

„איך דענק, אלעקסאנדער,“ האט דיא פּרינצעסין געענטפערט, „אז עס איז בעסער דו זאָלסט דאָ בלייבען.“

www.libtool.com.cn

„וויא דוא ווילסט.“

„ווארום זאָל פּאפּא אויך נים מיטפאָהרען?“ האט קיטטי נעפרענט אריין קומענדיג. „עס וועט דאַן זיין זעהר אנגענעהם פאר אונז אלע.“

דער אלטער איז צו איהר צוגעגאנגען, געגלעט איהרע האאר, אונד זיא, אויפ־הויבענדיג איהר בלאַסעס געזיכט, האט ארויס געצוואונגען א שמייכעלע אויף איהרע ליפּען. קיטטי האט געוואוסט, אז איהר פאטער האט אם בעסטען פערשטאַנען איהר קראַנקהייט.

„קיטטי,“ האט דער אלטער געזאגט, „איך וועל דיר דערצעהלען וואס דוא מוזט טהון. דוא מוזט זיך אויפכאַפּען אין א שעהנעם פריא־מאָרגען אונד זאגען: „איך בין פאָ:קאָמען געזונד; מיר פעהלט גאר ניט, אונד איך וועל וויעדער אָנ־פאַנגען צו שפּאַציערען מיט פּאפּא אין דער פרישער אונד פראָסטיגער לופט.“

קיטטי האט געוואָלט וויינען, נאָר זיא האט ניט געוואָלט איהר פאטער זאָל עס זעהן, אונד זיא איז ארויס געלאָפען פון צימער.

„אלעקסאַנדער!“ האט דיא פּרינצעסין דאַן וויא אויסגעשריען. „דוא ביסט אונבארמהערציג! ווארום פּלאַגסטו אזוי דאס ארמע קינד? יעדעס וואָרט וואס דוא ברענגסט ארויס זיא צו עראינערן אן דער אורזאַכע פון איהר שמערץ, איז פאר איהר א מארטערניס. מיין גאָט! איך פערשטעה ניט, ווארום עס זאָלען ניט עקזיסטירען קיין געזעטצע צו בעשטראָפען פאר אזא פערברעכען.“

זיא האט געמיינט ווראָנסקי'ן אינד איהר טאָכטער'ס ליעבע, וואס ער, לויט נאך איהר מיינונג, האט געטרעטען מיט דיא פיס. דער אלטער פּרינץ האט זיך צו איהר אומגעווענדעט אונד געזאגט אויף פראַנצויזיש אָבער אין א שפּאָטישען טאָן:

“Ma petite mere,, (מיין מוטער'ל), עס עקזיסטירען ווירקליך געזעטצע צו בעשטראָפען פערברעכענס, אָבער, זאָלאנג וויא דוא האסט אָנגעפאנגען צו רעדען דאריבער, מוז איך דיר זאגען דיא ריינע וואהרהייט וואס איך דענק: מיין מיינונג איז, אז דוא ביסט דאָ אממייסטען שולדיג. וויא אלט איך בין, וואָלט איך מיך מיט איהם אָבגערעכענט; אה, עס מאכט ניט, איך קען נאך אומגעהען מיט א שווערט וויא פיעלע אנדערע יונגע מענער; אָבער, דוא אליין האסט איהם אהער גערופען, ארום איהם געטאַנצט אונד זיך געשמייכעלט, אָהנע צו וויסען פריהער, אויב ער איז נאר בערייט צו הייראַטהען אונד אויב ער וויל אונזער טאָכטער. דוא האסט איהם, וויא מען זאגט, געוואָלט אריין נארען.“

דיא אלטע פּרינצעסין האט אָנגעפאנגען צו וויינען אונד דער פּרינץ, געריהרט דערפון, האט געזאגט צערטליכער:

www.libtool.com.cn

„זיין ניט, זיין ניט, איך ווייס, דו ליידעסט דאפיר. פיעללייכט וועט נאָך אויף אונז רחמנות האבען.“ צולענענדיג דיא האנד צו זיין מויל, איז ער ארויס פון צימער.

מיט אייניגע טעג שפעטער, איז דיא שערבאטצקי פאמיליע אוועק געפאָהרען נאך אויסלאנד.

## קאפיטעל 2.

דיא נאר הויכע סט. פעטערסבורגער געזעלשאפט, איז ניט זעהר גרויס; זייא קענען זיך דערפאר גאנץ גוט איינער דעם צווייטען אונד זייא קענען זיך בעזוכען אונ־געשטערט. אָבער עס זיינען נאך דאָ ניעדריגערע קלאסען.

אננא קארענינא איז געווען א פראָמינענטע פערזאָן אין דרייערלייא קלאסען געזעלשאפט. דיא ערשטע איז געווען דיא מיניסטאָרען־געזעלשאפט, וואו איהר מאן איז געווען מיטגליעד אונד געהאט קאָלעגען אונד עטוואס קלענערע בעאמטע. דיא צווייטע קלאסע איז בעשטאנען גראָט פון גוט ערצויגענע, געלערענטע אונד גע־בילדעטע מענער אונד עלטערע ווייא אויך וואָהלטהעטיגע פרויען, פון וועלכע גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז געווען דיא אנפיהרערין. דיא דריטע קלאסע איז בעשטאנען פון דיעיעניגע וואס האבע זיך בעשעפטיגט מיט בעללער, באנקעטען, לוקסוס אונד פערשידענע אונטערהעלטונג. צו דער ערשטער קלאסע איז אננא צוגעצויגען גע־וואָרען דורך איהר מאן, צו דער צווייטער דורך גרעפין לידיא איוואנאָוונא אונד צו דער דריטער, דיא פרעהליכע קלאסע, דורך פרינצעסין בעטסי טווערסקאָי, דיא פרוי פון איהרען א שוועסטער־קינד, וועלכער איז געווען זעהר רייך.

„ווען איך וועל ווערען אלט אונד מיאוס,“ פלעגט זאגען בעטסי, „וועל איך פערלאנגען מען זאָל מיך אויפנעהמען אונטער דיא געבילדעטע אונד וואָהלטהעטיגע— אָבער יעטצט, וויל איך לעבען!“

ביז יעטצט האט אננא ניט גענומען קיין גרויסען אנטהייל אין דער פרינצעסינ'ס געזעלשאפט, אָבער זייט זיא האט צוריק געקעהרט פון מאָסקווא, איז זיא פערביטען געוואָרען. זיא האט פערגאבלעסיגט איהרע רוהיגע אונד געלאסענע פריינדע, אונד זיך אריין געוואָרפען אין דעם ים פון מונטערקייט. דאָרט האט זיא געהאט דיא גע־לעגענהייט זיך עפטער צו בעגעגענען מיט וורָאנסקיין, וואס האט איהר פערצורזאכט איין אונרוהיגע פרייד.

וורָאנסקי האט ערפאהרען, אז אננא האט אָנגעפאנגען צו ווערען איין אָפטע בעזוכערין פון פרינצעסין בעטסי, אונד ער האט אימער אָבגעפאסט, אויך דאָרט

www.libtool.com.cn 

צו זיין ווען זיא איז ערשיענען. בעטסי זעלבסט, האט געשטאַמט פון דער פאמיליע ווראַנסקי, אונד דער יונגער אָפיציער האט דערפאר אהין געהאט א פרייען צוטריט. יעדעס מאל וואס ער האט געקענט בלייבען אליין מיט אננא'ן אפילו נאָר אויף א פאאר סעקונדען, האט ער אויסגעגאָסען זיין הארץ פאר איהר, מיט טרערען אין זיינע אויגען, אונד איהר ערקלערט וויא ברענענדיג זיין ליעבע איז.

זיא האט איהם ניט ערמוטהיגט אונד אויך גאר ניט געענטפערט, אָבער אין איהר הארץ האט זיא געשפירט דאסזעלבע געפיהל זיך ערוועקען, וויא צו יענער צייט, ווען זיא האט איהם צום ערשטען מאל ערבליקט אויף דער באהן. איהר פרייד, איהם צו זעהען, האט מען געקענט גאנץ דייטליך מערקען אין איהרע אויגען, אין איהר שמייכעל אונד יעדע בעוועגונג. אננא פלעגט אלעס מעגליכע אָנווענדען צו דערשטיקען אונד בעהאַלטען איהרע געפיהלע, אָבער עס איז איהר ניט געלונגען.

עס האט געדויערט א היבשע צייט, ביז אננא האט זיך אָנגעהויבען זעלבסט צו גראטולירען, אז ווראַנסקי'ס ליעבע — זיא פלעגט עס רופען פערפאָלגונג, — האט איהר אָנגעהויבען צו עקלען. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט ביז זיא האט איינ־געזעהען, אז זיא נארט זיך אליין. עס איז געווען אין איין אבענד, ווען זיא איז גע־זאָנגען ערגעץ אויף בעזוך; זיא האט גערעכענט, אז ווראַנסקי איז דאָרט דאָ. נאכדעם אָבער וויא זיא האט איהם דאָרט ניט געטראָפען, האט זיך איהר געדאכט, אז אלעס איז אזוי טרויעריג אונד פינסטער, אז נאָר ער אליין וואָלט אימשטאנדע געווען צו ברענגען גליק אונד מונטערקייט. זיא האט זיך דאן געמוזט מודה זיין, אז זיא ליעבט ווראַנסקיין פון איהר טיעפער זעעלע.

אין איין אנדערן אבענד, האט ווראַנסקי, זייענדיג אין דער אָפּערא, בעמערקט פרינצעסין בעטסי. ער איז צו איהר גלייך צוגעגאנגען.

„ווארום זייט איהר הייגט ניט געווען צו מיטאַג־עסען?“ האט זיא געפרעגט מיט א ניעדריגע שטימע. „עס איז א מערקווירדיגע זאך וויא אזוי געליעבטע ווייסען פון אלעס; זיא איז אויך ניט געווען. יעדענפאלס מעגט איהר הייגט קומען נאך דער אָפּערא.“

ווראַנסקי האט צו איהר געבליקט ערשטוינט אונד ערוואַרטעט א וויטערע ערקלערונג, אָבער בעטסי, זיך ניט בעקימערענדיג אום דעם, האט געפרעגט: „וואס איז מיט אייך געוואָרען? וואו איז אייער מונטערקייט פערשוואונדען?“

„וואס פעהלט מיר דען אזוי?“ האט ווראַנסקי געזאגט. „איבריגענס, וואס מאכט עס פאר איין אונטערשיעד וויא איך בין... ענטשולדיגט מיר, גרעפין.

www.libtool.com.cn

פרעגט מיך ניט ווייטער, איך האב מורא איך וועל מאכען חוזק פון מיר אליין.״

וורא̇נסקי האט פון יענער מינוט אן געוואוסט, אז בעטסי איז בעקאנט מיט אלעמע, וואס עס געהט פא̇ר צווישען איהם אונד אננא׳ן.

זיא האט געלאכט. וורא̇נסקי האט געלעזען אין איהר לאך, אונגעפעהר דיעזע ווערטער: „חוזק מאכען פון זיך אליין? ניין; דאס וואלט נא̇ר געווען דער פאל ווען מען זא̇ל זוכען דיא האנד פון א מעדכען אונד מורא האבען, אז זיא וועט ענט־זאגען; אבער מיט א פערהייראטעטער פרוי, ווען מען זוכט זיא צו פערפיהרען, קען מען ניט חוזק מאכען פון זיך אליין.״

וורא̇נסקי האט אויך גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס איז דיא מיינונג פון דער העכסטער געזעלשאפט, אונד קיינער בעטראכטעט עס ניט פאר קיין עולה.

## קאפיטעל 3.

ווען פרינצעסין בעטסי איז אהיים געקומען פון דער א̇פערא, האבען איהרע געסט שוין א̇נגעפאנגען א̇נצוקומען מיט זייערע דרא̇שקעס, אונד אויף׳ן טיש, פער־שפרייט מיט א קלא̇ר ווייסעם טישטוך אונד בעלייכטעט מיט מעהרערע ווערסענע ליכט, איז געשטאנען א בלאנקער סאמא̇וואר אונד זיך געקאכט.

זיך האט זיך געזעצט צו טיש, אונד א דיענער, עלעגאנט געקליידעט, האט א̇נגעפאנגען אויסצוטהיילען דיא גוט־שמעקענדע טהעע צו דיא געסט, וואס זיא האט א̇נגעגא̇סען. וורא̇נסקי איז פריהער אריין געקומען אונד איז געשטאנען נעבען דער הויז־ווירטהין, מיט א פאאר מינטען שפעטער, איז ערשיענען אננא, וועלכע איז צו־געגאנגען צו וורא̇נסקי׳ן אונד צו איהם געזאגט:

„איך האב היינט ערהאלטען א בריעף פון מא̇סקווא, וואו מען שרייבט מיר, אז קיטטי שערבאטצקי איז זעהר קראנק.״

„ווירקליך?״ האט וורא̇נסקי געפרעגט זעהר ערנסט.

אננא האט איהם געקוקט אין געזיכט.

„איז דאס אזוי גלייכגילטיג בייא אייך?״ האט זיא געפרעגט.

„אין געגענטהייל, עס טהוט מיר זעהר לייד. ענטשולדיגט מיר, וואס פעהלט איהר?״

אננא איז צוגעגאנגען צו בעטסי אונד געזאגט: „ווילט איהר מיר געבען א גלאז טהעע?״ ווען בעטסי האט געהאלטען אין א̇נגיסען דיא טהעע, האט וורא̇נסקי נאך אמאל געפרעגט אננא׳ן: „וואס שרייבט מען פון דא̇רט?״

www.libtool.com.cn

„איך האב מעהרערע מאל געדענקט," האט אננא געענטפערט, „אז דאס וואס מען רופט עהרע אין א מאן, איז בלויז א פוסטע זאך. איך האב עס אייך שוין איינינע מאל געוואלט זאגען."

אננא האט זיך דאן אבגעווענדעט אונד איז צוגעגאנגען צו א טיש וואו עס זיינען געלעגען מעהרערע פאטאגראפיען. ווראנסקי איז איהר נאכגעגאנגען אונד ארויס גענומען דאס לעדיגע גלאז פון איהרע הענד. דאן האט ער געפרעגט:

„איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט מיט אייערע ווערטער?"

זיא האט זיך דאן אומגעקוקט צו דער סאפא נעבען איהר אונד זיך געזעצט. ער האט זיך געזעצט נעבען איהר.

„איך האב עס אייך שוין מעהרערע מאל געוואלט זאגען," האט זיא פאר־טגעזעצט אהנע צו קוקען צו איהם, „אז איהר האט זיך זעהר שלעכט בענומען."

„דענקט איהר, אז איך וויים דאס ניט? אבער וועמעס פעהלער איז דאס? ווער איז שולדיג?"

„ווארום פרעגט איהר דאס מיך?" האט זיא געפרעגט מיט א שטרענגען טאן.

„ווייל איהר ווייסט עס אמבעסטען," האט ער געענטפערט בענגענדיג איהר בליק.

„עס בעווייזט נאר, אז איהר האט קיין הערץ," האט זיא געזאגט שטאמ־לענדיג.

„איהר האט א טעות, אננא; איך בין ניט שולדיג. איך האב דאס מעדכען ניט געליעבט, אדער, ווענינסטענס זיינע: דיא געפיהלע ניט געווען קיין ליעבע. צו אייך שפיר איך דאס הייליגע געפיהל פון ליעבע..."

„שווייגט!" האט זיא איהם אונטערבראכען מיט א שטימע וואס אנדערע האבען שיער דערהערט. „האב איך אייך ניט פערבאטען זיך צו בעדיענען אין מיין נעגענווארט מיט דיעזעןווארט?" איהר שטימע האט געציטערט אונד דאן האט זיא פארטגעזעצט: „הערט מיך אויס, איך האב מיין ענטשלוס געפאסט, אונד הייטע אבענד בין איך ספעציעל געקומען אייך זאגען, אז דאס מוז אויפהערען. איהר הערט? ניעמאנד האט מיר נאך פעראורזאכט איך זאל רויט ווערען פון חרפה, נאר איהר האט דאס געטהאן, אונד איך האב אויך געהאט שמערצען..."

ער האט צו איהר געקוקט אונד עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט זיא נאך ניט געזעהען אזוי שעהן אונד הערליך וויא אין יענעם אייגענבליק.

www.libtool.com.cn


„וואס דען ווילט איהר זאָל איך טהון?" האט ער געפרעגט אין איין אונ־טערגעגעבענעם טאָן.

„איך וויל איהר זאָלט פאָהרען נאָך מאָסקווא אונד איהר זאָלט בעטען קיטטי'ן אום פערצייהונג."

אננא האט שנעל אויסגעשפּראָכען דיא ווערטער אין א שטימע, וואס האט דייטליך אָנגעצייגט וורָאנסקי'ן, אַז זיא מיינט קיין וואָרט פון דעם וואס זיא זאגט.

„ניין, אננא, איהר ווילט דאס ניט!"

„ווען איהר ליעבט מיך, וויא איהר האט בעהויפּטעט," האט זיא געמורמעלט מיט א ציטערענדע שטימע, „דאַן וואָלט איהר מיך געלאָזען צופריעדען."

אויף וורָאנסקי'ס געזיכט האט זיך בעוויעזען א גליקליכע מיענע.

„הערט מיך יעצט אויס, אננא," האט ער געענטפערט: „ווייסט איהר, אַז איהר זייט בייא מיר אלעס אין דער וועלט? איהר זאגט איך זאָל אייך לאָזען צר פריעדען, אונד ווער וועט דאַן בערוהיגען מיך זעלבסט? וואס זאָל איך טהון אין מיין אונגליקליכער פערצווייפלונג? איך בין מעהר קיין בעל־הבית איבער מיר אליין, ווען איך דערזעה אייך אָדער איך דערמאָהן זיך אן אייך. איך זאָל אייך געבען פריעדען? מיין גאָט, דאס קען איך ניט אויף אזא ארט וויא איהר פערלאַנגט. איך קען אייך געבען מיך אין גאַנצע, מיין הערץ, מיין ליעבע, מיין לעבען, אלעס אָבער אבטהיילען מיינע געדאנקען פון אייך, דאס איז מיר אונמעגליך מיט מיין בעסטען ווילען. אַך, אננא, מיר דאַכט נאר, אַז איהר האט אליין אויך א טעות רענקט איהר, אַז ווען איך וועל מיך דערווייטערן פון אייך, וועט איהר שוין האבען פריעדען? ניין, ניין, דאס איז ניט מעגליך! איך קען נאָר זעהן צווייא וועגען פאר מיר אונד פאר אייך: פערצווייפלונג אָדער גליק!"

דיא לעטצטע ווערטער האט ער געמורמעלט גאַנץ שטיל אין איהר אויער, אונד דער וואַרעמער גערוך פון זיין מויל מיט דער בעריהרונג פון זיינע וואָנצעס אויף איהר האלז, האט אָנגעפיללט איהר גאַנצען קערפּער מיט אויפרעגונג אונד בער טויבענדעם גליק. נאָר זיא האט זיך בעהעררשט אונד געשוויעגען.

„מיין גאָט!" האט ער זיך געטראַכט ערפיללט מיט פרייד. „גראדע אין דיעזער מינוט, ווען איך האב ערוואַרטעט דיא גרעסטע פערצווייפלונג, איז ערשיענען דאס גרעסטע גליק — דיא ליעבע! יא, יא, זיא ליעבט מיך, — יעדער בליק פון איהרע אויגען דערצעהלט עס!"

www.libtool.com.cn 

„לאָמיר זיין גוטע פריינדע," האט זיא זיך בייא איהם געבעטען, „אונד קיינמאָל מעהר ניט רעדען דאריבער..."

„פריינדע? דאס קענען מיר ניט זיין, אננא; איהר ווייסט דאס גראדע אזוי גוט וויא איך; מיר מוזען ענטוועדער זיין גליקליך אונד צוזאמען, אָדער אונ־גליקליך אונד אָבגעטהיילט פון אנאנדער. אין אייערע הענד ליעגט יעטצט דאס שיקזאל צום ענטשיידען."

זיא האט געוואָלט עפעס זאגען, נאָר ער האט זיא אונטערבראָכען:

„אלעס וואס איך פערלאנג יעטצט, איז, דאס איהר זאָלט מיר ערלויבען צו ליידען אונד האָפען. אָבער, ווען איהר קענט דאס אויך ניט טהון, דאן הייסט מיר פערשווינדען, אונד, איך שווער אייך בייא מיין עהרע, אז איך וועל פערשווינדען. איך פערזיכער אייך, אז מיין נעגענוואַרט וועט אייך קיינמאל מעהר בע־אונרוהיגען."

„אָבער איך וויל ניט איהר זאָלט פערשווינדען," האט זיא געזאגט צער־גערענדיג.

„דאן זאָל ווענינסטענס קיין וועקסלונג אין אונזער פערקעהר ניט שטאַט־פינדען; לאָזט עס וויא עס איז." ער האט געציטערט, אונד דאן, אויפהויבענדיג זיינע אויגען, האט ער געזאגט פלוצלינג: „דאָ איז אייער מאן!"

קארענינא איז גראדע דאמאלס אריין אין ציממער מיט זיין געוועהנליכען שטאָלצען גאנג אונד בענעהמונג. ער איז צוגעגאנגען צו בעטסי'ן, געוואָרפען א פארביינגעהענדען בליק צו אננא'ן אונד ווראָנסקי'ן; דאן האט ער גענומען א שטוהל אונד זיך געזעטצט. ווראָנסקי אונד אננא זיינען געבליעבען זיטצען אויף זייער פלאַטץ.

„דיעזע געשיכטע," האט געזאגט שטילערהייט איין גאסט צום צווייטען ווינקענדיג אויף ווראָנסקי'ן מיט אננא'ן, „פאנגט אן צו ווערען זעהר אונאנ־גענעהם."

„איך האב עס דיר נאך פריהער געזאגט," האט דער אנדערער גע־ענטפערט.

אָבער ניט נאָר זייא, זאָנדערן אויך אנדערע האבען קריטיקירט אננא'ס בע־נעהמונג. כמעט יעדער האט אויף זייא געוואָרפען פערדעכטיגע בליקען. קארענינא אליין, וויא עס האט אויסגעזעהען, האט גאר ניט בעמערקט אונד איז געוועזען פער־טיעפט אין א געשפרעך. ענדליך האט בעטסי בעמערקט דאס קריטיקירען, אונד זיך

www.libtool.com.cn


אויפהויבענדיג, איז זיא צוגעגאנגען צו אננא'ן, אונד מיט איין אויסרייד, האט זיא איהר אוועק נערופען פון נעבען ווראָנסקי'ן.

מיט א האלבע שטונדע שפעטער, האט קאַרענינא געזאגט צו אננא'ן, אז ער וויל אהיים געהען אונד זיא זאָל איהם בעגלייטען. זיא האט איהם אָבער געענט־פערט, אָהנע איהם אָנצוקוקען, אז זיא וויל פערבלייבען ביז צום עסען. ער האט זיך געזעגענט אונד איז אוועק.

עס איז געוועזען שוין נאך האלבע נאכט, ווען ווראָנסקי האט צוגעפיהרט אננאַ'ן צו איהר דראָשקע אונד געזאגט:

„געדענקט אלזאָ, אָבוואָהל איהר האט מיך געמאכט איך זאָל אייך פער־שפרעכען, איז עס מעהר וויא פריינדשאפט וואס איך פערלאנג. וואס עס אנבע־לאנגט צו מיר, ווייס איך בלויז פון דאס איינציגע גליק וואס איך געפין אין דיעזען וואָרט, וועלכעס איהר פעראכטעט — ליעבע!"

„ליעבע!" האט זיא ווידערהאָלט צו זיך אליין. „איך פעראכטע דיעזעס וואָרט, ווייל עס מיינט פיעל מעהר וויא איהר קענט זיך פאָרשטעלען. צום ווידער־עהען!" זיא האט איהם געגעבען איהר האנד אונד ער, מיט זיינע ברענענדע ליפען, האט אָבגעפרעסט א קוש אויף איהרע פינגער.

## קאפיטעל 4.

אלעקסים קאַרענינא האט נוט געהערט אלעס וואס מען האט געשפראָכען איבער זיין פרוי מיט ווראָנסקי'ן בייא פרינצעסין בעטסי, נאָר ער האט זיך בלויז גע־מאכט, אז ער הערט ניט. ווען ער איז אהיים געקומען, איז ער אריין, וויא געוועהנ־ליך, אין זיין ביבליאָטהעק. ער האט זיך אוועק געזעטצט ביים טיש, אונד ער האט מעהרערע מאל זיך געריבען זיין שטערן, גראדע וויא ער האט געוואָ:ט פון דאָרט אָבווישען א געדאנק, וואס האט איהם געמאַרטערט. ער האט אָנגעפאנגען צו לעזען א בוך, נאָר ער האט פערלוירען דיא געדולד. אונגעפעהר אום 1 אוהר, האט ער זיך אויפגעהויבען אונד איז אריין אין זיין שלאָף־צימער. אננא איז נאך אימער ניט געוועזען צו הויז.

ווען קאַרענינא האט איינגעזעהען, אז ער וועט ניט קענען שלאָפען, האט ער אָנגעפאנגען ארום צו שפאצירען איבער דיא צימערן הין אונד צוריק.

ניין, ער איז ניט געוועזען אייפערזיכטיג. א מאן, לויט וויא ער האט זיך פאָר־געשטעלט, האט בעליידיגט זיין פרוי, ווען ער איז איבער איהר אייפערזיכטיג. אָבער עס האט זיך איהם נעדרענגט א פראגע אין קאָפּ: „וואס פאר א גאראנטיע האב

www.libtool.com.cn

איך, אז זיא וועט מיר אימער בלייבען טרייא?" נאָר אזוי וויא ער האט נאך בין דאמאלס קיין פערדאכט געהאט איבער אננא'ן, האט ער זיך אונטערדריקען באלד בערוהיגט. דענאך האט ער ניט פערשטאנען, ווארום עם דרעהנגען זיך איהם אזוי פיעלע געדאנקען אונד פראגען אין זיין קאָפּ.

קארעניגא האט שוין מעהר ניט געדענקט פון אויסציהען זיך; ער האט ניט אויפגעהערט צו געהן פון צימער צו צימער, וועלכע זיינען געווען שוואך בעלייכטעט; דאן האט ער זיך אָבגעשטעלט אין זיין פרויא'ס אנקליידע־צימער אונד ער האט אָנגעפאנגען צו בעטראכטען דיא פערשיעדענע שעהנע אונד קאָסטבארע קלייניגקייטען, וואס פרויען־לוקסוס האט ערפונדען. דאן האט ער וויעדער געטראכט היבשע עטליכע מינוטען ביז ער האט פּלוצלינג געזאגט ענטשלאָסען:

„יא, יא, איך מוז מאכען א סוף דערפון, אונד דערצו זאָפאָרט! אָבער וואס זאָל איך זאגען? וויא זאָל איך אנפאנגען? וואס פאר איין אורזאכע זאָל איך פאָרלעגען? איך וויים אבסאָלוט קיין אנדערע זאַך, אויסער, אז זיא האט גערעדט מיט ווראָנסקי'ן — מיט א יונגען מאן, אונד וואס איז דערפון? איך זאָל מיך ציינען אייפערזיכטיג, וועט עם הייסען, אז מיר ערנידריגען זיך ביידע."

דאן האט ער וויעדער שפּאַצירט אונד נאך אמאל געזאגט: „יעדענפאלס איז עס מיין פליכט צו מאכען א שנעלעס ענדע פון דער גאנצער געשיכטע. ווען איך וועל עס ניט טהון, וועלען עס אנדערע טהון, אונד דאן וועט דיא שאנדע זיין נאך גרעסער. יא, יא, אונבעדינגט, איך מוז איהר זאגען, געבען צו ערקלערען, אז עס איז ניט שעהן, ניט פּאסענד, אונד דאן, זאָל זיא זיך איבערהויפּט דערמאָהנען, אז זיא איז א פערהייראטעטע פרוי אונד האט א זוהן."

ער איז צוריק אריין אין איהר אנקליידע־צימער אונד זיך אוועק געזעצט. דאן האט ער געהערט צופאָהרען א דראָשקע, אונד נאכדעם האט ער געהערט אננא'ס פוס־טריט בעשטייגען דיא טרעפּען.

זיא איז אריין אין צימער, זיך שפּיעלענדיג מיט א האנדשוה וואס זיא האט נאָר וואס ארונטער געצויגען. אין איהרע אויגען האט געפלאמט איין אונגעוועהנליכעס פייער, אָבער דאס האט ניט אויסגעדריקט קיין פרייד. ווען זיא האט ער־בליקט איהר מאן, האט זיא אויפגעהויבען איהר קאָפּ אונד געשמייכעלט גראדע וויא זיא וואָלט ערוואכט פון א זיסען חלום.

„שלאָפסט נאך ניט?" האט זיא געפרעגט. „א וואונדער?" דאן איז זיא צוגעגאנגען צו דעם קליידער־שראנק אונד וויטער געפרעגט: „איז עס שוין שטארק שפּעט, אלעקסים?"

www.libtool.com.cn

„אננא, איך האב מיט דיר עפּעס צו רעדען.“

„מיט מיר?“ האט זיא געפרעגט ערשטוינט, זיך אומווענדענדיג. „איבער וואס? אלזא“ — זיך זעטצענדיג — „לאָמיר הערען.“

„אננא, איך וויל דוא זאָלסט זיין פאָרזיכטיגער.“

„פאָרזיכטיגער? מיט וואס?“ איהר שטימע איז געווען גאנץ אונשולדיג אונד נאַטירליך. קאַרענינא האט פרייער אויפגעאטהעמט אונד איך געטראכט, אז זיא וועט זיין גאנץ אויפריכטיג אונד ער וועט זיך קענען מיט איהר דורכריידען רוהיג אונד געלאַסען.

„איך מיין,“ האט ער ווייטער געזאגט, „אז דוא ביסט זעהר אונפאָרזיכטיג פאר דער וועלט, מיט דיינע לייכטזיניגע בענעהמונגען. דיין טיעפעס געשפּרעך היינטיגע נאכט מיט דעם, דעם גראף ווראָנס — קי, האט צוגעצווינגען יעדען'ס אויפּמערקזאמקייט.“

ער האט געציטערט, נאָר זיא האט געענטפערט זעהר רוהיג:

„איך ווייס שוין ניט וויא מען קען יוצא זיין געגען דיר. אמאל ביסטו ניט צופריעדען מיט מיין רוהיגקייט, אונד יעטצט ווייל איך האב מיך צופּיעל אונטערהאלטען. וואס ווילסטו?“

„רוהיג, איך בעט דיך,“ האט ער געזאגט ניט קענענדיג איינזיטצען אויף'ן שטוהל. „איך בין היינטיגע נאכט זעהר נערוועז.“

„ווארום? וואס ווילסטו זאָל איך טהון?“

„הער מיך אויס, אננא,“ האט ער געענטפערט אין א קאַלטען אונד בערוהיגטען טאָן. „איך מוז דיך בעטען דוא זאָלסט מיך אויסהערען ביז צו ענדע. איך בעטראַכט דיא אייפערזוכט, אלס זעהר איין ערניעדריגענדעס געפיהל, אונד איך האָף, אז איך וועל קיינמאָל ניט קומען דערצו; אָבער עס זיינען פערהאנדען אנדערע זאכען, וועלכע מען מוז זעהר פאָרזיכטיג בעטראַכטען. ווען מען זאָל אוורטהיילען פון דעם איינדרוק וואס דוא האסט היינטיגע נאכט געמאכט — ניט אויף מיר, זאָנדערן אויף אנדערע, — שיינט עס, אז דוא האסט זיך פערגעסען וויא צו בענעהמען.“

„ווייס איך וואס דוא זאגסט,“ האט אננא בעמערקט אויפציהענדיג מיט דיא אקסלען. דאן האט זיא זיך געטראַכט: „אזוי איז ער; איהם קימערט נאָר וואס אנדערע זאגען.“ דאן העכער: „דוא פיהלסט ניט גוט, אלעקסיס, געה בעסער שלאָפען.“

www.libtool.com.cn

זיא האט זיך אויפגעהויבע אום צו פערלאָזען דאס צימער, אָבער ער איז אויך אויפגעשטאַנען אונד איהר וויא פערהאַלטען דעם וועג.

„גוט, גוט,“ האט זיא בעמערקט. „איך הער; דוא קענסט ווייטער זאגען וואס דוא ווילסט. דיא געשיכטע אינטערעסירט מיך.“

„איך האב ניט קיין רעכט,“ האט ער ווידער אָנגעפאַנגען שפּירענדיג וויא עס ווערט איהם קאַלט, „מיך נאכצופרעגען איבער דיינע געפיהלע. עס וואָלט ערשטענס קיין נוטצען געבראכט, אונד צווייטענס איז דאס גאר געפעהרליך. ווען מיר זוכען צו טיעף אין דיא פערבאָרגענע קעמערלעך פון אונזערע נשמות, דאן קומען מיר צום בעשלוס, אז מיר ענטדעקען דאָרט זאכען, וועלכע וואָלטען בעסער געווען צו זיי.. בעהאַלטען. דיין אייגענעם געוויסען, אננא, איז פעראנטוואָרטליך פאר דיינע גע- פיהלע; אָבער, צווישען דיר, מיר, אונד גאָט, בין איך געצוואונגען דיך צו דער- מאָהנען אן דיינע פליכטען. אונזער לעבען איז ניט פעראייניגט געוואָרען דורך מענשען, זאָנדערן דורך גאָט. נאָר זינד קען צעררייסען אונזער פערבינדונג - אונד דיעזע איז אזא זינד וואס טראגט מיט זיך איהר אייגענע שטראַפע.“

„איך פערשטעה איבערהויפּט ניט פון וואס דוא רעדסט, אונד איך בין זעהר מיעד אונד שלעפעריג,“ האט אננא געענטפערט ארויס ציהענדיג דיא בריליאנטענע שטעק-נאָדעל פון איהרע האאר.

„אננא, אום גאָטעס ווילען, רעד ניט אזוי!“ האט ער אויסגערופען מיט איין אונטערדריקטער ערגערניס; „פיעלייכט האב איך געהאט א טעות, אָבער גלויב מיר, אז אלעס וואס איך זאג, איז גראדע אזוי דיר לטובה וויא מיר; איך בין דיין מאַן אונד איך ליעב דיך.“

אויף איין אויגענבליק, האט אננא'ס געזיכט אָנגענומען א ווייכערע מיענע, אונד דער שפּאָטישער שמייכעלע איז פערשוואונדען פון איהרע ליפּען. „ווייסט זור ווירקליך וואס ליעבע הייסט?“ האט זיא זיך נעטראכט. „אָבער ניין, איך בין זיכער, ווען ער וואָלט ניט געהערט דאס וואָרט פון אנדערע, וואָלט ער אפילו ניט געוואוסט אויב אזא געפיהל עקזיסטירט.“

„אלעקסים,“ האט זיא פלוצלינג געזאגט אביסעל שטרענג. „איך פערשטעה דיך ניט; ווילסטו אזוי גוט זיין אונד מיך דייטליכער ערקלערען.“

„יא, איך וועל דיך דייטליכער ערקלערען. אָבוואָהל איך ליעב דיך, אָבער דאָך, מערק עס דיר גוט, איך רעד ניט פיר מיר אזוי פיעל, וויא פיר דיר אונד דיין קינד. איך זאג עס נאך אמאל, אז עס איז מעגליך, דאס מיינע ווערטער זיינען פּוסט אונד האבען קיין בעדייטונג. ווען דאס איז דער פאל דאן בעט איך דיך אום

www.libtool.com.cn

פערצייהונג, אָבער, ווען דוא אליין שפירסט, אז עס איז דאָ א גרונד איבער מיין פערדאכט, דאן בעט איך דיך גוט נאכצודענקען דאריבער, אונד עפענען פאר מיר דיין הערץ.'

קארענינא האט ניט בעמערקט, אז ער האט זיך בעדיענט מיט ווערטער אונד טענות, וואס זיינען געווען גראדע דער געגענטהייל פון דעם וואס ער האט זיך פריהער פאָרבערייטעט צו זאגען.

„איך האב דיר קיין זאך צו פערטרויען אונד ווייס ניט מיט וואס איך זאָל דיר עפענען מיין הערץ,“ האט זיא שנעל געזאגט אונטערדריקענדיג א שמייבעלע וואס האט זיך געדרענגט אויף איהרע ליפען. „דאן, דענק איך, אז עס איז איבער־הויפט צייט צו געהען שלאָפען.“

אלעקסים קארענינא האט געזיפצט, אונד אָהנע צו רעדען מעהר א וואָרט, איז ער ארויס פון צימער. אננא האט איהם נאכגעקוקט אונד איהר געזיכט איז בלאַס געוואָרען. איהר הארץ האט שווער געקלאפּט, אונד ווען ווראָנסקי'ס בילד איז ער־שיענען פאר איהרע אויגען, האט זיא געמורמעלט: „צו שפעט! צו שפעט!“

קאפּיטעל 5.

פון דיעזער נאכט אן האבען זיך דיא פערהעלטניסע צווישען אלעקסים קאַ־רענינא אונד זיין פרוי, שטארק פערענדערט. פאר דער וועלט, איז אלעס געווען אזוי וויא פריהער, נאָר אין הויז, זיינען זייא געווען וויא פרעמדע. זייא זיינען זאָגאר ניט פערבליעבען אליין אין א צימער, אָהנע יעמאנד זאָל ניט זיין דערבייא. אננא פלעגט זעהר אָפט בעזוכען פּרינצעסין בעטסי, וואו זיא האט געוואוסט, אז זיא קען במעט אימער דארט טרעפען ווראָנסקי'ן. קארענינא האט דאס אלעס געוואוסט, נאָר ער האט ניט איינגעזעהען, וויא ער קען דאָס שטערען. ווען ער האט געוואגט אמאָל צו מאכען א קליינע בעמערקונג, האט איהם אננא אימער געענטפערט מיט א געהיימניספאָלען שמייכעל. ער, אלעקסים קארענינא, דער אלמעכטיגער פּאָ־ליטיקער אונד דיפּלאָמאט, איז געווען קראפטלאָז געגען זיין פרוי. ער האט דאן איינ־געזעהען, אז ער מוז געדולדיג ערווארטען דעם לעטצטען קראך. ער האט אייניגע מאָל בעשלאָסען צו פּראָבירען מיט גוטסקייט, צערטליכקייט, ליעבע, פערנינפטיגע ווערטער, אום צו ווירקען איבער אננא'ן, אָבער ער האט זיא יעדעס מאָל געטראָפען אזוי הארטנעקיג אונד פול מיט פעראכטונג פיר איהם, אז ער האט פערלוירען דעם מוטה צו שפּרעכען.

— — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn


א גאנצעס יאָהר איז פאַראיבער אין דיא ווילדעסטע אונד צערטליכסטע ליעבעס־געפיהלע צווישען אננא'ן אונד ווראָנסקי'ן. בייא איהם האט דיא צייט אויסגעזעהען וויא דאס בליהען פון א הערדליכער רויז, אַן וועלכער'ס עקזיסטענץ זיי לעבען היינגט אָב, אונד בייא איהר איז אַלעס געווען וויא א הערדליכער אונד נעמט־ליכער טרוים, מיט איין ערוואכען, צייטענוויין פון דער בערוישונג, אונד ערבליקען א טרויעריגע ווירקליכקייט.

אָבער דיא רויז האט נעמוזט אויסוואקסען, פערטיג ווערען צום אָברייסען, אונד פון דעם טרוים האט מען געמוזט ערוואכען צו א ווירקליכקייט וואס זאָל אַלעס ארוים ברענגען אין דער דייטליכקייט. דיא שטונדע איז ענדליך געקומען, ווען דיא בערוישונג, אויפרעגונג אונד אויפברויזונג, האט פערוואָרפען אַלעס אַן א זייט, אונד...

זאָגאר, ער, ווראָנסקי, איז געשטאנען בלאַס אונד ציטערענד נעבען איהר, זיא בעטענדיג זיא זאָל זיך בערוהיגען, אונד... ער האט געפלוידערט; ער האט אליין ניט געוואוסט וואס ער רעדט. עפּעס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט ניט נאָר אָבגעריסען דיא פערטיגע בלום וואס ער האט אזוי לאַנג געפּפלעגט, זאָנדערן, ער האט זיא צערטרעטען מיט דיא פיס אונד זיין וואהרעס פערליעבטעס הערץ האט איהם וועה געטהאָן.

„אננא! אננא!" האט ער געזאגט אין א טאָן ציטערענד מיט אויפרעגונג;

„אננא! אום גאָטעס ווילען, זייא רוהיג!"

אָבער וואס העכער ער האט אויפגעהויבען זיין שטימע, אַלץ ניעדריגער האט זיא אַנגעבויגען איהר קאָפּ — דיעזען קאָפּ, וועלכען זיא האט ביז מיט א קורצע צייט פריהער, געקענט טראָגען הויך אונד שטאָלץ פאַר דער גאנצער וועלט. איז יעטצט געווען ערניעדריגט ביז צו דער ערד. זיא וואָלט פאָזיטיוו אומגעפאַלען, ווען ער וואָלט זיא ניט צוגעהאַלטען.

„אַך! פערצייהע מיר!" האט זיא געמורמעלט פון צווישען איהר העפטיגעס וויינען. זיא האט אָנגענומען זיין האנד אונד זיא געדריקט צו איהר קלאַפּענדער ברוסט. זיא האט זיך געפיהלט שולדיג פאַר דער גאנצער וועלט, זאָגאר פאַר איהם אויך, אונד דערפאר האט זיא געבעטען אום פערצייהונג. דאַן האט זיך איהר גע־דאכט, אז זיא איז אָבגעשניטען געוואָרען פון דער גאנצער וועלט, אונד ער איז דער איינציגער, בייא וועלכען זיא קען פאָדערן שוטץ.

ווראָנסקי וויעדער, האט זיך געשפירט וויא א מערדער, וואס שטעהט איבער דעם טויטען קערפּער פון זיין אָפּפער. עס איז געווען דאס ערשטע אונד גרעסטע

www.libtool.com.cn

אפפער דער ליעבע. אין דיערע געדאנקען איז פארגעגאנגען עטוואס שרעקליכעס איבער דעם פרייז וואס זייא האבען בעצאהלט פיר זייער שאנדע. אבער דאס געפיהל פון דעם מאראלישען פערברעכען, איז געווען מיט מיליאנען פראצענט שטארקער בייא אננא'ן וויא בייאווראנסקי'ן. דער מערדער מעג וויא שרעקליך פיהלען נעבען דעם קערפער פון זיין אפפער, א טהאטזאכע איז עס אבער, אז ער מוז זעהען פער־בארגען זיין טהאט אונד וויטער געניעסען דיא פרוכט פון זיין ארבייט. מיט דעמ־זעלבען גייסט וויא דער מערדער בעפאלט זיין אפפער אונד צעררייסט איהם אויף שטיקער אין זיין צארן, אזוי האט יעטצט ווראנסקי בעדעקט אננא'ס געזיכט אונד האלז מיט ברענענדע קושען. זיא האט בלויז געהאלטען זיין האנד אונד זיך ניט בע־וואויגען. זיא האט געקויפט דיא קושען מיט איהר עהרע; דיא האנד איז געווען דיעזע פון איהר מיטפערברעכער אונד האט אלזא בעלאנגט אויך צו איהר; זיא האט אויפגעהויבען דיא האנד צו איהרע ליפען, אונד זיא געקושט. ווראנסקי איז געפאלען אויף זיינע קניען אונד אנגעווענדעט אלעס מעגליכע צו זעהען איהר געזיכט וואס זיא האט זיך געשעהמט פאר איהם צו ווייזען. ענדליך האט זיא איהם צערטליך אבגעשטויסען אויף א זייט, אונד, מיט א ציטערענדער אבער ענטשלאסענע שטימע, האט זיא געזאגט: „אלעס איז יעטצט פאראיבער. איך האב ניעמאנדען מעהר אויף דער וועלט, אויסער דיך. געדענק דאס גוט!"

„וויא קען איך פערגעסען אן דעם וואס איז מיין גאנצעס לעבען? פיר איין אויגענבליק פון אזא גליק — "

„גליק!" האט זיא אויסגעשריען אין א טאן פון שרעק אונד אבשייא, אז ער האט זיך וויא געפונען בעליידיגט. „קיין ווארט — קיין ווארט מעהר דא־ריבער!"

זיא האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל אונד איז אוועק גע־גאנגען.

אננא'ס געפיהלע פון שאנדע, מורא, פרייד אונד גליק, זיינען געווען אזוי שטארק אונד פערמישט, דאס נאכדעם וויא זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זיא בעמערקט: „ניט יעטצט, שפעטער, יא שפעטער, וועל איך דענקען איבער אלעס."

## קאפיטעל 6.

אין א שעהנעם פריהלינגס־טאג, מיט איינינע וואכען שפעטער, נאכדעם וויא לעווין האט פערלאזען מאסקווא, איז ער געפאהרען א וויטע שטרעקע אויף זיינע

www.libtool.com.cn




ניטער אום דורכצופיהרען עפּעס א נעשעפט מיט זיין אגענט. זיך אומקעהרענדיג ווידער אהיים, האט ער בעגעגענט א דראָשקע נעבען זיין הויז, אוּנד באלד איז איהם אויך ענטקעגען געגאַנגען סטעפאַן ארקאדיעוויטש.

„מיר פרייט זעהר דיך צו זעהען!" האט לעווין אויסגעשריען איהם געבענדיג זיין האנד. דאן האט ער זיך געטראַכט: „יעטצט וועל איך גענוי וויסען אויב זיא איז שוין פערהייראַטעט."

„דוא האסט מיך גאר ניט ערוואַרטעט," האט סטעפאַן געזאגט, „אָבער איך בין געקומען פאר דרייא אורזאַכען: דיך צו זעהען; צו געהען אויף דער יאַגד אונד אויך פערקויפען מיין האָלץ צו דיינעם א שכן."

„עס מאַכט ניט אויס ווארום דוא ביסט דאָ. מיך פרייט עס יעדענפאלס," האט לעווין געענטפערט. זייא זיינען דאַן אריין אין הויז.

„אונד וויא געהט עס מיט דיר אין אלגעמיין?" האט לעווין געפרעגט.

סטעפאַן'ס געזיכט איז מונטער געוואָרען אונד ער האט געענטפערט:

„ווען דוא קענסט דיך ערינערן, האבען מיר אמאל געשפּראָכען איבער דער פראגע, וויא אזוי דאס איז מעגליך, אז נאך א גוטען מיטאג, קען מען נאך עסען א שטיק פרישעס ברויט. דוא האסט דאמאלס קיין געדולד געהאט צו רעדען דא־ריבער. יעטצט בעהויפּטע איך ווידער, אז עס איז ניט מעגליך צו לעבען אָהן ליעבע. אָבער וויא דיא זאַך איז, איך וועניגסטענס קען ניט זיין אָהן ליעבע, אונד איך געפין זעהר פיעלעס פערגניגען אין ליעבע אונד גאַנץ וועניג אונרעכט דערבייא."

„וואס!" האט לעווין אויסגעשריען. „איז שוין עפּעס א נייע געשיכטע?"

„אה ניין, עס איז נאך אימער דיא אלטע. איך וויל דיר בלויז זאגען, אז דיעזע פרויען וואס מען שטעלט זיך פאָר אין דער פאנטאזיע, ווען מען טרעפט זייא אין ווירקליכען לעבען, איז א פערברעכען זייא אויסצומיידען."

„אָבער אזעלכע איז דאָך שווער צו געפינען."

„דאס מאַכט ניט," האט סטעפאַן געענטפערט לעבהאפט. „א גרויסער מאַן האט אמאל געזאגט, אז א וואהרעס גליק בעשטעהט ניט אין געפינען דיא וואהר־הייט, זאָנדערן אין זוכען דיא וואהרהייט."

לעווין האט מעהר גאר ניט געזאגט. זיין פריינד'ס פאנטאזיען אונד פלוידע־רייען, האט ער ניט פערשטאַנען אונד זיך ניט שטארק אינטערעסירט צו פערשטעהן. נאך'ן עסען, האבען זייא ביידע גענומען ביקסען אויף זייערע שולטערס אונד ארויס געגאַנגען אויף דער יאַגד, בעגלייטעט פון דיא הינט. דיא יאַגד איז געוועזען זעהר

www.libtool.com.cn


אונטערהאלטענד, אונד גענגען אבענד, האָבען זייא צוריק נעקעהרט אהיים, ווייערע טאַשען פול מיט פויגלען אונד טהיערע. זייענדיג ניט ווייט פון הויז, האט לעווין בעמערקט:

„סטיווא, דוא האסט מיר נאך ניט דערצעהלט אויב דיין שוועגערין איז שוין פערהייראטעט אָדער ניט?"

„זיא איז נאך ניט פערהייראטעט אונד עס שיינט, אז זיא איז נאך איבער־הויפּט זעהר וויט דערפון. זיא איז געוועזען זעהר קראנק אונד דיא ערצטע האבען איהר געהייסען בעזוכען אויסלאַנד. מען האט שוין זאָגאר אין איין צייט נערעכענט, אז זיא וועט ניט לעבען."

„וואס איז געשעהען?" האט לעווין אויסגעשריען. „קראנק? וואס איז דאס פאר א קראנקהייט?"

„דאס" — אָבער גראדע אין יענעם אויגענבליק האט זיך געהערט א קלאפּ פון פליגעל; לעווין איז געוועזען שנעלער מיט זיין ביקס; א קראך, אונד מיט א פּאאר סעקונדען שפּעטער, האט לאסקא, דער הונד, צוגעבראכט דעם פויגעל אין זיין מויל.

דיא ערקלערונג איבער קיטטי׳ס געזונדהייט, האט ערשט סטעפּאן אָבגע־געבען, ווען זייא האבען צוריק געקעהרט אין הויז. לעווין, אָבוואָהל ער האט פאר זיך געזעהען געפּעגנט א נייע טהיר צו זיין גליק, האט ער אָבער ניט געקענט אונ־טערדריקען א לייכטעס געפיהל פון נקמה צו דיעזער וואס האט איהם פערשטויסען. אלס סטעפּאן האט איהם אָבער געוואָלט ווייטער דערצעהלען איינצעלהייטען פון ווראָנסקין מיט קיטטי׳ן, האט איהם לעווין אונטערבראָכען מיט דיא ווערטער: „ניין, ניין, איך האב קיין רעכט צו וויסען דיעזע פאמיליען געהיימניסע, אונד זייא אינטע־רעסירען מיך אויך ניט."

לעווין איז געוועזען דעם גאנצען אבענד זעהר פרעהליך. ער האט אויסגעזעהען הרטה צו האבען ווארום ער האט ניט געלאָזען סטעפּאנען אלעס אויסדערצעהלען. ענדליך האט ער געזאגט: „יעדענפאלס, סטעפּאן, וואָלט איך נייגיעריג געווען צו וויסען, וואס עס איז איבערהויפּט געוואָרען פון ווראָנסקי׳ן?"

„ווראָנסקי?" האט סטעפּאן געזאגט מיט א גענעץ. „ער איז אין סט. פּעטערסבורג. ער איז דאן באלד אוועק פון מאָסקווא אונד מעהר ניט צוריק נעקעהרט. ווייסטו וואס קאָנסטאנטין, איך גלויב, אז דוא ביסט דיר אליין אין גאנצען שולדיג. דוא האסט דיך דערשראָקען פאר ווראָנסקי׳ן אונד ביסט דיר ענטלאָפען. דוא ביסט

www.libtool.com.cn 

'עדענפאלס" — ער איז דערבייא אונטערבראָכען געוואָרען פון א גענעץ, והאס ער האט זעלבסט ניט געקענט אונטערדריקען.

„ווייס ער אָדער ווייס ער ניט וויא ווייט איך בין געגאַנגען?" האט זיך לעווין אַלייז „עפּרעגט בליקענדיג צו זיין פריינד.

„ווען זיא האט אפילו געמיינט, אַז זיא דארף יענעם פּאַרציהען," האט סטעפּאַן וויטער געזאגט שלעפעריג, „דאַן איז דאס נאָר געווען גלאט אַזוי, וויל אנדערע פיעללייכט האבען איהר איינגערעדט. אין אמת'ן, איז ער דאָך אויך א גרויסער אריסטאָקראַט, זעהר רייך אונד בעזיטצט א הויכע שטעלע איבערהויפּט פערשטעהט שוין זיין מוטער וויא זיא זאָל מאַכען פון א ניסעל א מיהל־שטיין, אונד ויא זעהט אויך, אַז דיא גאַנצע וועלט זאָל דאריבער רעדען."

לעווין'ס געזיכט האט זיך פערפינסטערט. ער האט זיך דערמאָהנט וויא אַזוי אונבאַרמהערציג קיטטי האט איהם ענטזאגט.

„ענטשולדיג מיר," האט לעווין געזאגט איהם אונטערברעכענדיג. „דוא האסט מיר דאָ דערצעהלט פון זיין אריסטאָקראַטיע — קענסטו מיר ניט ערקלערען אין וואס ווראָנסקי'ס אריסטאָקראַטיע בעשטעהט אונד וואס דאס האט צו טהון דער־מיט, אַז זיא זאָל מיך צוריק שטויסען? דוא בעטראַכסט מיך אויך אלס איין אריסטאָקראַט, אָבער איך שטים ניט איין מיט דיר. הער מיך אויס, מענש! איך פערשטעה אונטער דעם וואָרט אריסטאָקראַט, ווען א מענש קען אויפצייגען זיין פאטער, מוטער, זיין עלטער־פאטער, זיין עלטער־עלטער־פאטער, אלס רוהיגע, געבילדעטע אונד ניכטערנע מענשען, וועלכע האבען קיינעם קיין בעזעס ניט געטהאָן אונד ניעמאנדען בעראַבעוועט; אימער געלעבט עהרליך אונד אנשטענדיג. אָבער א מאַן, וועלכער האט געהאט א פאטער, וועלכער איז פּלוצלינג אויפגעהויבען געוואָרען פון מיסט דורך א בלינדען צופאַל, וועלכען'ס מוטער האט שוין בעטריעבען ליעבעס, גאָט ווייס מיט וועמען — רופסטו דעם אויך אריסטאָקראַט? ניין, סטעפּאַן אין דיעזער בעציהונג קען איך מיט דיר ניט איינשטימען!"

„אין געגענטהייל," האט סטעפּאַן געענטפערט שמייכלענדיג גוטמיטהיג. „איך שטים יא מיט דיר איין, אונד טאַקי דערפאַר רוף איך דיך אַליין אריסטאָ־קראַט, ניט ווראָנסקי'ן. אָבער, וויא דיא זאַך איז, וואָלט איך געראַטהען דוא זאָלסט ניט זיין קיין אינגעל, אונד, ווען איך זאָל זיין אין דיין שטעלע, וואָלט איך אריין גע־פאָהרען נאָך מאָסקווא — "

„וואַרט, סטעפּאַן, געה ניט ווייטער; איך צווייפעל אויב דוא ווייסט ויא ווייט איך בין שוין געגאַנגען. דיא געשיכטע איז גאַנץ איינפאַך: איך האב מיך

www.libtool.com.cn




אנגעבאטען צו קיטטי'ן אונד זיא האט מיר ענטזאגט אויף אזא ארט, אז איך וועל אין מיין גאנצעם לעבען ניט פערגעסען דיא ערניעדריגונג..."

„אך! וויא נארריש זיא האט געהאנדעלט!"

„לאמיר שוין יעטצט שוויינען דאריבער. דוא וועסט מיר ענטשולדיגען ווארום איך האב עס דיר פריהער ניט דערצעהלט. יעטצט ווייסטו שוין אלעס." אונד נעהמענדיג דאס ליכט פון טיש האט ער געזאגט: „איך מיין, סטיווא, אז יעטצט וואלסטו מיך אליין ניט געראטהען איך זאל נאך אמאל צו איהר געהען. איך בעט דיך ווייטער, אז דיעזע געשיכטע זאל אונזער פריינדשאפט פיר דער צוקונפט ניט שטערען."

„געוויס ניט, קינד וואס דוא ביסט. וואס האט איינעם מיט דעם אנדערן צו טהון? איבריגענס פרייט עס מיך וואס דוא האסט מיר אלעס ערקלערט. גוטע נאכט, קאנסטאנטין, גוטע נאכט!"

## קאפיטעל 7.

אבוואהלווראנסקי איז געוועזן פערטיעפט מיט לייב אונד לעבען אין זיין ליעבע, האט ער דאך, זיין אויסווערטיגע אויפפיהרונג, ניט געוועקסעלט. ער האט גוט אכטונג געגעבען, אז אין דער מיליטערישער אונד ציוויל וועלט, זאל ער ערשיינען רערזעלבער וויא פריהער. עס איז אויך איבריג צו דערצעהלען, אז ער איז ניט געווען איינער פון דיא מענער, וואס זאל זיך בעריהמען איבער זיינע ליעבעס־פערהעלטניסע. עס האט ניט אויסגעמאכט וויפיעל וויין ער האט געטרונקען, אדער אין סאי וואס פאר א געזעלשאפט ער איז געווען, זיינען זיינע ליפען געבליעבען געשלאסען אין דעם וואס אנבעלאנגט אננא'ן. יעדער האט איהם אונטערדעסען מקנא געווען דערמיט וואס אזא הויכע דאמע וויא מאדאם קארענינא, איז געווען זיין פריינדין, אונד ער אליין האט ניט אויפגעהערט צו דענקען איבער אננא'ן בייא טאג אונד בייא נאכט. דעננאך האט ער זיך מעהרערע מאל געשפירט זעהר אונגליקליך וויסענדיג. אז ער מוז בעהאלטען דיעזעס גליק, פון אננא'ס ליעבע, פאר דער וועלט.

וואס עס בעלאנגט דיא יונגע פרויען פון דער הויכער געזעלשאפט, וועלכע זיינען אימער געווען אייפערזיכטיג איבער אננא'ס גרויסע שעהנהייט אונד איינפלוס, האבען פון זיך פערשטאנען, אז דיא בעציהונגען צווישען איהר אונד ווראנסקי'ן, זיינען ניט א.וי גאנץ איינפאך וויא מען דענקט. זייא האבען זיך דערפאר געפרייט מיט איהר ניעדערפאל. ווייל זייא האבען פריהער אימער געהערט איבער איהר זאגען: „זיא איז שעהן, רייך, געבילדעט, בעליעבט אונד אויך א מאדעל פון אנשטאנד." איהרע

www.libtool.com.cn 

עלטערע בעקאנטע ווערער, האבען געבליקט מיט שרעק אין דער צוקונפט, ווען א פירכטערליכער סקאנדאל וועט מוזען אויסברעכען.

אנפאנגס האט ווראָנסקי׳ס מוטער הנאה געהאט פון איהר זוהן׳ס צופעלינער ליעבע; נאך איהר אנזיכט, האט אזא ליעבע מיט א הויכער דאמע, נאך געקענט פערגרעסערן דיא אכטונג פון איהר זוהן. זיא האט זיך אויך געפרייט דערמיט וואס זיא האט ערפאהרען, אז אננא, דיא פרומע אונד שטיללע טויב, איז נאך אלעמען ניט בעסער געווען וויא זיא אליין אין איהר יוגענד. אָבער מיט דער צייט האט זיא ערפאהרען, אז איהר זוהן, אום צו פערבלייבען נעבען מאדאם קארענינא, האט ער זיך ענטזאגט פון א גרויסען מיליטערישען פאָסטען. דאס האט איהר שטארק פערדראָסען.

ווראָנסקי, אויסער זיין ליעבע צום מיליטערישען לעבען, איז ער אויך געווען א גרויסער ליעבהאבער פון פערד אונד אליין א טיכטיגער רייטער. בייא א בעריהמטער רייט־וועטע, איז ער איינגעשריעבען געוואָרען אלס איינער פון דיא הויפט־בעטהייליגטע.

אין דעם מאָרגען, ווען דיא רייט־וועטע האט בעדארפט שטאטפינדען, האט ער זיך דערמאָהנט, אז אננא האט איהם פערשפראָכען, דאס נאך דער רייט־וועטע, וועט זיא איהם ערלויבען צו פערבלייבען א שטונדע אליין אין איהר געזעלשאפט. ער האט זיא שוין 3 טעג ניט געזעהען, אונד ערפאהרענדיג, אז איהר מאַן האט צוריק געקעהרט נאך סט. פעטערסבורג פון אויסלאנד, האט ער מורא געהאט, אז זיין אנ־וועזענהייט וועט זיא שטערען צו ערפילען איהר פערשפרעכען. זיין אונגעדולד איז געוואָרען זעהר גרויס, אונד ער האט בעשלאָסען, דאס עס מעג זיין וואס עס וויל זיך, וועט ער זיא בעזוכען אום צו הערען אויב זיא וועט קענען האלטען איהר פער־שפרעכען.

„איך וועל בלויז זאגען,“ האט ער זיך געטראכט, „אז בעטסי האט מיך גע־שיקט איך זאָל איהר אָנזאגען, וואו זייא זאָלען זיך בעגעגענען בייא דער רייט־וועטע.“

אננא איז געווען אין איהר מאַן׳ס לאנד־הויז, עטליכע מייל׳ען וויים פון דער שטאָדט, אונד ווראָנסקי איז אהין אוועק מיט א דראָשקע. ער איז ארונטער גע־גאנגען מיט א שטרעקע ווייטער פון איהר הויז, דאס ער זאָל קיין אויפמערקזאמקייט צו ציהען, אונד איז אריין אין הויף צו פוס.

„איז שוין דיין הערר געקומען?“ האט ער געפרעגט דעם גערטנער.

www.libtool.com.cn


„גאָך נים. אָבער איך דענק, אז מאדאם איז צו הויז. ווען איהר וועט אָנ־קלינגען, וועט מען עפענען.“

„ניין, ניין, איך וועל בעסער אריין געהען דורך׳ן גארטען.“

ייסענדיג, אז אננא איז אליין, האט ער זיא געוואָלט איבערראשען, וויל זיא האט געוויס גערעכענט, אז ער איז שוין אויף דעם פּלאַטץ פון דער רייט־וועטע. ער האט אונטער געהויבען זיין שווערט זיא זאָל ניט קלינגען אונד איז לאַנגזאם אריין אין קאָרידאָר.

אננא איז געזעסען אויף דעם ניעדריגען באַלקאָן אונד ערוואַרטעט איהר יונגען זוהן סערגעי, ער זאָל צוריק קומען פון דעם מאָרגען־שפּאַציר. זיא האט ניט געהערט ווען וורא̇נסקי איז געקומען. דיא שעהנהייט פון איהר געזיכט אונד פיגור, האט ווראָנסקי׳ן שוין צום אונצעהליגסטען מאל איבערראשט. זיא איז געוועזן שטארק פער־טראכט, אונד ווראָנסקי, מיינענדיג, אז זיא איז געערגערט, האט ער זאנפט געפרעגט :

„וואס איז אננא, פיהלסטו ניט גוט ?“

„ניין, איך פיהל גוט,“ האט זיא געענטפערט זיך אומקוקענדיג, אונד נעה־מענדיג זיין האנד אין איהרע, האט זיא געזאגט : „איך האב דיך ניט ער־ווארטעט.“

„דיינע הענד, וויא קאַלט זייא זיינען !“

„דוא האסט מיך אביסעל דערשראָקען.“

„ענטשולדיג מיר, איך האב ניט געקענט ווארטען אזוי לאנג דיך ניט צו זעהען.“

„איך האב דיר ניט וואס צו ענטשולדיגען ; דיין ערשיינען מאכט מיך גליקליך.“

„אָבער דוא זעהסט אויס טרויעריג,“ האט ער געזאגט נאך אימער האלטענדיג איהר האנד.

זיא האט ניט געענטפערט, אונד ער האט פערשטאנען, אז עס איז גלייכער ניט צו דרענגען. דאן האבען זייא אָנגעפאַנגען צו רעדען איבער דער רייט־וועטע, אונד ער האט איהר דערצעהלט אלעס וויא אזוי ער האָפט צו געווינען.

„זאָל איך איהם דערצעהלען אָדער ניט ?“ האט זיא זיך געטראכט איהם אָנ־קוקענדיג מיט א ליעבליכען בליק. „ער זעהט אויס אזוי גליקליך אונד פולל מיט ווארגנלאָזעס לעבען. דאן פיעללייכט וועט ער גאר ניט פערשטעהן דיא וויכטינקייט פון דעם וואס עס האט פאסירט ?“

www.libtool.com.cn

„אך, אננא, מיין זיסע געליעבטע!“ האט ער געזאגט. „דערצעהל מיר, איך בעט דיך, וואס דענקסטו יעטצט?“

אין איהרע אויגען האט זיך יעטצט בעוויזען א בליק פון ליידען.

„אום גאָטעס ווילען, אננא, עס האט עפּעס פּאסירט; איך בעט דיך, דערצעהל מיר. ניבט עס דען א זאך אין דער וועלט וואס דוא דארפסט האלטען פערבארגען פאר מיר?“

„ווען ער וועט ניט פערשטעהען דיא וויכטיגקייט פון דעם וואס עס האט פּאסירט.“ האט זיא ווייטער געטראכט אין זיך, „דאן וועל איך איהם דאס ניעמאלס קענען פערצייהען. אָדער, פיעללייכט וואָלט עס נאר בעסער געווען איך זאָל איהם ניט דערצעהלען?“

„וואס איז געשעהען, אננא?“ האט ער ווידער געפרעגט אונגעדולדיג.

„מוז איך דיר דערצעהלען?“

„יא, — יא.“

„איך בין שוואנגער,“ האט זיא געמורמעלט שטיל.

דאס בלומען בלעטעל אין איהר האנד, האט שטארק געציטערט, נאָר איהרע אויגען האבען אויפגעפּאסט זיינע, גלייך וויא זייא האבען געוואָלט דאָרט לעזען זיינע געדאנקען.

ער איז זעהר בלאס געוואָרען אונד עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא ער וויל רעדען, נאָר ער האט ניט געקענט. ער האט אָנגעבויגען זיין קאָפּ אונד געלאָזען אננא׳ס האנד ארויס פאלען פון זיינער.

„יא, ער פערשטעהט דיא בעדייטונג דערפון,“ האט זיא זיך געטראכט אונד דאן אָנגענומען זיין האנד. אָבער זיא האט געהאט א גרויסען טעות דענקענדיג, אז ער האט געפיהלט דאסזעלבע וואס זיא האט געפיהלט. ווען ער האט געהערט דיעזע נאַכריכט, האט איהם א טויט שרעק ערגריפען אונד ער האט פערשטאַנען, א דיא קריזיס איז נאָהענט. ווייטער וועט עס שוין ניט מעגליך זיין אָבצונארען דעם מאן, אונד מען מוז זעהן ארויס קריכען פון אזא שרעקליכען צושטאנד דורך אירגענד א צופאלל וואס דיא צייט וועט ברענגען. ענדליך אָבער, האט ער אויך גע־שפּראָכען.

„הער אויס, אננא,“ האט ער געזאגט גערידהרט. „ניט דוא אונד ניט איך האבען געקוקט אויף אונזער ליעבע, אלס א זאך וואס ערשיינט אונד געהט פאָר־איבער. יעטצט איז דיא צוקונפט בעשטימט. מיר מוזען מאכען איין ענדע פון דעם שווינדעל אונד בעטרוג אין וועלבען מיר האבען געלעבט.“

www.libtool.com.cn

„מאכבען איין ענדע ? וויא אזוי ?“

„דוא מוזט פערלאָזען דיין מאַן'ס הויז, אונד מיר זאָלען זיך ביידע פער־איינינען.“

„זיינען מיר דען נאך ניט פעראייניגט ?“ האט זיא געפרעגט גאנץ שטיל.

„ניין — ניט פאָלשטענדיג.“

„אָבער וואס קענען מיר טהון, אלעקסיס ?“ דערמאָהנענדיג דאס לעטצטע וואָרט „אלעקסיס,“ האט זיא געדענקט, אז איהר מאַן טראגט אויך דעמזעלבען נאמען, אונד זיא האט פּלוצלינג געפרעגט: „בין איך דען ניט זיין פרוי ?“

„איך פערשטעה דאס, אננא. אָבער, אום גאָטעס ווילען, וויא איז עס מעגליך ווייטער צו פיהרען אזא לעבען! מיינסטו, אז איך פערשטעה ניט דיין מארטער דיין מאַן, דיין זוהן, דיא וועלט — אלעס!“

„ניט מיין מאַן“ האט זיא געענטפערט מיט א ביטערן שמייכעל. „איך קען איהם שוין מעהר ניט אונד איך דענק אויך ניט פון איהם. איך זעה פערגעסען זאָ־גאר, אויב ער עקזיסטירט גאר אויף דער וועלט.“

„דאס קען ניט זיין, איך וויים, דוא ערגערסט דיך איבער איהם.“

„אָבער ער וויים גאר ניט,“ האט זיא שנעל געענטפערט. נאָך איהר געזיכט אונד זאָגאר איהר האלז, זיינען פּלוצלינג שטארק רויט געוואָרען אונד דיא טרערען זיינען געקומען אין איהרע אויגען. „איך בעט דיך, לאָמיר גאר ניט רעדען איבער איהם!“

וורָאנסקי האט מעהרערע מאל געדענקט וואס דער תכלית קען זיין אונד ער האט עס אימער אָבגעלאָזען דיא צייט זאָל אלעס אויפלעזען. יעטצט איז אבער געוועזן אנדערש.

„וואס ער וויים יא אָדער ניט, קימערט מיך זעהר וועניג,“ האט וורָאנסקי געזאגט ענטשלאָסען. „אָבער מיר קענען ניט, דוא איבערהויפּט, קענסט ניט פערבלייבען אין אזא צושטאנד; יעטצט — מעהר וויא אימער.“

„אָבער וואס קען מען טהון לויט נאך דיין מיינונג ?“

„דערצעהל איהם אלעס אונד פערלאָז איהם.“

„לאָמיר אָננעהמען, אז אזוי וועט עס זיין,“ האט אננא געזאגט וויא צעהלענדי: דיא ווערטער. „וואס קען אָבער ווערען דערפון? איך וועל דיר זאגען:“ אונד איהרע אויגען, ביז יעטצט אזוי צערטליך, האבען אויסגעדריקט מיט איינמאל שרעק אונד שוידער—„ער וועט אויסשרייען: „אך! דוא ליעבסט איין אנדערן אונד דוא ביסט שולדיג אין פערברעכערישע ליעבע? איך האב דיך געווארענט, אָבער דוא

www.libtool.com.cn

האסט ניט געוואָלט הערען, יעטצט וועל איך ברענגען שאנדע אויף דיר אונד אויף — "

אננא האט געוואָלט ווייטער איבערגעבען וואס איהר מאן וואָלט געזאגט, נאָר זיך ערא־ינערענדיג אן איהר קינד, האט זיא זיך אונטערבראָכען.

„מיט איינעם וואָרט," האט זיא פאָרטגעזעטצט, „ער וועט מיך ניט וועלען בעפרייען נעזעטצליך, אונד ער וועט נאר פיעללייכט אָנווענדען אלעס מעגליכע צו פערמיידען א סקאנדאל. ער איז ניט קיין מענש, ער איז בלויז א מאשין ער מוז טהון וויא עס איז פאָרגעשריעבען, וויא אנדערע פערלאנגען, אונד דערצו, מיין גאָט, איז ער א געפעהרליכע מאשין ווען ער וויל עס נאָר ווערען."

„אָבער, אננא, איך מיין, אז עס וואָלט יעדענפאלס בעסער געוועזען פריהער אלעס צו דערצעהלען אונד דאן אָבווארטען אויף שפעטער, אום צו זעהען וואס עס איז ווייטער צו טהון."

„דאס איינציגע מיטעל איז, צו ענטלויפען."

„אונד ווארום ניט? עס איז יעדענפאלס פיעל בעסער וויא אזוי צו לעבען. ניין, אננא, יעטצט איז קיין פראגע פון מיר, זאָנדערן פון דיר, וואס דוא לייבעסט אזוי פיעל."

„ענטלויפען? מיין גאָט! אונד דאן בלויז ווערען עפענטליך דיין געליעבטע!" האט זיא אויסגעשריען ערביטערט.

„אננא!" האט ער אויסגערופען בעגרייפענדיג איהר מיינונג.

„יא, דיין געליעבטע, אונד פערלירען — אלסדינג!" זיא האט געוואָלט דאן זאגען „זאגאר מיין קינד וועל איך פערלירען, מיין זוהן!" נאָר זיא האט איהם ניט געוואָלט דערמאָהנען.

וורָאנסקי האט ניט געקענט פערשטעהען וואס אננא האט נעשפירט אלס מוטער צו איהר זוהן, ווען זיא זאָל איהם מוזען פערלאָזען.

„איך בעט דיך," האט זיא ווייטער געזאָגט מיט א צערטליכער אונד ערנסטער שטימע, „לאָמיר ניט רעדען דאריבער."

„אָבער, אננא — "

„ניין, ניין, איך פערשטעהע אלעס, אָבער דאָך קען עס זיך ניט אזוי לייכט ועקסלען וויא דוא דענקסט. האב פערטרויען אין מיר אונד רעד מעהר ניט דערפון. פערשפרעכסטו עס מיר?"

„איך פערשפרעך דיר אלעס; אָבער וויא קענסטו פון מיר ערוואַרטען איך

www.libtool.com.cn

זאָל בלייבען רוהיג, ...בדעם וואס דוא האסט מיר דערצעהלט? זיא קען איך שווייגען ווען דוא ביסט אזוי פערצווייפעלט?"

„איך? יא, דאס איז וואהר, אָבער, אלעקסיס, גלויב מיר, דוא קענסט אויך ניט מיין הארץ; איך קען דיר נאר אזוי פיעל ניט זאגען... פאָלג מיך, לאָמיר מעהר ניט רעדען דאריבער. דיך, דיין עדעלע זעעלע, קען איך גאנץ גוט, אז דוא האסט צו לעבע: אין שווינדעל אונד בעטרוג. אָבער פארלויפיג קען עס אנדערש ניט זיין. עס ווערט פאָראיבער. איך ווייס אויך, אז דוא האסט פאר מיר אלעס גע־אָפּפערט."

„אָט דאס איז דאס אונגליק! איך קען ניט אונד וועל מיר קיינמאל ניט פערצייהען דערפאר וואס איך האב דיך אזוי אונגליקליך געמאכט!"

„איך אונגליקליך?" האט זיא געזאגט אויפשטעהענדיג אונד איהם בע־טראכט מיט אויגען פול ליעבע. „איך בין גראדע וויא דער בעטלער וואס איז געוועזען פערהונגערט צו טויט. ווען מען האט איהם געגעבען ער זאָל זיך אָנעסען, האט ער דאן פערגעסען אן זיינע שמאטעס אונד עלענד. אונגליקליך? ניין, ניין, אלעקסיס, צו מיין גליק איז קיין גרענעץ ניטאָ! איך ליעב, פון מיין גאנצען הערצען, זעעלע, לעבע: אונד..." סערגעי'ס שטימע האט זיך דערהערט. אננא האט אָנגענומען ווראָנסקי'ס קאָפּ, אָבגעפרעסט א קוש אויף זיין שטערען אונד איהם צערטליך אָב־שטויסענדיג, איז זיא ענטקעגען געגאנגען איהר זוהן.

## קאפיטעל 8.

איין אונגעהייערעס גרויסעס פובליקום, פון אלע קלאסען מענשען, האבען זיך פערזאמעלט צו דער רייט־וועטע.

„פרו־פרו" איז געוועזען דער נאמען פון ווראָנסקי'ס שקאפע. אויף וועלכער ער האט בעדארפט רייטען. „גלאדיאטאָר" האט געהייסען דאס פערד אויף וועלכען דער אָפיציער מאהאָלין איז געזעסען אונד דיא ענגלישע שקאפע „דיאנא," איז געפיהרט געוואָרען פון פרינץ קוזלאָוו.

ווען דיא רייטער האבען אָנגעפאנגען זייער וועטע, האט פון דעם קייזער ביז צום געוועהנליכסטע: מענשען, ניט ארונטער גענומען זייערע אויגען פון דיא טהייערע פערד מיט דיעזע וואס זיינען אויף זייא געזעסען.

ווראָנסקי האט אויסגעצייכענט דער בעסטער רייטער פון זייא אלע. אָבוואָהל „גלאדיאטאָר" איז געוועזען אביסעל פאר איהם. אָבער יעדער האט בעגריפען, אז ווראָנסקי וועט וויסען, צו דער ריכטיגער צייט, וויא צו מאכען דעם שפרונג אום

www.libtool.com.cn

צו געווינען „פרר־פרר" איז געגאנגען אונטער איהם, וויא א האָז אויף א בארג. אזוי לייכט אונד זיכער. עס זיינען געוועזען אריעבער צו שפּרינגען א קליינעם פּארקען אונד צוויא גריבער. „פרר־פרר" האט געמאכט דיא שפּרונגען אויסגעצייכענט, אונד פון איבעראל האט מען געהערט דיא מונטערע געשרייען: „בראַוואָ וורא‌נסקי!" אָבער פּלוצלינג, וואס איז דאס? „פרר־פררו" האט אַנגעפאנגען צו זינקען אונטער איהם, אונד דאן — א קראַך! דער רייטער מיט זיין פערד זיינען געפאלען. א דאָקטאָר איז באלד צוגעלאָפען, אונד, צו ווראַנסקי'ס ערגערניס, איז ער אליין גאר ניט געוועזען בעשעדיגט, בלויז זיין פערד. ארמער „פרר־פררו," עס איז געוועזען דער לעטצטער שרעקליכער שפּרונג, וועלכע האט געבראָכען איהר רוקען.

„זיא מוז ערשאָסען ווערען," איז געוועזען דער אורטהייל פון דעם טהיער־ארצט. אָהנע צו רעדען א וואָרט, האט זיך ווראַנסקי אָבגעווענדעט אין פערצווייפלונג. פערלוירען דיא וועטע! אונד ער? ער, אויף וועלכען יעדער האט געזאגט, אז ער איז דער בעסטער רייטער, אונד אונטער איהם זאָל א פערד פּאסירען אזא אונגליק? אזוי פּיעלע מענשען זיינען דערבייא געוועזען, דער קייזער זעלבסט, אונד דאן, זיא! זיא האט איהם געזעהן אזוי מיאוס דורכפאלען; דאס האט איהם געערגערט מעהר וויא אלעס.

## קאפּיטעל 9.

דיא פערהעלטניסע צווישען קארענינא אונד זיין פרוי, פאר דער וועלט, זיינען געבליעבען דיעזעלבע וויא פריהער. נאך מעהר, ער האט איהר יעטצט גרעסער'ע אויפמערקזאמקייטען געשענקט. צום אנפאנג פריהלינג, וויא זיין טבע איז געוועזען, האט ער געמאכט א רייזע נאך אויסלאנד, צוריק לאָזענדיג אנגא'ן אין זיין זומער וואָהנונג.

זיין יענעם אבענד, נאך דעם בעזוך בייא פּרינצעסין בעטסי, האט ער מיט זיין פרוי, אין פּריוואט, מעהר גאר ניט געשפּראָכען. וואס עס אנבעלאנגט זיינע געפיהלע צו אננא'ן אונד זאָגאר צו פערגעין, האט ער בעשלאָסען זייא צו בעגראבען טיעף אין זיין הערץ אונד פאר קיינעם ניט ארויס ווייזען.

צוריק קומענדיג נאך סט. פּעטערסבורג, האט ער, לפּנים, בעזוכט זיין פרוי א פּאאר מאל אין זייער זומער־וואָהנונג. ער פלעגט דאן שנעל צוריק קעהרען אין שטאָדט צו זיינע אמטליכע פליכטען. אין דעם טאג פון דער רייט־וועטע, האט ווידער דיא עטיקעטע געדארפט ער זאָל דארט זיין. ער האט אלזאָ בעשלאָסען

www.libtool.com.cn


פריהער צו געהען נאך פעטערהאף, אונד פון דארט, זאל ער נעהמען זיין פרוי אונד געהן צו דער רייט־וועטע. אהן איהר האט עס ניט געפאסט ער זאל דארט זיין.

אננא איז געשטאנען פאר'ן שפיגעל אין איהר צימער, ווען זיא האט געהערט א דראשקע צו פאהרען.

זיא האט אנפאנגס גערעכענט, אז דאס איז פרינצעסין בעטסי, נאר זיך אומקוקענדיג צום בעזוכער, האט זיא דערקענט איהר מאן.

וואס דאמאלס איז געווען מיט אננא'ן, האט זיא נאכהער, אין איהר גאנצעם לעבען, ניט געקענט בעגרייפען. ערבליקענדיג קארענינא'ן, האט זיא זיך אומגעווענדעט, געשמייכעלט אונד איהם געבענדיג איהר האנד, האט זיא געזאגט:

„דאס איז ווירקליך זעהר שעהן פון דיר וואס דוא ביסט געקומען. איך האף אז דוא וועסט שוין ניט ענטלויפען אונד דא פערבלייבען דיא גאנצע נאכט — "

אננא וואלט דאמאלס אוועק געגעבען א העלפט פון איהר לעבען, אום צוריק צו ציהען איהרע לעטצטע ווערטער, וועלכע זיינען געווען בייא איהר דיא העסליכסטע אונד אונפערשעהמטעסטע וואס זיא האט נאך אמאל אויסגעשפראכען. דאן, ענדערענדיג איהרע געפיהלע, האט זיא בעמערקט:

„דוא געהסט געוויס צו דער רייט־וועטע, אבער עס טהוט מיר זעהר לייד, איך האב פערשפראכען פרינצעסין בעטסי מיט איהר צו געהען."

קארענינא האט בימער געשמייכעלט הערענדיג דערמאהנען בעטסי'ס נאמען.

„אך!" האט ער געזאגט שפאטיש, „איך האב נאר פערגעסען, אז מען דארף אייך ביידע ניט צו טהיילען אבער, אזוי וויא דער דאקטאר האט מיר געהייסען האבען מעהר בעוועגונג, וועל איך אלזא אביסעל צו שפאצירען צו פוס ביז צום רייט־וועטע פלאטץ."

„אונד וויא געהט עס דיר אין דיין געזונדהייט?"

„ניט זעהר אמבעסטען," האט ער געענטפערט. „דער דאקטאר האט היינט פריה מיך בעטראכט איבער א שטונדע. מיין געזונדהייט וויא דוא בעגרייפסט, איז זעהר קאסטבאר."

אננא האט אונטערדעסען אנגעקלונגען דיא דיענסט זאל אריין ברענגען טהעע.

„וואס האט ער געזאגט?" האט זיא ווייטער געפרעגט. ער האט איהר דער־צעהלט, אז דער דאקטאר האט ערקלערט, אז ער איז זעהר קראנק אונד בעדארף רוה. זיא האט מיט איהם מיטלייד געהאט אונד איהם געראטהען ער זאל זיך

www.libtool.com.cn


אויסרוהען. קארעניגא ווידער, בעמערקענדיג אזא גרויסע פריינדליכקייט אין זיין פרוי, האט ער ווידער אמאל אנגעפאנגען צו האבען אונד אויך ווערען צערטליכער. אננא האט זיך דערפאר דערשראקען, אונד ארויס ציהענדיג איהר זייגער, האט זיא פלוצלינג געזאגט:

„אך, עס איז שוין זעהר שפעט; עס וואונדערט מיך וואס בעטסי איז נאך ניטא.“

„יא,“ האט קארעניגא אנגעפאנגען. „איך האב נאר פערגעסען; איך האב דיר געבראכט עפעס געלד. עס איז קיין צווייפעל, אז דוא בענעטהיגסט עטוואס געלד, ווייל מען קען דאך ניט פיהרען קיין הויז אויף דיא מעלאדיען פון דער נאכטיגאל.“

„ניין — יא, — “ האט אננא געענטפערט בעמערקענדיג זיין מיינונג. „אט איז בעטסי!“

פאר'ן הויז איז געבליעבען שטעהן דיא דראשקע וואו דיא פרינצעסין איז געזעסען אונד געווארט אננא זאל ארונטער קומען.

„איך מוז געהען, אלעקסים,“ האט זיא געזאגט איילענדיג. „אדיע!“ דאז האט זיא איהם געגעבען איהר האנד. „עס פרייט מיך וואס דוא ביסט געקומען.“

קארעניגא האט זיך צוגעבויגען אונד געקושט איהר האנד.

ערשט ווען אננא איז געוועזען אין דרויסען, האט זיא בעגריפען וויא אבשייליך אונד געמיין איהר האנדלונג איז געוועזען. קארעניגא'ס געגענווארט אונד פערזאן, האט זיא אנגעפילט מיט שוידערן. עס איז קיין צווייפעל, אז אין א מאמענט, האט אננא געוואלט שפיעלען דיא שמוציגסטע ראלע, עס זאל נאכהער קענען דייסען, אז איהר קינד איז קארעניגא'ס. אבער זיא האט חרטה געהאט — שטארק חרטה געהאט.

## קאפיטעל 10.

ווען קארעניגא איז ערשיענען בייא דער רייט־וועטע, איז שוין אננא געזעסען נעבען בעטסי'ן אויף דיא ספעציעלע זיטצע פיר דיא אפיציערען אונד זייערע פריינדע. זיא האט ערבליקט איהר מאן פון וויטען אונד אונווילענדיג, האט זיא איהם נאכגעפאלגט מיט איהרע אויגען. ער איז דאן צוגעקומען נעהנטער, אונד מיט זיין געוועהנליכער נאטור, האט ער יעדען גאנץ מונטער בעגריסט.

www.libtool.com.cn


„ער דענקט פון קיין זאך,“ האט זיך אננא נעטראכט, „אויסער איבער זיי-איינענער עהרע אונד פאליטישען ערפאלג. זיין גאנצע מאראל אונד רעליגיאן, אי נאך א מיטעל אום צו עררייכען זיין צוועק.“

קארעניגא האט געזוכט, וויא עס שיינט, זיין פרוי, אבער אננא האט זיך ניט געוואלט ענטדעקען צו איהם.

„אלעקסיס אלעקסאנדראוויטש!“ האט בעטסי אויסגעשריען. „איך ווייס וועמען איהר זוכט — את איז זיא דא!“

זיין געוועהנליכער קאלטער שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען.

„אלעס איז אזוי גלענצענד אונד הערדליך דא,“ האט ער געזאגט צוקומענדיג, „אז עס פערבלענדעט דיא אויגען.“

ער האט ליעבליך געשמייכעלט צו זיין פרוי, דאן בעגריסט בעטסי'ן אונד אנדערע, אונד א גרויסער גענעראל איז צוגעקומען, וועלכער האט אנגעפאנגען מיט איהם צו רעדען איבער גוטע פערד. זיין טרוקענע אונד געמאסטענע שטימע, האט וויא געשטאכען אננא'ן אין דיא אויערן.

ווען דיא וועטע פון לויפען האט אנגעפאנגען, האט אננא פערגעסען אן אלעמען ארום זיך, אונד זיך אויסביינענדיג, האט זיא געקוקט נאך צו ווראנסקי'ן.

„איך בין א געפאלענע אונד ניעדריגע פרוי,“ האט זיא זיך געטראכט, „אבער איך האב פיינד בעטרוג. עס קימערט מיך ניט וואס מען וועט זאגען, קארעניגא'ן האב איך פיינד אונד ווראנסקי'ן האב איך ליעב, דערפאר שענק איך דעם לעטצטע מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. נעוויס! ער זעהט אונד ווייס אלעס, אונד דא, עה וויא גלייכגילטיג ער איז, אבי זיין „עהרע“ זאל ניט בעריהרט ווערען. ווען ער זאל מיך הרג'ענען אדער ווראנסקי'ן, וואלט נאך געוועזען יעמאנד אום איהם צו רעס-פעקטי'ען, ווייל מען וואלט נערעכענט, אז ער איז א מענש מיט געפיהל. אבער דאס וועט ער ניט טהון; ער וויל נאר שפיעלען דיא ראָגע אונד נארען יעדע איינעם.“

אבער נאך אלעמען, האט אננא ניט אין גאנצען פערשטאנען איהר מאן. ער איז ניט געווען אין גאנצען אהן געפיהל וויא זיא האט גערעכענט; עס האט איהם שרעקליך געערגערט זיין פרוי'ס גאנצע אויפפיהרונג. אבער, אום צו פערמיידען סקאנדאל אונד דערשטיקען זיין צארן, האט ער געזוכט צו פערטרייבען זיין צייט אין א גלייכגילטיגעס געשפרעך מיט אנדערע.

www.libtool.com.cn

„פרינצעסין, לאָמיר זיך ווענדען!“ האט אויסגעשריען א שטימע צו בעטסי׳ן. גם איז געווען סטעפאַ ארקאַדיעוויטש, דאָלליס מאַן. „אויף וועמען ווענט איהר?“

„אננא אונד איך ווענדען אויף קוללאָווין,“ האט זיא געענטפערט.

„דאַן ווענט איך אויף ווראָנסקי׳ן אויף א פּאאר האנדשווה.“

„אָבגעמאַכט — דיא ווענדע געהט!“

ווען יעדער איינער איז געווען פערטיגעמאַכט אין דעם יאָגען פון דיא רייטער, האט זיך אלעקסיס קאַרענינא אָבגעווענדעט אונד ער האט שטודירט זיין ווייב׳ס געזיכט. ער האט גאַנץ גוט געזעהען, אז יעדע פון איהרע נערווען זיינען געווען געשפּאַנט נאַכפאָלגענדיג מיט איהרע אויגען ווראָנסקי׳ן. צור צייט וואס ווראָנסקי איז געפאַלען מיט זיין פערד, האט אננא אַרויס געלאָזען א פערצווייפעלטען געשרייא. דאַן, אין א שרעקליכער אויפרעגונג, האט זיא זיך אויפגעהויבען אום אוועק צו געהען. קאַרענינא האט דאס בעמערקט, אונד, צוקומענדיג, האט ער איהר אָנגעבאָטען זיין ארעם.

„לאָמיר געהען, ווען דוא ווילסט,“ האט ער געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע, וועלכע אננא האט דאמאלס ניט בעמערקט. אָבער זיא האט זיך שנעל אָבגעווענדעט פון איהם, גלייך וויא זיא האט איהם גאר ניט געזעהען אונד זיך צו געהערט וואס איין אָפיציער האט דערצעהלט בעטסי׳ן איבער ווראָנסקי׳ס פאלל.

זיך ניט בעקימערענדיג מעהר אום איהר מאַן, האט אננא גענומען א שפּאַקטיוו אונד געקוקט צום פלאַטץ וואו ווראָנסקי איז געפאַלען; עס זיינען אָבער געשטאַנען צו פיעלע מענשען ארום איהם אונד זיא האט גאר ניט געקענט זעהען. דאַן איז צוגעריטען שנעל א רייטער אום אָבצוגעבען דעם קייזער א בעריכט. פּלוצלינג האט זיא דערזעהען איהר ברודער.

„סטיווא! סטיווא!“ האט זיא געשריען, אָבער ער האט איהר שטימע ניט געהערט.

„איך גיב דיר מיין ארעם ווען דוא ווילסט געהען,“ האט קאַרענינא נאך אמאל געזאגט צו זיין פרוי בעריהרענדיג איהר האנד.

אננא האט זיך מיט אבשייא פון איהם צוריק געצויגען, אונד אָהנע צו קוקען אין זיין זייט, האט זיא געענטפערט:

„ניין, ניין! לאָז מיך צורוה — איך בלייב דאָ!“

איין אַנדערער רייטער, איין אָפיציער, איז צוגעקומען וואו בעטסי איז געשטאַנען אונד בעריכטעט, אז ווראָנסקי איז ניט בעשעדיגט געוואָרען.

www.libtool.com.cn


„צום דריטען מאל גיב איך דיר מיין ארעם,“ האט קארענינא געמורמעלט אין אננא'ס אויער. בעטסי איז גראדע צוגעקומען אונד געהערט דיא לעצטע ווערטער.

„ניין, ניין, אלעקסים,“ האט זיא צו איהם געזאגט; „איך האב אהער גע־בראכט אננא'ן אונד איך וועל זיא אויך אבפיהרען אהיים.“

„ענטשולדיגט מיר, פרינצעסין,“ האט ער געענטפערט שמייכלענדיג אונד איהר געקוקט אין געזיכט מיט איין אונצופריעדענעם בליק. „איך זעה וויא אננא ליידעט אונד איך אליין ווינש איהר אהיים צו נעהמען.“

אננא, זיך דערמאהנענדיג אביסעל וואו זיא איז אין דער וועלט אונד שפירענדיג איין אונהיימליכע שרעק, האט זיא געגעבען איהר מאן דעם ארעם.

„איך וועל דיך שוין לאזען וויסען,“ האט איהר בעטסי איינגעראמט אין אויער.

וועהרענד קארענינא אונד אננא זיינען געגאנגען, האט ער געשמייכעלט אונד געשפראכען צו דיעזע וואס זיינען איהם געקומען ענטגעגען, וועהרענד זיא האט זיך צוגעהערט אונד אויך געענטפערט, אבער זיא האט אויסגעזעהען וויא אין א חלום.

„האט ער זיך וועה געטהאן?“ האט זיא זיך זעלבסט געפרעגט, „אדער איז עס אמת וואס דער רייטער האט געזאגט? ווען ער צו מיר קומען? זאל איך איהם אויפזוכען הייטע אבענד?“

זיא איז שטילשווייגענד אריין אין דער דראשקע אונד באלד זיינען זייא פער־שוואונדען געווארען פון דער גרויסער מענגע מענשען. טראץ דעם וואס קארענינא האט ביז יעטצט געזעהן, האט ער נאך אימער ניט געוואגט צו בעשולדיגען זיין פרוי, זאגאר ניט אין זיינע געדאנקען, אז זיא איז שוין אריבער דיא גרענעץ פון ארענטליכקייט צו אונארענטליכקייט. ער האט נאך אימער געדענקט, אז אננא האט נאך איהרע פליכטען אלס פערהייראטעטע פרוי ניט פערגעסען. דעננאך האט ער געשפירט, אז ער מוז עפעס זאגען. אבער וואס? וויא פאנגט מען אן? ענדליך האט זיך איהם געעפענט דאס מויל אונד ער האט געמורמעלט:

„וויא מיר האבען דאס ליעב צו זעהען אזעלכע בארבארישע אונטערהעלטע? איך האב שוין — “

„ענטשולדיג מיר,“ האט זיא איהם אונטערבראכען אין א גרויסע אויפרעגונג, „איך פערשטעה ניט...“

www.libtool.com.cn

„איך מיין,“ האט ער געענטפערט, „דאס דיין בענעהמונג היינט, איז גאר ניט קיין פאסענדע.“

„מיט וואס?“ האט זיא שנעל געפרעגט אונד איהר געזיכט האט זיך וויא אנגעצונדען.

„איך וועל דיר זאגען,“ האט ער געענטפערט אויפהויבענדיג אביסעל דאס פענסטער פון דער דראָשקע.

„וואס האסטו געזעהען, וועלכעס איז ניט פאסענד?“ האט זיא געדרונגען אונגעדולדיג.

„איך מיין דיא ערגערניסע וואס דוא האסט געוויעזען, ווען איינער פון דיא רייטער איז געפאלען.“ ער האט ערווארטעט איהר ענטפער, נאָר זיא האט געשוויגען. דאַן האט ער וויעדער אָנגעפאנגען: „איך האב דיך שוין איינמאָל געבעטען, אז דוא זאָלסט אכטונג געבען וויא דוא בענעהמסט דיך פאר דער וועלט, דאמיט מען זאָל ניט דארפען רעדען איבער דיר אין אלע הייזער. יא, אננא, איך וויל דוא זאָלסט מיך פערשטעהן: עס איז געוועזן א צייט, ווען מיר האבען אנדערש פערקעהרט וויא יעטצט אלס מאַן אונד פרוי, נאָר יעטצט טהו איך עס ניט מעהר אונד פערלאנג עס אויך ניט. אלעס וואס איך ווינש איז, דאס דוא זאָלסט דיך אויפפיהרען וויא מען בעדארף פאר מענשען, אונד איך בעט דיך, עס זאָל שוין מעהר ניט פאסירען, אז איך זאָל דיר דארפען מאכען פאָרווירפע.“

אָבער אננא האט כמעט גאר ניט געהערט זיינע ווערטער, איהרע געדאנקען זיינען געוועזן מיט ווראָנסקי'ן, אונד זיא האט שרעקליך געליטען אונטער דעם געדאנק, פיעללייכט איז ער פערוואונדעט געוואָרען. זיא האט נאָר צוגעוואָרפען איהר מאַן א צווײדייטיגען שמייכעל אונד האט געשוויעגען. דיעזער שמייכעל האט איהם אָבער פערפיהרט.

„זיא שמייכעלט איבער מיין נארישען פערדאכט,“ האט ער זיך געטראכט. „זיא וועט מיר וויעדער זאגען, וויא אמאל, אז מיין פערדאכט איז א נארישער אונד האט קיין גרונד ניט.“

קארענינא, אין זיין וואונש עס זאָל וויעדער אלעס זיין גוט אונד ריכטיג וויא אמאל, איז געוועזן בערייט דאמאלס אלעס צו גלויבען וואס זיין ווייב וועט איהם זאגען.

„פיעללייכט בין איך אָבער אין אירטהום,“ האט ער ארויס געשטאמעלט, „דאַן בעט איך דיך אום פערצייהונג!“

„ניין!“ האט זיא פלוצלינג געזאגט בליקענדיג מיט א זעלטענער ענט־

www.libtool.com.cn 

שלאָפּענהייט. „דוא ביסט נים אין אירטהום! איך בין געווען גענעררערם אונד איך בין נאך יעטצט אויך גענערנערט...“

קארעניגא האט נעגעבען א לייכטען זיפץ, וויא איינער רעדט: „גענערנערט אליין, איז נאך ניט אזא אונגליק,“ אָבער אננא האט באלד פּאַרטגעזעטצט:

„איך האב אלעס געהערט וואס דוא האסט געזאגט. איך האב געדענקט נאר איבער איהם. דאס איז אמת. אונד, איך ליעב איהם — יא, איך בין שוין זיין גע־ליעבטע; איך קען דיך נים ליידען, איך האב מורא פאר דיר, אונד איך האס דיך. קענסט מיט מיר טהון וואס דוא ווילסט —“ אננא איז צוריק געזונקען אין איהר זיטץ, בעדעקט מיט דיא הענד איהר געזיכט אונד אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין. אלעקסים קארעניגא האט זיך ניט גערירהרט, ער איז געזעסען וויא געטראָפען פון א קוגעל. זיין געזיכט האט אָנגענומען א טויטען־בלאסקייט אונד אזוי איז ער געבליעבען ביז דיא דראָשקע האט זיך אָבגעשטעלט. איידער ער האט אויסגעשטיעגען האט ער וויעדער געפונען דיא קראפט פון שפּראכע, אונד, אין א ציטערענדע שטימ האט ער געזאגט:

„לאָמיר זיך גוט פערשטעהען; איך פערלאנג, אז ביז איך וועל פּערטי... ווערען מיט דיא נעטהיגע שריטע וואס איך דארף מאכען, וויל איך, אז דוא זאָלכ... ערשיינען פאר דער וועלט אנשטענדיג...“

ער איז דאן ארונטער געגאנגען אונד איהר אויך געהאָלפען אויסשטייגען. א... דער געגענווארט פון דיא דיענער, האט ער גענומען איהר האנד, געוואונשען אדי... אונד איז אוועק געפאָהרען נאך סט. פּעטערסבורג. אָבער גלייך נאכדעם, איז אָנג... קומען א שליח פון בעטסי'ן אונד אננא'ן איבערגעבראכט פאָלגענדעס צעטעל:

„איך האב איהם געשיקט פרעגען וואס ער טהוט; ער שרייבט מיר, אז ... איז געזונד, אונבעשעדיגט. אָבער ער איז פערצווייפעלט.“

„דאן וועט ער פּאָזיטיוו קומען!“ האט אננא געטראכט. „איך האב גוט ג... טהאָן וואס איך האב איהם אלעס דערצעהלט.“

ווען זיא האט זיך דערמאָהנט וויא זיא האט מיט א פּאאר שטונדען פריהער איינגעלאדען קארעניגאַ'ן אויף דער נאכט, האט זיא געשוידערט.

## קאפּיטעל 11.

אלעקסים קארעניגא איז געווען א מערקווירדיגער מענש; ער האט ניעמאנדען געקענט זעהען ווינען, אהנע עס זאָל איהם ריהרען. זאָגאר דאן, ווען אננא האט איהם אלעס דערצעהלט אונד זיא האט אָנגעפאנגען צו וויינען, האט ער מיט איהר

www.libtool.com.cn 

געהאט מיטלייד. פאָהרענדיג צוריק נאָך סט. פעטערסבורג, האט ער שוין ווידער אויסגעזעהען פאַלקאָמען בערוהיגט. זיין צווייפלען, זיין איפערזוכט, זיין מיטלייד, אַלעס איז פערשוואונדען. ער האט געוואוסט דיא וואהרהייט, דיא גאנצע וואהר־הייט, אונד דאס איז בעסער געווען וויא צו צווייפלען.

„זיא איז א פערלוירענע,“ האט ער צו זיך אליין געזאגט. „זיא איז הערצלאָז, אָהן עהרע אונד האט קיין מורא ניט פאר גאָט. יא, איך האב עס שוין פון לאנג געוואוסט, אָבער, מיטלייד האבענדיג מיט איהר, האב איך אַלעס מעגליכע אנגע־ווענדעט צו פערבלענדען מיינע אויגען. איך האב געטהאָן א גרויסען פעהלער וואס איך האב מיך מיט איהר פערהייראטעט, אָבער איך בין דאָך אין דעם ניט שולדיג, אונד, איך בין ענטשלאָסען דאפיר ניט צו ליידען. זיא אליין איז שולדיג. דארף איך ווירקליך זיין אונגליקליך דערפאר וואס מיין ווייב איז ארונטער פון גלייכען וועג? איך בין ניט דער ערשטער אונד אויך ניט דער לעטצטער זיך צו געפינען אין אזא לאגע. אָבער וואָס זאָל איך אנפאנגען? דועלירען מיט דעם וואס האט מיך גע־שענדעט, אונד נאָך פיעללייכט פאלען פון דער האנד וואס האט פערפיהרט מיין פרוי? אונד ווען איך זאָל איהם הרג׳ענען, וועט דאס שוין דען אַלעס ווידער גוט מאַכען צווישען מיר, אננאַ׳ן אונד אונזער קינד? איבריגענס, וועלען מיך דען מיינע פריינדע לאָזען איך זאָל מיר איינשטעלען מיין לעבען, וואס איז אזוי קאָסטבאר פאר דער רעגיערונג, צוליעב דעם וואס יענער האט מיך בעטראָגען? איך דענק בעסער אז מיין איינציגער ציעל איז, צו האלטען מיין עהרע אזוי ריין וויא מעגליך פיר דער צוקונפט אונד ניט לאָזען מיין קאריערע ליידען דאדורך.“

אָבער ווען ניט קיין דועל, דאן איז געבליעבען איין אויסוועג — גט׳ן זיך נאכדענקענדיג איבער פיעלע עהנליכע פעלע, האט קארענינא זיך ניט געקענט ער־אינערן, דאס א גט אונטער זאָלכע אומשטענדען, זאָל זיך אמאל האבען גוט גע־ענדיגט. א גט, איבערהויפט, וואָלט פאר איהם געווען א גליק, וויל זיא וואָלט דא געקענט זיין אונגעשטערט מיט איהר געליעבטען. אונד זיין נאמען? וויא וואָלט ער דאדורך בעשמוטצט געוואָרען?

„ניין, ניין!“ האט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט. „איך קען ניט אונגליקלין ווערען, אונד זייא האבען קיין רעכט צו זיין גליקליך!“

נאכדעם וויא קארענינא האט זיך גוט איינגעשטודירט דיא פראגע פון דער דועל, גט אָדער גלאַט א שיידונג, איז ער געקומען צום בעשלוס, אז דיא איינציגע זאך וואס ער דארף טהון, איז אויסצומיידען סקאנדאל אין דער צוקונפט אונד זעהען אונטערברעכען זיין ווייב׳ס ליעבע מיט ווראנסקי׳ן.

www.libtool.com.cn 

„יא,“ האט ער צו זיך אליין געמורמעלט, „איך וועל מיך בעדיענען מיט דער גאנצער קראפט פון מיין שפראכע, איהר צו ערקלערען איבער דעם שאנד־פלעק וואס זיא האט געוואָרפען אויף איהר קינד, אויף מיר, אויף דער גאנצער פאמיליע אונד אויף זיך זעלבסט, אָבער, נאך אלעמען, בין איך בערייט ווידער אלעס גוט צו מאכען — אזוי וועה אונד אך איז צו דער גוטסקייט! — ווען זיא וועט איינ־שטימען זיך אָבצוטהיילען פון איהם. זיא אליין מוז דאס אלעס ליידען — זיא אליין? יא, דאס איז שוין ריכטיג, אָבער וואס בין איך שולדיג?“

ווען ער איז אהיים געקומען, איז ער אריין אין זיין ביבליאָטהעק, אונד אָבגע־שריעבען פאָלגענדען בריעף צו זיין ווייב:

„בייא אונזער לעטצטער אונטעררעדונג, האב איך אויסגעשפראָכען דעם וואונש דיר מיטצוטהיילען איבער מיינע אבזיכטען. נאך א לענגערע אונד ערנסטע בעטראכטונג, וועל איך דיר יעטצט זאגען מיין מיינונג. מיין בעשלוס איז דיעזער: דיין אויפפיהרונג האט געמעגט זיין וואס עס וויל זיך, זעה איך נים איין וואס פאר א רעכט איך האב, איבערצורייסען דעם באנד אין וועלכען גאָט האט אונז פעראייניגט. דער נאמען פון דער פאמיליע קען נים אונד דארף נים בעשמוטצט ווערען, ווען דערביא זאָל אפילו זיין א העסליכעס פערברעכען וואס איינער פון אונז האט בעגאַנגען. דאס געזעלשאפטליכע לעבען מוז בלייבען אונפערענדערט גראדע וויא פריהער. דאס מוז געשעהען אום מיינעטוועגען, אום דיינעטוועגען אונד צוליעב דיין זוהן. איך בין איבערצייגט, אז דוא האסט שוין חרטה געהאט, אונד דאס דוא האסט יעטצט אויך חרטה אונד וועסט מיר העלפען צערשטערען דעם יונגען דאָרן וואס איז געוועזען דיא אורזאכע פון אונזער מיספערשטענדניס, אונד דאבייא זאָלען מיר פערגעסען אן דער פערגאנגענהייט. ווען דוא זאָלסט עס אָבער ניט טהון, דאן איז דיר לייכט צו בעגרייפען וואס פאר א צוקונפט דוא פאָרבערייטעסט פאר דיר אונד פאר דיין זוהן. איך האָף, אז מיר וועלען זיך בעסער איינפערשטעהען בייא אונזער נעבסטער צוזאמענקונפט. אזוי וויא דער זומער איז שוין יעטצט באלד פאָראיבער, וועסטו מיר טהון א טובה דאמיט וואס דוא וועסט זאָ שנעל וויא מעגליך צוריק קעהרען אין שטאָדט. איך וועל אכטונג געבען, אז דוא זאָלסט האבען אלע בעקוועמליכקייטען. —

א. קארענינא.“

„צושריפט: — איך לעג אריין אין דיעזען בריעף גענוג געלד פיר אלעס וואס דוא בעדאַרפסט, אונד איך ערוואַרטע דיך דיענסטאג.“

ער האט צוגעזיעגעלט דעם בריעף אונד אריין רופענדיג דעם דיענער, האט

www.libtool.com.cn

ער געזאגט: „נעהם דיעזען בריעף אונד גיב איהם איבער א ספעציעלען שליח. זאג איהם, אז ער זאָל איהם מאָרגען אָבליעפערן צו מאדאם קארעגינא.“

## קאפּיטעל 12.

אָבוואָהל אננא האט ניט געוואָלט מודה זיין פאר ווראָנסקי׳ן, אז זייא פיהרען ביידע א לעבען פון אבשייליכען שווינדעל אונד בעטרוג, האט זיא אָבער דאָך גע־שפירט דיא וואהרהייט דערפון אין איהר הערץ. אום לויז צו ווערען פון אזא לעבען, האט זיא דאן דערצעהלט איהר מאַן דיא גאנצע וואהרהייט. נאכדעם וויא ער איז אוועק, האט זיא זיך געטרייסט וואס ענדליך איז זיא נאהענט פון דער צייט, ווען זיא זאָל לויז ווערען פון דעם בעטריגערישען ארט לעבען. אָבער נאך אלעמען, נאכדעם וויא ווראָנסקי האט איהר אָבגעשטאטעט א בעזוך אין יענער נאכט, האט זיא איהם גאר ניט מיטגעטהיילט וואס זיא האט געשפראָכען מיט איהר מאַן, אונד איהם אויך ניט געפרעגט וואס עס איז צו טהון אין דער צוקונפט.

גאנץ פריה, ווען זיא איז אויפגעשטאנען, האט זיא זיך דערמאָהנט אן דיא ווערטער וואס זיא האט געשפּראָכען צו איהר מאַן. יעדעס וואָרט איז איהר ער־שיענען אבשייליך אונד געמיין, אונד זיא האט זיך געוואונדערט, וויא אזוי זיא האט זייא געקענט אויסשפּרעכען.

וואס וועט זיין דער סוף? קארענינא איז אוועק אָהן איין ענטפער.

„איך האב שוין געזעהען ווראָנסקי׳ן,“ האט זיא זיך געטראכט, „אונד איך האב איהם גאר ניט געזאגט. ווען ער איז אוועק, האב איך איהם געוואָלט צוריק רופען אונד אלעס דערצעהלען, אָבער איך האב מיך דערמאָהנט וויא פערוואונדערט ער וועט פערבלייבען, ווארום איך האב עס איהם ניט זאָפאָרט מיטגעטהיילט. ווארום האב איך איהם ניט גלייך דערצעהלט?“

זיא האט געשפּירט איהר געזיכט רויט ווערען פאר שאנדע. זיא איז געוועזען זעהר אונרוהיג, אונד זיך אָנגעפאנגען פערשיעדענעס פאָרצושטעלען וואס איהר מאַן קען טהון אין זיין פערצווייפלונג.

ווראָנסקי, האט זיא זיך געטראכט, ליעבט איהר שוין מעהר ניט אזוי שטארק וויא אמאל אונד איהר געזעלשאפט פאנגט שוין אָן איהם אביסעל ניט צו פער־אינטערעסירען.

„וואס זאָל דאס זיין?“ האט זיא זיך געפרעגט. „איז עס מעגליך, אז בלויז מיין קערפער, מיין שעהנהייט אונד לוסט אליין האבען איהם אָנגעצויגען?“ זיא האט געשוידערט.

www.libtool.com.cn


„אונד ווען ער זאָל מיך ווייטער ניט ווען ליעבען ?" האט זיא ווידער גע־פרענט ציטערענד. „ווען ער זאָל שוין זיין זאט פון מיין קערפּער, וואס קען ווערען ? וויא וועל איך קענען קוקען מיין מאן אין די אויגען נאך אזא אונפער־שעהמטהייט ?"

זיא האט זיך ניט געקענט געפינען קיין פּלאַטץ.

„וואס וועל איך האבען פון דעם דענקען ?" האט זיא געמורמעלט בלייבענדיג שטעהען נעבען פענסטער. „איך מוז ערגעץ אוועק. אָבער, וואוהין ? ווען ? אונד מיט ווער ? מאָרגען ? מיט דעם אבענד־צוג ?"

יא, זיא האט בעשלאָסען אוועק צו פאָהרען מיט איהר זוהן סערגעי, אונד מיטנעהמען דאס דיענסטמעדכען אנושקא. אָבער פריהער האט זיא געמוזט שרייבען צו ביידע מענער, אונד זיא האט זיך אוועק געזעטצט אונד פריהער געשריעבען צו איהר מאן פאָלגענדעס :

„נאכדעם וואס עס האט פּאסירט, קען איך מעהר מיט דיר ניט לעבען. איך געה אוועק אונד נעהם מיין זוהן מיט מיר. איך וויים גאר ניט פון דיא געזעטצע, אונד דערפאר וויים איך אויך ניט מיט וועמען ער דארף בלייבען, נאָר איך נעהם איהם מיט. ווייל איך וויים, אז אָהן איהם קען איך ניט לעבען. האב מיטלייד — לאָז איהם זיין בייא מיר !"

ביז צו דיא לעטצטע ווערטער, האט זיא געשריעבען שנעל. נאָר צוקומענדיג צום וואָרט „מיטלייד", וועלכעס זיא האט פערלאנגט פון איהר מאן, האט זיא אויפגעציטערט. זיא האט זיך ניט געגלויבט, אז ער קען האבען מיטלייד. דאן האט זיא ווידער געשריעבען :

„איך קען ניט רעדען איבער מיין פעהלער אונד מיין חרטה האבען, ווייל דאריבער—" זיא האט ניט געוואוסט וויא זיך אויסצודריקען, אונד אויסגעשריען : „ניין ! איך וועל ווייטער ניט שרייבען אזוי !" זיא האט דאן צעריסען דעם בריעף, אונד אָהנע צו אפּעלירען צו זיין מיטלייד, האט זיא איהם בלויז מיט־געטהיילט איבער איהר בעשלוס. איהר צווייטער בריעף איז געווען צו ווראָנסקי'ן, וועלכער האט אזוי אָנגעפאנגען :

„איך האב דערצעהלט מיין מאן אלעס." אָבער ווייטער האט זיא ניט געשריעבען. אלעס האט איהר אויסגעזעהען אזוי שענדליך, אז זיא האט באלד צעריסען דאס פּאפּיר אויף טויזענד שטיקלעך. איברינענס, וואס דארף זיא עס איהם שרייבען ? זיא האט אריין געריפען דיא גאָווערנאנטקע אונד איהר געזאגט, אז זיא זאָל זעהען אלעס איינפּאקען פיר א רייזע נאך מאָסקווא.

www.libtool.com.cn 

וועהרענד דעם צוזאמען פאקען, האט מען איהר געבראכט א פאקעט, אויף וועלכען זיא האט דערקענט איהר מאן'ס האנדשריפט.

„דער שליח האט געזאגט, אז ער דארףווארטען אויף איין ענטפער,“ האט דיא דיענסט בעמערקט.

„גוט, גוט,“ האט זיא געענטפערט, אונד אוועק נעהמענדיג דעם פאקעט, האט זיא איהם געעפענט מיט ציטערענדע הענד, פון וואנען עס זיינען ארויס געפאלען אייניגע באנק־נאטען. אבער זיא האט דאס ניט בעמערקט אונד אנגעפאנגען אונגעדולדיג איבערצו־עזען דעם בריעף. זיא האט איהם צוויא מאל געלעזען. ווען זיא איז פערטיג געווארען, האט זיא זיך געשפירט זעהר אונגליקליך.

זיא האט שטארק חרטה געהאט אויף דעם וואס זיא האט זיך מודה געווען מיט א טאג צוריק פאר איהר כ״א, אונד זיא וואלט אירגענד עטוואס געגעבען, ווען עס וואלט מעגליך געווען צו פערניכטען איהרע ווערטער. זיא האט אפילו פאר זיך געזעהען א בריעף געשריעבען פון איהר מאן, וועלכער האט געוואלט ערפיללען איהר וואונש צו פערגעסען, אבער איז דאס מעגליך געווען? קען מען אזא זאך פערגעסען?

„ער האט רעכט! מיין גאט, ער האט רעכט!“ האט זיא אויסגעשריען.

„ער האט אימער רעכט געהאט; אבער... ניין, ניין! איך קען דאס ניט פערגעסען אונד וועל דאס ניט פערגעסען! ער איז איין אבשייליכער אונד ניעדריגער מענש — איך פערשטעה איהם גאנץ גוט! עס וועט דאן הייסען, אז ער איז דער פרומער, עהרליכער אונד עהרענהאפטער מאן, וואס האט זאגאר מיר געקענט פערצייהען! דיא גאנצע וועלט וועט אויך אזוי זאגען. אבער זייא זיינען אלע בלינד, זייא קענען איהם ניט; איך קען איהם גאנץ גוט. האט ער אמאל געקוקט אויף מיר וויא אויף א פרוי פון בלוט אונד פלייש, וואס בעדארף, אויסער שעהנע ווערטער מיט עטיקעטע, אויך ליעבע? ניעמאנד ווייס וויא ער האט מיך אימער בעליידיגט מיט זיינע מאראלישע אויפפיהרונגען, ניעמאנד, אויסער איך, בעגרייפט, וויא ער האט געוואלט צערדריקען מיין הערץ, אום איך זאל ווערען בלויז א שפיעלצייג פון זיינע קאפריזען! מיין גאט! וויפיעל האב איך אנגעווענדעט אונד געאפפערט איהם צו ליעבען! וואס האב איך ניט געוואלט טהון צוליעב אונזער קינד? אבער דיא צייט איז געקומען, ווען איך האב מיך מעהר ניט געקענט בעהערשען. ניין, עס איז געווען אונמעגליך. פו איין זייט האב איך געזעהען איין אייז־בארג אונד פון דער אנדערער זייט יונגער, שעהנהייט, פערגניעגען אונד ליעבע. בין איך שולדיג אין דעם ווען גאט האט מיך אזוי בעשאפען? אונד יעטצט? זעה וויא ער שלעפט מיך נאך

www.libtool.com.cn


ניעדריגער וויא איך בין געשטאנען. ער טענה'עט, אז ער האט רעכט; ער וועט פרעגען טויזענד אנדערע אונד זייא בעווייזען, אז ער האט רעכט. אָבער וואס קענען דיא אַלע פוסטע מוחות וויסען פון א האַרץ, פון געפיהל, פון יוגענד אונד דיא לוסט פון לעבען? מיין קינד? יא, דאס איז אמת, אָבער איך זעה דאָך ניט איין וואס איך קען אַנדערש טהון? איך קען ניט, איך קען ניט! איך מוז דורכברעכען דיא אייזערנע וואנד פון ליגען, בעטרוג, שווינדעל אונד געשענדעטע געפיהלע — איך מוז מיך ארויס רייסען פון אַלעמען!"

זיא איז צוריק געפאַלען אין א שטוהל אונד אָנגעפאַנגען צו וויינען ווִיא א קינד.

שריטע אין קאָרידאָר האבען צוגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט. דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד דיא דיענסט האט איהר געזאגט, אז דער שליח ווארט אויף איין ענטפער.

„יא, ווארט," האט זיא געזאגט אונד אויפגעשריעבען:

„איך האב ערהאַלטען דיין בריעף. — אננאַ."

„גיב איהם דאס, אונד זאג אנושקא'ן, אז מיר פאָהרען נאָך ניט הייטע אבענד נאָך מאָסקווא."

## קאפיטעל 13.

וורָאנסקי האט ערהאַלטען א צעטעל פון אננא'ן, איהם ערווכענדיג ער זאָל קומענדיג אום 5 אוהר פארנאכט. ווען ער איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט, איז איהם אננא ענטקעגען געגאנגען אין גארטען. זיין הארץ האט געקלאפט מיט פרייד זיא זעהענדיג. זיא האט ערגריפען זיין האנד אונד געזאגט:

„דוא מוזט מיר ענטשולדיגען ווארום איך האב דיך גערופען. עס איז געווען זעהר נויטהווענדיג איך זאָל דיך זעהן."

„איך?" האט ער געפרעגט. „דיר ענטשולדיגען?"

„קום, איך האב דיר עפעס מיטצוטהיילען." זיא האט אָנגענומען זיין ארעם אונד וורָאנסקי'ס פרייד איז פערשוואונדען געוואָרען הערענדיג דעם טאָן פון איהר שטימע. ער האט בעגריפען, אז עפעס אונאנגענעהמעס האט פאסירט.

„וואס איז געשעהען?" האט ער געפרעגט אונגעדולדיג. זיא איז געגאנגען נאך עטליכע שריט שטילשווייגענד, אונד דאן, בלייבענדיג שטעהען, האט זיא בע־מערקט שנעל אָבער מיט גרויסער אנשטרענגונג:

www.libtool.com.cn

„איך האט דיר נים דערצעהלט לעטצטע נאכט, אז נאכדעם וויא איך בין מיט איהם צוריק געפאָהרען פון דער רייט־וועטע, האב איך איהם אלעס מיטגעטהיילט — אלעס, אז איך קען מעהר נים זיין, זיין פרוי !“

וויא זיא איז פערטיג געוואָרען, האט ער גאר נים געענטפערט. נאָר זיא איז געבליעבען שטעהען גראד, בליקענדיג אין זיין געזיכט מיט א שטרעננער אונד שטאָ:צער מיענע.

„יא, יא,“ האט ער ענדליך געמורמעלט. „עס איז געווען טויזענד מאָל בעסער וואס דוא האסט איהם דערצעהלט. איך וויים וואס דוא האסט געליטען !“

אָבער זיא האט נים געהערט זיינע ווערטער. זיא האט אלעם מעגליכע אָנגעווענדעט צו לעזען דיא געדאנקען פון איהר געליעבטען. זיא האט ערוואַרטעט, אז ער זאָל איהר באלד ענטפערן: „פערלאָז אלעס זאָפאָרט, אונד קום מיט מיר !“ זיא וואָ:ט דאן זאָגאר איהר קינד פערלאָזען; נאָר ער האט עס נים געזאָגט. זיא איז געוואָרען אויפגערעגט אונד געענטפערט:

„אָה ניין! איך האב גאר נים געליטען. לייען דאס — “ אונד בייא דיעזע ווערטער האט זיא איהם איבערגעגעבען איהר מאַן'ס בריעף. וורענסקי האט בעגריפען, אז ער האט נים ריכטיג געהאנדעלט געגען אננא'ן אין יענעם מאָמענט, אונד נאָך איידער ער האט געלייענט דעם בריעף, האט ער געזאגט:

„איך פערשטעה גאנץ גוט, אונד דאס איז אויך אלעס וואס איך האב געוואָלט. יעטצט וועל איך קענען אָפּפערן מיין גאנצעס לעבען פיר דיין גליק.“

„צו וואס דארפסטו דאס זאגען ?“ האט זיא בעמערקט. „ווען איך וואָלט געצווייפעלט — “ אָבער זיא האט נים געענדיגט. „לייען דעם בריעף !“ האט זיא געזאגט.

ווען וורענסקי האט געהאלטען אין לייענען דעם בריעף, איז איהם פאָרגעקומען דער רעזולטאט דערפון, אונד ער האט זיך געזעהן אויף'ן שלאכט־פעלד דער עהרע, אין דועל, וויא ער שיסט אָב זיין געוועהר אין זיין געגנער'ס ברוסט... ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דעם לעזע:, האט ער איהר צוגעוואָרפען א בליק פון אונענטשלאָסענהייט. אננא האט געשפירט, אז עס ווערט איהר קאלט אין יעדען אבר.

„וויא געפעלט דיר דאס ?“ האט זיא איהם געפרעגט.

„ענטשולדיג מיר,“ האט ער געענטפערט זיך בעמיהענדיג צו ערשיינען אזוי צ:רטליך וויא נאָר מעגליך, „ער קען זיך דענקען וואס ער וויל. אָבער א טהאטזאכע א:ז עם, אז אלעס קען נים בלייבען וויא ער פערלאַנגט.“

www.libtool.com.cn

„ווארום ניט ?“ האט אננא געפרעגט מיט איין אונהיימליכער שטימע.

„איך האָף, אננא,“ האט ער ענדליך ארויס געשטאמעלט, „אז דוא וועסט עטצט מוזען איינזעהען, דאס דוא מוזט איהם נענצליך פערלאָזען, אונד דוא וועסט מיר ערלויבען, אז איך זאָל אראנזשירען פיר אונזער לעבען צוזאמען. מאָרגען — “

„אונד מיין קינד ?“ האט זיא נעפרעגט איהם ניט לאָזענדיג ענדיגען. „דוא דערקענסט ניט פון זיין שרייבען, אז ער וועט מיר איהם ניט געבען ? אונד איך וויל ניט אונד קען ניט פערלאָזען מיין קינד !“

„אָבער, אום גאָטעס ווילען, עס איז דאָך בעסער דאס קינד זאָל בלייבען בייא איהם, איידער צו לעבען אזוי ערניעדריגט !“

„פיר וועמען איז דאס ערניעדריגט ?“ האט אננא געפרעגט.

„פיר יעדען, אונד איבערהויפט פיר דיר.“

„ערניעדריגט ? איך בעט דיך, זאג מיר ניט דיעזעס וואָרט, וויל פאר מיר האט עס קיין בעדייטונג. פערשטעהסטו נאָך ניט, אלעקסים, אז פון דעם טאָג אָן וואס איך האב דיך אָנגעפאנגען צו ליעבען, האט אויפגעהערט דיא גאנצע וועלט צו עקזיסטירען, אויסער מיין ליעבע ? וואס קימערט מיך דיא גאנצע וועלט, ווען איך קען בעזיטצען דיעזע ליעבע ? איך בין שטאָלץ — “ זיא האט געציטערט, אונד דיא טרערען פון שאנדע האבען דערשטיקט איהר שטימע. ער איז אויך געווען זעהר גע־ריהרט, אונד פיעללייכט צום ערשטען מאָל אין זיין יוגענד, האט ער געשפירט דיא טרערען קומענדיג אין זיינע אויגען. ער האט מיט איהר מיטלייד געהאט אונד זיך געמאכט פאָרווירפע ווארום ער האט געהאנדעלט אונפאָרזיכטיג אום ניט פריהער צו בערעכענען וואס עס קען שפעטער ווערען.

„דאָן איז דאָך גאר קיין רעד ניט פון א גט ?“ האט ער געפרעגט. זיא האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ניין. „קענסטו איהם ניט פערלאָזען אונד מיטנעהמען דאס קינד ?“

„דאס ווייס איך ניט,“ האט זיא געענטפערט.

„איך וועל זיין דיענסטאג אין סט. פעטערסבורג, אונד מיר וועלען זעהן וואס עס איז צו טהון,“ האט ער בעמערקט.

„יא, יא,“ האט זיא געענטפערט. אונד נעהמענדיג אבשיעד פון איהם, איז ער אוועק אהגע צו פערבלייבען דאָרט וויא זיין טבע איז געווען.

www.libtool.com.cn

## קאפיטעל 14.

**ווען קארעגינא האט ערוואכט דיענסטאג פריה, זיינען זיינע ערשטע געדאנקען** געוועזען איבער זיין זיעג וואס ער האט עררייכט אין מיניסטעריום. דאן האט ער זיך גענומען צו זיין ארבייט אונד גאר אין גאנצען פערגעסען אן זיינע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען. ער איז דערפאר געווען שטארק איבעררראשט ווען דער דיענער האט איהם אנגעזיינט, אז אננא איז געקומען. ער האט זיא אבער דאמאלס גראדע ניט געקענט עמפפאנגען, ווייל ער האט געהאט איין אונטעררעדונג מיט זיין שטאבס־אפיציער. אננא איז דערווייל אריין אין איהר צימער. א שטונדע איז פאראיבער, אונד קארעגינא האט זיך נאך אלץ ניט געוויזען. אננא איז געווארען אונגעדולדיג, אונד אריין געהענדיג אין א צימער נעבען איהר מאן׳ס, האט זיא עפעס בעפוילען צו דער דיענערשאפט אין א הויכער שטימע, כדי ער זאל הערען. אבער דאס האט אויך ניט געהאלפען. ענדליך, מיט א 15 מינוטען שפעטער, האט זיא געהערט וויא ער האט בעגלייטעט דעם בעאמטען ארויס פון הויז. זיא האט געוואוסט, אז נאך אזא אונטעררעדונג, מוז ער זיך אביסעל דורכשפאציערען, אבער אום צו בעשטימען איהר צוקונפט, האט זיא בעשלאסען איהם יעטצט אביסעל צו שטערען. זיא איז דערפאר אריין אין זיין צימער אונערווארטעט.

קארעגינא איז געזעסען נעבען א טישעל פערטראכט. אננא האט איהם פריהער דערזעהען, אונד זיא האט געמערקט א טרויעריגען בליק אין זיינע אויגען. ויא האט זיך געטראכט, אז ער מוז דענקען פון איהר. דאן האט ער זיא דערזעהען אונד זיך נערוועז בעוואוינען. ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען אום איהר ענטקעגען צו געהען. ער האט געבליקט אויף א זייט אום אויסצומיידען איהרע אויגען. דאן האט ער גענומען איהר האנד אונד זיא איינגעלאדען זיא זאל זיך זעטצען.

„עס פרייט מיך דיך וויעדער צו זעהען אין דער היים,“ האט ער געזאגט אין א נעצוואונגענעם אבער שמערצליכען טאן. זיא האט געשוויעגען אונד געשפירט מיטלייד צו איהם.

„איז סערגעי געזונד?“ האט ער געפרעגט, אונד אהנע צו ווארטען אויף איין ענטפער, האט ער געענדיגט: „איך וועל היינט ניט עסען קיין מיטאג צו הויז, ווייל איך מוז באלד אוועק געהען.“

„איך וויל פאהרען נאך מאסקווא,“ האט אננא געזאגט.

„ניין, ניין, עס וועט זיין פיעל, פיעל בעסער פאר דיר דוא זאלסט דא בלייבען.“

www.libtool.com.cn

האט ער געענטפערט אביסעל אויפגערעגט, אונד דאן האבען זייא ביידע ניט געשפראָכען. אננא האט אויסגעזעהען וויא צו פאסען מוטה, אונד אויפהויבענדיג איהרע אויגען צו זיין געזיכט, האט זיא געזאגט מיט עטוואס א ציטערענדע שטימע:

„אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש, הער מיך אויס! איך בין א זינדיגע אונד שולדיגע פרוי; אָבער איך בלייב נאָך אימער דיזעלבע וואס איך בין געוועזען, וויא דוא קענסט מיך; אונד דאס וואס איך האב פאר דיר מודה געוועזען איז נאָך צו וואהר. איך בין דיר געקומען זאגען, אז איך קען מיך ניט פערבעסערן."

„איך פרעג דיך גאר ניט דאריבער," האט ער געענטפערט אויך ענטשלאָסען, אָבער צאָרן אונד האס זיינען געלעגען אין זיינע ווערטער. „איך האב מיר גאר אנדערש ניט פאָרגעשטעלט וויא דוא האסט מיר געזאגט. אָבער, פערשטעה מיך, איך בעאבזיכטיגע ניט דארויף צו אכטען. זאָלאנג דיא וועלט וויים גאר ניט דערפון, וויל איך אויך ניט וויסען דאריבער. מיין נאמען, פערשטעהסטו, זאָל נאָר ניט ווערען בעשמוטצט, אונד איך וועל שווייגען. דאס האב איך געמיינט. איך וועל נאָר דאמאלס ערלויבען מיין עהרע זאָל געשענדעט ווערען, ווען דוא וועסט דיך פערראטהען פאר דער וועלט."

„אָבער אונזערע בעציהונגען," האט אננא קוים ארויס געשטאמעלט, „איך, איך מיין, אז — איך קען — קען ניט זיין דיין פרוי — "

קארענינא האט זיא אונטערבראָכען מיט א קאלטען אונד ביטערן שמייכעל:

„דיא ארט לעבען וואס דוא האסט לעטצטענס געפיהרט, האט אביסעל פערוויררט דיין פערשטאנד. איך האב צו פיעל רעספעקט פאר דער פערגאנגענהייט אונד זעהר וועניג צוטרויען פאר דער געגענווארט, אום אזוי צו דייטען מיינע ווערטער וויא דוא טהוסט."

אננא האט געזיפצט אונד אָנגעבויגען איהר קאָפּ.

„דענענאָך," האט ער וויטער געזאגט, „קען איך קוים פערשטעהען, וויא דוא, וועלכע האט זעהר וועניג געצייגערט צו דערצעהלען דיין מאן איבער דיין אונטרייהייט, קענסט יעטצט וואגען צו בעהויפטען, אז דוא וועסט אין דער צוקונפט ניט קענען ערפיללען דיא פליכטען פון א פרוי."

„אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש!" האט אננא אויסגעשריען ערביטערט, נערוועזערט אונד ערניעדריגט. „וואס פערלאנגסטו פון מיר?"

www.libtool.com.cn

„אלעס וואס איך פערלאנג, איז, אז דוא זאָלסט דיך מעהר ניט בּאַגעגענען מיט דיעזען מאַן. איך פערלאנג ווייטער, אז דוא זאָלסט דיך אזוי אויפפיהרען, דאס ניט דיא אויסוועוערטיגע וועלט אונד ניט אונזערע פאמיליען זאָלען האבען אירגענד וועלכע אורזאכע דיך צו בעשולדיגען. מיר דאכט, אז דאס איז ניט קיין גרויסער פערלאנג. יעטצט בין איך פערטיג, איך האב דיר מעהר גאר ניט וואס צו זאגען. איך מוז געהען, אונד, וויא איך האב פריהער בעמערקט, וועל איך היינט ניט זיין צו מיטאג.“

ער האט זיך אויפגעהויבען אונד איז צוגעגאנגען צו דער טהיר. זיא האט זיך אויך אויפגעהויבען. ער האט זיך גענייגט פאר איהר, אונד אָהנע א וואָרט צו רעדען, האט ער געמאכט פלאטץ זיא זאָל פריהער ארויס געהען פון צימער.

 

www.libtool.com.cn

# דריטער טהייל.

## קאפיטעל 1.

**דיא פאמיליע** קארעגינא איז געבליעבען וואהנען אתמער איין דאך. מאן אתד ווייב האבען זיך בעגעגענט יעדען טאג, אָבער נאך אלעמען זיינען זייא געווען פרעמד איינער צום צווייטען. ער האט זיך געצייגט זעהר אָפט אין זיין ווייב׳ס געזעלשאפט אין דער געגענוואַרט פון דיא דיענער אום אויסצומיידען בעמערקונגען, אבער ער האט זעהר זעלטען געגעסען אין דער היים. ווראָנסקי האט זיך ניט געוויעזען אין הויז; דערפאר אָבער האט זיך אננא מיט איהם בעגעגענט אין אנדערע פלעטצער אתד קארעגינא האט דערפון גאנץ גוט געוואוסט.

אלע דרייא האבען דעם צושטאנד ניט געקענט ערטראגען, אונד יעדער איינער האט געשפירט, אז דערפון מוז נעהמען א סוף. קארעגינא האט אָבער נאך אימער גערעכענט, אז זיין ווייב׳ס ליעבע צו ווראָנסקי׳ן וועט אָבשטארבען פריהער איידער זיין עהרע וועט אָנגעגריפען ווערען עפענטליך; אננא, דיא אורזאכע פון אלעמען אונד וועלכע האט אויך מעהר געליטען פון יעדען איינעם, האט ערווארטעט דיא קריזיס זאל קומען וואס זאל בעשטימען אהין אָדער אהער; ווראָנסקי האט אויך געדענקט וויא אננא.

אין א נאכמיטאג איז ווראָנסקי אהיים געקומען ערמיעדעט אונד שלעכט גע־פיהלט. ער האט ערהאלטען איין אויפטראג פון דער רעגיערונג צו בעגלייטען איין אויסלענדישען פרינץ, וועלכער איז געקומען נאך סט. פעטערסבורג אין בעזוך. דער פרינץ איז געווען א מעניש, וועלכער האט ליעב געהאט מונטערקייט אונד אויסגע־לאסענהייט כל־זמן ער איז אריעבער דיא גרענעץ פון זיין איינענעם לאנד; אונד ווראָנסקי איז געצוואונגען געווען זיך מיט איהם ארום צו שלעפען פון איין פער־גניעגעס־פלאטץ צו צווייטען, אונד, גראדע דאמאלס, איז איהם אזא בעשעפטיגונג ניט געווען אנגענעהם.

www.libtool.com.cn


וורָאנסקי האט געפונען א בריעף פון אננא'ן, וואו זיא האט איהם געשריעבען:
„איך פיהל ניט גוט אונד בין זעהר אונגליקליך. איך קען ניט פערלאָזען דאס הויז אונד איך מוז דיך דאָך זעהען. קום צו מיר הייטע אבענד. אלעקסים אלעקסאנדראָוויטש וועט זיין אין מיניסטער־ראטה פון 7 ביז 10."

וורָאנסקי האט גאנץ גוט געוואוסט פון קארענינא'ס שווערען אויפטראג נעגען איהם, נאָר אננא'ס בריעף האט איהם געמאכט ער זאָל זיך אום גאר ניט בעקימערן אונד ער האט בעשלאָסען צו געהען.

ער האט זיך געלעגט אביסעל אויסרוהען, אונד ווען ער האט ערוואכט, איז געווען גאנץ דונקעל. ארויס נעהמענדיג זיין אוהר, האט ער געזעהן, אז עס שוין באלד 9 אוהר. ער האט זיך שנעל אָנגעצויגען אונד איז אוועק צום קארענינא'ס פאלאסט. וויא ער איז צוגעקומען צום הויז, האט ער בעמערקט אננא'ס דראָשקע שטעהענדיג פאר דער טהיר.

„זיא האט זיך גע'אָזען פאָהרען צו מיר," האט ער זיך געטראכט, „אונד עס וואָלט אויך פיעל בעסער געווען." ער איז דאן ארויף די טרעפען, אָנגעקלונגען אונד א לאקיי האט געעפענט די טהיר. אָבער גראדע דאמאלס איז אויך ערשיענען פון אינוועניג, אלעקסים קארענינא, וועלכער האט זיך מיט איהם שיער צוזאמענגעשטויסען. קארענינא איז געווען אָנגעצויגען אין א שווארצען אבענד־אנצוג; ער האט אייניגע אויגענבליקען געקוקט דירעקט אין וורָאנסקי'ס אויגען, בעמערקט דאָרט א טרויעריגען אונד מידען אויסדרוק, דאן האט ער לייכט בעריהרט זיין הוט אונד פארבייגעהענדיג, איז ער ארונטער די טרעפען אונד איז אריין אין זיין דראָשקע.

„וואס פאר א בעגעגנונג!" האט וורָאנסקי געטראכט, זייענדיג אויפגערעגט. „ער וועט האבען מעגליך רעכט פון מיר צו דענקען וואס ער וויל."

ער איז דאן אריין אין זאלאָן וואו אננא האט איהם ערווארטעט.

„ניין!" איז געווען איהר ערשטעס וואָרט ווען זיא האט איהם ערבליקט.

„ווייטער קען עס אזוי ניט געהן! פון איהרע אויגען האבען זיך געגאָסען די טרערען.

„וואס האט פאסירט, ליעבע אננא?" האט ער געפרעגט.

„וואס עס האט פאסירט? מיין גאָט, דוא פרעגסט נאך? איך האב אויף דיר געווארט צוויא שטונדען אין די גרעסטע מארטערניסע. אָבער איך וויל מיך מיט דיר ניט קריעגען. איך בין זיכער, אז דוא האסט געוויס א גוטע ענטשולדיגונג. ניין, ניין, איך וויל דיר ניט מאכען קיין פאָרווירפע." זיא האט ארויף געלעגט איהר

www.libtool.com.cn


ווייסע האנד אויף זיין שולטער, אונד מיט איהרע טיעפע אונד צערטליכע אויגען, האט זיא לאנג געקוקט אין זיין געזיכט, גלייך וויא זיא וואלט דארט געוואלט ער־גרינדען זיינע געדאנקען.

„גלויב מיר, אננא," האט ער געזאגט אויפריכטיג, „איך האב מיך אונ־ווילענדיג פערשפעטיגט."

„דוא האסט זיך דאך געוויס בעגעגענט מיט איהם?" האט זיא געפרעגט.

„גוט, דאס איז א שטראפע דערפאר וואס דוא ביסט געקומען אזוי שפעט."

„וויא האט דאס פאסירט? ער איז דאך אוועק אין מיניסטער־ראטה?"

„ער איז ווירקליך דארט געוועזן, נאר ער האט צוריק געקעהרט אהנע איך זאל וויסען דיא אורזאכע. אבער קימער דיך ניט דארום. גענוג דאריעבער. אונד דער פרינץ איז שוין אוועק?"

„יא, דאנקען גאט וואס איך בין פון איהם פטור געווארען! דוא ווייסט גאר ניט וואס פאר א וואך איך האב געהאט."

„ווארום? האסטו ניט געפיהרט דאס לעבען וואס אלע יונגע לייט האבען גערן? עס איז דיא נאכלעסיגע פרוי מיט וועלכער מען דארף האבען מיטלייד, איבערהויפט אזוי וויא איך, וועלכע דארף נאך ניט וואגען צו מאכען בעמערקונגען. וויא קען איך וויסען אויב דאס וואס דוא זאגסט מיר איז וואהר?"

„אננא! טרויעסט דוא מיר ניט? האב איך דיך שוין אמאל אבגענארט? אדער האב איך פאר דיר אמאל עפעס בעהאלטען?"

„ניין, דוא האסט רעכט," האט זיא געענטפערט פראבירענדיג צו דערשטיקען איהרע אייפערזיכטיגע טרערען. „אבער, ווען דוא זאלסט נאר וויסען וויא איך לייד! אבער איך טרויע דיר! איך טרויע דיר!"

אננא'ס אנגריפע פון אייפערזוכט האבען געוואקסען מיט דער צייט אונד מיט איהר ליעבע צו ווראנסקי'ן. אונד ער? יא, ער האט זיא פערזיכערט, אז זיא מעג איהם טרויען; אבער, ווען ער האט ענדליך געזעהען, אז זיא ליעבט איהם מיט איהר גאנצער זעעלע, האט ער זיך עפעס שוין ניט געשפירט אזוי גליקליך וויא צו יענער צייט ווען ער האט געדורסטעט נאך איהר ליעבע.

„דיעזער טייפעל," האט זיא פארטגעזעטצט, מיינענדיג איהר אייפערזוכט, „איז מאנכע מאל שטארקער פון מיר; ד.א קענסט דיר גאר ניט פארשטעלען וואס איך האב געליטען ווארטענדיג אויף דיר. ווען דוא ביסט נעבען מיר, דאן בין איך זיכער, אז דוא ביסט מיינער, אונד ווען דוא ביסט אוועק — " דאבייא האט זיא זיך אונטערבראכען אום מעהר ניט צו רעדען דאריעבער. „דוא האסט איהם

www.libtool.com.cn 

בעגעגענט ? איך שטעל מיר פאָר, אז ער האט דיך געמוזט אזוי בעגריסען — "
דערבייא האט זיא געמאכט א קאָמישע מיענע מיט איהר געזיכט אונד מיט איהרע
אויגען. וורְאָנסקי האט געמוזט לאכען. „איך קען איהם שוין גאנץ גוט," אונד
דאן האט זיא אויך געלאכט מיט איהר ריינער אונד קלארער שטימע.

„איך קען איהם ניט בעגרייפען," האט וורְאָנסקי געזאגט ; „נאכדעם וויא
דוא האסט איהם אלעס דערצעהלט, האב איך ערוואַרטעט ער זאָל מיך ארויס רופען
אויף א דועל. איך בין איבערצייגט, אז ער ליידעט."

„ער ליידעט ?" האט זיא בעמערקט מיט א ביטערן שמייכעל. „ער איז זעהר
גליקליך." —

„אָבער ווארום זאָלען מיר זיך מארטערן, ווען אלעס וואָלט געקענט אנדערש
זיין ?"

„דאס פאסט איהם אָבער ניט. אך ! איך קען צו גוט זיין נאטור, ער איז
אין גאנצען צוזאמענגעשטעלט פון בעטרוג. קענסטו דיר פאָרשטעלען וויא מען קען
לעבען מיט א פרוי אונטער איין דאך, וועלכע האט אליין מודה געווען אויף איהר
פאלשקייט ? ווען איך וואָלט געווען אויף זיין פלאטץ, וואָלט איך דיא פרוי צער־
ריסען אויף שטיקער. אָבער ער זאגט מיר נאך אלע מעגליכע צערטליכע אונד
שמייכעל ווערטער. ער איז ניט קיין מענש, ער איז בלויז א מיניסטעריעלע מאשין.
ער בעגרייפט גאר ניט, אז ער געהערט זיך מיט מיר גאר ניט אָן. אָבער, איך בעט
דיך, לאָמיר מעהר ניט רעדען דערפון !"

וורְאָנסקי האט געזוכט זיא צו בערוהיגען אונד געזאגט :

„דוא האסט רעכט, ליעבע אננא, מיר וועלען רעדען גאר איבער דיר. וואס
האט דער דאָקטאָר געזאגט ? דוא שרייבסט מיר, אז דוא פיהלסט ניט גוט ; ווען
וועט דאס שטאטפינדען ?"

„באלד, באלד," האט אננא געענטפערט בלאס ווערענדיג. „מיין נאָט,
אלעקסים ! וואס וואָלט איך ניט געגעבען איך זאָל דיך קענען ליעבען פרייא אונד
אָפען פאר דער גאנצער וועלט ! אָבער, אלעס מוז באלד זיין פאָראיבער, אָבער ניט
אזוי וויא מיר האבען געדענקט." דיא טרערען האבען ווידער אָנגעפאנגען צו לויפען
פון איהרע שעהנע אויגען אונד זיא האט אָנגעשפארט איהר קאָפּ אויף וורְאָנסקי'ס
שולטער.

„איך פערשטעה דיך ניט," האט ער געזאגט צעגערענד.

„דוא פרעגסט מיך ווען דאס וועט שטאטפינדען ? באלד — אונד איך
וועל דאס ניט איבערלעבען. איך ווייס עס, איך בין איבערצייגט דעריבער. איך

www.libtool.com.cn 

וועל שטארבען, אונד עס פרייט מיך וואס עס וועט אזוי זיין, דאמיט איך זאל אייך ביידע קענען בעפרייען.״

ווראָנסקי האט נעקושט איהרע באקען וואס זיינען געוועזען נאס מיט טרערען, אונד, זוכענדיג זיא צו בערוהיגען, האט ער ניט געוואָלט ארויס צייגען זיין איינענע אויפרעגונג.

„אזוי וועט עס זיין בעסער,“ האט זיא ווייטער געזאגט דריקענדיג פיעבער־האפט זיין האנד.

„וויא נארריש!“ האט ער אויסגעשריִען אויפהויבענדיג זיין קאָפּ אונד פאר־שענדיג מוטה. „וויא דום דאס איז!“

„אָבער עס איז דאָך וואהר.“

„וואס איז וואהר?“

„אז איך וועל שטארבען. איך וויים עס, איך האב אזוי געחלום׳ט; אָבער לאמיר רעדען פון עפּעס אַנדערש.“ זיא האט זיך דערבייא אויפגעהויבען. „איך וועל שאפען טהעע, דאן וועלען מיר האבען א פרעהליכען אונטערהאלט, ווייל דיין צייט ווערט קורץ.“

וויא זיא איז געבליעבען שטעהען אויף איהרע פיס, האט איהר געזיכט אַנגע־נומען א מערקווירדיגע מיענע. ווראָנסקי האט עס בעמערקט, נאָר ער האט ניט פערשטאנען דיא בעדייטונג. אננא האט געוואוסט וואס דאס איז; עס איז געוועזען א בעוועגונג פון א לעבען אין איהר וואס האט זיך געדרענגט ארויס צו קומען אויף דער וועלט.

## קאפּיטעל 2.

נאכדעם וויא קארענינא האט זיך בעגעגענט מיט ווראָנסקי׳ן, האט ער פאָרט־געזעטצט זיין וועג צו דער איטאַליענישער אָפּערא, וואוהין ער האט בעאבזיכטיגט צו געהען. ער האט געהערט 2 אקטען, גערעדט צו א פּאאר פון זיינע בעקאַנטע אונד איז אוועק צוריק אהיים.

אנשטאט צו געהען שלאָפען וויא זיין טבע איז געוועזען, האט ער שפּאצירט איבער זיין צימער ביז נאהענט פארטאָג. עס איז איהם אונמעגליך געוועזען צו פער־צייהען זיין פרוי דאריבער וואס זיא האט ניט געהאלטען זיין לעטצטען אויפטראג, ניט צו עמפּפאנגען איהר געליעבטען בייא איהם אין הויז. נאכדעם אָבער וויא זיא האט עס יא געטהאָן, האט ער בעשלאָסען זיא צו בעשטראָפען דערמיט וואס ער זאָל זיא פערקלאגען אויף א גט אונד צו נעהמען סערגעי׳ן פון איהר. עס איז אפילו ניט

www.libtool.com.cn 

געוועזען קיין לייכטע ארבייט, אָבער ער מוז האלטען זיין וואָרט. ווען ער האט זיך ענדליך אריין געלעגט אין בעט, האט ער ניט געקענט איינשלאָפען. ער האט זיך נאכהער אָנגעצויגען אונד איז אריין אין זיין ווייב'ס צימער.

אננא, ערבליקענדיג זיין שטרענגעס געזיכט, זיינע ליפען צוזאממענגעדריקט אונד דעם טרויעריגען אויסדרוק אין זיינע אויגען, האט זיא זיך פאר איהם דערשראָקען. זיא האט איהם נאך ביז דאמאלס אזוי ניט געזעהען. ער האט זיא ניט בעגריסט, נאָר ער איז גלייך צוגענאנגען צו איהר שרייב־טיש אונד איהם שנעל גע־עפענט.

„וואס ווילסטו?“ האט זיא אויסגעשריען.

„דיא בריעף פון דיין געליעבטען.“

„זייא זיינען ניט דאָרט,“ האט זיא געענטפערט, אונד איז צוגעגאנגען איהם ניט לאָזען ריהרען איהרע פאפירען. ער האט זיא אָבער אונהעפליך אָבגעשטויסען אונד ארויס גענומען א פאקעט פאפירען.

„זיטץ, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען,“ האט ער געזאגט ארונטער לעגענדיג דעם פאקעט אונטער זיין ארעם.

זיא האט צו איהם געבליקט שטרענג אונד ערשטוינט.

„האב איך דיר ניט פערבאָטען דוא זאָלסט אהער ניט ברענגען דיין גע־ליעבטען?“

„איך האב איהם געוואָלט זעהען, דאמיט ער זאָל — “ זיא האט ווייטער ניט געקענט רעדען.

„מיך קימערן ניט דיא איינצעלהייטען, אונד איך וויל אויך ניט וויסען צו וועלכען צוועק א פרויענצימער דארף איהר געליעבטען.“

„איך האב בלויז געוואָלט,“ האט זיא געענטפערט פאסענדיג מוטה נאך זיינע אָפענע ווערטער, אָבער זיא האט דאָך געצעגערט — „קענסטו ניט זעהען וויא לייכט עס איז פאר דיר מיך צו פערוואונדען אונד ווען טהון מיר וועה?“

„מען קען נאָר פערוואונדען אונד וועה טהון איין אנשטענדיגען מאן אונד איין אנשטענדיגע פרוי; צו רופען יעמאנדען גנב, וועלכער איז א גנב, איז בלויז צו בעהויפטען דיא וואהרהייט.“

„דוא צייגסט אזוי פיעל אונבארמהערציגקייט, פיר וועלכען זאָגאר איך האב ניט גענלויבט, אז דוא ביסט פעהיג.“

„ווירקליך! דוא רופסט דאס אונבארמהערציג, ווען דיין מאן גיבט דיר אַלע פרייהייטען אונד האט דיך בלויז געבעטען דוא זאָלסט שוינען זיין עהרע? דוא

www.libtool.com.cn


רופסט דאס אונבארמהערציג, ווען דיין מאַן קען שוין מעהר ניט ערטראגען וויא דוא טרעטסט איהם מיט דיא פיס?"

"ניין, עס איז נאך מעהר, עס איז פיינהייט, געמיינהייט!" האט זיא אויסגע־שריען וועלענדיג פערלאָזען דאס צימער.

"ווארום!" האט ער געזאגט מיט איין אונגעוועהנליכער בעזער שטימע, דיא צווינגענדיג זיא זאָל זיך זעטצען אונד צוהאַלטענדיג איהרע הענד. "איך בין נאך ניט פערטיג. דוא רעדסט פון פיינהייט אונד געמיינהייט. גלויבסטו ניט, אז דיעזע ווערטער וואָלטען בעסער געפאסט פיר דיעזער וואס פערלאָזט איהר מאַן אונד קינד פיר א געליעבטען, אונד עסט נאך איהר מאַן'ס ברויט?"

אננא האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ; זיא האט זיך געשפירט בעזיעגט פון זיין וואהרער בעהויפטונג. דאַן האט זיא געמורמעלט: "דוא קענסט ניט מעהר אורטהיילען איבער מיין אויפפיהרונג, וויא איך זעלבסט; אָבער צו וואס ניטצט יעטצט דיעזעס געשפרעך?"

"צו וואס, פרעגסטו? עס איז בלויז דערפאַר, אז כל־זמן דוא האסט ניט געקאָנט רעספעקטירען מיין וואונש, האב איך בעשלאָסען פון אלעמען צו מאַכען איין ענדע."

"איין ענדע? יא, יא, האב קיין מורא ניט, באַלד וועט עס פון זיך נעהמען איין ענדע," האט אננא געזאגט ציטערענד אונד איהרע אויגען האבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען.

"באַלד, שנעלער וויא דוא אונד דיין געליעבטער קענען זיך פאָרשטעלען! אָך, יא, דוא ערוואַרטעסט שוין דיא שטונדע ווען דוא זאָלסט דיך קענען זעטצען מיט דער תאוה אונגעשטערט — "

"אלעקסים אלעקסאַנדראָוויטש!" האט זיא אויסגעשריען. "עס איז ניעדריג, עס איז ניט מעגליך צו שלאָגען יעמאַנדען, וועלכער ליעגט שוין אויף דער ערד!"

"אך! דוא דענקסט נאָר פון דיר אליין; דיא ליידען פון דיעזען וואס איז געוועזען דיין מאַן, דיעזע בעקימערן דיך גאָר ניט! וואס קימערט דיך ווען זיין גאנצעס לעבען איז רואינירט, וואס..." ער איז געוועזען צו אויפגערעגט אונד ווייטער ניט גע־קענט רעדען.

צום ערשטען מאל, אָבוואָהל נאָר אויף איין אויגענבליק, האט אננא בעגריפען איהר מאַן'ס שמערצען אונד זיא האט אויף איהם רחמנות געהאט. אָבער זיא האט נאָר ניט געקענט טהון אָדער זאגען; זיא האט נאָר געמוזט האַלטען איהרע אויגען ארונטער אונד שווייגען. דאַן האט ער בעמערקט מיט א שטרענגען טאָן:

www.libtool.com.cn 

„איך בין געקומען דיר זאגען, אז איך פאהר אוועק נאך מאסקווא אונד איך וועל מעהר אין דיעזען הויז נים אריין קומען. דוא וועסם אלעם ערפאהרען פון איין אדוואקאט, וואס איך האב בעשלאסען צו טהון אין דער אנגעלעגענהייט פון א גט. מיין זוהן, וועט אוועק געגעבען ווערען צו מיינע קרובים.“

„דוא נעהמסט איהם בלויז אוועק אום איך זאל ליידען,“ האט זיא געשטא־מעלט ציטערענדיג. „דוא בעקימערסט דיך נים אום איהם, — לאז איהם ביא מיר!“

„עס איז אמת, אז דער אבשייא וואס איז ענטשטאנדען צו דיר, גרייכט אויך צו מיין זוהן; אבער, דעננאך, וויל איך אויף איהם אכטונג געבען. אדיע!“

ער וואלט דאן ארויס פון צימער, נאר זיא האט איהם צוריק גע־האלטען.

„אלעקסים,“ האט זיא זיך געבעטען. „לאז מיר סערגעי׳ן; דאס איז אלעס וואס איך פערלאנג בייא דיר; לאז איהם בייא מיר, איך בעט דיך — “

קארענינא׳ס געזיכט איז רויט געווארען, אונד אוועק רייסענדיג זיין פרוי׳ס האנד פון זיינער, האט ער זיך אומגעווענדעט, אונד אהנע צו רעדען א ווארט, איז ער ארויס פון צימער.

## קאפיטעל 3.

דאס עמפפאנג־צימער פון דעם בעריהמטען אדוואקאט וואוהין קארענינא איז געגאנגען, איז געווען געפאקט מיט מענשען וואס האבען געווארט אויף דער רייהע. ער האט געגעבען זיין קארטע דעם דיענער, וועלבער, אהנע דארויף צו קוקען, האט ער איהם געזאגט, אז ער וועט מוזען ווארטען.

„זיים אזוי גוט,“ האט קארענינא געזאגט, „אונד טראגט איהם אריין מיין קארטע.“ מיט איינינע סעקונדען שפעטער, האט זיך דיא אינוועניגסטע טהיר גע־עפענט אונד דער אדוואקאט זעלבסט איז ערשיענען.

„קומט אריין,“ האט ער געזאגט האלטענדיג אפען דיא טהיר פאר קארע־נינאן. ער האט איהם געשטעלט א שטוהל נעבען שרייב־טיש אונד זייא האבען זיך ביידע געזעצט.

„איידער איך וועל אייך ערקלערען מיין בעזוך,“ האט קארענינא אנגע־פאנגען, „וועל איך אייך ערזוכען, אז אלעס וואס מיר וועלען שפרעכען זאל בלייבען אין געהיים.“

www.libtool.com.cn


דער אדוואָקאט האט לייכט געשמייכעלט אונד געענטפערט:

„ווען איך זאָל ניט וויסען וויא צו האלטען א סוד, וואָלט איך ניט בעדאַרפט פערטרעטען מיין אמט אלס אדוואָקאט."

קאַרענינא האט געבליקט צום אדוואָקאט'ס גרויע אונד דורכדרינגענדע אויגען אונד זיך געמערקט, אז ער וויים שוין פון אַלעם.

„קענט איהר מיך?" האט ער געפרעגט.

„איך האב געהערט פון אייערע הויכע דינסטע פיר רוסלאַנד," האט דער אדוואָקאט געענטפערט זיך פערניינענדיג.

קאַרענינא האט געזיפצט; עס איז איהם געווען שווער צו רעדען איבער דעם וואס ער האט געוואָלט.

„איך האב געהאט דאס אונגליק," האט ער ענדליך אָנגעפאנגען, „צו זיין דער מאן פון א פרוי וואס האט מיך בעטראָגען. איך ווינש אויפצולעזען, דורך א געזעטצליכען גט, דעם באנד וואס האט אונז ביידע פעראייניגט, אונד, איבערהויפט, אוועק צו נעהמען מיין זוהן פון זיין מוטער."

דער אדוואָקאט האט אַלעם מעגליכע אָנגעווענדעט צו ערשיינען ערנסט, אָבער קאַרענינא האט בעמערקט אין זיינע אויגען דיא אונגעהייערע פרייד וואס עס האט איהם פעראורזאכט, צו וויסען, אלס אדוואָקאַט, אז ער איז פערטרויעט מיט אזא אינטערעסאנטען פּראָצעס פון דיא הויכע פענסטער.

„איהר ווינשט אַלזאָ הילפע אום ארויס צו קריעגען א גט?"

„יא, אָבער איך מוז אייך פּאַראויס ווארנען, אז איך האב געוויסע בעדינגונגען, אונד ווען איך וועל דיעזע ניט קענען דורכפיהרען, דאן וועל איך בעסער קיין זאך טהון."

„איך פערשטעה אייך גאנץ גוט," האט דער אדוואָקאט געענטפערט ארונטער לאָזענדיג זיינע אויגען, דאמיט קארענינא זאָל ניט קענען לעזען זיין צופריעדענהייט.

„איך בין ציעמליך גוט בעקאנט מיט דיא אלגעמיינע געזעטצע פון א גט," האט קארענינא פאָרטגעזעטצט, „אָבער איך וואָלט נייגיעריג געווען צו וויסען איבער איינצעלהייטען."

„דאס הייסט, איהר ווילט הערען דיא פערשיעדענע פאָרמען אונד פונקטען פון דעם שיידונג געזעטץ?"

קארענינא האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ יא.

www.libtool.com.cn

„א גט, לויט אונזערע געזעטצע,“ האט דער אדוואָקאט פאָרטגעזעטצט, „איז מעגליך, לויט וויא עס איז אייך געוויס בעקאַנט, אונטער דרייא קאָנדיציאָנען: 1) ווען עס עקזיסטירט א קערפּערליכער פעהלער וואס מאכט אונפעהיג ענטוועדער מאן אָדער פרוי; 2) ווען יעמאנד פון דער פערהייראַטעטער פּאַרטיע פערלאָזט דעם צווייטען אויף 5 יאהר, אונד, דריטענס — “ אויסשפּרעכענדיג דאס וואָרט אין א צופריעדענעם טאָן — „ניאוף. דאס איז נאַטירליך, דיא טהעאָריע פון געזעטץ, אָבער, איך דענק, דאס נאכדעם וויא איהר האט מיך בעעהרט אויסצוהערען מיין ערקלערונג, וועט איהר געוויס וועלען וויסען אויך פון דער פּראַקטישער זייט. אזוי וויא איך בין זיכער, אז קיין איינציגע פון דיא ערשטע צווייא קאָנדיציאָנען וואס איך האב אויסגערעכענט עקזיסטירט —“

קאַרענינא האט לייכט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„דאַן איז דיא טהאט פון ניאוף, פון איינעם פון דיא פערהייראַטעטע, דער גרונד פיר א גט זעהר לייכט, ווען ער אָדער זיא זאָלען דארויף עדות זאגען אליין, זאָנסט בענעטהיגט מען פּאָזיטיווע בעווייזע. דער ערשטער פאַל, פון אליין מודה זיין, איז נאַטירליך דער בעסטער, אונד, איך גלויב, אז איהר האט מיך פער־שטאַנען.“

קאַרענינא איז געווען זעהר אויפגערעגט אונד נאכדענקענדיג האט ער געזאגט:

„אין דיעזען פאַל, איז מודה זיין זיך, נאר קיין רעדע ניט. קען פּיעללייכט א קאָררעספּאָנדענץ בעשטעטיגען דיא בעווייזע וואס מען דארף אין אזא פאַל? איך האב אזא קאָררעספּאָנדענץ דאָ בייא מיר.“

דער אדוואָקאט האט דאַן גאנץ רוהיג געענטפערט:

„בעווייזע בענעטהיגען עדות. ווען איהר טהוט מיר דיא עהרע זיך צו פער־לאָזען אויף מיר, דאן מוזט איהר פאָלגען מיין ראטה.“

קאַרענינא'ס געזיכט איז געוואָרען זעהר בלאַס, אונד זיך אויפהויבענדיג פון זיין שטוהל, האט ער בעמערקט:

„איך וועל אייך שרייבען, נאכדעם וויא איך וועל מיך בעשליעסען וואס עס איז צו טהון. אונד נאכדעם וויא איך מערק מיר פון אייערע ווערטער, אז א גט איז מעגליך, וועט איהר אזוי גוט זיין אונד מיר זאגען אייערע בעדינגונגען.“

„אלעס איז מעגליך,“ האט דער אדוואָקאט געענטפערט אויסמיידענדיג דיא געלד־פראגע, „ווען איהר וועט מיר נאָר געבען פאָלשטענדיגע פרייהייט צו האנדלען וויא איך פערשטעה. ווען וועל איך ווייטער הערען פון אייך?“

www.libtool.com.cn

„איך גלויב אין 8 טאָג ארום. איהר וועט מיר דאַן אויך מיטטהיילען אויב איהר קענט אונטערנעהמען דעם פּראָצעס, אונד אונטער וועלכע בעדינגונגען."

„יא, יא," האט דער אדוואָקאט געענטפערט בעגלייטענדיג זיין הויכען קליענט צו דער טהיר.

נאך אין דעמזעלבען טאָג, האט קארענינא פערלאַנגט דיא ערלויבניס פון דעם העכסטען פּלאַטץ אום צו פאָהרען נאך אויסלאַנד צו שטודירען דיא אַרמען פון אנדערע רעגיערונגען. נאכדעם וויא ער האט דיעזע ערלויבניס ערהאלטען, א ז ער אוועק פון סט. פּעטערסבורג איבער מאָסקווא, אונד האט בעשלאָסען דאָר ו צו פערבלייבען עטליכע טעג.

## קאפּיטעל 4.

אויף דעם מאָרגען, נאכדעם וויא קארענינא איז אָנגעקומען נאך מאָסקווא, האט ער פערלאָזען דעם האָטעל אום צו געהען בעזוכען דעם גענעראַל-גובערנאטאָר. ווען ער איז ארויס געגאנגען האט ער געהערט יעמאנדען רופען זיין נאמען פון א פּארבייא פאָהרענדע דראָשקע. עס איז געוועזען סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, וועלכער האט שפּאציערט מיט דאָללי'ן אונד 2 קינדער.

קארענינא האט קיין חשק ניט געהאט זיך צו בעגעגנען מיט פריינדע אין מאָסקווא, אונד וועניגער וויא מיט אלעמען, צו זעהען זיין פרוי'ס ברודער. ער האט זיך פערניינט אונד ווייטער געגאנגען, אָבער אבלאָנסקי איז ארויס געשפּרונגען פון דער דראָשקע אונד איז צוגעלאָפען צו איהם, אויסדריקענדיג זיין פריינדליכסטע בעגריסונג.

„ווען ביסטו געקומען? ווארום האסט אונז ניט געלאָזען וויסען? איך האב געזעהען דיין נאמען געכטען אבענד אונטער דיא געסט ביי דוססאָ אונד איך האב בעשלאָסען דיך אויפצוזוכען."

„מיין צייט דאָ איז זעהר קורץ, אונד איך בין זעהר בעשעפטיגט," האט קארענינא געענטפערט אביסעל אונהעפליך.

„קום צו אונד רעד אביסעל צו דאָללי'ן, זיא וויל דיך זעהר זעהען." דיא זיינען דאן צוגעגאנגען צו דער דראָשקע.

„וואס האט פּאסירט, אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש, וואס דוא מיידעסט אונז אויס?" האט דאָללי נעפרעגט. „וויא געהט עס מיט מיין ליעבער אננא?"

www.libtool.com.cn

קארעגינא האט געמורמעלט עטליכע ווערטער אין איין אונדייטליכען טאָן, אונד מיט א פאאר מינוטען שפעטער האט ער זיך געוואַלט ענטשולדיגען, נאָר סטעפאַן האט איהם אונטערבראָכען.

„ווייסטו וואס דוא דארפסט טהון," האט סטעפאַן געזאגט. „קום מאָרגען אונד עסס מיטאג מיט אונז. קאָזימשעוו אונד פעסטזאָוו וועלען אויך זיין, אונד דוא וועסט קענגען הערען אַלעס וואס עס טהוט זיך אין מאָסקווא."

„קום, קום, איך בעט דיך," האט דאָללי געזאגט. „מיר וועלען עסען דאמאלס ווען עס פאסט פאר דיר, אום 5 אָדער 6, וויא דיר געפעלט."

קארעגינא האט ווידער געענטפערט אין א טאָן וואס זייא האבען כמעט ניט געהערט, אונד אויפהויבענדיג זיין הוט, איז ער רוהיג אוועק צו זיין איינענער דראָשקע.

„וואס פאר א מערקווירדיגער מענש!" האט סטעפאַן בעמערקט איהם נאָכ־קוקענדיג.

מיט איניגע וואָכען פאר דיעזער געשיכטע, האט דער פרינץ אונד דיא פרינצעסין שערבאַטצקי צוריק געקעהרט נאָך מאָסקווא מיט זייער טאָכטער קיטטי, וועלכע איז שוין געוועזען כמעט פּאָלקאָמען געזונד.

יא, קיטטי האט מעהר קיין צייכען פון ליידען געוויעזען, אויסער וואס מען האט געקענט בעמערקען, אז איהר מיידעלשער גייסט אונד מונטערקייט איז פער־שוואונדען. זיא איז געוואָרען פון איין אונוויסענדעס אונד אונשולדיגעס מעדכען, איין ערפּאַהרענעס פרויענצימער. דיא צייט אונד ערפאַהרונג האבען זיא איבערצייגט, דאס וראָנסקי'ס האנדלונג געגען איהר, וואס איז אנפאנגס געוועזען אונערטרעגליך, איז געוועזען פון איהר אייגענער טובה וועגען. זיא האט בלויז געבליקט צוריק מיט שמערץ, אָבער דיא געגענוואַרט איז ווידער געוואָרען א גליקליכע אין דער אומגעבונג פון איהר פאמיליע.

דיא טרויעריגסטע מאָמענטען אָבער פיר קיטטי'ן, זיינען געוועזען דיעזע, ווען זיא האט זיך דערמאָהנט וויא אונבאַרמהערציג זיא האט געהאנדעלט געגען קאָנסטאַנטין לעווין. זיא האט זעהר ווייניג פון איהם געהערט אונד איהם גאר ניט געזעהען, זייט יענעם אבענד אין ווינטער, ווען זיא האט איהם נענעבען יענעם שווידערהאפטען ענטפער, אז זיא קען ניט ווערען זיין פרוי.

לעווין אליין, האט זיך אויך געענדערט וועהרענד דיעזע אלטע לאַנגע געשיכטע. דיא צייט האט געשטילט דעם שמערץ פון זיין פערצווייפלונג, אונד אָבוואָהל ער

www.libtool.com.cn

האט אז קיטטי׳ן ניט געקענט פערגעסען, איז ער אָבער דאָך אימשטאנדע געוועזען צו ערפּיללען זיינע פליכטען אויף דיא גיטער. ער האט אביסעל געריזט אונד געגאנגען אויף דער יאגד, וועלכעס האט געהאָלפען צו צערשטרייען זיינע ביטערע ליעבעס־געדאנקען. סטעפּאַן׳ס מעהרערע איינלאַדונגען צו בעזוכען מאָסקווא, האט ער צוריק געוויעזען. ער האט מורא געהאט, טאָמער זעהט ער קיטטי׳ן, וועט עס זיין גלייך וויא מען רייסט אויף איין אלטע וואונד. ווען ער וואָלט אָבער געוואוסט, וויא אָפּט קיטטי האט בעדויערט אונד חרטה געהאט אויף איהר האנדלונג געגען איהם, וואָלט ער זיך זעלבסט בעהעררשט, אָבוואָהל ער איז געוועזען בטבע זעהר שטאָלץ, אז איהם איינמאל ענטזאגען איז שוין געוועזען גאנץ גענוג.

וועהרענד דיא לעטצטע איינגע וואָכען, האט לעווין געמאכט א קורצע רייזע נאך אויסלאנד, אונד זייענדיג געצוואונגען צוריק צו קעהרען איבער מאָסקווא, האט ער בעשלאָסען דאָרט צו פערבלייבען עטליכע טעג. ער איז אָנגעקומען אין דעמזעלבען טאָג גלייך מיט קארענינא׳ן, אונד ער איז אויך איינגעשטאנען אין דוססאָ׳ס האָטעל.

עס איז נאַטירליך איבריג צו דערצעהלען, אז לעווין׳ס ערשטער בעזוכער איז געוועזען סטעפּאַן ארקאדיעוויטש. דיא צווייא פריינדע האבען זיך הערצליך בעגריסט.

„נעהם ארונטער דיין מאנטעל אונד זיטץ,“ האט לעווין געזאגט.

„איך קען קיין אויגענבליק מעהר דאָ פערבלייבען; איך בין בלויז אריין געקומען זעהען וואס דוא טהוסט,“ האט סטעפּאַן געענטפערט, וועלכער האט אונטערדעסען אָנגעפאנגען זיך צו מאכען בעקוועם אונד איז נאכהער פערבליעבען א גאנצע שטונדע פּלוידערענדיג.

„דערצעהל מיר וואס דוא האסט געטהאָן אין אויסלאנד; וואו ביסטו געוועזען?“ האט סטעפּאַן געפרעגט.

„איך בין געוועזען אין דייטשלאנד. פראנקרייך אונד ענגלאנד, אָבער מיין צוועק איז געוועזען צו בעזוכען דיא גרעססטע פאבריקען, ניט דיא הויפּט־שטעדט. אונד איך בין געוועזען זעהר פיעל פעראינטערעסירט.“

„יא, יא, איך וויים וויא דוא ביסט אימער פעראינטערעסירט אין אלע ארבייטס־פראגען.“

לעווין האט דאַן אָנגעפאנגען צו געבען איין ערקלערונג וואס ער דענקט, וויא אזוי מען וואָלט געקענט פערבעסערן דעם צושטאנד פון דיא רוסישע בוערן, ווען מען

www.libtool.com.cn



זאָל איינפיהרען גרויסע פאַבריקען. סטעפּאַן האָט אַלעס אויסגעהערט, בעמערקט א פּאאר ווערטער. אָבער עס האָט איהם ניט אינטערעסירט.

„געה נאָך ניט,“ האָט לעווין געזאָגט זעהענדיג זיין פריינד זיך אויפהויבען.

„איך פאָהר וואהרשיינליך מאָרגען אוועק אונד איך האָב דיך נאָך ניט רעכט געזעהען.“

„אַך!“ האָט סטעפּאַן אויסגעשריען, „דאָס עראינערט מיך אָן זעהר א וויכטיגער זאַך. מיר ערווארטען, אַז דוא זאָלסט עסען מאָרגען מיטאָג מיט אונז אונד דוא זאָלסט אונז ניט ענטזאָגען. מיין שוואָגער קאַרענינא אונד א פּאאר אַנדערע געסט וועלען אויך זיין.“

„איז ער דאָ?“ האָט לעווין געפרעגט וועלענדיג פערבאָרגען זיין נייגיעריגקייט איבער קיטטי'ן. ער האָט געוואוסט, אַז קיטטי האָט לעטצטענס בעזוכט סט. פּעטערסבורג, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אויב זיא האָט שוין צוריק געקעהרט. סטעפּאַן האָט איהם ניט פערשטאַנען. לעווין האָט גראַדע ניט געוואָלט בעגעגענען קיטטי'ן, אונד ער האָט מורא געהאַט, פיעללייכט וועט זיא אויך דאָרט זיין. אָבער ער האָט קורץ געענטפערט:

„איך אַקצעפּטיר דיא איינלאַדונג.“

„אָבער הער אויס, קאָנסטאַנטין, בין איך זיכער, אַז דוא קוממסט?“

„געוויס, געוויס, איך וועל ערשיינען מיט פערגניגען.“

„גוט, אַלזאָ אום 5 אוהר, אונד קום אָהן צערעמאָניע.“

סטעפּאַן איז פון דאָרט אוועק בעזוכען א הויכען בעאַמטען פון זיין דעפּאַרטמענט, וועלכער איז דאַן פּאַרבייא געפאָהרען מאָסקווא.

## קאַפּיטעל 5.

אין דעמזעלבען נאָכמיטאַג, האָט סטעפּאַן אָבלאָנסקי בעזוכט קאַרענינא'ן אין זיין האָטעל ער האָט זעהר געוואָלט בעשטימט וויסען אויב ער נעהמט אָן דיא איינלאַדונג צו מיטאָג אָדער ניט.

גאַנץ פריה, איז קאַרענינא געווען בעשעפטיגט מיט אָפיציעלע ארבייטען, אונד ער האָט אויך עמפּפאַנגען איינינע דעלעגאַציאָנען. דאַן האָט ער זיך געזעטצט שרייבען דעם בריעף וואָס ער האָט פערשפּראָכען זיין אַדוואָקאַט. ער האָט איהם מיטגעטהיילט, אַז ער גיבט איהם א פּאָוּמאַכט צו טהון וויא ער פערשטעהט, אונד איינגעשלאָסען צוויי בריעף, איינעם פון ווראָנסקי'ן צו אננא'ן אונד דעם אַנדערן פון אננא'ן צו איהר געליעבטען; דיעזע האָט ער געפונען אין דעם פּאַקעט וואָס ער

www.libtool.com.cn


האט אוועק גענומען. ווי א ער איז פערזינג געוואָרען מיט דעם בריעף, האט ער נעהערט סטעפּאַן'ס שטימע, וועלכער האט פערלאַנגט מען זאָל איהם אנצינדען.

„עס איז גוט וואס ער קומט,“ האט קארעניגא געטראַכט. „איך וועל איהם אלעס מיטטהיילען איבער זיין שוועסטער, אונד דאן וועט ער פערשטעהען, אז מיר ביידע זיינען אוים מחותנים.“

„עס פרייט מיך דיך נאך אמאל צו זעהען,“ האט סטעפּאַן געזאגט מיט זיין מונטערע שטימע אריין קומענדיג. „איך האָף — “

„עס איז מיר אונמעגליך צו נעהען,“ האט איהם קארעניגא אונטערבראָכען מיט א טרוקענעם טאָן.

„ווארום ?“ האט סטעפּאַן געפרעגט גוטמיטהיג אונד ערשטוינט.

„עס איז אונמעגליך ; דיא בעציהונגען צווישען אונזערע פאמיליען, האלטען באלד ביים צעררייסען ווערען.“

„וואס ? ווארום ?“ האט אבלאָנסקי געפרעגט ניט בעגרייפענדיג.

„ווייל איך האב אָנגעקלאגט מיין ווייב אונד דיין שוועסטער, אויך א גט ; איך האב בעדארפט — “

„אלעקסים אלעקסאנדראָוויטש, דאס איז אונמעגליך !“ האט סטעפּאַן אוים-געשריען שמערצהאפט אונד איז צוריק געפאלען אין א שטוהל.

„עס איז אָבער וואהר.“

„ענטשולדיג מיר, איך קען עס ניט גלויבען.“

קארעניגא האט זיך אויך געזעטצט : ער האט פערשטאנען, אז זיינע ווערטער האבען ניט געמאכט דעם געווינשטען איינדרוק, אונד ער וועט ערשט מוזען געבען זיין שוואָגער א בעסערע ערקלערונג.

„עס איז א שמערצהאפטע נויטהווענדיגקייט,“ האט קארעניגא ווייטער געזאגט, „אָבער איך בין געצוואונגען זיך צו גט'ן מיט איהר.“

„וואס זאָל איך זאגען ? וויסענדיג, אז דוא ביסט איין עהרליכער מאן אונד אננא א זעלטענע פרוי — ענטשולדיג מיר, איך קען מיין מיינונג איבער איהר ניט וועקסלען — קען איך דאס אלעס ניט גלויבען. עס מוז זיין עפּעס א שרעקליכער טעות !“

„הלואי וואָלט דאס געווען א טעות !“

„ערלויב מיר, — ערקלער מיר מעהר. איך בעט דיך איין זאך, האנדעל ניט צו שנעל.“

www.libtool.com.cn

„איך האב קיין זאך נעטהאָן איבעראיילט,“ האט קאָרעניגא געענטפערט. „אָבער אין אזא פאַל, קען מען בייא קיינעם ניט פרעגען קיין עצות; מיין ענטשלוס איז געפאסט.“

„דאס איז שרעקליך!“ האט סטעפאַן אויסגערופען שטאַרק געערגערט. „איך בעט דיך, נאכדעם וויא איך רעכען, אז עס איז נאך ניט אזוי וויט געגאַנגען, טהו נאך פאָרלויפיג קיין זאך ביז דוא וועסט ניט רעדען מיט מיין פרוי. זיא ליעבט אַנגאַ'ן וויא א שוועסטער, אונד זיא איז א פרוי מיט א געזונדען מענשען־פערשטאַנד. איך בעט דיך, אום דער פריינדשאַפט צו מיר אליין, רעד מיט איהר פריהער.“

קאָרעניגא איז געבליעבען שטיל אונד נאכגעדענקט. סטעפאַן האט רעספעקטירט זיין שטילשווייגען אונד איהם בעטראַכט מיט סימפּאַטהיע.

„איך בעט דיך, שוואָגער,“ האט סטעפאַן ענדליך געזאגט. „קום ווער ניגסטענס עסען; מיין פרוי ערווארטעט דיך; קום, איך בעט דיך אונד רעד מיט איהר.“

„ווען דוא בעטסט מיך אזוי, דאַן וועל איך קומען,“ האט קאָרעניגא געענטפערט מיט א זיפץ. ער האט דאַן אלעם מעגליכע אָנגעווענדעט אונד געוועקסעלט דעם אינהאַלט פון געשפרעך אויף עפּעס אנדערש. סטעפאַן האט געגעבען א קוק אויף זיין אוהר אונד אויסגעשריען:

„מיין גאָט, עס איז שוין נאך פיער! אונד איך מוז נאך מאַכען א בעזוך. אַלזאָ, אַ־עס איז געענדיגט — דוא קומסט עסען?“

„איך האב פערשפּראָכען אונד וועל קומען,“ האט ער געענטפערט טרויעריג בעגלייטענדיג סטעפאַנען צו דער טהיר.

„איך דאנק דיר! איך האָף, אז דוא וועסט ניט חרטה האבען,“ האט סטעפאַן בעמערקט ארויס געהענדיג.

## קאַפּיטעל 6.

אום 5 אוהר זיינען שוין געווען פערזאמעלט דיא געסט בייא אבלאָווסקי'ן. אויסער קאָזניטשעוו'ן אונד פעסטזאָוו'ן, זיינען אויך ערשיענען דער אַלטער פרינץ שערבאַטצקי, קאָרעניגא, קיטטי, אונד איהר שוועסטער־קינד. לעווין איז געווען דער לעטצטער צום ערשיינען, אונד סטעפאַן איז איהם ענטקעגען געגאַנגען אין קאָרידאָר.

„איז עס שוין שפּעט?“ האט ער געפרעגט. דאַן, ווערענדיג אביסעל נערוועז, האט ער געזאגט: „ווער זיינען זייא?“

www.libtool.com.cn


„בלויז פאמיליען פריינד. קיטטי איז אויך דא. קום אריין שנעלער, איך וויל דיך פארשטעלען פאר קארענינאן."

לעווין'ם הארץ האט העפטיג געקלאפט ווען ער איז אריין געקומען. ווען קיטטי האט איהם געזעהען בעגריסענדיג איהר שוועסטער, איז זיא אזוי איבערפילט געווארען מיט פרייד, דאס דיא טרערען האבען זיך געקייקעלט פון איהרע אויגען. לעווין אונד דאללי האבען עס ביידע בעמערקט. לעווין איז צו איהר צוגעגאנגען; זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צו איהם אונד זיך געזוכט צו בעהערשען; אבער זיא האט ניט געקענט.

„עס איז א לאנגע צייט זייט מיר האבען זיך ניט געזעהען," האט זיא ענדליך ארויס געשטאמעלט. דאן האבען זייא ביידע געשפראכען איבער קלייניגקייטען, אונד סטעפאן איז צוגעקומען, אוועק גענומען לעווינען, אונד איהם פארגעשטעלט פאר קארענינאן. ווען מען איז אריין אין שפייזע זאלאן, האט סטעפאן אויסגעזעטצט פריהער אלע זיינע געסט, אונד צום שלום, ווען עס זיינען געבליעבען בלויז צוויא שטוהלען איינעם נעבען אנאנדער, האט ער געזעטצט לעווינען מיט קיטטי'ן. וועהרענד דעם עסען, האבען זייא גאנץ ווייניג געשפראכען; זייא זיינען בלויז געווען גליקליך, אונד יעדער האט דאס געקענט זעהען אויף זייערע געזיכטער.

ווען דיא דאמען זיינען ארויס פון דעם שפייזע־זאלאן, האט סטעפאן יעדען איבערגעגעבען א ציגאר אונד מען האט אנגעפאנגען צו פלוידערן. קארענינא, וועלכער האט ניט גערויכט, האט זיך ענטשולדיגט, אונד איז ארויס אין צווייטען זאלאן. דאללי, וועלכע האט איהם אויסגעזעהען צו ערווארטען, איז געזעסען אין א ווינקעל.

„אך, וויא עס פרייט מיך וואס דוא ביסט געקומען," האט זיא געזאגט זיך אויפהויבענדיג. „איך האב מיט דיר אזוי פיעל צו רעדען. לאמיר זיך זעטצען." קארענינא האט זיך געזעטצט נעבען איהר.

„עס פרייט מיך אויך," האט ער געענטפערט, „וואס איך האב א געלעגענהייט דיך צו זעהען, ווייל איך פאהר מארגען אוועק."

דאללי, וועלכע איז געווען בייא זיך פעסט איבערציינט איבער אננא'ס אונשולד, איז געווארען בלאס פון אויפרעגונג, בעמערקענדיג קארענינא'ס רוהיגע גלייכגילטיגקייט.

„אלעקסיס אלעקסאנדראוויטש," האט זיא געזאגט פאסענדיג אזוי פיעל מוטה וויא נאר מעגליך. „איך האב דיך געפרעגט איבער אננא'ן, אונד דוא האסט מיר נאר ניט געענטפערט. וואס איז מיט איהר?"

www.libtool.com.cn 

„איך דענק, אז זיא איז געזונד," האט ער געענטפערט אָהנע צו קוקען צו איהר.

„ענטשולדיג מיר, אַלעקסיס, וואס איך וואג מיך צו פיעל צו מישען, ווען דאס איז אפילו נעגען מיינע רעכטע, אָבער איך ליעב אננאַ'ן צו פיעל אום איך זאָל קענען בלייבען גלייכגילטיג. זאָג מיר, איך בעט דיך, וואס האט פּאַסירט צווישען אייך ביידע אונד אין וואס ווערט זיא בעשולדיגט?"

„דיין מאַן האט דיר געוויס דערצעהלט," האט קאַרעניגא געענטפערט אונ־געדולדיג. „וואס עס האט געבראכט דיעזען צושטאנד צווישען מיר אונד אננאַ אַרקאַדיעוונאַ."

„איך גלויב עס אָבער ניט אונד וועל עס קיינמאָל ניט גלויבען!" האט זיא אויסגעשריען. צו דיעזער צייט זיינען דיא איבריגע מענער אריין אין זאַלאָן. דאָללי האט זיך שנעל אויפגעהויבען, אונד לעגענדיג איהר האנד אויף קאַרעניגאַ'ס ארעם, האט זיא געזאגט: „ווילסטו מיט מיר געהען וואו מען זאָל אונז ניט שטערען?" קאַרעניגא איז נאכגעגאנגען דאָללי'ן אין א קליינעם צימער. זייא האבען זיך אוועק געזעטצט בייא א טישעל.

„איך זאג עס נאך אמאל, איך גלויב גאר ניט!" האט זיא ווידער האַלט.

„קען מען בעשטרייטען פאקטען?" האט ער געפרעגט גאנץ רוהיג.

„אָבער וואס האט זיא בעגאנגען? אין וואס ווערט זיא בעשולדיגט?"

„זיא האט געבראָכען איהר טרייהייט אונד פערראַטהען איהר מאַן. אין דיעזען ווערט זיא בעשולדיגט."

„ניין, ניין, עס איז אונמעגליך! ניין, דאנקען גאָט, אַלעקסיס, דוא נארטסט זיך זעלבסט!" האט דאָללי אויסגעשריען צודריקענדיג איהר קאָפּ מיט ביידע הענד.

קאַרעניגא האט ביטער געשמייכעלט. ער האט געשפּירט דעם וואונש זיא צו איבערצייגען. דאָללי'ס פערטהיידיגונג ווידער, האט נאך זיין שמערץ פערגרעסערט. אין א טרויעריגען אונד געערגערטען טאָן, האט ער געענטפערט:

„מען קען זיך ניט נאררען אונד מען קען קיין טעות ניט האבען, ווען א פרוי אַליין קומט אונד דערצעהלט איהר מאַן, דאס 8 יאָהר פערהייראַטעטעם לעבען אונד א זוהן, האבען גאר ניט ווערטה, אונד זיא וויל ערשט איבער א נייעם אַנ־פאנגען איין אנדערעס לעבען."

www.libtool.com.cn

„אננא אונד זינגר ! וויא קענען זיך דיעזע צווייא פעראייניגען ? וויא קען מען גלויבען — “

„דאריא אלעקסאנדראָווגא !“ האט ער אויסגעשריען בעז זיא אונטערברעכענדיג. „איך וואָלט אוועק געגעבען א העלפט פון מיין לעבען איך זאָל נאך וועניגסטענס קענען צווייפלען. דער צווייפעל אליין איז געווען שמערצהאפט, אָבער דיא יעטצטיגע זיכערהייט איז נאך ערגער. ווען איך האב געצווייפעלט, האב איך נאך געקענט האָפען. יעטצט האב איך מעהר קיין האָפנונג אונד נאך מעהר צווייפלען ; איך צווייפעל זאָגאר איבער מיין זוהן. איז ער מיינער ? ווער וויים ? אך, איך אונגליקליכער !“

אָבוואָהל דאָללי האט ניט געקענט זעהען זיין אָבגעווענדעטעס געזיכט, האט זיא אָבער דאך פערשטאנען, אז זיינע ליידען זיינען זעהר גרוים אונד זיא האט שטארק מיטלייד געהאט מיט איהם.

„מיין גאָט, עס איז שרעקליך ! אָבער ביסטו פעסט ענטשלאָסען זיך צו גט'ן ?“

„איך האב גענומען דיעזען לעטצטען אויסוועג, ווייל קיין אנדערער איז מיר ניט געבליעבען. איך קען ניט מעהר ערטראגען.“

„איך פערשטעה פאָלקאָמען,“ האט ענדליך דאָללי געענטפערט אלעס בעגרייפענדיג. זיא האט זיך דערמאָהנט אן איהרע אייגענע צרות. דאן, צוזאמענדריקענדיג איהרע הענד וויא אין געבעט, האט זיא געזאגט :

„אָבער מיין גאָט, אלעקסים, דוא ביסט דאך א מענש מיט איבערלעגונג, רענק דיר נאָר וואס עס קען פון איהר ווערען, ווען דוא וועסט זיא פערלאָזען !“

„איך האב אלעס איבערגעדענקט, דאָללי. זאָגאר דאן, ווען זיא האט מיר מיט איהרע אייגענע ליפען דערצעהלט פון איהר שאנדע, האב איך איהר געגעבען א געלעגענהייט זיך אומצוקעהרען ; איך האב איהר געוואָלט העלפען זיך צו רעטען. אָבער וואס האט זיא געטהאן ? זיא האט פערשמיסען יעדעס געפיהל פון אנשטאנד אונד רעספעקט ! יעמאנד קען רעטען א מיט־מענשען פון טויט, וועלכער וויל ניט שטארבען, אָבער וואס קען מען טהון ווען יענער וויל עס ניט ?“

ער האט זיך עראינערט אן דעם לעטצטען געשפרעך מיט זיין ווייב אונד ער איז אָנגעפיללט געוואָרען מיט צאָרן. דאן האט ער בעמערקט :

„דאָללי, איך בין דיר זעהר דאנקבאר פאר דיין סימפאטהיע,“ אונד זיך

www.libtool.com.cn

אויפהויבענדיג האט ער געזאגט: „דוא וועסט מיר ענטשולדיגען, עס שמערצט מיך זעהר צו רעדען דאריבער. איך מוז אויך געהען.“

„ווארט איין אויגענבליק; דוא זאלסט זיא ניט פערלירען! הער אויס מיין אייגענע ערפאהרונג. איך בין אויך פערהייראטעט אונד מיין מאן האט מיך בעטראגען. אין מיין אייפערזוכט אונד אויפרעגונג, האב איך איהם אויך געוואלט פערלאזען, אָבער איך האב מיך איבערגערעבענט, אז מען טאר זיך ניט איילען. אונד ווייסטו ווער מיך האט גערעטעט? אננא. אונד יעטצט זיינען מיר ווידער פעראייניגט; מיין מאן האט איינגעזעהען וויא אונגערעכט ער האט געהאנדעלט, אונד איך האב איהם מוחל געווען. יא, יא, אלעקסים, דוא מוזט אויך פערצייהען. ווארום זאל א פרוי ערגער זיין וויא א מאן? ווארום מעג זיא פערצייהען אונד ער ניט?“

אָבער איבער קארענינאן'ן האבען איהרע ווערטער קיין איינדרוק געמאכט. ער האט געענטפערט מיט א בעזער שטימע:

„איך קען ניט אונד וויל ניט פערצייהען; דאס וואלט געווען אונרעכט. איך האב געוואלט פערצייהען; עס איז געווען א צייט ווען איך האב געקענט פערצייהען, נאר זיא האט מיך בלויז מיעבער אריין געשלעפט אין שמוטץ אונד בלאטע. ניין, דאללי, רעכען מיך ניט פאר קיין שלעכטען מענשען. מיין ניט, אז איך בין איינער וואס קען נאר האסען; אָבער זיא? יא, זיא האס איך מיט דער קראפט פון מיין גאנצער זעעלע, אונד איך וועל איהר ניט פערצייהען. אזוי וויא זיא האט געהאנדעלט געגען מיר, איבערשטייגט שוין אלע גרענעצען פון גערולד!“

זיין שטימע האט געציטערט מיט צארן. דאללי האט איהם מעהר נאר ניט געקענט זאגען, אונד דאן, זיך אביסעל פאסענדיג, האט ער בעמערקט: „יעדער פון אונז האט זיין בינטעל צרות. ענטשולדיג מיר, דאללי פאר מיין אויפרעגונג, אָבער נאָט וויים דעם אמת, אז איך בין ניט מעהר וויא א מענש אונד זיא האט אין מיר אלע מענשליכע געפיהלע בעליידיגט אונד געטרעטען מיט דיא פיס. אדיע!“ ער האט גענומען איהר האנד אונד איז אוועק.

## קאפיטעל 7.

**לעווין האט זיך קוים געקענט איינהאלטען ניט נאכצוגעהען קיטטי'ן אין זאלאן, נאכדעם זייא האבען זיך אויפגעהויבען פון שפייזע־טיש; אָבער ער איז ניט נעגאנגען. ער האט מורא געהאט, טאמער ווינשט זיא דאס ניט. ער איז דאפיר צוריק**

www.libtool.com.cn


נעבליעבען מיט דיא אנדערע מענער אונד אנטהייל גענומען אין דעם אלגעמיינעם געשפרעך.

ווען מען האט אויפגעהערט רויכען, איז יעדער אריין אין צווייטען זאלאָן, אונד לעווין האט געשפירט, אז קיטטי'ס אויגען זוכען איהם. ווען ער האט זיך אומגעקוקט, האט ער בעמערקט א צופריעדענעם שמייכעלע אויף איהרע ליפען.

„איך האב געמיינט,“ האט ער צו איהר געזאגט, „אז איך וועל אייך געווים טרעפען ביי'א דער פיאנאָ אום אונז אביסעל אויפצומונטערן מיט גוטער מוזיק. אזעלכע דאָרפס־בחורים וויא איך, וויא איהר בעגרייפט, זיינען זעהר נייגיעריג צו הערען מוזיק.“

„ניין,“ האט זיא געענטפערט, „איך בין דאָ נאָר געזעסען אונד געוואַרט צו זעהען וויא לאנג איהר קענט דאָרט פערבלייבען רעדען איבער נאררישקייטען. עס איז מערקווירדיג וויא מענער געפינען פערגניעגען אין ויכוחים!“

„פאָלקאָמען רעכט!“ האט ער געענטפערט זיך אניעדער זעטצענדיג נעבען קליינעם טישעל וואו זיא איז געזעסען

קיטטי האט געהאלטען א בלייפעדער אין האנד אונד געשריעבען אונפערשטענדליכע שטריכען אויף א שטיקעל פאפיר. דאס האט איהר אביסעל געהאָלפען צו בעהאלטען איהר נערוואָזיטעט. איהר הארץ האט שטארק געקלאפט. לעווין איז געזעסען שטילשוויינענד אונד געקוקט אין איהר שעהנעם געזיכט, זיך טראכטענדיג, אז עס וואָלט געווען אונמעגליך פאר איהם צו לעבען אָהן איהר.

„זעהט וויפיעל פאפיר איך האב דאָ פערשריעבען!“ האט זיא געזאגט זיך אויפהויבענדיג, גלייך וויא זיא האט געוואָלט אוועק געהען.

„איין אויגענבליק,“ האט ער געזאגט פלוצלינג זיך וויא דערמאָהנענדיג אָן עפעס. „איך האב אייך עפעס שוין לאנג געוואָלט פרעגען.“

זיא האט זיך ציטערענדיג געזעטצט אונד געמורמעלט: „פרעגט.“

„איך וועל עס אזוי מאכען,“ האט ער געזאגט, ארויס נעהמענדיג א בלייפעדער פון זיין אייגענער קעשענע. „דאס איז מיין פראגע.“ ער האט דאן אויפגעשריעבען פאָלגענדע בוכשטאבען: „וו. א. ה. ס. ג. א. ע. א. א. ה. א. ג. נ. ד. א. פ. א.“

דיא בוכשטאבען האבען אזוי בעדייטעט: „ווען איהר האט מיר געזאגט, אז עס איז אונמעגליך, האט איהר געמיינט נאָר דאן, אָדער פיר אימער?“

לעווין האט געהאט א גאנץ קליינע האפנונג, אז זיא וועט איהם פערשטעהן;

www.libtool.com.cn


אָבער קיטטי האט זיך א היבשע צייט איינגעקוקט אין דיא בוכשטאבען אונד דאן געפרעגט: „וויא מאכט דיעזער צווייטער בוכשטאב א.?"
„אונמעגליך," האט לעווין געענטפערט, „אָבער איך עראינער מיך ניט גענוי, אויב איהר האט זיך דאן בעדיענט גראדע מיט אזא ווארט."
זיא האט גענומען דעם בלייפעדער פון זיין האנד אונד אויפגעשריעבען: „ד. ה. א. ק. א. ע. ג. נ."
לעווין האט שטודירט א היבשע צייט דיא בוכשטאבען אונד דאן האט זיין געזיכט אָנגענומען א גליקליכע מיענע. ער האט פערשטאנען, אז זייא לויטען: „דאמאלס האב איך קיין אנדערן ענטפער געקענט געבען."
ער האט געקוקט צו איהר מיט א פראגענדען בליק אין זיינע אויגען אונד געזאָגט:
„איהר האט דאס אַלזאָ נאָר ד א מ א ל ס געמיינט?"
„יא," האט זיא געענטפערט מיט א שמייכעל אונד איז רויט געוואָרען.
„אונד — יעטצט?" האט ער געפרעגט.
זיא האט ווייטער גענומען דעם בלייפעדער אונד געשריעבען שוין גאנץ דייטליך:
„מיין העכסטער וואונש איז, דאס איהר קענט פערצייהען אונד פערגעסען."
מיט פלאמענדע אויגען האט לעווין איבערגעלעזען דיא ווערטער אונד אויס־געשריעען:
„איך האב דיך אויף קיין אויגענבליק אויפגעהערט צו ליעבען!"
קיטטי האט צו איהם געבליקט אונד איהרע ליפען האבען געציטערט מורמלענדיג: „איך פערשטעה."
„אזוי נאר, ביסט שוין געוואָרען לעווין'ס פריוואט־סעקרעטער?" האט זיך פלוצלינג געהערט דיא מילדע שטימע פון דעם אלטען פרינץ שערבאטצקי. קיינער פון דיא צווייא יונגע מענשען האט געקענט ענטפערן.
„ווען דוא ווילסט געהען אין טהעאטער, קיטטי," האט דער פרינץ ווייטער געזאגט, „דאן קום, עס ווערט שפעט."
לעווין האט זיך אויפגעהויבען אונד בעגלייטעט קיטטי'ן ביז צו דער טהיר. ער איז געווען גליקליך. ער האט בעשלאָסען מאָרגען צו רעדען מיט איהרע עלטערן.

www.libtool.com.cn


## קאפיטעל 8.

ווען סימסי איז אוועק, האט עס לעווינען אויסגעזעהען, אז דיא געזעלשאפט האט פאר איהם פערלוירען דיא גאנצע אינטערעסע. עס איז איהם דאן געלונגען צו נעהמען אבשיעד פון זיין פריינד׳ס הויז. זיין גרעסטער וואונש איז געווען, צו זיין אליין.

אבוואהל דיא נאכט איז געווען זעהר קיהל, איז לעווין דאך געזעסען אין זיין צימער נעבען אָפענעם פענסטער אונד געקוקט ארויס צום בלויען הימעל, אין דיא פינקלענדע שטערען, אונד זיך געטראכט, עס זאָל טאָג ווערען אזוי שנעל וויא מעגליך, דאן זאָל קומען דיא פאסענדע מאָרגען־שטונדע, ווען ער זאָל אוועק צו פרינץ שער־באטצקי, אונד אויסדריקען זיין וואונ״ש.

עס איז איהם אונמעגליך געווען צו שלאָפען. ער האט שפאצירט, געדויכט, געקוקט, אונד געטראכט, ביז עס איז טאָג געוואָרען. דאן האט ער זיך אָבגעבאָדען אין קאלטעם וואסער, ארויס אויף דער גאס, צוגערופען איין איזוואָסטשיק אונד איהם געהייסען ער זאָל מיט איהם פאָהרען איבער דער שטאָדט, אום צו פערברענגען דיא אונגעדולדיגע צייט. ארום 10 א זייגער איז ער אריין אין א רעסטאָראנט אונד גענעסען פריהשטיק. דאן האט ער גענומען אנאנדערן איזוואָסטשיק אונד געהייסען מען זאָל איהם צו פיהרען צום פאלאסט פון פרינץ שערבאטצקי.

ווען ער איז אהין צוגעקומען, איז איהם ענטגעגען געגאנגען א שווייצארישער לאקיי, איהם דערקענט, אונד מיט א פריינדליכען שמייכעלע, וויא איינער רעדט: „ענדליך, דאך!“ האט ער פאר איהם געעפענט דיא טהיר.

„עס פרייט מיך אייך צו זעהען!“ האט דער לאקיי אויסגעשריען. לעווין, אנשטאט זיך צו געפינען בעליידיגט פון דעם לאקיי׳ס צו פיעל פריינדליכקייט, האט ער געשמייכעלט מיט פערגניגען. דער לאקיי האט איהם דאן אויסגעצויגען זיין הוט אונד מאנטעל, וועלכע ער האט אויפגעהאנגען אין קאָרידאָר.

„צו וועמען זאָל איך אייך אנצייגען?“ האט א צווייטער דיענער, צוקומענדיג, געפרעגט. לעווין האט געמערקט, אז יעדער האט שוין געוואוסט אין הויז צו וועלכען צוועק ער איז געקומען.

„צייג מיך אן צום פרינץ אונד צו דער פרינצעססין,“ האט ער געענט־פערט.“

דיא ערשטע וויכטיגע פערזאָן פון הויז וואס ער האט בעגעגענט, איז געווען דיא פראנצויזישע גאָווערנאנטקע, מאדאם לינאָן. דער אלטער פרינץ׳ס אויגען, האבען

www.libtool.com.cn


ארוים געגלאַנצט מיט פערגניגען פון אונטער די בריליען, ווען זיא האט דערזעהען כעווינען. דאַן האט ער געהערט א גערויש פון א קלייד, אונד די גאָווערנאַנטקע איז פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען. פון א צווייטער טהיר, איז ערשיענען קיטטי. איהר געזיכט האט געשטראַהלט מיט גליק, אונד צוקומענדיג צו איהם, האט זיא געלעגט איהר האנד אויף זיינע שולטער; אין נעכסטען אויגענבליק, האט ער זיא צוגעדריקט צו זיין הארץ. זיא האט אויך צוגעבראַכט א שלאָפלאָזע אָבער גליקליכע נאַכט, אונד געצעהלט די מינוטען ביז ער וועט קומען. ווען ער איז ערשיענען, האט זיא זיך ניט געקענט צוריק האלטען איהם פריהער צו בעגעגענען. זייער גליק איז געוועזען צו גרויס אונד זייא האבען דערפאַר כמעט גאר ניט געשפּראָכען. ענדליך האט זיא געזאגט:

„קום שנעל אונד זוך אויף מיין מוטער.“ זיא האט אָנגענומען זיין האנד אונד ער האט צוגעבראַכט איהרע צו זיינע ליפּען, אונד אָבגעפּרעסט א קוש.

„קען דאס אַלעס זיין ווירקליכקייט?“ האט ער געפרעגט שטאַמלענדיג. „איך קען עס גאר ניט גלויבען, אז דוא ליעבסט מיך?“

זיא האט געשמייכעלט זיס אונד ליעבליך אונד געענטפערט: „יא, קאָנסטאַנטין, אַלעס איז וואהר, אונד איך בין זעהר גליקליך.“

איהם אימער האלטענדיג בייא זיין האנד, האט זיא איהם אריין געפיהרט אין זאַלאָ, וואו די פּרינצעסין איז געזעסען אונד זייא וואהרשיינליך ערוואַרטעט. אזוי וויא זיא האט זייא ערבליקט, האט זיא זיך אויפגעהויבען, אונד האַלב וויינענדיג, האַלב לאַכענדיג, איז זיא זייא ענטקעגען געגאַנגען. זיא איז פּלוצלינג געבליעבען שטעהען, וויא פאַסענדיג מוטה, אונד אויסשטרעקענדיג איהרע ביידע הענד, האט זיא אומאַרמט לעווינען אונד נאָך אימער וויינענדיג, האט זיא געזאגט:

„גוט, גוט, קינדער! איך בין גליקליך, זעהר גליקליך! איהר זאָלט זיך ביידע ליעבען אונד אַכטען; זייא גליקליך, טהייערע קיטטי! דיין מוטער איז יעטצט די גליקליכסטע מוטער אין דער וועלט!“

„הא! הא!“ האט זיך געהערט שערבאַטצקי'ס שטימע אריין קומענדיג אין הויז. דער אַלטער האט אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו ערשיינען רוהיג, נאר לעווין האט געמערקט וויא זיינע אויגען האבען געגלאַנצט מיט טרערען. „אַט דאָ זייט איהר אַלע! האט ער ווייטער געזאגט. „גוט, אזוי איז גוט! דאס איז א פּאַסענדע שטראָף פאר אייך! אונד דוא, קיטטי, נאַריש געגזעלע, האב איך דיר ניט געזאגט,

www.libtool.com.cn


„פאפא!“ האט קיטטי אויסגעשריען לעגענדיג דיא האנד אויף איהר פא־טער'ס מויל.

„אויב אזוי,“ האט דער פרינץ געענטפערט, „דאן שווייג איך אונד זאג גאר ניט, אבער, איך מוז דאך זאגען, מיין גאָט — וואס פאר איין אַלטער נאר איך בין...“ דיא טרערען האבען אָנגעהויבען צו לויפען פון זיינע אויגען, אונד ארום געהמענדיג קיטטי'ן, האט ער זיא געקושט צערטליך אויף דיא באקען.

נאך אייניגע מינוטען גליקליכע אויפרעגונג, האבען זייא זיך ענדליך געזעטצט אונד מען האט אָנגעפאנגען צו שפרעכען איבער דער צוקונפט. דיא פרינצעסין האט געפרעגט:

„אלזאָ, ווען זאָל עס זיין? מען מוז דאך פריהער אַלעס אנציינגען. וויא זאגסטו, אלעקסאנדער!“ רעדענדיג צו איהר מאן.

„אָט דאָ זיטצט איינער וואס האט א רעכט צו בעשליסען,“ האט שערבאצקי געענטפערט ציינענדיג אויף לעווינען.

„ווען?“ האט לעווין געזאגט רוהיג ווערענדיג. „ווען עס זאָל זיין וויא איך וויל, דאן וואָלט איך צופריעדען געווען עס זאָל שטאטפינדען מאָרגען; דיא תנאים היינט, דיא חתונה מאָרגען.“

„געה, געה, אינגעל. דאס איז דומהייטען!“ האט דיא אַלטע געענט־פערט.

„וואס וויים איך? דאן זאָל עס זיין אין אכט טעג ארום.“

„וואס רעדט ער!“ האט דיא פרינצעסין אויסגעשריען לאכענדיג. „אונד וואס ועט זיין מיט דיא חתונה קליידער?“

„וואס קימערט מיך חתונה קליידער אונד אַלע קלייניגקייטען? קיין זאך קען שוין נים שטערען מיין גליק.“ דאן בליקענדיג צו קיטטי'ן, האט ער בעמערקט אויף איהר געזיכט א גליקליכע מיענע. „וואס ווייס איך,“ האט ער ווייטער געזאגט, „איך האב בלויז געענטפערט לויט וויא מיין הארץ האט מיר דיקטירט.“

„דוא ביסט נאך א אינגעל,“ האט דיא פרינצעסין געזאגט. „זאָל פאָרלויפיג זיין, מיר וועלען נאך רעדען דאריבער. יעטצט מוז מען פאר אַלעמען אנציינגען דיא פערלאָבונג.“

זיא איז צוגענאנגען צו איהר מאן, זיך צוגעבויגען אונד אָבגעפרעסט א קוש אויף זיין שטערן. ער האט אויסגעשטרעקט זיין ארעם אונד זיא ארום גענומען. דאן האט פאטער אונד מוטער פערלאָזען דאס צימער מיט דיא יונגע מענשען. ווען זייא זיינען אוועק, האט לעווין געזאגט עטוואס שטאמלענדיג:

www.libtool.com.cn

„איך ווייס, איך האב עס אימער געשפירט, אז אזוי מוז עס זיין, אָבוואָהל איך האב ניט פערשטאַנען אויך וועלכער אַרט דאס קען קומען.“

„אויך איך האב דאס געוואוסט,“ האט קיטטי געענטפערט. „זאָגאר דאַן ווען איך האב פון מיר פערשטויסען מיין גליק, האב איך געשפירט, אז איך ליעב דיך. איך בין דאמאָלס געוועזן שרעקליך נאריש. אלעס וואס איך פערלאַנג יעטצט פון דיר, איז דאס: קענסטו פערגעסען דיין פערגאַנגענהייט?“

„פיעללייכט,“ האט לעווין געענטפערט. „איז גאר אלעס געוועזן צו גוטען; אויך איך דארף דיך בעטען אום פערצייהונג, אונד יעטצט, קיטטי, וויא דוא זעהסט, ווינען מיר קווית.“

גראדע דאמאלס האט מאדאם לינאָן אנגעקלאפּט אין דער טהיר, אונד איז אריין ווינשען דיא יונגע לייט גליק. דיא נאַכריכט פון דער פערלאָבונג, האט זיך באלד פערברייטעט אונטער אלע פריינדע אונד בעקאַנטע. גרעפין נארדסטאָן איז געוועזן דיא ערשטע צו ערפאהרען דערפון, אונד טראָטץ דעם וואס זיא איז פריהער געוועזן בלויז פיר ווראָנסקי׳ן, האט לעווין נאכהער קיין בעסערע אנהענגערין ניט געקענט געפינען וויא זיא איז געוואָרען. זיא האט גאר ניט געקענט אויפהערען איהם צו בעוואונדערן.

## קאַפּיטעל 9.

ווען קאַרענינא האט זיך ווידער געפונען אליין אין זיין צימער, האט ער זיך ווידער אמאל דערמאָהנט אן אלעס וואס דאָללי האט איהם געזאגט. ער האט ביטער געשמייכעלט צו זיך אליין, געדענקענדיג איהר ראטה פון פערצייהען.

„פערצייהען!“ האט ער געמורמעלט. „האב איך דען ניט געוואָלט פערצייהען? דאָללי האט אביסעל רעכט דערמיט וואס זיא בעהויפּטעט, אז פרויען דארפען ניט ערגער זיין וויא מענער; זאָלאנג פרויען פערצייהען, קענען מענער אויך פערצייהען. אָבער דער אונטערשיעד איז זעהר גרויס אונד דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען. איך וויל נעהמען סטעפּאנען אליין אלס ביישפּיעל: ער האט געליעבט דיא גאָווערנאנטקע, מיט איהר אויך פערקעהרט, אָבער זיין פרוי איז געבליעבען פרוי אונד ער אבטעט זיא גראדע אזוי גוט וויא פריהער. דיא ליעבע צו דער גאָווערנאנטקע איז פערשוואונדען אונד ער איז ווידער דאָללי׳ס מאַן. ער האט פיעללייכט קיינמאל ניט געהאַסט אָדער פעראַכטעט זיין פרוי, טראָטץ זיין ליעבע צו דער גאָווערנאנטקע. דאַן, וויא דיא זאַך איז, האט ער קיין קינדער אהיים געבראַכט. מענער, וויא עס שיינט, קענען ליעבען עטליכע פרויען, אָבער פרויען

www.libtool.com.cn

ליעבען נאָר איין מאַן, אונד ווען דיעזער מאַן איז א פרעמדער, דאַן האט זיא פיר איהר אייגענעם מאַן, העכסטענס האסס אונד פעראַכטונג. דאס איז מיט מיר אויך דער פאַל."

קאַרענינא האט ארויס געלאָזען א טיעפען זיפץ. דאַן האט ער געהייסען דעם דיענער ער זאָל איהם ברענגען טהעע אונד זיך אוועק געזעטצט איבערקוקען א לאַנד־קאַרטע פיר זיין רייזע. צו דיעזער צייט האט איהם א דיענער אריין געבראַכט צווייא טעלעגראַמען. ער האט זייא באַלד געעפענט. איינע איז געווען איין אנצייגע, אַז זיינער א פּאָליטישער געגנער איז ערנאַנט געוואָרען צו א הויכער שטעלע וואס ער אליין האט חשק געהאט אָנצונעהמען. זיין געזיכט האט זיך אָנגעצונדען מיט צאָרן אונד ער האט אוועק געשמיסען דאס שטיקעל פּאפּיר. דאַן האט ער געעפענט דיא צווייטע טעלעגראַמע אונד געלעזען פאָלגענדעס:

„איך האלט ביים שטאַרבען. איך בעט דיך דוא זאָלסט צו מיר קומען.

„איך וועל דאַן לייכטער שטאַרבען ווען דוא ווערסט מיר מוחל זיין. —
אננא."

אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויעזען א פעראַכטענדער שמייכעל. „עפּעס א נייע געמיינהייט!" האט ער זיך געטראַכט ניט גלויבענדיג וואס אין דער טעלעגראַמע שטעהט. „זיא איז צו אַלעמען פעהיג. יא, זיא דאַרף יעטצט האבען א קינד; וואס קען זיין איהר ציעל? וויל זיא דאס קינד זאָל ווערען א געזעטצליכעס קינד? וויל זיא מיך נאָך מעהר שענדען? אָדער בעאבזיכטיגט זיא נאָר פיעללייכט צו הינדערן דעם גט?"

ער האט אונטערדרעסען נאָך אמאל געלעזען דיא ווערטער: „איך האלט ביים שטאַרבען." ער איז געבליעבען שטעהען נאַכדענקענד. „ווען דאס זאָ וואהר זיין, וואס קען עס בעדייטען?" האט ער זיך געערעגט. „פיעללייכט איז עס וואהר אונד זיא האט טאקי חרטה? איך וואָלט מיר דאַן ניעמאלס געקענט פערציהען."

„פּיער!" האט ער אויסגעשריען. „בעשטעל זאָפאָרט א דראָשקע. איך פאָהר נאָך סט. פעטערסבורג."

ער האט בעשלאָסען זיך צו איבערציינגען וואס דאָרט טהוט זיך. אין פאַל ויא נאַרט איהם אָבער אָב, זאָל ער באַלד פון דאָרט אוועק; אונד ווען ער וועט שוין אָנקומען צו שפּעט, דאַן זאָל ער ערפיללען איהר לעטצטען וואונש.

אויף'ן אַנדערן מאָרגען איז ער געקומען נאָך סט. פעטערסבורג. אַרויף געהענדיג דיא טרעפּען פון זיין וואָהנונג, האט ער זיך געטראַכט: „ווען זיא האט

www.libtool.com.cn


מיך אָבגעגאַרט, וועל איך מיך ווידער זעהען בעהערשען אונד אוועק געהען גאַנץ רוהיג. ווען עס איז אָבער וואָהר, דאַן וועל איך טהון אַלעס מעגליכע וואָס עס איז ערפאָרדערט."

דער דיענער וואָס האָט געזעהען דיא סצענע, האָט געצייגט מיט דער מיענע אויף זיין געזיכט, אַז ער איז ניט געשלאָפען דיא גאַנצע נאַכט.

„וואָס מאַכט דיין ווירטהין?" האָט קאַרענינא געפרעגט.

„מאַדאַם האָט לעצטע נאַכט געבוירען א קינד."

קאַרענינא האָט געשפירט, אַז יעדער טראָפּען בלוט פון זיין קערפּער, איז אריין אין זיין געזיכט; ער האָט אנגאַ'ן דאַן געוואונשען דעם טויט פון זיין טיעפסטען הערצען.

„אונד וויא געהט עס איהר?" האָט ער ווייטער געפרעגט.

„מאַדאַם איז זעהר שוואַך; א בעראַטהונג פון מעהרערע ערצטע האָט שטאַטגעפונדען; דער דאָקטאָר איז יעטצט בייא איהר."

„נעהם מיינע זאַכען אונד ברענג זייא אין אָרדנונג," האָט קאַרענינא בעפוילען אונד איז אריין אין קאָרידאָר. א מיליטערישער מאַנטעל איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. קאַרענינא האָט דאָס בעמערקט אונד געפרעגט:

„ווער איז דאָ אינווענינ?"

„דער דאָקטאָר, דיא קראַנקען־ווערטערין אונד גראַף ווראָנסקי."

קאַרענינא איז דאַן אַריין אין א זאַלאָן־צימער וואו דיא קראַנקען־ווערטער איז איהם ענטקעגען געקומען.

„דאַנקען גאָט וואָס איהר זייט דאָ!" האָט זיא אויסגערופען. „זיא האָט דיא גאַנצע צייט גערעדט פון אייך."

„ברענגט אריין אייז, שנעל," האָט זיך געהערט פון דעם שלאָף־צימער דעם דאָקטאָר'ס בעפעהל. קאַרענינא איז אריין אין ערשטען שלאָף־צימער.

ווראָנסקי איז געזעסען נעבען א טישעל, מיטביידע הענד בייא זיין געזיכט אונד איבער זיינע פינגער זיינען געלאָפען דיא טרערען. ווען דער דאָקטאָר האָט נאָך עפּעס געזאָגט, האָט ער אוועק גענומען זיינע הענד פון געזיכט אונד בעמערקט קאַרענינא'ן. ער איז צוריק געפאַלען אין זיין שטוהל אונד ווידער בעדעקט זיין געזיכט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. דאַן, מיט א גרויסער אנשטרענגונג האָט ער זיך אויפגעהויבען, אונד ציטערענדיג, האָט ער זיך געשטעלט פאַר קאַרענינא'ן.

www.libtool.com.cn

„זיא האלט ביים שטארבען,“ האט ער אָנגעפאנגען שטאמלענדיג. „דיא דאָקטוירים זאגען, אז עס גיבט מעהר קיין האָפנונג. איהר זייט דאָ דער בעל־הבית. אָבער איך בעט אייך זעהר, ערלויבט מיר דאָ צו בלייבען. איך וועל בעפאָלגען אייער מינדעסטען בעפעהל.“

ווען קארענינא האט געזעהן ווראָנסקי'ן ווײנען, האט ער געשפירט דאסזעלבע געפיהל וויא אימער, ווען ער האט געזעהן אנדערע ליידען. אָהנע צו ענטפערן, איז ער צוגעגאנגען צו דער אנדערער טהיר פון דעם צווייטען שלאָף־צימער.

אננא האט געשפראָכען שנעל אין דייטליכע אונד לעבהאפטע טענער. קארענינא איז אריין אונד איז צוגעגאנגען צו איהר בעט. איהר געזיכט איז געווען געווענדעט צו איהם; איהרע באקען שטארק רויט, אונד איהרע אויגען האבען גע־גלאנצט מיט א פיעבערהאפטעם פייער. עס האט זיך געקענט אויסדאכטען, פון דעם ערשטען בליק, אז זיא איז גאר ניט קראנק. אָהנע איהם נאך צו זעהען, האט זיא געזאגט:

„אלעקסים, איך מיין אלעקסאנדראָוויטש, — אך, וויא שמערצ־האפט דאס איז וואס ביידע רופען זיך אלעקסים, — אלעקסים וואָלט מיר ניט ענטזאגט, ער וואָלט מיר פאָזיטיוו מוחל געווען; ווארום איז ער ניט געקומען? ער איז א גוטער מענש, ער ווייס אליין ניט וויא גוט ער איז. מיין גאָט! מיין גאָט! וויא גרויס דער שמערץ איז! גיבט מיר אביסעל וואסער, שנעל! אָבער איך רעכען, אז דאס איז ניט גוט פיר א י ה ר, איך מיין פיר מיין טאָכטער! גיבט איהר צו איין אַמע אונד איך וועל איינשטימען, פיעלייכט איז עס אזוי בעסער. נעהמט זיא אוועק פון דאנען. ווען ער וועט קומען, וועט ער זיא ניט וועלען זעהען. נעהמט זיא אוועק!“

„ער איז געקומען, — אָט איז ער דאָ!“ האט דיא קראנקען־וועכטערין געזאגט, פראָבירענדיג צו מאכען אננא'ן הערען אונד פערשטעהען איהרע ווערטער.

„דומהייטען!“ האט זיא געזאגט אָהנע איהם נאך צו זעהען. „גיבט מיר אהער דאס קינד; גיבט זיא נאָר אהער! ער איז נאך ניטאָ. איהר זאגט, אז ער וועט מיר ניט פערצייהען, אָבער דאס איז נאָר דערפאר ווייל איהר קענט איהם ניט. קיינער קען איהם ניט — אויסער איך אליין. דינע אויגען — סערגעי האט זיינע אויגען; דערפאר קען איך איהם מעהר ניט אָנקוקען. ע ר אָבער וועט איהם קיינמאל ניט פערגעסען. שטעלט אוועק סערגעי'ס בעטעל דאָ אין צימער, אונד מאריעטא זאָל שלאָפען נעבען איהם.“

www.libtool.com.cn

דאן איז זיא פלוצלינג געבליעבען שטיל. איין ערשראָקענע מיענע האט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף איהר געזיכט, אונד אויפהויבענדיג איהרע הענד, האט עס אויסגעזעהען, גלייך וויא זיא וויל אויסמיידען א קלאפּ. זיא האט דערקענט איהר מאַן.

„ניין, ניין,“ האט זיא ווייטער געמורמעלט שנעל. „איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, איך האב נאָר מורא פאר'ן טויט. אלעקסים, קום אהער דאָ נאָהענט צו מיר. איך מוז עס מאַכען שנעל, ווייל דיא צייט איז קורץ אונד איך האב בלויז נאך עטליכע מינוטען צו לעבען. דאס פיעבער וועט באלד ווידער צוריק קעהרען אונד איך וועל ווייטער גאר ניט קענען פערשטעהען. יעטצט פערשטעה איך; איך זעה אונד פערשטעה אַלעס.“

קארעניגא'ס געזיכט האט אויף זיך געטראָגען דעם סטעמפּעל פון ליידען; ער האט געוואָלט עפּעס זאגען, נאָר זיינע ליפּען האבען אזוי געציטערט, אז ער האט ניט געקענט ארויס ברענגען א וואָרט. ער האט גענומען איהר האנד צווישען זיינע ביידע, אונד יעדעס מאָל וואס ער האט גענעבען א קוק צו איהר, האט ער בעמערקט וויא איהרע אויגען בליקען צו איהם מיט א זיסען אונד אונטערגעבענעם בליק, וויא ער האט נאך ביז דאמאלס ניט געזעהען.

„וואַרט, דוא ווייסט נאך ניט,“ האט זיא געזאגט פּראָבירענדיג צו זאמלען איהרע אייגענע אידעען. „אַך, יא, יא, דאס האב איך טאקי געוואָלט זאגען. זייא ניט ערשטוינט. איך אליין בין אימער דיעזעלבע, אָבער אין מיר איז דאָ נאך א נשמה, פאר וועלכער איך האב . מארק מורא; עס איז דיא נשמה וואס האט איהם געליעבט, ווערענד איך אליין האב נאך אימער ניט געקענט פערגעסען וואס איך בין אימער געוועזען. איך אליין בין נאך ניט נאך אין גאנצען דיעזעלבע וויא פריהער. איך שטארב, דאס ווייס איך גאנץ גוט; פרעגט דעם דאָקטאָר. אויף מיינע פיס, אויף מיינע הענד אונד אויף אויף מיינע פינגער, ליעגען זעהר שווערע קייטען; אָבער אלעס וועט באלד זיין פאַראיבער. עס גיבט בלויז איין זאך וואס איך בעדארף, אונד דאס איז, דיין פערצייהונג. דוא מוזט מיר אויף אלעס מוחל זיין. איך האב געזינדיגט, דאס איז אמת, אונד איך האב פערדיענט שטראַפע. אָבער איך האב אמאל געהערט, דאס דעם גרעסטען זינדער פערצייהעט מען ווען ער האט חרטה. אָבער דוא קענסט מיר ניט פערצייהען! איך ווייס, דאס איז אונ־מעגליך! נעה, נעה, דוא ביסט צו פאָלקאָמען!“

זיא האט איהם געהאלטען מיט איין האנד אונד מיט דער אנדערער האט זיא איהם אָבגעשטויסען.

www.libtool.com.cn

קארעני‌נא האט שוין מעהר ניט געקענט ערטראגען דעם שמערץ; ער האט געשפירט, אז זיין הערץ ווערט צובראכען. ער האט ניעדערגעקניעט נעבען בעט, אונד בעהאלטענדיג זיין געזיכט אין דער דעק, האט ער געוויינט וויא א קליינעס קינד. אננא האט זיך צוגעבויגען, אונד איהם ארום געהמענדיג מיט איין הייסער אונד פיעבערהאפטער האנד, האט זיא געזאגט מיט א פעסטער שטימע:

„יא, איך האב עס געוואוסט! אדיע, יעטצט, אדיע צו יעדען איינעם, לעבט וואהל! — זעה, זייא זיינען צוריק געקומען! ווארום געהען זייא ניט אוועק? נעהם אוועק דיעזעס פוטער!"

דער דאקטאר האט זיא צערטליך צוריק געלעגט אויף'ן קישען אונד צוגעדעקט איהרע נאקעטע הענד. זיא האט זיך ניט געוועהרט, נאר זיא האט געקוקט אין דער לופט מיט ברעננענדע אויגען.

„געדענק, אז איך האב נאר געבעטען אום דיין פערצייהונג; ווארום קומט ער ניט?" האט זיא שנעל געפרעגט בליקענדיג צו דער טהיר. „קום! קום! אהער! גיב איהם דיין האנד!"

ווראנסקי איז צוגעקומען צום בעט אונד נאך אימער געהאלטען זיין געזיכט בעדעקט מיט זיינע הענד.

„נעהם אוועק דיא הענד!" האט זיא געזאגט, „אונד קוק צו איהם, נעהם אוועק דיא הענד, זאג איך, אלעקסיס!" דאן צו איהר מאן: „נעהם אוועק זיינע הענד, איך בעט דיך, איך וויל זעהען זיין געזיכט."

קארעני‌נא האט לאנגזאם ארונטער גענומען דיא הענד פון ווראנסקי׳ס געזיכט וואס איז געוועזען שטארק פערענדערט פון ליידען אונד ערניעדריגונג.

„גיב איהם דיין האנד," האט אננא ווייטער געזאגט, „אונד זייא איהם מוחל!"

קארעני‌נא, וויינענדיג, האט אויסגעשטרעקט זיין האנד.

„דאנקען גאט! דאנקען גאט!" האט זיא געזאגט. „יעטצט איז שוין אלעס ריכטיג. איך וועל אביסעל אויסשטרעקען מיינע פיס, דאס פערלייכטערט מיינע שמערצען. אזוי, דאס איז גוט. וויא העסליך דיעזע בלומען זיינען — " ציינענדיג צו דיא בלומען אויף דער וואנט. „זייא זעהען גאר ניט אויס וויא ווייאלעטען. אך, מיין גאט! ווע! ווען דאס שוין זיין פאראיבער? גיבט מיר אביסעל מארפין, דאקטאר, אביסעל מארפין! אך גאט!" אונד זיא האט זיך אנגעפאנגען צו ווארפען אין גרויסע שמערצען אויף'ן בעט.

www.libtool.com.cn

די ערצטע האבען שוין גערעכענט אויף'ן ערנסטען פאל. קיינער פון זייא האט ניט געקענט זאגען פאזיטיוו, אז זיא וועט נאך געזונד ווערען. דעם גאנצען טאג איז זיא פערבליעבען אין דעם גרעסטען פיעבערהאפטען צושטאנד. אום האלבע נאכט האט דער דופק כמעט אין גאנצען אויפגעהערט צו קלאפען אונד דיא ערצטע האבען ערווארטעט דעם סוף.

ווראנסקי איז דאמאלס אהיים געגאנגען, אבער ער איז גאנץ פריה ווידער צוריק געקומען אום צו הערען וויא עס געהט איהר. ער איז געזעסען אין צווייטען שלאף־צימער נעבענבייא. קארענינא האט איהם אריין געפיהרט אין זיין פרוי'ס שלאף־צימער, אונד געזאגט: „בלייבט דא, פיעללייכט וועט זיא אויף אייך פרעגען.“

נאך א טאג איז פאראיבער אונד א דריטער, ביז דיא ערצטע האבען אנגע־הויבען אביסעל צו האפען; איהר לעבענס־קראפט איז געווען זעהר שטארק. אין יענעם פריה־מארגען איז קארענינא אריין געקומען אין נעבענצימער אונד זיך אוועק געזעצט געגענאיבער ווראנסקי'ן.

„אלעקסים אלעקסאנדראוויטש,“ האט ווראנסקי אנגעפאנגען שפירענדיג, אז ער מוז געבען עפעס איין ערקלערונג. „איך בין ניט אימשטאנדע צו רעדען אדער פערשטעהען. איך בעט אייך בלויז, האט מיטלייד מיט מיר. וויא גרויס אייערע שמערצען זאלען זיין, פערזיכער איך אייך, אז מיינע זיינען נאך גרעסער.“

ער האט זיך געוואלט אויפהויבען, נאר קארענינא האט איהם צוריק גע־האלטען.

„איהר מוזט מ י ך אויסהערען,“ האט קארענינא געזאגט. „עס דארף אזוי זיין. איך מוז אייך אויך ערקלערען דיא ארט געפיהל וואס פיהרט מיך אונד וועט מיך פיהרען, דאמיט איהר זאלט קיין טעות ניט האבען אין דער צוקונפט. איהר האט וואהרשיינליך געהערט, אז איך האב בעשלאסען ארויס צו קריעגען א גט אונד איך האב שוין אויך געמאכט דעם ערשטען שריט דאפיר. איך וועל פאר אייך ניט פערבארגען דעם פאקט, אז אנפאנגס האט זיך עס מיר ניט געוואלט טהון, אבוואהל מיין הארץ איז געווען אנגעפיללט מיט דעם געפיהל פון נקמה. ווען איך האב ער־האלטען איהר טעלעגראמע, האט נאך אימער געלעבט דאס געפיהל פון נקמה אין מיר; נאך מעהר, איך האב מיר זאגאר געוואונשען זיא זאל שטארבען. אבער, איך האב זיא נאך אמאל געזעהען! אונד איך האב איהר מוחל געווען! קיינער האט מיך דערצו ניט געצוואונגען. יעטצט בעט איך בייא גאט בלויז איין זאך, ער זאל מיך לאזען לעבען אונד מיר ווייטער שענקען דיא פרייד פון פערצייהען...“

www.libtool.com.cn

דיא טרערען האפען איהם ווייטער ניט געלאָזען רעדען. ווראָנסקי איז גע־
ערשטוינט פון דיעזער שפּראַכע.

„דיעזע זיינען מיינע געדאַנקען יעטצט,“ האט קארעגינא פאָרטגעזעטצט. „עס
ליעגט אין אייערע הענד מיך צו שלעפען דורך דער בלאָטע אונד מיך מאכען צו
געלעכטער פאר דער גאנצער וועלט; נאָר דערפאר אליין וועל איך נאך אננא'ן ניט
פערלאָזען אונד איהר אויך קיינע פאָרווירפע מאכען. איך זעה דייטליך נענוג מיינע
פליכטען. דיעזע זיינען — צו בלייבען מיט איהר, אונד דאס וועל איך אויך טהון.
ווען איהר ווילט וויסען וויא עס געהט איהר, וועט מען אייך דאריעבער צו וויסען
געבען. אָבער פיר יעטצט ווענינסטענס, גלויב איך וואָלט בעסער געווען איהר זאָלט
זיך צוריק ציהען.“

קארענינא האט זיך אויפגעהויבען מיט זיין שטימע פערשטיקט פון וויינען.
ווראָנסקי האט זיך אויך אויפגעהויבען, אונד איז געבליעבען שטעהען מיט ארונטער
געלאָזענע אויגען אונד איינגעבויגענעם קערפּער. ווראָנסקי האט זיך ביז דאמאלס
ניט פאָרגעשטעלט, אז עס געבען אזעלכע מענשען אין דער וועלט, נאָר איהם
זעהענדיג אונד הערענדיג, האט ער געשפירט, אז ער שטעהט פיעל ניעדריגער
אלס קארענינא.

## קאַפּיטעל 10.

ווען ווראָנסקי, נאך דעם לעטצטען געשפּרעך, האט פערלאָזען דאס הויז, איז
ער געבליעבען שטעהען אויף דיא טרעפּען אונד זיך געפּרעגט וואוהין ער קען געהען.
ער האט זיך געשפירט ערניעדריגט אונד פערווירדט, גלייך וויא איינער וואס איז
פערבלאָנדזעט געוואָרען אויף א וועג, וואו ער האט שפּאַצירט מיט שטאָלץ אונד
זיכערהייט. ער האט געשפירט, אז זיין לעבען ביז דאמאלס, זיין ארט דענקען אונד
טראַכטען, איז געווען דורכאויס פאלש. דער בעטראָגענער מאַן, וועלכען ער האט
בעטראַכטעט מיט אבשייא — דיעזער בעטראָגענער האט געוויעזען, אז ער איז א
מענש מיט דער שענסטער זעעלע, ווערהענד ער אליין, איז געווען ניעדריג אונד פער־
דאָרבען.

אָבער וואס איהם האט פעראורזאכט דעם גרעסטען שמערץ, איז געווען דיא
אידעע, דאס ער וועט מוזען פערלירען אננא'ן פיר אימער. זיין אויפרעגענדע ליעבע
צו איהר, האט דאן ערוואַכט מיט איין אונגעהייערער קראַפט. ער האט אויך גע־
שוידערט זיך ערא‌ינערענדיג ווען קארענינא האט איהם געצוואונגען ער זאָל אויפ־
דעקען זיין געזיכט.

www.libtool.com.cn


ווען ער איז ענדליך אהיים געקומען, האט ער זיך ארויף געווארפען אויף א סאפא, אונד איז געבליעבען ליעגען שטארק פערמאטערט פון ניט רוהען 3 טעג מיט 3 נעכט. אלע לעטצטע סצענען וואס ער האט בייגעוואהנט אונד מיטגעמאכט, זיינען ערשיענען פאר זיינע אויגען.

„ווען איך זאל וועניגסטענס קענען שלאפען אונד פערגעסען," האט ער געמורמעלט זיפצענדיג. דאן האט ער געשפירט וויא דער שלאף קומט, אבער אין נעכסטען אויגענבליק האט ער זיך געזעהען שטעהען אויף דיא קניען נעבען דער סאפא. דיא ווערטער: „עס ליעגט אין אייערע הענד מיך צו שלעפען דורך דער בלאטע," וואס קארעני‍נא האט צו איהם געזאגט, אננא'ס פיעבערהאפטעס געזיכט אונד צערטליכען בליק צו קארענינא'ן — דאס אלעס האט פון איהם פערטריעבען דעם שלאף.

„שלאפען! — שלאפען אונד פערגעסען!" האט ער איינינע מאל געמורמעלט זיך וויעדער ווארפענדיג אויף דער סאפא אונד ער האט פערמאכט זיינע אויגען.

„איך קען ניט, עס איז אונמעגליך!" האט ער געקרעכצט. „וויא קען מען אן אזא זאך פערגעסען? איך קען אזוי ניט לעבען!" אבער דאן האט ער זיך דערמאהנט אן אננא'ס ווערטער, ווען זיא האט געהייסען קארעני‍נא'ן אוועק נעהמען זיינע, ווראנסקי'ס, הענד פון זיין פנים.

„וואס איז מיט מיר? ווער איך משוגע?" האט ער זיך געפרעגט. „משוגע? נו, אלזא, משוגענע מענשען געפינען איין אויסוועג אין זעלבסטמארד! ניין, ניין! איך מוז געהען שלאפען!" אבער פלוצלינג האט ער זיך אויפגעזעטצט ציטערענדיג אין גאנצען קערפער אונד געזאגט: „אלעס איז יעטצט פאראיבער; איך האב קיין אנדערן אויסוועג."

דא האט ער געזעהען אין זיין פאנטאזיע דאס בילד, וויא זיין לעבען וואלט אויסגעזעהען, ווען ער וואלט דאס געקענט טהיילען מיט אננא'ן. ער האט אויך פאר זיך ערבליקט זיינע אלטע מיליטערישע שטרעבונגען, זיינע פריינדע, קאמעראדען, דיא גוטע מיינונג איבער איהם אין קייזערליכען הויף — אבער אלעס איז פערשוואונדען, קיין זאך איז געבליעבען!

ער איז אויפגעשפרונגען, געעפענט זיין ראק, ארונטער געווארפען זיין קראגען דאמיט ער זאל קענען פרייהער אטהמען, אונד אנגעפאנגען האסטיג צו שפאצירען איבער'ן צימער.

www.libtool.com.cn 

„אָט דאס איז עס איידער מען ווערט משוגע !" האט ער געמורמעלט. „אָט אזוי דענקט מען איידער מען בעגעהט זעלבסטמאָרד ! — אום לויז צו ווערען פון שאנדע !"

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר אונד זיא פעררייגעלט ; דאַן, מיט איין ענטשלאָסענעם בליק אונד צוזאמענגעדריקטע ליפען, איז ער צוגעגאנגען צום טיש, אויפגעהויבען א רעוואָלווער, געעפענט דעם דריקער, אונד נאכגעדענקט. גאנצע צווייא מינוטען איז ער אזוי פערבליעבען מיט דעם רעוואָלווער אין זיין האנד. דאַן האבען זיינע געדאנקען זיך ווידער אומגעווענדעט צו זיין פערגאנגענהייט. זיין שענדליכע געגענווארט אונד רואינירטע צוקונפט.

ער האט לאנגזאם אונטערגעהויבען דעם רעוואָלווער צו זיין רעכטער זייט אונד — אָבגעפייערט ! ער האט געפיהלט א שרעקליכען שמערץ אונד איז אומגע־פאלען, אָהנע צו הערען דעם קראך. דער רעוואָלווער איז ארויס פון זיין האנד, דאס צימער מיט דעם גאנצען מעבעל האבען אָנגעהויבען וויא זיך צו בעוועגען ארום איהם, אונד ער האט געשפירט, אז ער פערלירט דיא בעזינונג. דיא שנעלע שריט פון זיין דיענער האבען איהם אביסעל ערוואכט. ער האט געוואוסט, אז ער ליענט אויף דער ערד אונד זיך געוואָלט אויפהויבען. זיין בליק איז געפאלען אויף דער טינער־פעל אויף'ן פוס־באָדען וואס איז געוועזן בעשפריטצט מיט בלוט.

„וואס פאר א דומקאָפּ איך בין ! איך האב פערפעהלט דעם ציעל !" האט ער געמורמעלט זיך אָנלעהנענדיג אויף איין האנד אונד מיט דער אנדערער האט ער געוואָלט גרייכען דעם רעוואָלווער. אָבער זיין קאָפּ האט איהם אָנגעפאנגען שטארק צו טומלען, אונד גראדע דאמאלס איז ער ווידער צוריק געפאלען אין זיין אייגענעם בלוט.

דער דיענער איז אריין, געזעהען דאס בילד, אונד איז שנעל ארויס געלאָפען רופען אום הילפע. מיט א שטונדע שפעטער איז ער געלעגען אויף זיין בעט אונד דרייא ערצטע, זיין שוועגערין מאריא אונד א קראנקען־וועכטערין זיינען ארום איהם געשטאנען.

## קאפיטעל 11.

ווען קארענינא האט מוחל געווען זיין פרוי, ווען ער האט גערעכנעט קרוב־למות, האט ער דאמאלס ניט אויסגערעכענט וואס עס קען זיין ווען דער צופאל זאָל מאכען זיא זאָל געזונד ווערען. נעבען איהר בעט, האט ער צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען זיך פערגעסען צו ציינען עפענטליך זיין מיטלייד פיר א צווייטען, וואס ער

www.libtool.com.cn


האט געריבענט ביז דאמאלס פאר א מענשליכע שוואכקייט ארויס צו צייגען דיא געפיהלע. דיא חרטה ווארום ער האט געוואוסט זיא זאל שטארבען, דיא מיטלייד וואס ער האט צו איהר געשפירט, אונד, איבערהויפט דאס גליק וואס ער האט געפונען אין דעם איין אנדערן צו פערצייהען, דאס אלעס האט געוועקסעלט זיין שמערץ אויף א טיעפער רוהע אונד זיינע ליידען זיינען פערוואנדעלט געווארען אין פרייד.

ער האט מוחל געווען זיין פרוי אונד ער האט מיט איהר רחמנות געהאט; זעהענדיג ווראנסקי'ס שמערץ אונד פערצווייפלונג, האט ער מיט איהם אויך מיטלייד געהאט. צו זיין זוהן, וועלכען ער האט פריהער פערנאכלעסיגט, איז ער געווארען דיא צערטליכקייט זעלבסט, אונד צו דעם קליינעם קינד, דאס מיידעלע, — ווראנסקי'ס קינד — אויך צו איהר האט ער געשפירט צערטליכקייט, זיא זעהענדיג שוואך, היקפליך אונד פערנאכלעסיגט וועהרענד איהר מוטער'ס קראנקהייט. יא, קארענינא האט זיך זאגאר א פאאר מאל אינטערעסירט איהר צו צורוקען נעהנטער דאס פלעגעל מיכך אונד ער האט זיא מיט דער צייט אנגעפאנגען ליעב צו האבען.

עס האט אבער ניט פיעל געדויערט, אונד דיא נייע פריינדשאפט צו זיין פרוי, האט ניט געהאט דיא גאטיוליכקייט אונד האט אויסגעזעהען ניט דויערהאפט. ווען דיא שוואכקייט אין איהר כאראקטער, פאר דער מורא פאר'ן טויט, איז פאר־איבער, האט קארענינא בעמערקט, אז זיין פרוי האט מורא פאר איהם, אונד זיא פיהלט זיך זעהר אונרוהיג אין זיין געגענווארט. זיא האט אויך ניט געוואגט איהם צו קוקען גראד אין געזיכט.

אין א טאג, צום ענדע פון מאנאט פעברואר, ווען קארענינא איז אהיים גע־קומען פון מיניסטעריום, האט ער בעמערקט א פרעמדען לאקיי אין קארידאר, האלטענדיג א דיקען פוטער־מאנטעל.

„ווער איז דא?“ האט ער געפרעגט.

„פרינצעססין עליזאבעטה טווארסקאי,“ האט דער לאקיי געענטפערט. בעטסי אלזא! איהר געגענווארט אין זיין הויז, האט ביי קארענינא'ן ארויס גערופען אונ־אנגענעהמע עראינערונגען פון דער פערגאנגענהייט; ער איז דאן אריין אין קינדער־צימער.

סערגעי איז געזעסען נעבען זיין ענגלישער גאווערנאנטקע בעשעפטיגט מיט זיינע לעקציאנען. קארענינא האט איהם בעגריסט מיט צערטליכע ווערטער אונד געגלעט זיינע באקען. ער האט זעהר געוואלט זעהן אננא'ן, נאר ער האט קיין חשק ניט געהאט זיך צו בעגעגענען מיט בעטסי'ן. ער האט אבער געוואוסט, אז אננא

www.libtool.com.cn

וועט זיין ערשטוינט איהם ניט צו זעהען אם ערשטען ווען ער איז אהיים געקומען, אונד געגען זיין ווילען, האט ער זיך געלאָזען געהען צו איהר צימער. דיא טהיר איז געווען האלב אָפען, אונד זיינע לייכטע שריט האבען זיך ניט געהערט. ער האט געהערט בעטסי'ן זאגען:

„יא, ווען ער זאָל ניט אוועק פאָהרען, איז מיר לייכט צו בעגרייפען ווארום דוא ווילסט זיך מיט איהם ניט זעהען, אָדער ווארום דיין מאַן זאָל זיין דאגעגען...“

„מיר רעדען יעטצט ניט פון מיין מאַן, זאָנדערן פון מיר אליין. איך בעט דיך, רעד מעהר ניט דאריבער,“ האט אננא געענטפערט מיט א געריהרטען טאָן.

„אָבער איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, וויא דוא האסט קיין איינציגען וואונש איהם צו זעהען — דער מאַן וואס איז שיער געשטאָרבען דורך דיר — “

„עס איז גראדע דערפאר ווארום איך וויל איהם ניט בעגעגענען.“

קארענינא איז געבליעבען שטעהען, זיך פיהלענדיג שולדיג אין אונטערהערען זיך וואס אנדערע רעדען. ער האט געוואָלט אוועק געהען, נאָר ער האט זיך גע־זראכט, אז־דאס איז אויך ניט פאסענד. ער איז דאַן אריין אין צימער.

אננא איז געווען אָנגעצויגען אין א גרויעס ברייטעס קלייד, איהרע האאר קורץ געשניטען אונד זיא איז געזעסען אויף איהר קראנקען־שטוהל. וויא געוועהנליך, בייא דעם ערבליקען פון איהר מאַן, האט איהר געזיכט אָנגענומען א גלייכגילטיגערע מיענע אונד זיא האט צוגעבויגען איהר קאָפּ, מיט א שרעקעדיגען בליק אין איהרע אויגען, צו בעטסי'ן. דיא פרינצעסין וויעדער, געקליידעט נאך דער לעטצטער מאָדע וויא אימער, האט זיך פערנייגט פאר קארענינא'ן, אונד מיט א צוויידייטיגען שמייכעלע, האט זיא געזאגט:

„אך! איך בין אויסעראָרענטליך ערפרייט אייך צו זעהען אין אייער אייגענעם הויז. איהר צייגט זיך שוין מעהר ניט אויף קיין פלאטץ, אונד איך האב אייך ניט געזעהן, זייט אננא איז קראנק געוואָרען. איך האב געהערט איבער אייערע שמערצען פון אנדערע. איהר זייט ווירקליך א מאָדעל אונטער מענער!“

קארענינא האט בעענטפערט דעם גרוס זעהר קאלט, אָבער מיט דער גאנצער עטיקעטע. דאַן האט ער גענומען זיין פרוי'ס האנד אונד געפרעגט וויא עס געהט איהר.

„מיר שיינט, אז עס געהט מיר בעסער,“ האט זיא געענטפערט, אויסמיידענדיג צו קוקען צו איהם.

www.libtool.com.cn 

„איך דענק אָבער, אז דוא ביסט נאָך אימער פיעבעריש,“ האט ער בעמערקט.

„מיר האבען צופיעל גערעדט,“ האט זיך בעטסי אריינגעמישט. „איך בין שולדיג אונד איך מוז ענטלויפען פון דאנען.“

זיא האט זיך אויפגעהויבען, אָבער אננא, אין וועלבער׳ס געזיכט עס איז אריין דאס בלוט, האט זיא אָנגעכאפּט ביים ארעם, אונד האט זיא צוריק געהאלטען.

„ניין, ניין, איך בעט דיך, בלייב נאָך.“ דאן זיך ווענדענדיג צו איהר מאן האט זיא געזאגט: „איך וויל דיר דערצעהלען יעטצט, ווייל איך וויל פאר דיר גאר ניט בעהאלטען. בעטסי זאגט מיר, אז גראף ווראָנסקי ווינשט אהער צו קומען אום צו זאגען אדיע, איידער ער פאָהרט אוועק נאָך טאשקענד.“

זיא האט געשפּראָכען שנעל אונד נאָך אימער ניט געקוקט צו איהר מאן. דאן האט זיא געזאגט:

„איך האב איהר געענטפערט, אז איך קען איהם ניט עמפּפאנגען.“

„ענטשולדיג מיר, מיין טהייערע,“ האט זיך בעטסי אריינגעמישט. „דוא האסט געזאגט, אז אלעם הייננט אָב פון אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש.“

„ניין, איך קען איהם ניט עמפּפאנגען, עס וואָלט געוועזן —“ דאָ האט זיא זיך זעלבסט אונטערבראָכען אונד זיא האט זיך געווענדעט מיט א פראגענדען בליק צו איהר מאן. ער האט אָבער אָבגעווענדעט זיינע אויגען. „מיט איינעם וואָרט,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „איך וויל איהם דאָ ניט האבען.“

קארענינא האט ווייטער גענומען איהר האנד. זיא וואָלט זיא צוריק געצויגען, נאר זיא האט זיך בעהעררשט אונד געבליעבען רוהיג.

„איך דאנק דיר פאר דיין פערטרויען,“ האט ער ארויס געשטאמעלט.

„אלזאָ, אדיע,“ האט בעטסי געזאגט זיך אויפהויבענדיג אונד קושען אננא׳ן אויף׳ן שטערען. דאן איז זיא צוגעגאנגען צו דער טהיר, געבליעבען שטעהען, זיך אומגעווענדעט אונד געזאגט:

„אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש! איך ווייס, אז איהר זייט דער עדעלסטער מאן, אונד מיין אכטונג צו אייך איז זעהר גרויס, דאס איך וואָג מיך אריין צו מישען וואו איך האב פיעללייכט קיין רעכט, ווייסט אָבער, דאס גראף ווראָנסקי, איז דיא עהרע זעלבסט, אונד ער פאָהרט יעטצט אוועק נאָך טאשקענד.“

„איך דאנק אייך זעהר, פרינצעסין, פאר אייער סימפּאטהיע,“ האט קארענינא געענטפערט העפליך. „אָבער אלעס וואס איך קען אייך זאגען, איז, דאס איך

www.libtool.com.cn


פאל מיין פרוי קען אונד ווינשם יעמאנדען צו עמפפאנגען, קען זיא דאס גאנץ אליין בעשטימען.

## קאפיטעל 12.

נאכדעם וויא קארעונינא האט בעגלייטעט בעטסי׳ן ארויס אין דרויסען, איז ער צוריק אריין אין זיין ווייב׳ס צימער. בייא זיין ערשיינען, האט זיא זיך אויפגעהויבען מיט איין ערשראקענעם בליק. ער האט באלד דערקענט, אז זיא האט געוויינט.

„איך דאנק דיר פאר דיין פערטרויען" האט ער ווידער געזאגט אין א גאנץ שטילען טאן, „אונד איך שטים איין מיט דיר, דאס זאלאנג גראף ווראנסקי איז איינמאל אוועק, דארפסטו איהם מעהר ניט עמפפאנגען."

„וואס דארף מען נאך אמאל רעדען דאריעבער?" האט אננא געפרענט ציטערענדיג. „איך האב עס שוין פריהער אליין געזאגט." דאן האט זיא זיך געטראכט: „איז עס ווירקליך ניט נויטהווענדיג פאר א מאן, וועלכער האט זיך געוואלט הרג׳ענען פאר דער פרוי וואס ער ליעבט, זיך צו געזעגענען מיט איהר, אונד פאר איהר, וועלכע קען ניט לעבען אהן איהם?" דאן האט זיא געזאגט הויך:

„גענוג, יא גענוג, לאמיר מעהר ניט רעדען דאריעבער."

„איך האב עס געלאזען צו דיר דוא זאלסט עס ענטשיידען," האט ער ווידער אנגעפאנגען „דיא פרינצעסין מישט זיך ווירקליך צו פיעל אין — "

„דאס וויים איך ניט," האט איהם אננא אונטערבראכען. „איך וויים בלויז, אז זיא האט מיך ווירקליך ליעב."

קארענינא האט געזיפצט אונד מעהר ניט נערעדט דאריעבער. אננא האט זיך געשפיעלט אונגעדולדיג מיט איהר טאשען־טיכעל, אונד האט געבליקט צו איהם מיט א פערצווייפלונג אין איהרע אויגען, וואס זיא האט ניט געקענט אונטערדריקען איהר איינציגער וואונש איז געוועזען, לויז צו ווערען פון זיין נעגענוואַרט.

„איך געה צום דאקטאר," האט קארענינא ענדליך געזאגט.

„ווארום? איך בין גאנץ געזונד!"

„פון דעם קינד׳ס וועגען. איך הער, אז זיא שרעקט זיך צו פיעל, אונד איך האב ניט פיעל פערטרויען אין דער אמע."

„ווארום האט איהר מיך ניט געלאזען איך זאל זיא זייגען ווען איך האב אייך אלע געבעטען? איך האב דאך עס געמענט וועניגסטענס פראבירען. טראכט רעם אלעמען" (אונד קארענינא האט גאנץ גוט פערשטאנען איהר מיינונג,) „איז

www.libtool.com.cn


זיא דאָך אונשולדיג אונד עס איז א פערברעכען זיא צו לאָזען שטאַרבען.“ זיא האט אנגעקלונגען אונד געהייסען אריין ברענגען דאס קינד. „ווען איך האב זיא געוואָלט זיינען, האסטו מיך ניט געלאָזען, אונד יעטצט מאכסטו מיר פּאָרווירפע, ווארום איך האב עס ניט געטהאָן.“

„איך מאך דיר גאר קיין פּאָרווירפע.“

„יא, יא, דוא מאכסט מיר יא פּאָרווירפע! מיין גאָט, ווארום בין איך ניט געשטאָרבען?“ „אָבער,“ האט זיא געזאגט זיך וועלענדיג בעהערשען: „פערצייהע מיר, איך בין נערוועז אונד וויים ניט וואס איך רעד. לאָז מיך אליין איך בעט דיך.“

קארענינא איז ארויס פון צימער מורמענדיג: „דאס קען ניט אזוי אנהאלטען. אונמעגליך! אונמעגליך! זיא האסט מיך!“

## קאפּיטעל 13.

סטעפּאן אבלאָנסקי איז געקומען נאך סט. פּעטערסבורג מיט צווייא שליחות: צו זעהען זיין שוועסטער אונד איהר העלפען מיט זיין ראטה, אונד אויך דאנקען דיא הוכע בעאמטע פאר זיין נייעס הויבעס אמט צו וועלכען ער איז ערנאנט געוואָרען.

זיין ערשטער בעזוך בייא אננא'ן איז געווען, גראדע נאכדעם וויא איהר מאן איז פון דאָרט ארויס, אונד ער האט זיא געטראָפען וויינענדיג. טראָטץ זיין נאטיר־ליכע מונטערקייט, איז סטעפּאן געבליעבען וויא פערשטיינערט זעהענדיג וויא זיין שעהנע שוועסטער איז אזוי פערוועקסעלט געוואָרען.

„אלעס געהט שלעכט, שווידערהאפּט,“ האט זיא געענטפערט אויף זיין צערט־ליכער פראגע. „טאָג אזוי נאכט, איז אלעס טרויעריג אונד שמערצהאפּט.“

„אך, ישוועסטער,“ האט ער געזאגט, „דוא זעהסט אלעס נאָר פון דער שלעכטער זייט. עס איז ניט לייכט, איך וויים, אָבער —“

„איך האב געהערט פון געוויסע פרויען,“ האט איהם אננא אונטערבראָכען, „וועלכע ליעבען דיעזע מענער, וועלכע זייא בעטריעגען; איך וויעדער, האס איהם, אונד גראדע דערפאר ווייל ער איז צו צערטליך אונד גוט. איך קען מיט איהם ניט לעבען! פערשטעה מיך; עס איז אזא קראפט וואס איך קען זיא ניט בעהערשען ווען איך זאָל אפילו וועלען. עס איז מיר אונמעגליך מיט איהם ווייטער צו לעבען! וואס זאָל איך טהון? איך האב ענטדעקט, אז איך בין זעהר אונגליקליך, אָבער איך האב נאך אימער קיין בעגריף געהאט וויא גרויס מיין אונגליק איז. אבוואָהל

www.libtool.com.cn

איך ווייס, אז ער איז א גוטער מאן, פאלקאמען אונד איך אנערקען, אז איך שטעה ניעדריגער פון איהם, האס איך איהם דאך!"

"דוא ביסט נאך אימער שוואך אונד נערוועז," האט סטעפאן בעמערקט, "אונד געניינט אלעס צו איבערטרייבען. דער טייפעל איז נאך ניט אזוי שווארץ וויא מען מאלט איהם."

סטעפאן האט דאן אנגעפאנגען צו זאגען א פאאר טונטערע ווערטער אונד אננא האט זיך געשפירט געטרייסט.

"ניין, סטיווע," האט זיא געזאגט, "איך בין א פערלוירענע פרוי — א פער־לוירענע אונד געפאלענע! איך ווייס עס אונד פיהל עס; אבער דאך שפיר איך, אז דער שטריק מוז באלד איבערגעריסען ווערען, איך קען מעהר ניט ווארטען! אונד ווען דער סוף וועט קומען, וועט ער זיין שרעקליך!"

"אך, דוא נארעלע, איך פערשטעה גאר ניט וואס עס איז פון דיר געווארען? וואס ביסטו אזוי פערצווייפעלט? פון דער ערגסטער לאגע מוז נאך זיין א וועג זיך צו רעטען."

"איך האב געזוכט אונד געזוכט אונד ניט געפונען."

"הער מיך אויס, אננא, דוא קענסט דיך מעהר ניט אורטהיילען וויא איך אליין בין אימשטאנדע. לאמיך דיר געבען מיין עצה פרייא אונד אפען. לאמיר אנפאנגען פון דעם אנהויב: דוא האסט געהייראטעט א מאן מיט צוואנציג יאהר עלטער אלס דוא. דוא האסט איהם ניט געהייראטעט אויס ליעבע; נאך מעהר, דוא האסט אפילו דאמאלס ניט געוואוסט וואס דאס הייסט ליעבע. דוא האסט אלזא גע־הייראטעט ניט קוקענדיג אויף דיין הארץ, אויף דיינע געפיהלע אונד — יא, דוא האסט בלויז געהייראטעט ווייל אונזער דומע וועלט געפינט אויס אזא הייראטה פאר גאנץ גוט. אבער, דיר צו זאגען דיא וואהרהייט, איז דאס געווען איין אירטהום — "

"א שרעקליכער אירטהום!" האט זיא אויסגעשריען.

"אבער נאך אלעמען דארפסטו ניט פערגעסען, איז דיא זאך פאראיבער — עס איז געשעהען! דאן, אהנע דוא זאלסט עס געהען זוכען, האסטו געהאט דאס גליק אדער אונגליק, זיך צו פערליעבען אין איין אנדערן, ניט אין דיין מאן; נאר דאס איז אויך פאראיבער — עס איז געשעהען! דיין מאן האט דערפון ערפאהרען אונד דיר מוחל געווען." — ער האט געמאכט א פויזע אום צו הערען איהרען איין ענטפער, נאר יא האט געשוויגען.

www.libtool.com.cn

„יעטצט,“ האט ער פארטגעזעטצט, „מוזען מיר קומען צום שלום אונד דיא פראגע ענטשטעהט: קענסטו וויטער לעבען מיט דיין מאן, ווילסטו עס? וויל ער עס?“

„איך וויים ניט, מיין גאָט, איך וויים גאר ניט!“

„בערוהיג דיך, אננא, הער זיך צו וואס דוא האסט מיר ערשט געזאגט, אז דוא קענסט איהם ניט ליידען.“

„ניין, ניין, איך האב עס ניט געזאגט. איך לייקען עס אָב, איך וויים גאר ניט אונד פערשטעה גאר ניט.“

„אָבער ערלויב מיר — “

„דוא קענסט ניט פערשטעהען,“ האט זיא אויסגעשריען אונגעדולדיג. „איך היינג מיט מיין קָאָפּ ארונטער צו א טיעפען טהאָל, אונד איך דארף גאר ניט פראָ־בירען מיך צו רעטען. ניין, גאָט אין הימעל! איך קען מיך ניט רעטען אונד דארף מיך ניט רעטען!“

„אלזאָ, מ י ר וועלען דיך ניט לאָזען דיא זאָלסט ארונטער פאלען. איך פערשטעה דיך. איך זעה, אז דוא ווילסט ניט אויסשפּרעכען דיין ריכטיגען וואונש אונד געפיהל.“

„איך ווינש גאר ניט, גאר ניט — אויסער, אז פון דעם אלעמען זאָל נעהמען איין ענדע.“

„מיינסטו, אז ער מערקט עס ניט? דענקסטו, אז ער ליידעט ניט? אונד וואס קען זיין דער רעזולטאט פון אזוי פיעל זעלבסט־מארטערנים? א גט וואָלט פון אלעמען געמאכט איין ענדע.“

סטעפּאן האט שטודירט אננא'ן צו זעהען וואס פאר איין איינדרוק זיינע לעטצטע ווערטער וועלען אויף איהר מאכען. זיא האט בלויז געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אונד ניט געענטפערט. דאן האט איהר געזיכט אָנגענומען א גליקליכע מיענע אויס־דריקענדיג איהרע אינערע געפיהלע ווען אזא זאך זאָל ווירקליך פּאסירען.

„איך וואָלט מיך געשעטצט זעהר גליקליך,“ האט סטעפּאן וויטער געזאגט, „איך זאָל דאס אלעס קענען דורכפיהרען. יעטצט, בעט איך דיך, רעד מעהר ניט דאריעבער. איך וועל טהון אלעס מעגליכע. איך וועל מיט איהם זעהען רעדען דאריעבער.“

אננא איז נאך אימער געזעסען שטיל אונד קיין וואָרט געענטפערט.

www.libtool.com.cn


## קאפּיטעל 14.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז אריין אין זיין שוואגער'ס שטודיר־צימער, מיט איין ערנסטעם גזיכט, וועלכעס איז פאר איהם געווען אונגעוועהנליך. קארענינא האט ארום שפּאצירט אונגעדולדיג.

„ענטשולדיג מיר וואס איך שטער דיך," האט ער געזאגט, „איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען."

קארענינא איז געבליעבען שטעהען וויא אויסצוהערען וואס סטעפאן האט צו זאגען.

איך ווינש מיט דיר צו רעדען איבער מיין שוועסטער," האט סטעפאן ארויס געשטאמעלט, „אונד איבער דעם גאנצען טרויעריגען צושטאנד." קארענינא האט איהם אנגעקוקט אונד ביטער געשמייכעלט. דאן האט ער זיך געזעטצט צו זיין שרייב־טיש אונד צוגערוקט נעבען זיך א האלבען אויפגעשריעבענעם בויגען פּאפּיר.

„איך הער גאר ניט אויף צו דענקען דאריבער," האט ער געענטפערט, „אונד איך פּראביר יעטצט איהר צו אדרעסירען א בריעף, פיעללייכט וועלען מיר זיך אזוי קענען בעסער פערשטעהען." ער האט איהם דאן געגעבען דאס פּאפּיר אונד גע־זאגט: „לעז."

סטעפאן, מיט אביסעל אויפרעגונג, האט גענומען דעם בריעף אונד געלעזען:

„אננא! איך בעגרייף גאנץ גוט וויא מיין געגענווארט בעאונרוהיגט דיך; עס איז אונגעאכטעט דארויף וואס אזא בעגריף פעראורזאכט מיר גרויסע שמערצען. איך מוז עס אבער צו געבען, ווייל איך וויים, אז עס קען אנדערש ניט זיין. איך מאך דיר גאר קיינע פאָרווירפע. גאָט איז מיין עדות, אז וועהרענד דיין קראנקהייט. האב איך בעשלאָסען אלעס צו פערגעסען וואס עס איז געווען אין דער פערגאנגענהייט אונד אנפאנגען א נייעס לעבען. איך האב דארויף קיין חרטה ניט, אונד איך וועל אויך קיין חרטה ניט האבען אויף דעם וואס איך האב דאמאלס געטהאן; איך האב געזוכט דיא ערהאלונג, דיא ערהאלונג פון דיין זעעלע. ליידער איז עס מיר ניט געלונגען. זאג דוא מיר אליין, וואס עס קען דיר ברענגען רוהע אונד גליק, אונד איך פערשפּרעך פאראוים, צו טהון אלעס לוים דיין געפיהל פון גערעכטיגקייט."

סטעפאן האט איהם צוריק געגעבען דעם בריעף אהנע א ווארט צו רעדען. סטעפאן'ס ליפּען האבען קראמפּפהאפט געציטערט.

www.libtool.com.cn

„וואס וויל זיא אליין ? דאס איז וואס איך בין נייגעריג צו ער־פאהרען.“

„איך האב מורא, אז זיא אליין וויים דאס ניט,“ האט סטעפאן געענטפערט.

„זיא קען אליין ניט אורטהיילען. זיא איז איינפאך צערשמעטערט דורך דיין גוטסקייט אונד עדעלקייט צו איהר. ווען זיא זאל לעזען דיעזען בריעף, וואלט זיא איהם ניט געקענט בעענטפערן; דאס וואלט זיא בלויז נאך מעהר ערניעדריגט.“

„דאן וואס קען מען טהון ? וויא קען איך ערפאהרען איהר וואונש ?“

„ווען דוא ערלויבסט מיר עפעס אריין צו רעדען, וואלט איך געזאגט, אז דוא זאלסט זעלבסט זוכען אויסצוגעפינען דיא ריכטיגע רפואה צו דער מכה.“

„אבער וויא אזוי ? וויא איז מיר דאס מעגליך צו טהון ?“

„פון יעדער שוועריגקייט איז אימער דא איין אויסוועג,“ האט סטעפאן געענט־פערט פאסענדיג אביסעל מעהר מוטה. „דוא האסט אמאל געשפראכען פון א גט. דוא ביסט איבערציינגט, אז עס איז פאר דיר אונמעגליך מיט איהר צו זיין גליק־ליך — “

„אבער עס געבען פערשיעדענע שטופען פון גליק,“ האט קארענינא שנעל געענטפערט. „לאמיר אננעהמען, אז איך שטים איין צו אלעס, וויא אלזא וועט אונז דאן מעגליך זיין לויז צו ווערען פון דיא צרות וואס אזא איינשטימונג אליין וועט ברענגען ?“

„אבער, אלעקסיס, דוא מוזט דאך איינמאל פאר אלעמאל בעגרייפען, אז דאס לעבען צווישען דיר אונד אננא׳ן, קען מעהר ניט פארטגעזעטצט ווערען אויף אזא ארט, וויא איהרביידע זייט אונגליקליך. נאך מיינער מיינונג, גיבט עס בלויז איין אויסוועג, איהר מוזט ביידע ערהייכען דיא פרייהייט.“

„דורך גט !“ האט קארענינא אויסגערופען מיט פעראכטונג.

„יא, א גט, ווען עס מוז אזוי זיין. וואס קען מען טהון ווען דאס שיקזאל האט אזוי בעשטימט ?“

קארענינא האט ארוים געלאזען א טיעפען זיפץ אונד צוגעדעקט זיין געזיכט מיט זייגע הענד.

„עס איז דא בלויז איין פונקט צום בעטראכטען,“ האט סטעפאן ווייטער גע־זאגט, „אונד דאס איז, אויב איינער פון אייך ווינשט נאך אמאל צו הייראטהען. ווען דאס איז ניט דער פאל, דאן איז אלעס זעהר איינפאך.“

קארענינא האט געוואלט עפעס זאגען, נאר ער האט ניט געקענט. אבוואהל ער האט געוואלט זעהען אננא׳ן גליקליך, האט ער איהר אבער איין גליק ניט

www.libtool.com.cn


נעקענט פערנינען, און . אס איז, אז זיא זאָל זיך ווידער פעראייניגען **אונגעשטערט** מיט וואָנסקי׳ן.

„עס הייגגט אָב פון דיא בעדינגונגען,״ האט סטעפאן פאַרטגעזעצט, **„וואס** איהר ווילט שטעלען פיר א גט. זיא וועט עס פּאָזיטיוו ניט וואגען פון דיר **עפּעס** צו פערלאַנגען, אונד זיא וועט איינשטימען צו אלעם וואס דוא ווערסט זאגען.״

„מיין גאָט ! מיין גאָט ! ווארום קומט מיר דאס אלעס !״ האט **קאַרענינא** אויסגעשריען אין א ביטערער פערצווייפלונג ווידער בעדעקענדיג זיין געזיכט.

„איך קען גאַנץ גוט בעגרייפען דיין שמערץ,״ **האט סטעפאַן געזאגט מיט א** ניעדריגער שטימע, „אָבער ווען דוא דענקסט נאָך — ״

„דענקען ? מיין גאָט ! וויא קען מען דענקען ?״ **האט קאַרענינא געקלאַגט** ווע‍המיטהיג. „ערניעדריגט, בעליידיגט, געשענדעט אונד צעררים‍ען דאס הארץ אין צווייען !״ דיא טרערען זיינען געלאָפען פון זיינע אויגען וויא בייא א קינד. דאן, זיך פּלוצלינג פאַסענדיג, האט ער געזאָגט : „יא, יא, איך וועל נעהמען דיא גאַנצע שאנדע אויף מיר — אויף מיר אליין ! איך וועל איהר זאָגאר געבען מיין זוהן ! טהו וויא דוא פערשטעהסט !״

ער האט זיך דאן אָבגעווענדעט אונד זיך אוועק געזעטצט נעבען פענסטער.

„אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש, דוא מענסט זיכער זיין, אז זיא וועט וויסען וויא צו שעטצען דיין עדעלמוטה. עס איז אָהנע צווייפעל גאָט׳ס ווילען !״ אונד דאן, שפּירענדיג, אז ער האט געזאָגט עפּעס א דומהיים, האט זיך סטעפאַן אָבגע־ווענדעט אונד געשמייכעלט. קארענינא וואָלט איהם געענטפערט, נאָר דיא טרערען האבען איהם געשטערט.

## קאפּיטעל 15.

אָבוואָהל דיא קונעל האט ניט געגרייכט וואָנסק׳ס הארץ, איז אָבער דאָך דיא וואונד געווען א געפעהרליכע, אונד ער איז געלעגען איינינע טעג צווישען טויט אונד לעבען. ווען דיא קריזיס איז פּאראיבער אונד ער האט שוין געקענט רעדען, האט ער צוגערופען זיין שוועגערין, וועלכע האט איבער איהם זעהר געטרייא געוואכט.

„מאריא,״ האט ער געזאָגט גאַנץ ערנסט. „איך האב מיך ערשאָסען דורך א צופאל ; זאג יעדען איינעם דאסזעלבע. עס זעהט אוים געוויס זעהר נאַריש ; **אלע** מוזען זאגען, אז איך האב עס געטהאָן אבזיכטליך.״

www.libtool.com.cn

„קיינער האט דאס ניט געזאגט,“ האט זיא געענטפערט, אונד דאן, מיט א שמייכעל: „איך וויל אונטערדרעסען האָפען, אז דוא וועסט אויפהערען צו בעטרייבען אזעלכע געשעפטען אין דער צוקונפט, זיך צו ערשיסען אונגערן.“

„פיעללייכט וואָלט עס בעסער געוועזען...“ האט ער וויטער געזאגט, אָבער ער האט זיך באלד אונטערבראָכען אונד אָנגעפאנגען צו דענקען איבער זיין צושטאנד. ער האט זיך דערמאָהנט אן קארעגינא׳ן, אונד ער האט בעוואונדערט זיין הויכמוטה. אָבער, ער אין אונטערדרעסען געבליעבען צו אַלעמען גלייכגילטיג. זיך ערא׳נערענדיג אָבער אן אננא׳ן, אז ער מוז זיא פערליערען, האט ער געשפירט א העפטיגען שמערץ אין זיין ברוסט. ער האט אָבער נאך אַלעמען בעשלאָסען מעהר ניט צו שטעהען אין וועג צווישען דעם עדעלען, פערגעבענדען מאן, אונד זיין בערייהענדע פרוי.

ער איז שנעל געזונד געוואָרען, אונד זאָ שנעל וויא ער האט זיך געשפירט אימשטאנדע ארום צו געהען אויף זיינע פיס, איז ער אוועק אונד זיך אייסגעבעטען א פאָסטען אין טאשקענד. וויא דער לעצטער מאָמענט האט זיך אלץ מעהר דער־נעהנטערט פיר זיין אָברייזע, האט ער שרעקליך געשפירט דעם שמערץ דערפון, וואס אננא האט זיך ענטזאגט מיט איהם צו געזעגענען.

עס איז שוין געוועזען א טאָג פאר זיין אָברייזע, ווען זיין קוזינע, פרינצעססין בעטסי, איז אריין אין זיין הויז אונד איהם געבראכט דיא בשורה, אז קארעגינא האט איינגעשטימט זיך צו גט׳ן מיט זיין ווייב. ווראָנסקי האט געשפירט, אז עס גיבט מעהר קיין זאך אין דער וועלט, וואס זאָל איהם הינדערן צו זעהען אננא׳ן.

אָהנע צו ווארטען א מינוט, איז ער ארויף אין איהר הויז, אונד זיך אפילו ניט אָנפרעגענדיג, איז ער אריין אין איהר צימער. ער האט זיא אומארמט אונד בעדעקט איהר געזיכט אונז האלז מיט ברענענדע קושען. אננא האט גערעכענט, אז ער וועט קומען, אונד זיא האט זעהר פיעל נאכגעדענקט וואס זיא זאָל איהם זאגען; אָבער נאכדעם וויא ער איז שוין געוועזען נעבען איהר, האט זיא מעהר קיין צייט געהאט צו רעדען, וועיל זיין אויפרעגונג האט זיא בערוישט. זיא וואָלט פראָבירט איהם אונד זיך צו בערוהיגען, נאָר זיא האט ניט געקענט.

„יא, דוא האסט מיך בעזיעגט,“ האט זיא ענדליך געזאגט. „איך בין אין נאנצען דיינע,“ אונד זיא האט צוגעדריקט זיינע הענד צו איהר בוזים.

אזוי זאָל עס זיין אונד אזוי זאָל עס בלייבען זאָלאנג מיר וועלען לעבען,“ האט ער געענטפערט. „מיר וועלען אָן אַלעמען פערגעסען וועהרענד אונזער גליק. ווען אירגענד עפעס זאָל נעטהיג זיין צו פערגרעסערן אונזער ליעבע, דאַן זאָל דאס

www.libtool.com.cn

געשעהן דורך אונזער שרעקליכער פערגאנגענהייט.“ ער האט דאן ווידער אומארמט איהר בלאסעס געזיכט אונד געגלעט איהרע שעהנע האאר.

„איך קען דיך קוים דערקענען מיט דיינע קורצע האאר,“ האט ער געזאגט, „דוא זעהסט אויס וויא א פראכטפאלער איינגעל! אבער, וויא בלאס דוא ביסט!“

„יא, איך בין נאך אימער שוואך,“ האט זיא געענטפערט וועהרענד איהרע ליפען האבען געציטערט.

„מיר וועלען פאהרען נאך איטאליען, אונד דארט זאלסטו געזונד ווערען.“

„איז עס מעגליך,“ האט זיא געזאגט קוקענדיג אין זיינע אויגען, „אז מיר זאלען זיין אליין צוזאמען, וויא מאן אונד ווייב!“

„מיך וואונדערט עס נאר, וויא דאס איז ביז יעטצט ניט געשעהען.“

„סטיווא האט מיר געזאגט, אז ער שטימט איין צו אלעס,“ האט זיא גע־מורמעלט. „אבער, איך וועל ניט אקצעפטירען זיין גרויסמוטה. איך וויל מעהר ניט קיין גט, זאנדערן בלויז א בעשטימונג איבער סערגעי׳ן.“

ווראנסקי האט זיך געוואונדערט וויא דאס איז מעגליך, אז בייא זייער ערשטע ווידער־פעראייניגונג, האט נאך אננא געקענט אין זינען האבען איהר זוהן.

„רעד ניט יעטצט דאריבער,“ האט ער געזאגט, „דענק זאגאר ניט דערפון.“

הערענדיג זיינע ווערטער, האט איהר מוטער הערץ דערשפירט וויא א שטאך.

„אך, ווארום בין איך ניט געשטארבען? עס וואלט דאן פיעל בעסער געוועזען!“ אונד איהרע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען.

ווראנסקי האט ניט פערשטאנען אננא׳ן אונד ער האט געשוויעגען, דענקענדיג, אז זיא איז נאך אימער אונרוהיג איבער איהר שריט. ער איז דאן אוועק אונד באלד איינגערייכט זיין רעזיגנאציאן פון דער ארמעע.

מיט א מאנאט שפעטער, איז קארענינא געוועזען אליין אין זיין הויז מיט זיין זוהן. אננא איז אוועק געפאהרען נאך אויסלאנד מיט איהר טאכטער, זיך ענטזאגענדיג אנצונעהמען א גט.

www.libtool.com.cn

# פיערטער טהייל.

## קאפיטעל 1.

**מיט זעקס וואָכען נאָך דער פערלאָבונג, האט שטאטגעפונדען דיא חתונה** צווישען קאָנסטאנטין לעווין אונד דיא יונגע פרינצעסין קיטטי שערבאטצקי. דיא גאנצע אריסטאָקראטיע איז ערשיענען, אונד עס איז געפייערט געוואָרען א הערדליכע האָכצייט.

לעווין וואָלט בעסער איינגעשטימען צו א רוהיגער אונד איינפאכער האָכצייט, נאָר דיא אַלטע פרינצעססין מיט איהר מאַן, האבען דאס אום קיינעם פּרייז נים געוואָלט. קיטטי אליין וואָלט אויך ניט איינגעשטימט דערצו; זיא האט געוואָלט יעדער זאָל וויסען אונד זעהען איהר פערא‌יינינונג מיט קאָנסטאנטין לעווין.

נאָך אין דעמזעלבען אבענד נאָך דער צערעמאָניע, איז דאס יונגע פּאאר אוועק געפאָהרען פון מאָסקווא אין זייער לאנד־וואָהנונג.

ווראָנסקי אונד אננא זיינען שוין געווען אויף דער רייזע זייט דריייא מאָנאט. זייא האבען בעזוכט ווענעדיג, רוים אונד נעאפּעל. דאַן זיינען זייא אריין געפאָהרען אין א קליין שטעדטעל פון איטאַליען, וואו זייא האבען בעשלאָסען צו פערבלייבען א לענגערע צייט. ווראָנסקי האט דאָרט געדונגען א ווילא (דאטשא), אונד, אין דער אומגעבונג פון גרינע בוימער אונד א טרוימערישען בלויען הימעל, האבען זייא בעשלאָסען צו צוברענגען א היבשע צייט.

ווען אננא האט זיך צום ערשטען מאל געשפּירט פרייא אונד אונבעמערקט פון קריטיקירענדע אויגען, איז איהר פרייד געווען אונגעהייער גרויס. זיא איז געפאַלען אויף ווראָנסקי'ס האלז, איהם געקושט אונד געוויינט פאר פרייד.

זיא האט איהם אום קיינעם פּרייז ניט געוואָלט אַבלאָזען פון נעבען זיך. **זיא** איז מיט איהם געגאנגען אין פעלד, אין וואלד, געקלעטערט אויף **דיא בערג, אונד** איהם אויך געפיהרט ער זאָל געהען מיט איהר רייסען ווילדע בלומען.

www.libtool.com.cn

איהר געזיכט האט צוריק נעקריגען דיא שעהנע פארבען, דיא אויגען זייער גלאנץ אונד דער אָבגעמאָגערטער קערפּער, איז ווידער געוואָרען רונד אונד מאסיוו. ואָגאר איהר געלעכטער איז נאך אמאל געוואָרען אזוי ריין, קלינגענדיג אונד מונטער וויא אמאל, ווען זיא האט נאך ניט געשפּירט דיא שמערצהאפטע פּיילען פון ליעבע אָבגעשאָסען אין איהר הארץ.

אויך וורראָנסקי איז געווען גליקליך צו זיין נעבען איהר, אונד מעהרערע מאל, זיך אויפכאפּענדיג פון א דרעמעל, האט ער זיא אומארעמט אונד געזאגט:

„איז דאס ווירקליכקייט? ביסטו עס, מיין אננא? מיין גאָט, איז דאס מעגליך, אז איך בין אזוי גליקליך?“

זיא פלעגט דאמאלס גוטמיטהיג שמייכלען וועהרענד איהרע ווייסע אונד שעהנע צייהן האבען זיך געצייגט פון צווישען איהרע רויטע ליפּען.

„יא, אלעקסיס,“ האט זיא געענטפערט. „איך בין נעבען דיר אונד מיט דיר! מיר זיינען צוזאמען, אונד גיעמאנד איז מעהר אימשטאנדע צו שטערען אונזער גליק. מיין גאָט! וויא גליקליך איך בין! איך האב עס גאר ניט פערדיענט אונד איך בין ניט ווערטה אזא גליק.“

גראדע וויא אננא האט געהאט א טבע צו ווינען פון ערגערניס, אזוי האט זיא אויך געוויינט פון גליק. נאר דיעזע זיינען געווען פריידען־טרערען.

טעג, נעכט, וואָכען אונד מאָנאטען זיינען אזוי פאָראיבער אין א שטילעס אונד בעצויבערענדעס גליק, ביז וורראָנסקי האט אָנגעפאנגען צו שפּירען, אז דיא איינזאמקייט, צו וועלכער ער איז ניט געוואָהנט, פערשאפט איהם קיין פערגניגען.

אננא וואָלט נאך דאָרט פערבליעבען וויא לאנג, אָבער אום ניט צו בעאונרוהיגען וורראָנסקיין, האט זיא איהם נאך אליין צוגערעדט, מען זאָל צוריק קעהרען נאך סט. פּעטערסבורג.

## קאפּיטעל 2.

לעווין איז שוין געווען פערהייראטעט דרייא מאָנאט אונד ער האט געלעבט זעהר גליקליך מיט זיין פרוי. אָבער, לעווין, אלס קלוגער מענש, האט אָנגעהויבען איינצוזעהען, אז פון דער פאנטאזיע ביז צו דער ווירקליכקייט איז נאך זעהר ווייט. פריהער האט ער זיך פאָרגעשטעלט, דאס ווען קיטטי וועט ניט זיין קיין גאנצע נעטטין, וועט זיא וועניגסטענס ניט שטעהען ווייט פון דער פאלקאָמענהייט; אָבער דאס צוזאמען לעבען, דיא נעהנטערע בעקאנטשאפט אונד בעסערע בעטראכטונג, יועלכע קומט, וויא געוועהנליך, אין בערוהיגטע מאָמענטען, האבען איהם איבערציינט,

www.libtool.com.cn 

אַז קימטי איז ניט מעהר וויא א מענש — דערצו נאָך אביסעל זעהר אונערפאהרען אונד מיט עקשנות — אונד וועלכער געוועהנליכער מענש האט דאס ניט קיין פעהלער ? נאָר טראָכין דעם אלעמען, איז ער געווען גליקליך.

לעווין האט זיך מעהרע מאל עראינערט, ווען ער איז נאָך געווען 20 ביז 25 יאָהר אלט, פלעגט ער שמייכלען גוטמוטהיג איבער „נארישע" מאן אונד ווייב, וואס קריעגען זיך ארום איבער „קליינינגקייטען." ער האט זיך אָבער מיט דער צייט איבערצייגט, אז דיעזע קליינינגקייטען זיינען מאַנכע מאל באלד אזוי ביטער וויא דער טויט. וואס ארט, דאכט זיך, ווען א פרוי שמייכעלט צו א פרעמדען מאן ? וואס דארף פערדריסען, ווען א יונגע פרוי וויל גראדע ניט נאכגעבען אלעם וואס דער מאן ווינשט, ראטה אונד פערלאַנגט ? דעם טעם דערפון, האט ער ערשט פערזוכט, ווען ער איז געווען פערהייראטעט.

אָט האט זיך קימטי, פלוצלינג, פון דער העלער הויט, געקענט אָנברוגז'ן, אונד וואס מעהר ער האט זיא געגלעט, געפרעגט אונד נאכגעפאָרשט, אַלץ מעהר האט זיא זיך אָנגעבלאָזען אונד ניט געוואָלט ענטפערן. איין אנדער מאל, האט ער איהר געזאגט, אז זיא זאָל ניט מאַנצען מיט א געוויסען יונגען מאן ; ניט דערפאר וואס ער טרויעט איהר ניט חלילה, זאָנדערן בלויז דערפאר ווייל יענער... ער האט איהר ניט געקענט אזוי פיעל ארוים זאגען. „וואס איז, ביסטו אויף מיר אייפערזיכטיג ?" האט זיא דאַן געפרעגט זיך פערקרימענדיג.

וואס איהם האט נאָך אממייסטען געוואונדערט, איז געווען, וואס דיא שעהנע, איבען־שטילע אונד אונשולדיגע קימטי, האט אויף איינמאל געוויעזען, אז זיא וויים, פערשטעהט, בעגרייפט אונד קען רעדען איבער אזעלכע געגענשטענדע פון לעבען, וועלכע ער וואָלט איהר ניעמאלס צוגעטרויעט. אונד, נאָך מעהר, זיא האט אימער געוואָלט זיין דיא איינציגע רעדנערין אונד איהם ניט געלאָזען עפענען זיין מויל, ווען ער האט געוואָלט עפעס זאגען.

אנפאנגס האט דאס אלעס איהם ערשטוינט, איבעררראשט, געברענט, גע־בראָטען אונד געשטאָכען. אָבער מיט דער צייט, האט ער זיך אָנגעהויבען צו געוועהנען אונד זיך אויסגעלערענט ענטוועדער מיט אמאל זיא איבערצושרייען, אָדער גאר אין גאנצען שווייגען.

קימטי וויעדער, האט געהאט א שרעקליכע וואפען געגען איהם ; באלד האט זיא אויסגעבראָכען אין געוויין, אונד עס האט איהם אויסגעזעהען, אז איהר קוואל טרערען האט גאר קיין גרונד ניט. עפעס האט זיא געקענט וויינען ווען זיא האט געוואָלט, אונד טרערען האבען זיך געגאָסען וויא א שלאַגס־רעגען. נאָך אזעלכע

www.libtool.com.cn 

אויפרעגונגען אָבער, האט מען זיך אומארעמט, צוקושט אונד באלד איבער־געבעטען.

לעווין האט איינגעזעהען, אז שווייגען אונד מאכען וועניגער בעמערקונגען, איז אימער בעסער. ער האט נאָר ניט בעדארפט צו ציהען איהר אויפמערזאמקייט, אונד דאָן איז ניט ערגער געוואָרען. ווען עס האט איהם געשטאָכען איהר אויפפיהרונג, האט ער דעם שמערץ ארונטער געשלונגען, אונד אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע, איהר ניט צו ווייזען, אז עס טהוט איהם וועה.

אויף אזא ארט זיינען אריבער דיא ערשטע עטליכע מאָנאטען נאָך דער חתונה; זייא האבען אויסגעזעהען וויא צוויא העהנער וואס מוזען זיך אזוי לאנג בייסען, ביז פון זייער בייסענעש זאָל ענטשטעהען א גלייכגילטיגע פריינדשאפט. אין זייערע רייסערייען, האבען זייא דערוויל געשטודירט איינער דעם אנדערן'ס נאטורען, אונד זייא האבען זיך אלץ מעהר אונד מעהר צוגעוועהנט.

וואָלטען זייא אָבער זיך ניט געליעבט מיט אזוי פיעל פייער, וואָלט פון דער רייסערייא קיינמאל קיין סוף ניט געוואָרען. אָבער אזוי וויא ביידע האבען געשפירט דיא צארטעסטע געפיהלע איינער צום צווייטען, האט זיך דער פערוואָלקענטער הימעל יעדעס מאל אלץ מעהר אויסגעלייטערט. ביז זייערע צאנקערייען זיינען גע־וואָרען ענטוועדער זעלטענער, אָדער זייא האבען וועניגער איינדרוק געמאכט וויא אמאל.

אין איין אבענד, ווען לעווין איז אהיים געקומען פון א בעזוך אויף זיינעם א גוט, אונד איז אריין זעהען וואס זיין פרוי טהוט אין איהר זיטץ־צימער, האט ער זיא געטראָפען לעזענדיג א בריעף וואס איז נאָר וואס אָנגעקומען פון איהר שוועסטער דאָללי.

„דאָ האסטו א בריעף,“ האט זיא געזאגט ארויסנעהמענדיג א קאָנווערט אדרעסירט מיט א מערקווירדיגער שריפט. „איך דענק דאס מוז זיין פון — פון דער פרוי — דיין ברודער'ס — אָבער איך האב איהם ניט געעפענט. דאָללי האט מיר געשיקט זעהר א שעהנעם בריעף, אונד זיא שרייבט מיר, אז זיא האט ארויס גענומען גרישא'ן אונד טאניא'ן צום קינדער־באלל בייא סערינאטציןן.“

אָבער לעווין האט דיא לעטצטע ווערטער ניט געהערט. ער האט גענומען דעם בריעף, אונד באלד דערקענט, אז ער קומט פון מאריע ניקאָלאיעווגא, זיין ברודער ניקאָלאי'ס געוועזענע געליעבטע. עס איז געווען שוין דער צווייטער בריעף וואס ער האט לעטצטענס פון איהר ערהאלטען. ער האט איהם געעפענט אונד ערשטענס געלעזען, אז ניקאָלאי האט איהר פון איהם אוועק געטריעבען אונד זיא ווייס ניט

www.libtool.com.cn


ווארום, דאן, מיט א ויהרענדע אויפריכטיגקייט, האט זיא געשריעבען, אז זיא אליין פערלאנגט קיין זאך, נאר זיא טהוט אלעס פון ניקאלאי׳ס וועגען. זיא האט טראכטען אלעמען, שרייבט זיא ווייטער, צוריק געקעהרט צו ניקאלאי׳ן אונד זיך מיט איהם איבערגעבעטע, אונד ביידע זיינען אוועק געפאהרען אין א שטעטעל צו איין אמט פיר וועלכען ניקאלאי איז ערנאנט געווארען. אבער דארט האט זיך ניקאלאי צר קריעגט מיט דעם שעף אונד ער האט געמוזט צוריק קעהרען נאך מאסקווא. אויף׳ן וועג אבער, איז ער שטארק קראנק געווארען — „אונד״, האט מאריא געשלאסען, „ער פרעגט אימער נאך אייך, נאר צו דיא צרות האבען מיר קיין געלד ניט.״

קיטטי האט בעמערקט, אז איהר מאן איז גערייהרט געווארען פון דעם בריעף, אונד, מיט איהר געוועהנליכער נייגיעריגקייט, האט זיא געפרעגט: „וואס האט פאסירט?״

„זיא שרייבט מיר,״ האט ער געענטפערט, „אין אזא טאן, פון וועלכען איך פערשטעה, אז מיין ברודער ליעגט אם שטערבען.״

קיטטי׳ס גאנצער אויסדרוק אויף׳ן געזיכט, האט זיך געוועקסעלט, אונד זיא האט שנעל געפרעגט:

„ווען ווילסטו צו איהם פאהרען?״

„מארגען.״

„קען איך אויך מיטפאהרען?״

„קיטטי, וואס רעדסטו?״ האט ער געפרעגט ערשטוינט.

„וואס איז אזוי דערבייא?״ האט זיא ווידער געפרעגט בעליידיגט פון זיין טאן. „ווארום זאל איך ניט מיטפאהרען? איך וועל דיר גאר ניט שטערען —״

„איך פערשטעה דיך ניט, קיטטי,״ האט ער געענטפערט איינהאלטענדיג זיין אויפרעגונג. „ווען דוא ווילסט אונבעדינגט מיטפאהרען, דאן צו וואס פרעגסטו מיך? ווען דוא פרעגסט מיך ווידער, ווארום זאלסטו ניט פאלגען וואס איך הייס דיר? איך פאהר אהין, וויל מיין ברודער ליעגט אויף׳ן שטערבע־בעט, אבער וואס קענסטו דארט טהון?״

„אונד וואס מיינסטו, איך וועל דא בלייבען אליין?״ האט זיא אויסגעשריען.

לעווין האט זיך געטראכט, אז זיא האנדעלט ניט גערעכט נעגען איהם, וויל ער פאהרט ניט צום ברודער אויס פערגניעגען, אונד ער ווייס געוויס האבען דארט גענוג צרות, ווארום אלזא זאל זיא איהם נאך מארטערן? אבער ער האט נער פוריעגען.

www.libtool.com.cn


„ווייסטו וואס,“ האט זיא דאן געזאגט צארנדיג. „וואו דוא געהסט, געה איך אויך. איך בלייב ניט דא אליין. איך וואלט נאר געוואלט וויסען ווארום איך טאר ניט מיטפאהרען?“

„ווייל נאר נאט ווייס דעם אמת,“ האט ער געענטפערט מילדער, „און וואס פאר א שמוטציגען צושטאנד איך וועל איהם דארט טרעפען. דאן ווייס איך אפילו ניט דעם ריכטיגען וועג; דוא קענסט מיך העכסטענס שטערען.“

„ניין, ניין, ניין!“ האט זיא אויסגעשריען אונד דיא טרערען האבען שוין גע־גאסען. „איך בלייב ניט דא, וואוהין דוא געהסט, געה איך אויך!“

לעווין האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען אונד געענטפערט:

„דוא שיינסט צו פערגעסען ווער דיעזע פרוי איז, אונד אז דוא קענסט זיך מיט איהר ניט בעגעגנען.“

„איך זעה ניט איין ווארום. וואס קימערט מיך איהר לעבענס־געשיכטע?“ דאן, ווערענדיג אביסעל ווייכער: „איך ווייס בלויז, אז מיין מאן געהט בעזוכען זיין קראנקען ברודער, אונד ווען עס פאסט פיר מיין מאן, דאן פאסט עס פאר מיר אויך!“

„קיטטי, דאס איז שקלאפעריייא! אונערטרעגליך!“ האט ער אויסגעשריען האלב צארניג אונד האלב שמייכלענדיג פון איהר צו דרינגען.

„צו וואס אלזא האסטו חתונה געהאט? ווען דוא האסט חרטה —“ קיטטי האט ערשט רעכט אויסגעבראכען אין א העפטיגען געוויין אונד איז ארויס געלאפען פון דעם צימער.

ווען לעווין איז צו איהר אריין געגאנגען, האט זיא גאר ניט געקענט אויפהערען צו בליפען. ער האט זיא אומארעמט, געקושט אונד זייא האבען זיך איבערגעבעטען. עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז ער האט דאן איינגעשטימט זיא מיט־צונעהמען.

## קאפיטעל 3.

אין דעם האטעל וואו ניקאלאי לעווין איז געלעגען אם שטערבען, איז נאך געוועזען פיעל שמוטציגער וויא קאנסטאנטין האט זיך פארגעשטעלט.

ווען קיטטי איז צוגעגאנגען צום צימער, וואו דער קראנקער איז געלעגען, האט זיא געבעטען איהר מאן, ער זאל איהר ערלויבען אלעס צו ברענגען אין ארדנונג. דא ערשטע מיט וועמען לעווין האט זיך בעגעגנעט, איז געוועזען מאריא ניקאלאיעוונא, וועלכע ער האט שוין אמאל געזעהען אין זיין ברודער'ס געזעלשאפט.

www.libtool.com.cn 

„אלזא, וויא געהט עס איהם ?“ האט ער געפרעגט.

„זעהר קראנק. ער קען ניט פערלאָזען זיין בעט אונד פרעגט אַלץ וואו איהר זייט. איז — איז — זיא אייער פרוי ?“

ניקאָלאַי איז געלעגען אויף א קליין בעטעל. מיט שמוטציגעס בעט־צייג, אונד זיין קערפער האט אויסגעזעהען שוין אזוי אויסגעמאָגערט אונד בלאַס, אז ער האט איהם קוים דערקענט.

ער איז צוגעגאנגען, אָנגענומען זיין האנד, אונד אויף ניקאָלאַי'ס געזיכט האט זיך בעוויעזען א לייכטער שמייכעל.

„דוא האסט ניט ערווארטעט מיך אזוי צו טרעפען ?“ האט ער געפרעגט מיט א שוואכער שטימע.

„יא, — ניין,“ האט לעווין געענטפערט שטאמלענדיג. „ווארום האסטו מיך פריהער ניט געלאָזען וויסען ? עס איז מיר אונמעגליך געווען צו ערפאהרען וואו דוא געפינסט דיך.“

קיטטי איז געשטאַנען אין דרויסען בייא דער טהיר, אונד ווען לעווין האט זיך אומגעווענדעט צו איהר, האט זיא געפרעגט :

„וואס הערט זיך ?“

„עס איז שרעקליך, קיטטי, איך וויים גאר ניט וויא דוא קענסט אריין געהען.“

„אך, קאָנסטאנטין, נעהם מיך אריין, איך בעט דיך.“

אָהנע וייטער צו רעדען א וואָרט, האט ער בעסער געעפענט דיא טהיר אונד זיא אריין געפיהרט. זיא איז צוגעגאנגען מיט לייכטע שריט אונד זיך דערנעהנטערט צום שמוטציגען בעט. דאן האט זיא געלעגט איהר פרישע אונד שעהנע האנד אויף דיעזער פון דעם שטערבענדען, אונד אָנגעפאנגען צו רעדען אין א צערטליכען אונד מיטלײדיגען טאָן.

„איך בין אייער שוועסטער“, האט זיא געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע „טראָסט דעם וואס איהר האט מיך נאך ביז יעטצט ניט געזעהען ; אָבער עס איז נאך במעט קיין טאָג פאָראיבער, ווען קאָנסטאנטין זאָל מיר ניט דערצעהלען אונד רעדען איבער אייך, דאריעבער וואס איהר האט זיך אזוי לאנג ניט געלאָזען הערען.“

דעם קראנקען'ס פינסטערעס געזיכט, האט זיך אביסעל אויסגעלייטערט, אָבער עס האט געדויערט נאָר א פאאר אויגענבליקען, דען דער אויסדרוק פון שמערץ האט ווידער צוריק געקעהרט.

www.libtool.com.cn


„מיר דאכט, אז איהר זייט דאָ ניט בעקוועם,“ האט קיטטי ווייטער געזאגט.
„מיר מחען אויפזוכען א בעסערעס צימער, אונד דערצו א צימער נאָהענט פון אונז.“

פון דיעזען מאָמענט אָן, איז קיטטי געבליעבען נעבען קראנקען. וואס עס אנבעלאנגט לעווינען, ווערכער איז ניט געוואָהנט געווען צו אזא שמוטץ אונד פער־שטיקטער לופט, איז ער געווען זעהר אונרוהיג אונד איז אריין אונד ארויס פון צימער, ניט וויסענדיג וואס ער זאָל פריהער אנפאנגען.

קיטטי האט איהם אוועק געשיקט ברענגען א נייעם דאָקטאָר, אונד וועהרענד דעם, האט זיא געמאכט א גאנצע וועקסלונג אין דעם צימער. ווען לעווין איז צוריק געקומען מיט דעם דאָקטאָר, האט ער בייגאהע ניט דערקענט דעם פּלאַטץ. דיא לופט איז געווען פרייש אונד אנגענעהם, שמעקענדיג מיט א מין פּארפום וואס קיטטי האט בעשפּריטצט, דאס בעט אונד דאס גאנצע בעט־צייג, איז געווען נייא אונד ריין, אונד ניקאָלאי אליין, ליגענדיג אָנגעשפּארט אויף ווייכע קישען, איז געווען אָבגעוואשען אונד אָנגעצויגען מיט פרישע קליידער; אָבוואָהל ער איז געווען שטארק קראנק, האט ער אויסגעזעהען איין אנדערער מענש. איבעראַל האט מען געקענט בעמערקען דיא ארבייט פון קיטטי'ן, איהר דיענסט וואס איז מיטגעגאנגען אונד מאריע ניקאָלאיעווגא וואס האט געהאָלפען.

דער דאָקטאָר האט געמאכט א לאנגע אונטערזוכונג איבער דער קראנקען אונד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויסדריקענדיג איין אונצופריעדענע מיענע, אָבער ער האט קיין מיינונג געזאגט. דאן האט ער פערשריעבען א רעצעפּט אונד אָנגעזאגט וויא דער קראנקער דארף בעהאנדעלט ווערען. ווען דער דאָקטאָר איז אוועק, האט ניקאָלאי צוגערופען זיין ברודער אונד געמורמעלט עפּעס פון וועלכען ער האט נאָר פערשטאנען איין וואָרט „קיטטי.“ דאן האט ער פעסטער געזאגט:

„איך פיהל מיך בעדייטענד בעסער,“ אונד אָננעהמענדיג זיין שוועגערין'ס האנד, האט ער זיא געקושט אונד ווייטער געמורמעלט: „איך דאנק אייך.“ ער האט דאן געגלעט קיטטי'ס האנד מיט זיינער.

„איך בעט אייך,“ האט דער קראנקער ווידער געזאגט, „העלפט מיר זיך אביסעל אומווענדען, אונד דאן געהט אלע שלאָפען, זיך אויסרוהען.“

קיטטי, מיט דער הילף פון איהר מאַן, האט איבערגעלעגט דיא קישענס אונד געמאכט דעם קראנקען בעקוועמער. דאן האט ניקאָלאי גענומען זיין ברודערס האנד אין זיינער, אונד לעווין, זיך ניט טרויענדיג צו קוקען, האט ער געפיהלט דעם קראנקען'ס ווארעמע טרערען בענעטצענדיג זיין האנד.

www.libtool.com.cn 

## קאפיטעל 4.

„רענקסטו אז עס איז מעגליך ער זאָל געזונד ווערען ?" האט לעווין געפרעגט ווין פרוי ווען זייא זיינען געוועזען אליין.

„איך האב געפרעגט דעם דאָקטאָר," האט קיטטי געענטפערט, „אונד ער האט מיר געזאגט, אז ער גלויבט ניט דער ארעמער זאָל קענען לעבען מעהר וויא דרייא טעג. אָבער, אזעלכע זאכען לאָזען זיך ניט בעשטימט זאגען; זאָלאנג עס איז דאָ לעבען, איז אויך פערהאנדען האָפנונג. איך האָף, אז מיר װעלען איהם העלפען געזונד ווערען."

קיטטי'ס ארבעל זיינען געוועזען פערקאטשעט אונד ווען לעווין האט געקוקט צו איהר, זיך דערמאָהנט אן איהר צערטליכקייט אונד מיטלייד צו זיין ברודער, האט ער געזאגט געריהרט:

„אך, קיטטי, איך בעט דיך אום ענטשולדיגונג ווארום איך האב דיך ניט געוואָלט מיטנעהמען. דוא ביסט איין ענגעל!"

ניט קענענדיג ווייטער רעדען דורך דיא טרערען אין זיינע אויגען, האט ער גע־קושט איהר האנד.

„זעהסטו," האט זיא געענטפערט אויך געריהרט אָבער פאַסענדיג מוטה, „דוא אליין וואָלסט גאר ניט געוואוסט וואס דוא זאָלסט פריהער אנפאנגען. איך האב מיך אויסגעלערענט וויא ארום צו געהן בייא קראנקע, ווען איך אליין בין געוועזען קראנק. דאן זאָלסטו אויך וויסען, אז דיין נארישע קיטטי — וויא דוא רעבענסט מיך — קען דיר אימער ניטצליך זיין, אונד דוא זאָלסט מיך נעהמען איבעראל."

עס איז אונמעגליך געוועזען צו ריהרען דעם קראנקען פון זיין פּלאַטץ, אונד קיטטי, ניט נאָר וואס זיא האט ניט אויפגעהערט צו ארבייטען ארום קראנקען, זאָנדערן זיא איז אויך זעהר וועניג געשלאָפען. צייטענווייז האט זיך געדאכט, אז זיין צושטאנד פערבעסערט זיך, אָבער דער דאָקטאָר, בייא יעדען בעזוך, האט אלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אונצופריעדען.

ענדליך אויף'ן 5טען טאָג, האט דער דאָקטאָר געזאגט:

„עס טהוט מיר לייד, מיר האבען אַלעס מעגליכע געטהאָן; עס גיבט מעהר קיין האָפנונג."

נענען אבענד, האט שוין ניקאָלאי ניט געקענט בעוועגען זאגאר מיט זיינע הענד פון שוואכקייט. זיין געזיכט איז געוואָרען איינגעשרומפּפּענער, אונד ווען קיטטי האט

www.libtool.com.cn


זיך צו איהם צוגעבויגען און עפּעס געפּרעגט, האָבען בלויז זיינע אויגען געקוקט אין איין ריכטונג אָהן א שום אויסדרוק.

לעווין איז אויך צוגעגאַנגען, עפּעס געפּרעגט, נאָר דער קראַנקער האָט בלויז אַרויס געלאָזען א זיפץ. ער האָט געעפענט די אויגען, זיי א ווייטער פערמאַכט, דאַן האָט ער צוזאַמען געדריקט זיינע ליפּען.

דער גייסטליכער איז גראָדע דאַמאָלס ערשיענען, און בעטראַכטענדיג דעם קראַנקען, האָט ער געזאָגט: „אַלעס איז פאַריבער."

אָבער ניקאָלאַי'ס ליפּען האָבען ערשט נאָך אַמאָל אויפגעציטערט, זיין ברוסט האָט זיך העפטיג געהויבען, און אין דער טויטער שטילקייט אין צימער, האָבען זיך געהערט זיינע ווערטער: „נאָך ניט... באַלד."

אין נעכסטען אויגענבליק האָט זיין געזיכט זיך אויסגעגלייטערט, א שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף זיינע ליפּען, און — דאַן איז שוין ווירקליך אַלעס געווען פאַריבער.

— — — — — — — — — —

לעווין'ס שמערץ איז געווען אונגעהייער גרויס; ער איז געווען פערצווייפעלט, ווייל ער האָט זיין אָרמען און פערלוירענעם ברודער, געליעבט טראָטץ זיינע פעהלער. קיטטי איז געשטאַנען נעבען איהם און איהם געטרייסט. דיעזער טויט האָט איהם אָנגעפיללט מיט שרעק און שוידערן, אָבער אויך אין דערזעלבער צייט, האָט זיך אין איהם ערוועקט א געפיהל צו בעגרייפען די נויטהווענדיגקייט פון לעבען און ליעבען.

אָבער קוים איז נאָך די סצענע פון טויט פון זיין ברודער פערשוואונדען פון זיינע אויגען, קוים האָט ער נאָך ניט פערגעסען אין דעם געהיימניס פון שטאַרבען, ווען א צווייטעס געהיימניס איז איהם בעקאַנט געוואָרען, דאָס געהיימניס פון לעבען. דער דאָקטאָר האָט אָנגעצייגט, אַז קיטטי שוואַנגערט.

## קאַפּיטעל 5.

ווען קאַרענינא האָט זיך געזעהען געדרונגען פון אַלע זייטען, פון זיין שוואָגער, פון פרינצעססין בעטסי און פון די אומשטענדען אום צו בעפרייען זיין פרוי, האָט ער צו אַלעמען איינגעשטימט. ער האָט אָבער ערשט אויף'ן אַנדערן טאָג, נאָכדעם ווי אַננא איז אוועק געפאָהרען, בעגריפען דעם וואָהרען צושטאַנד. די ענגלישע גאָווערנאַנטין האָט איהם געפּרעגט, וואו ער וויל אין דער צוקונפט עסען מיטאָג, אונטען אין שפּייזע־צימער, אָדער אויבען אין קליינעם זאַלאָן.

www.libtool.com.cn

קארענינא האט פערלוירען זיין מוטער, ווען ער איז אלט געוואָרען בלויז 10 יאהר, זיין פאטער האט ער קיינמאל ניט געקענט. ער איז בלויז צוריק געבליעבען מיט זיין ברודער, צווייא יתומים, מיט א היבשער ירושה, אונד זייער אָנקעל, איין איינפלוסרייכער מענש, האט איבערגענומען זייער ערציהונג. נאכדעם וויא קארענינא האט געענדיגט דיא אוניווערזיטעט, האט איהם זיין אָנקעל אריין געבראכט אין א הויכעם רעגיערונגס־אמט. ער האט געוואקסען פון שטופע צו שטופע, ביז ער איז געוואָרען א פראָווינץ־גובערנאטאָר, אונד דאמאלס, בייא דיעזער גע־ענהייט, האט ער בעקאנטשאפט געשלאָסען מיט אננא'ס א טאנטע, זעהר א רייכע פרוי, וועלכע האט אויסגעזעהען פון אנפאנג אן נאָר צו דענקען וויא אזוי זיא זאָל אננא'ן פער־הייראטהען מיט דעם גובערנאטאָר.

אלעקסים קארענינא, ווען ער האט צום ערשטען מאל ערבליקט אננא'ן, איז ער געווען איבערראשט פון איהר שעהנהייט, אָבער גראדע דיעזע שעהנהייט אליין האט איהם צוריק געהאלטען פון דעם ענטשלוס ער זאָל וועלען מיט איהר הייראטהען. אָבער אננא'ס טאנטע האט איהם ניט געלאָזען ער זאָל פיעל איבערלעגען, אונד זיא האט עס אזוי געפיהרט, אז מען האט באלד אָנגעפאנגען צו רעדען איבעראל, אז אלעקסים קארענינא, דער גובערנאטאָר, געהט הייראטהען מיט דער שעהנער אננא.

ער האט זיך דאן געזעהען געצוואונגען צו מאכען דעם שריט. ווען ער האט אננא'ן געפרעגט אויב זיא שטימט איין צו ווערען זיין פרוי אונד זיא האט געענט־פערט „יא," איז ער געוואָרען א גאנץ אנדערער מענש. ער האט פאר זיך געזעהען איין ציעל: צו ארבייטען אין זיין אמט, ווערען בעריהמט אונד מאכען אננא'ן גליקליך.

יא, ער איז געווען א שטרענגער מאן. אָבער, אין דערזעלבער צייט, א מענש פון פליכטען. ווען ער האט מיט אננא'ן געהייראטהעט, האט ער געוואוסט, אז ער האט בלויז זיין אמט צו פערוואלטען אונד צו זיין אין זיין הויז, נעבען זיין פרוי. קיין פריינדע אונד בעקאנטע, האט ער זיך ניט פיעל געמאכט. אויסער דיעזע וואס זיינען געווען נויטהווענדיג פאר זיין פראָפעסיאָן.

ווען דאס אונגליק איז איבער איהם געקומען, האט ער זיך ארום געזעהען, אז ער האט אפילו קיין מענשען פאר וועמען ער זאָל זיך קענען אויסרעדען זיין הארץ. בלויז גרעפין לידיא איז געווען דיא איינציגע, מיט וועלכע ער וואָלט געקענט רעדען, אָבער ער האט ניט געהאט דעם מוטה דערצו. קארענינא האט איבערהויפט מורא געקריעגען פאר פרויען.

www.libtool.com.cn

## קאפיטעל 6.

גרעפין לידיא האט אָבער אונטערדרעסען געוואוסט פון אלעס וואס עס געהט פאָר, אונד זיא האט בעשלאָסען צו בעזוכען קארענינא׳ן, מיט וועלכען זיא האט סימפּאטהיזירט.

ווען זיא איז צו איהם צום ערשטען מאָל געקומען, האט זיא איהם געטראָפען זיטצענדיג אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

„אלעקסיס אלעקסאנדראָוויטש, מיין פריינד!“ האט זיא אויסגעשריען, „איך וויים אלעס!“ דאן האט זיא געדריקט זיין האנד אונד איהרע שעהנע אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען זעהענדיג וויא ער ליידעט.

ער האט זיך אויפגעהויבען אביסעל פערווירט אונד איהר געשטעלט א שטוהל.

„זיטצט, גרעפין,“ האט ער געזאגט מיט ציטערענדע ליפען. „איך לייד צו פיעל שמערץ אום איך זאָל קענען עמפּפאנגען בעזוכער. וואס איך זעה דאָ, גאָווערנאנטקעס, דיענער, אונד אלעס דאָ, זאָגאר מיין זוהן — אלעס רופט בייא מיר ארויס שמערץ אונד ליידען.“

גרעפין לידיא איז געווען א זעלטענע גוטע אונד זעהר פרומע פרוי. זיא האט אבסאָלוט קיין אנדערע אבזיכט געהאט מיט איהר בעזוך צו קארענינא׳ן, אויסער איהם צו טרייסטען אונד העלפען ערטראגען זיין שמערץ.

„איך פערשטעה אלסדינג,“ האט זיא געענטפערט זיך אויסווישענדיג דיא אויגען. „איך בעהויפּטע ניט, אז איך קען אייך ברענגען ריכטיגע האָפנונג אונד טרייסט, אָבער איך בין געקומען אייך העלפען צו וואס איהר וועט מיך בענעטהיגען. אין דיעזען הויז פעהלט א פרוי, וואס זאָל אכטונג געבען, אראנזשירען, העלפען אונד זאָרגען פאר אייער קינד — ווען איהר ווילט, וועל איך אייך אין דיעזער בעציהונג העלפען.“

קארענינא איז געווען געריהרט פון דיעזער גוטהערציגקייט, אונד ער האט איהר געדריקט דיא האנד.

„מיר וועלען זיך ביידע בעשעפטיגען מיט סערגעי׳ן,“ האט זיא ווייטער געזאגט. „איך האב אביסעל ערפאהרונג מיט קינדער, אונד איך מיין, אז איך וועל קענען ניטצליך זיין. דאנקט מיר ניט, ניין, איך טהו עס ניט פאר אייך, זאָנדערן פאר גאָט — “

www.libtool.com.cn

אָבוואָהל אין איין אנדערע צייט, וואָלט פּיעללייכט קארענינא געהאט א פּערדאכט איבער דיא אבזיכטען פון גרעפין לידיא, אָבער יעטצט, איבערהויפט זיך ערינערענדיג וויא פרום זיא איז, אונד וויא אונגליקליך ער איז, האט ער געגלויבט, אז זיא מיינט אלעס ערנסט.

„איך בין אייך מעהר וויא דאנקבאר, גרעפין,“ האט ער געזאגט, „פאר אייער גרויסע מיה וואס איהר ווילט אויף זיך נעהמען.“

„איך נעה שוין אנפאנגען מיין ארבייט; ערשטענס וועל איך זעהען סערגעי'ן, אונד ווען עס וועט עפּעס זיין איין ערנסטע פראגע צום בעענטפּער, וועל איך אייך פרעגען.“ זיא האט איהם דאן נאך אמאל געגעבען דיא האנד אונד איז ארויס פון צימער.

גרעפין לידיא האט זיך פערהייראטעט, ווען זיא איז געוועזען נאך זעהר א יונגעס מעדכען; איהר מאן איז געוועזען א יונגער מענש מיט א גרויסעם פערמעגען, א גוטע פאמיליע, אָבער פערדאָרבען אונד אויסגעלאסען אויף דער העכסטער שטופע. מיט צוויא מאָנאט נאך דער האָכצייט, איז ער פון איהר אוועק, אונד ווען זיא האט איהם געפרעגט וואס פאר א פעהלער ער האט אין איהר געפונען, פלעגט ער ענטפערן בלויז מיט א שפּאָטישען אונד טייפלישען שמייכעל, וואס זיא האט ניט פערשטאנען. זייט דאמאלס, אָבוואָהל זייא זיינען געבליעבען וואָהנען אונטער איין דאך, זיינען זייא מעהר ניט געוועזען קיין מאן אונד פרוי. ער האט בעטריעבען זיינע אויסגעלאסענהייטען, וועהרענד זיא האט זיך געהאלטען פאר דער וועלט אלס זיין ליעבענדע פרוי, אונד פערבראכט איהר יוגענד אין שמערץ, ליידען אונד געבעט.

אין דער לעטצטער צייט וויעדער, האט זיא אויסגעמטקט דעם גראף'ס נאמען פון איהר אדרעסע, אונד זיא האט געהאט איינינע יונגע מענער וואס האבען געוואָלט ווערען איהרע געליעבטע, אָבער זיא האט אלעמען צוריק געוויעזען. בלויז צו קארענינא'ן האט זיא געשפּירט א נייגונג, ווייל ער איז געוועזען אזוי פרום, ערנסט אונד האט אויך געליטען פון איין עהנליכעם שיקזאל וויא זיא.

זייענדיג יעטצט אין קארענינא'ס הויז, האט זיא פערטרעטען דיא שטעלע פון א בעל־הבית'טע, אָבער מיט קארענינא'ן אליין, האט זיא זיך זעהר זעלטען בעגעגענט, אונד ווען זיא האט איהם געזעהען, האט זיא אימער פאר איהם געהאט א פּאאר טרייסטענדע ווערטער, זאגענדיג: „א מענש דארף ניט פערצווייפלען; מען דארף זיך אימער דערמאָהנען, אז עס געבען נאך אונגליקליכערע.“ קארענינא פלעגט שאָקלען מיט'ן קאָפּ, וויא איינער רעדט: „קען דען יענעם'ס אונגליק מיך טרייסטען?“

www.libtool.com.cn

אין א טאג, וועהרענד זיא איז געזעסען אונד אראנזשירט מאנכע פאפירען, איז אריינגעקומען א דיענסט אונד איהר איבערגעבען א בריעף. זיא האט איהם גענומען אונד געלעזען:

„מאדאם גרעפין: — דיא ריינע געפיהלע פון מיטלייד, וויא איך ווייס, אז זייא פיללען אויס אייער הערץ, געבען מיר דעם מוטה אייך צו שרייבען. איך בין גענוג אונגליקליך צו זיין אבגעטהיילט פון מיין זוהן, אונד דערפאר בעט איך אייך אום ערלויבניס איהם צו זעהען איידער איך פאהר אוועק. דיא אורזאכע, ווארום איך ווענדע מיך ניט צו אלעקסיס אלעקסאנדראוויטש, איז נאר דערפאר, ווייל איך וויל דיעזען עדלען מענשען ערשפארען דעם שמערץ ער זאל האבען צו טהון מיט מיינע אנגעלעגענהייטען. וויסענדיג פון אייער פריינדשאפט צו איהם, האב איך גערעכענט, אז איהר וועט מיך בעסער פערשטעהען. ווילט איהר שיקען סערגעי'ן ער זאל מיך זעהען? אדער, ווען איהר ווילט, בעשטימט א שטונדע אונד א פלאטץ, אונד איך וועל איהם קומען זעהען. ווען איך דערמאהן מיך אן אייער עדלען כאראקטער, שפיר איך, אז איהר וועט ניט ענטזאגען צו ערפילען דעם וואונש פון א מוטער־הערץ. איהר קענט זיך נאר ניט פארשטעלען וויא איך וויל איהם צודריקען צו מיין ברוסט. — אננא."

אבער אנשטאט צו מאכען א גוטען איינדרוק, האט עס נאך מעהר אויפגערעגט דיא גרעפין, איבערהויפט, ווען אננא האט געשריעבען איבער קארענינא'ן אלס עדלער מענש.

„זאגט, אז עס גיבט קיין ענטפער," האט זיא געזאגט דער דיענסט. דאן האט זיא אנגעשריעבען א בריעף צו קארענינא'ן, איהם בעטענדיג ער זאל זאפארט אהיים קומען, ווייל זיא האט זיך מיט איהם צו בעראטהען איבער א וויכטיגען גע־גענשטאנד.

ווען קארענינא איז אריין אין צימער, איז לידיא געזעסען אונגעדולדיג אונד איהם ערווארטעט. זיא האט זיך אויפגעהויבען אונד איהם ענטקעגען גע־גאנגען.

„איך האב ערהאלטען א בריעף פון א י ה ר," האט זיא געזאגט. „ז י א געפינט זיך אין סט. פעטערסבורג," אונד וועהרענד איהר געזיכט איז רויט געוואַרען, האט זיא איהם איבערגעבען דעם בריעף. קארענינא האט איהם דורכגעלעזען אונד איז געליעבען שטיל אויף אייניגע אויגענבליקען. דאן האט ער געזאגט: „איך דענק ניט, אז איך האב דאס רעכט איהר צו ענטזאגען."

„מיין פריינד! איהר קענט ניט זעהען קיין שלעכטעס אין קיין זאך ו־

www.libtool.com.cn


„אין נעגענטהייל, איך נעפין שלעכטס אין אלעמען, נאר דיא פראגע איז, אויב דאס וואלט נעווען נערעכט.“

„צו אלעמען מוז זיין א גרענעץ,“ האט זיא נעענטפערט. „אזא מוטער האט קיין רעכט צו זעהען א קינד וואס איז אונטער אייער שוטץ.“

„מיין גאט!“ האט ער אויסנערופען, „איך האב איהר איינמאל אלעס מוחל נעווען, וויא קען איך יעטצט ענטזאגען דעם וואונש פון א מוטער־הערץ?“

„דאס איז שוין ריכטיג נענוג, אבער, האבען מיר דאס רעכט צו בעאונרוהיגען דיא געדאנקען פון איין אונשולדיגעם קינד? ער גלויבט, אז זיא איז טויט; ער בעט נאט פאר איהר אויפשטעהענדיג אונד לענענדיג; וואס וועט ער יעטצט דענקען?“

„דאס האב איך גאר ניט בערעכענט,“ האט קארענינא בעמערקט איינזעהענדיג, אז זיא האט רעכט.

„ווען איהר זאלט וועלען הערען מיין עצה,“ האט זיא ווייטער נעזאגט, „וואלט איך נעזאגט, אז אום אייך צו ערשפארען נאך גרעסערן שמערץ, זאלט איהר אבזאקען יעדען פערקעהר מיט איהר. ווען איהר ווילט, וועל איך איהר ענטפערן.“

קארענינא האט איינגעשטימט אונד לידיא האט אבגעשריעבען פאלגענדען בריעף:

„מאדאם: — אזא צוזאמענקונפט קען ניט שטאטפינדען, אהנע דאס זאל פערראורזאכען אייער זוהן זאל פרעגען אזעלכע פראגען, וועלכע זיינען בעסער מען זאל זייא איהם ניט בעענטפערן. געשטימטצט דארויף האט אייער מאן, מיט זיין בעסטען ווילען, אייך ענטזאגט אייער וואונש. איך בעט גאט, ער זאל צו אייך זיין בארמהערציג. — גרעפין לידיא“.

## קאפיטעל 7.

ווראנסקי אונד אננא זיינען איינגעשטאנען אין איינעם פון דיא גרעסטע האטעלען אין סט. פעטערסבורג. נאך דעם ערשטען טאג פון זייער אנקונפט, איז ווראנסקי אוועק בעזוכען זיין ברודער, וואו ער האט אויך נעטראפען זיין מוטער אונד דיא שוועגערין מאריא. זייא האבען איהם מיטגעטהיילט, אז איבעראל, אין אלע קרייזען, רעדט מען איבער איהם אונד אננא'ן, אונד דערצו ניט זעהר אנשטענדיג. ווראנסקי, עטוואס אויפגערעגט, האט נעענטפערט, אז ער וויל דאס זיינע פריינדע אתד בעקאנטע וואס ווינשען זיך צו בעגעגנען מיט איהם, זאלען בעטראכטען איהם מיט אננא'ן, גלייך וויא פאלקאמען פערהייראטעטע מאן אונד פרוי.

www.libtool.com.cn

„דיא וועלט קען דערצו ניט איינשטימען,“ האט ער ווייטער ערקלערט, „אבער דאס קימערט מיך ניט פיעל. אבער, ווען מיין פאמיליע אכטעט מיך, דאן זאלע וויא אנערקענען אננא׳ן אלס מיין פרוי.“

זייא האבען גאר ניט געענטפערט, אונד ווראנסקי, בעמערקענדיג זעהר אונ־צופריעדענהייט, האט ער גענומען א שנעלען אבשיעד. אבענד האט ער בעזוכט מיט אננא׳ן דאס טהעאטער. מען האט זיא באלד דארט דערקענט מיט ווראנסקי׳ן, אונד זייער אנוועזענהייט האט ניט נאר ארויסגערופען שטילע בעמערקונגען, זאנדערן מאנכע האבען זיך ערלויבט צו זאגען הויך גענוג אזעלכע ווערטער, וועלכע אננא זאל זייא הערען אונד שווידערן. זיא האט געמוזט פערלאזען דאס טהעאטער צום צווייטען אקט, אונד צוריק קעהרענדיג אין האטעל, איז זיא אריין געפאלען מיט׳ן געזיכט אין א קישען אונד יאמערליך געוויינט.

אננא׳ס איינציגער ציעל אין בעזוכען סט. פעטערסבורג איז געווען, אום צו זעהען איהר קינד. ווראנסקי האט פערשטאנען, אז איהר אנוועזענהייט אין טהע־אטער, איז ניט פאסענד, נאר אננא האט ניט בעגריפען, אז זיא האט בעגאנגען אזא פערברעכען, פאר וועלכען מען דארף זיך שעהמען ארויס צו ווייזען דאס געזיכט. נאכהער, ווען זיא האט איינגעזעהען ווראנסקי׳ס גערעכטען אורטהייל, האט זיא זיך בלויז אליין געערגערט אונד איהם קיינע פארווירפע געמאכט.

אויף׳ן אנדערן טאג האט זיא אבגעשיקט דעם בריעף צו דער גרעפין, אונד, ווען זיא האט ערהאלטען דעם ענטפער, איז איהר שמערץ געווען אונערטרעגליך. זיא איז געווען זעהר אונרוהיג דעם גאנצען טאג אונד ניט געשלאפען דיא גאנצע נאכט.

„וויא אונבארמהערציג!“ האט זיא געמורמעלט וויינענדיג.

גאנץ פריה איז זיא אויפגעשטאנען, געהייסען איינשפאנען א דראשקע, אונד זיך אנציהענדיג א דיקען שלייער, האט זיא געהייסען פאהרען צו קארענינא׳ס פאלאסט. אויפ׳ן וועג האט זיא געקויפט א שאכטעל באן־באנס פאר סערגעי׳ן.

צוקומענדיג צו דער טהיר, איז ערשיענען א לאקיי, וועלכען׳ס געזיכט זיא האט ניט געקענט.

„וועמען ווינשט איהר צו זעהען?“ האט ער געפרעגט.

„איך קום פון — פון פרינץ סקארדומאוו, צו איטש.“

„ער שלאפט נאך,“ האט ער געענטפער

www.libtool.com.cn 

5־רובעל שטיק, אונד איז אריין אין הויז. ער איז איהר נאכגעגאנגען, אָבער זיא האט געזאגט: „לאָזט מיך געהען צו איהם, איך ווייס אליין דעם וועג.“

זיא איז צוגעגאנגען צום שלאָף־צימער, געעפענט דיא טהיר אונד בעמערקט סערגעי'ן ליעגענדיג אויף א בעטעל.

„סערגעי! מיין קינד!“ האט זיא אויסגעשריען מיט א שטימע פערשטיקט פון טרערען, ווערהענד זיא האט אומארמט זיין האלב־נאקעטען קערפער.

„מאמא! מאמא!“ האט ער געענטפערט זיך צוטולענדיג מעהר צו איהר, ווערהענד זיינע אויגען זיינען נאך געווען פערשלאָפען.

„איך האב געוואוסט, אז דוא וועסט קומען,“ האט ער געזאגט זיך רייבענדיג דיא אויגען. „היינט איז מיין געבורטסטאג.ווארט, איך שטעה שוין אויף.“

אננא האט שטיל געוויינט אונד איהם ניט געקענט אָבלאָזען פון נעבען איהר הערץ.

„וואס וויינסטו, מאמא?“ האט ער געפרעגט שוין זייענדיג גוט ערוואכט; „וואס וויינסטו?“ אונד ער האט אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

„ניין, ניין, קינד, איך וועל שוין ניט וויינען. איך וויין פאר פרייד, מיין ליעבעס קינד! שוין, שוין, זעהסט,“ אונד זיא האט זיך געווישט דיא אויגען. „יעצט שטעה אויף אונד ציה זיך אָן.“ זיא האט איהם דאן אָבגעלאָזען אונד געפרעגט: „וויא קענסטו דיך אליין אָנציהען? וויא...“

„וואסילי לוקיטש העלפט מיר, אָבער דוא האסט איהם נאך ניט געזעהן? באלד וועט ער אריין קומען. אָבער, מאמא, זעה, דוא זיטצט דאָך גאר אויף מיינע קליידער,“ אונד ער האט זיך צולאכט. אננא האט זיך אויפגעהויבען אונד אויך גע־שמייכעלט.

„מאמא, טהייערע מאמא!“ האט ער ווידער אויסגעשריען זיך ווארפענדיג אויף איהר האלז וויא ער האט געזעהען, אז זיא שמייכעלט.

„וואס האסטו געדענקט איבער מיר?“ האט זיא געפרעגט. „האסטו געמיינט, אז איך בין טויט?“

„ניין, איך האב עס קיינמאל ניט געגלויבט.“

„דוא האסט עס ניט געגלויבט?“

„ניין, איך האב געוואוסט, אז דאס איז ניט אמת.“ דאן האט ער אָנגענומען זיין מוטער'ס האנד אונד דיא געקושט.

„קוטיא, טהייערער,“ האט זיא געזאגט איהם אָנרופענדיג ביים זיין

www.libtool.com.cn


פערצערטעלטען נאמען. „דוא ווערסט מיך ניט פערגעסען; דוא ווערסט ניט — “ אָבער זיא האט ווייטער ניט געקענט רעדען.

סערגעי האט בעגריפען, אז עס האט עפּעס פּאסירט צווישען זיין פאטער אונד מוטער, ווארום זייא דארפען זיך ניט בעגעגענען. דיא ריכטיגע אורזאכע האט ער ניט געוואוסט אונד ניט געקענט וויסען. אלס זיא האט זיך אויפגעהויבען, האט ער זיא נאך אמאל אומארמט אונד געזאגט:

„געה ניט מאמא, נאך ניט. ער וועט ערשט שפּעט אהיים קומען.“

„סערגעי, מיין קינד,“ האט זיא געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע. „דוא מוזט איהם ליעב האבען. ער איז בעסער אלס איך; איך בין שולדיג, ניט ער. ווען דוא ווערסט עלטער ווערען, וועסטו מעהר פערשטעהען.“

„קיינער איז ניט בעסער וויא דוא!“ האט ער אויסגעשריען זיא ווידער קושענדיג אונד אומארמענדיג מיט זיינע קליינע אונד ציטערענדע הענטלעך.

„מיין קינד, מיין קינד,“ האט זיא געמורמעלט וויינענדיג.

גראדע דאמאלס האט זיך געעפענט דיא טהיר אונד דער ערציהער, וואסילי לוקיטש, איז אריין געקומען. סערגעי איז צוריק געפאלען אין זיין בעט וויינענדיג העפטיג. אננא האט זיך צוגעבויגען, אונד קושענדיג זיין געזיכט עטליכע מאל, האט זיא שנעל פערלאָזען דאס צימער.

אין קאָרידאָר האט זיא זיך בעגעגענט מיט איהר מאן. ער איז געבליעבען שטעהען מיט ארונטער געלאָזענע אויגען. אננא האט שנעל ארונטער געצויגען איהר שלייער אונד איז ארויס געלאָפען אויף דער גאס. ווען זיא איז אָבגעפאָהרען א היבשע שטרעקע, האט זיא דערזעהען דאס שאכטעל באָן־באָנס וואס זיא האט פערגעסען מיטצונעהמען פאָר איהר זוהן.

## קאפּיטעל 8.

אננא האט זעהר געוואָלט זעהען איהר זוהן. אָבער זיא האט זיך ניט פאָרגע־שטעלט, אז דיא בעגעגנונג מיט איהם, וועט אזוי פיעל ווירקען אויף איהר. זיך זעהענדיג נאך אמאל אין איהר צימער פון האָטעל, איז איהר אלעס ערשיענען אזוי פינסטער אונד איינזאם, דאס זיא האט ווידער אויסגעבראָכען אין א געוויין, אונד געמורמעלט: „אליין! מיין גאָט! אלעס איז פאָראיבער, איך בין אליין!“

דיא איטאליענישע אמע האט אריין געטראגען דאס קינד, וועלכעס, ער־בליקענדיג איהר מוטער, האט זיא געשמייכעלט אונד אָנגעפאנגען צו קלאפּען מיט

www.libtool.com.cn

איהרע קליינע אונד דיקע הענטלעך פון פערגניגענען. דיעזע סצענע האט זיא בלויז ערמאינערט אן איהר אונגעהייערע ליעבע צו סערגעי׳ן. זיא האט געקושט דאס קינד אונד וויעדער צוריק געגעבען צו דער אַמע פיר א שפּאַציער.

„מיין גאָט !“ האט זיא אויסגעשריען, „דיא אַלטע אונד איינגעוואָהנטע ליעבע צו מיין זוהן, איז ניט צום אויסוואָרצלען !“ דאַן האט זיא גענעפענט איין אַלבום מיט בילדער. איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף ווראנסקי׳ס א פאָטאָגראַפיע וואס ער האט געלאָזען אַרונטער נעהמען אין רוים. וועהרענד דעם גאַנצען פריה־מאָרגען, האט זיא אַן איהם גאר ניט געדענקט, אָבער ערבליקענדיג זיין בילד, איז איהר הארץ אָנגעפיללט געוואָרען מיט ליעבע.

„וואו איז ער ?“ האט זיא זיך געפרעגט. „ווארום לאָזט ער מיך אליין מיט מיין שמערץ ?“ זיא האט דאַן אריין געשיקט א דיענער אין זיין צימער איהם אָנזאגען ער זאָל זיא ערוואַרטען. דער דיענער האט צוריק געקעהרט מיט דער נאַכריכט, אַז ווראנסקי האט פריינדע צו בעזוך, אונד ער פרעגט, אויב זיא וועט איהם עמפּפאַנגען מיט פּרינץ יאַשווין, וועלכער איז נאָר וואס אָנגעקומען נאַך סט פּעטערסבורג.

„וואס קימערט איהם ?“ האט זיא זיך געפרעגט. „וואס פאר א בעגריף קען ער האבען פון דעם שמערץ וואס איך טראָג אין מיין ברוסט ? אונד, מיין גאָט, ווער וויים אויב ער ליעבט מיך נאַך ?“

דער לעטצטער געדאַנק האט זיא שוין איינינע מאל שרעקליך געמאַרטערט. אַלס זיא איז אריין אין זיטץ־צימער, האט זיא צום ערשטען מאל ערבליקט פּרינץ יאַשווין, וועלכער איז געזעסען אונד בעטראַכט סערגעי׳ס א בילד. ערבליקענדיג אַננא׳ן, האט זיך ווראנסקי מיט דעם פּרינץ אויפגעהויבען, איהר ענטקעגען געגאַנגען, גערייכט דיא הענד, אונד דאַן האט אָנגעפאַנגען איין אַלגעמיינעם געשפּרעך. יאַשווין האט בעמערקט, מיט 10 מינוטען שפּעטער, וויא ווראנסקי האט שוין איינינע מאָל געקוקט אונגעדולדיג אויף זיין זייגער. דער פּרינץ האט זיך אויפגעהויבען. זיא האט איהם געפרעגט אויב ער פערבלייבט לאַנג אין סט. פּעטערסבורג.

„איך וויים ניט, מיינע געשעפטען זיינען נאַך ניט געשלאָסען,“ האט ער געענטפערט.

„אונד וואו שפּייזט איהר היינט אבענד ?“ האט איהם ווראנסקי געפרעגט.

„קומט שפּייזען מיט מיר,“ האט אַננא געזאגט שנעל זיך אביסעל פערשעהמענדיג. „לאָמיר עסען אַלע דרייא צוזאמען.“

www.libtool.com.cn


„מיט פערגניגענ," האט יאשווין געענטפערט, „צו ווידערזעהען אלזא ו" ער איז דאן ארויס פון צימער.

„געהסט אויך ?" האט אננא געפרעגט ווראָנסקי'ן.

„יא, עס איז שוין שפעט," האט ער געענטפערט, אונד דאן צום פרינץ:

„געה, געה, איך קום נאך."

זיא האט גענומען זיין האנד, געבליקט אין זיין געזיכט אונד פראָבירט איהם צו דערצעהלען פון איהרע ליידען. אָבער זיא האט ניט געקענט. דאן האט זיא געזאגט:

„איך וויל דיך עפּעס פרעגען: איז דאס געווען איין עולה פון מיר איהם איינצולאדען ?"

„געווים ניט, ווארום זאָלסטו איהם ניט לאדען ?" האט ווראָנסקי געענטפערט מיט א רוהיגען שמייכעל.

„אלעקסים, זאג מיר, ליעבסטו מיך נאך אימער ?" האט זיא געפרעגט האלטענדיג זיין האנד. „איך קען דאָ מעהר ניט פערבלייבען. ווען פאָהרען מיר אוועק ?"

„אָה, באלד, באלד," האט ער געענטפערט זיך עראינערענדיג אן דער אנ־אנגענעהמע סצענע אין טהעאטער.

„ווען דוא דארפסט אלזאָ געהען, דאן געה," האט זיא געזאגט זעהר אונ־צופריעדען.

www.libtool.com.cn



# פינפטער טהייל.

## קאפיטעל 1.

לעווין אונד זיין פרוי האבען איינגעלאדען דאָלליןן מיט פרינצעסין שערבאטצקי, צו צובררענגען דיא זומער־מאָנאטען אויף זייער גוט. סטעפאַן איז געוועזן פאָלקאָמען צופריעדען דערמיט, דען זיין איינענעס לאַנד־הויז, איז ניט געוועזן אין אָרדנונג, אונד דאַן, האט ער ניט זעהר גערן געהאט אימער צו פערבלייבען איין זיין פרוי׳ס געזעל־שאפט; אזוי ווייטער, האט ער געוואוסט, אז ער וועט קענען זיין אין מאָסקווא אונגעשטערט.

דאָללי האט שפעטער ערפאהרען, אז וורא֞נסקי מיט אננא׳ן פערברענגען זייער צייט אין א לאַנד־הויז, אונגעפעהר 70 ווערסט פון לעווינען. זיא האט זאָפאָרט בעשלאָסען צו בעזוכען אננא׳ן, זיך דערמאָהנענדיג ערשטענס, אז נאך אלעמען, איז זיא איהר מאן׳ס שוועסטער, אונד דאַן, דאס זיא ליעבט איהר זעהר. זיא האט אנפאנגס גערעכענט, אז לעווין וועט דערמיט ניט צופריעדען זיין. נאָר הערענדיג איהר וואונש, האט ער קיינע בעמערקונגען געמאכט, געהייסען איינשפאנען, זיינע איין אלט־מאָדישע דראָשקע אונד דאָללי איז אוועק צו אננא׳ן.

אננא אונד וורא֞נסקי האבען איהר בעגעגענט אין פראָגט פון זייער וואָהנונג.

„דאָללי!“ האט אננא אויסגעשריען זיא אומארמענדיג. „מיין גאָט, וויא דאס פרייט מיך דיך צו זעהען! זאג, אלעקסיס, איז דאָ ניט זעהר א שעהנער פלאטץ?“

ער האט ארונטער גענומען זיין הוט אונד בעגריסט דאָללי׳ן זאגענדיג: „אייער בעזוך, מאכט אונז זעהר גליקליך.“ דאן צו אננא׳ן: „וואס פאר א צימער זאָלען מיר אָבגעבען דער פרינצעסין?“

www.libtool.com.cn


„דאס ענדער־צימער נעבען באַלקאָן, עס איז נאהענט צו מיינעם,“ האט אננא געענטפערט. „איך האָף, דאַללי, אז דוא ווערסט דאָ מעהר פערבלייבען. וואס? בלויז איין טאָג? אונמעגליך!“

„איך האב פערשפּראָכען מאָרגען צוריק צו קעהרען, צוליעב דיא קינדער,“ האט דאַללי געזאגט.

מיט דער פרייד פון א יונגעם מעדכען, האט אננא אריין געפיהרט דאַללי'ן אין הויז אונד זייא האבען זיך געזעטצט אין איהר עלעגאַנטעם צימער.

„דוא קוקסט צו מיר,“ האט אננא געזאגט מיט א זיפץ, „אונד וואונדערסט זיך וויא איך קען זיין גליקליך? איך בין מודה, אז איך האנדעל ניט ריכטיג. אָבער איך בין וויא בעצויבערט; מיין פערגאַנגענעם אונגליק זעהט מיר אויס וויא א חלום — איבערהויפּט זייט מיר זיינען דאָ.“

„עס פרייט מיך דאס צו הערען,“ האט דאַללי געענטפערט. „אָבער ווארום האסטו מיר ניט אמאל געשריעבען א בריעף?“

„איך האב ניט געהאט דעם מוטה.“

„מוטה? מיר צו שרייבען? ווען דוא וואָלסט געוואוסט — “

„זאג מיר,“ האט זיא אננא אונטערבראָכען, „וואס דענקסטו ווירקליך פון מיר?“

„גאר ניט,“ האט דאַללי געענטפערט. „איך ליעב דיך וויא איך האב דיך אימער געליעבט. ווען יעמאנד ליעבט א פערזאָן, דאן ליעבט מען דיא פערזאָן וויא זיא איז, אונד ניט וויא איין אנדערער וואָלט געוואָלט זיא זאָל זיין.“

„איך האב קיינמאל קיין מורא ניט געהאט, אז דוא ווערסט מיך ניט פערשטעהען. איך האב דיך געוואָלט איינלאַדען דוא זאָלסט קומען צו אונז; סטיוואַ איז ווראָנסקי'ס א נוטער אלטער בעקאנטער,“ האט אננא געזאגט רויט ווערענדיג.

דאַללי איז געווען פערווירט אונד במעט ניט געוואוסט וואס זיא זאָל ענטפערן.

„אונד וויא געהט עס דיין קליינער טאָכטער?“ האט דאַללי ענדליך געפרעגט.

„ענניען? אָה, זיא איז געזונד. ווילסטו זיא זעהען? קום וועלען מיר זיא זעהען.“

„אָבער וואס האסטו געטהאָן ווענען..“ דאַללי האט געוואָלט פרעגען וואס

www.libtool.com.cn

פאר א פאמיליען־נאמען דאס קינד טראָגט, אָבער זיא האט זיך אונטערבראָכען
אונד געזאגט: „איך מיין, האסטו זיא ניט אליין גענעהרט?"

„ניט דאס האסטו געוואָלט זאגען," האט אננא בעמערקט לעזענדיג דאָללי'ס
געדאנקען. „דוא האסט געוואָלט פרעגען איבער איהר נאמען? עס איז וורָאנסקי'ס
גרעסטער שמערץ וואס זיא מח זיך רופען קארענינא, אָבוואָהל דאס איז ניט
ריכטיג."

אין דער אמע'ס בריימעס אונד שעהנעס צימער, איז געווען איין ענגלישעס
קינדער־מעדכען, וועלכע האט אריין גערופען דיא אמע מיט דעם קינד פון גארטען,
אונד דאָללי האט בעוואונדערט דאס שעהנע קינד.

## קאפיטעל 2.

וועהרענד דעם נאכמיטאג, איז דאָללי געבליעבען אליין מיט וורָאנסקין;
אננא האט זיך בעשעפטיגט מיט עפעס הויז־זאכען.

„איך דענק," האט וורָאנסקי אָנגעפאנגען, „אז איך האב רעכט ווען איך בעטראכט אייך אלס אננא'ס פריינדין."

דאָללי האט זיך געשפירט אונרוהיג אונד זיך ניט געקענט ערקלערען וואס
ער וויל איהר זאגען.

„אננא ליעבט אייך זעהר," האט ער געזאגט נאך א פויזע. „ווילט איהר
אויסניטצען אייער איינפלוס איבער איהר פון מיינעטוועגען? דיא וואהרהייט איז,
אז פון אלע איהרע געוועזענע פריינדע, זייט איהר דיא איינציגע וואס איז זיא גער
קומען בעזוכען. איך ווייס, אז דאס איז ניט דערפאר, ווייל איהר שטימט איין צו
אונזערע האנדלונגען; עס איז בלויז, ווייל איהר זייט איהר וואהרע פריינדין. האב
איך ניט רעכט?"

„יא, אָבער — "

„ניעמאנד קען עס מעהר ביטער שפירען," האט ער פארטגעזעטצט זיא אונ־
טערברעכענדיג, „מעהר וויא איך אליין. איהר מוזט צוגעבען, אז איך מאך דורך
גלייך מיט איהר אלע שמערצען."

„איך בעגרייף, עס איז ריכטיג. אָבער, לויט נאך מיין מיינונג, דארף אייך
ניט בעקימערן וואס אנדערע רעדען הינטער דיא פלייצעס."

„הינטער דיא פלייצעס? מיין גאָט, ווען עס וואָלט אזוי געווען, וואָלט איך
שוין גאר ניט גערעדט; אָבער, איהר האט גאר קיין בעגריף געהאט וואס זיא האט
געהאט איבערצוטראגען אין סט. פעטערסבורג."

www.libtool.com.cn


„אָבער ניט דאָ, איך בין זיכער,“ האט דאַללי ווײטער געזאָגט, „אז דאָ טשעפּעט אייך קײנער ניט, אונד איהר ווינשט אייך ניט צוריק צו קעהרען צו דער אַלטער וועלט.“

„וויא קען איך נאר אויסדריקען אזא וואונש?“ האט ער אויסגערופען ערבּיטערט.

„איהר פערבּרענגט דאָ א רוהיגעס אונד אנגענעהמעס לעבען, אונד איך זעה ניט איין, ווארום איהר זאָלט דאס דארפען וועקסלען. וואס עס אנבעלאַנגט אננא׳ן, לויט וויפיעל זיא האט מיט מיר גערעדט, איז זיא פאָלקאָמען גליקליך.“

„יא,“ האט ער געענטפערט, „וועט דיעזעס גליק דויערן? איך ציטער פאר דער צוקונפט. גוט אָדער שלעכט, מיר זיינען פעראייניגט אויף אימער. מיר האבען א קינד אונד וועלען פיעללייכט נאך אנדערע האבען; אָבער, מ י י ן טאָכטער, הייסט קארענינא׳ס. ווען איך זאָל מאָרגען האבען א זוהן, וועט ער אויך הייסען קא־רענינא׳ס, אונד ער וועט ניט קענען ירשה׳ענען מיין נאָמען אָדער מיין פערמעגען. שטעלט זיך פאָר אלזאָ דעם שמערץ, אז דיא קינדער מיט דער פרוי וואס איך פערגעטער, קענען זיך ניט רופען מיינע? עס איז שרעקליך!“

„אָבער וואס קען אננא טהון?“

„אָט דאס מיין איך אויך. זיא קען קריגען א גט. אייער מאַן האט אויסגע־ווירקט דערצו קארענינא׳ס איינשטימונג, אָבער זיא האט זיך ענטזאגט דערפון. איך בעט אייך, טהוט מיר דיא טובה, רעדט מיט איהר, גיבּט איהר צו ערקלערען, פיעללייכט וועט זיא וועקסלען איהר מיינונג.“

„מיט פערגניגען וועל איך עס טהון,“ האט דאַללי געענטפערט, „אָבער מיך וואונדערט בלויז, ווארום אננא אליין זאָל דאס ניט בעגרייפען?“

נאכדעם וויא זייא האבען אָבגעגעסען מיטאג, האט זיך אננא צוריק געצויגען מיט דאַללי׳ן אליין אין א ציטער.

„אונד וויא געהט עס קיטטי׳ן?“ האט אננא געפרעגט. „זאג מיר דעם אמת, איז זיא ניט אין כעס אויף מיר?“

„אָה ניין, ניין, קיטטי איז זעהר גליקליך אונד זיא האט קיין אורזאכע צו זיין אונצופריעדען,“ האט דאַללי געענטפערט.

„עס פרייט מיך זעהר דאס צו הערען,“ האט אננא געענטפערט אויפריכטיג. „אָבער יעטצט זאג מיר דיא וואהרהייט, וויא געהט עס דיר מיט, מיט — “

„מיט אלעקסיס׳ן מיינסטו?“ האט איהר אננא ארויס געהאָלפען. „איך וויים,

www.libtool.com.cn

דוא האסט מיט איהם געשפּראָכען. איך קען מיר זאָגאר מערקען איבער וואס, נאר איך בין נייגיעריג דאס הערען פון דיין מויל.“

„מיר האבען געשפּראָכען איבער א געגענשטאנד, וועלכען איך וואָלט זאָנסט אויסגעמיעדען, ווען ער וואָלט מיר איהם ניט דערמאָהנט. עס איז וועגען דעם רעכט מיט איהם צו וואָהנען פּדייא אונד אָפען פאר דער וועלט.“

„דוא מיינסט א גט? בעטסי האט אויך דאסזעלבע געזאגט, אָבער ענט־שולדיג מיר, איך מיין ניט זיא צו פערגלייכען מיט דיר. בעטסי איז דיא פער־קאָרבענסטע פרוי אין דער וועלט! אָבער יעדענפאלס, וואס האט ער געזאגט?“

„ער בעהויפּטעט, אז ער ליידעט, ניט נאָר אזוי פיר זיך, זאָנדערן דאפיר וואס ער קען דיך ניט רופען געזעטצליך זיין פרוי אונד זיין קינד זאָל אויך אזוי אנערקענט ווערען.“

„איך פערשטעה ניט, וואס נאך פערלאנגט ער? קען א פרוי נאך מעהר בעלאנגען צו איהר מאן וויא איך בעלאנג צו איהם? איך בין זיין שקלאפין!“

„אָבער ער קען ניט זעהען וויא דוא ליידעסט נעגען דער וועלט. דאן וועט דאס מאכען וואס אייערע קינדער וועלען געזעטצליך אנערקענט ווערען.“

„וואס פאר א קינדער?“

„ענניע, אונד דיעזע וואס דוא וועסט נאך האבען.“

„אה, דערפאר דארף ער קיין מורא ניט האבען. איך וועל מעהר קיין קינדער ניט ברענגען אויף דער וועלט.“

„אננא! וויא קענסטו אזוי רעדען?“

„ווייל איך וויל מעהר קיין קינדער ניט האבען. דוא רעכענסט, אז איך בין שלעכט אונד פערדאָרבען, אָבער, דוא מוזט ניט פערגעסען, אז אזעלבע קינדער, וועלען זיין דיא אונגליקליכסטע אין אונזער געזעלשאפט, אונד איך וויל ניט ברענגען קיין אונגליקליכע אויף דער וועלט.“

„דאס איז אלזאָ דיא בעסטע אורזאכע ווארום דוא זאָלסט זיך גט'ן.“

„פיעללייכט,“ האט אננא געענטפערט שטיל, „ווען דאס זאָל נאר מעגליך זיין.“

„איך האב געהערט, אז דיין מאן האט איינגעשטימט.“

„יעטצט וועט ער אָבער ניט איינשטימען; ער איז אונטער דעם איינפלוס פון נו'עפין לידיא.“

„אָבער דוא מעגסט דאך פּראָבירען?“

„לאָמיר אָנגעהמען, אז איך האב פּראָבירט אונד עס איז מיר געלונגען, אָבער,

www.libtool.com.cn

דוא דארפסט ניט פערגעסען, אז נאכדעם וויא איך וועל מיך שוין ערניעדריגען פאר איהם, וועני ער מיר געבען מיין זוהן? אונד ווען איך וועל איהם שוין האבען, שטעל דיר פאר וואס דאמאלס וועט זיין; ער וועט אלעס ערפאהרען, אונד ער וועט מיך האסען אונד פעראכטען; מיין גאט, עס איז שרעקליך!"

אננא האט זיך אויפגעהויבען אונד געמורמעלט: "עס איז שוידערהאפט. איך בין דיא אונגליקליכסטע אין דער וועלט! וואס פאר א גוטס קען מיר דער גט טהון, מעהר וויא ערניעדריגונג? בין איך נאך וועניג ערניעדריגט?" דאן צוגעהענדיג צו דאללי'ן אונד זיא אומארמענדיג, האט זיא געמורמעלט: "אך, דאללי, פעראכטע מיך ניט, איך פערדיען עס ניט. האב בעסער מיטלייד מיט מיר..."

ביידע האבען דאן געוויינט.

## קאפיטעל 3.

וורא‏נסקי אונד אננא האבען פערבראכט דעם גאנצען זומער אונד א היבשען טהייל פון הערבסט אין לאנד־הויז, אהנע צו האבען בעשטימט עפעס פיר דער צוקונפט.

וועהרענד דעם מאנאט אקטאבער, זיינען געווען דיא וואהלען אין דער קאשין גובערניע, אין דער פראווינץ וואו ווראנסקי האט געהאט זיינע גיטער. ווראנסקי האט נאך פריהער פערשפראכען דארט צו זיין, אונד ער האט בעשלאסען אהין צו פאהרען.

ביז מיט איין אבענד פאר זיין אבריזע, האט ער אננא'ן ניט מיטגעטהיילט איבער זיין אבזיכט, אונד אויך דאמאלס האט ער געשפראכען בעז אונד אויפגערעגט, מורא האבענדיג פאר איין אויסברוך פון איהר אייפערזוכט.

צו זיין ערשטוינען אבער, האט זיא עמפפאנגען דיא נאכריכט גאנץ רוהיג, אונד איהם בלויז געבעטען, ער זאל איהר בעשטימען דעם טאג פון זיין צוריקקומען.

"איך האף, אז דוא וועסט ניט זיין איינזאם אין מיין אבוועזענהייט." האט ער בעמערקט.

"אה ניין," האט זיא געענטפערט רוהיג. "איך האב נאר וואס ערהאלטען א פאקעט ביכער פון מאסקווא," זייא וועלען מיך שוין אונטערהאלטען.

ער איז אוועק זעהר אונרוהיג איבער איהר אונגעוועהנליכער האלטונג. אננא וויעדער, אבוואהל זיא האט אלעס אנגעווענדעט צו זיין רוהיג, האט זיא באלד נאך זיין אוועק געהען אויסגעבראכען אין א געוויין.

„וואס האב איך צו איהם ?" האט זיא געמורמעלט. „ער האט א פאַל־שטענדיגעס רעכט צו געהען אונד קומען וואו ער וויל אונד ווען ער וויל ! איך אליין האב קיין רעכט. וואס בין איך זיינע ? א געליעבטע, ניט מעהר, דאס איז אלעס ! אונד וויא לאַנג איז דער שיער זיך צו האַלטען אן א געליעבטער ? איך גלויב, אז עס איז שוין צייט ער זאָל זיך מיט עפּעס אנדערש פערברענגען. גרויסער גאָט ! זיין האַלטונג, זיינע אויגען אונד זיין בליק, אלעס האט מיר שוין דערצעהלט, אז ער איז זאט פון מיר !"

זיא האט דאַן פּראָבירט עפּעס צו ארבייטען, עפּעס צו טהון אום צו פער־טרייבען איהרע אויפגערעגטע געדאנקען, אָבער עס איז איהר אונמעגליך געווען. אויך בייא נאכט האט זיא ניט געקענט שלאָפען.

פינף טעג זיינען אזוי פאָראיבער אין מאַרטער אונד שמערץ. דאַן איז דאס קינד עפּעס קראַנק געוואָרען, אויף איין אונבעדייטענדע קראַנקהייט. זיא האט זאָ־פאָרט אָבגעשיקט א ספּעציעלען שליח נאך איהם. אָבער גלייך וויא דיעזער איז אוועק, האט זיא באַלד חרטה געהאט. וואס וועט זיא איהם זאגען ? וואס האט פּאַסירט ? מיט וועלכען רעכט האט זיא אונטערבראָכען זיין פערגניגענגען ? אָבער, נאך אלעמען, האט זיא זיך דערמאָהנט, אז זיין צוריק קעהרען. וועט איהר פעראור־זאכען גליק, אונד זיא איז בעשטאַנען דאפיר צו ליידען אירגענד א שמערץ.

זיא איז געזעסען ביים טיש שפּעט בייא נאכט, אונד פּראָבירט עפּעס צו לעזען, אָבער זיא האט בלויז געהערט דעם ווינד מיט דעם רעגען אין דרויסען. ענדליך האט זיא געהערט צופאָהרענדיג א דראָשקע. זיא איז באַלד אויפגעשפּרונגען, אַרונטער געלאָפען אום איהם צו בעגעגענען.

וויא ער האט זיך אויסגעצויגען זיין רייזע־מאַנטעל, האט ער געפרעגט:

„וויא געהט עס ענניע'ן ?"

„פיעל בעסער; אונד וויא געהט עס דיר ?" זיא האט איהם אָנגעכאַפּט בייאביידע הענד אונד איהם צוגעצויגען צו זיך.

„מיר געהט עס גוט," האט ער געענטפערט אין א קאַלטען טאָן, בליקענדיג צו איהר קלייד, וואס ער האט געוואוסט, אז זיא האט עס נראדע אָנגעצויגען אום איהם צו מאַכען פערגניגען.

„אונד וויא איז מיט דיר געגאַנגען ?" האט ער געפרעגט קושענדיג איהר האַנד. זייא זיינען דאַן ביידע ארויף געגאַנגען.

איידער זייא האבען זיך געלעגט שלאָפען, האט אננא פּראָבירט צו ערפאַהרען

www.libtool.com.cn

וואס פאר איין איינדרוק עס האט אויף איהם געמאכט וואס זיא האט איהם אהיים גערופען.

„זייא דיך מודה," האט זיא צו איהם געזאגט, „אז מיין בריעף צו דיר דורך דעם שליח, איז דיר ניט געפעלען געוואָרען. דוא גלויבסט אויך ניט, אז דאס וואס איך האב דיר געשריעבען, איז וואהר."

„יא," האט ער געענטפערט, אונד טראָטץ זיין צערטליכקייט, האט זיא איינגעזעהען, אז ער קען איהר ניט מוחל זיין. — „עס איז ווירקליך געווען גענען מיין ערוואַרטונג. דוא האסט מיר געשריעבען, אז דאס קינד איז קראַנק, אונד, אין דער זעלבער צייט, האסטו אויך געוואָלט קומען צו מיר."

„ביידע זאכען זיינען געווען אמת."

„איך צווייפעל עס נים."

„יא, דוא צווייפעלסט יא; איך קען זעהען, אז דוא ביסט געערגערט."

„ניין, ניין; דיא איינציגע זאך וואס מיך ערגערט איז, וואס דוא ווילסט ניט איינזעהען, אז איך בין א מענש אונד האב אמאל געשעפטען וואס איך מוז זייא בעזאָרגען. אָבער, גענוג דאריעבער."

„ווארום גענוג?"

„איך האב דאס בלויז צו זאגען: געשעפטען צווינגען מיך איך זאָל אוועק פאָהרען נאך מאָסקווא."

„אזוי גאר," האט אננא בעמערקט וויא ערשראָקען, „דוא מוססט נאָר צוריק אום באלד וויעדער אוועק צו פאָהרען? ווען דוא קענסט ניט לעבען מיט —"

„אננא, אום גאָטעס ווילען, ווארום זאָלסטו ניט וועלען פערשטעהען? דוא ווייסט, אז איך בין בערייט אלעס צו אָפּפערן פיר דיר."

„ווען דוא פאָהרסט נאך מאָסקווא," האט זיא געענטפערט גלייך וויא זיא וואָלט גאר זיינע ווערטער ניט געהערט, „פאָהר איך אויך מיט דיר. איך קען דאָ ניט בלייבען אליין. ענטוועדער מיר זאָלען לעבען צוזאמען אָדער זיך שיידען."

„מיין איינציגער וואונש איז לעבען, איז צו זיין מיט דיר; אָבער אויף אזא ארט, ווען נעטהיג זיין — "

„א גט!" האט זיא אונטערגעכאפט. „אזוי בלייבט עס אלזא. איך זעה עס קען אנדערש ניט זיין; איך פאָהר מיט נאך מאָסקווא."

אננא האט אונטערדעסען בעמערקט אין וראָנסקי'ס אויגען וויא א פערמאַטערטע מיענע. זיא האט געשווידערט. נאך אין דעמזעלבען אבענד האט זיא

www.libtool.com.cn

געשריעבען צו קאַ גינאַ'ן אונד פערלאַנגט א גט. צום שלום פון מאָנאט נאָוועמבער, איז זיא אַנגעקומען, מיט ווראָנסקי'ן, נאַך מאָסקווא.

## קאַפּיטעל 4.

לעווין אונד זיין פרוי זיינען געווען אין מאָסקווא שוין זייט צוויא מאָנאַט, דאַ־מיט קיטטי זאָל האבען דיא געלעגענהייט צו זיין אין דער נאָהענט פון דיא בעסטע ערצטע, וועהרענד דער געבורט. וועהרענד איהר מאַן האט ערוואַרטעט דעם מאָ־מענט מיט מורא אונד ציטערניש, איז זיא גראדע געווען גאַנץ רוהיג.

קיטטי האט געשפּירט, אַז דאַס נייע לעבען אין איהר, האט אויך ערוועקט א פרישע ליעבע, א פרישע סימפּאַטהיע, אונד זיא האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך. אַלעס וואָס איהר האט געערגערט איז געווען, דיא אונרוהיגקייט פון איהר מאַן. מאָסקווא האט פאר איהם ניט געהאט קיין פּאַסענדע בעשעפּטיגונג, אונד אַזעלכע פריינדע וויא אבלאָנסקי, האבען איהם מעהר ניט אונטערהאַלטען. קיטטי איז יעדענפאַלס דערמיט געווען זעהר צופריעדען.

דער וויכטיגסטער מאָמענט וואָס האט זיך יעטצט אָבגעשפּיעלט אין קיטטי'ס לעבען, איז געווען דיא וויעדער־בעגעגנונג מיט ווראָנסקי'ן, וועלכע האט שטאַטגע־פונדען אין הויז פון איהר קוואַטערין, פּרינצעסין באַריסאָווגא. קיטטי איז אהין גע־קומען אויף בעזוך מיט איהר פאטער, ווען ווראָנסקי'ס נאָמען איז אָנגעציינט גע־וואָרען. זיא האט געפיהלט איהר הארץ שטירמיש קלאַפּען אונד דאס בלוט איז געלאָפען אין איהר געזיכט.

דיא אַלטע פּרינצעסין האט פּראָבירט צו פערוויקלען ווראָנסקי'ן אין א פּאָ־ליטישעס געשפּרעך, אונד קיטט האט זיך אָנגעפאַנגען צו בערוהיגען. זיא האט מיט איהם דאַן גערעדט א פּאאר ווערטער, געשפּאַסט איבער זיין אנטהייל בייא דיא לעטצטע וואהלען אין קאַשין, אונד דאַן, רעדענדיג מיט איהר קוואַטערין, האט זיא שוין אויסגעמיעדען ווראָנסקי'ן, ביז ער איז אַוועק.

ווען ווראַנסקי איז אַוועק, האט איהר פאטער קיין בעמערקונג געמאכט איבער דער אונערוואַרטעטער בעגעגנונג, אָבער קיטטי האט געקענט בעמערקען, אַז דער אַלטער פּרינץ איז צופריעדען מיט איהר בענעהמונג.

אלס זיא האט זיך בעגעגנט מיט לעווינען, האט זיא איהם דערצעהלט איבער דער בעגעגנונג אונד בעמערקט:

„עס האט מיר לייד געטהאָן וואס דוא ביסט דערבייא ניט געווען, אָדער, ווער־ניגסטענס, שטעהען אונד קוקען דורך דעם שליסעל־לאָך, וויל, ווען דוא וואָלסט

www.libtool.com.cn

געשטאנען נעבען מיר. אַלס איך מיך נעקענט בעהערשען. זעה וויא איך ווער נאך יעטצט רויט!"

אין אמת'ן נערעדט, איז אָבער לעווין נאך מעהר רויט געוואָרען. ער איז געווען זיבער, אז קיטטי איז אויפריכטיג אונד ער האט זיך גאר ניט בעאונרוהיגט איבער איהר בעגעגנונג מיט ווראָנסקי'ן. ביז דאמאלס האט ער אויסגעמיעדען זיך צו בעגעגנען מיט ווראָנסקי'ן, אָבער פון יענעם מאָמענט אן, האט ער איינגעזעהען, אז עס איז נאריש צו ענטלויפען פאר א מענשען וואס איז, פער צופאל, געווען פערמישט אין זיין לעבענס-געשיכטע. ער האט אויך באלד געהאט דיא געלעגענהייט צו קומען פנים-אל-פנים מיט ווראָנסקי'ן. עס איז געווען צור צייט וואס אבלאָווסקי האט נעגעבען א מיטאג אין זיין קלוב, ער האט זיך בעגעגענט מיט ווראָנסקי'ן אין צימער וואו מען איז נעגאנגען רויכען.

„איך דענק, אז איהר האט זיך שוין אמאל בעגעגענט," האט סטעפאן געואנט מונטער אונד גוטמיטהיג פון דעם מיטאג מיט דעם גוטען וויין. „לעווין איז מיין בעסטער פריינד, אונד איהר זייט דער צווייטער. איך וויל אייך זעהען אזוי פריינדליך צו אנאנדער, גראדע וויא איך בין."

„אלעס וואס מיר האבען צו טהון איז, זיך באלד צו אומארמען," האט ווראָנסקי געזאגט אויסשטרעקענדיג זיין האנד צו לעווינען. דער לעטצטער האט איהם נעגעבען זיין האנד אונד געזאגט: „עס וועט מיך זעהר פרייען דורכצופיהרען סטעפאן'ס וואונש."

„אונד מיך אויך," האט ווראָנסקי געענטפערט. אָבער טראָטץ זייער פריינדליבקייט, האבען זייא ניט געוואוסט וואס צו זאגען איינער דעם צווייטען.

„לעווין האט נאך ניט געזעהען אננא'ן," האט סטעפאן בעמערקט, „אונד איך וויל איהם פאָרשטעלען."

„זיא וועט זיין ערפרייט," האט ווראָנסקי געענטפערט. „אָבער איך מוז אייך בעטען אום ענטשולדיגונג. מיין פריינד יאשווין האט זיך פערשפיעלט אין קארטען, אונד, ווען איך וועל אויף איהם ניט אכטונג געבען, וועט ער פערשפיעלען ביז צו דער לעטצטער קאָפיקע. איך מוז געהען זעהען וואס ער טהוט," אונד ער האט פערלאָזען דאס צימער.

„ווארום זאָלען מיר ניט בעזוכען אננא'ן אָהן איהם?" האט סטעפאן געפרעגט. „איך האב עס איהר פערשפראָכען דיך פאר איהר פאָרצושטעלען. ביסטו היינט אבענד בעשעפטיגט?"

„אָה ניין; איך וועל געהען מיט פערגניגען."

www.libtool.com.cn


„אזוי בלייבט עס!“ האט סטעפאן געזאגט, אונד נאכדעם וויא ער האט צוגערופען זיין דראָשקע, זיינען זייא אוועק געפאָהרען צו אננאַ'ן.

## קאפיטעל 5.

וויא זייא זיינען אריין אין הויז, האט זיך לעווין געשפירט נערוועז. דיא דיענסט האט זייא מיטגעטהיילט, אז אננא געפינט זיך אין לעזע־צימער מיט א בעזוכער, מאָנסיע ווארקעף.

זייא זיינען אריין אין פאָרדער־זאאל, וואו עס איז געהאנגען אננא'ס א שעהנעס עהל־בילד. לעווין האט דאס בעטראכט מיט ערשטוינונג. לויט נאך זיין פאָרשטעל־לונג, האט ער נאך קיין שעהנערעס פרויענצימער ניט געזעהען, אונד עס האט ניט געקענט עקזיסטירען.

„עס פרייט מיך אייך צו זעהען,“ האט לעווין געהערט א שטימע, אונד אומ־ווענדענדיג זיינע אויגען, האט ער ערבליקט דעם אָריגינאל פון בילד, אָנגעצויגען איינפאך, אָבער זעהר נעט אונד פול געשמאק.

זיא האט איהם געוואונשען א הערצליכען ווילקאָמען אונד דאן אריין געפיהרט ביידע מענער אין לעזע־צימער, וואו זיא האט זייא פאָרגעשטעלט פאר מאָנסיע ווארקעף.

„עס פרייט מיך ווירקליך אייך צו זעהען,“ האט זיא נאך אמאל געזאגט צו לעווינען. „איך האב עס צו פערדאנקען סטיווא'ן אונד אייער פרוי, וואס מיר שיינט יעטצט, אז איך האב אייך אימער געקענט. איך וועל ניעמאלס פערגעסען דעם איינדרוק וואס פרינצעססין קיטטי האט אויף מיר געמאכט; זיא איז עפעס וויא א שעהנע אונד רייצענדע בלום. לויט וויא איך האב געהערט, וועט זיא קירצליך ווערען א מוטער.“

זיא האט געשפראָכען אזוי איינפאך, אז לעווינ'ס נערוואזיטעט איז באלד פערשוואונדען.

„קענען מיר רויכען?“ האט אבלאָנסקי געפרעגט.

„עס איז טאקי נאָר צוליעב דעם וואס מיר געפינען זיך יעטצט אין אלעקסי'ס לעזע־צימער“. זיא האט דאן גענעמענט א שאכטעל ציגארעטען, טראקטירענדיג לעווינען אונד האט אליין אויך גענומען א ציגארעטע.

„אונד וויא געהט עס דיר היינט?“ האט סטעפאן געפרעגט.

„אָה, זעהר גוט; איך בין, וויא דוא ווייסט, אביסעל נערוועז.“ האט זיא געענטפערט גלייכגילטיג, „אָבער זאָגסט פיהל איך מיך גוט. איך וועל שאפען

www.libtool.com.cn



**טהעע.**‟ בייא דיעזע ווערטער האט זיא זיך אויפגעהויבען, **אָנגעקלייגען אונד** ארונטער גענומען א בוך פון טיש, אום פּלאַטץ צו מאכען פאר דער טהעע.

„ווילט איהר מיר ערלויבען דאס צו זעהן?‟ האט ווארקעף געפרעגט ציינענדיג אויף'ן בוך וואס זיא האט אליין געשריעבען.

„ניין, ניין,‟ האט זיא געענטפערט, „עס איז נאריש וויא פון יעדען אנפאנגער. איך בין זיכער, מאָנסיע לעווין וועט — ‟

„איך האב איהם שוין דערצעהלט דאריעבער,‟ האט סטעפּאַן זיא אונטערבראָכען.

„דוא האסט ניט גלייך געטהאָן; מיין פערפאסונג איז גלייך צום שרייבען פון געפאנגענע, וועלכע שרייבען אויף דאס וואס זייערע פריינדע פון דרויסען דערצעהלען זייא. איך בעטראַכט דאס ניט אלס קיין ווערק, זאָנדערן אלס א צייט־פערטרייב.‟

לעווין האט בעמערקט, אַז אין אַננאַ'ס הערליכעם געזיכט אונד אויגען, איז געלעגען איין אויסדרוק פון טרויער; דאס האט איהר שעהנהייט נאך מעהר וויא פערדאָפּעלט. ער האט געשפירט א בעוואונדערונג פערמישט מיט מיטלייד צו איהר.

אַננאַ האט דאן ערלויבט איהרע צווייא בעזוכערס זייא זאָלען אריין אין זאלאָן, וועהרענד זיא איז צוריק געבליעבען רעדען מיט איהר ברודער. עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט, אונד זייא זיינען זיך ווידער צוזאמען געקומען. ווארקעף האט גערעדט מיט וואָהרער בעוואונדערונג איבער איהר בוך, נאָר אַננאַ האט דיעזעס געשפּרעך אונטערבראָכען אונד אָנגעפאנגען צו רעדען איבער גאנץ אנדערע געגענשטענדע. לעווין איז געווען איבעררראשט פון איהר בעלעזענהייט, טאקט אין שפּרעכען אונד עדלע אָבער איינפאכע בענעהמונג.

עס איז שוין געווען גאנץ שפּעט, ווען זייא האבען זיך אויפגעהויבען צו נעהמען אבשיעד; פאר לעווינען האט דאס אָבער אויסגעזעהען בלויז איינינע מינוטען צייט פערבראכט.

„אַדיע,‟ האט אַננאַ געזאגט האלטענדיג זיין האנד אונד אין איהרע אויגען איז געלעגען א בליק וואס האט איהם בעאונרוהיגט. „זאגט אייער פרוי, אַז איך רעדנק פון איהר גראדע אַזוי פיעל וויא אמאל; אונד, ווען זיא קען זיך ניט פּאַסען מיך צו בעגעגענען אין דיעזער לאגע וויא איך געפין מיך, ווינש איך איהר, אַז נאָט זאָל זיא אָבהיטען זיא זאָל דארפען קומען דערצו. ווייל, איידער איינער קען פערצייהען, מוז ער פריהער אליין ליידען.‟

www.libtool.com.cn



„איך וועל איהר זאגען,“ האט לעווין געענטפערט איינפאך.

„האב איך ניט רעכט געהאט?“ האט סטעפאן געפרעגט ארויס געהענדיג פון הויז. „איז זיא ניט א מערקווירדיגע פרוי?“

„יא,“ האט לעווין געענטפערט, „זיא איז ווירקליך א מערקווירדיגע פרוי; דאס קען מען זעהען ווען מען בעטראכט זיא גוט; זיא האט איין עדעלעס הארץ. אָבער, ליידער, ליידעט זיא זעהר.“

„איהר צושטאנד יעמצט, איז נאך טרויעריגער וויא אמאל. מיר האבען שוין איינמאל אלעס אראנזשירט פיר א גט, איהר מאן האט דערצו איינגעשטימט. אָבער דיא גאנצע פראגע איז דאָ צוליעב דעם קינד, אונד אזוי שלעפט עס זיך זייט דרייא מאָנאט אָהנע עס זאָל קומען צו איין ענדע. איך האָף אונטערדעסען, אלעס זאָל זיך קירצליך ענדיגען. ווען זיא זאָל שוין האבען דעם גט, וועט זיא קענען הייראטהען ווראָנסקי'ן, אונד זיא וועט וויעדער קענען ווייזען איהר פּנים פאר דער וועלט.“

דיא צווייא פריינדע האבען זיך דאן געוואונשען „גוטע נאכט,“ אונד יעדער איז אוועק אהיים.

## קאפּיטעל 6.

ווען איהרע בעזוכער זיינען אוועק, האט אננא אָנגעפאנגען צו שפּאציערען הין אונד צוריק אין צימער, פערטיעפט אין געדאנקען. זיא האט זיך ניט געוואָלט פער־לייקענען דיא טהאטזאכע, אז אין דער לעטצטער צייט האט זיא אָנגעהויבען צו קאָקעטירען פאר פרעמדע מענער, אונד, אין לעווין'ס געגענווארט, האט זיא דאס געטהאָן נאך מעהר וויא אימער. אָבער אָבוואָהל ער איז איהר געפעלען געוואָרען, אונד, גראדע וויא קיטטי, וואס האט געשפּירט ליעבע צו ביידע, האבען זיך אָבער אלע איהרע ליעבעס געדאנקען אומגעווענדעט אויף איין זייט. זיא האט נאָר גע־רענקט פון ווראָנסקי'ן.

„ווארום,“ האט זיא זיך געפרעגט, „ווען איך בין אימשטאנדע צו צוציהען זאָגאר אזא מאַן וויא לעווינען אויף מיין זייט, ווארום זאָל איך ניט קענען ווירקען איבער איהם? ווארום איז ער געוואָרען אזוי קאלט צו מיר? ער ליעבט מיך נאך אימער, אָבער דאָך איז דאָ עפּעס אין מיטען, וואס שיידעט איהם פון מיר. ער איז ניט אהיים געקומען; ער זאגט אז ער דארף אכטונג געבען אויף יאשווינען, גלייך וויא ער וואָלט געוועזען א קינד. בעגרייפט ער ניט וויא איך לייד ווען ער איז

www.libtool.com.cn



ניטאָ נעבען מיר ?״ זיא האט דאַן אָנגעפאַנגען העפטיג צו וויינען. זיא האט זיך אוועק געזעטצט אונד פראָבירט לעזען א בוך.

מיט א קורצער צייט שפּעטער, האט זיא געהערט אָנקלינגען. זיא האט שנעל אויסגעווישט דיא אויגען, אונד, ווען וורראָנסקי איז אריין געקומען, איז ער צוגעגאַנגען, אונד מיט א מונטערע שטימע, האט ער זיא געפרעגט אויב זיא איז ניט מיעד געוואָרען וואַרטענדיג.

„אָה ניין!״ האט זיא געענטפערט. „איך האב שוין אויפגעהערט מיעד צו ווערען. אויסער דעם, איז דאָ געוועזען סטיוואַ אונד לעווין.״

„יא, איך וויים, אונד וואס פאר איין איינדרוק האט אויף דיר לעווין געמאכט ?״ האט ער געפרעגט זיך זעטצענדיג נעבען איהר.

„זעהר א גוטען איינדרוק; זייא זיינען נאָר וואס אוועק. וואס האטו געטהאָן מיט יאַשווינען ?״

„ער איז א שרעקליכער קארטען־שפּיעלער! ער האט געוואונען זיעבצעהן טויזענד רובעל, אונד מיר איז געלונגען איהם אוועק צו נעהמען פון דעם טיש. אָבער ער האט זיך פון מיר אוועק נעגנב׳עט, צוריק געגאַנגען, אונד יעטצט האט ער שוין וואהרשיינליך אַלעס פערשפּיעלט.״

„וואס האסטו אַלזאָ אבטונג צו געבען אויף איהם ?״ האט זיא געפרעגט אויפהויבענדיג איהרע אויגען אונד בעגעגענט זיין קאַלטען בליק. „נאכדעם וויא דוא האסט געזאגט סטיוואַ׳ן, אז דוא וועסט איהם אָבהאַלטען פון שפּיעלען, האסטו איהם גאר פערלאָזען.״

„ערשטענס, האב איך סטיוואַ׳ן ניט ערלויבט ער זאָל דאס גאר דערצעהלען,״ האט ער געזאגט אביסעל אויפגערעגט, „צווייטענס, בין איך ניט קיין ליגנער, אונד דריטענס האב איך געהאנדעלט וויא עס האט מיר געפּאסט.״

„עס איז נעוויס אזוי,״ האט זיא געענטפערט, וועהרענד וורראָנסקי האט אונ־ הערפליך צוריק געצויגען זיין האנד פון איהר, „אז דוא האנדעלסט וויא דיר פּאסט. אָבער וואס דארפסטו מאכען פּאָרווירפע אונד אין כעס ווערען ? אך, אַלעקסיס, ווען דוא וואָלסט נאָר געוואוסט, וויא דיינע האנדלונגען מאכען מיך אונגליקליך!״ זיא האט אָבגעווענדעט איהר קאָפּ ער זאָל ניט זעהען איהרע טרערען.

„וואוהין געהערט דאס אַלעס ?״ האט ער אָרויס געשטאמעלט ערשראָקען פון איהר פערצווייפלונג. ער האט צוגעפיהרט איהר האנד צו זיינע ליפּען. „מאכסט מיר פּאָרווירפע דערפאר וואס איך האב מיך אביסעל אונטערהאַלטען ? מייד איך ניט אויס דיא געזעלשאַפט פון אירגענד א פרויענצימער ?״

www.libtool.com.cn



„דוא דארפסט עס ניט טהון!“

„אננא, בערוהיג זיך; זאג מיר, וואס קען איך טהון דיך צו מאכען גליקליך? איך וואָלט אלעס געטהאָן דיר צו ערשפּארען שמערצען.“

ער איז געוועזען געריהרט פון איהר טרויער.

„גאר ניט, גאר ניט,“ האט זיא געענטפערט זיך פאסענדיג. „איך מיין, אז מיין אויפרעגונג איז געקומען פון דעם וואס איך בין געוועזען אליין. זאג מיר, וואס האסטו געטהאָן דעם גאנצען נאכמיטאג? ביסטו געוועזען בייא דער פערד־וועטע?“

זיא האט געקעמפּפט אום צו בעהאלטען דיא פרייד וואס עס איז איהר גע־לונגען צו ברענגען דיעזען שטאָלצען אונד מעכטיגען מאַן צו איהרע פיס.

זייא זיינען דאַן געגאנגען עסען, אונד ווראָנסקי האט איהר אלעס דערצעהלט. אָבער אננא האט גאנץ גוט בעמערקט, אז זיין שטימע אונד בליקען, ווערען יעדעס מאָל קעלטער. זיא האט פערשטאנען, אז זיא וועט מוזען בעצאָהלען טהייער פאר דעם זיעג וואס זיא האט איבער איהם ערררייכט. זיא האט איינגעזעהען, אז זיין ליעבע צו איהר, מוז, וויא איין אויסגעהענדעם פייער, יעדעס מאל אונטערגעבלאָזען ווערען. אָבער וויא לאנג קען מען אָנהאלטען דאס פייער ווען מען קען עס ניט מעהר פער־גרעסערן אונד דאס האָלץ האט שוין באלד אויסגעברענט?

## קאפּיטעל 7.

סטעפּאַן אבלאָווסקי'ס געשעפטען האבען איהם געצוואונגען ער זאָל פאָהרען נאך סט. פּעטערסבורג. איידער ער איז אוועק, איז ער געוועזען בייא אננאא'ן אונד איהר פערשפּראָכען נאך אמאל צו רעדען מיט קאַרענינא'ן איבער דעם גט. אבלאָווסקי האט דאַן אונטער איין אויסרייד בעזוכט קאַרענינא'ן, אונד מיט איהם דאריעבער געשפּראָכען א היבשע צייט. דאַן האט ער געזאגט:

„עס איז דאָ נאך א געגענשטאנד איבער וועלכען איך וויל מיט דיר רעדען. דוא ווייסט וואס איך מיין. אננא —“

קאַרענינא'ס געזיכט איז געוואָרען זעהר שטרענג, אונד איהם אונטערברע־כענדיג, האט ער געפרעגט:

„וואס איז שוין ווידער?“

„אלעקסיס א־עקסאנדראָוויטש, מען מוז קומען צו א בעשלוס. א מענש וויא דוא, וועלכער האט א גוטעס הארץ... האב מיטלייד מיט איהר...“

www.libtool.com.cn



„וויא אזוי ? וואס זאָל איך מחון ?" האט ער נעפרעגט ווערענדיג טילדער.

„עס וואָלט דיך זעהר געשמערצט דוא זאָלסט זיא יעמצט זעהען וויא זיא ליידעט אונד איז אונגליקליך."

„איך האב נערעכענט," האט קארענינא בעמערקט ביטער, „אז אננא ארקאדיעוונא האט ערדייכט אלעס וואס זיא האט געוואָלט."

„מענש ! וואס טויג אונז זיך ארום צו שפיעלען מיט ווערטער ? אלעס וואס זיא ווינשט איז, א גט !"

„איך פערשטעה גאנץ גוט ; אָבער אין פאל איך וויל האלטען מיין קינד, דאן וויל זיא ניט קיין גט. איך האב גאר ניט וואס צו זאגען דאריעבער ; דאס קינד בלייבט בייא מיר, אונד זיא קען טהון וואס זיא פערשטעהט."

„אָבער זיא איז דאָך א מוטער !" האט סטעפאַן אויסגעשריען.

„אונד איך בין א פאטער ! איבריגענס, מיך קימערט זעהר ווענינ אננא ארקאדיעוונא'ס לאגע."

„דוא מוזט מיר ערלויבען איך זאָל צווייפלען אין דער וואהרהייט פון דיעזער בעהויפטונג. לאָמיר צוגעבען, אז זיא האט עס עהרליך פערדיענט וויא זיא ליידעט. אָבער, קענען מיר דען שטעהען פון ווייטע אונד זעהען וויא זיא ליידעט ? ווער קען עפעס פערדיענען פון איהר אונגליק ?"

„ווירקליך, כוים דיינע ווערטער, זעהט עס באלד אויס, אז איך בין נאר דער שולדיגער."

„ניין, ניין, בעהיטע גאָט ! איך וויל דיך נאָר איבערצייגען, אז דוא קענסט גאר ניט פערלירען, ווען דוא וועסט לינדערן איהר שמערץ. איבריגענס, וויל איך דיר יעמצט זאגען, אז זיא פערלאנגט מעהר ניט דאס קינד. זיא וויל א גט, אונד, אזוי וויא דוא האסט עס איהר פערשפראָכען..."

„פערשפראָכען, יא," האט ער איהם אונטערבראָכען. „אָבער עס איז אלץ געווען דאמאלס, ווען איך האב זיא געוואָלט וועניגסטענס רעטען פון דער גרעסטער שאנדע, נאָר יעמצט..."

„יעמצט ?"

„יעמצט מוז איך ווארטען, איך קען ניט בעשטימט זאגען וואס איך קען טהון. דוא, סטעפאַן, ביסט א פריידענקער, איך בין עס אָבער ניט. מיין רעליגיאָן פערביטעט מיר אזוי צו האנדלען. איך וועל עס מיר איבערלעגען, אונד, אין 2 טעג ארום, וועל איך דיר געבען איין ענטפער."

www.libtool.com.cn


## קאפיטעל 8.

װען א פייער װערט צופיעל געבלאָזען אונד געפּאַכט, דאַן לעשט עס זיך אויס. װען ליעבע װערט צופיעל געװאָרעמט אונד געפּאָרדערט, װערט זיא קאלט.

עס איז אריעבער דער זומער, דער װינטער, זומער איז װיעדער געקומען, אונד דאס לעבען צװישען אננא'ן אונד װראָנסקי'ן, איז יעדעס מאל געװאָרען אונער־טרעגליכער פון ביידע זייטען.

יא, עס איז קיין צװייפעל, דאס װראָנסקי האט געליעבט אננא'ן מיט זיין גאנצען הארצען; עס איז קיין צװייפעל, אז דיא ליעבע איז געװען אייפריכטיג אונד ריין, אָבער װראָנסקי איז נאָך אַלעמען געװען א יונגער מענש, מיט פריינדע, בע־קאנטע, געזעלשאפט, אונד, זיין נאַטור האט געפּאָרדערט אויסער דער ליעבע צו אננא'ן, נאך עטװאס: אונטערהאלט, מוזיק, שפּיעלען, זינגען אונד זייטיגע מונטערקייט.

אננא װיעדער האט געגלויבט, אז דיא גאנצע װעלט, דאס הייסט, איהר װעלט, איז צוזאמען געשטעלט פון װראָנסקי'ן, אונד, מיט זיין ליעבע, ענדיגט זיך אלעס. זיא האט געװאָלט ער זאָל זיין נעבען איהר אין דער פריה, ביים טאָג, פאר־נאכט, ביים נאכט — אימער! זיא װאָלט פון איהם קיינמאל ניט זאט געװאָרען. יעדער מאָמענט װאס ער האט אויסגעפעהלט, האט ארויס גערופען אין איהר דיא טרויעריגסטע אונד שרעקליכסטע געדאנקען. זיא פלעגט װערען מעלאנכאָליש, פער־צװייפעלט אונד האלב פערריקט. זיא האט געקענט װיינען שטונדען־לאנג, אָדער זאָגאר א גאנצען טאָג מיט א גאנצער נאכט, װען ער איז ניט געװען. אין דיזער צייט האט זיא זיך אלעס מעגליכע פאָרגעשטעלט, אז ער האט צו טהון מיט אנדערע פרויען, אז ער פערברענגט אין דער געזעלשאפט מיט דער אָדער מיט יענער; אז זיא איז איהם שוין מיאוס, אונד נאָר פאר שאנדע האלט ער זיך אָן איהר, זאָנסט האט ער שוין לאנג געװאָלט פטור װערען פון איהר.

דאס ערגסטע איז איהר געװען, װאס, װען זיא האט געהערט, אז ער קומט, האט זיא זיך אויסגעװישט אונד אויסגעװאַשען דיא אויגען, זיך אװעק געזעצט, אונד אין איהר שטאָלץ האט זיא אָנגעװענדעט איהר גאנצע־זעעלען־קראפט, צו בלייבען גלייכגילטיג אונד איהם ניט ארויס װייזען איהרע געפיהלע.

אין א נאכט האט זיא אויך ... געװארט ער זאָל אהיים קומען פון דעם

www.libtool.com.cn


בחורים־קלוב, וואו ער איז געגאַנגען געלאַדען צום עסען. ווען ער האט צוריק געקעהרט, איז זיא ווידער געזעסען, וויא געוועהנליך, אין איהר זאַגענאַנטער רוהע.

„אונד וויא איז עס דאָרטען צוגעגאַנגען?" האט זיא איהם געפרעגט ציינענדיג דיא גרעסטע ליעבליכקייט אונד שטאַרבענדיג פאר זיינעם א פריינדליכען שמייכעל.

„גראַדע וויא אימער," האט ער געענטפערט. „מען האט זיך אונטערהאַלטען, געגעסען, געטרונקען, אונד דאס איז אַלעס. אָבער וואס איז דאס?" האט ער פלוצלינג געפרעגט דערזעהענדיג דיא קופערטס געפאַקט. „דוא ווילסט ענדליך ארויס פאָהרען? דאס איז זעהר גוט."

„יא, אזוי האב איך גערעכענט, מיר וועלען פערלאָזען מאָסקווא. איך קען שוין דאָ מעהר ניט בלייבען."

אננא האט פאַרנאַכט געהייסען איינפּאַקען אום ארויס צו פאָהרען אויף'ן לאַנד, מיט דער אידעע, פיעללייכט וועט דיא פרייע לופט אויף איהר מאַכען א בעסערע ווירקונג.

„איך בין פאָלשטענדיג צופריעדען," האט ער געענטפערט. „לאָמיר ווירקליך אביסעל ארויס פאָהרען. אָבער, איך מוז פריהער געהען בעזוכען מיין מוטער."

א בליק פון פערדאַכט האט זיך בעוויעזען אויף איהר געזיכט, אונד זיא האט זיך דערמאָהנט, אז דיא יונגע פרינצעססין סאָראָקין שטעהט איין בייא דער אַלטער גרעפין ווראָנסקי.

„קענסטו ניט געהען אהין מאָרגען?" האט זיא געפרעגט.

„אונמעגליך!" האט ער געענטפערט. „איך מוז פון איהר קריעגען דעם אונטערשריפט צו פערקויפען דאס גוט, זאָנסט קען איך קיין געלד ניט קריעגען."

„דאַן לאָמיר בלייבען דאָ."

„ווארום?"

„מיר וועלען פאָהרען נעכסטען זונטאג, אָדער גאר ניט פאָהרען."

„וויא דוא וועקסעלסט דיין ענטשלוס יעדע מינוט!" האט ער אויסגעשריען ערשטוינט.

„דוא קענסט איינעם פעררוקט מאַכען!" האט זיא געענטפערט ניט וויסענדיג אקוראט וואס זיא זאָל זאָגען.

„אום נאָמענס ווילען, אננא, ווען וועסטו שוין קומען צום שכל?"

„נעווים. בייא דיר אין דיא אויגען האב איך גאר קיין שכל ניט."

www.libtool.com.cn

„וואס נאך קען איך טהון? איך דענק נאר פון דיר אונד פאר דיר, אונד צום סוף — "

„דאס איז ניט אמת, דוא דענקסט נאר ניט פון מיר!"

„איך זאג קיין ליגען ניט," האט וורענסקי געענטפערט זיך בעהעררשענדיג מיט אלע זיינע קרעפטען. „אונד איך בעדויער זעהר וואס דוא ווייסט ניט קיין רעספּעקט — "

„רעספּעקט!" האט זיא אויסגעשריען איהם אונטערברעכענדיג. „דיזעס ווארט איז נאר אויסגעטראכט געוואָרען אום צו פערבאָרגען דאס אויספעהלענדע געפיהל פון ליעבע; ווען דוא ליעבסט מיך מעהר ניט, וואָלט עס געווען פיעל עהרענהאַפטער פון דיין זייט, דוא זאָלסט עס מודה זיין."

„דאס איז אונערטרעגליך!" האט ער געברומט צוגעהענדיג צו איהר אין א דראַהענדער האלטונג. „זאָגאר צו מיין געדולד, מוז אויך זיין א גרענעץ! וואס ווילסטו? וואס האב איך געטהאָן וואס דוא בעליידיגסט מיך וויא דעם ערגסטען?"

„וואס מיינסטו דערמיט..." האט זיא געפרעגט ציטערענדיג זעהענדיג זיין ווילדען בליק אויף איהר.

„איך וועל דיך יעטצט פרעגען, וואס ווילסטו האבען פון מיין לעבען?"

„פון דיין לעבען וויל איך גאר ניט," האט זיא געענטפערט. „איך פערלאַנג בלויז דוא זאָלסט מיך ניט פערלאָזען וויא דוא האסט בעשלאָסען צו טהון. איך וויל דיין ליעבע, אָבער דוא ליעבסט מיך מעהר ניט..."

„מיין געדולד איז צו ענדע!" האט ער אויסגעשריען זיך אָבווענדענדיג. זיא האט אויסגעבראָכען אין געוויין אונד פערלאָזען דאס צימער.

„ער האסט מיך," האט זיא געמורמעלט. „איך בין איבערצייגט, זיכער, אז ער האט שוין איין אנדערע. איך לעז עס אין אלע זיינע ווערטער אונד בענעהמונגען. אלעס איז פאַראיבער; איך מוז אוועק פון איהם? אָבער וויא אזוי וואוהין?"

זיא האט אָנגעהויבען צו קלערען וואוהין זיא קען געהען: צו איהר טאנטע וואס האט זיא ערצויגען? צו דאָללי'ן? אָדער גלאט צו פרעמדע? וואס וועט דאן זאגען קארעגינא אונד אלע איהרע בעקאנטע? זיא האט געדענקט א היבשע צייט אונד דאן האט זיא זיך פלוצלינג בערוהיגט, גלייך וויא זיא וואָלט געפונען א זיכערעס הייל־מיטעל צו אלעמען.

www.libtool.com.cn

„מיין מאן, מיין קינד," האט זיא געמורמעלט. „אלע דיעזע געהערען זיך מיט מיר שוין מעהר ניט אַן. דיא וועלט האסט מיך, פעראכטעט מיך, אונד זיין ליעבע איז טויט! איך מוז פאר זייא אלע פּלאטץ מאכען; איך פאס ניט צו זייא אונד ניט זייא צו מיר. מיין שאנדע מוז בעגראבען ווערען טיעף אין דער ערד מיט מיר צוזאמען! איך מוז שטארבען — יא, שטארבען, אונד דאן איז א סוף פון אלעמען! דער טויט איז גוט, געטרייא, בארמהערציג, אונד ער לייזט אויס אלע ליידענדע; ער זאָל מיך אויך אויסלייזען!"

„אננא!" האט זיא פּלוצלינג געהערט א שטימע נעבען איהר. „איך וועל מהון אלעס, מיר וועלען אוועק פאָהרען איבערמאָרגען."

וורא‍ָנסקי איז געשטאנען נעבען איהר אונד געווארט אויף איין ענטפער. זיא האט געשוויעגען. דאן האט ער געפרעגט: „אלזאָ?"

„מהו וואס דו ווילסט," האט זיא געזאגט וויינענדיג. „לאָז מיך! פערלאָז מיך!" דאן האט זיא געמאכט א פּויזע אונד געמורמעלט: „איך וועל אוועק געהען — געהען וואוהין דיא אויגען וועלען מיך טראגען! וואס בין איך? איך בין א פערלוירענע, א געפאלענע אונד געשענדעטע פרוי מיט א שטיין ארום מיין האלז. איך וועל דיך מעהר ניט בעוּנרוהיגען. דוא ליעבסט איין אנדערע; איך וויל דיר ניט שטעהען אין וועג, איך וועל דיך בעפרייען!"

וורא‍ָנסקי האט זיא געבעטען זיא זאָל זיך בערוהיגען, איהר געשוואָרען, אז זיא האט קיין אורזאכע צו זיין אייפערזיכטיג, אונד איהר פערזיכערט פון זיין ליעבע צו איהר. זיא האט דארויף גאר ניט געקענט ענטפערן, זאָנדערן, אין דער גרעסטער אויפרעגונג פון ליעבע, האט זיא בעדעקט זיין געזיכט אונד הענד מיט ברענענדע קושען.

## קאפּיטעל 9.

ווען זייא זיינען אריין עסען פריהשטיק אין דער פריה, האט א דיענער אריין געבראכט וורא‍ָנסקי'ן א טעלעגראמע. דאס אלטע געפיהל פון אייפערזוכט האט זיא דורכגעשטאָכען זעהענדיג וויא ער אליין לייענט דיא טעלעגראמע.

„פון וועמען איז דאס?" האט זיא געפרעגט אונגעדולדיג.

„פון סטיווא'ן. עס איז איבער דעם גט. לייען."

זיא האט גענומען דיא טעלעגראמע אונד געלייענט: „קליינע האפנונג — אבער, וויא דיא זאך איז, וועל איך נאך מהון אלעס מעגליכע."

www.libtool.com.cn

„עס טהוט מיר לייד,“ האט ווראָנסקי בעמערקט.

„ווארום ?“ האט זיא געפרעגט. „וואס טויג דיר א גט ? ווען דיא ליעבע פערבינדעט אונז, וואס נאך בעדארפען מיר ?“

„אימער ליעבע,“ האט ער געמורמעלט. „דאס איז שוין ריכטיג געגוג, אָבער אלעס וואס איך וויל, איז צוליעב דיינע קינדער.“

„עס וועלען מעהר קיין קינדער ניט זיין.“

„דאס איז גראדע ניט גוט, אונד עס טהוט מיר לייד.“

„דוא דענקסט נאָר פון קינדער, אָבער ניט פון מיר,“ האט זיא געזאגט ווערענדיג ווידער נערוועז.

„אין געגענטהייל, איך דענק פון דיר, נאָר דוא ווילסט מיך ניט פערשטעהען. איך וויל דוא זאָלסט זיין מיין פרוי פאר גאָט אונד פאר לייט.“

„איך בין צופריעדען וויא עס איז.“

„אָבער איך וויל דוא זאָלסט מיר מעהר טרויען, מעהר גלויבען, אונד מיר קענען געבען אביסעל מעהר פרייהייט, וויסענדיג, אז דוא ביסט מיין געזעטצליכע פרוי.“

„איך ווייס, דאס וויל דיין מוטער, דיא צדקת, אָבער מיך קימערט זעהר ווייניג וואס זיא וויל אונד זאגט.“

„אננא, איך מוז דיך בעטען דוא זאָלסט האבען אביסעל מעהר רעספעקט פאר מיין מוטער.“

„איך ווייס, דוא נעהמסט דיך פאר איהר אָן. אָבער ווער נעהמט זיך פאר מיר אָן, ווען זיא רעדט איבער מיר ?“

עס האט זיך גראדע דאמאלס געהערט א קלאפ אין טהיר, אונד פרינץ יאשווין איז אריין געקומען.

„איך האב געהערט, אז איהר פאָהרט אוועק, ווען ?“ האט ער געפרעגט נאכדעם וויא ער האט געזאגט „גוט מאָרגען.“

„איך דענק איבערמאָרגען,“ האט ווראָנסקי געענטפערט.

זייא זיינען געזעסען א היבשע צייט ביים טיש, אונד געשפראָכען איבער פערשיעדענעס, ווען אננא, אונגעדולדיג אונד אויפגערעגט, האט זיך ענטשולדיגט אונד איז אריין אין איהר צימער, וואו זיא האט ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו דענקען איבער איהרע פינסטערע בעשליסע.

www.libtool.com.cn


## קאפיטעל 10.

זייט ווראָנסקי איז געוועזן מיט אננאַ'ן, איז קיין גאנצער טאָג פאַראיבער, אָהנע זייא זאָלען זיך איבערבעטען. נאָך דעם לעצטען שטרייט, האט ווראָנסקי זיא מעהר ניט אויפגעזוכט אין איהר צימער אונד זיא געלאָזען זיך ווייקענדיג אין איהרע טרערען.

אבענד האט זיא זיך געלעגט אין בעט אונד אָנגעזאגט איהר דיענסט, אז זיא זאָל קיינעם ניט צו לאָזען, ווייל זיא איז קראנק.

„ווען אָבער,“ האט זיא זיך געטראַכט, „ער וועט דאָך קומען צו מיר, דאַן וועל איך וויסען, אז ער ליעבט מיך.“

זיא האט געהערט זיין דראָשקע צו פאָהרען, וויא ער האט בעשטיעגען דיא טרעפען, אונד דאַן וויא ער האט געשפּראָכען מיט דער דיענסט, וואהרשיינליך איבער איהר. אָבער ער איז ניט געקומען.

„ווען דאס איז אמת, אז ער ליעבט מיך דאָך,“ האט זיא געמורמעלט, „דאַן איז מיין פ־אַן דאָפּעל ניטצליך. איך, פון מיין זייט, מוז פערשווינדען, ארונטער פון דער וועלט־ביהנע; איך האב דאָ ניט וואס צו טהון. איך וועל פאר יעדען פּלאַטץ מאַכען. אָבער, ווען ער האט פאר מיר עפּעס א געפיהל, דאַן וועל איך איהם נאָך דערמיט שטראַפען, טרעפען זיין הארץ וויא מיט א גיפט־פייל אונד מיך נוקם זיין נאָך מיין טויט!“

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צום טיש וואו עס איז געשטאנען א פלעשעל מיט אָפּיום.

„דאס איז גענוג,“ האט זיא זיך געטראַכט סוקענדיג אין פלעשעל. דאַן האט זיא פּלוצלינג אויסגעשריען: „ניין! ניין! אלעס, נאָר ניט דער טויט! מיין גאָט, וויא איך ליעב איהם! ער ליעבט מיך אויך; יאָ, יאָ, ער ליעבט מיך; דיעזע טרויעריגע טעג וועלען פאַראיבער אונד איך וועל דאַן ווידער גליקליך זיין מיט זיין ליעבע!“

זיא האט זיך א היבשע צייט געוואָרפען אויף איהר בעט אונד ניט געקענט איינשלאָפען. דאַן האט זיא אָנגעצונדען א ליכט אונד איז אריין אין לעזע־צימער. ווראָנסקי איז דאָרט געשלאָפען גאַנץ רוהיג. זיא האט געוויינט שטיל, קוקענדיג אויף איהם, אונד אום איהם ניט אויפצו־וועקען, איז זיא אריין ווידער אין איהר צימער, איינגענומען אביסעל אָפּיום אום נאָר איינצושלאָפען.

www.libtool.com.cn


ווען זיא איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה, איז וורא‍נסקי צו איהר אריין געקומען אונד געזאגט:

„פרינצעססין סאראקין איז דא געוועז אונד מיר געבראכט דיא פאפירען וויא איך דאס געלד פון מיין מוטער. וויא פיהלסטו יעטצט?"

א שמערצהאפטער בליק פון איהרע אויגען אונד א טרויעריגע מיענע פון איהר בלאסעס געזיכט, איז געווען דער ענטפער.

„יא," האט ער ווייטער געזאגט, „מיר פאהרען אלזא מארגען."

„דוא פאהרסט, אבער ניט איך," האט זיא געענטפערט.

„אננא, דאס מוז נעהמען א סוף! איך קען מעהר אזוי ניט לעבען! דוא קענסט טהון וואס דוא ווילסט, אבער איך קען עס שיין מעהר ניט ערטראגען!"

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען אונד איהם בעטראכט פון קאפ ביז פיס. א ביטערער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף איהרע ציטערענדע ליפען, ווערענד זיא האט געזאגט:

„דוא — וועסט אלעס בערייהען."

ער האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען, זיך אומגעווענדעט אונד איז אוועק.

## קאפיטעל 11.

זיא איז צוגעגאנגען צום פענסטער, געזעהען וויא דיא דראשקע איז ארויס געפאהרען, דאן וויא וורא‍נסקי האט זיך אויפגעזעטצט אונד איז אוועק געפאהרען. זיא האט אנגעקלונגען אונד דיא דיענסט איז אריין געקומען.

„געפין אויס וואוהין דער גראף איז געפאהרען," האט אננא געזאגט אונגע־דולדיג אונד שנעל.

„ער איז געפאהרען צו דיא שטאלען," האט דיא דיענסט געענטפערט, „אונד ער האט אנגעזאגט, אז ער שיקט צוריק דיא דראשקע פון אייערט וועגען."

„גוט; ווארט נאר אביסעל, איך וועל אבשרייבען א בריעף וואס דוא וועסט אהין אוועק טראגען."

ציטערענדיג אין יעדען גליעד, האט זיא געשריעבען:

„איך בין שולדיג, אבער, אום גאטעס ווילען, קום צוריק. אלעס זאל ער־קלערט ווערען. איך האב מורא. — אננא."

נאכדעם, מורא האבענדיג צו בלייבען אליין מיט איהרע זעלבסטמארד אידעען, איז זיא אריין אין דער אמע'ס צימער. ענניע, איהר קינד, האט ערבליקט דיא מוטער,

www.libtool.com.cn


אונד אָנגעפּאַנגען צו לאַכען. איהר שטימע האט אננאַ'ן דערמאָהנט אן ווראָנסקי'ן, אונד זיא האט דאס ניט געקענט ערטראַגען. זיא איז אַרויס געלאָפען פון צימער.

אננאַ האט אַרום שפּאַצירט זעהר אונגעדולדיג, אונד יעדעס מאָל געקוקט אויף'ן זייגער. ענדליך איז צוגעקומען א דראָשקע. זיא האט געמיינט, אַז ער איז עס, אָבער נאָר דער טרייבער איז אַרונטער אונד צוריק געבראַכט איהר בריעף מיט דיא ווערטער:

„דער גראַף איז שוין אוועק צו דער ניזשני אייזענבאַהן־סטאַציאָן.“

„דאַן נעהם דעם בריעף,“ האט זיא געזאגט, „אונד ברענג איהם אַהין. ער איז געווים אין זיין מוטער'ס לאַנד־הויז.“

זיא האט זיך נאכהער אָנגעקליידעט אונד איז אוועק צו דאָללי'ן. איהר אבזיכט איז נאָר געווען אום צו פערברענגען דיא צייט. אַלס זיא איז אריין אין קאָרידאָר, האט זיא געפרעגט אויב יעמאַנד איז דאָ צו בעזוך.

„קאַטהערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ לעווין,“ איז געווען דער ענטפער.

„קיטטי, — קיטטי, אין וועלכער ע ר איז געווען פערליעבט,“ האט זיא זיך געטראַכט, „אונד אויף וועלכער ער בעדויערט וואָרום ער האט ניט געהייראַטהעט, וועהרענד ער פערפלוכט דעם טאָג אין וועלכען ער האט מיך בעגעגענט.“

דאָללי אונד קיטטי זיינען געווען שטאַרק פערטיעפט אין א געשפּרעך, איבער דער נאַהרונג פון קיטטי'ס נייא־געבוירענעם קינד, ווען אננאַ איז אָנגעצייגט געוואָרען אונד דאָללי איז איהר ענטקעגען געגאַנגען.

„וואס, ביסטו נאָך ניט אוועק געפאָהרען?“ האט זיא געפרעגט. „ווירקליך, איך האב גערעכענט, אַז דוא ביסט שוין ניטאָ, אינד דערפאַר בין איך געכטען דיך ניט געקומען בעזוכען. איך האב ערהאַלטען א בריעף פון סטיוואַ'ן.“

„אונד מיר א טעלעגראַמע,“ האט אננאַ געענטפערט זיך אומקוקענדיג צו קיטטי קומט איהר אויף ענטקעגען.

„ער שרייבט מיר, אַז ער קען גאר ניט פערשטעהען וואס אלעקסיס אלעקסאַנדראָוויטש וויל, נאָר יעדענפאַלס, וועט ער פון דאָרט ניט אוועק פאָהרען, ביז ער וועט קריעגען א בעשטימטען ענטפער.“

„האסטו בעזוכער?“

„יא, קיטטי'ן,“ האט דאָללי געענטפערט אביסעל פערווירדט. „זיא איז אין קינדער־צימער; זייט איהר קימפּעט, איז זיא נאָך אַלץ קראַנק.“

www.libtool.com.cn

„איך האב עס געהערט. קענסטו מיר פּיעללייכט וויזען סטיוואַ'ס בריעף?"

„געוויס, איך וועל דיר איהם באַלד ברענגען. אַלעקסים אַלעקסאַנדראָוויטש האט ניט ענטזאגט; אין געגענטהייל, סטיווא האט גרויסע האָפנונג."

„איך אַליין האָף ניט אונד ווינש גאר ניט," האט אננא געענטפערט ווערענד איהר שוועגערין איז אוועק ברענגען דעם בריעף.

„וועט זיך קיטטי וועלען בעגעגענען מיט מיר?" האט דאן אננא געטראַכט. „פּיעלייכט ניט, אונד זיא האט אפשר א רעכט דערצו. דען וואס בין איך, נאך אַלעמען? עס איז אַלץ איבער איהם! מיין גאָט, וואס איך האב פאר איהם גע־אָפּפערט, אונד וויא איך בין בעלוינט געוואָרען! אָך, איך האס איהם! וואס טהו איך דאָ? וואס בין איך אהער געקומען?"

דאָללי איז דערווייל ערשיענען מיט'ן בריעף; אננא האט איהם איבערגעקוקט אונד צוריק געגעבען.

„דאס ווייס איך שוין," האט זיא בעמערקט, „אונד עס קימערט מיך גאר ניט."

„ווארום ניט? איך האָף, אז דוא וועסט באַלד זיין פריי."

אָבער אננא האט זיך געמאַכט ניט הערענדיג אונד געפרעגט: „האט קיטטי מורא פאר מיר? ווארום קומט זיא ניט ארויס?"

„וואס פּאַלט דיר איין? וואס הייסט מורא האבען פאר דיר? זיא זייגט יעטצט דאס קינד. זיא וועט ווירקליך זיין ערפרייט דיך צו זעהען. אָט קומט זיא טאַקי!" דאָללי האט פריהער, ווען זיא איז געגאַנגען נעהמען דעם בריעף, קוים בעוואוינען קיטטי'ן זיא זאָל ארויס קומען.

קיטטי איז ערשיענען מיט א פערפלאַמטעם געזיכט אונד אויסגעשטרעקט איהר האנד צו אננא'ן.

„עס פרייט מיך זעהר אייך צו זעהען," האט זיא געזאגט שטאַמלענדיג אונד זיא האט ניט געקענט פערבאָרגען איהר האסס צו דער „זינדיגער" אננא.

„איך וואָלט אייך גאר קיין פאראיבעל געהאט ווען איהר וואָלט זיך ניט וועלען מיט מיר בעגעגענען," האט אננא בעמערקט. „איהר זייט געווען קראנק זאגט מען מיר. איהר זייט זעהר געענדערט זייט דער צייט וואס איך האב אייך געזעהען."

אננא'ס וועהמיטהיגער טאָן האט געריהרט קיטטי'ס הארץ מיט מיטלייד. זייא האבען דאן געשפּראָכען זעהר פריינליך.

www.libtool.com.cn


„איך בין אויך געקומען ווינשען אדיע,“ האט אננא געזאגט זיך אויפ־הויבענדיג, וועהרענד אין איהר שטימע איז געלעגען איין אונגעוועהנליכער שמערצ־ליכער טאָן.

„ווען פאָהרסטו ?“

אננא האט ניט געענטפערט, נאָר זיך ווענדענדיג צו קיטטין מיט א זיסען שמייכעל, האט זיא געזאגט: „איך קען אייך גאר ניט אויסדריקען מיין פרייד וואס איך זעה אייך ווידער. איך האב זעהר פיעל געהערט איבער אייך, זאָגאר פון אייער מאַן. ער איז מיך געווען בעזוכען. וואו איז ער יעטצט ?“

„אויף דאס לאַנד.“

„איך בעט אייך, גריסט איהם פאר מיר; פערגעסט דאס ניט.“

„איך וועל עס געוויס טהון,“ האט קיטטי געענטפערט מיט מיטלייד.

„אדיע, דאָללי !“ האט דאן אננא געזאגט זיא אומארמענדיג.

נאכדעם וויא דאָללי האט ארויס בעגלייטעט אננא'ן, זיינען דיא צוויא שוועסטער געבליעבען זיטצען אונד בעשפּראָכען דיא אונגעוועהנליכע בענעהמונג פון אננא'ן.

„איך קען זיא ניט בעגרייפען,“ האט דאָללי געזאגט. „עפּעס האט זיא אויס־געזעהען גלייך וויא זיא וואָלט גענומען אבשיעד אויף אייביג.“

## קאַפּיטעל 12.

פאָהרענדיג אין איהר דראָשקע, האט זיך אננא געשפּירט זעהר אונ־גליקליך.

„אונד וויא זיא האט מיך אנפאנגס בעטראכט,“ האט זיא געמורמעלט מיינענדיג קיטטי'ן. „האסס אונד פעראכטונג איז געלעגען אין איהר יעדען בליק. דאן האט זיא מיך בעמיטליידעט, אָבער, איך בין זיכער, אז זיא האט טריומפירט איבער מיין אונגליק. ניין, ניין, קיטטי, דוא קענסט מיך ניט. ווען איך וואָלט ווירקליך געווען דיעזע, וועלכע דוא רעכענסט, אז איך בין, דאן, מעגסטו זיכער זיין, אז איך וואָלט זאָגאר דיין מאַן, דיין לעווינען, אויך געקענט ארונטער פיהרען וואוהין איך האב געוואָלט. אָבער איך בין ניט אזעלכע; ניין, ניין! איך בין בלויז איין אונגליקליכע!“

ווען דיא דראָשקע איז געבליעבען שטעהען נעבען איהר הויז, האט זיא שנעל געפרעגט דעם לאַקיי אויב עס איז געקומען איין ענטפער. ער האט איהר איבער־רייכט פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„איך קען ניט צוריק קעהרען פאר 10 אוהר. ווראָנסקי."

„אונד וואו איז דער וועלכען איך האב געשיקט?" האט זיא געפרעגט.

„ער איז נאך ניט צוריק געקומען," איז געווען דער ענטפער.

א געפיהל פון צאָרן אונד נקמה האט זיך אין איהר ערוואכט ווען זיא האט בעשטיעגען דיא טרעפּען.

„איך וועל איהם נעהען אליין אויסגעפינען," האט זיא זיך געטראכט. „איך וויל איהם זעהען, איידער איך פערלאָז איהם אויף אייביג. איך וועל איהם דער־צעהלען אלעס וואס ער האט געטהאָן. איך האב נאך ניעמאלס יעמאנדען אזוי גע־האססט וויא איך האסס איהם יעטצט!"

דער אנבליק פון ווראָנסקי'ס הוט אין קאָרידאָר, האט אָנגעפּיללט אננא'ן מיט שווידער אונד פעראכטונג.

„ער איז יעטצט אין זיין מוטער'ס הויז," האט זיא ווייטער געטראכט, „זאָרגענלאָז איבער מיין שמערץ, אונד ער לאכט אונד שפּאסט, אָהנע אפילו צו חלום'ן פון מיר. איך מוז געהען זאָפאָרט, אונד, איידער דער לעטצטער אקט פּאַ־סירט, זאָל איך איהם אויף אזוי פיעל ערניעדריגען אונד בעליידיגען, וויא נאָר מעגליך!"

זיא האט נאכגעקוקט דעם אייזענבאהן־רעגיסטער אונד געזעהען, אז דער אבענד־צוג וועט אוועק מיט עטליכע מינוטען נאך אכט.

„איך וועל נאך אָנקומען ריכטיג," האט זיא געמורמעלט. דאן האט זיא גע־הייסען איינשפּאנען פרישע פערד. מען האט אונטערדעסען געגעבען מיטאג עסען, אָבער אננא האט ניט געקענט געהמען קיין ביסען אין מויל אריין.

זאָ שנעל וויא דיא דראָשקע איז צוגעקומען צו דער טהיר, איז זיא ארויס פון הויז, זיך אריין געזעטצט, אונד געהייסען פאָהרען צו דער ניזשני סטאציאָן.

איבער'ן וועג האט זיא עטליכע מאָל פּראָבירט צו דענקען אונד טראכטען איבער איהר צושטאנד, אָבער עס איז איהר אונמעגליך געווען צו זאמלען איהרע אידעען. אין איהר געהירן האט אויסגעזעהען צו וויטהען א שטורם. נאָר צייטענווייז האט זיך אָבגעריסען א געדאנק וואס האט זיא עראינערט אָן דער פערגאנ־גענהייט.

„וואס איז געווען זיין אבזיכט?" האט זיא געפרעגט. „האט ער מיך ליעב געהאט? יא. וואס איז פאר א וואונדער? איך בין שעהן אונד טויזענדער אנדערע מענער וואָלטען מיך געקענט ליעבען. אָבער דער שמאָלצער כאראקטער האט ניט

www.libtool.com.cn


אזוי געשטערבט נאך מיין ליעבע, וויא מיך צו בעזיעגען. מיך, דיא שעהנע, נעביל־דעטע, מאראלישע אונד הויבע דאמע! אט דאס האט ער געזוכט!"

דאן האבען זיך נאך אמאל פערמישט דיא געדאנקען, אונד זיא האט פלוצלינג געהערט דעם לאקיי פרעגען: „זאל איך נעהמען א בילעט נאך אבראַ־לאווקא?"

„יא," האט זיא געענטפערט איהם געבענדיג איהר האנד־טעשעל מיט געלד אונד איז דאן ארויס פון דער דראשקע.

זיא האט זיך אריין געזעטצט אין וואגאן אויף א פלאטץ וואס דער לאקיי האט איהר אנגעציינט; דאן האט זיא געהערט דעם קאנדוקטאר צו מאכען דיא טהיר. דער גלאק האט געקלונגען צום דריטען מאל. דער לאקאמאטיוו האט געגעבען א שארפען פייף, אונד זיא האט געזעהען דיא ווענט פון דער סטאציאן פארביי שוועבען ביים דיא פענסטער, גראדע וויא דיא באהן וואלט געשטאנען אונד דיא סטאציאן געגאנגען.

אנפאנגס האט דיא פרישע לופט אויסגעזעהען צו מאכען אויף איהר א גוטען איינדרוק, אבער זיא האט זיך דאן ווידער פערטיעפט אין געדאנקען, אונד קיין זאך מעהר בעמערקט. ווען דיא באהן איז אנגעקומען צו דעם בעשטימטען פלאטץ, איז זיא ארונטער אונד געבליעבען אויף דער פלאטפארמע, זיך אליין פרעגענדיג וואס זיא זאל יעטצט טהון.

ענדליך איז זיא צוגעגאנגען צום סטאציאנס־מייסטער אונד איהם געפרעגט, אויב גראף װראנסקי'ס דראשקע איז ניט אנגעקומען.

„גראף װראנסקי? אה יא, דאכט מיר, ער איז יעטצט אין בעזוך ביים פרינצעסין סאראקין אונד איהר טאכטער. אט דאס איז רעבען איך זיין טרייבער!" ער האט געצייגט מיט זיין פינגער אויף א טרייבער, אונד אננא האט באלד דער־קענט מיכאיל'ן, וועלכער איז צו איהר צוגעגאנגען טראגענדיג א בריעף.

„ערשט דא האסטו איהם געטראפען?" האט זיא געפרעגט.

„יא," איז געווען דער ענטפער, אונד אננא האט אויפגעריסען דעם בריעף וואו זיא האט געלייענט: „עס טהוט מיר לייד וואס דיין בריעף האט מיך ניט געבראכט אין מאסקווא. איך וועל צוריק קעהרען אום 10 אוהר. — װראנסקי."

„דוא קענסט געהען," האט זיא געזאגט צום דיענער.

ווען ער איז אוועק, האט זיא זיך אומגעווענדעט אונד אנגעפאנגען לאנגזאם צו שפאצירען אויף דער פלאטפארמע פערטיעפט אין איהרע פינסטערע גע־דאנקען.

www.libtool.com.cn 

„אלזאָ," האט זיא געמורמעלט, „אַלעס האט זיך געענדיגט. איך וועל שוין מעהר ניט ליידען. ניין, ניין! איך קען ניט ליידען! איך וויל אויך קיינעם ניט שטעהן אין וועג; ווען מיין שיקזאל איז אזוי געווען, דאן דארף איך פערשטיקען דעם שמערץ אין מיר מיט מיין ט..."

זיא האט ניט געוואָלט ארויס רעדען דאס וואָרט „טויט." זיא איז געבליעבען שטעהען קוקענדיג אויף דער מענגע מענשען אונד געזעהען מענער, פרויען אונד קינדער. זיא האט געזעהען מענער אומארמען פרוי'ען פרייא אונד פראנק פאר יעדען; ברידער אומארמען שוועסטער, אונד מוטער קושענדיג איהר קינד.

א זיפץ האט זיך ארויס געריסען פון איהר ברוסט.

„אונד ווענען האב איך?" האט זיא געפרעגט. שפירענדיג אז דיא טרערען קומען אין איהרע אויגען, האט זיא זיך אָבגעווענדעט יעמאנד זאָל עס ניט בעמערקען.

„ער האט שוין זיין לוסט ערפיללט," האט זיא ווייטער געטראכט, „ער האט מיט מיר געטהאָן וואס ער האט געוואָלט, יעטצט דארף ער מיך מעהר ניט; ער זוכט אנדערע. מיין שעהנעם קערפער האט ער געוואָלט אום זיך צו זעטען, ניט מעהר; יעטצט זוכט ער אנדערע שעהנע קערפערס. אונד מיין הארץ? דאס פלאַטצט! איז עס ווירקליך נויטהווענדיג צו לעבען אונד ליידען? איך דענק ניט אז אזוי דארף עס זיין."

דאן האט זיא זיך אומגעווענדעט אונד געזעהען א צוג פארביילויפען. זיא האט זיך דערמאָהנט אן דעם מאן וואס איז געהרג'עט געוואָרען אין יענעם טאָג וואס זיא האט בעקאנטשאפט געשלאָסען מיט ווראָנסקי'ן. עס האט איהר געטהאָן א העפטיגען קלאפ אין הארץ פון דער עראינערונג, אָבער זיא האט פלוצלינג אָנגעהויבען צו שפירען א לוסט אונד ווילען וואס האט זיא געצויגען אהין, אויף דיא שינעס, זיך אוועק צו לעגען אונד...

אָהנע פיעל צו צענערן, איז זיא ארונטער דיא עטליכע טרעפען וואס האבען געפיהרט פון דער פלאטפאָרמע צו דיא שינעס. זיא האט זיך פלוצלינג געשפירט שטארק בערוהיגט. זיא האט געקוקט קאלטבלוטיג צו דער דיקער אונד ברייטער ראָד פון דעם לאָקאָמאָטיוו, אונד האט פראָבירט אָבצומעסטען מיט איהר אויג וויא ברייט עס איז פון איין ראָד צו דער צווייטער.

„דאָרט, דאָרט," האט זיא געמורמעלט. „איז דער פאסענדער פלאטץ. איין זאך בין איך זיכער, אז מיין טויט וועט איהם ערגערן, אונד דאס זאָל זיין דיא

www.libtool.com.cn 

שטראפע פאר איהם! איך אליין וועל זיין פרייא פון יעדען אונד יעדער פון מיר!"

אָבער נאך איידער זיא האט צייט געהאט דורכצופיהרען איהר פלאן, האט זיך דער לאָקאָמאָטיוו געריהרט.

„צו שפעט," האט זיא געזאגט, „נאר איך וועל ווארטען אויף א צווייטען." דער צוג האט דערווייל פארביינעשוועבט.

א געפיהל וויא פון איהרע קינדער יאָהרען האט זיא ערגריפען, ווען זיא פלעגט דארפען אריין שפרינגען אין קאלטען וואסער זיך באָדען. זיא האט גע־שווידערט. איהר גאנצע פערגאנגענהייט איז פאר איהר ערשיענען, אונד זיא האט געזעהען אין א פאאר אויגענבליקען איהר פרייד אונד טרויער, איהר...

א שניידענדער פייף האט דערציטערט דיא לופט. א צוג האט געהאלטען אין אָנקומען. זיא האט שנעל געמאכט אייניגע שריט פאָרווערטס. זיא האט דערזעהען דעם דאמפפענדע לאָקאָמאָטיוו וויא א ריעז שוועבענדיג פאָרווערטס.

אין נעכסטען אויגענבליק איז זיא געווען נעבען דיא שינעס אונד זיך גענעבען א וואָרף מיט'ן נעזיכט ארונטער.

אננא האט געהערט א פערצווייפעלטען געשרייא פון דיא צושויער, דאן האט זיא נאך צייט געהאט צו דענקען: „וואו בין איך? וואָרום?" אונד זיא האט געוואָלט צוריק. אָבער גראדע אין דעם מאָמענט האט זיא געשפירט איין אונ־געהייערע גרויסע אונד שווערע מאסע ארויף פאלענדיג אויף איהר קערפער אונד קאָפּ.

„גאָט! פערצייהע מיר!" האט זיא געמורמעלט, בעגרייפענדיג, אז יעדער קאמפף איז נוטצלאָז. דאן איז געקומען איין אונגעהייערער שטעכעדיגער אונד שיסענדער שמערץ. ארום אונד ארום איז געוואָרען דונקעל, אונד דאס ליכט וואס האט געשיינט אין דעם לעבען פון דער אונגליקליכער אננא, איז אויסגעלאָשען גע־וואָרען אויף אייביג.

---

אלעקסיס ווראָנסקי אונד אלעקסיס קארענינא, האבען זיךביידע ווידער פעראייניגט נעבען דער טרונע וואס האט ענטהאלטען דיא שטיקער פון דעם שעהנעם קערפער, וועלכען זייא האבען ביידע געליעבט.

אננא'ס רעכנונג, צו בעשטראפען ווראָנסקי'ן מיט איהר טויט, איז געווען א ריכטיגער. זיא האט געטראָפען דיעזען מאן מיט איהר זעלבסטמאָרד אויף אזוי וויים דאס ער איז שיער משוגע געוואָרען פאר שמערץ.

www.libtool.com.cn


קארעניגא מיט זיין געווערנליכעם ווייבעם הערץ, האט איהם נעבעטע', ער זאָל איהם געבען ענגיע'ן צום ערציהען, אונד ווראָנסקי, בערוישט אונד בעטויבט פון דעם אונגליק, האט צו אלעמען איינגעשטימט.

מיט צווייא מאָנאט שפעטער, ווען דיא מלחמה צווישען רוסלאנד אונד טירקייא האט נעווינהעט, האט ווראָנסקי, אויף זיינע אייגענע הוצאות, אויסגע־שטאטעט א קאָמפאניע סאָלדאטען.

„מיין איינציגער וואונש איז,“ האט ווראָנסקי געזאגט „צו קומען מיט'ן טויט פנים־אל־פנים. מוטה וועט מיר ניט פעהלען, ווייל דאס לעבען האט פאר מיר קיין ווערטה. דאָרט, אויף'ן שלאכט־פעלד, האָף איך צו געפינען רוה.“

איידער ער איז אוועק, האט ער זיך געזעגענט מיט זיינע פריינדע. יעדער האט איהם געוואונשען גליק. ער איז ארויף מיט איין פוס אויף דער טרעפ פון דעם וואגאָן אונד נאך אמאל בליקענדיג אויף דיא בעקאנטע געזיכטער פיעללייכט צום לעטצטען מאָל, האט ער זיך דערמאָהנט אָן אננאָ'ן. ער האט זיא נאך אמאל געזעהען וויא צור צייט ווען זיא האט געלעבט: הערליך, שעהן, גראציעז אונד ליעבענסווירדיג.

א שטראָם טרערען האט זיך א גאָס געטהאָן פון זיינע אויגען אונד זיין גאנצער קערפער האט אויפגעציטערט.

„מיין ארמע אננא!“ האט ער געמורמעלט, „איך וועל מיך אויף אימער פעראייניגען מיט דיין גייסט אויף'ן שלאכט־פעלד!“

דאן האט ריא באהן אָנגעפאנגען צו געהען אונד ער איז אריין אין וואגאָן וואו ער האט זיך אוועק געזעטצט פערזונקען אין געדאנקען. זיין מאָגערעס אונד בלייכעס געזיכט, האט עדות געזאגט אויף זיינע גרויסע זעעלען־שמערצען.

ע נ ד ע.

www.libtool.com.cn


# דאקטאר־בוך

## פון דר. ב. דובאווסקי

א נייער פאָלשטענדיגער דאָקטאָר-בוך וואָס באהאנדעלט אלע סאָרטען קראנקהייטען, פון א קינד ביז אן עלטערען מענשען, און אין יעדען פאל ווערט גענוי באשריבען ווי אזוי מען קען זיך דערפון אויסהיטען, און וואָס צו טהאָן ווען מען האָט זיך ניט אויסגעהיט.

ווי אויך צו לייסטען די ערשטע הילף אין אן אונגליקספאל איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צום ביישפּיעל, ביי א פארגיפטונג, א דערווערגונג, געז איינאטעמונג, בלוט-שטורץ און ז. וו. וואו דאָס לעבען פון מענשען איז אין סכנה, און עס מוז גלייך אויפ'ן שטעל עפּעס געטהאָן ווערען און ניט ווארטען ביז דער דאָקטאָר קומט, ווייל ביז וואנען דער דאָקטאָר קומט קען שוין זיין צו שפּעט.

דער דאָקטאָר-בוך איז איינגעטהיילט אין די פאָלגענדע 4 טהיילען:

1טער טהייל: קראנקהייטען און ווי זיך פון זיי אויסצוהיטען, די אורזאכען, סמנים און רעזולטאטען פון די מעהרסטע קראנקהייטען צו וועלכע א מענש איז אונטערוואָרפען.

2טער טהייל: מוטער און קינד, וואָס יעדע מוטער דאַרף וויסען וועגען זיך און ווי אזוי צו ערציהען איהרע קינדער.

3טער טהייל: איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צו לייסטען די ערשטע הילף אין אן אונגליקספאל איידער דער דאָקטאָר קומט.

4טער טהייל: דער מענש און זיין קערפּער, א פּאָפּולערע ער-קלערונג וועגען דער געביי פון מענשליכען קערפּער, זיינע באזונדערע אברים און די אויפגאבע וואָס יעדע פון זיי האָט צו ערפילען.

**פרייז פון אלע 4 טהיילען פיין געבונדען 10 דאָלער**

צו באקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

**HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK**

www.libtool.com.cn

דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע ווערק אין אידיש

י. ג. פאָגט'ס

# וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג

פאַרמעהרט מיט א

פולשטענדיגע געשיכטע פון אידישען פאָלק

באַארבייט פון

**א. ח. ראָזענבערג**

אונטער דער רעדאַקציע פון

**אלכסנדר האַרקאַווי**

## אין צוועלף גרויסע בענדער אילוסטרירט

5,500 זייטען — 850 אילוסטראַציעס

אין צוויי אויסגאַבעס:

**פאָלקאויסגאַבע**, געבונדען אין פראַכטפולען לייב־רערי־קלאַטה, גילט טאָפ. פרייז $30.00

**דע לוקס־אויסגאַבע**, געבונדען אין האַלב־לעדער, פול גאָלדשניט, פרייז $50.00

**HEBREW PUBLISHING COMPANY**

50-52 Eldridge Street — New York

www.libtool.com.cn

# יעקב גאָרדין'ס ווערקע

## אין 4 פּראכטפאָלע בענדער

די בעסטע פון זיינע ראָמאנען, סקיצען, רייזע־בילדער, קריטי־קען, סאטירעס, דראמאטישע און פילאָזאָפישע אָבהאנדלונגען און פאנטאסטישע ערצעהלונגען, צוזאמענגעקליעבען און קלאסיפיצירט אונטער דער רעדאקציאָן פון מאָררים ווינטשעווסקי. דאָס איז א זאמלונג פון ווערק וואָס ווערט בעטראכט אין דער גאנצער וועלט אלס די העכסטע, שעהנסטע און ערהאבענסטע אין דער אידישער ליטעראטור.

## פּרייז בלויז 4 דאָלאר

(פּארטא פריי).

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

**50-52 Eldridge St., New York.**